STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06054

OPHANDLUNGEN UN RAYZE-AYNDRUKN

Jacob Botoshansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

אָפּהאַנדלונגען און רייזע־איינדרוקן

יעקב באָטאָשאַנסקי

אָפּהאַנדלונגען און רײַזע-אײַנדרוקן

אַרויסגעגעבן דורך דעם דירעקטאָריום פון דער
קרעדיט - קאָאָפּעראַטיווע „לאַוואַזשעכאַ״

בועגאָס איירעס — ה'תשכ״ח — 1967

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער — 9

אָפּהאַנדלונגען

שלום אַש דער דראַמאַטורג — 15
אפרים אויערבאַך — 57
שלמה ביקל — 79
גלאַטשטיינס יידיש טײַטשן — 99
ה. לייוויקס געדענק־לידער — 127
ש. ניגערס „געקליבענע שריפטן" — 149
אַברהם רייזען — 171
אונדזער גרויסער יום־טוב — 183

בריוו פון דרום־אַפריקע

דער ערשטער אַריינקום — 203
דער מענטש איז נישט בסדר — 207
פיר מיט אַ האַלבן איביקייטן אין דאַקאַר — 213
פון אַ מדבר אויף אַ בליענדיקן אַאַזיס — 217
עס איז שיין צו קוקן אויף יאָהאַנעסבורג — 222
אַ לשון וואָס איז געווען הפקר — 226
קינדער־לידער האָבן מיר היימישער געמאַכט — 230
יידישע קולטור־טוערס אין יאָהאַנעסבורג — 236
שוואַרץ אויף ווייס — 241
דערציילונגען וועגן יידישן לעבן — 246
יידן האָבן געבויט ס'לאַנד — 252
דער וועג פון פיין צום גאָלד — 257
אַלץ הייסט רייך — 262

איך האָב געזען דעם אַפּאַרטהייד — 266
אוי, האָבן זיי געטאַנצט — 273
די הויפּטשטאָט פּרעטאָריאַ — 279
נישט לאָזן זיך אויסהרגענען — 285
אַן אַריינפיר וועגן יידישע אינסטיטוציעס — 28ת
איך זע חיות אין אַפריקע — 292

יעקב באַטאַשאַנסקי זכרונו לברכה

טעלעגראַמע פון ישראל־פּרעמיער לוי אשכול — 327
שרה אייזן: דאָ האָט אים באַגעגנט — 327
יצחק אייזענבערג: אַ טרער אויף זיין קבר — 328
שלמה ביקל: דער שרייבער. רעדנער און קולטור־טוער — 331
שמעון בייקער: ס׳יידישע ניו־יאָרק טרויערט — 338
יואל גאַק: די פאָן פון יעקב באַטאַשאַנסקי — 340
דאַוו: יעקב באַטאַשאַנסקי — 346
די „אידישע צייטונג" וועגן יעקב באַטאַשאַנסקי — 349
יעקב באַטאַשאַנסקי איז אַוועק — 353
י. האָרן: צו קבורה — 335
לעאָן האַלפּערן ע"ה: ביים אָפענעם קבר — 359
י. וויינשענקער: יתגדל ויתקדש — 362
ד"ר ל. זשיטניצקי ע"ה: דאָס איבערגעריסענע געזאַנג — 365
וועלוול טשערנאָוועצקי: ווען דער טויט האָט צוגענומען — 367
מענדל טאַבאַטשניק: יעקב באַטאַשאַנסקי — 369
יצחק יאַנאַסאָוויטש: יעקב באַטאַשאַנסקי — 374
א. וואָלף־יאַסני: יעקב באַטאַשאַנסקי ז"ל — 382
חיים לאַזדייסקי: וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן — 384
פאַליק לערנער: אַ געזאַנג וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן — 388
זלמן לעווי: יעקב באַטאַשאַנסקי — 391
בערל לעווינסקי: אין אַנזיכט פון טויט — 395
אַברהם מאָשקאָוויטש: אויף י. באַטאַשאַנסקיס פּטירה — 399
יודל מאַרק: יעקב באַטאַשאַנסקי — 400
אייזיק מירסקי ע"ה: הבל אל דאבדין — 404
גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: דער זשורנאַליסט — 406
שלמה סוסקאָוויטש: די לעבנס־אידעאַלן — 409
יעקב פּאַלאַטיצקי: אַ פּאָרטרעט — 412

מ. צאַנין: **יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל** — — — — — — — — — — — — 415
שמואל צעסלער: **אדם יסודו מעפר** — — — — — — — — — — — 417
סאָלאָמאָן קאַהאַן ע״ה: **זיין נישט דערזונגען ליד** — — — — — 418
משה קויפמאַן: **דער מענטש** — — — — — — — — — — — — 420
מלך ראַוויטש: **יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל** — — — — — — — — 424
יצחק רימון: **גרויסער אויפטרייסל אין ישראל** — — — — — 428
מאַשע שטוקער פאַיוק: **וויי־ווערטער** — — — — — — — — 433
אַברהם שולמאַן: **בלויז אַ פּאָר ווערטער** — — — — — — — — — 435
פנחס שטיינוואַקס: **אַ טרער אויף זיין קבר** — — — — — — — 436
הרב משה דוד שיף: **יעקב ליטעראַרישער לייטער** — — — — 440
הערש שישלער: **די לעצטע שעהן** — — — — — — — — — — 443
ל. מיטעלמאַן: **צום סיום פון דער דאָזיקער אויסגאַבע** — — — 448

**
*

דאָס דאָזיקע בוך וואָס מיר גיבן איבער אין די הענט פון דעם יידישן לייענער שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ ברוכטייל פון יעקב באָטאָשאַנסקיס ליטעראַרישן עזבון. צען מאָל אַזוי פיל, און נאָך מער פון זיין איבערבלייב, געפינט זיך צעוואָרפן אין צייטונגען, זשורנאַלן, ווי אויך אין מאַנוסקריפט. אַ פולע אויסגאַבע פון אַלץ וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געשריבן אין משך פון זיין פרוכטיקן לעבן וואָלט געווים פאַרנומען 25 אַזעלכע ביכער ווי דאָס וואָס מיר גיבן איצט אַרויס.

מיטן פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע בוך זענען מיר אויסן. אי אויסצודריקן אונדזער טיפסטע פאַרערונג פאַר אונדזער באַליבטן שרייבער און לערער, זכרונו לברכה, און אי צו סטימולירן די היגע יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט צו אַ ברייט־פאַרמאָסטענער אַקציע וואָס איר ציל זאָל זיין: צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן דעם גאַנצן איבערגעבליבענעם רעגנבויגן פון זיין שעפערישער פיל־זשאַנערדיקייט.

**
*

דאָס דאָזיקע בוך האָט, לויט דער לכתחילהדיקער פּלאַנירונג, געזאָלט באַשטיין בלויז פון יעקב באָטאָשאַנסקיס ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן, אָבער מחמת דעם ווונטש פון זיין נאָענטסטער משפחה האָבן מיר אין אָט דער אויסגאַבע איינגעשלאָסן אויך די בריוו פון דרום־אַפריקע וועלכע דערציילן פון זיין לעצטער גורלדיקער נסיעה אין דער שליחות פון יידישן וואָרט. מיר האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג פון דער משפחה אויך צוליב דעם, ווייל אין די דאָזיקע בריוו איז פאַראַן עפעס פון דעם וואָס מען קען אָנרופן: פאָרגעפיל פון דעם באַשערטן סוף.

ווייל דער ווייטיק איבער זיין אָוועקגאַנג איז נאָך אַזוי פריש; ווייל דער צער איז נאָך אַזוי בלוט־טריפנדיק, האָבן מיר געפונען פאַר ריכטיק איינצושליסן אין דער דאָזיקער אויסגאַבע אויך דאָס וואָס

ס'איז געשריבן געוואָרן נאָך זיין טויט. נישט אַלץ האָבן מיר באַוויזן אויפצוזאַמלען, אָבער אויך דאָס וואָס ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט גיט אַ בילד און אַ באַגריף וועגן דעם אויפטרייסלענדיקן רושם וואָס זיין פטירה האָט איבערגעלאָזט אין דער יידישער וועלט — אַ רושם וואָס איז נישט פאַרבלאַסט געוואָרן נאָך די ימי האבל און האַלט אָן ביז איצט און וועט אויך אָנהאַלטן ווייטער און ווייטער.

***

ליידער איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן די גענויע דאַטעס ווען עס זענען געשריבן געוואָרן די ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן וואָס גייען אַריין אין דעם דאָזיקן בוך. המנוח ז"ל האָט ביים לעבן נישט צופיל געזאָרגט וועגן זיין אַרכיוו, ווייל ער איז כסדר פאַרנומען געווען מיט זיין טאָג־טעגלעכער שרייבערישער אַרבעט. דערפאַר, קען אויך זיין, האָבן מיר נישט אַריינגענומען אין דער דאָזיקער צונויפזאַמלונג אַ ריי עסייען און אָפהאַנדלונגען וועגן שרייבער וואָס וואָלטן צוליב זייער קוואַליטעט געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער ערשטער ריי. די דאָזיקע אַרבעטן וואָס גייען דאָ יאָ אַריין האָבן מיר געפונען אין זיין אַרכיוו, צונויפגעזאַמלט דורך אים אַליין און אָפגעקליבענע אין אַ באַזונדער פעקל. מיר האָבן באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיי צוגעגרייט בכדי אַרויסצוגעבן אין אַ בוך. פאַרשטייט זיך, אַז די הוספות וואָס ער וואָלט געמאַכט צו די דאָזיקע אַרבעטן, האָבן מיר שוין נישט געקענט מאַכן.

יעקב באָטאָשאַנסקי ז"ל האָט אַ סך מאָל גערעדט וועגן זיין פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן אַ צווייטן באַנד „פשט". מיר האָבן אַלע סימנים, אַז די אָפהאַנדלונגען וואָס זענען אַריין אין דעם בוך האָט ער זיך געגרייט אַריינצוגעבן אין דעם געפּלאַנטן באַנד. לכל הפחות זענען מיר זיכער, אַז ער וואָלט זיי אויסגענוצט, ווען אים וואָלט באַשערט געווען צו רעאַליזירן זיין פאַרלאַנג, הגם זיי וואָלטן אפשר אין דער לעצטער רעדאַקציע באַקומען אַן אַנדער פנים און אויך אַן אַנדער פאָרעם.

***

דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם דירעקטאָריום פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „לאַוואַזשעכאַ", וואָס איז געווען איינע פון די דריי קאָאָפּעראַטיוועס וועלכע האָבן אין יאָר 1964 געפּייערט מיט אַן אומפאַרגעסלעכער אימפּאָזאַנטקייט דעם 50־יאָריקן יובל פון

יעקב באַטאָשאַנסקיס שעפערישער טעטיקייט. אין דעם בוך „די קעניגין פון דרום־אַמעריקע“, וואָס דער יובל־קאָמיטעט פון די דריי קאָאָפּעראַטיוועס האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן, שרייבט יעקב באַטאָשאַנסקי צווישן אַנדערן:

„די אַרויסגעבער האָבן געפּרוווט דערציילן די לייענער וועגן דער ראָל וואָס מיין וויניקייט האָט (געשפּילט) אין אונדזער ישוב. וויל איך דערציילן, אַז די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס אין אונדזער ישוב שפּילן אַ טאָפּלט געזונט־מאַכנדיקע ראָל. פון איין זייט העלפן זיי דעם ייִדישן קליינבירגער אין לאַנד צו קריגן קרעדיט אויף אַ היימישן אופן און ביי היימישע מענטשן, און באַהיטן זיי פון ירידות, און גיבן זיי עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט און אַ יסוד. און פון דער אַנדערער זייט העלפן די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס דעם ייִדישן קולטור־וועזן. זייערע קאַסעס זענען אָפן פאַר דעם ייִדישן בוך, פאַרן ייִדישן טעאַטער און שוין אַוודאי פאַר דער ייִדישער שול. עס זענען פאַראַן ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס וואָס האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם קיום פון ייִדישע שולן, און דאָס דאָזיקע איז דערפאַר ווייל די אַלע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס זענען געשאַפן פון פאָלקס־ייִדן און פאַר פאָלקס־ייִדן“.

די דאָזיקע ווערטער וואָס יעקב באַטאָשאַנסקי ז״ל האָט געשריבן אַלס באַגלייט־וואָרט צו זיין יובליי־בוך, קלערן שוין אין אַ געוויסער מאָס אויף, פאַרוואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך צו זיין ערשטער יאָרצייט. מיר זעען אין דער דאָזיקער אַרבעט אונדזערער, אַ טייל פון אונדזער קולטור־אַקטיוויטעט, וואָס ווערט אויך געפירט אויף אַנדערע געביטן און מיט אַנדערע אופנים. גאַנץ באַזונדערס אָבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונדזער מאָראַלישן חוב צו מאַניפעסטירן מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע אונדזער ליבשאַפט און פאַרערונג צו אַ שרייבער, וועלכער האָט מיט זיין גערעדט און געשריבן וואָרט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב און איז פאַר אונדז אַלעמען געווען אַ לערער און אַ וועגווייזער אין די היכלות פון דער ייִדישער און אַלמענטשלעכער קולטור.

ס׳איז אפשר נישט איבעריק צו באַטאָנען, אַז צווישן די אָנפירער פון דער קאָאָפּעראַטיווע „לאַוואַזשעכאַ“ האָט יעקב באַטאָשאַנסקי געהאַט אַ צאָל פּערזענלעכע און נאָענטע גוטע פריינט מיט וועלבע ער איז געווען היימיש און אינטים. דאָס דאָזיקע בוך איז אויך אַן

עדות פון דער פריינטשאַפט וועלכע איז נישט פאַרגעסן געוואָרן און ווערט אויפגעהאַלטן מיט אַ באַזונדערן יראת הכבוד־געפיל אינעם זכרון פון די אַרויסגעבער.

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק דעם שרייבער יצחק יאַנאַ־כאָוויטש, פאַר זיין טרחה ביים צוזאַמענשטעלן און קאָרעגירן דאָס דאָזיקע בוך.

דאָס שוין ציטירטע באַגלייט־וואָרט צו דער יובל־אויסגאַבע „די קעניגין פון דרום־אַמעריקע" פאַרענדיקט יעקב באָטאָשאַנסקי מיט די ווערטער: „זאָל די דאָזיקע אַרבעט זיין אַן אָנהייב און זאָל קומען אַ המשך". דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער המשך זאָל קומען נאָך דעם ווי באָטאָשאַנסקי איז שוין מער נישטאָ צווישן אונדז. אָבער ווי טראַגיש דאָס זאָל נישט זיין, האָבן מיר דאָך די איבערצייגונג, אַז מיר דערפילן די צוואה פונעם נפטר, איינשליסנדיק אַ טייל פון זיין ליטע־ראַרישן עזבון אין דעם המשך פון דער יידישער קולטור, וואָס איז אויך דער המשך פון יידישן לעבן.

די אַרויסגעבער

אָפּהאַנדלונגען

שלום אַש — דער דראַמאַטורג

איז שלום אַש אַ דראַמאַטורג?

אַזאַ פראַגע וועלן זיך אַ סך שטעלן, איבערלייענענדיק דעם טיטל פון דעם דאָזיקן אַרטיקל. און מען וועט מסתמא נישט נאָר פרעגן, נייערט אויך טענהן. מען וועט זאָגן: מען שפּילט אין טעאַטער אין גאַנצן צוויי פּיעסן שלום אַשס — „גאָט פון נקמה" און „מאָטקע גנב", און ביידע שפּילט מען אפשר מער צוליב זייערע חסרונות ווי צוליב זייערע מעלות, טאָ מיט וואָס זשע איז שלום אַש אַ דראַמאַטורג? און טענהנדיק אַזוי, וועט קיינעם נישט איינפאַלן, אַז שלום אַש האָט געשאַפן צוואַנציק טעאַטער־שטיק און דער דאָזיקער פאַקט גיט אים פולשטענדיק אַ רעכט אויפן טיטל דראַמאַטורג און צווינגט אונדז אַ טראַכט צו טאָן און אַ רייד צו טאָן וועגן די דערגרייכונגען פון שלום אַש דעם דראַמאַטורג.

איך זאָג: צוואַנציק פּיעסן און בין אַליין נישט זיכער מיט דער צאָל, קיין גענויע אויסגאַבע פון שלום אַשס ווערק איז דאָך נאָך נישטאָ. מיר זענען באַקאַנט פאָלגנדיקע פּיעסן שלום אַשס: „שבתאי צבי", „מאַראַנען", „יוסף", „אמנון און תמר", „יפתחס טאָכטער", „משיחס צייטן", „אונדזער גלויבן", „אַ שניידל פערדל", „דער טויטער מענטש", „דער יחוס", „דער לאַנדסמאַן", „מיטן שטראָם", „ווינטער", „גאָט פון נקמה", „מאָטקע גנב", „קוילן", „רעוועדענד זילבער", „דער זינדיקער" און „דער בונד פון די שוואַכע".

שלום אַש טיילט איין זיינע טעאַטער זאַכן אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס: „ביבלישע און היסטאָרישע דראַמען", „נאַציאָנאַלע דראַמען" אאַז"וו, כאָטש דאָס ספּעציפיצירן איז נישט כסדר קאַטעגאָריש, מען קען צו מאָל געפינען אַ סך אַ גרעסערע שייכות צווישן שלום אַשס אַ ביבלישער פּיעסע און צווישן אַ פּיעסע פון איצטיקן לעבן. וועלן מיר זיך האַלטן אין שלום אַשס איינטיילונג און באַהאַנדלען יעדע קאַטעגאָריע באַזונדער.

— 1 —

וועגן די ביבלישע דראַמען

פון דער ביבל האָט שלום אַש גענומען דריי טעמעס פאַר דראַמען: „אמנון און תמר", „יוסף" און „יפתחס טאָכטער". אַלע דריי זענען עראָטישע.

דער עפּיזאָד מיט „יפתחס טאָכטער”, ווי ער ווערט דערציילט אין דער ביבל, איז נישט קיין עראָטישער. דער קריגס־פירער יפתח גייט אַוועק אין מלחמה אַריין און טוט אַ נדר, אַז דער ערשטער פון זיין הויז וואָס וועט אים אַנטקעגן קומען, וועט ער מקריב זיין פאַר אַ קרבן. ביי שלום אַשן אָבער ווערט דאָ אַן עראָטיש פּראָבלעם: דער גאָט מולך פאַרליבט זיך אין דער מיידל און דאָס מיידל ציט זיך מיטן גאַנצן בלוט צום מענטשן־פּרעסערישן גאָט. זי גייט אַליין אַנטקעגן דעם פאָטער. אויך אין „יוסף” וואָלט מען געקענט שטעלן די נגינה נישט גראָד אויפן עראָטישן. אין דער תנכישער מעשה וועגן יוספן מיט די ברידער זענען פאַראַן אַ סך פּראָבלעמען, חוץ דער ליבע פון פּוטיפרע צו יעקב אבינוס ליבלינג. ביי שלום אַשן אָבער ווערט די דאָזיקע ליבע כמעט דער הויפּט־קאָנפליקט.

„יפתחס טאָכטער” , ווי עס איז ביי שלום אַשן, קען ווערן אַ שטיק אינ־טערעסאַנטע קולטור־געשיכטע. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ ווילדער געגנט, ווו עס בושעווען נאָך די ווילדע, מענטשן־פרעסערישע געטער און עס קומט פאָר דער ערשטער געראַנגל צווישן מענטשלעכן באַוווסטזיין, וואָס שטרעבט צו לעבן, פאַרפלאַנצן זיך און זיך פאַרזעצן און צווישן די געצן, וואָס פאַר־לאַנגען מענטשלעכע קרבנות. דער גאָט מולך שרייט: „מיט מענטשן אין דעם אָרט פאַרפילן? דאָס גאַנצע לאַנד אויף יענער זייט שוין באַזעצט, אונדז פאַר־טריבן פון דעם ברעג ים, ווילט איר נאָך די בערג פאַרשטינקען מיט אייער מענטשן־געשטאַנק.”. און דער מענטש זאָגט: „עס פירט זיך פון אדם הרא־שונס צייטן — יעדער זאָל זאָרגן פאַר זיין געשלעכט און שטאַם”.

אין דער דאָזיקער ווילדער געגנט, ווו עס קומט פאָר דער געראַנגל צווישן מענטש און גאָט, געפינט זיך דער געצנדינער יפתח, דער זון פון יידישן שופט גלעד, וועמען מ'האָט פאַרטריבן, ווייל „דער פאָטער איז מיט אַ פרעמדער ווייב געשלאָפן” און ער איז הינטער אַ פּלויט געבוירן. אָבער גלעדס שפּראָצונג האָט זיך אויסגעלאָזט און די אַלטע לייט פון דער שטאָט קומען צו יפתחן אין דער וויסטע אים בעטן, אַז ער זאָל רעגירן איבער זיי און זיי אויסלייזן. צום יידישן גאָט קען שוין יפתח נישט דינען, איז ער מתפלל צו מולכן, וואָס איז אויף אים בייז, ווייל ער האָט אים נישט מקריב געווען די טאָכטער. לויטן געזעץ האָט מען דאָס ערשט געבוירענע קינד גע־דאַרפט מקריב זיין פאַר גאָט. און מולך נעמט דערפאַר נישט אָן זיין תפילה ביז וואַנען ער זאָגט אים נישט צו אַ קרבן פון אייגענעם פלייש און בלוט. ער וועט אים מקריב זיין „אַלץ, וואָס וועט מיר קומען אַנטקעגן פון מיין שטוב אַרויס צו מיין העלדן־גאַנג, מעג עס זיין פון דעם מינדסטן שעפּסעלע

ביז צו דעם, וואָס קומט דעם פֿאָטער אַנטקעגן געטאַנצט מיט נאַקעטע פֿיס און צעפּלאָסענע האָר".

און ווען יפתח קערט זיך אום מיט נצחון, קען די מוטער נישט באַ־הערשן די טאָכטער, וואָס לויפֿט אַנטקעגן דעם פֿאָטער. זי זאָגט: „עס איז דאָך דער נצחון אויך מיינער! ער (דער פֿאָטער — י. ב.) האָט אים געגעבן פֿאַר מיר, פֿאַר מיין חתונה־נאַכט, פֿאַר מיין בלוט, וואָס וועט אויפֿגיין אין פֿלאַם". און יפתח זאָגט צו זיינע מענטשן: „בייגט אַוועק אייערע געזיכטער פֿון איר! — לאָזט פֿאַלן אייער בליק, זעט נישט איר צעפֿלאַמט געזיכט, אירע ברענענדיקע האָר — זי געהערט צו גאָט!".

דאָס אַריינברענגען דעם געדאַנק אַז די געצנדינערייַ איז געווען פֿאַר־בונדן מיט עראָטיק, איז נישט ניי. אַפֿילו די מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס זייַ־נען אויך היפּש געבויט אויף עראָטיק. אָבער דעם שלום אַשן, וואָס קען זיך צוּרירן צו דער נשמה פֿון אַ פֿרוי, אַז עס זאָל אַ ציטער און אַ זינג טאָן, דעם דאַזיקן שלום אַש זעען מיר אין אָט דער פּיעסע. יפתחס טאָכטער ביי שלום אַשן איז אַן אינטערעסאַנטע פֿרויען־פֿיגור, זי איז דאָס אייביקע רע־טעניש, די פֿרוי, ביי וועלכער די ליידנשאַפֿט איז אַלץ און זי ווערט נישט זאַט ביז זי ווערט נישט פֿאַרברענט.

די קאָנסטרוקציע פֿון דער פּיעסע איז — קיין קאָנסטרוקציע נישט. מען רעדט אַ סך און מען באַוועגט זיך כמעט נישט. און די רייד זענען אַפֿילו שיי־נע. שלום אַש קען איבערגעבן ביבל־שפּראַך, אַז מ'זאָל ממש דערפֿילן דעם ריח פֿון רויזן, אָבער די בינע האָט נישט ליב מ'זאָל סתם ריידן. פֿאַראַן ווער־טער, וואָס אין בוך לעבן זיי און אויף דער בינע ווערן זיי טויט. מען דאַרף אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פֿון אַ רעזשיסאָר, אַז „יפתחס טאָכטער" זאָל זיין נישט נאָר ליטעראַטור, נייערט אויך טעאַטער.

פֿון ביבלישן עפּיזאָד „אמנון און תמר", וואָס דערציילט, אַז דודס זון אמנון האָט זיך פֿאַרליבט אין זיין שטיפֿשוועסטער תמר, האָט זי באַליידיקט און איר ברודער אבישלום האָט זיך אין אמנונען נוקם געווען. האָט שלום אַש צעוויקלט אין אינהאַלט אַ טראַגעדיע אין אַלטן סטיל. ער האָט פֿאַרבונדן עראָטיק מיט אינטריגע און מאַכט. אבישלום וויל ירשענען דעם פֿאָטערס טראָן, אָבער דער לעגאַלער יורש איז אמנון און אמנון איז פֿאַרליבט אין אבישלומס שוועסטער תמר, לערנט אבישלום תמרן, אַז זי זאָל אים אָפּווענדן פֿון מלחמה, בכדי ער, אבישלום, זאָל פֿירן מלחמה, זיגן און פֿאַרנעמען דעם טראָן. אבישלום זאָגט צו תמרן:

שוועסטער תמר, שלעף אמנון אין דיינע ברוסטן איין,
פאַרדעק אים מיט דיינע האָר געדיכט
און זינג אים מיט דיין שטים זיס
און פאַרוויג זיין האַרץ מיט אָטעמ־ריח
און פאַרשטום זיין אויער אויף מלחמה־באַפעל,
וואָך זאָל נאָר אמנון צו תמרס לוסט זיין!

און ווען אמנון געפינט זיך אין דער סאַמע ליידנשאַפטלעכסטער גע־שפאַנטקייט מיט תמרן, פייפט די פלייט און רופט צו מלחמה. תמר זאָגט:

ברודער אמנון,
אונדזער חופה בעט שטייט פאַרלאָזט
און וואַרט אויף אונדז,
ווי אַ פאַרלאָזט פעלד,
אומפאַראַקערט, אומפאַרזייט אין הויכן פרילינג.

און אמנון שרייט:

העי, ווייב, דעם פאַנצער דערלאַנג,
שפאַן מיין ברוסט מיט זילבער בלעך
קעגן דעם פיינדס שפיז.

און תמר פילט זיך באַליידיקט. זי שרייט:

אבישלום, אבישלום,
מיין ברודער האָט מיר שלעכט געטאָן.
האָט אין מיין מיידל קוואַל אָנגעקלאַפט
און אים נישט אויפגעעפנט.
האָט זיין כלה פאַרלאָזט
אין זיין חופה־נאַכט.

און אבישלום פאַרטראַכט אַ פּלאַן פון נקמה. ער לאַדט איין אמנונען צו זיך. תמר באַהאַלט זיך פאַר אים, זינגט רירנדיקע לידער ערגעץ פון וויטן און אמנונען זאָגט מען, אַז עס איז אַ שעפערין (פאַסטושקע). און אמנון פאַר־ליבט זיך אַזוי אין דער דאָזיקער שעפערין, אַז ער שווערט איר, אַז פון „דעם טאָג אָן, וואָס ער וועט זען איר געזיכט, געהערן זאָל ער צו איר מיט זיין לעבן און זיין טויט". און אַזוי פאַלט אמנון.

לויטן אינהאַלט וואָלט דאָס געקענט זיין אַ שעקספּירישע טראַגעדיע, אַ

טראַגעדיע פון מאַכט־גייציקייט, ליכטיקע און פינצטערע ליבע, בלוט... אָבער עס האָט זיך נישט אויסגעוויקלט. דער עיקר בלייבט דאָ דער ליראַטישער מאָמענט. אבישלומס אינטריגעס זענען ווי צוגעטשעפּעט. אין „אמנון און תמר" פילט מען בולט, אַז שלום אַש איז בעצם אַן אידיליקער און האָט אַלע חושים פאַר דעם שטילן, צאַרטן און זינגענדיקן און קיין שום חוש נישט פאַר דעם דראַמאַטיש־שטורעמדיקן, פאַר קאָנפליקט און קאַמף. „אמנון און תמר" איז מער געזאַנג, ווי דראַמע, אָדער: איז הוילע געזאַנג און גאַרנישט קיין דראַמע. די שפּראַך איז דאָ גאָך זאַפטיקער און רויזנדיקער, ווי אין „יפתחס טאָכטער". פאַראַן איבערגעזעצטע שטיקער פון שיר־השירים, וואָס קענען זיך כמעט פאַרגלייכן צום אָריגינאַל. איך פיל ממש אַ פיזישן תענוג, ווען איך לייען:

מיין געליבטסטער איז
ווייס און רויט,
פון צען טויזנט
איינער אַליין.
זיין קאָפּ איז
ווי געגאָסן פון גאָלד,
דיק, זיינע לאָקן,
שוואַרץ ווי ראָבן,
זיינע אויגן,
ווי טויבן אויגן,
ביי די וואַסערן טוען זיי הויערן
געוואַשענע אין מילך...

אַ גאַנצע זאַך מאַכן פון „אמנון און תמר" איז שווער, אָבער שטיקער פון דער דאָזיקער זאַך וואָלטן אויף דער בינע געהאַט גרויס דערפאָלג. איבערהויפּט איז דאָ פאַראַן מאַטעריאַל פאַר דראַמאַטישע סטודיעס, אין וועלכע מען דאַרף לערנען שילער ריידן שיינע, קלאַנגפולע פּראָזע און פערזן. מען געפינט דאָ שטעלן, וואָס געהערן שפּראַכלעך צו די שענסטע אין יידיש.

די מעשה מיט יוספן, ווי זי איז אין חומש, איז אַ שיינע און פילפאַכיקע דראַמע. עס איז די דראַמע פון דער באַגאַבטערער פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון דער גרויער מאַסע. די פּערזענלעכקייט האָט חלומות פון שטייגן אַרויף־אַרויף, אָבער — בכדי צו קעניגן דאַרף מען האָבן קנעכט און די מאַסע וויל קיין קנעכט נישט זיין. דער שיינער, באַגאַבטער יוסף חלומט, אַז די שטערן און די לבנה בוקן זיך פאַר אים... און פאַר די דאָזיקע

חלומות האָבן אים די ברידער פיינט, וואַרפן אים אַריין אין אַ גרוב און ער ווערט פאַרקויפט אַלס קנעכט, קומט אָן קיין מצרים, לעבט דאָרט איבער אַ בילבול פון אַ פרוי וואָס האָט אים ליב און ווערט פון אים פאַרשטויסן און ווערט סוף־כל־סוף הערשער איבער מצרים. וואָס פאַר אַ ברייטקייט פון פּער־ספּעקטיוו אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס איז זיכער איינע פון די בעסטע אין דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַר אַ רייכקייט פון סביבה און ניואַנסן.

שלום אַש האָט די דאָזיקע טעמע זייער וויניק אויסגענוצט אין דער ברייט. ער האָט זיך באַשרענקט צו אַ פּאָר מאָמענטן. ער האָט נישט געבראַכט דעם געראַנגל פון יוספן מיט די ברידער, ער האָט נישט געבראַכט יוספן, ווען זיינע הערשער־חלומות ווערן שוין פאַרווירקלעכט. ער ווייזט אונדז יוספן, ווען ער קומט אָן קיין מצרים אַלס קנעכט און בעט ביי זיין באַלעבאָס פּוטיפרן, אַז ער זאָל אים מאַכן פאַר אַ פאַסטעך: שאָף זענען די האָפענונג פון שעפער. די פאַסטוכער זענען אַלע קנעכט און יוסף לערנט זיי געפינען אַ טרייסט צום אייגענעם אומגליקלעכן לעבן אין חלומות. און די אויפזעער דערשרעקן זיך. „פרעה האָט פאַרווערט דעם חלום פאַר קנעכט. חלומות שטערן אין דער אַרבעט און ברענגען אויף שלעכטע געדאַנקען, וועקן אומ־געווינטשטע האָפענונגען אויף". און יוסף צעזינגט זיך וועגן די חלומות:

„ווער קען איבער חלומות אַ האַר זיין? וועמעס געזעץ היטן זיי? און וועלכעס געבאָט קען זיי אַ גרענעץ שטעלן? ווי שפּילנדיקע קינדער קומען זיי אָן, צעגייען, ווי אַ שפּילנדיקער טייך שיקן זיי די וועלן פאַרויס, פאַר זיך, און דרינגען מיט קינדישער פרייד אין אָרעמאַנס געצעלט אַריין. קענסטו די שטראַלן פון דער זון געביטן נישט צו שיינען אין די רינשטאָקן און זומפּן אָדער קענסטו דעם אויספלוס פון ניל הייסן נאָר דעם רייכנס פעלד צו פעטיקן דעם אָרעמאַנס אויסמיידן. לבנה און שטערן באַפעלן נאָר אין קעניגס פּאַלאַצן אַריינצושיינען; ווער קען זיי באַפעלן? ווער קען זיי הייסן? אומגעריכטערהייט קומען זיי צו גיין צום אָרעמאַן באַנאַכט און ברענגען אים רייכטימער אין זיין שטוב אַריין; בינדן אויף די שטריק, וואָס די מעכטיקע האָבן געבונדן; נעמען אַראָפּ די קרוינען פון די קעפּ פון די הערשער און טוען זיי אָן אויף די קעפּ פון די שקלאַפן. זיי מאַכן לייכט דאָס האַרץ פון געדריקטן און באַשווערן מיט אַנגסטן די הערצער פון די אונטערדריקער, ווישן אָפּ די טרערן פון די גע־פייניקטע און פייניקן מיט שמיץ פון חרטה די פייניקער. ווער קען זיי באַ־פעלן?".

אָבער פּוטיפרע, די שיינע אָריענטאַלישע הערשער־פרוי האָט אַנדערע חלומות; זי האָט אַ שווער געמיט, איז טרויעריק... „די פרינצעסין איז טרוי־

עריק"... אַלע פּרינצעסינס זענען טרויעריק, זיי האָבן צופיל ענערגיע און צו ווייניק ליבע... פּוטיפרע וויל די ליבע פון יוספן און יוסף איז אַ ריינע פּער־זענלעכקייט. ער איז געטריי זיין באַלעבאָס, זיין שטאָם און שטייט ביי אַלע נסיונות. ער פאַרשטויסט זיין שיינע באַלעבאָסטע און די פאַרקנעכטע שיינ־הייטן לערנט ער אויס חלומען. פּוטיפרע חלומט פון נקמה. ביי דער פרוי איז דאָס צווייטע פון ליבע — טויט... די פאַרשטויסענע פרוי האָט אַן אייביקן סיסטעם. זי דערציילט דעם מאַן, אַז דער, וואָס האָט זי פאַרשטויסן האָט זי געטשעפּעט און באַליידיקט. פּוטיפרע האָפט, אַז ער וועט „ווי אַ טיגער און ווי אַ לייב אַרויסרייסן מיט די נעגל דאָס האַרץ פון זיין ברוסט און לעשן זיין כעס מיט יוספס יונגן שמעקעדיקן בלוט". אָבער פּוטיפר זעצט יוספן נאָר אַריין אין תפיסה, ווייל זיין זינד איז מילד און צום פאַרשטיין, „ווער קען דען ווייַ־בעררייץ זיך אַקעגנשטעלן?". אין די דאָזיקע רייד פילט זיך, אַז דער מאַן איז אפשר עפּעס חושד אויך. אַ מאַן פאַרשטייט אַ מאַן...

טעאַטראַליש איז „יוסף" אפשר שוואַכער פון אַלע ביבלישע זאַכן שלום אַשס די טעמע איז אויסגענוצט געוואָרן אַפילו פון אונדזערע פּורים־שפּילער און עס איז שוין פאַראַן אַ געוויסער פאָלקס־נוסח פאַר יוסף־שפּיל. שלום אַש האָט דעם דאָזיקן נוסח לחלוטין נישט אויסגענוצט און האָט נישט געשאַפן קיין אייגענעם נוסח. די פינף בילדער פליסן שטיל, רויק, טאַקע ווי אַ מעשה — שלום אַש רופט זיין „יוסף", „אַ שעפער־מעשה", — און דאָך וואָלט די פּיעסע געקענט געשפּילט ווערן מיט דערפאָלג אויף דער בינע, ווען ס'זאָל זיך געפינען אַ יידישער אַקטיאָר, וואָס זאָל האָבן די אַלע אינערלעכע און אויסער־לעכע שיינקייטן, וואָס שלום אַשס „יוסף" פאַרמאָגט...

ליטעראַריש געהערט „יוסף" צו די רייפסטע זאַכן שלום אַשס. פאַראַן דאָ חוץ זאַפטיקע שפּראַך און בילדער, אַ קאָנצענטרירטקייט פון געדאַנק. און שלום אַשס „יוסף" איז אַ שיינער שיר־השירים צום חלום.

מיר שיינט, אַז „יוסף" איז דער איינציקער העלד, אין וועלכן שלום אַש ברענגט אין אַ היפּשער מאָס זיך אַליין צום אויסדרוק. שלום אַש איז צו קיין שום העלד זיינעם נישט אַזוי סוביעקטיוו אין פּאָזיטיוון זין, ווי צו יוספן. ער וויל אונדז איבערצייגן, אַז ער איז אַ ריינע, ליכטיקע פּערזענלעכקייט און אַז גרויסקייט־חלומות זענען נישט קיין פעלער...

אין סך־הכל זענען שלום אַשס ביבלישע דראַמען מער ליטעראַטור, ווי טעאַטער. עס פעלט זיי אויסוויקלונג, עס פעלן זיי עפעקטן, יאָ עפעקטן! עס פעלט אַ צוגאָב פון טעאַטער און אַן אָפּקום פון ליטעראַטור. אָבער טראָץ די אַלע פעלערן, וואָלטן איניקע פון זיי און שטעלן פון איניקע געווען אַ ברכה

פאַרן טעאַטער, ביי דער הילף פון אַ גוטן רעזשיסאָר. איבערהויפּט וואָלט געווען אַ ברכה פאַר אונדזער טעאַטער די שפּראַך פון די דאָזיקע פּיעסן. מען רעדט אַזוי פּראָסט וואָכעדיק אין אונדזער טעאַטער און די שפּראַך אין שלום אַשס ביבלישע פּיעסן איז — הוילע יום־טוב.

— 2 —

וועגן די היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע דראַמען

אין זיין גאַנצן שאַפן דאָמינירן ביי שלום אַשן דריי סטיכיעס: עראָטיק, ייִדישקייט און ווילדיונגערישקייט. אין זיינע אַלע היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע דראַמען איז די סטיכיע ייִדישקייט און נאָר „שבתאי צבי" איז אַן אויסנאַם צווישן די דאָזיקע דראַמען. זי אַנטהאַלט אויך עראָטיק.

וואָס מיינט שלום אַש מיט ייִדישקייט? אויף דער דאָזיקער פראַגע וואָלט ער אַליין אויך שווער אַן ענטפער געגעבן. אין גרעסטן רוב איז ביי אים ייִדישקייט פאַרבונדן מיט קידוש־השם. ייִדן זענען זיך מקריב צוליב זייער ייִדישקייט. אויך פּרץ האָט אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסי־דיש" ייִדישקייט און קידוש־השם, אָבער דאָס ייִדישקייט האָט ביי פּרצן אַ באַשטימטן מענטשלעכן אינהאַלט. ס'איז רחמנות, יושר, מיטגעפיל, צניעות; ביי שלום אַשן איז דאָס — ייִדישקייט. ס'איז ביי אים פּונקט אַזוי אַבסטראַקט, ווי ביי אַ פרומען ייִדן און אפשר נאָך אַבסטראַקטער. ביי די פרומע ייִדן האָט דאָס ייִדישקייט דאָך געהאַט באַשטימטע עטישע מידות און ביי שלום אַשן הייסט לעבן ווי אַ ייִד: שטאַרבן אויף קידוש־השם...

„שבתאי צבי" איז נאָך די איינציקע פּיעסע, אין וועלכער סיי די ייִדן, סיי זייער משיח, ווייסן וואָס זיי ווילן. דאָס ערשטע דערשיינען פון שבתאי צבי איז ביים כותל־המערבי, וווּ עס שטייען ייִדן און וויינען און ער זאָגט קלאָר, וואָס ער וויל ברענגען צו די ייִדן: „איך צעברעך די וואַנט צווישן איך און גאָט און רייס אויס פון אייער קעל אייער וויין־געזאַנג און אייערע קלאָג־לידער און גיב איך פריילעכע לידער, נצחון־לידער אויף אייערע צינ־גער. איך מאַך גליך דעם צעבראָכענעם קאַרק און בלאָז אַ גייסט פון לעבן אין אייערע טויטע ביינער..." און די ייִדן, וואָס שטייען און וויינען, הערן נישט אַרויס קיין אַפּיקורסות אין די דאָזיקע ווערטער, כאָטש זיי ווייסן שוין פון דורות, אַז ייִדישקייט הייסט: דערשלאָגנקייט, קלאָגערישקייט... די דער־שלאָגענע ייִדן הייבן אָן גלויבן, אַז ער איז משיח.

אין דער ייִדישער לעגענדע איז פאַראַן, אַז משיח וועט קומען, אָדער

זוען אַלץ וועט זיין פולשטענדיק זינדיק, אָדער — פולשטענדיק גערעכט. און דער נביא נחמיה הכהן, וואָס איז געשיקט פון גאָט צו זאַלבן שבתאי צבי פאַר משיחן, זאָגט אים: „די ברירה איז ביי דיר, אויסצולייזן דורך מצווה, אָדער זינד״. דער געדאַנק איז דאָ אַ קלאָרער: יידישקייט הערט אויף צו זיין אַן אַבסטראַקט מקריב זיין זיך על קידוש השם, נייערט אַ דראַנג צו לעבן. זאָל זיין דורך עבירה, אַבי לעבן.

און די יידישע מאַסן, וואָס הייבן אָן צו שטרעבן און שטראָמען צו משיחן, ווערן אויך באַהערשט פון אַ באַשטימטן דראַנג צו לעבן. „די רציחה פון די קאָזאַקן ברענט איבער זיי ווי פייער״. די קאָזאַקן קוילען, הרגענען, שענדן... אַ טייל האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר זינדיק. דער קליינער ייד שרייט: „אין אונדז מוזן מיר זוכן די זינד, וויבלעך טראָגן די אייגענע האָר, אָדער אין טהרת הנדה, איז דאָס נישט קיין זינד?״. אָבער עס זענען שוין פאַראַן אומגעדולדיקערע. דער יונגערמאַן שרייט שוין: „פאַר אַ שטומער וואַנט שטייען מיר, דור־איין, דור־אויס... מען זאָגט אונדז נישט קיין וואָרט דורך דור־דורות. אונדזערע נביאים זענען אויסגעשטאָרבן״. און דער אַנדערער רעדט נאָך שאַרפער: „צי האָבן נישט אונדזערע קינדער ליבער די העלדזער צום הלף געשטרעקט, איידער דעם קאָפּ פאַר דעם קרייץ געבויגן? פאַר וואָס שוויגט ער דאָרט אויבן? פאַר וואָס באַהאַלט ער זיך אין די וואָלקנס אַזוי שטום?״.

און ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזעלכע ליידן זאָלן סיי די אומגעדולדיקע און סיי אַפילו די געדולדיקע זיך לאָזן באַהערשן פונעם ערשטן קלאַנג וועגן אַן אויסלייזער.

אָבער אַ קלאַנג וועגן אַ משיח קען נישט קומען אויף קיין פּשוטן וועג און ער וועט אויף אַ פּשוטן אופן נישט ווירקן. אין צייטן פון ליידן ווערט די האָפענונג פון אַן אויסלייזונג אַ פּאַטאָלאָגיע. אַ יידישע טאָכטער, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן פון מאַנאַשקעס אין אַ קלויסטער און די פאַנטאַזיע ביי איר איז צעשרויפט געוואָרן, האָט אין חלום געזען איר טויטן טאַטן, וואָס האָט זי אַרויסגעפירט און זי זאָגט עס אָן די נבואה, אַז „עס גייט אויף אַ ליכט פון מאָרגן־לאַנד״. און נישט נאָר מיט פּאַטאָלאָגיע ווירקט זי, נייערט אויך מיט עראָטיק. דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס הייסט שרה, זאָגט: „איך בין משיחס כלה, צו אייך געשיקט, איך זאָל אייך נעמען און צו אים פירן. זעט מיינע הענט זענען שיין, מיינע האָר גיסן זיך אַראָפּ ווי אַ קוואַל וואַסער איבער מיין לייב. דאָס געזעץ איז אויפגעגעבן, עס איז שוין מער נישטאָ קיין „יאָ״ און „ניין״, אַלץ איז פריי. אייערע קערפּערס געבונדן מיט די (דער — י. ב.) רצועה פון

געזעץ זענען אַרויס פרייע, קומט און קושט אויף די ליפּן מיר, איך בין צו אייך געשיקט צו טויטן דאָס געזעץ און צו באַפרייען דעם ווילן". די פרוי ברענגט אַריין נאָך אַ ברייטערן באַגריף פאַר אויסלייזונג: אויסגעלייזט זאָל מען ווערן נישט נאָר פון די ליידן, נייערט אויך פון דער געצוימטקייט, פון דער יידישלעכער געפּענטעטקייט.

און שרה ברענגט די מאַסן צו שבתאי צבי. די מאַסן קומען געטריבן פון טיפע ליידן און געריצטע פון גרויסע לוסטן. דעם מאַן שבתאי צבי, דעם אַבסטינענטן מאַן שבתאי צבי, וואָס האָט זיך צו זיינע צוויי ווייבער נישט צוגערירט; וואָס חלומט, אַז זיין כלה זאָל זיין אַ הימלשע, דער דאָזיקער שבתאי צבי דערשרעקט זיך פאַר אַ פאָלק, וואָס איז געקומען צו אים געצויגן דורך תאווה־קראַפט. ער וויל אויסלייזן די יידן פון ליידן, אָבער נישט פון די הימלשע פענטעס. און עס קומט פאַר אַ געראַנגל צווישן מאַן, וואָס מיינט, אַז ער האָט „זיך באַפרייט, דאָס מענטשלעכע פון זיין לייב געריסן און געוואָרן צו גאָט" און צווישן דער פרוי, וואָס זאָגט: „וואָס איז גאָט אָן מענטשלעכן?". שבתאי צבי דערפילט, אַז דאָס פאָלק איז נישט מיט אים, וואָס ציט אַרויף, נייערט מיט איר, וואָס ציט אַראָפּ און אַליין דערפילט ער אויך, אַז ער איז אַ מענטש ווי זיי און אין „זיין ברוסט ווויינט ווילן און אין זיינע אָדערן — בלוט" און ער זאָגט צו זיין נביא און מזכיר (סעקרעטאַר), אַז זיי זאָלן אַרויסגיין און זאָגן, אַז איך, שבתאי צבי, געזעצט אויף דער ערד אונטן, ווי גאָט אין די הימלען, לייז אויף יעדעס געזעץ און געבאָט, צעברעך יעדן צוים און שטאַנג"...

און ווען שבתאי צבי גיט זיך אונטער צו די ווייבלעכע באַגערן פון שרהן, פאַרלירט ער דעם כוח און פאַלט. פאַר וואָס? שלום אַש שוויגט דאָ. אפשר וויל דאָ שלום אַש זאָגן, אַז דער יידישער משיח מוז זיך האַלטן אין דער יידישער עטיק און אויסלייזן קען מען נאָר דורך ריינקייט, נישט דורך זינד. שבתאי צבי אַליין באַשולדיקט גאָט אין זיין פאַלן. גאָט האָט אומזיסטן געגעבן דעם מענטשן די ברירה צו זיין גוט און שלעכט, בכדי דאָס שלעכטס זאָל אים נישט לאָזן דערהייבן. „דו האָסט מיר — זאָגט דער שוין געפאַלענער שבתאי צבי צו גאָט — די קראַפט געגעבן דיר נשמות צו געווינען, מענטשן דיר אונטערטעניק צו מאַכן און מיט מענטשן־געזאַנג דיך צו לויבן און אַז דו האָסט געזען, אַז דער מענטש דערהייבט זיך פאַר די מענטשן צו גאָט, האָסטו פון מיר דיין קראַפט גענומען"... ס'איז אַ בלייכע און באַנאַלע פילאָסאָפיע.

מ'האָט שלום אַשס „שבתאי צבי" אַ סך אַראָפּגעריסן. עס פעלן נישט קיין חסרונות אין דער פּיעסע. די פיגור פון שבתאי צבי איז אַרויסגעבראַכט

בלייך און פאַרבנלאָז, גאָר נישט איבערצייגנדיק, אַז שבתאי צבי האָט אַ גרויסע קראַפט צו באַהערשן. ער איז געהויבענערהייט נישט קיין סך העכער, ווי געפאַלענערהייט. די סביבה איז שוין אַ סך שאַרפער אַרויסגעבראַכט, ווי שבתאי צבי. שלום אַש האָט די אייגנשאַפט בולט אַרויסצוברענגען קרעפטיקע פרויען, וואָס זענען ווייבלעך. און דורך דער בלייכקייט פון דער הויפּט־פיגור, ווערט די גאַנצע טראַגעדיע מטושטש. מען זעט נישט דעם יאוש פון דער מאַסע, וואָס האָט פאַרלוירן איר משיח און מען זעט נישט משיחן, וואָס ער האָט זיך אַליין פאַרלוירן. דער הויפּט־געדאַנק, אַז משיח איז געוואָרן אַ־יס משיח צוליב דעם, וואָס ער איז נישט געגאַנגען אויף די עטישע יידישע וועגן, נאָר האָט זיך געלאָזט אויף די וועגן פון הפקרות, איז אויך נישט קלאָר אַרויסגעבראַכט. עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך דער מחבר איז נישט זיכער און טאַפּט אין דער פינצטער. עס קומט אויס, אַז שבתאי צבי איז געפאַלן צוליב דער באַרירונג מיט דער פרוי, און דאָס מאַכט די טראַגעדיע קליין און דערצו איז דאָס נישט יידיש און נישט אָריענטאַליש. אָבער טראָץ די אַלע פעלערן, איז שלום אַשס „שבתאי צבי״ אַ שיינער ספּעקטאַקל און איז דערביי בכוח אַרויסצורופן אינטערעסאַנטע געדאַנקען. טראָץ די מוראדיקע פעלערן, איז דאָס איינע פון די בעסטע ספּעקטאַקלען אין יידיש.

די פּיעסע ענדיקט דער אַלטער ייִד און זאָגט: „איך גלויב אין אַ וואָר־גלויבן, אַז קומען וועט משיח און כאָטש ער פאַרזאַמט זיך אַזוי לאַנג, דאָך וואַרט איך אים אָפּ טאָג אויף טאָג, אַז ער קומט״. דאָס איז געדרוקט אונטער־געשטראָכן, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער מחבר וואָלט דאָ געשריגן: „איך בין חלילה נישט קיין אַפּיקורס, איך זאָג אני מאמין״...

שלום אַשס ייִדישקייט, וואָס איז איינע פון זיינע שאַפונגס־סטיכיעס, איז זייער אָפט פאַרבונדן מיט נגידישקייט שוין אין זיינע ערשטע זאַכן האָט ער געשילדערט די זיידענע וואָלקנדלעך ווי „חסידיש־נגידיש״. אין „שלמה נגיד״ בייגן זיך דיביימער פאַרן גביר, וואָס פאָרט מיט דריי פערד נאָשפּיץ. אָבער אין דעם היסטאָרישן איינאַקטער „מאַראַנען״, ברענגט אַרויס שלום אַש דעם געדאַנק, אַז ייִדישקייט איז דווקא נישט קיין נגידישקייט, נאָר אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט. עס האַנדלט זיך אין דעם דאָזיקן איינאַקטער וועגן שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אַנוסים, וואָס זענען אָנגעקומען קיין עמדין, ווו מען קען פריי פּראַקטיצירן די ייִדישע רעליגיע. די אַנוסים בראש מיט יעקב טיראדא, זענען אָפּגעריסן פון ייִדישקייט און זייער ייִדישקייט באַשטייט אין אַ פאַרלאַנג צו בויען „אַ שול פאַר גאָט, אַזוי גרויס ווי די קאַטעדראַל פון ליסאַבאָן״. זיי האָבן טאַקע מיט זיך גאָלד און זילבער און לייגן דאָס אַלץ אַרויס, אָבער דער

עמדינער רב, ר׳ אורי הלוי, זאָגט: „מיט גאָלד און איידלשטיינער ווילט איר גאָט דינען. גאָלד און זילבער פּאַסט זיך פאַרן שטאַרקן מאַן. און מיר זענען אָרעמע ייִדן, אונדזער שיל באַדאַרף קיין צירונג נישט, נאָר הוילע פיר ווענט און אַן עמוד טיף איינגעגראָבן און אַ צעבראָכן האַרץ און אַ שווער געמיט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייִד״.

שלום אַש האָט זיכערערע שילדערונגען פון דעם אַנוסים־לעבן. דער איינאַקטער „מאַראַנען״ איז אַ מין רעפּעטיציע צו שפּעטערדיקע זאַכן. בכלל איז דער איינאַקטער אַזוי צו זאָגן לא מעלה ולא מוריד.

פאַראַן נאָך דריי פּיעסן ביי שלום אַשן, וואָס געהערן — לויטן מחברס קאַטעגאָריזירן — צו די נאַציאָנאַלע פּיעסן: „משיחס צייטן״, „אַ שנירל פּערל״ און „דער טויטער מענטש״. שלום אַש האָט אַ סך זאַכן געשריבן מיטן קוק צום איבערזעצער. „משיחס צייטן״ איז געשריבן כמעט אויסשליסלעך פאַרן איבערזעצער. פאַר נישט־ייִדן איז עס אַ ייִדישע פּיעסע. ס׳איז אַזוי אויסגע־טראַכט און צוגעטראַכט אַזוי אַבסטראַקט אַלעגאָריש, אַז ס׳האָט קיין שום באָדן נישט אונטער די פיס. עס ווערט דערציילט וועגן אַ ייִדן, ר׳ חנן, וואָס האָט איין זון, באָריס — אַ סוחר; אַ צווייטן זון, יוסף — אַן אָרעמער סוחרל, און אַ טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַרן דייטשישן ייִד, אָנקל קאָן. באָ־ריסעס צוויי קינדער — אַנדזשעי און יוסטינע — ריידן פּויליש. יוסטינע איז אַ הייסע פּוילישע פּאַטריאָטקע און אַנדזשעי ווייסט נישט וואָס ער וויל. יוסף האָט דריי זין: בן־ציון, חיים און משה. איז בן־ציון אַ ציוניסט, חיים אַ סאָ־ציאַליסט און משה — סתם אַ ייִד. דער דייטשער איידעם האַלט סיי פון ייִדי־שן גאָט, סיי פון דייטשן קייסער, סיי פון ציון, סיי פון זיין אייגענער פאַבריק. די דאָזיקע אַלע קומען זיך צונויף מיט דער געלעגנהייט, וואָס דער אַלטער ר׳ חנן פאָרט אַוועק קיין ארץ־ישראל און ער וויל זיך מיט זיי געזעגענען. און די דאָזיקע אַלע דיסקוטירן. יעדער ציט זיך אין אַן אַנדער לאַגער. דער ציו־ניסט — קיין ציון, יוסטינע — קיין פּוילן, דער סאָציאַליסט — צום סאָציאַ־ליזם, אאַז״וו. און די דאָזיקע אַלע טענהן און דיסקוטירן אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט טאָקע באמת משיחס צייטן און אַלע גייען אַוועק צו משיחן. בלייבן, בלייבט אויפן שיידוועג אַנדזשעי, וואָס ווייסט נישט ווער ער איז, און יוסטינע, וואָס איז אַ פּוילישע פּאַטריאָטקע.

אַוודאי איז פאַראַן אין דער דאָזיקער גוזמא אַ גרויסער אמת. דער ייִדי־שער טאַטע זעט זיינע קינדער צעריסן, אָבער בכדי צו ווייזן די דאָזיקע צע־ריסנקייט, קען מען דאָך ברענגען לעבעדיקע מענטשן — אַזוי ווי שלום־עלי־כם האָט געטאָן אין „צעזייט און צעשפּרייט״ און נישט קיין אַבסטראַקטע

אַלעגאָריעס. דער לעצטער געדאַנק, דער מוסר־השכל, אַז משיח וועט מיט־בעמען אַלע גלייך — דעם רייכן און אָרעמען סוחר, דעם ציוניסט, דעם סאָ־ציאַליסט און דעם פּשוטן ייִדן, חוץ דעם גאַנצן און האַלבן אַסימילאַנט — קען מען אויך דיסקוטירן. בכל אופן איז אין אים פאַראַן פלאַכקייט. שלום אַש שמייכלט אַ ביסל סיי פון ציוניסט, סיי פון סאָציאַליסט, פון דעם דייטש אַליין לאַכט ער אַוודאי. מיטן אַלטן פרומען ייִדן האַלט ער יאָ. און נישט זיין געדאַנקען־טרעגער איז יוספס דריטער זון משה, וואָס זאָגט צום זיידן: „איך בין אַ ייִד, וואָס ליבט דעם גלות, אַט אַזוי ווי ער איז, מיט דעם בית המדרש־געסל, מיטן רב און דיין, מיטן שופר און חליצה־שוך (!). דאַכט זיך, דאָס איז דאָס ייִדישקייט, דאָס אמתע, דאָס פּראָסטע". ס'איז דאָס ייִדישקייט פון ראָ־מאַנטיקער, עס פעלט אין דעם עכטקייט און דערפאַר ווייעט דערפון מיט קעלט... עס שמעקט אַפילו מיט ליגן.

פאַר נישט־ייִדן האָט נאָך די פּיעסע אַ געוויסן ווערט, זי אינפאָרמירט זיי וועגן אונדזער צעריסנקייט, אָבער פאַר אונדז אַליין איז סתם אינפאָרמאַ־ציע איבעריק. אַבסטראַקט וויסן מיר אַליין וועגן אונדזער צעריסנקייט און קיין פאַרקערפּערונג איז אין דער פּיעסע נישט פאַראַן. עס איז אויך מאָדנע, וואָס דער אָנקל קאָן רעדט די גאַנצע צייט דייטש. אויב אָנקל קאָן מוז ריידן דייטש, דאַן וואָלטן דאָך יוסטינע און אַנדזשעי געמוזט ריידן פּויליש. אויף דער בינע מוז עקסיסטירן איין שפּראַך, סיידן מען וויל מאַכן אַ וויץ. אָבער מיט אָנקל קאָנס דייטש קען מען דאָך קיין וויץ נישט מאַכן, ער רעדט דאָך גוט דייטש, בעסער נאָך ווי שלום אַש קען שרייבן דייטש. דאָס איז אַ גרויסע עוולה. מודה זיין מוז מען, אַז יוסטינע איז די איינציקע לעבעדיקע פיגור אין דער פּיעסע. פאַראַן אַזעלכע יוסטינעס אומעטום, נישט נאָר אין פּוילן (אין די אַנדערע לענדער הייסן זיי אַנדערש), און דאָך איז יוסטינע ביי אַשן אַרויסגעקומען נישט אַבסטראַקט, נייערט אַ מענטש מיט פלייש און בלוט. מעכניש איז „משיחס צייטן", פּונקט ווי „שבתאי צבי", נישט קיין שלעכטער ספּעקטאַקל, אַ לעבעדיקער און אַ רירעוודיקער. דאָס איז איבערהויפּט אַ דאַנק דעם, וואָס אין דעם איז פאַראַן אַ ביסל הומאָר.

„אַ שנירל פּערל" האָט אַלס טעמע קידוש־השם. ייִדן ליידן און הייליקן גאָטס נאָמען. ס'איז אַ מלחמה און די האַנט פון הערשער לאָזט זיך אויף זיי אַראָפּ שווער. מען פאַרלאַנגט ביי זיי נישט נאָר אַלצדינג וואָס זיי פאַרמאָגן, נאָר אויך מער וויפל זיי פאַרמאָגן און ווען זיי גיבן אַוועק דעם לעצטן ביסן פון מויל, איז מען זיי ערשט חושד, אַז זיי אַרבעטן פאַרן שונא. און דאָס פאַרמעגן איז זיי נאָך ווייניק, זיי ווילן די נשמה אויך. זיי ווילן די ריינקייט פון ר' מלכל

שיינערס טאָכטער רבקהלע, און עס געשעט אַ נס: מען טוט רבקהלען אָן דער באָבעס שנירל פּערל, מען טוט איר דערביי אָן דער באָבעס קליידער און אונ־טערן פאַרטוך ווערט זי אין איין רגע גרוי און אַלט...

שלום אַש האָט זיך נישט באַנוגנט מיט סתם סצעניש אַרויסברענגען די אַלטע לעגענדע וועגן „שנירל פּערל", ער האָט דערפון געמאַכט אַ סימבאָ־לישע זאַך. „אַ שנירל פּערל" האָט אַ פאַרשפּיל, אין וועלכן משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים אַ געבונדענער און האָט אַ ווערטער־קאַמף מיט טיטוסן און ער בעט זיך דאַן ביי דער מוטער, אַז זי זאָל אים פריילאָזן די הענט, ער וויל לעבן ווי איינער פון די יידן. די מוטער פרעגט אים: „וועסט עס אויסהאַלטן קענען צו זיין דערביי, צו זען די ליידן און נישט האָבן די מאַכט צו העלפן זיי." און ער ענטפערט, אַז יאָ. ער וויל, אַז דורך זיין האַרץ זאָל דורכגיין דער מענטשלעכער צער, אַז איך זאָל פילן און פאַרשטיין. און די מוטער בינדט אים אָפּ די הענט און נעמט אים צו דעם שדי. און דער הויפּט־העלד פון דער דראַמע ר' מלך, דער ייד, אויף וועמענס קאָפּ עס גיסן זיך אויס אַלע צרות, איז הייסט עס, דער משיח אָן דעם שופר. און ביים שלוס פון דער פּיעסע ווערט די רעאַליסטישע האַנדלונג פאַרוואַנדלט אין אַ חלום און ר' מלך ווערט צוריק משיח. ער רופט צונויף אַלע זיינע קינדער, וואָס קעמפן אויף פאַרשי־דענע שלאַכטפעלדער און ער רעדט צו זיי קעגן נייעם אָפּגאָט „מולך", דעם פאָטערלאַנד, וואָס פאָדערט אַזוי פיל מענטשלעכע קרבנות. ער הייסט זיי אָפּוואַשן די הענט און איין ברודער זאָל ביים צווייטן מחילה בעטן און אַלע דערזעען ווי אויף דער אַלט־געוואָרענער רבקהלע שיינט אַ גרויס ליכט, דאָס ליכט וואָס „זאָגט עדות אויף ריינקייט".

„אונדזער גלויבן" איז אַ ייד־גוי פּיעסע פון געוויינלעכן שניט. אין יידישן טעאַטער האָט מען אויך פאַר שלום אַשן געשפּילט פּיעסן מיט אַזעלכע טע־מעס. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס לייזער דעם דאָרפס־יידס טאָכטער אסתר איז פאַרליבט אין פּוילישן שכנס בחור אַנטעק און אַנטעק איז פאַר־ליבט אין אסתרן. דער פאָטער אָבער, וואָס איז אַ פּראָסטער פערד־הענדלער, וויל פאַר דער טאָכטער אַ בן־תורה צו דער חופה, און תיכף נאָך דער חופה כאַפּט זי אַנטעק אַוועק. לייזער וויל די טאָכטער נישט קענען און די מוטער האַלט אין איין וויינען נאָך דער טאָכטער, און ווען זי הערט, אַז אסתר גייט צו־קינד, אַנטלויפט די מוטער צו דער טאָכטער. דער זון, פּנחס, וואָס קען נישט צוקומען צו קיין רעכטן שידוך צוליב דער שוועסטער דער משומדת, לאָזט איבער די שטוב, שרייט, אַז ער וועט פאַרלייקענען, אַז ער איז זייער זון, און דער פאָטער בלייבט אַליין.

אַוודאי זענען די טיפּן און כאַראַקטערס ביי שלום אַש בולטער אַרויס־געבראַכט, ווי ביי אַלע שמירערס פון די ייִד־גוי פּיעסן און די שפּראַך איז אַ האַרציקע, אַ רירנדיקע. שלום אַשס שפּראַך! אָבער די טענדענץ איז פּאַרט אַ ביליקע און נאָך מער אַ כּאַאָטישע. אַוודאי וויל שלום אַש זאָגן, אַז אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף נישט פאַרלאָזן די ייִדישע טאַטע־מאַמע, אָבער פאַרוואָס זאָגט ער נישט. עס קומט גאָר אַרויס פאַרקערט: ביי די פּאָליאַקן איז שענער, ווי ביי די ייִדן. דעם ייִדישן חתנס טאַטע דינגט זיך פאַר אַ גראָשן, ווי אויף אַ מאַרק, ער פאַרקויפט זיין זון און דער פּוילישער בחור וויל נאָר ליבע און איז שיין אין זיין ליבע, איז פול מיט זינגענדיקן בלוט. זוען מען פירט די דאָזיקע פּיעסע אויף אויף אַ נישט־ייִדישער שפּראַך, וואָלט זי געווירקט אַנטיסעמיטיש. דאָס איז שלום אַשס אייביקע סתירה: פון איין זייט פרומע ייִדן, די ר׳ אליס (אין „גאָט פון נקמה״) און „קליינע מחותנים״ (אין „אונדזער גלויבן״) ווי מענטשן, וואָס פאַרקויפן דאָס הייליקסטע און פון דער אַנדערער זייט פריידיקט ער אונדז זייער ייִדישקייט!...

שלום אַש ווייזט אונדז אין דער דאָזיקער פּיעסע, ווי די פּאָליאַקן פון אַרום ווערן דורכגעדרונגען מיט מוראַדיקער שנאה צום ייִדן, דערפאַר, וואָס ער וויל נישט קענען זיין טאָכטער וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט. אַוודאי זענען די קריסטן נישט בעסער, זיי באַציִען זיך נישט בעסער צו זייער אַ טאָכטער, וואָס האָט חתונה פאַר אַ ייִדן, אָבער — שלום אַש ווייזט פּאַרט, ווי דער ייִדישער גלויבן רופט אַרויס שנאה. און דער שלוס איז ווי אַ ביטערער חוזק צום גאַנצן שפּיל. לייזער, וועלכער בלייבט אַליין, זאָגט:

„טאַטע אין הימל: איך בין אַליין, איך בין פאַרלעצט. אַלע, אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט. איך ווייס נישט ווי צו רופן צו דיר. מען האָט מיך נישט גע־לערנט. טאַטע, הער מיך, מער מיין פּיין, מיין נויט... פאַרוואַרף מיך נישט פון דיר, פאַרלאָז מיך נישט... לאָז מיך אַ ייִד זיין״...

ער גיט אַוועק דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיין ייִדישקייט און ווייסט נישט, וואָס ס׳איז. און דערביי איז טאַקע זיין גאַנץ שטרעבן צו האָבן פאַר דער טאָכ־טער אַ גרויסאַרטיקן איידעם, נישט קיין אינערלעכע שטרעבונג, נאָר אַ סנאָ־בישער פאַרלאַנג צו זיין מיט לייטן גלייך.

„אונדזער גלויבן״ באַווייזט, אַז שלום אַש איז בעצם נישט קיין טענדענ־ציעזער שרייבער און אַזוי לאַנג זיין ייִדישקייט שלאָגט זיך נישט אָן מיט קיין אַנדער כוח, האָט עס נאָך אַ צורה; שלאָגט עס זיך אָן אין אַן אַנדער כוח — פאַרלירט עס די צורה. אין „אונדזער גלויבן״ האָט זיך דאָס ייִדישקייט אָנ־געשלאָגן אין ליבע, איז די ליבע טאַקע אַ סך שענער. אַנטעק און אסתר זענען

אַרויסגעקומען מער גערעכט ווי לייזער און דער קליינער מחותן. איך ווייס נישט, וואָס שלום אַש האָט געוואָלט דערוויזן מיט „אונדזער גלויבן". איך באַהאַנדל נישט די פראַגע, צי ס'איז גוט, וואָס אַ יידישע טאָכטער האָט חתונה מיט אַ קריסט, צי ניין (דאָס איז אַ שאלה צו וועלכער קיין שום רבני־שער פסק וועט נישט העלפן), אָבער דער מוסר־השכל פון „אונדזער גלויבן" איז: ליבע איז שענער און אויפריכטיקער פון גלויבן...

שלום אַש פאַררעכנט אויך זיין פיעסע „דער טויטער מענטש" צום ציקל נאַציאָנאַלע פיעסן. נאַציאָנאַל איז זי דערמיט, וואָס עס געפינט זיך אַ קיבוץ יידן אין אַ גרענעץ־שטעטל נאָכן חורבן פון דער גרויסער מלחמה און ריידן וועגן אויפבוי. דער דאָזיקער קיבוץ יידן דאַרף סימבאָליזירן דאָס יידישע פאָלק. מען רעדט וועגן אויפבויען אַ הקדש, אַ בית־מדרש; מען טרייסט זיך מיט די ישועות אויף יידן אין ציון. קיין אַנדערע יידן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו ציון און צום הקדש זענען נישטאָ. אין „משיחס צייטן" זענען נאָך פאַר שלום אַשן די סאָציאַליסטן געווען יידן, אין „טויטע מענטשן" נישט. די רעשט פיעסע האָט שוין אַן אַלגעמיין מענטשלעכן, נישט קיין יידיש־נאַציאָנאַלן מאָטיוו. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס דער ייד ר' חנן וויל פאַרקנאַסן זיין טאָכטער דינה פאַר עפּעס אַ בחור, ווייל דינהס חתן, יוסף, איז געשטאָרבן אויפן פראָנט. דינה אָבער גלויבט, אַז איר חתן לעבט. און דער חתן דערשיינט נישט טויט און נישט לעבעדיק. אָפּנים, אַז דער דראַמאַטורג וויל זאָגן, אַז די דאָזיקע, וואָס זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן אין דער מלחמה פאַר דער צייט, בלייבן דאָך צווישן די לעבעדיקע. יוספס זיין און נישט זיין צעמישט די גרענעץ פון טויט און לעבן. די זאַך זייער כאַאָטיש איז דערמאָנט אין די ספּיריטיסטישע באַשרייבונגען פון יענער־וועלט און ס'איז אַ סך גרינגער אָנצונעמען מיט אַ זיפּ וואַסער, ווי אַרויסשעפּן פון שלום אַשס „טויטן מענטשן" עפּעס אַ געדאַנק. די דאָזיקע פיעסע איז גאָר אַ מפּילע...

דער סך־הכל פון שלום אַשס היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע פיעסן איז אַ טרויעריקער און מאָגערער. דער דראַמאַטורג האָט זיך צוגערירט צו תקופות און פּראָבלעמען און אויף זיי נישט געוואָרפן קיין שום ליכט; ער האָט גאָר נישט צוגעגעבן צו דעם, וואָס עס איז דאָ אין דער היסטאָריע און אין די אַלטע ספרים. — און די מאָראַל זייערע ווירקט אויך נישט. ער איז רעליגיעז אָן עכטקייט און ענטוזיאַזם, רעליגיע פון דער צווייטער כלי. אויסנאַמען זענען שטעלן פון „שבתאי צבי", וווּ עס איז פאַראַן עכטער מענטשלעכער געראַנגל און געדאַנק, הילפלאָזער, אָבער געדאַנק. און אויסנאַמען זענען אויך שטעלן פון „אונדזער גלויבן", פון וועלכע עס ווייעט מיט גע־

ראַנגל צווישן אַלטן סנאָביזם און יוגנטלעכן ברען, צווישן אַלטער טראַ־דיציע און פרישקייט פון ליבע. אָבער דער געראַנגל ווערט נישט אי־בערגעגעבן דראַמאַטיש, נאָר אידיליש און שטימונגס־מעסיק. די ווייניקע געראָטענע שטעלן פון די באַהאַנדלטע פּיעסן האָבן מער אַ ליטעראַרישן ווערט, ווי אַ טעאַטראַלן. — — —

— 3 —

די יורשים פון דור־דורותדיקן קידוש־השם

מיר שיינט, אַז די פּיעסן „מיטן שטראָם" און „די יורשים" האָט שלום אַש געשריבן איידער ער האָט געשריבן די אַלע נאַציאָנאַלע פּיעסן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, אָבער זיי אַנטהאַלטן פאַרט די אונטערשטע שורה פון דער יידישקייט, וואָס שלום אַש באַזינגט אין יענע פּיעסן. שלום אַש האָט אָנגעהויבן מיטן סך־הכל, ווייל ער איז אים געלעגן ביי דער האַנט; ווייל ער האָט אים געזען מיט די אייגענע אויגן און אפשר איז ער טאַקע דערפאַר אַוועק צו דעם אורשטאַם, ווייל ער האָט אין די צוויגן קיין פרייד נישט געפונען...

שלום אַש איז אין זיין יידישקייט אַ ראָמאַנטיקער. אַ ראָמאַנטיקער הייסט, — מיר האָבן דאָס שוין אַ סך מאָל געזאָגט, — אַזעלכער, וואָס געפינט נישט קיין פרייד אינעם איצט און זוכט אַ טרייסט אין נעכטן. ראָמאַנטיקער ווערן איבערהויפּט געבוירן אין נאָכרעוואָלוציע צייטן, ווען דאָס אַלטע איז חרוב און דאָס נייע איז נאָך נישטאָ. און בכדי עפּעס צו האָבן, קערט זיך דער ראָמאַנטיקער אום צום אַמאָל. אַפילו „דאָס שטעטל" און „שלמה נגיד" זענען שוין געווען מעשהס פון אַמאָל, ווען שלום אַש האָט זיי געשריבן, דער דיכ־טער האָט נאָך פאַרכאַפּט זייער אונטערגאַנג...

אין דעם אַבסאָלוטן איצטער האָט שלום אַש געפונען פאַרלוירנקייט, צע־רודערטקייט, געמיינקייט און זוכעניש, און דערפאַר איז ער אַוועק צום אַמאָל... אָבער ווי ער זאָל זיך נישט דרייען, איז דער איצט פאַרט אַ רעזולטאַט פון אַמאָל.

די פאַרלוירנקייט, צערודערטקייט און זוכעניש פון איצט — ס'הייסט: פון צוריק מיט דרייסיק יאָר, ווען שלום אַש איז דערשינען אויף דער טריי־בונע, — קומט שטאַרק צום אויסדרוק אין דער צוויי־אַקטיקער פּיעסע „מיטן שטראָם". מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ יידישן יונגמאַן, דוד, אַ גרויסן למדן, אַן איידעם פון אַ רב, וואָס גייט אַוועק פון דער אַלטער יידישקייט, פון דער יידישקייט, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן דורך דורות־לאַנגן קידוש־השם,

דורך יאָרהונדערטער גיין צווישן פּייער. פאַרוואָס גייט דוד אַוועק? ער זאָגט דאָס צו זיין ווייב רחלע קלאָר:

„מיר פּעלט גאָרנישט, אַלץ האָב איך, נאָר דאָ איז מיר ענג. דו זעסט דאָ די ספרים, די גרויסע, די קליינע, יעדעס ספר האָט מיר אַ רינג אויף די הענט געלייגט און איך וויל מיך באַפרייען פון די רינגען... פאַרשטייסט, דאָ זענען מענטשן טויטע, ווינטערדיקע, אין ווינטער גע־בוירן, אין ווינטער געלעבט און אין ווינטער געשטאָרבן. און אַזוי ציט זיך איין טויט־לאַנגער ווינטער פון דור צו דור... דער פּאָטער גיט אים איבער דעם זון און דאָס קינד, דאָס קליינע קינד, אַזוי ווי עס עפנט נאָר די אויגן, לערנט מען עס באַלד אַלט צו זיין, צוגרייטן זיך צום גלות... פאַרהוילן און אַוועקרויבן דעם זונען־שטראַל... דאָס לאַכן פון די ליפּן...".

אַז מען הערט זיך שטאַרק איין אין די דאָזיקע רייד, דערקענט מען אין זיי סיי שבתאי צבי און סיי, להבדיל אלף אלפי הבדלות, דעם... בעש"ט. האָט דאָך שבתאי צבי אויך גערעדט פון נצחון אָנשטאָט מפּלה, פרייד אָנשטאָט טרויער. און איז דעם בעש"טס קאַמף נישט געווען אָנגעווענדט קעגן מרה־שחורה און טויטקייט? דער חילוק איז נאָר, וואָס דער פאַלשער משיח און דער שאַפער פון חסידיזם האָבן די פרייד געוואָלט אַריינברענגען אין לעבן אַריין און שלום אַש העלד גייט זי זוכן ערגעץ אַנדערש. דוד שמעקט מיט השכלה און דער משכיל האָט די השכלה, די ליכטיקע טאָכטער פון הימל געזען פון יענער זייט יידישן לעבן.

שלום אַש האָט זיך מיט דער דאָזיקער פּיעסע אַ סך געראַנגלט. ער האָט זי דאַן פאַרעפנטלעכט (און אפשר אויך געשריבן) אין העברעיש. אין העברעיש האָט די פּיעסע געהייסן „יצא וחזר" (אַוועק און צוריקגעקומען), האָט ער דעם „יצא" (אַוועק) געשילדערט קלאָר, אָבער דעם „וחזר" (און צוריקגעקומען) האָט ער שווערער געפונען... ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז דוד זאָל זיך אומ־קערן צום אַלטן ספר־יידישקייט, אָבער ער האָט זיך שווער אומגעקערט... שלום אַשס האַרץ אַליין איז נישט געווען דערביי, ער האָט נאָך אַליין געפילט, אַז דאָס דאָזיקע יידישקייט „פאַרהוילט און רויבט אַוועק דעם זונען־שטראַל"... האָט טאַקע שלום אַש אָנגעשריבן אייניקע וואַריאַנטן. אין איינעם האָט שוין זיך זיך כמעט פולשטענדיק אומגעקערט צו דער... ספרים־שאַפע און דער טאַטע, דער רב, האָט שוין געזאָגט צו דער טאָכטער: „גיי צו דיין יידישן מאַן". אין לעצטן וואַריאַנט אָבער (אין פאַרלאַג ב. קלעצקין) קומט דוד אַ פאַרלוי־

רענער און ער וויל נעמען רחלען מיטן קינד צו זיך, זיי זאָלן בלאָנדזשען מיט אים... דוד זאָגט צו זיין ווייב:

דאָ, ביי דיין פּאָטער, האָסטו דעם גלייכן וועג, דעם וועג פון אונ־דזערע אָבות, וואָס איין דור גיט איבער דעם צווייטן די יידישע אמונה; איך — קען דיר דאָס נישט געבן, דאָס האָב איך מיך אַליין צעשטערט. איך בין אין דער וועלט געגאַנגען אים זוכן, אין אַנדערע וועגן, איך האָב גאָרנישט געפונען:::״.

צוריקגעקומענע זענען צו יענער צייט געווען אַ סך. אויך וויטערס שטו־מער און (שפּעטער מיט אַ צייט) נאָמבערגס עליאַש זענען צוריקגעקומענע, אָבער יענע צוריקגעקומענע האָבן אַלס באַזע געהאַט נישט דאָס יידישקייט, נאָר דעם סאָציאַליזם און די וועלטלעכקייט און אַנטווישנדיק זיך אין זיי, זענען זיי געגאַנגען זוכן אַ טרייסט אין אַלטן יידישקייט. שלום אַשס דוד אָבער האָט אַלס באַזע דאָס יידישקייט, אַנטווישט זיך אין דעם, גייט אין דער וועלט אַריין און קריגט דאָרט אויך גאָרנישט...

אַט־אָ דאָס איז די ירושה פון דעם דור־דורותדיקן קידוש־השם: אַ יידיש־קייט צום לעבן אין דער פינצטערניש, צום קלאָגן און וויינען...

דער סך־הכל פון אַמאָליקן קידוש־השם איז אַ נאָך מער טרויעריקער אין דער פיר־אַקטיקער פּיעסע „די יורשים״. מיר האָבן דאָרט צו טאָן מיט דער רייכער יידישער פאַמיליע מייזנער. דער פּופציק־יעריקער יידישער סוחר מייזנער האָט אַ גרויס פאַרמעגן, אַ זון מיט אַ טאָכטער און — אַ פּאָר מאָלפּע־פּראַזן וועגן ציוויליזאַציע. קיין פיצל מענטשלעכקייט און קיין פיצל יידיש־קייט. הויל און פּוסט איז ער, דער דאָזיקער סוחר, וואָס זיין טאַטע איז נאָך אַ פרומער ייד און האָט אַ פול האַרץ מיט געפילן און חלומות. די טאָכטער יוסטינע, וויל חתונה האָבן פאַר אַ קריסט, פאַרן כראַביע מיכאַל דובראָווסקי און דער פּאָטער זאָגט וועגן דעם צו דער מוטער:

„איך בין טאַקע אַ פריידענקער, און אַלע מענטשן זענען פּאָר מיר גלייך, אָבער איך געהער צו מיין ראַסע און מיין יידיש האַרץ לאָזט מיך נישט, אַז מיין קינד זאָל אָננעמען אַן אַנדערן גלויבן. נאָר איך קען נישט אַנדערש. איך וועל זיך נישט אָוועקשטעלן אויף דעם וועג פון מיין טאָכטער, איך וועל איר יונג האַרץ נישט צעברעכן צוליב דער רע־ליגיאָן. איך בין צו שוואַך דערצו״.

סיי דער הער מייזנער, סיי די מאַדאַם מייזנער זענען שוואַכע און — וועלן מיר צוגעבן — פּוסטע מענטשן. דערפאַר פאַרלירן זיי ביידע קינדער, דער זון לעאָן גייט אַוועק צו זוכן אין דער נשמה פון דער ייִדישקייט „נישט נאָר אַ טרייסט, נאָר אויך מאַכט", ער גייט אַוועק „אויסקאָווען פון אַלטן אמת די נייע ייִדישע נשמה". און די טאָכטער יוסטינע גייט אַוועק צו דער כראַ־בינע לערנען קריטנטום. אייגנטלעך האָט יוסטינען אָנגעהויבן לערנען קריס־טנטום נאָך די אַם. גאָר קינדוויַיז האָט די אַם דערציילט יוסטינען קריסטלעכע מעשהס און ביי דער קליינטשיקער האָבן זיך די בעקעלעך צעפלאַמט. די על־טערן האָבן דער טאָכטער אַלצדינג געגעבן, אַלע תענוגים, אָבער די נשמה — גאָרנישט. יוסטינע זאָגט צו איר געליבטן מיכאַל:

„מיינע עלטערן האָבן מיך זייער ליב, אַלץ האָבן זיי מיר געגעבן, נאָר איין זאַך האָבן זיי מיר נישט געקענט געגעבן — אַ גלויבן. אַ גאָט האָבן זיי מיר נישט געגעבן. פיל, פיל האָבן זיי מיך געלערנט, נאָר דאָס, וואָס יעדער פּראָסטער מענטש דאַרף צו זיין טעגלעכן לעבן — אַ גלויבן, אַ ליבע צו גאָט, ליבע צו מענטשן, האָבן זיי מיר נישט גע־געבן. איך בין נישט קיין פילאָסאָפין, איך וויל נישט וויסן דערפון, אויב עס איז יאָ דאָ אַ גאָט, אָדער נישט, איך דאַרף אַ גלויבן פאַר וועמען אין אַ שלעכטער שעה זאָל איך מיינע תפילות זאָגן, צו וועמען ווענדן זיך נאָך הילף..."

אפשר איז די שפּראַך דאָ אַ ביסל צו פּובליציסטיש. עס איז גיכער גע־רעדט ווי אַ סטודענט, וואָס פאָרמולירט אַ טעזע, איידער ווי אַ מיידל, וואָס רעדט זיך אויס פאַרן געליבטן אָבער דער געדאַנק איז אַ זייער טיפער. מייד־לעך זענען אומגעהויער עמפּינדלעך, מיידלעך מוזן האָבן עפּעס מיט וואָס אָנצופילן זייער נשמה. די פיזישע שוואַכקייט פון דער פרוי מאַכט, אַז זי זאָל ערגעץ אויבן זוכן אַ טרייסט און אַ זין פאַר אירע ליידן און ביי אַלע ייִדן, אַפילו ביי די דאָזיקע וואָס האָבן נאָך אַליין געהאַט אַ לעבנס־אינהאַלט, האָט מען אויף דעם מיידל לחלוטין זיך נישט אומגעקוקט. און דערפון האָבן געשטאַמט אַ סך משפחה־טראַגעדיעס. פרץ האָט דאָס דער ערשטער באַלויכטן מיטן פייער פון זיינע ברענענדיקע געהירן אין דער בליץ־סקיצע „די פאַרשטויסענע".

יוסטינע ווערט נישט נאָר אַ פייערדיקע קריסטין, נאָר אויך אין אַ גרוי־סער מאָס אַן אַנטיסעמיטקע. פאַר איר ווערט ייִד סינאָנים מיט געלט־גייציַ־קייט. זי קען דאָך נישט קיין אַנדערע ייִדן, ווי דעם פאָטער...

דער ה׳ מייזנער פילט, אַז די טאָכטער איז אַן אַנטיסעמיטקע, שפּעט. די

אַלטע כראַבינע מיט איר טאָכטער קאַרלינאַ, ברענגען אַרונטער יוסטינען אונטער די פליגל פון קריסטנטום און האַלטן פון איר שטאַרק, אָבער קאַרלינאַ הערט, אַז איר ברודער מיכאַל גייט חתונה האָבן מיט יוסטינען, קומט קאַרלינאַ צו יוסטינען און גיט איר צו פאַרשטיין, אַז אויב זי וועט טאַקע חתונה האָבן מיט מיכאַלן, וועט מען זאָגן, אַז זי האָט זיך געשמדט נישט אויס ליבע צו גאָט, נייערט ווייל זי וויל טאָן אַ גוטן שידוך. „דו קומסט אַרויס פון אַ פאָלק, וואָס מען איז חושד". און יוסטינע באַשליסט זיך נישט חתונה צו האָבן פאַר מיכאַלן און דאָך זיך שמדן. און זי וואַרפט דעם פאָטער אין פּנים אַריין באַליידנדיקע ווערטער: „דו האָסט מיר גאָרנישט מיטצוגעבן, נאָר דיין געלט. און דער טייסטער אַ פולער פּאַק מיט באַנקנאָטן, אָט דאָס איז מיין יחוס. דאָס האָב איך פון מיין פאָטערס הויז מיטצוברענגען, מער גאָרנישט...". ערשט, ווען די טאָכטער זאָגט דאָס, כאַפּט זיך ה' מייזנער, אַז זי רעדט ווי אַן אַנטיסעמיטקע, ווי אַלע גוים.

אין עצם גענומען איז דער קאַמף צווישן כראַביעס און די ייִדן דער זעלביקער, וואָס צווישן די אָפּקומענדיקע אַריסטאָקראַטן און אויפקומענדיקע בורזשויעס. דער אַריסטאָקראַט איז פול מיט ביטול צום בורזשוי, איז טאַקע קולטורעלער פון אים, איז אָבער דערביי אויך פּאַראַזיטישער! ביי טשעכאָוון און ביי קנוט האַמסונען זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע געראַנגלענישן, אָבער אין אונדזער פאַל קומט נאָך צו דער רעליגיעזער און ראַסן־האַס.

דער ה' מייזנער האָט אַן אַלטן טאַטן. ער האַלט אים פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, אין אַן עת־צרה אָבער רופט ער דעם פאָטער צו הילף. צוליב דער חתונה מיט אַ כראַביע, איז ער געוועזן גרייט זי צו לאָזן שמדן, צוליב רעליגיעזער מאַניע — נישט. ער ווערט פּלוצים אַ ייִד און רופט זיין אַלטן ייִדישן טאַטן ער זאָל אים ראַטעווען די טאָכטער. און דער אַלטער טאַטע זאָגט צום איינִיקל: „דורך דור־דורות האָבן דיינע אָבות זייער ייִדישקייט געטראָגן און דו גייסט און וואַרפסט עס אַראָפּ פון אַ משא אויף די פּלייצעס". און דער זיידע וואַרפט אַרויס דעם אַלטן אתה בחרתנו: „דער בראשית הייבט זיך אָן מיט אונדז. מיר זענען געווען ביים אָנהייב, מיר וועלן זיין ביים ענד". דער אַלטער ייִד הייבט אָן געווינען דאָס עמפּינדלעכע מיידל מיט דער ייִדישקייט פון פיין פון אַמאָל און האָפענונג פאַר דער צוקונפט. — אָבער קיין באָדן אונטער די פיס געפינט זי אַלץ נישט. זי זוכט אַ וועג, אַ ליכט און ווירקט דער ברודער זאָל צו איר קומען. וואָס איז דער ברודער לעאָן, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין רייכן און פּוסן טאַטן און איז אַוועק „קאָווען די נייע ייִדישע נשמה" — שווער צו זאָגן. ער האָט נישט קיין באַשטימטן אינהאַלט פאַר זיין ייִדישקייט.

לעאָן אַליין זאָגט, אַז „די אַלטע ייִדישקייט האָט געהאַט שכר צו פאַרטיילן אויף יענער וועלט, עולם הבא", אָבער „די נייע ייִדישע נשמה איז שטרענג", זי האָט נישט די אַלטע זאַכן. דאָס איינציקע קאָנקרעטע פון דעם וועג פון דער נייער ייִדישקייט איז, וואָס פירט נישט אין די הימלען אַריין, ער פירט צו דער ערד", אָבער, — זאָגט ער אַליין, — „ער איז נאָך טונקל באַלויכטן מיט אַ שטראַל פון אַ ווייט, ווייט ליכט"... זיי, די נייע ייִדן, האָבן גאָרנישט חוץ פליכט. זיי ריידן אויך וועגן קידוש־השם, אָבער זיי ווייסן נאָך אַליין נישט צו־ליב וואָס. לעאָן זאָגט צום זיידן:

„מיר זענען יורשים פון אַ גרויסער ירושה. אַ סך קידוש־השם האָט זי געקאָסט. מיר דאַרפן זי טראָגן אין דער וועלט און צוליב איר מוזן מיר אַ מאָל אַ קרבן ברענגען. נאָר ווען איר (די ייִדן פון אַמאָל — י.ב.) זענען צום פייער געגאַנגען, האָט זיך ביים שיטערהויפן געזען די טויערן פון גן־עדן, וואָס עפענען זיך פאַר אייך אויף; ווען איינער פון אונדז גייט אויף קידוש־השם, זעט ער נאָר דעם טיפן תהום, וואָס דעקט אים נאָך דערנאָך צו..."

שלום אַש איז צוגעקומען צום תהום, צו דעם אייביק־קראַנקן פלאָץ און איז דאָך נישט אַריינגעפאַלן אין קיין יאוש. קיינער האָט נאָך נישט אַנטפּלעקט דעם זין פון לעבן און במילא אויך נישט פון ייִדישן לעבן. אַזוי ווי קיינער וועט קיין קלאָרן ענטפער נישט געבן אויף דעם למאי מען לעבט, כאָטש לעבן איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל ליידן, פונקט אַזוי וועט קיינער נישט בכוח זיין צו געבן אַן ענטפער למאי קעמפן מיר מיט דער גאַנצער וועלט פאַר אונדזער ייִדיש לעבן. און , פאַרוואָס קעמפט אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און גיט אַוועק זיין לעבן?... דער רעליגיעזער האָט געהאַט אַ יענע־וועלט פאַר זיינע ליידן. אין ייִדישן גן־עדן זענען דאָך פאַראַן די בעסטע פישן, פליישן און ווײַ־נען. אין מאַכמעדאַנישן גן־עדן זענען פאַראַן אַפילו שיינע מיידלעך... דאָס לעבן האָט אַן אומראַציאָנעלן זין, מען פילט אים מיטן האַרצן, מיטן מוח פאַר־שטייט מען אים נישט...

שלום אַש איז געווען כמעט פון די ערשטע וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז צווישן דעם פרומען אַלטן דור און זוכערישן יונגן איז פאַראַן מער שייכות, ווי צווישן פרומען אַלטן דור און מיטעלן געלט־גייציקן דור. דער באַנקיר מענדעלסאָן האָט זיך אַ נאָמען געגעבן באַרטאָלדי און זיך געשעמט מיט זיין זיידן דעם פילאָסאָף און דאָס אייניקל, דער קאָמפּאָזיטאָר, האָט זיך צוריק אַ נאָמען גע־געבן מענדעלסאָן... דער אַלטער מייזנער זאָגט: „די יונגע הייבן אָן צו גלויבן,

מען גלויבט אין עפּעס — עס איז דאָך אַלץ בעסער פון די פּאַטערס, זיי האָבן דאָך אין גאָרנישט קיין אמונה געהאַט״. און ווען אויך יוסטינע גייט אַוועק צו לעאָנען, זאָגט דער אַלטער מייזנער: „זוכט, געפינט, נאָר ציט ווייטער די שנור, ציט זי ווייטער!״. אַוודאי איז דאָס אַ ביסל צוגעטראַכט. ס׳איז מער שלום אַשס פאַרלאַנג, ווי ווירקלעכקייט. שלום אַש וואָלט געוואָלט, אַז די זיי־דעס זאָלן געבן די יונגע אַ ברכה אין זייער וועג פון זוכעניש און בלאָנדזשע־ניש. אָבער אויב אַפילו די אַלטע זענען נישט משיג, אַז די יונגע זענען נענטער צו זיי, ווי די מיטעלע, איז דאָס אָבער פאַרט אמת. שרייט דאָך מרדכי מאַזע אין לייוויקס „שמאַטעס״, אַז זיין ווילער און פוסטער זון איז זיין גרעסטער שונא, טראָגט קעגן אים אַ מעסער... אָבער ביי לייוויקן, גלויבן מיר, אַז מאַזע זאָגט עס; ביי שלום אַשן דערפילן מיר, אַז דאָס רעדט דער מחבר פאַר זיין העלד.

און דאָס איז איינע פון די גרויסע שוואַכקייטן שלום אַשס. אַזוי עס האַנדלט זיך נאָך, רעדט יעדער העלד מיט זיין שפּראַך, הייבט מען אָבער אָן צו דיס־קוטירן — דיסקוטירן אַלע אין איין שפּראַך, סיי דער אַלטער פרומער, סיי דער יונגער משכיל.

— 4 —

וועגן די קאָמעדיעס

אידיליע גרענעצט זיך זייער אָפט מיט הומאָר, מיט דינעם הומאָר. דאָרט ווו עס איז פאַראַן צאַרטקייט און מילדע, נישט ליידנשאַפטלעכע ליבע, דאָרט איז פאַראַן אַ שמייכל. שלום אַש טרעט זייער זעלטן אַריבער די גרענעץ, ער בלייבט ביי דער אידיליע און דער הומאָר פעלט אים. פאַרוואָס? דאַכט מיר דערפאַר, וואָס ער האָט צו שטאַרקע התפעלות פאַר זיינע העלדן, די זיידענע יידן, פאַר די יחזקאל גאַמבינערס און שלמה נגידס. גיכער קריגט ער הומאָר, ווען ער באַשרייבט די קוילער־געסל העלדן, די „חברה דריי פייען״. צו זיי האָט ער אויך ליבע, האָט אָבער נישט קיין התפעלות און האָט צו זיי פאַמי־ליאַרישקייט, אַ שמייכל און צו מאָל לאַכט ער טאַקע מיט זיי צוזאַמען.

מיט דער צייט אָבער האָט שלום אַש צוגעקראָגן נאָך העלדן, וואָס ער האָט גענומען נישט מיט טויטן ערנסט: צו די יידישע אַזוי גערופענע אַריס־טאָקראַטן האָט ער זיך שוין נישט באַצויגן מיט קיין התפעלות. אָבער ער האָט נישט געלאַכט מיט זיי, נאָר פון זיי. ער האָט אַ לאַך געטאָן פון זייער פוסטקייט און פון זייער לעכערלעכער פּאַזיאָרישקייט. צו די דאָזיקע העלדן באַנוצט שלום אַש נישט קיין הומאָר, נאָר קאָמיזם. שוין אין די דראַמעס

„יורשים" און „משיחס צייטן" האָט אונדז שלום אַש געוויזן די לעכערלעכ־קייט פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, נאָך בולטער איז די דאָזיקע לע־כערלעכקייט אַרויסגעקומען אין דער סאַטירישער קאָמעדיע „יחוס".

אַז מען וויל האָט אייגנטלעך „יחוס" אַ קאָנפליקט, וואָס איז ענלעך צו „יורשים". אויך דאָ קומט צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַן אָפּקומענדיקן אַריס־טאָקראַט און אַן אויפקומענדיקן בורזשוי, אָבער אין „יורשים" זענען די אַריסטאָקראַטן פּאָליאַקן און די בורזשויעס — יידן, און דער קאָנפליקט ווערט טראַגיש, בעת אין „יחוס" זענען ביידע צדדים יידן און די אַריסטאָקראַטן זענען נאַטירלעך ווייניקער געשליפן און דערפאַר מער קאָמיש. מען וואָלט אפשר געקאָנט האָבן טענות צו שלום אַשן למאי ער האָט אין די פּוילישע אָפּקומענדיקע אַריסטאָקראַטן נישט געוויזן זייער טיילווייזע לעכערלעכקייט, מען קען אָבער בשום אופן נישט האָבן קיין טענות צו אים, למאי ער האָט די יידישע אַריסטאָקראַטן געוויזן אַזוי לעכערלעך...

די האַנדלונג פון „יחוס" דרייט זיך אַרום דעם, וואָס דער אַלטער יידי־שער אַריסטאָקראַט הער גרויסגליק האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן און דעם גאַנצן כוח עפּעס צו טאָן, אָבער נישט זיין שטאָלץ. בלאָזט ער זיך ווי אַ אינדיק און אין שטוב איז ביי אים פּוסט, די געשעפטן זענען טויט, דער זון לעאָן מוז אום ווינטער טראָגן אַ זומערדיקן מאַנטל און די דריי טעכטער מוזן גאַנצע טעג ליגן אין די בעטן. דערצו הערשט נאָך אַ זאַבאַבאָנע, אַז די גע־שטאָרבענע מוטער געפינט זיך אין שטוב...

אַנטקעגן דעם הער גרויסגליק וווינט אַ שענקערין, אַן ענערגישע מויד, וואָס הייסט ראָזע באַרנשטיין. און בכדי איינצוקויפן זיך אין יחוס, האָט ראָזע חתונה פאַר לעאָן גרויסגליק און גיט אים אַ גוטן פּוטערנעם טולופּ, זאָט צו עסן און טרינקען און אַ גוט געלעגער... דער אַלטער ה' גרויסגליק לעבט אי־בער אַ גרויזאַמע „טראַגעדיע" — אַ קליינִיקייט! מען טרעט זיין יחוס... אָבער די טעכטער הייבן אָן אַריינשמעקן אין שענק אַריין. עס איז טאַקע זייער פּראָסט דאָרט, אומקולטורעל, אָבער עס איז וואַרעם, היימיש, מען טאַנצט און מען שפּילט און עס זענען דאָ געזונטע בחורים.

עס געפינט זיך אין דער מיט אַ טאַנטע פון דער פאַמיליע גרויסגליק, אַ יאַכניש־מעקלערישע יידענע מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אָנשטעל און זי נעמט דאָס צונויפפירן דעם שידוך צווישן... שנור און שווער. זי וויל, אַז דער אַל־טער הער גרויסגליק זאָל אויך הנאה האָבן פון דעם לוינעוודיקן שידוך. און עס גייט אַ גאַנג. דער „וויסער ביין" גיט נאָך צוליב אַ גוטער וועטשערע און

באַקוועם לעבן. דער הער גרויסגליק בכבודו ובעצמו גייט צו זיינע פּראָסטע מחותנים אין שענק אַריין.

און דער שידוך צווישן בורזשוי מיטן „אַריסטאָקראַט" ברענגט ברכה. די געשעפטן פון הער גרויסגליק ווערן באַנייט און זיי גייען, די שטוב ווערט אַפילו זייער פּראָסט אויסמעבלירט און אויסגעצירט, דערפאַר אָבער טרייבט מען אַרויס דעם טויטן גייסט און עס ווייעט מיט לעבן.

און אַז דער אַלטער גרויסגליק קריכט אַריין אין נייעם פּראָסטאַקישן לעבן, הייבט דאָס אים אָן געפעלן. עס איז היימיש, ער איז גרייט צו געבן זיין ברכה צו דער פאַרלאָבונג פון זיין טאָכטער זאָשע מיט דעם שענקער־יונג לייב. אָבער — דאָס וויל שוין נישט ראָזע. זי האָט געקויפט דעם אַריסטאָ־קראַט, נישט ער זאָל ווערן אַ היימישער, נאָר ער זאָל זיך כסדר בלאָזן און זי אויך אויסלערנען זיך בלאָזן... זי זאָגט דאָס אויך קלאָר ווען זי קומט אָן און טרעפט דעם אַלטן גרויסגליק פאַני־בראַטסקע היימיש מיט איר פאָטער און מוטער און מיט לייבן; ווען דער אַלטער הער גרויסגליק זאָגט: „שוין אויס גרויסגליק! אויס, אויס... אַלע זאָלן זיין אינאיינעם... לאָז, טאָכטער, שוין, איינ־איינעם", ענטפערט ראָזע: „ניין, נישט אויס גרויסגליק. איך האָב חתונה גע־האַט פאַר די גרויסגליקס... פאַר די גרויסגליקס האָב איך מיין גאַנץ פאַרמעגן צוזאַמענגענומען, נישט געשלאָפן, נישט דערעסן... יעדערן מיין קישן אַוועק־געגעבן פון אונטער מיין קאָפּ, יעדן מיין טעלער פון מויל אַוועקגעגעבן, גע־זאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן... אַז איך זאָל מיט די גרויסגליקס חתונה האָבן... איר גייט און שענקט דאָס אַלעס אַוועק... אָ, ניין... איר שענקט דאָס נישט אַזוי ביליק אַוועק... טייער קאָסט דער נאָמען..." און ראָזע פאַרטרייבט לייבן.

שלום אַש איז געווען אָרנטלעך צו ביידע צדדים ער האָט געוויזן די לע־כערלעכקייט און פאַלשקייט אויך פון פּראָסטן צד.

מען האָט די קאָמעדיע „יחוס" אויפגענומען אויף דער יידישער גאַס ער־גער ווי אויף דער נישט־יידישער, און נישט מיט רעכט. „יחוס" איז איינע פון די בעסטע קאָמעדיעס אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס איז אַגב זייער אָרעם אין קאָמעדיעס. די כאַראַקטערס זענען בולט געשילדערט. אמת, אַ ביסל צו אַלגעמיין, מען זעט על פּי רוב מער סימבאָלן פון „אַריסטאָקראַטן" און פּאַרווענויס ווי באַזונדערע צורהס, אָבער די סימבאָלן זענען נישט קיין פּאַ־פּירענע, דאָס מיידל זאָשע איז געשילדערט גאָר זאַפטיק און לעבעדיק. זי איז איינע פון די האַרציקסטע מיידלעך אין אונדזער ליטעראַטור בכלל.

די טענדענץ פון דער קאָמעדיע — און אַ זיטן־קאָמעדיע מוז האָבן טענ־דענץ — איז אויך זייער אַ סימפּאַטישע. זי שילדערט אין אַ זייער לעבער־

לעכער פאָרם סיי דעם „אַריסטאָקראַט", סיי דעם פּאַרוועניו. אין דעם פּרט קען „יחוס" זיין אַ פּאַסיק שטיק אַפילו פאַר אַן אַרבעטער־טעאַטער. פון אַנדערע זאַכן — און איבערהויפּט פון די שפּעטערדיקע זאַכן, ווי „חיים לעדערערס צוריקקער" און „רעוועראַנד זילבער" — איז צו זען, אַז שלום אַש לאַכט נאָר פון „אַריסטאָקראַטן" (אין גענדזנפּיסלעך), פון אמתע אַריסטאָקראַטן כאַפּט ער התפּעלות. אָבער דער ווערט פון „יחוס" ווערט דורך דעם נישט קלענער. מען קען דערפון זען, אַז פּונקט ווי שלום אַש וואַקלט זיך צווישן די דאָזיקע פון די אייבערשטע גאַסן און פון די קוילער־געסלעך, פּונקט אַזוי וואַקלט ער זיך צווישן סאַטירע און פאַניגירוק, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַריסטאָקראַטן. „יחוס" בלייבט אין דער טענדענץ אַ פולשטענדיק נעגאַטיווע קאָמעדיע וועגן שטייגער־לעבן פון די יידישע אַריסטאָקראַטן און פּאַרוועניוס.

די זאַך איז סצעניש שיין דורך דער לעבערלעכקייט פון די פּאַרשוינען, אָבער עס פעלן אויך נישט קיין גוטע קאָמעדיע־סצענעס. סצעניש איז בלויז נישט דער שלוס. די קאָמעדיע וואָלט זיך געדאַרפט ענדיקן ביי דער שטעל, ווען ראָזע פּראָטעסטירט קעגן דעם אַלטן גרויסגליקס פאַמיליאַרישקייט מיט די פּראָסטאַקעס. דאָ איז אויך דער לאָגישער שלוס פון דער קאָמעדיע. אָבער — דאָס קען שוין טאָן דער רעזשיסאָר אַליין. און אויב שלום אַש וויל דווקא אַריינפירן די סצענע, ווען ה' גרויסגליקס טעכטער שפּילן פאַר די סוחרים, קען מען די סצענע אַריינפירן פריער. אפשר וויל שלום אַש פאַרענדיקן די קאָמעדיע אידיליש־שטיל, מאַכט ער אַ טעות. די קאָמעדיע איז אַ שאַרפע און ברוטאַלע און מוז זיך ענדיקן אין אַ ברוטאַלן טאָן.

די קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן" איז אַביסל ענלעך צו „יחוס". דאָ וויל זיך אַן אויפגעקומענער פּראָסטאַק איינקויפן אַ יחוסדיקע כלה. די סביבה איז שוין אין דער דאָזיקער קאָמעדיע אַן אַמעריקאַנער. די „אַריסטאָקראַטן" זענען דאָ יאַהודימשע כלי־קודש און שלום אַש שילדערט זיי נישט נאָר לעכערלעך, נאָר אויך אַביסל שנאָרעריש און שווינדלעריש. ווי געזאָגט, האָט שלום אַש אויך זאַכן, אין וועלכע ער ווייזט אַרויס קעלבערנע התפּעלות פאַר די יאַהודים, אָבער אויף וויפל די אַריסטאָקראַטן זענען דאָ מיאוסער, איז דער אויפגעקומענער דאָ שענער. ער איז געגנוג לעכערלעך, אָבער נישט אַנטיפּאַטיש. אין שאַרפן מאָ־מענט וויל ער נישט אַוועק פון זיך, נאָר דווקא זיך אומקערן צו זיך; צום חוזק־קאָמיזם קומט צו אַביסל ליריק.

אַ ייִד, וואָס האָט אין דער אַלטער היים געהייסן יאַנקל דער שמייסער און אין אַמעריקע הייסט ער זשאַק לעווי און איז אַ בעל־הבית פון אַ שאָפּ, האָט היי־זער און געלט, לאָזט זיך שלייערן פון זיין כלה מיס קעניגשטיין. איז רירנדיק

ווען ער בענקט אַהיים און ווען ער קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק, בשעת די כלה זיינע וויל פאַרלייקענען זיין „יחוס" און וויל איינריידן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ ראַבינער און איז לעכערלעך בשעת ער מוז ריידן פון דער אפער.

דער קאָנפליקט איז אַ טאָפּלטער: זשאַק לעווי דער אויפגעקומענער גביר וויל זיך איינקויפן אין יחוס, וויל טרייסטן זיין אַלמנשאַפט און מענערישע עלנט מיט דער אַריסטאָקראַטישער מיס קעניגשטיין, וואָס רעדט דייטש, פראַנצויזיש, שפּילט פּיאַנאָ א. אַ. וו. ער לאָזט זיך פון איר שלייערן ווי אַ בער, ער ליידט אָבער דערפון, וואָס זי וויל פאַרלייקענען זיין טאַטן, זיין משפחה, זיין לשון, זיין „איך" אַזוי צו זאָגן, טאַקע אַ תם, אַ גולם ממש, אָן פערזענלעכקייט, ער האָט אָבער בירושה אַן „איך". דאָס איז דער אינעווייניקסטער קאָנפליקט. עס קומט אָבער אויך צו אַ דרויסנדיקער קאָנפליקט: יאַנקלס שותף ברענגט אַראָפּ קיין אַמעריקע די גאַנצע משפּחה יאַנקלס: אַ פעטער, אַ מומע, אַ געוועזענעם חבר, זיין געוועזענע כלה מיט דער טאָכטער און צווישן די „דייטשן" (יאַהודים) און ייִדן (אמכאָניקעס) קומט צו אַ צוזאַמענשטויס. דער קאָנפליקט איז אַזוי פּרימי־טיוו, אַז דער גאַנצער עולם ווערט פּאַרטייאיש ווי אין אַ רויבער־מעשה און ווען יאַנקל טרייבט אַרויס די דייטשן, אָטעמט ער אָפּ און שרייט אַפילו: „גוט אַזוי" און אַפּלאָדירט...

פאַראַן אַ זייטיקער מאָטיוו אין דער פּיעסע, וואָס ווירקט סענטימענטאַל; זשאַק לעווי איז אַלס יאַנקל שמייסער געווען אַ חתן פאַר שיינדלען, האָט אין צוואַנציק יאָר אַרום חתונה מיט שיינדלס טאָכטער. „אַזוי זענען זיי די מענער — זאָגט שיינדעלע — שאַדכענען זיך צו די מאַמעס און האָבן חתונה מיט די טעכטער". אַ פרוי ווערט אויס פרוי, ווען זי ווערט אַלט, אַ מאַן — בישט.

שלום אַש בלייבט דער ריטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. וויניק ייִדישע שרייבער האָבן אַזאַ באַציִונג צו דער פרוי...

אויך „דער לאַנדסמאַן" איז אין דער טענדענץ פון די סימפּאַטישערע זאַכן שלום אַשס, כאָטש אידילישקייט פאַרט זיך שוין דאָ מיט גבירישקייט, כאָטש עס שמעקט מיט קליינבירגערלעכע חלומות, איז דאָך פאַראַן עפּעס פון דער קוילער־געסל ווויליונגערישקייט.

וועגן ווערט פון דער פּיעסע קומט מיר אויס איבערחזרן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין אַ רעצענזיע וועגן א. מאַרעווסקיס אויפפירונג פון „לאַנדס־מאַן" (געדרוקט אין „די פּרעסע" פון 27־טן מאַי 1928, וואַרשיינלעך האָב איך געזאָגט לערך דאָס זעלביקע וועגן יצחק דייטשס אויפפירונג פון דער זעלבי־קער קאָמעדיע אין דער ווינער „פרייער ייִדישער פאָלקס בינע", בראש מיט

באַראַטאָוון, אָבער יענע רעצענזיע, געדרוקט אין קעשענעווער „אונדזער צייט" האָב איך שוין נישט אונטער דער האַנט):

„די פאַרשוינען זענען איבערגעגעבן פאַר אַ קאָמעדיע, פון דעסטוועגן איז קיין קאָמעדיע ביי שלום אַש נישט געוואָרן. פאַראַן אַ פּאָר בילדער, אייניקע גאָר בלייבע, וועלכע מען קאָן מיט שפּיל קוים ראַטעווען און פאַראַן אַ פּאָר סצענעס, וואָס זענען זייער דינאַמיש, רייסן מיט קודם כל די שוישפּילער און במילא אויך דעם עולם. איבערהויפּט זענען דינאַמיש די טראַגיקאָמישע סצענעס.

קיין ספּעקטאַקל האָט מאָרעווסקי נישט אויסגעבויט, ווייל אָן ליים מאַכט מען קיין ציגל נישט. עטלעכע סצענעס האָט ער אונדז געגעבן גלענצנדיקע. פאַראַן אַ וויץ: אַ מענטש האָט געגעסן אײן בייגל, צוויי, דריי אַז"וו און איז נישט זאַט געוואָרן, ערשט ביים צענטן בייגל איז ער זאַט געוואָרן, האָט ער געזאָגט, איך זאָל געוווּסט וויסן, וואָלט איך אָנגעהויבן פון צענטן. מיר האָבן ביים שטאַרקן און שיינעם שלוס פון צווייטן אַקט און טאַקע ביים שלוס פון דער פּיעסע געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר האָבן אויפגעגעסן דעם אַכטן, ניינטן און צענטן בייגל, די ערשטע זיבן בייגל האָבן אונדז געפעלט און מיר זענען געבליבן הונגעריק".

אַ קאָמעדיע איז אייגנטלעך אויך דער איינאַקטער, „אום ווינטער", כאָטש מער ווי איין ביטערן שמייכל וועט מען ביי דער דאָזיקער זאַך נישט טאָן. די סביבה איז דאָ כמעט די זעלביקע, וואָס אין „יחוס", אָבער דאָרט איז די מאַמע געשטאָרבן און דער טאַטע געבליבן לעבן און דאָ איז דער טאַטע געשטאָרבן און די מאַמע איז געבליבן. די אלמנה דבורה האָט צוויי טעכטער, ראָמאַ, פון אַריבער שלושים, שוין אַ פאַרוועלקטע צילקע. זי האָט אַזוי לאַנג „געצילקעוועט" ביז זי איז געבליבן אָן גאָרנישט און יולקאַ, אַ צוואַנציק-יאָריקע, אַ מיידל אין סאַמע בלי, וואָס מוז וועלקן צוליב דער שוועסטעד — צו דער עלטערער שוועסטער קומען שוין קיין שדכנים אויך נישט, אָבער צו דער יונגער יאָ. און אַ שדכנטע רעדט איין דער אַלטער דבורה, אַז זי זאָל די עלטערע טאָכטער אַוועקשיקן און פאַרקנאַסן די ייִנגערע. די אָרעמע מוטער קען דאָס נישט טאָן, זי נעמט שמועסן איבער דער עלטערער טאָכטער און יענע פאַרשטייט, אַז מען וויל זי פאַרקנאַסן און זי זאָגט: „אַלזאָ, וואָס וויל די מאַמע האָבן, אַז איך זאָל אַ כלה ווערן? גוט, איך וועל ווערן. איך וועל נישט קוקן, צי ער געפעלט מיר יאָ, צי ניין..." דאָס איז אייגנטלעך דער וויץ, דער ביטערער וויץ פון דער פּיעסע.

די פּיעסע הייסט „אום ווינטער", ווייל די האַנדלונג קומט פאָר אום ווינ־

טער, אָבער די קעלט ווערט סימבאָליש, עס איז נישט פּשוטע קעלט, נאָר נשמה קעלט... דער דאָזיקער מין סימבאָליזם איז טשעכאָווס, פּונקט ווי די גאַנצע זאַך איז געשריבן אין טשעכאָווישע טענער: עס ווייעט מיט טראַגיקאָמישן אומקום, מיט טויטן שמייכל. און פּונקט ווי אַלע טשעכאָווישע טראַגעדיעס האָבן פאַרלוירן זייער שאַרפקייט, האָט אויך די דאָזיקע זאַך פאַרלוירן איר ווערט.

שלום אַש איז מער אידיליקער, ווי דראַמאַטורג. דאָס האַרמאָנישע כאַפּט ער גיכער, ווי דעם קאָנפליקט. ער האָט צום האַרמאָנישן מער אינערלעכע באַציונג, מער כח דאָס אַרויסצוברענגען, אָבער ער האָט דאָך צוגעגעבן אַ באַשטימטן עפּעס דער יִדישער דראַמע, דער אָרעמער אידישער קאָמעדיע האָט ער צוגעגעבן צוויי ווילע קאָמעדיעס און וואָלט געקענט צוגעבן מער... פאַרן קאָמישן האָט ער אַ באַשטימטן חוש. קאָן זיך מאַכן, אַז ווען ער וויל זיך נישט דווקא דראַפּען צום הויך־פּאַטעטישן, וואָלט ער אין דער קאָמעדיע אַ סך העכער דערגרייכט...

— 5 —

אונטערוועלט־דראַמען

פון „קוילער געסל״ ציט זיך אַ געוויסער וועג צו דער אונטערוועלט, דאָס איז, דוכט מיר, אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט. יעקל שאַפּשאָוויטש, דער העלד פון שלום אַשס „גאָט פון נקמה״ זאָגט, אַז דער פאָטער זיינער איז געווען אַ בעל־עגלה. דער רויטער לייב, דער טאַטע פון מאָטקע גנב, איז ווידער אַ יִיד פון קוילער געסל און אַ פּנים, אַז שלום אַש איז אויך דורכן קוילער געסל געקומען צו דער אונטערוועלט. ער האָט נאָכגעפאָלגט זיינע העלדן. אייניקע יאָטן פון דער חברה „דריי פייען״ זענען אַוועק אין דער וועלט פון פרויענהאַנדל און רויב און דער דיכטער איז געגאַנגען קוקן, וואָס מיט זיי איז דאָרט געוואָרן.

פּרץ האָט געזאָגט וועגן „גאָט פון נקמה״, אַז אַש איז געווען דאָרט, וווהין אַלע יונגעלייט גייען, אָבער געווען ווי אַ דיכטער און אָנגעשריבן זיין וווּנדערבאַרן צווייטן אַקט און צוגעטשעפּעט צו אים אַן ערשטן און אַ דריטן. אין איין פּרט איז פּרץ זיכער געווען גערעכט: דער צווייטער אַקט איז בלי שום ספק דער בעסטער פון שלום אַשס באַרימטסטער פּיעסע. דאָס איז די ערלעכע פּאַעמע, אַ געזאַנג צו דער מענטשלעכקייט פון דער פרוי, וואָס געפינט זיך אין דער טיפסטער געזונקענקייט. דער צווייטער אַקט איז דער בעסטער, הגם אויף דער בינע קומט ער אַרויס דער ערגסטער. די סיבה איז אַ פאַרשטענדלעכע: דער צווייטער אַקט ווייזט פּראָסטיטוטקעס, וואָס זענען עמפּינדלעך ווי די רייַנסטע פרויען און דער מאַיאָוועס רעגן ווירקט אויף זיי, ווי אויף אומשולדיקע

קינדער. דער צווייטער אַקט ווייזט ווי אַ פּראָסטיטוטקע (מאַנקע) פּאַרפירט אַ קינד (רבקה׳לען) און טוט דאָס דערביי נישט מיט קיין געמיינקייט און רישעות, נאָר מיטן גאַנצן האַרצן, טוט דאָס ווי אַ צאַרטע פרוי... און בכדי דאָס דאָזיקע איבערגעבן, דאַרף מען געפינען די גאָלדענע מיט און טעאַטער איז על פּי רוב נישט די גאָלדענע מיט, נאָר דער עקסטרעם. טעאַטער האָט ליב די שאַרפע ליניע. קומען די פּערזאָנען פונם צווייטן אַקט אַרויס אויף דער בינע, אָדער ווי מלאכים, אָדער ווי טייוולאָנים און זיי דאַרפן זיין אונטערוועלטמענטשן, פון דרויסן און אינעווייניק מענטשן. אויף די נישט־יידישע בינעס קומט דער צווייטער אַקט אַרויס בעסער, ווייל נישט יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זענען קולטיווירטער און ראַפינירטער און זענען בכוח אַרויסצובריינגען אָפּגעווישטע ליניעס. אין גאַנצן, וואָס שלום אַש האָט געוואָלט ווייזן, קומט אויף דער בינע נישט אַרויס. דער בעסטער אַקט שלום אַשס (פון אַלע זיינע פּיעסן) קריגט נישט קיין טעאַטער־פּאַרקערפּערונג און די בעסטע אינטערפּרעטאַציע פאַר אים איז אונדזער פאַנטאַזיע...

פּרץ איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער צווייטער אַקט איז דער בעסטער, ער האָט אָבער פּאַרט מגזם געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער ערשטער און דריטער אַקט זענען צוגעטשעפּעט. און ער האָט אויך מגזם געווען, ווען ער האָט געמיינט, אַז דער אָנהויב איז ביי שלום אַשן געווען דאָס הייזל. דער אָנהויב איז געווען דער העלד און צוליבן העלד איז שוין געקומען דאָס הייזל. שלום אַש האָט מסתמא געקענט יעקל שאַפּשאָוויטשעס טאַטע און ער איז געגאַנגען זען, וואָס דער זון טוט און דערזען, אַז ווען דער זון איז געוואָרן טאַטע, האָט ער אָנגעהויבן לעבן אַ טראַגעדיע.

ס׳איז שווער צו שרייבן וועגן „גאָט פון נקמה”. קיין שום פּיעסע האָט מען ביי אונדז נישט אַזוי פיל אַרומגערעדט, אַרומגעשריבן, ווי די דאָזיקע. מען האָט שוין, דוכט זיך, געזאָגט אַלצדינג וועגן איר. און — ווען עס וואָלט דערלויבט געווען צו נוצן אַ מליצה, וואָלט איך געזאָגט, אַז מיין פעדער קריכט שווער, ווען איך האַלט איצט אין אָפּשאַצן „גאָט פון נקמה„.

דער רוב פון די אורטיילן (אין דער יידישער קריטיק און פּרעסע) איז אין דער לעצטער שעה געווען אַ נעגאַטיווע און אַ נישט־גערעכטע. איך זאָג דאָס נישט, ווייל איך וויל זיין גערעכט, נייערט ווייל ס׳איז מיין פעסטע איבערציינונג. עס שטייט פאַר מיינע אויגן די לעצטע פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען פון „גאָט פון נקמה” (פאַראַן אין דעם שוין איבער אַ האַלב טוץ יאָרן) און דער איינדרוק איז פריש. אַ דראַמע, אַ מענטשלעכע דראַמע! נישט אָן פעלער, נישט גאָר קיין פאַרטיפטע אָבער אַ טיפע און דערשיטערנדיקע...

יעקל שאַפּשאָוויטש איז, דוכט זיך, מער חיה ווי מענטש, ער איז בכל אופן מענטש פון נידעריקסטן סאָרט, ער האָט נישט קיין באַוווסטזיין, קיין רעכטן פאַרשטאַנד אַפילו, קיין געוויסן. זיין גלויבן איז אַ גלויבן פון אַ געצנדינער. און דאָך איז ער אַ מענטש. זיין טיפסטער ווייַ, אַ ווייַ וואָס מאַכט אים חרוב, איז אַ גייסטיקער, נישט קיין פיזישער... דער גייסטיקער ווייטיק ווערט ביי אים אַ פיזישע. ער האָט דוכט זיך, גאַרנישט פאַרלוירן, ער האָט זיין פאַרמעגן, זיין ווייב, זיין טאָכטער. עס איז געשען נאָר, וואָס זיין טאָכטער האָט אָנגעהויבן ווערן דאָס זעלביקע, וואָס אַלע מענטשן פון זיין אַרום זענען, דאָס זעלביקע, וואָס זיין ווייב איז געווען און פון דעסטוועגן ריטשעט ער פאַר ווייטיק. וואָס ער איז געווען איז ער געווען, אַ דור וויל ער לאָזן אַ בעסערן... „דער מענטש — זאָגט גאָרקיס אַ העלד — שטרעבט צום העכערן״...

און אַפילו אין זיין קליינלעכער געמיינקייט איז ער אויך טראַגישער מענטש. ער פאַרשטייט נישט, אַז דער פּאַטאַלער סוף האָט געמוזט קומען, אַז די טאָכ־טער מוז ווערן, וואָס אַלע אַרום איר זענען. ער ווייסט נאָר, אַז פאַר גאָט איז זיין מסחר אַ זינד און ער איז אַ בטוח זיין גאָט — דורך זיין שליח דעם רב — אַז ער וועט זיך פון דעם דאָזיקן מסחר אָפּלאָזן, ווערן אַ פערד־הענדלער, ווי זיין טאַטע. ער איז אַ געצנדינער, דער באַגריף פון גוטס און שלעכטס איז ביי אים פאַרבונדן נאָר מיט גאָט, מיט מענטשן האָט דאָס קיין שייכות נישט און גאָט אַליין נאַרט ער אויך אָפּ. ער בלייבט פּאָרט ביי זיין „מסחר״, וויל „ביי פערד וועסטו אַ כשרן גראָשן נישט פאַרדינען״... דאָס איז אַ טראַגיזם נישט נאָר פון פינצטערן יעקל שאַפּשאָוויטש, נאָר פון אַ סך מענטשן. דער מענטש איז אין אייביקן געראַנגל צווישן זינד און ריינקייט. ער וויל מיטן גוף זינקען אין דער זינדיקייט און מיט דער נשמה שוועבן אין גן עדן... טראַכט אייך אַריין, וועט איר געפינען אַן ענלעכקייט צווישן יעקל שאַפּשאָוויטש און צווישן מענטשן מיט סאָציאַליסטישן אָדער קאָמוניסטישן באַוווסטזיין, וואָס פירן אַ לעבן פון עקספּלואַטאַטאָרס.

אודאי האָט „גאָט פון נקמה״ אויך פעלערן. די מעשה מיטן אַריינשטעלן די ספר־תורה צו רבקה׳לען אין צימער אַריין איז אַן אויסגעטראַכטע, אויף דער יידישער בינע קלינגט זי ליגנעריש. פאַראַן נאָך אייניקע טעכנישע פע־לערס, אָבער אין גאַנצן גענומען איז דאָס אַ דראַמע און אַ פאַרשטעלונג.

און ער האָט מוט. אויב ער ווייזט אונדז דעם מענטש אין דער גאַסן־פּרוי און אַפילו אין פעטער, ווייזט ער — פון דער אַנדערער זייט דאָס אוממענטש־לעכקייט פון די כלי קודשניקעס, פון די פרומע ר׳ אליס, וואָס האַנדלען מיט אַלץ און פאַר אַ פּאָר גראָשן זענען זיי גרייט מכפר צו זיין אויף די שווערסטע זינד...

שלום אַש איז דאָ נישט נאָר אַן אידיליקער, נאָר אויך אַ דראַמאַטורג, ער איז פול מיט דינאַמיק. עס האָט אים אַ ברי געטאָן און ער בריט אונדז אָפּ. ס'איז די דראַמאַטישסטע פּיעסע שלום אַשס, נאָך איינע אַזעלכע האָט ער נישט.

שלום אַש האָט נאָך צוויי דראַמען פון דער אונטערוועלט: „מאָטקע גנב" און „דער בונד פון די שוואַכע". „מאָטקע גנב" האָט ער אַליין איבערגעמאַכט פון זיין ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען. על פּי רוב געראָטן נישט די פּיעסן, וואָס זענען איבערגעמאַכט פון ראָמאַנען. אַלעקסאַנדער דיומאַס באַרימטער ראָמאַן „די קאַמעלען דאַמע" האָט אַ סך מער ווערט ווי זיין באַרימטע דראַמע אונטערן אייגענעם נאָמען. שלום אַשס ראָמאַן „מאָטקע גנב" פאַרמאָגט אַ סך מער ברייטקייט, ווי פּאַרטיפּטקייט און משה ליטוואַקאָוו איז געווען זייער און זייער גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער דערמאָנטער ראָמאַן איז אַ סך מער פאַרכאַפּנדיקער לייען־שטאָף, ווי עפּעס אַנדערש. עס איז אַ בוך מיט אַ ביסל אַן עקזאָטישער סביבה, מיט נישקשה אַנגעשטראָכענע פאַרשוינען און העלדן, מיט אַן אינטערעסאַנטער האַנדלונג און מיט אַ שיינער שפּראַך — שלום אַשס שפּראַך! — אָבער איבערלייענענדיק ווערט מען בעצם געוווירֿ באַקאַנטע זאַכן, אַז די אונטערוועלט־מענטשן פאַרמאָגן מענטשלעכע עמפּינדונגען און אַפילו שטרעבונגען, חלומען זיך אַרויסצורייסן און די סביבה פאַרשלינגט זיי און לאָזט זיי נישט אַרויס. דאָס וואָס אַש האָט געוואָלט זאָגן אין „מאָטקע", האָט ער שוין געזאָגט אין „גאָט פון נקמה". די דראַמע איז אַרויס צעריסן. דער אָנהויב ווערט עפּעס פאַרלוירן. און דער אָנהויב איז דוקא זייער וויכטיק. עס ווערט דאָרט אַזוי בולט באַטאָנט, אַז די אונטערוועלטניקעס זענען קינדער פון דלות. מאָטקעס מאַמע, זלאַטע, זאָגט: „איך האָב אים דען עסן געגעבן, אַז ער זאָל נישט גנבענען? פון וויגעלע אָן האָט ער זיך געמוזט דערנערן, די מילך זיינע האָב איך נאָך נאָך פאַרקויפט, איידער ער איז געבוירן געוואָרן, פאַר די זשאַכלינערס אייניקל האָב איך זיין מילך פאַרקויפט". און דאָך מוז אים די אייגענע מאַמע אַרויסיאָגן. זי זאָגט אים: „גיי, מאָטקע, אין דער גרויסער וועלט אַריין, דו האָסט נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען, אַ יתום ביסטו געבוירן אויף דער וועלט"... אויף דער בינע קלינגט דאָס מעלאָדראַמאַטיש און דערצו איז אויף דער בינע נאָך נישטאָ דער אמת'ער מאָטקע, נאָר דאָס קינד, ווערט דאָס אין גאַנצן אָפּגעווישט. אין משך פון די פראַגמענטאַרישע דריי אַקטן ווערט ווידער אַמאָל אַרויסגעבראַכט, אַז זונהס האָבן אויך עמפּינדונגען, חלומות און שטרעבונגען און דאָס איז נישט מער ווי אַ שוואַכער און בלייכער וואַריאַנט פון „גאָט פון נקמה". דאָס מענטשלעכע פון מאָטקען ווערט אַ סך ווייניקער אַרויסגעבראַכט ווי דאָס ווויליונגערישע און עס בלייבט נישט מער ווי די מעשה, אַז מאָטקע

האָט געוואָלט ווערן אַ לייט און ס׳איז אים נישט געראָטן. די דראַמע פּעלט. דאָס נאָקעט מאַכן דעם פרומען מלכן, וואָס פרייט זיך מיט מאַטקעס געלט און זאָגט „ווער דאַרף דען וויסן פון וואַנען ער האָט דאָס געלט״, איז שוין אויך נישט ניי.

און אויף וויפל די פראַגמענטאַרישקייט פון דער פּיעסע גיט נישט קיין מעגלעכקייט צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל און ברענגט אַרויס נאָר די מעשה, נישט די דראַמע. אויף אַזוי פיל און נאָך מער פאַרשוונדעוועט מען די פּיעסע. מען ברענגט אַרויס ווילינגערישקייט און ליבע צו אַ מאַמען. י. אַ. סאַמבערג איז אַ געוויסער אויסנאַם, ער ברענגט אין מאַטקען אַרויס אַ קאָנצענטרירטן פּראָסטאַקישן פּוילישן ייִדן, וואָס איז אַוועק אין דער אונטערוועלט, אָבער ער גיט נאָר דעם פאַרשוין, נישט די דראַמע. און ער גיט נישט, ווייל ס׳איז נישטאָ...

„דער בונד פון די שוואַכע״ איז זייער אַ שיינע שפּיל. די איינציקע שפּיל ביי שלום אַש׳ן. אונדזער דראַמאַטורג ווייזט זיך דאָ אַן אייגנשאַפט וואָס ער ווייזט זייער זעלטן: פאַנטאַזיע. די דאָזיקע פּיעסע, וואָס איז פון די בעסטע ביי שלום אַשן און טאַקע אין גאַנצן אידישן רעפּערטואַר, איז לחלוטין אומבאַקאַנט. זי איז נישט פון ייִדישן לעבן, די העלדן זענען אַלע פּאָליאַקן. פאַראַן איין ייִד, וואָס שפּילט קיין שום ראָלע נישט. עס קומט פאָר אַ גראַנגל צווישן געשלאָגענע מענטשן און צווישן מענטשן, וואָס הערשן מער אָדער ווייניקער. די געשלאָגענע זענען צוויי: דער ערשטער איז דער אַרבעטער סטעפאַן באַרטקעוויטש, וואָס איז סעפּאַרירט פון זיין פרוי צוליב שכרות און שיכורן האָט ער אָנגעהויבן צוליב דעם, וואָס זיין פרוי יאַדוויגע באַרטקעוויטש האָט אָנגעהויבן פירן אַ ליבע מיטן געוועזענעם קונסט־מאָלער אַנדרזשעי און די צווייטע געשלאָגענע איז אַנדזשעיס פרוי העלענאַ, אַ געוועזענע שיינהייט, וואָס האָט איצטער זעקס קינדערלעך און איז אונטערן קנאַפּל פון איר מאַן דעם „קינסטלער״, שיכור און אוממענטש, וואָס פירט אַ ליבע מיט יאַדוויגע באַרטקעוויטש, ווייל זי האָט געלט. די הערשער זענען, פאַרשטייט זיך, יאַדוויגע און אַנדרזשעי. און אָט קומט פאָר, ווי מען וואַרפט אין אַ ביינאַכט אַריין סטעפאַנען צו העלענען, ווייל אַנדרזשעי וויל בלייבן פריי, מיט יאַדוויגען. צווישן דיביידע געשלאָגענע קומט פאָר אַ שוואַכער שמועס. העלענאַ רייצט זיך מיט סטעפאַנען, וואָס דאָס וויב האָט אים אַרויסגעוואָרפן און סטעפאַן רייצט זיך צוריק מיט העלענען. אָבער פון רייצן זיך גייען זיי איבער צו צערטלעכקייטן. זיי הויבן זיך אָן שפּילן אין מאַן און וויב, העלענאַ טראָגט זיך אַוועק אין דער פאַנטאַזיע און לעבט ווידער איבער איר האָניק־חודש מיט איר מאַן דעם קינסטלער, ווען ער האָט זי געמאָלן אַלס מאַדאָנע און סטעפאַן לעבט ווידער איבער זיין קינדהייט און זיין מאַמעס צאַרטקייט.

ביידע ווערן אַנטשלאָפן און עס חלומט זיך זיי, אַז העלענאַ ווערט קע־ניגן, סטעפאַן קעניג און די קינדער, די זעקס נאַקעטע און הונגעריקע קינדער — כאַפן די טרומפּייטן און פּויקן און מאַכן אַ וואַרע.

און דער חלום־פאַנטאַזיע ציט זיך. אין מאַרק ביי אַ פּלומפּ פּייערל זיצט אַ שטיק געשלאָגענע און געפּלאָגטע אונטערוועלט: די פּראָסטיטוטקע, דער שיכור, דער אָרעמאַן, צו זיי קומט צו דער נאַר און דאָס ממזרל. בעסער פון אַלע איז דער נאַר, ער רעדט זיך איין. דעם אָרעמאַן שטייט נישט אָן דאָס ממזרל, ער וויל דאָס פּאַריאָגן. דער אָרעמאַן איז דער אַריסטאָקראַט און דער בעל־יחוס... דאָס ממזרל איז אַ ווונדערלעכע פיגור. אַ קינד פון זינד און הפ־קרות, אַ קריפּל, וואָס איז אַ קללה.

און צו דעם דאָזיקן געזינדל קומען אָן העלענאַ, סטעפאַן און די קינדער, עס קומט אָן דער קעניג, די קעניגן, מיט די פּרינצן... און זיי גייען באַפרייען אַלע שוואַכע און געשלאָגענע. „מיר זענען — זאָגט סטעפאַן — אַלע איין משפּחה הינט. אויף דער גאַס וואַלגערן מיר זיך אַרום, קומט הינט! מיר שליסן אַ בונד היינט — וואַרף אַראָפּ די קייט, ווער באַפרייט און שאָקל דיך אָפּ, ווי מען טרייסלט אַראָפּ פון זיך דעם שטויב... און צו דער פּראָסטיטוטקע זאָגט סטעפאַן: „ביסט אונדז אַלעמען גלייך. דיין לעבן איז שמוציק געוואָרן, דיין נשמה איז ריין. וואַש דיך נאָר אָפּ פון דער זינד. וואַרף אַראָפּ די קללה פון דיינע פּלייצעס און דו וועסט ווערן אַ מענטש". און אַזוי מאַכן די שוואַכע אַ בונד און לאָזן זיך אין מאַרש ביז זיי כאַפּן זיך אויף.

אויך דאָ איז דער אויספיר דער זעלביקער: אונטערוועלטניקעס זענען אויך מענטשן. אָבער דער צוגאַנג איז אַ נייער. ס'איז אַ שפּיל פון דער פאַנטאַ־זיע פול מיט געמיט, ס'איז אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינצטערניש, דער חלום פון געשלאָגענעם... דאָס, וואָס שלום אַש האָט דערגרייכט אין „גאָט פון נקמה" מיט זיין קלאַסן־רעאַליזם, האָט ער דערגרייכט אין „בונד פון די שוואַ־כע" מיט זיין הערלעכער פאַנטאַזיע.

די צוויי אונטערוועלט־פּיעסן „גאָט פון נקמה" און „דער בונד פון די שוואַכע" באַשטעטיקן פאַר שלום אַשן אַ רעפּוטאַציע פון דראַמאַטורג און זאָגן עדות, אַז כאָטש ער איז אַ ליריקער, פעלט אים דאָך נישט קיין חוש פאַר דינאַ־מישקייט און עס פעלט אים נישט קיין דראַמאַטישע קענטעניש.

— 6 —

שלום אַשם נייעסטע צוויי דראַמען

אייגנטלעך האָט שלום אַש אין די לעצטע דריי יאָר אָנגעשריבן נייע דריי דראַמען: „קוילן", „רבי ד"ר זילבער" און „יוסף", אָבער וועגן „יוסף" האָב איך שוין גערעדט אין קאַפּיטל וועגן די ביבלישע פּיעסן. וועגן „קוילן" האָב איך בשעתו אָנגעשריבן אַ רעצענזיע (אין „די פּרעסע" פון 28־טן נאָוועמבער 1928) און די דאָזיקע לייענער, וואָס האָבן אַ גוטן זכרון, וועלן מיר מוחל זיין, אויב זיי וועלן דאָ טרעפן כמעט דאָס זעלביקע. איך האָב איצטער ווידער דורכ־געשטודירט די דערמאָנטע דראַמע און איך האָב — מסכים געווען מיט מיינע מיינונגען פון צוריק מיט קאַרגע אַנדערהאַלבן יאָר. דאָס געשעט אַזוי זעלטן... אַ סך מאָל איז מען נישט מסכים מיט דער אייגענער מיינונג אַפילו פון הייגט...

י. ל. פּרץ האָט אַ נאָמען געגעבן אַן אַרטיקל איבער שלום אַשן „אַש" און האָט עס אָנגעהויבן מיט די ווערטער (לערך) „נישט אויסגעלאָשן אַש נאָר שלום אַש, וואָס פלאַמט כסדר אויף און ברענט". מיר דערפילן דעם אמת פון די דאָ־זיקע ווערטער אַ סך מאָל. אָט דוכט זיך, איז שוין „חסל סידור אַש", אָפּגע־פלאַמט, אויסגעפלאַמט און שוין טאַקע געוואָרן אַש און אָט צעפלאַקערט ער זיך און ברענט ווידער... ס'איז נאָר אַ פּאַרדרוס, וואָס ער צינדט זיך אָן און ברענט צו פיל געטער און געצן (און אפשר פלאַמט ער אַזוי שטאַרק, ווייל ער האָט אַ סך גלויבנס) אָבער ער ברענט און דערוואַרעמט...

„קוילן" הויבט זיך אָן רעאַליסטיש. דער ערשטער אַקט איז אַ לעבנס־בילד, מיר זעען פאַר זיך פּויערים פון פאַרשידענע לענדער און נאַציעס, וואָס זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן קיין אַמעריקע, זענען געוואָרן קוילנגרעבער און בענקען נאָך אַ שטיקל ווייכער מיסטיקער ערד. די אַלטע פאַליאַטשקע זאַסלוטשאַ פרוווט זיך אַפילו זאָגן: „וואָס איז דער חילוק פון וואָס דו ציסט דיין חיונה, פון דער זאַנג, אָדער פון דער קויל? דאָס איז נישט דיינס און יענץ איז נישט דיינס. און די קויל איז אַזאַ גאָטס באַשעפעניש ווי די זאַנג, ביידע קומען זיי פון דער ערד, אָבער איר מאַן דער פאָטער סעווערין זאָגט: „אַרבעטנדיק אין פעלד ביי דער זאַנג האָסטו גאָטס הימל איבער זיך, ביי דער קויל אָבער זעסטו קיין זאַך נישט, נאָר די קויל און די נאַכט און עס דוכט זיך, אַז דו דינסט נישט צו גאָט, נאָר צום טייוול" און אַזוי טראַכטן אַלע שאַכטיאָרן פון אַרום. זיי חלומען פון אָפּשפּאָרן געלט און אַהיים פאָרן, אָבער דער פּעדלער (אַ מין קוועג־טעניק) חזקאל (אַ ייִד) זאָגט, וואָס ס'ליגט ביי אַמעריקע אין מויל, ווערסטו שוין

נישט אַרויסנעמען, נישטאָ וואָס צו מאַכן״, און ער זאָגט צום איטאַליענער טאָני, וואָס וויל אַהיים פֿאָרן, ווייל זיין שכן איז געשטאָרבן און ער קען ביליק אָפּקויפֿן זיין ווינגאָרטן: נישט איין מאָל שוין געהערט דעם זעלבן שפּרוך. געזען מענטשן, וואָס קומען פֿון כינע, טערקיי, פֿון אונדזערע מקומות און אַלע האָבן זיי געזונגען דאָס זעלביקע לידל: אָנזאַמלען געלט אויף אַן אייגן פֿעלד, אויף אַן אייגענעם גאָרטן און אָט ליגן זיי אַלע אונטער די מינעס באַגראָבן״. און ווען דאָס מיידל ווערושקאַ, וואָס האַלט ביי אַ כלה ווערן, קומט אַריין מיט אַ ביסל שוואַרצע ערד, וואָס זי האָט געפֿונען, ווערט אַ רייסעריי איבער דעם, דער גרעק בעט אים לאָזן כאָטש אַ שמעק טאָן און ווערושקאַ האָט מורא, אַז „עס וועט אויסגעוועפּט ווערן״... אַזוי זענען די נאַטור־מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון דער פּרוכטבאַרער ערד און אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן אויף קוילן...

אין צווייטן אַקט איז דאָס בילד נאָך אויך רעאַל. די געוועזענע פּויערים אַרבעטן ביי די קוילן און שרעקן זיך פֿאַר זיי. אַנטאָן זאָגט, אַז מען ווייסט נישט, צי די קוילן קומען „פֿון גאָט צי פֿון טייוול״ און אַלע דערציילן מעשיות וועגן די „קוילן קעניגס״, וואָס ווערן געשטערט אין זייער רו, ווערן בייז און פֿאַרשיטן די קוילן־גריבער. (אָט אַזוי שאַפֿן זיך אַבערגלויבערישע לעגענדעס). שלום אַש האָט אונטערגעהערט נאָר די געדאַנקען פֿון די שאַכטיאָרן אָבער נישט זייער לשון, די שפּראַך ריידן זיי כסדר שלום אַשס. אמת, שלום אַש יכולט, ער האָט אַ שיינע שפּראַך, אָבער ביי אַנטאָנען, סלושן און אַנדערע פּויערים און פּויער־טעס אין מויל, קלינגט די דאָזיקע שפּראַך אַביסל פֿאַלש און נישט איבער־צייגנדיק.

ס׳קומט צו אַ פֿאַרשיטונג... עס הויבט זיך אָן אַ פּאַניק, מען וויל זיך בע־מען שלאָגן, שטופּן, אָבער דער העלד זייצעוו לאָזט נישט. ער האַלט, אַז גע־ראַטעוועט דאַרף ווערן נאָר דער דאָזיקער, וואָס וועט נישט אויסגעבן די ענער־גיע. אָט ווי ער גיט דאָס צו פֿאַרשטיין: „גיט אַ געלעגנהייט דאָרט אויבן אַדורכ־צוגעבערן זיך צו אונדז, זיי רייסן זיך צו אונדז, דאָס ווייב, דאָס קינד און דער פֿריינט, דער קאַמעראַד, זיי רייסן זיך צו אונדז ווי מיר צו זיי, דורך דעם, זאָג איך אייך, האַלט איין די כוחות״. אָבער זיי שלאָגן זיך אַלץ און ווילן דורכ־בויערן די וואַנט. זייצעוו געלינגט די שאַכטיאָרן איינצושטילן מיט אַ מעשה וועגן דעם, אַז ס׳איז נישט ווייט פֿאַראַן אַ לאַנד מיט ערד מיט בלומען און ברויט און אַלע לאָזן זיך פֿאַרוויגן אין חלום און ווערן פּאַסיוו.

אין דריטן אַקט, ווערט די דראַמע פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיסטעריע. דאָס רעאַלע פֿאַרשווינדט, די בינע פֿילן אָן פֿערזאָניפֿיצירונגען פֿון קוילן־עלעמענטן,

ווי: אַנטראַציט, קאָך קוילן, טאָרף, אַסיד, גריפּל, דימענט קויל, עלעקטרישע קראַפט און אומדערפאַרשטע קראַפט. דער גאַנצער אַקט דערמאָנט אַביסל אין מעטערלינקס „בלויען פויגל" און אַ ביסל אין אַלטן „שיר היחוד", ווו ס'ווערן איבערגעגעבן די תפילות פון אַלע חיות, בהמות און עופות... עס זענען פאַראַן אינטערעסאַנטע בליצן אין די שמועסן צווישן די אויסגערעכנטע שטאָפן און דער הויפּט געדאַנק, אַז זיי גייען חתונה האָבן און פון דער חתונה קומט די פאַרשיטונג, איז אַ שיינער, אוטאָפּיש אַשישער, אָבער אין גאַנצן מאַכט די מיסטעריע נישט קיין איינדרוק.

דער פערטער אַקט איז שוין אַ געמיש צווישן מיסטעריע און רעאַליזם. די פאַרמאַטערטע שאַכטיאָרן האָבן זיך געלאָזט איינריידן פון זייצעוון אין זיין מעשה וועגן ערד און זיי דערזעען שוין אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע אַ גע־בענטשט פעלד מיט תבואות און ברויט.

זייצעוו נעמט שרייען, אַז דאָס איז נאָך נישט דאָס צוגעזאָגט לאַנד, ס'האָט קיין הימל נישט, אָבער זיי ווילן אים נישט הערן, זיי „עסן" און „טרינקען" און „לעבן" מיט די ווייבער, וואָס דערשיינען פאַר זייערע אויגן... דער געדאַנק איז אַביסל צעשוווּמען: לכתחילה מיינט מען, אַז דאָס קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די דאָזיקע, וואָס ווילן זיך אומקערן צו דער ערד; שפּעטער גיט מען זיך ערשט אָפּ חשבון, אַז דער זין איז אַן אַנדערער, די מאַסע האָט זיך צופיל פאַרגלויבט אין זייצעווס מעשה, געוואָרן פאַסיוו, זיך נישט געווערט קעגן טויט און אומגע־קומען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געווערט איז געווען גראָד — זייצעוו. און ווען די דרויסנדיקע האָבן זיך דערשלאָגן צו דער שאַכטע האָבן זיי גע־טראָפן אַלע טויט און נאָר זייצעוו האָט אין זיך געהאַט לעבן.

די פּיעסע, וואָס איז אין די ערשטע צוויי אַקטן פייער און קוילן, ווערט אין די לעצטע צוויי אַקטן: אַש און קוילן... אַש קאָן נישט אָנשרייבן קיין מיסטע־ריע, ער קאָן גיין אויף דער ערד, די וועגן פון די הימלען זענען אים פרעמד. — אין רעזולטאַט האָבן מיר:

אַ דראַמע מיט אַ שטאַרקן אָנהויב און אַ שוואַכן סוף...
פאַראַן אויך אַ פינטעלע איד אין דער דראַמע „קוילן".

שלום אַש ברענגט איראָניש אַ גרעק מיט אַ טערק, וואָס שלאָגן זיך ביי די קוילן איבער דעם, צו וועמען עס געהערט קאָרפּו. און ער ברענגט אַ ייִדן אויך: דעם פעדלער חזקאל. ביי יעדן אַנדערן וואָלט דאָס געשמעקט מיט אַביסל אַנטי־סעמיטיזם, ביי שלום אַשן ווערט חזקאל אַ שטיק לויב געזאַנג צום קליינעם סוחר. אָבער אין דעם סאַמע תמצית איז דער ייִד, וואָס האָט נישט וווהין אַהיימ־צופאָרן און האָט אַלע לענדער ביי זיך אין פּאַק (כל המינים נאַציאָנאַלע סחורות)

אַ טרויעריקער פּינטל פון אומנאַטירלעכקייט און אויסגעוואָרצלטקייט. ווען דער פאָטער סעווערין קריגט זיך מיט זייצוון למאי ער האָט געגנבעט בלומען, זאָגט דער ייִד חזקאל: „איבער וואָס איז זיך דאָ צו קריגן, איבער אַ צווייגל אַ פּאַר־דאַרטס, היינט לעבט עס און מאָרגן איז עס טויט. איך וועל אייך פּאַרקויפן בלומען, וואָס ווערן קיין מאָל נישט פאַרטריקנט" און ער נעמט אַרויס פויערישע שאַלעכלעך באַבלומטע...

שלום אַש פאַרענטפערט דעם ייִדן, באַזינגט אים, אָבער טרויעריק איז ער פאַרט. עס וואָלט געווען ווייניקער טרויעריק ווען ער אַרבעט אין שאַכטע גלייך מיט אַלע און קומט נישט פאַרקויפן קיין באַבלומטע טיכלעך. כאָטש — ס׳וואָלט נאָך בעסער געווען אַלע זאָלן פאַרלאָזן די שאַכטעס.

אין „רבי ד״ר זילבער", אָדער ווי די פּיעסע האָט געהייסן, ווען זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „צוקונפט" — „רעווערענד ד״ר זילבער", האָט שלום אַש זיך צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָגן אין דער סביבה פון די האַלב יאַהודימשע אַריסטאָקראַטן. אָבער ער גיט די סביבה קוים קוים, ער גיט נישט די גאַנצע סטאַדיע, נייערט נאָר דעם פאַסטוך פון דער סביבה. ער ווייזט אונדז אַ ראַבאַי פון די דאָזיקע געלט־זעק, דעם ראַבינער ד״ר זילבער. דער דערמאָנ־טער איז אונדז לכתחילה פרעמד, טשיקאַווע און עקזאָטיש. עס איז גאָר נישט ווי קיין רבי, נאָר ווי עפּעס אַ פּריסטער... אַזוי ריידן די פּריסטערס ביי איב־סענען און ביי אַ סך אַנדערע אייראָפּעיִשע דראַמאַטורגן און ראָמאַניסטן. און נישט נאָר דער רבי רעדט אין דער דאָזיקער שפּראַך, נאָר אויך זיין מוטער. ווען ד״ר זילבער וויל זיך עפּעס אויסטענה׳ן מיט זיין פרוי און בעט זיין מוטער זי זאָל זיי לאָזן אַליין, זאָגט די מוטער: „איך בין דאָ צו פאַרטרעטן דעם צד פון גאָט"... וואַרשיינלעך זענען שוין אין ניו יאָרק פאַראַן — „אידישע גלחים". מיר האָבן קיין שום מאָטיוו נישט צו דענקען, אַז שלום אַש האָט די דאָזיקע מענטשן אויסגעטראַכט.

אָבער, אַז מיר באַפרייען זיך פון דער עקזאָטישקייט פון די פאַרשוינען, שלאָגן מיר זיך אָן אויף אַ זייער אַלטן און באַקאַנטן קאָנפליקט צווישן מאַן און ווייב. דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער דראַמע איז אַזאַ: דער רעווערענד ד״ר זילבער האָט חתונה געהאַט פאַר דעם רייכן מיידל קלאַראַ, בעת זי איז געווען אַביסל אַ פאַרדעכטיקטע פון דער „געזעלשאַפט" און איז שיר נישט אַרויס־געשטויסן געוואָרן. רעווערענד זילבער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט צו קלאַראַן געשטרעקט די אָרעמס און זי האָט זיך אין זיי אַריינגעוואָרפן, אָבער ליב געהאַט האָט זי אים נישט. נאָך דער חתונה האָט קלאַראַ געקריגן אַ געליבטן, דער מוזיקער רובינשטיין, ד״ר זילבער איז צו נאַיִוו ער זאָל דאָס באַמערקן;

אָבער ד״ר זילבערס מוטער באַמערקט דאָס יאָ און טרייבט איר זון צו שטרייטן מיט זיין פרוי און זי פאַרלאָזן. קלאַראַ איז זיך כמעט מודה פאַר זילבערן, אָבער אין אַזאַ פאָרם, אַז זילבער בלייבט מיט דער אילוזיע, אַז זי איז געטריי. דער ראַבינער בעט זיך ביי איר ממש אויף דער (פאַלשער) אילוזיע. קלאַראַ דער־וויטערט זיך דאַן פון מוזיקער און לעבט אַ סקוטשנע לעבן פון אַ געפאַנגענעם פויגל. ד״ר זילבער פילט די איינזאַמקייט פון זיין פרוי און ברענגט אין שטוב אַריין דעם מוזיקער רובינשטיין. דאָס קאָן שוין די מוטער נישט פאַרליידן און צווינגט די שנור מיט איר געליבטן צו אַ קאָנפראָנטאַציע. קלאַראַ איז זיך מודה אין אַלץ און פאַרלירט איר מאַנס הויז. אין אַ יאָר אַרום קערט זיך קלאַראַ אום אין דער זעלביקער שטאָט. איר געליבטער האָט זי פאַרלאָזט. און אפשר אויך אַנדערע געליבטע... דער רעוועהענד לויפט אַהיים ברענגען זיין פרוי, כאָטש די מוטער דראָעט אים צו פאַרלאָזן און פאַרלאָזט אים טאַקע. זילבער ברענגט אַהיים קלאַראַן, רופט זי „מזל מיינס״, קניט פאַר די ליידן פון אירע זינד, וואָס לייטערן. און דאָ קומט אָן די מוטער מיט די הויפּט באַלעבאַטים פונם טעמפּל, וואָס פאַרלאַנגען, אַז דער רעוועהענד זאָל זיך אָדער אָפּזאָגן פון זיין זינדיקער פרוי, אָדער אָפּזאָגן פון דער סינאַגאָגע. עס קומט צו אַ שאַרפער דיסקוסיע און אין משך פון דער דאָזיקער צייט באַגייט קלאַראַ זעלבסטמאָרד...

פאַראַן אַ באַשטימטע אַנצוהערעניש, אַז דער פאַקט, וואָס ד״ר זילבער איז אַ מענטש פון גייסט, זיין פרוי קערפּערלעך נישט באַפרידיקט און דאָס איז די סיבה, וואָס טרייבט זי אין די אָרעמס פון אַן אַנדער מאַן; אָבער דאָס גייט אַוועק אויפן צווייטן פלאַן. דער הויפּט־געדאַנק פון דער פּיעסע איז, אַז זינד איז קיין... זינד נישט, איז ליידן, און מ׳דאַרף נישט נאָר מוחל זיין אויף זינד, נאָר קניען פאַר איר... ד״ר זילבער האָט קודם כל אַ הומאַניטאַרישע באַציִונג צו די זינ־דיקע. ווען די מוטער דראָעט אים, אַז זי וועט אַוועקגיין פון אים, אויב ער וועט צוריק ברענגען זיין פרוי, זאָגט ער: „דו (ס׳הייסט די מוטער — י. ב.) האָסט די אַכטונג פון דער גאַנצער וועלט, זי איז נאַקעט און בלויז. אַלע טירן זענען אָפן פאַר דיר — פאַר איר שטייט די וועלט פאַרשלאָסן. ווו דו וועסט קומען וועט דיר אַנטקעגנגיין: רחמנות, כבוד און לויב; איר — אַכזריות, שאַנד און שפּאָט״. און ער קלויבט אויס דאָס באַליידיקטע ווייב, נישט די געהויבענע מוטער. ער איז משיג, אַז די באַציִונג פון דער „געזעלשאַפט״ צי די זינדיקע שטאַמט נישט פון קיין ריינע קוואַלן. ער זאָגט צו קלאַראַן: „דו ביסט נישט ערגער פון זיי. זיי לעבן מיט פוסטע גאַוהדיקע רייד, וואָס אַלטע לייט האָבן געשריבן פאַר זיי — מיט אויסגעלאָשענע תורות, טויטע מאָראַלס און פוסטע נאַרישע עטיקס, וואָס האָבן געמאַכט אויס זיי שלעכטע און ווילדע. די בלאָנדזשענדיקע שדים וואַקלען

זיך מיט שאַרפע נעגל איבער דער וועלט. קוקן נאָר אויס, אַז איינער זאָל זיך אויסגליטשען און אַנשטאָט אַ הילף, אַ רוף — איז טייוויליש געלעכטער, וואָס לעבט אין זייער האַרץ"... די ליבע האָט אים דערפירט צו הומאַניטאַריזם און דער הומאַניטאַריזם צו רעוואָלט קעגן דעם קלאַס, וואָס ער דינט און קעגן דער עטיק, וואָס ער אַליין פּרעדיקט.

עס איז געשען מיט ד"ר זילבער, וואָס עס איז געשען מיט אַ סך בורזשו־אַזע און אַריסטאָקראַטישע פּערזענלעכקייטן ביי איבסען, פּשיבישעווסקי, אָקטאַוו מירבאָ א"אַנד.; ער איז געוואָרן אַ רעוואָלטירער קעגן דער בירגערלעכער מאָראַל און עטיק. די פּיעסע ענדיקט זיך מיט אָט־אָ די ווערטער זילבערס: „די שוואַכע קענט איר נאָך פּאַרפירן, די שטאַרקע וועלן אייער פאַלשע געביידע איבער איי־ערע קעפּ וואַרפן, און גיין ווייטער"... און מיר פרעגן זיך: ווּהין ווייטער וועט גיין ד"ר זילבער? נישט קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע מאַכן, ער זעט נאָר די שלעכטע מאָראַל, ער זעט אָבער נישט פון וואַנען זי שטאַמט. ער וועט גיין מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן דער עטיק און מסתמא פּרעדיקן דאָס זעלביקע, וואָס ער זאָגט צו די סינאַגאָגע יידן: „ווייסט איר וואָס איז זינד? זענט איר דעמאָלט געווען אין מענטשלעך האַרץ און געווייטיקט זיין ווייטיק? האָט איר זיך דורכגע־קוילערט מיט אים דורך אַלע בערג און לעכער פון מענטשנס אומרויקן וואַרפן זיך ביז איר האָט געפונען אין גרוב, וואָס הייסט זינד. עס איז נישט קיין זינד, וואָס מיר, מענטשן, זאָלן קענען זינדיקן. נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ; און דאָס דאָזיקע האָבן דאָך שוין געפּרעדיקט אַלע העלדן פון דער ניצשעאַנער ליטעראַ־טור ביי איבסען, הויפּטמאַן, פּשיבישעווסקי און אָקטאַוו מירבאָ... שלום אַש ברעכט זיך דאָ פאַקטיש אין אַן אָפענער טיר און אַנטדעקט לאַנג אַנטדעקטע אַמעריקעס...

און קלערנדיק אַזוי צו שלום אַשס לעצטן דראַמאַטישן העלד, צו ד"ר זיל־בער, קומט אויפן זינען זיין כמעט ערשטער דראַמאַטישער העלד יעקל שאַפּ־שאָוויטש... פאַראַן אַ שייכות צווישן די דאָזיקע צוויי. ביידע האָבן נעבן זיך זינד. ד"ר זילבער האָט דאָס זינדיקע וויב, יעקל שאַפּשאָוויטש — זיין זינדיקע טאָכטער. שאַפּשאָוויטש האָט אַרום זיך הוילע זינד, זילבער — הוילע עטיק, פון דעסטוועגן איז דער לעצטער אַלצדינג מוחל און דער ערשטער — נישט, ווייל דער ערשטער איז הוילער אינסטינקט און דער לעצטער — הוילער שכל און פאַרנונפט. קומט שאַפּשאָוויטש אום דורך די ליידן און זילבער ווערט גע־נעזן דורך די ליידן, געפינט אין זיי אַ זין.

שלום אַש האָט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבן נאָר מיט אינ־סטינקט, מיט צעשטורעמטע, צעברויזטע געבליטן און געפילן, מיט זינגענדיקן

גוף און מיט ליידנדיקן גוף, היינט האָט ער דערגרייכט צום דורכברענענדיקן און דורכלייכטערדיקן געדאַנק. אָבער קערפּערלעך איז ער געווען אַ גרויסער קינסטלער. געדאַנקלעך איז ער דערווייל אַ מיטלמעסיקער קינסטלער. ד״ר זילבער רעדט שיין, אָבער ער זאָגט געדאַנקען אַלטע און באַקאַנטע. ער גיט קיין איין אויסערגעוויינלעכן בליץ נישט; איך האָב מורא, אַז וואָס שלום אַש וועט זיך טיפער אַריינלאָזן אין דער פילאָזאָפיע, אַלץ מערער וועט ער פאַרלירן זיין אורקראַפט און אַלץ באַנאַלער וועט ער ווערן...

איין טרייסט האָב איך: שלום אַש האָט זיך כסדר געראַנגלט צווישן קוילער־געסל און צווישן „די הויכע פענצטער״, ער האָט כסדר געשטרעבט צו דער אַריסטאָקראַטיע, אָבער ער האָט געזען אירע לעכערלעכקייטן (אין „יורשים״, „יחוס״, „לאַנדסמאַן״). אין אַמעריקע האָט ער פאַר דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיע געקריגן דרך־ארץ. ער האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע אַריסטאָקראַטיע האָט אַן אינהאַלט אין לעבן (דאָס קומט איבערהויפּט צום אויסדרוק אין „חיים לע־דערערס צוריקקערן״). אין זיין לעצטער דראַמע האָט ער דערפילט, אַז אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט איז נישט גלאַטיק, איז פויל, די פיינע אַריסטאָקראַטישע גייסטער רעוואָלטירן קעגן דעם גאַנצן לעבנס־אינהאַלט פון זייער קלאַס. און פון אינדיווידואַליסטישן רעוואָלט צו רעאַלן איז פאַר דער וועלט־מלחמה געווען אַ גרויסער מהלך, היינט נישט. שלום אַש קאָן זיך דאָ ווידער אומקערן צו זיינע רויע מענטשן, ביי וועלכן ער איז אין דער היים און ביי וועלכע ער קומט צום פולסטן אויסדרוק. „גאָט פון נקמה״ האָט אָנגעשריבן נאָר איין שלום אַש און „רבי ד״ר זילבער״ האָבן שוין אָנגעשריבן הונדערטער מחברים, אָנ־הויבנדיק פון די וואָנגעליסטן... אין „גאָט פון נקמה״ איז דאָ פליייש, בלוט, לעבן און אין „רבי ד״ר זילבער״ — פּאַפּיר און פּאַפּיר. און שלום אַש איז צום ווייניקסטן אַ פּאַפּירענער...

אפרים אויערבאַך

יונגערהייט אַ ליכטיק פּנים,
אויגן בלויע, ווי דער סטעפּ
האָר, ווי אויסגעגילדטע זאַנגען
און געוואַקסן — פלעכט נאָר צעפּ.

אַט אַזוי שילדערט אפרים אויערבאַך דעם פּאַסטוך טימאָפּעי. ווי מאָדנע ענלעך ער אַליין איז צו זיין פּאַסטוך טימאָפּעי. זעען זעט ער אויס ווי אַ באַרג. איך בין דוכט מיר נישט קיין שיפּע זיבעלע. אָבער פון אויערבאַכן וואָלט מען אין דער ברייט געקאָנט מאַכן צוויי אַזעלכע ווי איך און אין דער לענג אויך אַנדערטהאַלבן און כאָטש ער זעט אויס ממש ווי אַ באַרג, האָט ער אין אויסדרוק עפּעס פון אַ קינד, אַ ריז און אַ קינד. די אויגן זיינע זענען טאַקע בלוי, ווי דער סטעפּ. דער טשערנאָוויצער מאָלער אַרטור קאָלניק האָט אפּ־רים אויערבאַך אויסגעמאָלן אַזוי גאָלדן־בלוי, אַז מען זעט אָן אַ שטיק פאַר־חלומטן סענטימענטאַליזם.

ער איז דוכט מיר דער בעסאַראַבישסטער צווישן די בעסאַראַבישע. ער איז שוין מסתמא אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר אין ניו יאָרק און עס האָט זיך צו אים קיין שטיקל גרויסשטאָט נישט צוגעטשעפּעט. ער זיצט אַלע טאָג אין רעדאַקציע פון אַ גרויסער מאָרגנצייטונג און שרייבט נייעס, ער פילט ווי אין זיינע „פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט״, ער איז

„אַ נעץ פון דראָטן,
אַ פּולס פון טויזנט פּולסן,
אַ סעיסמאָגראַף פון וועלטס געלאָף״,

אָבער ער איז פרעמד צו דעם אַלעמען; זיין נשמה און אַפילו זיין גוף (אויף וויפל ער קאָן זיך טראַנספאָרמירן) איז ערגעץ נעבן בעלץ, ווו די זומערן זענען —

פּאַסן פּאַרביקע אויף סטעפּעס,
טעג מיט אָפּגעברענטע ברעגן,
נעכט, וואָס שפּרינגען איבער בערג.

יעקב באָטאָשאַנסקי

ברויטן — רויטע האָר —
אויף דער ברוסט פון שוואַרצער ערד.
קאַסעס שניידן שטיקער זון,
זאַנגען פאַלן ווי די טויבן.

מיט זיינע אויערן הערט אפרים אויערבאַך ביז היינט נישט דעם מע־טאַלענעם קלאַנג פון שטורמישן ריטם פון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, ער הערט עד־היום די פאָרניאַלע און דעם וואָלעך, פונקט ווי זיין טאַטע לאָזער שוחט, האָט אויך ער

אַ זינגענדיקע, פריילעכע נשמה,
וואָס גייט אויס נאָך אַ וואָלעך.

ער איז פאַרבליבן ביז היינט אַ בעסאַראַבער. אין זיין שיינער אידילישער פּאָעמע „אַ ייִד פון בערשאַד", זאָגט ער:

אַז אַלע מרדכיס קאָנען הייסן מאָטל,
צי מאָטקע, מאָטעס, אָדער מאָנעס
איז מרדכי דער טליתניק מרדכי,
דער איינציקער אין בעלז אַ מרדכי.

ער געהערט נישט צו די דאָזיקע, וואָס הייסן מרדכי, און אויב ער חתמעט אפרים, איז דאָס, ווייל מיר האָבן אַלע געהאַט אַ נאַרישע באַציִונג צו די איי־גענע היימישע נעמען אונדזערע און פון איציק, פרויקע, יאַנקל איז ביי אונדז געוואָרן יצחק, אפרים, יעקב. פאַר שלום־עליכמען איז אַפילו שלום געווען צו אָפיציעל... אפרים אויערבאַך איז נישט קיין בערשאַדער, ער איז אַ בעלזער און הייסט פרויקע. זיין ערשטע ליבע איז געווען אַ קעלבעלע מיט רויטע פלעקן און „ווייכע הערנערלעך, ווי שפּראָצן אויף אַ פרילינג־בוים". קינדווייז איז אים אין שטעטל דער ליטווישער מלמד פרעמד געווען און ווען דער מלמד האָט פאַרזוכט דעם אמתן בעסאַראַבער וויין און ער האָט זיך צע־וויינט און געזאָגט: „יין גפן", „ממש ווי אין חומש", איז דער טרויער זיינער געווען פרעמד פרויקען, ווייל —

ס'איז זיין טרויער נישט קיין סטעפּיקער,
נאָר אַ שטעכיקער
פון אַן אָפּגעריבן בעזעמל.

דער ליטוואַק קוקט אין דער ווייט, ווו עס איז דאָ זיין ליטוואַטשקע און ווו ס׳זענען דאָ זיינע זיבן ליטוואַקלעך און ער איז פרויקען פרעמד.

גאָר אַן אַנדער ווייט, אַ פינצטערע
און די ווייטן, פרויקעס ווייטן
זענען ליכטיקע געווען.

און ווען אפרים אויערבאַך האָט שוין אַלס דערוואַקסענער געטראָפן אין ניו־יאָרק דעם קאַפּרעשטער הערשל חלפן, וואָס הייסט דאָרט שוין הערי שעילפן, האָט ער אים געזען מיט שדים אין האַרץ און געזאָגט, אַז ער איז —

באַוואַקסן מיט האָב און גוטס,
ווי אַ קרעציקער מיט ווונדן.

נאָר אַ בעסאַראַביש איינגעוואָרצלט, אַ צוגעקלעפּטער צו היים, צו טאַטע־מאַמע האָט געקענט אַזוי קלאָר זינגען דאָס ביטערע געזאַנג פון אויסגעוואָרצלט־קייט און אַזוי העל אָנווייזן, אַז „די בריק פון טאַטן צום זון איז גאָר דער טשעק״. איך לייען ווידער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל די וווּנדערבאַרע פּאָעמע הערי שעילפן און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער „איכה״ פון כמעט אַלע ייִדן אין די נייע היימען. און דער דיכטער בייזערט זיך ווייניק, ער רעדט דאַכט זיך אַזוי ווייך:

גייט אַוועק אַ מענטש פון הויז,
און ווייסט, אַז קיינעם לאָזט ער נישט אין הויז,
ווייסט אַ מענטש
אַז אויפן וועג פון אָרטשאַרד סטריט צו ריווערסייד
האָט ער פאַרלוירן זיך
און ווייב און קינד.
פאַרלוירן דורות הינטער זיך
און דורות פאַר זיך.
פילט אַ מענטש, אַז וועגט פון אייגן הויז
זענען זיינע שונאים
און אויגן שטעכן אים.
שרייט אַ מענטש צו זיך אַליין:
גאָרנישט, קיינער וועט נישט הערן.
איז ווידער דאַך דאָס אייגענע:

יעקב באָטאָשאַנסקי

אַ מענטש אָן אָפּגעריסענער,
אַ בוים אָן וואָרצלען
און צווייגן — פרעמדע, דאַרע שטעכיקע.

וויפל טאַטעס איןביידע אַמעריקעס קענען זאָגן, אַז זייערע קינדער זע־נען נישט פאַר זיי קיין צווייגן פרעמדע, דאַרע און שטעכיקע?

אין אַ נישט־פאַסיקער צייט איז ער געבוירן געוואָרן, אפרים אויערבאַך. ער איז אַליין אַ שטיק רויִקער סטעפּ, אין זיין געזאַנג הערט זיך דאָס בלע־קערצן פון אַ שאָף, זיין בלוט איז שוימענדיק, אַזוי ווי די פינע־מילך פון דער זשיאָנער קו, זיינע מענטשן זענען שטיקער נאַטור, אַ מענטש האָט ביי אים צו מאָל אַ פּנים, ווי אַ בליִענדיק שטיק „נאַטיור מאָר", דיליידנשאַפטן פון זיינע מענטשן זענען אַזוי נאַטירלעך, ווי די ליידנשאַפטן פון בלומען. און ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ צייט, ווען דאָס בלוט ביים מענטש שרייט, ווען מענטשן און טראַדיציעס ווערן אויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט. ער האָט מיט זיינע אויגן געזען, ווי הונדערטער טויזנטער בעסאַראַבישע ייִדן האָבן זיך גע־מוזט אויסרייסן פון זייער איינגעוואָקסנקייט און וואַנדערן. ער אַליין האָט אויך געוואַנדערט, פון בעסאַראַביע אויפן באַלקאַן, דערנאָך קיין פּאַלעסטינע, פון ארץ־ישראל קיין נאָרד־אַמעריקע. און אומעטום האָט ער געטראָפן אויס־געוואָרצלטע מענטשן. אַרום אים איז גאָרנישט פאַראַן קיין אָרגאַנישקייט, קיין נאַטור, הוילע פרעמדקייט, הוילע ציוויליזאַציע. דרייט ער זיך אַרום טאַקע אַ פרעמדער אין גרויסן ניו־יאָרק. ער האָט מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן:

— פאַר מיר איז ניו־יאָרק קיין פּלאַץ נישט. ראַטנפאַרבאַנד וואָלט פאַר מיר געווען אַ פּלאַץ.

— אָבער דו ביסט דאָך סענטימענטאַל — האָב איך אים געזאָגט. — דו קענסט דאָך נישט גיין אין שפּאַן. אין דיין סעריע לידער „אַז אַ מענטש איז מיד" האָסטו דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו קענסט נישט „פון ווייט דערהערן דעם רוף פון רויטן איבערבוי", ווייל דו ביסט אַ מידער, וואָס שלעפּט קוים אויף זיך די טעג און נאָר יעסעניִנס לידער דערפירן דיך אַ מאָל צום שטילן ברעג. טאָ ווי זשע קומסטו צו קענען גיין דאָרט אין שפּאַן?

— דאָרטן — האָט מיר אויערבאַך געענטפערט — וועט נישט אייביק הערשן פּאָליטיק. דאָרט גייט אויף שוין אויך אַ נאַטירלעך ייִדיש לעבן און איך האָב ליב צו הערן ווי עס וואַקסט. מאַמע מיינע, ווי איך הער דאָס געזאַנג פון וואַקסן און ווי איך האָב דאָס ליב צו הערן...

און אויערבאַך האָט מיר שוין גערעדט לאַנג, לאַנג וועגן געזאַנג און וועגן דעם, וואָס פּאָעזיע דאַרף זיין געזאַנג און איז עס נישט. זיינע בלויע

אויגן האָבן געשיינט ווי קאַרבונקל־שטיינער אין פעלד, אַזאַ גרויסער און אויס־געזען האָט ער ווי אַ צעשיינט קינד.

— ביי אונדז האָט מען דאָך פאַרגעסן, אַז פּאָעזיע דאַרף זיין געזאַנג. ביי אונדז שרייט מען, ביי אונדז חקירהט מען. איניקע גאַליציאַנער האָבן צו אונדז אַריינגעבראַכט אַזאַ פּאַפּירענע חקירה. און די היסטערישע געשרייען פאַרטויבן פשוט.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדט נישט דער רייפער דיכטער אפרים אויערבאַך, נאָר דאָס יינגל פרויקע לאַזער שוחטס און ער זינגט מיר אַריין אין די אויערן:

פרויקע לאַזער שוחטס האָט געטרונקען
פינע מילך פון זשיאַנעס אייטער
און די פרייד אין זיינע אָדערן
האָט געשפּילט ווי ווין,
שפּילעוודיקער רויטער שוים.

און פּונקט ווי זיין טאַטע, וואָס אים איז די נשמה אויסגעגאַנגען נאָך אַ וואָלעד, האָט געמוזט זיין אַ שוחט און געמוזט קוילען „ווייסע, כשרע טייבע־לעך" און ער איז געוואָרן בייז און שטעכיק, פּונקט אַזוי מוז דער זון אויך נישט זינגען דאָס געזאַנג פון דער נאַטור און נישט הערן דאָס דאָזיקע גע־זאַנג, אָבער ער קען נישט ווערן בייז און שטעכיק, ווערט ער מיד. און אים דאַכט זיך, אַז ער איז „אויסגעוויילט צו טראָגן יעדנס גורל, ווער ס'איז מיד", און ער זינגט צו אַלע:

נו, לייג אַוועק די שאַרף פון דיינע רייד
מיין קעניגרייך איז לויטער רו און פרייד,
איך האָב פאַר דיר אַ ווינקל צוגעגרייט,
ווייל דו, אַזוי ווי איך, ביזט מיד, ביזט מיד.

די מידקייט אויערבאַכס איז אַזוי צו זאָגן אַ הומאַניטאַרע, שטאַמט פון באַטירלעכער ליבע. פאַראַן אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט דעם העברעישן דיכ־טער מ. ז. פייערבערג. אַז איך לייען אויערבאַכס „רויטן פאָדעם", איך לייען די געראַנגלענישן פון זיין טאַטן מיט דער שחיטה און זיינע אייגענע קאָש־מאַרן פון בהמהשן און עופישן בלוט, וואָס זיין טאַטע האָט פאַרגאָסן, דאַכט מיר, אַז איך לעב איבער מיין טאַטנס און מיינע אייגענע קאָשמאַרן (איך בין

איך אַ שוחטס אַ זון) און מיר דאַכט זיך, אַז איך לייען מ. ז. פייערבערגס „קעלבל" מיט אַ נייעם ניגון...

אפרים אויערבאַך מוז האָבן אַ געזונט לעבן און געזונטע מענטשן. זיין פּאָעמע „אברהם בן זכר" איז אַ דערגרייכונג, איז — האָט ה. לייוויק געזאָגט — אין אַ היפּשער מאָס פּושקיניש. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער העלד איז אַ געזונטער נאַטור־מענטש, איז אַליין אַ שטיק נאַטור, אים איז

גרינגער צו קלעטערן אויף בערג,
ווי אָפּזאָגן אַלע תפילות אינעם סידור „נוסח ספרד".

דער חכם קלאַפּט אַריין דעם דאָזיקן קאַווקאַזער, אָדער באַרג־מענטש, אַז זיין נאָמען איז הייליק און די אַלע, וואָס טראָגן דעם נאָמען אברהם דאַרפן הייליק זיין, אָבער — „דאָס בלוט, ווי הייסע ריטשקעס פּלייצט אין די אָדערן" און דער הייסער אָטעם פון דער פּרוי איזמאַילאַ איז ווי דאָס פייער פון אַ ווולקאַן. אברהם בן זכר זינדיקט, אָבער זיין זינד איז ווי אַ געזאַנג, ווי דער שטורעם פון אַ ווולקאַן... אברהם בן זכר פאַרט קיין פּאַלעסטינע זיך אויס־לייזן פון די זינד, טרעפט דאָרט אַ גר אַ רוס, וואָס הייסט היינט אברהם בן אברהם מיט זיין ווייב רבקה, וואָס האָט אין קאַלוגע געהייסן וואַרוואַראַ, האָט אַמאָל געוווּסט, אַז יונגע פּויערים קראַפּירן נאָך איר לייב און אין פּאַלעסטינע איז זי אַזאַ עלנטע. און אין אַ פאַרנאַכט בלייבן אַליין די ביידע קרעפּטיקע און קערפּערלעכע, וואָס מוזן גייסטיק ווערן, וואָס דאָס יידישקייט האָט זיי „אַנט־קערפּערט" און בעת אברהם צעזינגט זיך, צעוויינט זיך רבקה. דאָס געזאַנג איז אַ זינדיקס. אויב „אברהם" איז „אָבינו", איז דאָך „רבקה" „אמנו"...

אברהם בן זכר איז באמת אַ פּאָעמע, וואָס זאָגט עדות, אַז אפרים אויער־באַך דאַרף האָבן אַ געזונט, נאַטירלעך לעבן, בכדי צו קענען זיך אויסלעבן און איבערהויפּט אויסזינגען.

אפרים אויערבאַך איז פון די ערשטע און קאָנסעקווענטסטע יידישיסטן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז אַ נאַטור־מענטש. קיין שום שפּראַך איז דאָך ביי יידן נישט אַזוי נאַטירלעך, ווי יידיש. אָט ווי ער זאָגט עס אַליין אין זיין ליד „יידיש":

פאַר מיר ביסטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמיש פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
איך הער אין לויטערקייט פון דיינע רייד,
מיין מאַמעס פּשוט, כשר האַרץ וויברירן.
דער שמיד האָט דיך געהאַמערט רינג און קייט,

די דינסטמויד האָט געזונגען דיך אויף טירן,
געזעל האָט דיך גענומען אויפן פעלד שפּאַצירן
אין שפּיל פון זומערדיקן רעגן־שפּיי.

און ווען פּרויקע אויערבאַך זינגט צו יידיש:

איך האָב אַ בונד מיט דיר פאַרשניטן דיך צו שמידן
אין פערזן בייגיקע פאַר הארטפּאַשנע יידן
צו זינגען יידיש ווען יידן, ווען זיי —

איז עס נישט קיין פּראָזע און נישט קיין פּאָזע. עס איז נאַטור.

און אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער ליבע צו יידיש, האָט ער זיך דערנענטערט צו ה. לייוויק און נישט נאָר, וואָס ער אַרבעט מיט אים האַנט ביי האַנט און אַקסל ביי אַקסל אין דער ניו־יאָרקער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, נאָר ער דינט אים אויך פּערזענלעך געטריי, כאָטש לייוויק איז אַ ליטוואַק און זיין טרויער איז „מער שטעכיקער, ווי סטעפּיקער״. אַ בשותּפותדיקע ליבע קען פאַראייניקן די פאַרשיידנסטע מענטשן.

אפרים אויערבאַך זאָגט אויף זיך:

איך האָב אַריינגעזונגען אין דער שטאָט
מיין ערדיק פויעריש טראָט,
אַריבער דעכער האָב איך אויסגעשפּרייט
די פליגלען פון מיין פעלדער־פרייד.

אָבער דער פויערישער טראָט פאַרלירט זיך אין שטאָט און געבענטשט וועט זיין דער דאָרפישער יידישער ישוב, וואָס וועט אַריינבעמען צו זיך פּרויקע לאָזער שוחטס פון בעלז. פּרויקע וועט האָבן וואָס צו זינגען און דער ישוב וועט האָבן געזאַנג.

דעם זונס רעצענזיע וועגן דער טאָכטערס לידער

זינט אַ פּאָר וואָכן ליגט אויף מיין טיש אַ בוך, וועגן וועלכן די רעצענזיע וואָלט איינגנטלעך געדאַרפט שרייבן נישט איך, נאָר מיין כמעט זיבניאָריקער זון. אָנגעשריבן דעם בוך האָט מיין פריינט, דער דיכטער אפרים אויערבאַך פּאַר זיין זעקס־יאָריקער טאָכטער, און ווי ער דערציילט אין זיינע „עטלעכע ווערטער״ צום שלוס פון בוך, זענען די לידער נישט זיינע, נאָר

טאַקע דער טאָכטערס. „וואָרעם — שרייבט ער — איך האָב ביי איר גענומען די בילדער און די איינפאַלן"; טאָ ווער זשע זאָל שרייבן די רעצענזיע וועגן אַ בוך פון און פאַר אַ זעקס־יאָריקער טאָכטער פון אַ דיכטער, אַז נישט דער זיבן־יאָריקער זון פון אַ קריטיקער?

דאָס בוך, וועגן וועלכן איך שמועס, הייסט „אַדאָס לידער־בוך". אָנגעשריבן האָט עס, ווי געזאָגט, אפרים אויערבאַך פאַר זיין קליינער טאָכטער און טאַקע לויט אירע „איינפאַלן און בילדער". דער מחבר איז איבערצייגט, אַז „יעדער קינד שאַפט אין זיין אייגענעם וועלטל", נאָר ס'איז נישטאָ דער דערוואַקסענער, וואָס זאָל עס פאַרצייכענען, איבערפורעמען און עס צוריק ברענגען דעם קינד אין אַ דערציילערישער פאָרעם". צי מיר האָבן דאָ טאַקע צו טאָן מיט קינדערישער שאַפונג, צי דעם מחבר האָט עס נאָר אַזוי זיך אויסגעדאַכט, איז אַ פראַגע פאַר קינדער־פסיכאָלאָגן, אָבער זיכער איז, אַז מיר האָבן דאָ לידער, וואָס זענען זייער נאָענט דעם וועלטל פון די גאָר קליינע יאָטן און זיי וועלן פון אונדזער קליינוואַרג אויפגענומען ווערן מיט פרייד, ווייל אַזעלכע לייכטע, צאַרט־לירישע און טיילווייז הומאָריסטיש שפּילעוודיקע לידער פאַר קינדער ביז דעם עלטער פון אַכט־ניין יאָר, זענען פאַראַן ביי אונדז זייער ווייניק.

אפרים אויערבאַך האָט נישט געזוכט צו לערנען די טאָכטער מיט „אירע" לידער, נאָר זי צו פאַרוויילן און דערפרייען און אויך די אַנדערע קינדער, וואָס וועלן די לידער לייענען, וועלן זיך פון זיי גאָרנישט לערנען און וועלן זיך נאָר פרייען מיט זיי. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ מעלה, אָבער אויך אַ שטיקל חסרון. אין תוך אַריין זעען אַפילו די קלענסטע קינדער נישט אַזוי שטיל, אידיליש די וועלט, ווי אויערבאַך וויזט זי פאַר זיי. אַז מען הערט זיך צו צו די קשיהס, וואָס די קלענסטע קינדער שטעלן, איבערצייגט מען זיך, אַז זיי איז נישט אַלץ קלאָר און גלאַטיק. קינדער שטעלן אַ סך קשיהס וועגן דעם למאי אייניקע זענען רייך און די אַנדערע זענען אָרעם, און אין אַדאָס לידער־בוך ווערט גאָר אויף איין פּלאַץ גערעדט וועגן אַ שטוב, ווו ס'הערשט הונגער און קעלט. און אויך אין אָט דעם ליד ענדיקט זיך דער ענין צו־גלאַטיק. אין ליד „זון און קינד אויפן ווינט" פליט דאָס קינד אינאיינעם מיט דער זון אויפן ווינט און קומט אָן צו אַ שטוב, „וואָס איז פול מיט פראָסט און קעלט" און זיי וואַרפן אַראָפּ צו דער שוועל וואַרעמע שיין, און די מאַמע שעפּט די שיין און זאָגט צו די קינדער: „נאַט אייך וואַרעמקייט און לעבט", און ווען דאָס קינד הערט, ווי עס שרייט אַרויס דער הונגער פון דער שטוב, טרייבט עס די זון, די זון טרייבט דעם ווינט.

— 6 —

שלום אַשם נייעסטע צוויי דראַמען

אייגנטלעך האָט שלום אַש אין די לעצטע דריי יאָר אָנגעשריבן נייע דריי דראַמען: „קוילן", „רבי ד״ר זילבער" און „יוסף", אָבער וועגן „יוסף" האָב איך שוין גערעדט אין קאַפּיטל וועגן די ביבלישע פּיעסן. וועגן „קוילן" האָב איך בשעתו אָנגעשריבן אַ רעצענזיע (אין „די פּרעסע" פון 28־טן נאָוועמבער 1928) און די דאָזיקע לייענער, וואָס האָבן אַ גוטן זכרון, וועלן מיר מוחל זיין, אויב זיי וועלן דאָ טרעפן כמעט דאָס זעלביקע. איך האָב איצטער ווידער דורכ־געשטודירט די דערמאָנטע דראַמע און איך האָב — מסכים געווען מיט מיינע מיינונגען פון צוריק מיט קאַרגע אָנדערהאַלבן יאָר. דאָס געשעט אַזוי זעלטן... אַ סך מאָל איז מען נישט מסכים מיט דער אייגענער מיינונג אַפילו פון היינט...

י. ל. פּרץ האָט אַ נאָמען געגעבן אַן אַרטיקל איבער שלום אַשן „אַש" און האָט עס אָנגעהויבן מיט די ווערטער (לערך) „נישט אויסגעלאָשן אַש נאָר שלום אַש, וואָס פלאַמט כסדר אויף און ברענט". מיר דערפילן דעם אמת פון די דאָ־זיקע ווערטער אַ סך מאָל. אָט דוכט זיך, איז שוין „חסל סידור אַש", אָפּגע־פלאַמט, אויסגעפלאַמט און שוין טאַקע געוואָרן אַש און אָט צעפלאַקערט ער זיך און ברענט ווידער... ס'איז נאָר אַ פּאַרדרוס, וואָס ער צינדט זיך אָן און ברענט צו פיל געטער און געצן (און אפשר פלאַמט ער אַזוי שטאַרק, ווייל ער האָט אַ סך גלויבנס) אָבער ער ברענט און דערוואַרעמט...

„קוילן" הויבט זיך אָן ריעאַליסטיש. דער ערשטער אַקט איז אַ לעבנס־בילד, מיר זעען פאַר זיך פויערים פון פאַרשידענע לענדער און נאַציעס, וואָס זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן קיין אַמעריקע, זענען געוואָרן קוילנגרעבער און בענקען נאָך אַ שטיקל ווייכער מיסטיקער ערד. די אַלטע פּאָליאַטשקע זאַסלוטשאַ פּרוווט זיך אַפילו זאָגן: „וואָס איז דער חילוק פון וואָס דו ציסט דיין חיונה, פון דער זאַנג, אָדער פון דער קויל? דאָס איז נישט דיינס און יענץ איז נישט דיינס. און די קויל איז אַזאַ גאָטס באַשעפעניש ווי די זאַנג, ביידע קומען זיי פון דער ערד, אָבער איר מאַן דער פּאָטער סעווערין זאָגט: „אַרבעטנדיק אין פעלד ביי דער זאַנג האָסטו גאָטס הימל איבער זיך, ביי דער קויל אָבער זעסטו קיין זאַך נישט, נאָר די קויל און די נאַכט און עס דוכט זיך, אַז דו דינסט נישט צו גאָט, נאָר צום טייוול" און אַזוי טראַכטן אַלע שאַכטיאָרן פון אַרום. זיי חלומען פון אָפּשפּאָרן געלט און אַהיים פאָרן, אָבער דער פּעדלער (אַ מין קוועג־טעניק) חזקאל (אַ ייִד) זאָגט, וואָס ס'ליגט ביי אַמעריקע אין מויל, ווען שוין

נישט אַרויסנעמען, נישטאָ וואָס צו מאַכן״, און ער זאָגט צום איטאַליענער טאָני, וואָס וויל אַהיים פאָרן, ווייל זיין שכן איז געשטאָרבן און ער קען ביליק אָפּקויפן זיין ווייגאָרטן: נישט איין מאָל שוין געהערט דעם זעלבן שפּרוך. געזען מענטשן, וואָס קומען פון כינע, טערקיי, פון אונדזערע מקומות און אַלע האָבן זיי געזונגען דאָס זעלביקע לידל: אַנזאַמלען געלט אויף אַן אייגן פעלד, אויף אַן אייגענעם גאָרטן און אָט ליגן זיי אַלע אונטער די מינעס באַגראָבן״. און ווען דאָס מיידל ווערושקאַ, וואָס האַלט ביי אַ כלה ווערן, קומט אַריין מיט אַ ביסל שוואַרצע ערד, וואָס זי האָט געפונען, ווערט אַ רייסערייי איבער דעם, דער גרעק בעט אים לאָזן כאָטש אַ שמעק טאָן און ווערושקאַ האָט מורא, אַז „עס וועט אויסגעוועפּט ווערן״... אַזוי זענען די נאַטור־מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער פרוכטבאַרער ערד און אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף קוילן...

אין צווייטן אַקט איז דאָס בילד נאָך אויך רעאַל. די געוועזענע פויערים אַרבעטן ביי די קוילן און שרעקן זיך פאַר זיי. אַנטאָן זאָגט, אַז מען ווייסט נישט, צי די קוילן קומען „פון גאָט צי פון טייוול״ און אַלע דערציילן מעשיות וועגן די „קוילן קעניגס״, וואָס ווערן געשטערט אין זייער רו, ווערן בייז און פאַרשיטן די קוילן־גריבער. (אָט אַזוי שאַפן זיך אַבערגלויבערישע לעגענדעס). שלום אַש האָט אונטערגעהערט נאָר די געדאַנקען פון די שאַכטיאָרן אָבער נישט זייער לשון, די שפּראַך ריידן זיי כסדר שלום אַשס. אמת, שלום אַש יכולט, ער האָט אַ שיינע שפּראַך, אָבער ביי אַנטאָנען, סלושן און אַנדערע פויערים און פויער־טעס אין מויל, קלינגט די דאָזיקע שפּראַך אַביסל פאַלש און נישט איבער־צייגנדיק.

ס׳קומט צו אַ פאַרשיטונג... עס הויבט זיך אָן אַ פּאַניק, מען וויל זיך נע־מען שלאָגן, שטופּן, אָבער דער העלד זייצעוו לאָזט נישט. ער האַלט, אַז גע־ראַטעוועט דאַרף ווערן נאָר דער דאָזיקער, וואָס וועט נישט אויסגעבן די ענער־גיע. אָט ווי ער גיט דאָס צו פאַרשטיין: „גיט אַ געלעגנהייט דאָרט אויבן אַדורכ־צוגעבערן זיך צו אונדז, זיי רייסן זיך צו אונדז, דאָס ווייב, דאָס קינד און דער פריינט, דער קאַמעראַד, זיי רייסן זיך צו אונדז ווי מיר צו זיי, דורך דעם, זאָג איך אייך, האַלט איין די כוחות״. אָבער זיי שלאָגן זיך אַלץ און ווילן דורכ־בויערן די וואַנט. זייצעוו גענליגט די שאַכטיאָרן איינצושטילן מיט אַ מעשה וועגן דעם, אַז ס׳איז נישט ווייט פאַראַן אַ לאַנד מיט ערד מיט בלומען און ברויט און אַלע לאָזן זיך פאַרוויגן אין חלום און ווערן פּאַסיוו.

אין דריטן אַקט, ווערט די דראַמע פאַרוואַנדלט אין אַ מיסטעריע. דאָס רעאַלע פאַרשווינדט, די בינע פילן אָן פערזאָניפיצירונגען פון קוילן־עלעמענטן,

ווי: אַנטראַציט, קאָך קוילן, טאָרף, אַסיד, גריפּל, דימענט קויל, עלעקטרישע קראַפט און אומדערפאָרשטע קראַפט. דער גאַנצער אַקט דערמאָנט אַביסל אין מעטערלינקס „בלויען פויגל" און אַ ביסל אין אַלטן „שיר היחוד", ווו ס'ווערן איבערגעגעבן די תפילות פון אַלע חיות, בהמות און עופות... עס זענען פאַראַן אינטערעסאַנטע בליצן אין די שמועסן צווישן די אויסגערעכנטע שטאָפן און דער הויפּט געדאַנק, אַז זיי גייען חתונה האָבן און פון דער חתונה קומט די פאַרשיטונג, איז אַ שיינער, אוטאָפּיש אַשישער, אָבער אין גאַנצן מאַכט די מיסטעריע נישט קיין איינדרוק.

דער פערטער אַקט איז שוין אַ געמיש צווישן מיסטעריע און רעאַליזם. די פאַרמאַטערטע שאַכטיאָרן האָבן זיך געלאָזט איינריידן פון זייצעוון אין זיין מעשה וועגן ערד און זיי דערזעען שוין אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע אַ גע־בענטשט פעלד מיט תבואות און ברויט.

זייצעוו נעמט שרייען, אַז דאָס איז נאָך נישט דאָס צוגעזאָגט לאַנד, ס'האָט קיין הימל נישט, אָבער זיי ווילן אים נישט הערן, זיי „עסן" און „טרינקען" און „לעבן" מיט די ווייבער, וואָס דערשיינען פאַר זייערע אויגן... דער געדאַנק איז אַביסל צעשוומען: לכתחילה מיינט מען, אַז דאָס קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די דאָזיקע, וואָס ווילן זיך אומקערן צו דער ערד; שפּעטער גיט מען זיך ערשט אָפּ חשבון, אַז דער זין איז אַן אַנדערער, די מאַסע האָט זיך צופיל פאַרגליבט אין זייצעווס מעשה, געוואָרן פּאַסיוו, זיך נישט געוועדט קעגן טויט און אומגע־קומען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געוועדט איז געווען גראָד — זייצעוו. און ווען די דרויסנדיקע האָבן זיך דערשלאָגן צו דער שאַכטע האָבן זיי גע־טראָפן אַלע טויט און נאָר זייצעוו האָט אין זיך געהאַט לעבן.

די פּיעסע, וואָס איז אין די ערשטע צוויי אַקטן פּייער און קוילן, ווערט אין די לעצטע צוויי אַקטן: אַש און קוילן... אַש קאָן נישט אָנשרייבן קיין מיסטע־ריע, ער קאָן גיין אויף דער ערד, די וועגן פון די הימלען זענען אים פרעמד. — אין רעזולטאַט האָבן מיר:

אַ דראַמע מיט אַ שטאַרקן אָנהויב און אַ שוואַכן סוף...

פאַראַן אויך אַ פּינטעלע איד אין דער דראַמע „קוילן".

שלום אַש ברענגט איראָניש אַ גרעק מיט אַ טערק, וואָס שלאָגן זיך ביי די קוילן איבער דעם, צו וועמען עס געהערט קאָרפּו. און ער ברענגט אַ ייִדן אויך: דעם פּעדלער חזקאל. ביי יעדן אַנדערן וואָלט דאָס געשמעקט מיט אַביסל אַנטי־סעמיטיזם, ביי שלום אַשן ווערט חזקאל אַ שטיק לויב געזאַנג צום קליינעם סוחר. אָבער אין דעם סאַמע תמצית איז דער ייִד, וואָס האָט נישט ווהין אַהיימ־צופאָרן און האָט אַלע לענדער ביי זיך אין פּאַק (כל המינים נאַציאָנאַלע סחורות)

אַ טרויעריקער פּינטל פון אומנאַטירלעכקייט און אויסגעוואַרצלטקייט. ווען דער פֿאַטער סעווערין קריגט זיך מיט זייצעוון למאַי ער האָט געגנבעט בלומען, זאָגט דער ייִד חזקאל: „איבער וואָס איז זיך דאָ צו קריגן, איבער אַ צווייגל אַ פֿאַר־דאַרטס, היינט לעבט עס און מאָרגן איז עס טויט. איך וועל אייך פֿאַרקויפֿן בלו־מען, וואָס ווערן קיין מאָל נישט פֿאַרטריקנט" און ער נעמט אַרויס פּויערישע שאַלעכלעך באַבלומטע...

שלום אַש פֿאַרענטפֿערט דעם ייִדן, באַזינגט אים, אָבער טרויעריק איז ער פֿאַרט. עס וואָלט געווען ווייניקער טרויעריק ווען ער אַרבעט אין שאַכטע גלייך מיט אַלע און קומט נישט פֿאַרקויפֿן קיין באַבלומטע טיכלעך. כאָטש — ס'וואָלט נאָך בעסער געווען אַלע זאָלן פֿאַרלאָזן די שאַכטעס.

אין „רבי ד"ר זילבער", אָדער ווי די פּיעסע האָט געהייסן, ווען זי איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „צוקונפֿט" — „רעווערענד ד"ר זילבער", האָט שלום אַש זיך צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָגן אין דער סביבה פֿון די האַלב יאַהודימשע אַריסטאָקראַטן. אָבער ער גיט די סביבה קוים קוים, ער גיט נישט די גאַנצע סטאַדע, נייערט נאָר דעם פֿאַסטוך פֿון דער סביבה. ער ווייזט אונדז אַ ראַבאַי פֿון די דאָזיקע געלט־זעק, דעם ראַבינער ד"ר זילבער. דער דערמאָנ־טער איז אונדז לכתחילה פֿרעמד, טשיקאַווע און עקזאָטיש. עס איז גאָר נישט ווי קיין רבי, נאָר ווי עפּעס אַ פּריסטער... אַזוי ריידן די פּריסטערס ביי איב־סענען און ביי אַ סך אַנדערע איראָפּעיִשע דראַמאַטורגן און ראָמאַניסטן. און נישט נאָר דער רבי רעדט אין דער דאָזיקער שפּראַך, נאָר אויך זיין מוטער. ווען ד"ר זילבער וויל זיך עפּעס אויסטענה'ן מיט זיין פֿרוי און בעט זיין מוטער זי זאָל זיי לאָזן אַליין, זאָגט די מוטער: „איך בין דאָ צו פֿאַרטרעטן דעם צד פֿון גאָט"... וואַרשיינלעך זענען שוין אין ניו יאָרק פֿאַראַן — „אידישע גלחים". מיר האָבן קיין שום מאָטיוו נישט צו דענקען, אַז שלום אַש האָט די דאָזיקע מענטשן אויסגעטראַכט.

אָבער, אַז מיר באַפֿרייען זיך פֿון דער עקזאָטישקייט פֿון די פֿאַרשוינען, שלאָגן מיר זיך אָן אויף אַ זייער אַלטן און באַקאַנטן קאָנפֿליקט צווישן מאַן און ווייב. דער אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער דראַמע איז אַזאַ: דער רעווערענד ד"ר זילבער האָט חתונה געהאַט פֿאַר דעם רייכן מיידל קלאַראַ, בעת זי איז געווען אַביסל אַ פֿאַרדעכטיקטע פֿון דער „געזעלשאַפֿט" און איז שיר נישט אַרויס־געשטויסן געוואָרן. רעווערענד זילבער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט צו קלאַראַן געשטרעקט די אָרעמס און זי האָט זיך אין זיי אַריינגעוואָרפֿן, אָבער ליב געהאַט האָט זי אים נישט. נאָך דער חתונה האָט קלאַראַ געקריגן אַ געליבטן, דער מוזיקער רובינשטיין, ד"ר זילבער איז צו נאַיִוו ער זאָל דאָס באַמערקן;

אָבער ד״ר זילבערס מוטער באַמערקט דאָס יאָ און טרייבט איר זון צו שטרייטן מיט זיין פרוי און זי פאַרלאָזן. קלאַראַ איז זיך כמעט מודה פאַר זילבערן, אָבער אין אַזאַ פאָרם, אַז זילבער בלייבט מיט דער אילוזיע, אַז זי איז געטריי. דער ראַבינער בעט זיך ביי איר ממש אויף דער (פאַלשער) אילוזיע. קלאַראַ דער־וויטערט זיך דאַן פון מוזיקער און לעבט אַ סקוטשנע לעבן פון אַ געפאַנגענעם פויגל. ד״ר זילבער פילט די איינזאַמקייט פון זיין פרוי און ברענגט אין שטוב אַריין דעם מוזיקער רובינשטיין. דאָס קאָן שוין די מוטער נישט פאַרליידן און צווינגט די שנור מיט איר געליבטן צו אַ קאָנפראָנטאַציע. קלאַראַ איז זיך מודה אין אַלץ און פאַרלירט איר מאַנס הויז. אין אַ יאָר אַרום קערט זיך קלאַראַ אום אין דער זעלביקער שטאָט. איר געליבטער האָט זי פאַרלאָזט. און אפשר אויך אַנדערע געליבטע... דער רעוועראַנד לויפט אַהיים ברענגען זיין פרוי, כאָטש די מוטער דראָעט אים צו פאַרלאָזן און פאַרלאָזט אים טאַקע. זילבער ברענגט אַהיים קלאַראַן, רופט זי „מזל מיינס״, קניט פאַר די ליידן פון אירע זינד, וואָס לייטערן. און דאָ קומט אָן די מוטער מיט די הויפּט באַלעבאַטים פונם טעמפּל, וואָס פאַרלאַנגען, אַז דער רעווערענד זאָל זיך אָדער אָפּזאָגן פון זיין זינדיקער פרוי, אָדער אָפּזאָגן פון דער סינאַגאָגע. עס קומט צו אַ שאַרפער דיסקוסיע און אין משך פון דער דאָזיקער צייט באַגייט קלאַראַ זעלבסטמאָרד...

פאַראַן אַ באַשטימטע אָנצוהערעניש, אַז דער פאַקט, וואָס ד״ר זילבער איז אַ מענטש פון גייסט, זיין פרוי קערפּערלעך נישט באַפרידיקט און דאָס איז די סיבה, וואָס טרייבט זי אין די אָרעמס פון אַן אַנדער מאַן; אָבער דאָס גייט אַוועק אויפן צווייטן פּלאַן. דער הויפּט־געדאַנק פון דער פּיעסע איז, אַז זינד איז קיין... זינד נישט, איז ליידן, און מ׳דאַרף נישט נאָר מוחל זיין אויף זינד, נאָר קניען פאַר איר... ד״ר זילבער האָט קודם כל אַ הומאַניטאַרישע באַציִונג צו די זינ־דיקע. ווען די מוטער דראָעט אים, אַז זי וועט אַוועקגיין פון אים, אויב ער וועט צוריק ברענגען זיין פרוי, זאָגט ער: „דו (ס׳הייסט די מוטער — י. ב.) האָסט די אַכטונג פון דער גאַנצער וועלט, זי איז נאַקעט און בלויז. אַלע טירן זענען אָפן פאַר דיר — פאַר איר שטייט די וועלט פאַרשלאָסן. ווו דו וועסט קומען וועט דיר אַנטקעגנגיין: רחמנות, כבוד און לויב; איר — אַכזריות, שאַנד און שפּאָט״. און ער קלויבט אויס דאָס באַליידיקטע ווייב, נישט די געהויבענע מוטער. ער איז משיג, אַז די באַציִונג פון דער „געזעלשאַפט״ צי די זינדיקע שטאַמט נישט פון קיין ריינע קוואַל. ער זאָגט צו קלאַראַן: „דו ביסט נישט ערגער פון זיי. זיי לעבן מיט פוסטע גאַוההדיקע רייד, וואָס אַלטע לייט האָבן געשריבן פאַר זיי — מיט אויסגעלאָשענע תורות, טויטע מאָראַלס און פוסטע נאַרישע עטיקס, וואָס האָבן געמאַכט אויס זיי שלעכטע און ווילדע. די בלאָנדזשענדיקע שדים וואָקלען

זיך מיט שאַרפע נעגל איבער דער וועלט. קוקן נאָר אויס, אַז איינער זאָל זיך אויסגליטשען און אַנשטאָט אַ הילף, אַ רוף — איז טייוואָליש געלעכטער, וואָס לעבט אין זייער האַרץ״... די ליבע האָט אים דערפירט צו הומאַניטאַריזם און דער הומאַניטאַריזם צו רעוואָלט קעגן דעם קלאַס, וואָס ער דינט און קעגן דער עטיק, וואָס ער אַליין פּרעדיקט.

עס איז געשען מיט ד״ר זילבער, וואָס עס איז געשען מיט אַ סך בורזשואַזע און אַריסטאָקראַטישע פּערזענלעכקייטן ביי איבסען, פּשיבישעווסקי, אָקטאַוו מירבאָ א״אַנד.; ער איז געוואָרן אַ רעוואָלטירער קעגן דער בירגערלעכער מאָראַל און עטיק. די פּיעסע ענדיקט זיך מיט אָט־אָ די ווערטער זילבערס: „די שוואַכע קענט איר נאָך פאַרפירן, די שטאַרקע וועלן אייער פאַלשע געביידע איבער אייערע קעפּ וואַרפן, און גיין ווייטער״... און מיר פרעגן זיך: ווהין ווייטער וועט גיין ד״ר זילבער? נישט קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע מאַכן, ער זעט נאָר די שלעכטע מאָראַל, ער זעט אָבער נישט פון וואַנען זי שטאַמט. ער וועט גיין מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן דער עטיק און מסתמא פּרעדיקן דאָס זעלביקע, וואָס ער זאָגט צו די סינאַגאָגע יידן: „ווייסט איר וואָס איז זינד? זענט איר דעמאָלט געווען אין מענטשלעך האַרץ און געווייטיקט זיין ווייטיק? האָט איר זיך דורכגעקוילערט מיט אים דורך אַלע בערג און לעכער פון מענטשנס אומרויקן וואַרפן זיך ביז איר האָט געפונען אין גרוב, וואָס הייסט זינד. עס איז נישט קיין זינד, וואָס מיר, מענטשן, זאָלן קענען זינדיקן. נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ; און דאָס דאָזיקע האָבן דאָך שוין געפּרעדיקט אַלע העלדן פון דער ניצשעאַנער ליטעראַטור ביי איבסען, הויפּטמאַן, פּשיבישעווסקי און אָקטאַוו מירבאָ... שלום אַש ברעכט זיך דאָ פאַקטיש אין אַן אָפענער טיר און אַנטדעקט לאַנג אַנטדעקטע אַמעריקעס...

און קלערנדיק אַזוי צו שלום אַשס לעצטן דראַמאַטישן העלד, צו ד״ר זילבער, קומט אויפן זינען זיין כמעט ערשטער דראַמאַטישער העלד יעקל שאַפּשאָוויטש... פאַראַן אַ שייכות צווישן די דאָזיקע צוויי. ביידע האָבן געבן זיך זינד. ד״ר זילבער האָט דאָס זינדיקע ווייב, יעקל שאַפּשאָוויטש — זיין זינדיקע טאָכטער. שאַפּשאָוויטש האָט אַרום זיך הוילע זינד, זילבער — הוילע עטיק, פון דעסטוועגן איז דער לעצטער אַלצדינג מוחל און דער ערשטער — נישט, ווייל דער ערשטער איז הוילער אינסטינקט און דער לעצטער — הוילער שכל און פאַרנונפט. קומט שאַפּשאָוויטש אום דורך די ליידן און זילבער ווערט געבענטשט דורך די ליידן, געפינט אין זיי אַ זין.

שלום אַש האָט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבן נאָר מיט אינסטינקט, מיט צעשטורעמטע, צעברויזטע געבליטן און געפילן, מיט זינגענדיקן

גוף און מיט ליידנדיקן גוף, היינט האָט ער דערגרייכט צום דורכברענענדיקן און דורכלייכטערדיקן געדאַנק. אָבער קערפּערלעך איז ער געווען אַ גרויסער קינסטלער. געדאַנקלעך איז ער דערווייל אַ מיטלמעסיקער קינסטלער. ד״ר זילבער רעדט שיין, אָבער ער זאָגט געדאַנקען אַלטע און באַקאַנטע. ער גיט קיין איין אויסערגעוויינלעכן בליץ נישט; איך האָב מורא, אַז וואָס שלום אַש וועט זיך טיפער אַריינלאָזן אין דער פילאָזאָפיע, אַלץ מערער וועט ער פאַרלירן זיין אורקראַפט און אַלץ באַנאַלער וועט ער ווערן...

איין טרייסט האָב איך: שלום אַש האָט זיך כסדר געראַנגלט צווישן קוילער־געסל און צווישן „די הויכע פענצטער״, ער האָט כסדר געשטרעבט צו דער אַריסטאָקראַטיע, אָבער ער האָט געזען אירע לעכערלעכקייטן (אין „יורשים״, „יחוס״, „לאַנדסמאַן״). אין אַמעריקע האָט ער פאַר דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיע געקריגן דרך־ארץ. ער האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע אַריסטאָקראַטיע האָט אַן אינהאַלט אין לעבן (דאָס קומט איבערהויפּט צום אויסדרוק אין „חיים לע־דערערס צוריקקערן״). אין זיין לעצטער דראַמע האָט ער דערפילט, אַז אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט איז נישט גלאַטיק, איז פויל, די פיינע אַריסטאָקראַ־טישע גייסטער רעוואָלטירן קעגן דעם גאַנצן לעבנס־אינהאַלט פון זייער קלאַס. און פון אינדיווידואַליסטישן רעוואָלט צו רעאַלן איז פאַר דער וועלט־מלחמה געווען אַ גרויסער מהלך, היינט נישט. שלום אַש קאָן זיך דאָ ווידער אומקערן צו זיינע רויע מענטשן, ביי וועלכן ער איז אין דער היים און ביי וועלכע ער קומט צום פולסטן אויסדרוק. „גאָט פון נקמה״ האָט אָנגעשריבן נאָר איין שלום אַש און „רבי ד״ר זילבער״ האָבן שוין אָנגעשריבן הונדערטער מחברים, אָנ־הויבנדיק פון די וואַנגעליסטן... אין „גאָט פון נקמה״ איז דאָ פליייש, בלוט, לעבן און אין „רבי ד״ר זילבער״ — פּאַפּיר און פּאַפּיר. און שלום אַש איז צום וויניקסטן אַ פּאַפּירענער...

אפרים אויערבאַך

יונגערהייט אַ ליכטיק פּנים,
אויגן בלויע, ווי דער סטעפּ
האָר, ווי אויסגעגילדטע זאַנגען
און געוואַקסן — פלעכט נאָר צעפּ.

אָט אַזוי שילדערט אפרים אויערבאַך דעם פּאַסטוך טימאָפעי. ווי מאָדנע ענלעך ער אַליין איז צו זיין פּאַסטוך טימאָפעי. זעען זעט ער אויס ווי אַ באַרג. איך בין דוכט מיר נישט קיין שיפּע זיבעלע. אָבער פון אויערבאַכן וואָלט מען אין דער ברייט געקאָנט מאַכן צוויי אַזעלכע ווי איך און אין דער לענג אויך אַנדערטהאַלבן און כאָטש ער זעט אויס ממש ווי אַ באַרג, האָט ער אין אויסדרוק עפּעס פון אַ קינד, אַ ריז און אַ קינד. די אויגן זיינע זענען טאַקע בלוי, ווי דער סטעפּ. דער טשערנאָוויצער מאַלער אַרטור קאָלניק האָט אפ־רים אויערבאַך אויסגעמאָלן אַזוי גאָלדן־בלוי, אַז מען זעט אָן אַ שטיק פאַר־חלומטן סענטימענטאַליזם.

ער איז דוכט מיר דער בעסאַראַבישסטער צווישן די בעסאַראַבישע. ער איז שוין מסתמא אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר אין ניו יאָרק און עס האָט זיך צו אים קיין שטיקל גרויסשטאָט נישט צוגעטשעפּעט. ער זיצט אַלע טאָג אין רעדאַקציע פון אַ גרויסער מאָרגנצייטונג און שרייבט נייעס, ער פילט ווי אין זיינע „פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט", ער איז

„אַ נעץ פון דראָטן,
אַ פולס פון טויזנט פולסן,
אַ סעיסמאָגראַף פון וועלטס געלאָף",

אָבער ער איז פרעמד צו דעם אַלעמען; זיין נשמה און אַפילו זיין גוף (אויף וויפל ער קאָן זיך טראַנספאָרמירן) איז ערגעץ נעבן בעלץ, ווו די זומערן זענען —

פּאַסן פאַרביקע אויף סטעפּעס,
טעג מיט אָפּגעברענטע ברעגן,
נעכט, וואָס שפּרינגען איבער בערג.

יעקב באַטאָשאַנסקי

ברויטן — רויטע האָר —
אויף דער ברוסט פון שוואַרצער ערד.
קאָסעס שניידן שטיקער זון,
זאַנגען פאַלן ווי די טויבן.

מיט זיינע אויערן הערט אפרים אויערבאַך ביז היינט נישט דעם מע־טאַלענעם קלאַנג פון שטורמישן ריטם פון דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, ער הערט עד־היום די פאַרניאַלע און דעם וואַלד, פונקט ווי זיין טאַטע לאָזער שוחט, האָט אויך ער

אַ זינגענדיקע, פריילעכע נשמה,
וואָס גייט אויס נאָך אַ וואַלד.

ער איז פאַרבליבן ביז היינט אַ בעסאַראַבער. אין זיין שיינער אידילישער פּאָעמע „אַ ייִד פון ברשאַד״, זאָגט ער:

אַז אַלע מרדכים קאָנען הייסן מאָטל,
צי מאָטקע, מאָטעס, אָדער מאָנעס
איז מרדכי דער טליתניק מרדכי,
דער איינציקער אין בעלז אַ מרדכי.

ער געהערט נישט צו די דאָזיקע, וואָס הייסן מרדכי, און אויב ער חתמעט אפרים, איז דאָס, ווייל מיר האָבן אַלע געהאַט אַ נאַרישע באַציִונג צו די איי־גענע היימישע נעמען אונדזערע און פון איציק, פרויקע, יאַנקל איז ביי אונדז געוואָרן יצחק, אפרים, יעקב. פאַר שלום־עליכמען איז אַפילו שלום געווען צו אָפּיציעל... אפרים אויערבאַך איז נישט קיין בערשאַדער, ער איז אַ בעלזער און הייסט פרויקע. זיין ערשטע ליבע איז געווען אַ קעלבעלע מיט רויטע פלעקן און „וייכע הערנערלעך, ווי שפּראָצן אויף אַ פרילינג־בוים״. קינדווייז איז אים אין שטעטל דער ליטווישער מלמד פרעמד געווען און ווען דער מלמד האָט פאַרזוכט דעם אמתן בעסאַראַבער ווין און ער האָט זיך צע־ווינט און געזאָגט: „יין גפן״, „ממש ווי אין חומש״, איז דער טרויער זיינער געווען פרעמד פרויקען, ווייל —

ס׳איז זיין טרויער נישט קיין סטעפּיקער,
נאָר אַ שטעכיקער
פון אַן אָפּגעריבן בעזעמל.

דער ליטוואַק קוקט אין דער ווייט, ווו עס איז דאָ זיין ליטוואַטשקע און ווו ס׳זענען דאָ זיינע זיבן ליטוואַקלעך און ער איז פרויקען פרעמד.

גאָר אַן אַנדער ווייט, אַ פינצטערע
און די ווייטן, פרויקעס ווייטן
זענען ליכטיקע געווען.

און ווען אפרים אויערבאַך האָט שוין אַלס דערוואַקסענער געטראָפן אין ניו־יאָרק דעם קאַפּרעשטער הערשל חלפן, וואָס הייסט דאָרט שוין הערי שעילפן, האָט ער אים געזען מיט שדים אין האַרץ און געזאָגט, אַז ער איז —

באַוואַקסן מיט האָב און גוטס,
ווי אַ קרעציקער מיט ווונדן.

נאָר אַ בעסאַראַביש איינגעוואָרצלט, אַ צוגעקלעפּטער צו היים, צו טאַטע־מאַמע האָט געקענט אַזוי קלאָר זינגען דאָס ביטערע געזאַנג פון אויסגעוואָרצלט־קייט און אַזוי העל אָנווייזן, אַז „די בריק פון טאַטן צום זון איז גאָר דער טשעק”. איך לייען ווידער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל די ווונדערבאַרע פּאָעמע הערי שעילפן און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער „איכה” פון כמעט אַלע ייִדן אין די נייע היימען. און דער דיכטער בייזערט זיך ווייניק, ער רעדט דאַכט זיך אַזוי ווייך:

גייט אַוועק אַ מענטש פון הויז,
און ווייסט, אַז קיינעם לאָזט ער נישט אין הויז,
ווייסט אַ מענטש
אַז אויפן וועג פון אָרטשאַרד סטריט צו ריווערסייד
האָט ער פאַרלוירן זיך
און ווייב און קינד.
פאַרלוירן דורות הינטער זיך
און דורות פאַר זיך.
פילט אַ מענטש, אַז ווענט פון אייגן הויז
זענען זיינע שונאים
און אויגן שטעכן אים.
שרייט אַ מענטש צו זיך אַליין:
גאָרנישט, קיינער וועט נישט הערן.
איז ווידער דאָך דאָס אייגענע:

יעקב באַטאַשאַנסקי

אַ מענטש אַן אַפּגעריסענער,
אַ בוים אַן וואָרצלען
און צווייגן — פרעמדע, דאַרע שטעכיקע.

וויפל טאַטעס אין ביידע אַמעריקעס קענען זאָגן, אַז זייערע קינדער זע־נען נישט פאַר זיי קיין צווייגן פרעמדע, דאַרע און שטעכיקע?

אין אַ נישט־פאַסיקער צייט איז ער געבוירן געוואָרן, אפרים אויערבאַך. ער איז אַליין אַ שטיק רויקער סטעפּ, אין זיין געזאַנג הערט זיך דאָס בלע־קערצן פון אַ שאָף, זיין בלוט איז שוימענדיק, אַזוי ווי די פּינע־מילך פון דער זשיאַנער קו, זיינע מענטשן זענען שטיקער נאַטור, אַ מענטש האָט ביי אים צו מאָל אַ פּנים, ווי אַ בליענדיק שטיק „נאַטיור מאָר״, די ליידנשאַפטן פון זיינע מענטשן זענען אַזוי נאַטירלעך, ווי די ליידנשאַפטן פון בלומען. און ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ צייט, ווען דאָס בלוט ביים מענטש שרייט, ווען מענטשן און טראַדיציעס ווערן אויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט. ער האָט מיט זיינע אויגן געזען, ווי הונדערטער טויזנטער בעסאַראַבישע יידן האָבן זיך גע־מוזט אויסרייסן פון זייער איינגעוואָקסנקייט און וואַנדערן. ער אַליין האָט אויך געוואַנדערט, פון בעסאַראַביע אויפן באַלקאַן, דערנאָך קיין פּאַלעסטינע, פון ארץ־ישראל קיין נאָרד־אַמעריקע. און אומעטום האָט ער געטראָפן אויס־געוואָרצלטע מענטשן. אַרום אים איז גאָרנישט פאַראַן קיין אָרגאַנישקייט, קיין נאַטור, הוילע פרעמדקייט, הוילע ציוויליזאַציע. דרייט ער זיך אַרום טאַקע אַ פרעמדער אין גרויסן ניו־יאָרק. ער האָט מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן:

— פאַר מיר איז ניו־יאָרק קיין פּלאַץ נישט. ראַטנפאַרבאַנד וואָלט פאַר מיר געווען אַ פּלאַץ.

— אָבער דו ביסט דאָך סענטימענטאַל — האָב איך אים געזאָגט. — דו קענסט דאָך נישט גיין אין שפּאַן. אין דיין סעריע לידער „אַז אַ מענטש איז מיד״ האָסטו דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו קענסט נישט „פון וויַיט דערהערן דעם רוף פון רויטן איבערבוי״, ווייל דו ביסט אַ מידער, וואָס שלעפּט קוים אויף זיך די טעג און נאָר יעסעינינס לידער דערפירן דיך אַ מאָל צום שטילן ברעג. טאָ ווי זשע קומסטו צו קענען גיין דאָרט אין שפּאַן?

— דאָרטן — האָט מיר אויערבאַך געענטפערט — וועט נישט אייביק הערשן פּאָליטיק. דאָרט גייט אויף שוין אויך אַ נאַטירלעך יידיש לעבן און איך האָב ליב צו הערן ווי עס וואַקסט. מאַמע מיינע, ווי איך הער דאָס געזאַנג פון וואַקסן און ווי איך האָב דאָס ליב צו הערן...

און אויערבאַך האָט מיר שוין גערעדט לאַנג, לאַנג וועגן געזאַנג און וועגן דעם, וואָס פּאָעזיע דאַרף זיין געזאַנג און איז עס נישט. זיינע בלויע

אויגן האָבן געשיינט ווי קאַרנבלימעלעך אין פעלד, אַזאַ גרויסער און אויס־געזען האָט ער ווי אַ צעשיינט קינד.

— ביי אונדז האָט מען דאָך פאַרגעסן, אַז פּאָעזיע דאַרף זיין געזאַנג. ביי אונדז שרייט מען, ביי אונדז חקירהט מען. איניקע גאַליציאַנער האָבן צו אונדז אַריינגעבראַכט אַזאַ פּאַפּירענע חקירה. און די היסטערישע געשרייען פאַרטויבן פּשוט.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדט נישט דער רייפער דיכטער אפרים אויערבאַך, נאָר דאָס יינגל פרויקע לאָזער שוחטס און ער זינגט מיר אַריין אין די אויערן:

פרויקע לאָזער שוחטס האָט געטרונקען
פינע מילך פון זשיאַנעס אייטער
און די פרייד אין זיינע אָדערן
האָט געשפּילט ווי וויין,
שפּילעוודיקער רויטער שוים.

און פּונקט ווי זיין טאַטע, וואָס אים איז די נשמה אויסגעגאַנגען נאָך אַ וואָלעך, האָט געמוזט זיין אַ שוחט און געמוזט קוילען „ווייסע, כשרע טייבע־לעך" און ער איז געוואָרן בייז און שטעכיק, פּונקט אַזוי מוז דער זון אויך נישט זינגען דאָס געזאַנג פון דער נאַטור און נישט הערן דאָס דאָזיקע גע־זאַנג, אָבער ער קען נישט ווערן בייז און שטעכיק, ווערט ער מיד. און אים דאַכט זיך, אַז ער איז „אויסגעוויילט צו טראָגן יעדנס גורל, ווער ס'איז מיד", און ער זינגט צו אַלע:

נו, לייג אַוועק די שאַרף פון דיינע רייד
מיין קעניגרייך איז לויטער רו און פרייד,
איך האָב פאַר דיר אַ ווינקל צוגעגרייט,
ווייל דו, אַזוי ווי איך, ביזט מיד, ביזט מיד.

די מידקייט אויערבאַכס איז אַזוי צו זאָגן אַ הומאַניטאַרע, שטאַמט פון באַטירלעכער ליבע. פאַראַן אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט דעם העברעישן דיכ־טער מ. ז. פייערבערג. אַז איך לייען אויערבאַכס „רויטן פאָדעם", איך לייען די געראַנגלענישן פון זיין טאַטן מיט דער שחיטה און זיינע אייגענע קאָש־מאַרן פון בהמהשן און עופישן בלוט, וואָס זיין טאַטע האָט פאַרגאָסן, דאַכט מיר, אַז איך לעב איבער מיין טאַטנס און מיינע אייגענע קאָשמאַרן (איך בין

אויך אַ שוחטס אַ זון) און מיר דאַכט זיך, אַז איך לייען מ. ז. פייערבערגס „קעלבל״ מיט אַ נייעם ניגון...

אפרים אויערבאַך מוז האָבן אַ געזונט לעבן און געזונטע מענטשן. זיין פּאָעמע „אברהם בן זכר״ איז אַ דערגרייכונג, איז — האָט ה. לייוויק געזאָגט — אין אַ היפּשער מאָס פּושקיניש. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער העלד איז אַ געזונטער נאַטור־מענטש, איז אַליין אַ שטיק נאַטור, אים איז

גרינגער צו קלעטערן אויף בערג,
ווי אָפּזאָגן אַלע תפילות אינעם סידור „נוסח ספרד״.

דער חכם קלאַפּט אַריין דעם דאַזיקן קאַווקאַזער, אָדער באַרג־מענטש, אַז זיין נאָמען איז הייליק און די אַלע, וואָס טראָגן דעם נאָמען אברהם דאַרפן הייליק זיין, אָבער — „דאָס בלוט, ווי הייסע ריטשקעס פלייצט אין די אָדערן״ און דער הייסער אָטעם פון דער פרוי איזמאַילאַ איז ווי דאָס פייער פון אַ ווולקאַן. אברהם בן זכר זינדיקט, אָבער זיין זינד איז ווי אַ געזאַנג, ווי דער שטורעם פון אַ ווולקאַן... אברהם בן זכר פאַרט קיין פּאַלעסטינע זיך אויס־לייזן פון די זינד, טרעפט דאָרט אַ גר אַ רוס, וואָס הייסט היינט אברהם בן אברהם מיט זיין ווייב רבקה, וואָס האָט אין קאַלוגע געהייסן וואַרוואַראַ, האָט אַמאָל געוווּסט, אַז יונגע פּויערים קראַפּירן נאָך איר לייב און אין פּאַלעסטינע איז זי אַזאַ עלנטע. און אין אַ פאַרנאַכט בלייבן אַליין דיביידע קרעפּטיקע און קערפּערלעכע, וואָס מוזן גייסטיק ווערן, וואָס דאָס יידישקייט האָט זיי „אָנט־קערפּערט״ און בעת אברהם צעזינגט זיך, צעוויינט זיך רבקה. דאָס געזאַנג איז אַ זינדיקס. אויב „אברהם״ איז „אָבינו״, איז דאָך „רבקה״ „אמנו״...

אברהם בן זכר איז באמת אַ פּאָעמע, וואָס זאָגט עדות, אַז אפרים אויער־באַך דאַרף האָבן אַ געזונט, נאַטירלעך לעבן, בכדי צו קענען זיך אויסלעבן און איבערהויפּט אויסזינגען.

אפרים אויערבאַך איז פון די ערשטע און קאָנסעקוועַנטסטע יידישיסטן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז אַ נאַטור־מענטש. קיין שום שפּראַך איז דאָך ביי יידן נישט אַזוי נאַטירלעך, ווי יידיש. אָט ווי ער זאָגט עס אַליין אין זיין ליד „יידיש״:

פאַר מיר ביסטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמיש פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
איך הער אין לויטערקייט פון דיינע רייד,
מיין מאַמעס פשוט, כשר האַרץ וויברירן.
דער שמיד האָט דיך געהאַמערט רינג און קייט,

די דינסטמויד האָט געזונגען דיך אויף טירן,
געזעל האָט דיך גענומען אויפן פעלד שפּאַצירן
אין שפּיל פון זומערדיקן רעגן־שפּיי.

און ווען פּרויקע אויערבאַך זינגט צו ייִדיש:

איך האָב אַ בונד מיט דיר פאַרשניטן דיך צו שמידן
אין פערזן בייגיקע פאַר האַרעפאַשנע ייִדן
צו זינגען ייִדיש וועגן ייִדן, וועגן זיי —

איז עס נישט קיין פּראָזע און נישט קיין פּאָזע. עס איז נאַטור.

און אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער ליבע צו ייִדיש, האָט ער זיך דערנענטערט צו ה. לייוויק און נישט נאָר, וואָס ער אַרבעט מיט אים האַנט בײַ האַנט און אַקסל בײַ אַקסל אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט, נאָר ער דינט אים אויך פּערזענלעך געטריי, כאָטש לייוויק איז אַ ליטוואַק און זיין טרויער איז „מער שטעכיקער, ווי סטעפּיקער". אַ בשותפותדיקע ליבע קען פאַראייניקן די פאַרשיידנסטע מענטשן.

אפרים אויערבאַך זאָגט אויף זיך:

איך האָב אַריינגעזונגען אין דער שטאָט
מיין ערדיק פּויעריש טראָט,
אַריבער דעכער האָב איך אויסגעשפּרייט
די פליגלען פון מיין פעלדער־פרייד.

אָבער דער פּויערישער טראָט פאַרלירט זיך אין שטאָט און געבענטשט וועט זיין דער דאָרפישער ייִדישער ישוב, וואָס וועט אַריינגעמען צו זיך פּרויקע לאָזער שוחטס פון בעלז. פּרויקע וועט האָבן וואָס צו זינגען און דער ישוב וועט האָבן געזאַנג.

דעם זונס רעצענזיע וועגן דער טאָכטערס לידער

זינט אַ פּאָר וואָכן ליגט אויף מיין טיש אַ בוך, וועגן וועלכן די רעצענזיע וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט שרייבן נישט איך, נאָר מיין כמעט זיבניאָריקער זון. אָנגעשריבן דעם בוך האָט מיין פריינט, דער דיכטער אפרים אויערבאַך פאַר זיין זעקס־יאָריקער טאָכטער, און ווי ער דערציילט אין זיינע „עטלעכע ווערטער" צום שלוס פון בוך, זענען די לידער נישט זיינע, נאָר

טאַקע דער טאַכטערס. „וואָרעם — שרייבט ער — איך האָב ביי איר גענומען די בילדער און די איינפאַלן"; טאָ ווער זשע זאָל שרייבן די רעצענזיע וועגן אַ בוך פון און פאַר אַ זעקס־יאָריקער טאַכטער פון אַ דיכטער, אַז נישט דער זיבן־יאָריקער זון פון אַ קריטיקער?

דאָס בוך, וועגן וועלכן איך שמועס, הייסט „אַדאָס לידער־בוך". אָנגעשריבן האָט עס, ווי געזאָגט, אפרים אויערבאַך פאַר זיין קליינער טאָכטער און טאַקע לויט אירע „איינפאַלן און בילדער". דער מחבר איז איבערצייגט, אַז „יעדער קינד שאַפט אין זיין אייגענעם וועלטל", נאָר ס'איז נישטאָ דער דערוואַקסענער, וואָס זאָל עס פאַרצייכענען, איבערפורעמען און עס צוריק ברענגען דעם קינד אין אַ דערציילערישער פאָרעם". צי מיר האָבן דאָ טאַקע צו טאָן מיט קינדערישער שאַפונג, צי דעם מחבר האָט עס נאָר אַזוי זיך אויסגעדאַכט, איז אַ פראַגע פאַר קינדער־פסיכאָלאָגן, אָבער זיכער איז, אַז מיר האָבן דאָ לידער, וואָס זענען זייער נאָענט דעם וועלטל פון די גאָר קליינע יאָטן און זיי וועלן פון אונדזער קליינוואַרג אויפגענומען ווערן מיט פרייד, ווייל אַזעלכע לייכטע, צאַרט־לירישע און טיילווייז הומאָריסטיש שפּילעוודיקע לידער פאַר קינדער ביז דעם עלטער פון אַכט־ניין יאָר, זענען פאַראַן ביי אונדז זייער ווייניק.

אפרים אויערבאַך האָט נישט געזוכט צו לערנען די טאָכטער מיט „אירע" לידער, נאָר זי צו פאַרווילן און דערפרייען און אויך די אַנדערע קינדער, וואָס וועלן די לידער לייענען, וועלן זיך פון זיי גאָרנישט לערנען און וועלן זיך נאָר פרייען מיט זיי. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ מעלה, אָבער אויך אַ שטיקל חסרון. אין תוך אַריין זענען אַפילו די קלענסטע קינדער נישט אַזוי שטיל, אידיליש די וועלט, ווי אויערבאַך וויזט זי פאַר זיי. אַז מען הערט זיך צו צו די קשיהס, וואָס די קלענסטע קינדער שטעלן, איבערצייגט מען זיך, אַז זיי איז נישט אַלץ קלאָר און גלאַטיק. קינדער שטעלן אַ סך קשיהס וועגן דעם למאי אייניקע זענען רייך און די אַנדערע זענען אָרעם, און אין אַדאָס לידער־בוך ווערט גאָר אויף איין פלאַץ גערעדט וועגן אַ שטוב, וווּ ס'הערשט הונגער און קעלט. און אויך אין אָט דעם ליד ענדיקט זיך דער ענין צו־גלאַטיק. אין ליד „זון און קינד אויפן ווינט" פליט דאָס קינד אינאיינעם מיט דער זון אויפן ווינט און קומט אָן צו אַ שטוב, „וואָס איז פול מיט פראָסט און קעלט" און זיי וואַרפן אַראָפּ צו דער שוועל וואַרעמע שיין, און די מאַמע שעפּט די שיין און זאָגט צו די קינדער: „נאָט אייך וואַרעמקייט און לעבט", און ווען דאָס קינד הערט, ווי עס שרייט אַרויס דער הונגער פון דער שטוב, טרייבט עס די זון, די זון טרייבט דעם ווינט.

ליענישער ייִד שד״ל (שמואל דוד לוצאַטאָ), וואָס איז צווישן די משכילים געווען אפשר דער איינציקער, וואָס האָט געבויט אויף געפיל־ייִדישקייט. ר׳ מעכל פרישער, אַ הויכער, אַסקעטיש־שטרענגער איז געווען דעם רמב״מס אַ חסיד. דעם מחברס פּאָטער, ווידער, האָט געהאַלטן מיט שד״לן. ביידע ייִדן זענען געווען, ווי מען דאַרף פאַרשטיין, פרומע משכילים. (וועגן זיין פּאָטער דערציילט ביקל, אַז ער איז אין דער יוגנט געווען מער משכיליש און אויף דער עלטער האָט ער זיך אומגעקערט מער צו פרומקייט). דער מחבר גיט נישט איבער בלויז די געדאַנקען פון זיינע צוויי העלדן, נאָר אויך זיינע רייד. דער עיקר איז פאַר אים, זעט מען, טאַקע די געדאַנקען. די עצם־דיסקוסיע פאַראינטערעסירט אים און ער ווערט אייגנטלעך אויך אַ צד און זאָגט אויך אַרויס אַ מיינונג וועגן דעם, צי די השגחה איז חל אויך אויף די פּראָסטע מענטשן, די עמי־הארצים, צי בלויז אויף די דאָזיקע, וואָס שטייען אויף אַ העכערער מדרגה פון חכמה און הכרת־הבורא. אָבער אַזוי ווי ס׳איז ביים מחבר דער עיקר די מחשבה, ברענגט ער אַרויס אַ דיאַלאָג צווישן די צוויי העלדן און ער גיט זיי ביידן צו ריידן זיין, דעם מחברס, שפּראַך. דער פּאָטער זאָגט און די ווערטער זענען טרעפלעכע:

„איז דען געמאָלט אַ גרעסערע שטראָף פאַר אַ מענטשן, ווי אויס־שליסן אים פון השגחה פּרטית? און פאַרוואָס קומט אַ מענטשן אַ שטראָף און אַזאַ האַרבע דערצו, אויב זיין חטא איז אומשכלדיקייט און זיין פאַרברעך איז, וואָס ער איז בלינד?״

און אָט איז אַ רעפּליק פון ר׳ מעכלען:

„...ווי אין חיצוניות פון גוף, אַזוי אויך אין פּנימיות פון שכר און פון מידות זענען פאַראַן הויכע, מיטעלע און נידעריקע פון גע־שטאַלט. און דאָס דרויסנדיקע איז לאו דווקא גלייך מיטן אינעווי־ניקסטן פון מענטשן, נאָר אַ סך מאָל דער היפוך דערפון״.

ביידע העלדן, דער טאַטע מיט די מילדע אויגן און דער שטרענג־אַס־קעטישער ר׳ מעכל ריידן איין שפּראַך, וואָס איז לומדיש־משכיליש און — מאָדערנע ייִדיש.

דאָס בוך הייסט „דריי ברידער זענען מיר געווען״, נאָכן נאָמען פון דעם קאַפּיטל, וואָס ברענגט אַ תמציתדיקע כאַראַקטעריסטיק פון מחבר און זיין ייִנגערער ברודער אליעזר. דער ייִנגסטער ברודער, וואָס הייסט משולם, ווערט בלויז דערמאָנט און עס ווערט וועגן אים בלויז געזאָגט, אַז ער איז פאַרבליבן אין רומעניע און ער שטראָפט דאָרט זיך אַליין. דער ברודער אלי־

עזר, וואָס איז געווען אַ מעדיקער און אַ פילאָסאָף, איינער פון די וויכטיקסטע תלמידים פון קאָנסטאַנטין ברונער, איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכ־קייט, אַן אָנהענגער פון ברונערס אַסימילאַציע־שיטה. ער האָט געהאַלטן, אַז דער כאַראַקטעריסטישער יידישער נביא איז געווען יונה, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו שטראָפן נינווה, ס'הייסט: צו פאַרשפּרייטן יידישקייט צווישן גויים. נאָך דער גרינדונג פון מדינת־ישראל, איז אליעזר ווייטער געבליבן ביי זיינע אַסימילאַציע־געדאַנקען פאַר דעם גלות. ער האָט געהאַלטן אָבער, אַז „ווען ברונער זאָל געווען דערלעבן דעם אויפקום פון מדינת־ישראל, וואָלט ער דאָס דאָזיקע געשעעניש, וואָס איז נייטיק געווען דורך דער אויסוואָרצלונג פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעיִשן יידנטום און וואָס די נייע היסטאָרישע קאָנסטע־לאַציע האָט עס מעגלעך געמאַכט, באַגריסט מיט פרייד". אליעזר איז אויך געשטאָרבן. דער פאָטער האָט אים גערופן — „דער נביא פון נינווה"; משו־לעמען האָט ער גערופן — „דער געפּאַנגענער ביי עמלקן". ער איז דאָרט געב־בליבן געפאַנגען. געבליבן איז — צו לאַנגע יאָר — ביים לעבן און אויף דער־פריי דער מחבר אַליין און ער איז באַרופן ממשיך צו זיין דעם גאַנג פון זיין טאַטן, כאָטש ער האַלט, אַז ער קען דאָס דאָזיקע נישט באַווייזן, וויל ער האָט אינאיינעם מיט זיין דור אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון מצוות־מעשיות און אַז „נאָר אָט דער שווערער עול קען געבן אַ יידן אַ ביסעלע יידישע פרייהייט אין דער פרייהייט פון עמאַנציפּאַציע". און דער פאַקט, וואָס ער איז געבליבן איינער אַליין ממשיך צו זיין מיט ליבשאַפט דעם גאַנג פון זיין שטאַם, באַ־ריכטיקט דעם נאָמען פון ביקלס נייסטן בוך. בעצם וואָלטן, נאָך אָט דעם פאַקט נאָך און צוגאַנג, אַלע זיינע ווערק געקענט הייסן „דריי ברידער זענען מיר געווען"...

דער טייל, וואָס הייסט „מיט משפּחה", פאַרנעמט עפּעס מער ווי אַ פערטל בוך. אָבער דער דאָזיקער טייל ווערט דער צענטער. דורך די פינף נישט־גרויסע קאַפּיטלען פון אָט־דעם טייל און דורך דעם אַריינפיר, וואָס הייסט „טשערנאָוויץ" באַקענען מיר זיך מיטן מחברס אינטערעסאַנטן אָפּשטאַם. טייל־ווייז האָבן מיר אים געקענט פון דעם בוך „אַ שטאָט מיט יידן". אָבער אין „דריי ברידער זענען מיר געווען" ווערן אונדזערע ידיעות פאַרטיפט. ביקל שטאַמט פון אַ באמת זייער אינטערעסאַנטער משפּחה פון דענקענדיקע מענטשן און סקעפּטיקער. דער פאָטער האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן באַקערט צו סענטימענטאַליזם, אָבער ער איז געקומען צו דעם דורך עמאָציע. אויך שלמה ביקל אַליין קומט דורך דעם געדאַנק צום געפיל. ביקל האָט פאַראייביקט זיין משפּחה און ער האָט דערמיט דערפילט אי אַ משפּחה־חוב, אי אַ כלל־חוב,

עכ איז אַ משפּחה, וואָס האָט געדאַרפט און איז ווערט געווען פּאַראייביקט צו ווערן.

אויך די טיפּן־גאַלעריע, וואָס ביקל ברענגט אין די פינף קאַפּיטלען פון דעם טייל „ייִדן אין דאָרף" זענען ווערט געווען פּאַראייביקט צו ווערן סיי עסייאיסטיש, סיי קינסטלעריש. כאַסקל משיח, דעם אינטערעסאַנטסטן פון דער דאָזיקער גאַלעריע, האָבן מיר שוין דערמאָנט. אַוורום דער שענקער, אַ פּראָסטער ייִד, אַן אָרעמער און נישט־געלערנטער, וואָס ווערט אויסגעוויילט צו זיין פאָרשטייער פון די אָרעמע פויערים אין דאָרף־ראַט, ווייל ער איז פון דער נאַטור אַ חשובער און אָרנטלעכער מענטש; לייזער דער חסיד, אַ זון פון אַ פּראָסטן ייִד, וואָס שטאַרבט אויס מורא פאַר דעם רבין, ווערט דווקא אַ חשוב און היימישער אין צוויי רבייִשע הייף און אַ חסידישער מעשה־דערציי־לער; די צוויי שיינע ייִדן מנשה האַבסבורגער און נתן האַבסבורג, וואָס זענען דער טיפּישסטער אויסדרוק פון עסטרייכישן פּאַטריאָטיזם; לייזער גוי, דער ייִד מיטן גוייִשן אויסזען און די ייִדישע געפילן, וואָס ווערט, מסתמא איבער זיין גוייִשן אויסזען, נכשל אין אַ קליינער גנבה, וואָס פאַרשאַפט אים און דעם גאַנצן אַרום גרויסע יסורים און וואָס וויינט ביי די קינות אויך אויף דעם איי־גענעם חורבן; הערשל וועטעראַן, וואָס איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער מלחמה פון 1818 און דערציילט שטענדיק אַ מעשה וועגן דער שלאַכט אין באָסניע און איז געבליבן מיט אַ סאָלדאַטסקן אויסזען און ער זוכט כסדר צוהערער פאַר זיין מעשה און ער וואַנדערט פון ייִדן אין קלויז צו להבדיל גויִים אין שענק און צוריק; אַט־די אַלע העלדן און פאַרשווינען און זייערע נאָענטע ברענ־גען מיט זיך גאָר עפּעס נייעס, כאָטש דאָס שטעטל און דאָס דאָרף זענען אין אונדזער ליטעראַטור שוין באַשריבן געוואָרן פון אַלע זייטן.

דער לעצטער טייל, וואָס הייסט „מיט אַנדערע", באַשטייט פון זיבן פאַר־שידענע זאַכן. אין דער „באַלאַדע פון מיין חבר שמאַי" פּרוווט זיך ביקל צו אַ געוואַגטן געדאַנק, אַז דער אינטערעסאַנטער דיכטער־אָנפאַנגער שמאַי מאַנגער איז געוואָרן אויס דיכטער מיטן זעלביקן פאַמיליע־נאָמען — איציק מאַנגער, וואָס איז אפשר אויך שמאַיס אַ ווייטער קרוב. דער עצם דיבוק־גע־דאַנק איז פּראָבלעמאַטיש, אָבער דער נישט־געוואָרענער דיכטער שמאַי מאַנ־גער וואַקסט אויס ווי אַ העלד פון אַ באַלאַדע און אַ דראַמע; „אַלץ שטייט אין דער תורה" איז אַ פּאַראַדאָקסאַלע שילדערונג פון צוויי טיפּן, מעכעלע חיות פון קאָלאָמיי און עפּעס אַ ייִד פון ארם צובא, וואָס געפינט זיך אין אַ מילכיקן רעסטאָראַן אויף עסעקס־סטריט, אויף דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק.ביידע ייִדן ברענגען אַרויס זייערע טשיקאַווע אמתן דורך נאָך מער טשיקאַווע גי־

מטריאות און נוטריקון פון פסוקים; „דער רומענישער בערנע" איז אַ פיינע עסיי וועגן דעם רומעניש־ייִדישן זשורנאַליסט, דעם משומד און בעל־תשובה העגריק שטרייטמאַן; „איינער פון דריי" איז אַ סענטימענטאַלע כאַראַקטעריס־טיק פון דעם טשערנאָוויצער ציון־פירער ד"ר מאיר עבנער, מיט וועמען בײ־קל — ווי אויך דער מחבר פון אָט די שורות — איז אין דער יוגנט געווען שטאַרק מחולק און מיט אים געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק. גאָר אינטערעסאַנט איז „דער קבר פון אומבאַקאַנטן ייִד", וואָס ברענגט פון איין זייט אַ באַשול־דיקונג קעגן אַמעריקאַנער ייִדן פאַר זייער גלייכגילטיקער באַציִונג צו די ייִדן אין אייראָפּע בעת דעם גרויסן אומגליק און וויזט, אַז אין אַמעריקע גופא זענען אויך געווען אייגזאַמע ייִדן. „אתה הראת אין מאַריופּאָל" איז אַ דערציילונג וועגן מחברס פּראַווען אַ שמחת־תורה אין דער שטאָט מאַריופּאָל ביים אַזאָווישן ים, ווו ער איז געווען אינאיינעם מיט נאָך ייִדישע אָפיצירן אין קירהס אָקופּאַציע־אַרמיי. געווען צווישן זיי איינער אַ יאָסעלע, וואָס האָט שטענדיק געזעדט פאַרבענקט וועגן שמחת־תורה און מען האָט אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „יאָסעלע אתה הראת". מען האָט יאָסעלען מכבד געווען מיט אתה הראת אין דער בעל־מלאכהשער שול פון מאַריופּאָל און די דאָר־טיקע ייִדן זענען געווען זיכער, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ באַרימטער רבי אין גאַליציע. זיי האָבן אים געענטפערט, אַז זיין טאַטע איז אַ פּשוטער קרע־מער אין גאַליצישן באַרג־שטעטל און זיין „אתה הוראת" איז בלויז איין פּלעמל פון צווישן די גרויסע פלאַמען פון ייִדישקייט, וואָס האָבן געוואַרעמט די יאָרן פון אונדזער יוגנט אין דעם ייִדישן לאַנד גאַליציע".

גאָר אַן אינטערעסאַנטע זאַך אין אָט דעם טייל איז „הוגאָ גראַציוס און דער ווישניצער רבי". דער מחבר שילדערט אַ ווישניצער ייִדן מעם אַלף, וואָס איז אַ לעבן־לאַנג געווען אַ חסיד פון דעם האָלענדישן געלערנטן און הו־מאַניסט, דעם עלטערן בן־דור פון ספּינאָזאַן און פון ווישניצער רבין. ביי הוגאָ גראַציוסן האָט ער געשאַרפט זיין יורידישן מוח — ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט — און דער ווישניצער רבי האָט געוואַרעמט זיין ייִדיש געמיט. ווען מעם אַלף איז אַריפּגעקומען צום מחבר אין שטוב אין ניו־יאָרק, איז ער שוין געווען אַ ייִד אין די זעכציקער, אַן אלמן און אַן אבל, וואָס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען קיין שבעה נאָך זיין אומגעקומענער משפּחה אין ווין און נאָך זיין חרוב־געוואָרענעם פּאָלק אין אייראָפּע. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין טשערנאָוויץ און ווין, האָט פּראַקטיצירט אַ לאַנגע צייט אַדוואָקאַטור אין קראָקע, איז געווען אַ דירעקטאָר אין אַ קרעדיטאָרן־פאַראיין אין ווין. ייִדיש האָט ער פאַרגעסן, ווייל ער האָט דאָס דאָזיקע לשון נישט גערעדט, אַפילו

מיט זיין טאַטן. אַ גמרא האָט ער געדענקט, ווייל זיין טאַטע האָט אים אַלע מאָל געבראַכט אַ גמרא. זיין יידישע בענקשאַפט בכלל און זיין יידיש־מענטש־לעכע בענקשאַפט בפרט האָט ער אויסגעדריקט דורך דערציילן מעשיות וועגן וויזשניצער רבין און זינגען זיינע ניגונים. ער פלעגט אַרויפקומען צום מחבר און דאָרט זינגען אַ וויזשניצער ניגון. ער האָט געזאָגט, אַז דעם פסוק מן המצר, וואָס מען זאָגט פאַר די תקיעות, „מיטן טאַטנס צעבראָכענעם האַרץ און מיטן סאַמע עכטסטן וויזשניצער ניגון” האָט „מער אויפגעטאָן צו באַ־פעסטיקן אין מיר דאָס ביסל רחמנות צו מענטשן, ווי אַלץ, וואָס כ'האָב גע־לערנט אין די ביכער און זיך פון דאָרט אויסגעלערנט”. ביים מעמס אַלף לוויה, דערציילט אונדז ביקל, האָט ער געקוקט אויף דעם אָרון און געוווּסט, אַז „ס'האָט זיך אויסגעלאָשן אַ יידיש לעבן און מיט אים דער שענסטער, דער טרויעריקסטער ניגון, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט”.

לייענענדיק „אתה הראת אין מאַריופּאָל” און „הוגאָ גראָציוס און דער וויזשניצער רבי”, ווערט אונדז קלאָר אַ שפּירונג, וואָס מיר האָבן ביים לייע־נען ביקלס זאַכן און נעמלעך: ער האָט אַ נייגונג צו נגינה נישט ווייניקער ווי צו מחשבה. און אין זיין בוך „דריי ברידער זענען מיר געווען” גיט אונדז ביקל נישט בלויז די מחשבה פון זיין היים און שטאָם און די אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס ער האָט געקענט, נאָר ער גיט אונדז אויך זייער ניגון.

— 2 —

אַ שטאָט מיט יידן

„אַ שטאָט מיט יידן” פון שלמה ביקל איז דאָס 25סטע בוך וואָס דער היגער פאַרלאַג „קיום”, פון פּועלי־ציון־התאחדות (מפא״י) האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון אַ פאַר יאָר, אַ פערטל הונדערט יידישע ביכער אין איין פאַר־לאַג פון אַ פּאַרטיי און די ביכער זענען חוץ קליינע אויסנאַמען נישט קיין פּאַרטיי־ביכער. פאַראַן צווישן די 25 „קיום”־ביכער, צוויי ביכער פון מענדל מאַן, צוויי ביכער פון יעקב גלאַטשטיין, אַ בוך פון אפרים אויערבאַך, אַ בוך פון י. יאַנאַסאָוויטש, אַ בוך פון מרדכי שטריגלער, הערצלס דערציילונגען, רחלס לידער, אַ בוך פון חיים גרינבערג, אַ בוך פון ה. לייוויקס לידער אאַז״וו אאַז״וו. דאָס זענען אַלץ ביכער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט ליטעראַטור, אָדער זענען ליטעראַטור און נישט קיין פּאַרטייאישע דערצו.

„אַ שטאָט מיט יידן” איז אַ בוך זכרונות וועגן דער גאַליציאַנער שטאָט

קאַלאַמיי, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי באַרימט געמאַכט אין זיין באַרימטן הומאָרעסק „ס׳איז אַ ליגן". דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט אין דער צווייטער אויפלאַגע. צום ערשטן מאָל איז דאָס דערשינען אין יאָר 1941. דאָס עצם אַרויסגעבן אַ יידיש בוך אין אַ צווייטער אויפלאַגע איז אַן אויפטו. כמעט אַלע ביכער פון יידישע מחברים דערשיינען אין דער לעצטער צייט בלויז אין איין אויפלאַגע. די דאָזיקע אויפלאַגע ווערט על פי רוב פאַרקויפט אין משך פון אַ פּאָר יאָר און מען קריגט זי שוין מער נישט אויפן „מאַרק" און דאָס בוך פאַר־שווינדט און ווערט פאַרגעסן. כדאי צו דערמאָנען, אַז די צווייטע אויפלאַגע איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם באַוווסטן טשילענער עסקן און מעצענאַט ישראל (און זיין פרוי עדיט) פאַלאַק. אפשר וועט דאָס דאָזיקע זיין אַ גוטער אָנהייב און יידישע מחברים וועלן נעמען זאָרגן, אַז זייערע ביכער זאָלן דערשיינען אויך אין אַ צווייטער אויפלאַגע, בכדי זיי זאָלן נישט פאַר־שווינדן.

„אַ שטאָט מיט יידן" איז זיכער איינס פון די גאָר גוטע מעמואַרן־ספרים ביי אונדז. דער מחבר דערציילט זייער ווייניק וועגן זיך אַליין. ער דער־ציילט דאָס דאָזיקע וואָס ער געדענקט וועגן די אינטערעסאַנטע און וויכטיק־סטע פּערזענלעכקייטן אין זיין געבוירנשטאָט קאַלאָמיי און לעבן זיי קומען שוין אַרויס די מערסטע יידן פון דער שטאָט. דער נאָמען „אַ שטאָט מיט יידן" ווערט באַרעכטיקט, הגם אייניקע פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס ער שילדערט האַנדלען ווי זיין עלטער־זיידע שלמה חלפן, ווי ער אַליין דערציילט דאָס, „קעגן אַ שטאָט מיט יידן". אַפילו אין זייער קעגנערשאַפט איז פאַראַן ליבע צו יידן, פונקט ווי עס איז פאַראַן ליבע צום לעבן אויך דאָרט ווו דער יאוש טרייבט צו וואַרפן זיך אין ברונעם אַריין...

געשריבן איז „אַ שטאָט מיט יידן" אין אַ נאָסטאַלגישן סטיל. דער מחבר געפינט זיך אַלס 22־יאָריקער סטודענט אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, ווו ער ווערט לערער פון העברעיש אין אַ מלוכה־גימנאַזיע און אין דער דאָזיקער גימנאַזיע טרעפט ער זיך מיט דעם פּראָפעסאָר פון יידישער רעליגיע, זיין עלטערן בן־עיר זוסמאַן שפינדל און אין די הפסקות צערעדן זיי זיך וועגן זייער געבוירנשטאָט און די שמועסן גייען שוין אַזוי און עס שטייט אַ לעבע־דיקע שטאָט מיט יידן פאַר די אויגן און אַ היפש ביסל שוכני־עפר שטייען אויף אַ קינסטלערישן תחית־המתים. די מעמואַרן כאַפּן אַזוי אַרום נאָך אַ דריי צענדליק יאָר.

שלמה ביקל פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין אונדזער ליטעראַטור סיי אַלס עסיי־איסט, סיי אַלס מעמואַרן־שרייבער און סיי אַלס פּובליציסט. אַ מענטש מיט

אוניווערסאַלער בילדונג און מיט ייִדישן וויסן, איז זיין סטיל אַ סינטעז פון אייראָפּעיִשקייט און ייִדישקייט. ווי אַ גאַליציאַנער, איז זיין שפּראַך רייך אין ניואַנסן און אַ מאָל אויך אין אַנגעשטרענגטקייט און זיין סטיל האָט אייגענע קענצייכנס, וואָס זענען רעזולטאַטן סיי פון זיין און סיי פון ווילן.

דער פּילזייטיקער מענטש און ייִד שלמה ביקל איז פאַראַן אין זיין סטיל, אין זיינע מעמוארן („דריי ברידער זענען מיר געווען") שטייט ער אויף דער גרענעץ פון דורכויסיקער בעלעטריסטיק. מ'קען זאָגן, אַז ער איז אַ בעלע־טריסט, וואָס האַלט, אַז מען דאַרף נישט אויסטראַכטן קיין מעשיות און פאַ־בולעס, דאָס לעבן אַליין טוט דאָס דאָזיקע שוין. און אַז מען וויל, זענען מע־מואַרן אויך אויסגעטראַכט. עס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז צוויי מענטשן, וואָס האָבן אייגענע סטילן, זאָלן האָבן דערציילט פּינקטלעך אַלצאיינס אָן עפּי־זאָד, וואָס זיי האָבן ביידע איבערגעלעבט... און „אַ שטאָט מיט ייִדן" ווערט אין אַ גרויסער מאָס אַ מוסטער פון דער בעלעטריסטיש־מעמואַריסטישן באַ־שרייבן אַ שטאָט, אַ באַשרייבן, וואָס קריגט דעם ווערט פון דאָקומענטן פון קונסט.

אין די שטעלן, אין וועלכע ביקל ווערט באַגייסטערט פאַר זיינעם אַ העלד, ווערט ער אַ שטיקל תנא דמסייע צו פּרצעס „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן". שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון בוך, וואָס הייסט „צוויי לאַנדס־לייט אין דער טשערנאָוויצער מלוכה־גימנאַזיע", דערציילט דער דערמאָנטער רעליגיע־לערער וועגן דעם קאָלאָמייער רב ר' הלל אַן עפּיזאָד, וואָס דערמאָנט אין פּרצעס „יוחנן מלמדס מעשהלעך". דער רב פּאַקט ביי זיך אין הויז אַ ייִדישן גנב, וואָס נעמט צו די זילבערנע לייכטער און ער דערקלערט אים, אַז ער שענקט זיי אים אַוועק. דער גנב לאַכט פון דעם ייִדן, ער זאָגט, אַז וויל ער קען נישט אַריבער, גייט ער אַרונטער. ער האָט, הייסט עס מורא אָפּצונעמען די לייכטער ביי אים, אָבער פּאָליציי פּאַקט דעם שלימזל־דיקן גנב מיט די לייכטער און דער בעל־דבר איז זיך מודה אין דער גנבה און דער באַגנבעטער דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער האָט אים די לייכטער געשאָנקען. דער פּאָליציימאַן צלמט זיך און דער גנב קוקט אויף ר' הללן ווי אויף אַ הייליקן.

אָבער שוין ר' הלל איז נישט נאָר אַ הייליקער, נאָר ער גייט אויך מיט דריידלעך. אַ פרומער רב, איז ער קעגן דעם וואָס ווייבער טראָגן שייטלען, ווייל „אַ שייטל הייסט קלוגעריש אַרומגיין דעם פאַרבאָט פון טראָגן אייגענע האָר". און ער לאָדט אין אָט דעם פּרט אויס די גאַנצע פאַנאַטישקייט זיינע און מען דערציילט, אַז ער האָט אין איינעם אַ שבת זיך אַוועקגעשטעלט ביי

דער ווייבערישער שול און „ביי פרומע״, בכבודיקע ווייבער געריסן די שייט־לען פון קאָפּ״. דער זעלביקער רב האָט צוויי טעג פאַר זיין טויט זיך אָוועק־געלייגט אויפן הוילן דיל און מען האָט געקענט מיינען, אַז ער וויל אויספירן, אַז די שטאָט זאָל באַזאָרגן זיין צוויים ווייב מיט די יונגע יתומים, אָבער ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויף זיין אָרט נישט צונעמען קיין „דייטשישן״ רב און אַז זיי, די קהילה־לייט, וועלן האַלטן ביים אַוועקגיין פון דער וועלט, זאָלן זיי נעמען ביי זייערע יורשים דאָס זעלביקע וואָרט. ער האָט גע־וואָלט באַזאָרגן די שטאָט, כאָטש צוויי דורות מיט עכטע רבנים.

רעמינעסצענצן פון פּרצן קען מען געפינען אויך אין דעם אינטערע־סאַנטסטן און טראַגישסטן קאָלאָמייער ייִדן, ר׳ שלמה חלפן, דער עלטער־זיידע פון מחבר, וואָס איז געווען אַ רעבעל פון דער נאַטור. פון אָפּשטאַם אַ מיוחס און אַ למדן דערצו, האָט ער דווקא געמאַכט, אַז ער זאָל זיצן אין קלויז נישט ביי דער מזרח־וואַנט, נאָר נאָענט צו דער טיר, ווו עס זענען געזעסן די אָרעמע־לייט. ער האָט רעבעלירט קעגן קליינקייטן, ווייל ער איז געווען קעגן רוטין. ווען אַלע האָבן אַ נאָמען געגעבן זייערע קינדער נאָך טויטע עלטערן, האָט ער דווקא געגעבן אַ נאָמען זיין אייגענעם זון אליעזר (גאָט איז מיין הילף־, נאָך זיין לעבעדיקן גאָט. אַז אַלע ייִדן אין שטעטל זענען געווען חסי־דים, איז ער געווען אַ מתנגד. ער האָט דווקא געוואָלט דאַווענען וואָכעדיקע שטעלן אין די תפילות וואָס מען האָט שטאַרק אויסגעזונגען און שטעלן, וואָס מען איז גיך איבערגעלאָפן, האָט ער דווקא געוואָלט יום־טובדיק אויסזינגען. ער האָט אַ סך מאָל אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער שטאָט קעגן זיך, אַז מען איז געווען גרייט צו וואַרפן שטיינער אויף אים. און דאָך איז אין זיין קעג־נערשאַפט צו דער שטאָט נישט געווען קיין צו־להכעיס, נאָר עפּעס אַ דראַנג צו לערנען דעם המון טראַכטן. שלמה חלפן האָט זיך טראַגיש געראַנגלט מיט זיינע ספקות. ער האָט געקענט אויסשרייען „שמע ישראל״ און צוגעבן אויף ייִדיש: „ס׳איז טאַקע יאָ דאָ!״, דאָס הייסט, אַז ער האָט געספקט, צי עס איז דאָ אַ גאָט... און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ברו־נעם אַריין. חסידים האָבן דערלעבט אַ נקמה, וואָס דער קעגנער פון זייערע רביים האָט געהאַט אַזאַ סוף, אָבער אויך „פאַרברענטע חסידים האָבן געזען (אין חלום) ווי מען טראָגט שלמה חלפנס מיטה קיין ארץ־ישראל״...

ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז ערגעץ איז פאַראַן אין שלמה חלפן אַ ניצוץ פון ר׳ פּרצעס ר׳ שלמה אין דער „גאָלדענער קייט״ און טאַקע פון ר׳ מענדל קאָצקער אַליין, וואָלט מען אין דעם געזען אַ גוזמא און דאָך פיל איך אַז איך בין נישט מגזם.

ווען מען ענדיקט לייענען „אַ שטאָט מיט יידן״, און ווען מען האָט פאַר זיך און אין זיך די אַלע אייגנאַרטיקע טיפן אינאיינעם מיט די שטאָט־משו־געים און „למד־וואָווניקעס״ פון די לעצטע קאַפּיטלען, פרעגט מען זיך: האָט דער מחבר געוויזן דאָס אויסערגעוויינלעכע פון דער דאָזיקער שטאָט, אָדער דאָס געוויינלעכע. און דער ענטפער איז דאָך זיכער, אַז ער האָט געוויזן דאָס אומגעוויינלעכע. פרעגט מען זיך ווידער: איז דאָס אומגעוויינלעכע דאָס כאַ־ראַקטעריסטישע פאַר דעם יידישן לעבן אין אַ גאַליציאַנער שטאָט אין סוף פון 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט? און דער ענטפער קומט פון זיך אַליין: דער פּלאַם איז אַריין אין די טענענביימער און ער איז אַריבער ביז צו די דאָרנביימער... שלמה ביקלס בוך וואָלט געקענט הייסן אויך „אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן!״... אַזוי האָבן יידן אָנגעהויבן אַריבערגיין פון גלויבן צום אומגלויבן. און דאָך איז פאַראַן גלויבן אין אומגלויבן. דער מוראדיקער אַפּיקורס מאָטל בערגער, וואָס שרייט אויס יום־כיפור, אַז „מען קלאַפּט אין אַ שטוב, ווו ס׳איז קיינער נישטאָ״, זאָגט דאָך קדיש...

„אַ שטאָט מיט יידן״ פון שלמה ביקל האָט אַלע רעכט צו פאַרנעמען אַן אויבנאָן־פּלאַץ אין אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור.

— 3 —

די יידישע רומעניע

רומעניע איז געווען דאָס איינציקע באַלקאַנישע לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן זאַפטיקן און כמעט דורכויס יידיש־רײדנדיקן ישוב בלויז דאָס ביסל ספרדישע יידן און אַ קליינער טייל פון דער אַסימילירטער אַריסטאָקראַטיע און אינטעליגענץ האָט נישט פאַרשטאַנען און — איבערהויפּט — נישט גע־רעדט קיין יידיש. אָבער אין דער צייט ווען שטאַרקע 90 פּראָצענט פון די אַשכנזיש־רומענישע יידן האָבן גערעדט יידיש, איז די צאָל, וואָס האָט גע־לייענט יידיש געווען קליין און איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס בעת דאָס יידישע טעאַטער, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן אין רומעניע, פלעגט האָבן פאַנטאַסטישע דערפאָלגן, איז דאָס געדרוק־טע יידישע וואָרט דאָרטן כסדר רעדוצירט געוואָרן, הגם אַן אויסגעשפּראָ־כענע טעגלעכע יידישע צייטונג האָט רומעניע געהאַט, אַ סך פריער ווי רוס־לאַנד. און די יידישע ליטעראַטור איז אין רומעניע באַקאַנט געוואָרן אַ סך מער מינדלעך, ווי שריפטלעך. מען האָט גערעדט וועגן איר און פאַרגעלייענט

פון איר פאַר צענדליקער און צענדליקער טויזנטער צוהערער. די סיבה פון דעם אויפהערן לייענען יידיש דאַרף מען ווייט נישט זוכן. קינדער האָבן נישט געהאַט ווו צו לערנען לייענען יידיש. די קהילה־שול איז געווען אָבליגאַטאָריש פאַר יידן, אַלצאיינס ווי די מלוכה־שול פאַר קריסטן און אין דער דאָזיקער שול האָט מען חוץ די רומענישע לימודים געלערנט בלויז דאַווענען און לייענען אַ קדיש מיט רומענישע אותיות. די צאָל לערער און לערערקעס, וואָס האָבן געלערנט קינדער אַ שורה־גריזל, איז געוואָרן אַלץ קלענער. די קהילה־שול איז פּאַקטיש געוואָרן אין רומעניע די קאַמפּס־פּאָזיציע קעגן יידיש. מען האָט געמאָנט גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן פאַר דעם פּרייז פון זיין עכטע רומענער און אויפהערן קענען יידיש. מען פלעגט די קינדער באַשטראָפן פאַר יעדן וואָרט, וואָס איז אַרויסגערעדט געוואָרן אין יידיש. (אַזעלכע פאַלן פון שטראָף האָב איך אַליין בייגעוווינט אין אַ סך שולן פון די יידישע קהילות אין רומעניע). און דאָך האָט יידיש קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין רומעניע און אין אַ געוויסן מאָמענט איז דאָס יידישע וואָרט — דאָס געדרוקטע, גערעדטע, געשפּילטע און געזונגענע — געוואָרן דער צענטראַלסטער פּונקט אין רומעניש־יידישן לעבן.

אָנגעהויבן האָט זיך דער אויפלעב פון יידיש אין רומעניע באַלד ביים אָנהייב פון אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, ווען קיין רומעניע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן בעסאַראַביש און דרום־רוסישע יידישע יוגנט. וועגן דעם אָנטייל פון מיין ווייניקייט אין אָט דעם אויפלעב ווערט אין שלמה ביקלס בוך „רומעניע" דערציילט אין עטלעכע ערטער. צו זיין אַפּאָגיי האָט דער דאָזיקער אויפלעב געגרייכט, ווען פון רומעניע איז געוואָרן „גרויס־רומעניע" און בעסאַראַביע, בוקאָווינע, טראַנסילוואַניע (זיבנבירגן) זענען געוואָרן רומעניע. פון אַ לאַנד מיט דריי הונדערט טויזנט יידן איז רומעניע געוואָרן אַ לאַנד מיט אַ מיליאָן יידן און די דריי הונדערט טויזנט בעסאַראַבישע יידן האָבן אַלע גערעדט יידיש. די בוקאָווינער האָבן אין אַ גרויסער מאָס גערעדט יידיש און נאָך מערער האָבן זיי געוואָלט יידיש און אין טראַנסילוואַניע האָבן אויך נאָך זייער אַ סך יידן גערעדט יידיש. עס האָט געגעבן אַ וואַקס אויס אַ גרויסע גרופּע יידישע שרייבער אין גרויס־רומעניע. די מערהייט איז געווען פון בעסאַראַביע, אָבער אויך אַלט־רומעניע האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל יידישע שרייבער. און אין דער בוקאָווינע האָבן אויך זיך באַוויזן יידישע שרייבער, הגם די וויכטיקסטע פון זיי, טאַקע ווי שלמה ביקל, און להבדיל בין החיים והמות, שמואל אבא סופר הי"ד, האָבן געשטאַמט פון גאַליציע. און אויך טראַנסילוואַניע האָט געבראַכט אַ געוויסן צושטייער צום יידיש־אויפשטייג אין גרויס־רומעניע. די רעאַקציאָנערע רומענישע רעגירונגען האָבן אויפגע־

הויבן די האַק אויף ייִדיש און זי טאַקע אַראָפּגעלאָזט מיטן גאַנצן כוח. מען האָט אַרויסגעטריבן ייִדיש פון די ייִדישע שולן אין בעסאַראַביע און מען האָט אין אַלע נייע פּראָווינצן נישט דערלויבט צו ריידן עפנטלעך ייִדיש און פון ייִדיש שטעטל איז געוואָרן אַ דערפל. איך בין אַוועק קיין אַרגענטינע, אלי־עזר שטיינבאַרג ע"ה איז אַוועק גיין בראַזיל (ער איז גיך צוריקגעקומען און איז באַלד אַוועקגענומען געוואָרן פון לעבן). איציק מאַנגער איז אַוועק קיין פּוילן. ביקל איז שפּעטער אַוועק קיין ניו־יאָרק, און ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג זענען די מערסטע ייִדישע שרייבער אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד.

אינאיינעם מיט ייִדיש האָבן די רעאַקציאָנערע רומענישע רעגירונגען געשטיקט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן, וואָס האָט געמוזט גיין באַרג־אַראָפּ. מען האָט געטאָן אַלצדינג צוצונעמען ביי ייִדן די פּרנסות און די מעגלעכקייט צו זיין ווי געהעריק אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל און אַפילו רעליגיעז.

ביי דעם איצטיקן רומענישן רעזשים ביים קאָמוניסטישן, ליידן די ייִדן זוייניקער פיזיש און זיי האָבן אויך געוויסע פּרייהייטן זיך צו נוצן שריפטלעך און עפנטלעך מיט ייִדיש, אָבער עס איז אַ ייִדיש אָן ייִדישע געפילן און ייִדישן חיות און דער באַרג־אַראָפּ שטעלט זיך נישט אָפּ. אין רומעניע איז היינט צו טאָג — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין! — פאַראַן אַ סך מער ייִדן ווי אין פּוילן, אָבער קיין גרויסע צוקונפט האָבן ביידע ייִדישע ישובים נישט, סיי דער פּוילישער און סיי דער רומענישער, כאָטש ביידע רעגירונגען באַציִען זיך צו ייִדן מילדער ווי די סאָוועט־רוסישע רעגירונג. און עס איז נישט גאָר ווייט דער מאָמענט, ווען דאָס גאַנצע רומענישע ייִדנטום וועט זיין אַן ענין פאַר דער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי עס איז שוין זינט הונדערטער יאָרן דאָס שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדנטום.

און דערפאַר איז דאָס בוך „רומעניע" פון שלמה ביקל פון אַ באַזונדערן ווערט. עס איז אַ בוך, וואָס ווייזט אָן דאָס ייִדישע רומעניע אין אַ משך פון אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט און אין אַ צייט פון אומגעהויערע קאַמפן, נצחונות און מפּלות. עס איז אַ בוך, וואָס ווייזט דעם אַפּאָגיי פון ייִדישן לעבן אין רומעניע בעת דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג און דעם אויפשטייג פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין — דעם ציוניזם און ייִדיש (ייִדיש איז דאָרט געגאַנגען אינאיינעם סיי מיטן ציוניזם און סיי מיטן סאָציאַליזם). דער מחבר זאָגט אין זיין קורצער הקדמה, אַז זיין „הויפּט־כוונה איז צו שרייבן געשיכטע און ליטעראַטור־געשיכטע", אָבער אין דער זעלביקער צייט גיט ער אָן אויפן שערבלאַט, אַז דאָס זענען אויך זכרונות, בכדי אונטערצושטרייכן, אַז „אַלע מענטשן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער געשיכטע, האָט דער מחבר

פּערזענלעך געקענט און די געשעענישן האָט ער צום סאַמען גרעסטן טייל מיטגעלעבט און איז געווען מיט זיי אינטים פאַרבונדן". נו, עס זענען געווען געגנוג איבערלעבענישן דאָרט, וועלכע ער האָט נישט מיטגעלעבט. דעם גאַנצן קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג האָט ער נישט געקענט מיטמאַכן, ווייל ער איז פאַרבונדן געוואָרן מיט רומעניע זינט 1918, 4 יאָר נאָך מיין קומען קיין רומעניע און איך האָב דעם דאָזיקן קאַמף פאַרכאַפּט ביי זיין סאַמע סוף. ער האָט אָבער באַוויזן צו קענען פּערזענלעך די אַלע מענטשן, וואָס האָבן מיט אים אָנגעפירט, בראש מיט ד"ר אַדאָלף שטערן, וואָס האָט פּערזענלעך באַוויזן צו ווערן אַ בירגער נאָך אין יאָר 1880 און וואָס איז פאַרבליבן ווי איינער פון די בעסטע שעקספּיר־איבערזעצער אין רומעניש (ער האָט אויך איבערגעזעצט קאַרדוטשין און אַ גאַנצע ריי איטאַליענישע דיכטער און דענקער). און אין סאַמע ערשטן קאַפּיטל פון בוך "רומעניע", וואָס הייסט "קאַמף פאַר יידישע רעכט", גיט טאַקע ביקל אַ כמעט אויסשעפּנדיקן עסיי־פּאָר־טרעט פון אַדאָלף שטערן און ער שילדערט אויך זייער אינטערעסאַנט אַ צווייטן קעמפער פאַר יידישע רעכט, וויליאַם פילדערמאַן, וועלכן ער רופט "דער לואי מאַרשאַל פון רומעניע" און אַ גאַנצע ריי פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אָנגעפירט אָט דעם קאַמף און וואָס האָבן געשאַפן דעם "פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן" (אוניונעאַ עווריילאָר פּאַמענטעני), און וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גאַנצן גאַנג פון דעם יידישן לעבן אין רומעניע ביז אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט. ביקל דערציילט אין אָט דער אָפּטיילונג נישט נאָר וועגן קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג (וואָס איז געגעבן געוואָרן ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג און איז אין תוך געווען אַן אָפּנאַרעריי), נאָר אויך וועגן קאַמף פאַר יידישע רעכט בכלל און דערפאַר וויזט ער מענטשן, וואָס האָבן געפירט אָט דעם קאַמף האַרט ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, צווישן זיי, דעם בונדיסטישן דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט, דעם בוקאָווינער ד"ר יעקב פּיסטינער, דעם בוקאַרעשטער רב־הכולל ד"ר יעקב נעמיראָווער, דעם ראש־הקהל באַנקיר עליע בערקאָוויטש, דעם ציוניסטישן קעמפער מישו ווייסמאַן, וואָס איז געווען רומענישער דעפּוטאַט און אין ישראל איז ער געוואָרן אונטערן נאָמען מיקאַל עמיר, אַמבאַסאַדאָר אין בעלגיע, האָלאַנד און לוקסענבורג און ער איז יונג פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן. ביקל רופט אים מיט רעכט "דאָס שיינדל פון רומענישן ציוניזם". און ער שילדערט אויך דעם אַלטן בוקאָווינער פּועלי־ציוניסט וואָס געפינט זיך היינט אַ בלינדער אין אַ מושב־זקנים אין ישראל. ער רופט חיים קראַפּטן "דער וועטעראַן פון יידיש", און דער דאָזיקער טיטל איז בלויז טיילוויז אַ באַרעכטיקטער. ער איז באַ־

רעכטיקט לגבי בוקאָווינע, אָבער נישט פאַר רומעניע. אין אַלט־רומעניע זע־בען געווען אַנדערע ווערטאַנען פאַר ייִדיש, בתוכם ד״ר סאָטעק (שוחט), וואָס האָט אַרויסגעגעבן ייִדישע זשורנאַלן און ביכלעך מיט לאַטיינישע אותיות און וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפע־רענץ. ביקל דערמאָנט אים אַ סך מאָל. עס האָבן נישט געפעלט נאָך „ווערטע־ראַנען פון ייִדיש״ אין רומעניע סיי צווישן משכילים, סיי צווישן ציוניסטן און סאָציאַליסטן.

דער ערשטער טייל פון ביקלס „רומעניע״ איז זייער באַלערנדיק און אינטערעסאַנט און ער איז געשריבן אי אָביעקטיוו, אי סוביעקטיוו, אין בעסטן זין פון וואָרט. פאַראַן דאָ געשיכטע, וואָס איז געשריבן מיט סיסטעם און מיט טאַלאַנט. עס ווערט דאָ פאַראייניקט שלמה ביקל דער געלערנטער מענטש און דער טאַלאַנטירטער שרייבער.

דער צווייטער אָפּטייל אין שלמה ביקלס בוך „רומעניע״ הייסט „אויף דער ייִדישער גאַס״. פון די אַכט אַרטיקלען אין אָט דעם אָפּטייל .אין אינ־האַלט־פאַרצייכעניש זענען אָנגעגעבן זיבן. עס איז על פּי טעות אויסגעלאָזט דאָס אַרטיקל „דער מיטגליד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע באַרבו לאַזאַ־רעאַנו״, זענען זעקס בלויז וועגן אַלט־רומעניע. איינס — וועגן זינגער יאָזעף שמידט — איז דורכויס וועגן בוקאָווינע, און איינס — „וועלוול זבאַרזשער און זיינע פלימעניקעס״ — איז טיילוויז וועגן בוקאָווינע.

די אַלע אַכט אַרטיקלען האָבן על פּי רוב אַ שייכות צו קולטור־געשיכ־טע. אייניקע זענען עסייען וועגן ייִדישן שטייגער אין רומעניע, ווי אַ שטיי־גער „וואַקאַרעשט״, — דער נאָמען פון די צוויי גרויסע ייִדישע גאַסן אין בור־קאַרעשט. ביים לייענען אָט די אַרטיקלען האָב איך זיך געמוזט דערמאָנען אין זייערע העלדן, וועלכע איך האָב פּערזענלעך געקענט און וועגן וועלכע איך האָב אַ סך מאָל געשריבן. ביקל באַשרייבט די מער „פּריציש״־ייִדישע גאַס וואַקאַרעשט, איך האָב באַשריבן די אָרעמע גאַס דודעשט, ווו עס האָבן גע־וווינט ייִדן און ציגיינער. וועגן גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, דעם גרויסן רומענישן שריי־בער, וואָס איז געווען אַ גלח, איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און איז צוריק געוואָרן אַ גלח, האָב איך אַ סך מאָל געשריבן. ביקל גיט אַ פיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם מילדן קריסטלעכן מענטשן גאַלאַקטיאָן. זייער פאַרכאַפּנדיק איז בי־קלס שילדערונג וועגן אויפקום און אומקום פון יאָזעף שמידט, וועלכן מיר האָבן ביידע געקענט אַלס ייִנגל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אליעזר שטיינ־באַרגס אַן אַקטועלער פּיעסע און וואָס איז געוואָרן דער גרעסטער ראַדיאָ־זינגער אין עסטרייך און דייטשלאַנד און איז אומגעקומען אין אַ לאַגער אין

גירעבאַך, ווו ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 38 יאָר פאַר הונגער און נויט, און ווייל ער האָט געהאַט אַ האַרצפֿעלער פון פריער. ביקל דערציילט, אַז אַ קורץ שטיקל צייט איידער שמידט איז אויסגעגאַנגען, איז ער געגאַנגען אין אַן אַכּסניה טרינקען קאַווע און ער האָט די קאַווע נישט געקענט דערטרינקען מיט דעם איינעם שטיקל צוקער און ער האָט געבעטן אַ צווייטס און די קעלנערין, וואָס האָט אים דערקענט, האָט אים דאָס געגעבן, אָבער מיטן תנאי, אַז ער זאָל זינגען אַ ליד. און ביקל זאָגט, אַז דאָס שטיקל צוקער איז געווען דער לעצטער האָנאָראַר וואָס שמידט האָט באַקומען פאַר זיין געזאַנג.

זייער רירנדיק איז ביקלס פּאָרטרעט פון באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס האָט פּאַקטיש אַליין אויסגעבויט די געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור און איז געוואָרן מיטגליד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע. ער האָט געהייסן פון געבוירן בובי לאַזאַראָוויטש און ער האָט געהאַלטן רעפּעראַטן אין יידיש און אויך געשריבן מאַמע-לשון. ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו יידישע שרייבער. יעקב שטערנבערג, ביקל און מיין ווייניקייט זענען געווען נאָענטע פריינט פון לאַזאַרעאַנו, וואָס איז געווען אַ גרויסער חסיד פון אליעזר שטיינבאַרג. איך און שטיינבאַרג האָבן געבראַכט לאַזאַרעאַנון אין אַ רעווי. ער איז געווען קליין ווי אַ שרעטעלע, ער האָט קוים געוווּיגן אַ 30 קילאָ. ער איז געווען בלויז גייסט. עס איז געווען שווער צו געפינען אַן אַקטיאָר פאַר זיין מאָס... ער האָט אין אונדזער רעווי געהאַט אַ דועט מיט אַ יידענע אַ בייגל-פּאַרקויפּעריק, וואָס האָט אים געזונגען זיין ליבלינג-ליד — שלום-עליכמס „וויגליד". די יידענע האָט אים געזאָגט מוסר, וואָס ער הייסט „נישט מער בובי, נאָר באַרבולע", ענטפערט ער איר: „דאָך אין האַרצן אַ פּיאהלע". ביקל ברענגט אָט-אָ די ווידמונג וואָס אליעזר שטיינבאַרג האָט אָנגעשריבן לאַזאַרעאַנון, ווען ער האָט אים געשאָנקען זיין בוך „משלים":

באַרבע,
אין שעהן ביטערע, האַרבע
ווי גאַל און ווי כריין,
זיץ איך און שרייב און לייען
דיין נאָמען.
און עפּעס ווי פון זיך
און עפּעס אַזוי,
הייבט זיך אָן גלויבן אין גאָט פון אברהם *
ברוך הוא וברוך שמו — אָמן!

* באַרבו לאַזאַרעאַנו האָט אייגנטלעך געהייסן אברהם.

זייער אינטערעסאַנט זענען די „צוויי גרויסע ייִדישע אַדוואָקאַטן" סאָלאָ־מאָן ראָזנטאַל און פיליפּ קעפּנער, וואָס ביקל שילדערט. דער ערשטער האָט געהערט צו איינער פון די צענטראַליסטע ייִדישע משפחות אין רומעניע און איז געווען אַסימילירט דורך און דורך, דער צווייטער האָט גע־שטאַמט פון היימישע ייִדן אין דער מאָלדאַוויע און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַסימיליאַנט, אָבער ביי אים אין שטוב פלעגן זיך צונויפקומען ייִדישע שרייבער אין בוקאַרעשט און לייענען זייערע ווערק. קעפּנערס פרוי איז גע־ווען אַ שוועסטערקינד פון ייִדישן דיכטער יעקב גראָפּער. קעפּנער איז אויף דער עלטער אַוועק קיין ישראל און האָט זיך אויסגעלערנט עברית און דאָרט פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור. לויט ווי ביקל שילדערט אים, האָט קעפּנער פאַר־מאָגט קינסטלערישע אינטויציע און ווען אַ קליענט האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע, פלעגט קעפּנער אים איבעררייסן און דערציילן די וויטערדי־קע פאַקטן און עס איז אויסגעוואַקסן אַ כראָניק אין הסכם מיט די געשעענישן און דאָ און דאָרט איז צוגעקומען אַ קינסטלערישער קנייטש, פון וועלכער עס איז אַרויסגעקומען אַ טענה, וואָס דער צד שכנגד וועט שווער אָפּפרעגן. ביקלס מאמר וועגן די צוויי דערמאָנטע אַדוואָקאַטן, סוגערירט אַ געדאַנק, אַז דער מחבר פון „רומעניע", וואָס האָט אַליין פּראַקטיצירט 15 יאָר אַדוואָקאַטור אין בוקאַרעשט, וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך וועגן אַדוואָקאַטן.

אַ סך זכרונות רופט אַרויס ביי מיר ביקלס מאמר אין דעם צווייטן אָפּ־טייל, וואָס הייסט „ווער האָט דערמאָרדעט ד"ר קאַרניאָל". ד"ר אהרן קאַר־ניאָל איז געווען מיינער אַ פּערזענלעכער פריינט. ער איז געווען אַ יונגער מעדיקער מיט אַ גרויסער צוקונפט. ער האָט געשטאַמט פון דער מאָלדאַוויע. ער איז געווען אין אונדזער שטעטל אַלס רומענישער מיליטער־דאָקטער און ער האָט געהאַט אַ פּראָבלעם מיטן שרייבן רעצעפּטן. אין רוסלאַנד האָט מען די רעצעפּטן געשריבן אויף לאַטיין; אין רומעניע — אויף רומעניש. אויף לאַטיין האָט קאַרניאָל נישט געקענט שרייבן די רעצעפּטן, רומעניש האָבן די אַפּטייקערס נאָך נישט פאַרשטאַנען. און אַזוי ווי אַלע אַפּטייקערס זענען גע־ווען ייִדן, האָט ער די רעצעפּטן געשריבן אויף ייִדיש. און דאָס דאָזיקע האָט געפירט צו אונדזער פריינטשאַפט... ד"ר קאַרניאָל איז געוואָרן אַסיסטענט פון באַרימטן רומענישן פּראָפעסאָר דאַניעל אָפּאָל, אַ שוואָגער פון פּרעמיער־מי־ניסטער בראַטיאַנו. זיין פרוי איז געווען בראַטיאַנוס שוועסטער. אָט די פרוי, וואָס איז געווען מער ווי צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי קאַרניאָל, האָט זיך אין אים פאַרליבט און ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט זי אים דערשאָסן. ווי היינט געדענקט זיך. אין אַ פרימאָרגן בין איך אָנגעקומען פון דער מאָלדאַוויע קיין בוקאַרעשט — ס'איז געווען אַ קורצע צייט פאַר מיין אַוועקפאָרן קיין אַרגענ־

טינע — און איך האָב אַ שעה פאַרן אָנקומען אין דער הויפּטשטאָט געלייענט, אַז מען האָט דערהרגעט ד״ר קאַרניאַל. דער דערשאָסענער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן: „זי האָט מיך דערשאָסן, די געמיינע״. אויף דער פראַגע „ווער״? — האָט ער געענטפערט: „אַ שלאַנקע פרוי אין שוואַרצן״. ביים אָנקומען קיין בוקאַרעשט האָבן מיר קודם־כל אָפּגעגעבן אַ „שלום־עליכם״ די געהיים־פּאָליציסטן און דערנאָך האָבן מיר אַרומגערינגלט רעפּאָרטערס, וואָס האָבן מיר גוט געקענט און געוווסט, אַז איך בין קאַרניאַלס אַ פריינט און געוואָלט ביי מיר אָנטאַפּן דעם דופק. זיי האָבן מיר געפרעגט ווען איך פאַרדעכטיק און איך האָב זיי געענטפערט, אַז ווען איך וועל זיי זאָגן, וועלן זיי דאָס אויך נישט שרייבן. ביקל דערציילט, אַז נאָך אין זעלביקן טאָג איז בראַטיאַנוס שוועסטער אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז און זי האָט זיך געגעט מיט איר מאַן. געווען איין זשורנאַליסט, אַ באַרימטער סקאַנדאַליסט, נ. ד. קאָטשעאַ, וואָס האָט זיך צעפירט די הענט צו שרייבן וועגן דעם, אָבער מען האָט אים באַוויזן צו צוימען... ווען דער דערמאָרדעטער וואָלט נישט געווען קיין ייִד, וואָלט מען אפשר נישט אַזוי געשוויגן.

פאַר מיר איז דער צווייטער אָפּטייל פון ביקלס בוך „רומעניע״ אַ באַנייונג און דערמאָנונג פון אַלטע איבערלעבונגען אין דער יוגנט. פאַרן ברייטן לייענער איז דאָ פאַראַן עפּעס אַן אַנטדעקונג פון אַ גאַנצער ייִדישער וועלט.

דער דריטער אָפּטייל פון בוך הייסט „ייִדיש שעפערישקייט״. דער דאָזיקער אָפּטייל באַשטייט אייגנטלעך פון ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע. ביקל האָט דאָ עסייען וועגן שרייבער פון אַלע פיר פּראָווינצן פון גרויס־רומעניע. אויסער אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, חיים גינינגער, טיילוויז יעקב גראָפּער און מיין ווייניקייט און דער מאָלער אַרטור ראָלניק זענען דאָ פאַראַן בלויז אומבאַקאַנטע נעמען. ווער קען אפרים וואַלדמאַן, מאָטעסל פרידמאַן, מאָטיע ראַבינאָוויטש, מאָטל סאַקציער, יוסף בורג, יאַנקל יאַקיר, יוסף האָלדער, הערצל אָפּשאַן, שמשון פערשט, זעליק באַרדיטשעווער, שמואל אַבאָ סופר, שמחה שוואַרץ (דער זעלביקער, וואָס לעבט ביי אונדז און האָט דאָ געפּרוווט איינשטעלן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער), הערש סעגאַל, איציק שוואַרץ, יצחק פאַנער, חיים ראַבינזאָן, בערל שנאַבל, לאָסקער שאַראַגע (אַ רומעניש־ייִדישער שרייבער), ד״ר מ. יאָסיף, זלמן ראָזנטאַל, ב. טוטשינסקי, און מרדכי גאָלדנבערג?

וועגן אייניקע פון אָט די שרייבער, באַזונדערס וועגן אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן און איציק מאַנגער זענען אין בוך פאַראַן אויסשעפּנדיקע אַרבעטן.

זייער אינטערעסאַנט איז די ביאָגראַפיע פון דעם סיגעטער ייִדישן דיכ־טער יוסף האָלדער, וואָס האָט געלעבט אין בודאַפּעשט און איז דאָרטן אומ־געקומען. זיין איינציק בוך „אָפּט זינגט זיך" האָט האָלדער אָפּגעדרוקט אין ווילנע אין יאָר 1928. זיינע לידער זענען סענטימענטאַלע, האַרציקע און פּשו־טע, געשריבן אין אַ ריינעם ייִדיש. ער איז געווען אפשר דער ערשטער ייִדי־שער דיכטער אין מאַרמאַרעש. האָלדער האָט געוווינט אין בודאַפּעשט, זיין פרוי איז נישט געווען קיין ייִדישע. האָלדער האָט נישט געהאַט קיין קינדער און זי האָט אַריינגענומען איר שוועסטער אין שטוב אַריין, אַ 15־יאָריק מיידל און די שוועסטער האָט געזאָגט צו איר חברטע, אַז זי וועט מער נישט דער־לאַנגען צום טיש, ווייל זי וויל נישט באַדינען קיין ייִדן. די שוועסטער האָט זי שיעור נישט דערהרגעט און אַרויסגעטריבן פון שטוב, אָבער אין האָלדערס געמיט זענען די ווערטער פון דער שוועגערין געבליבן. און האָלדערס „פיקס־אידעע" איז געוואָרן קבר ישראל. ער האָט געזאָגט צו הערצל אָפּשאַן: „וואָס טוט מען, אַז אַזאַ מענטש ווי איך גיט אַ פּגר און מען באַגראָבט אים אויף אַ טמא אָרט?". געשטאָרבן איז האָלדער אין עלטער פון 51 יאָר, צוויי חדשים אײדער מען האָט אַרויסגעטריבן די נאַציס פון אונגאַרן. פון באַגראָבן אין אַ באַזונדערן קבר האָט דעמאָלט קיין רייד נישט געקענט זיין. די פרוי האָט גע־ווּסט, אַז ייִדן באַגראָבן זייערע מתים אין תכריכים פון ווייסן לייוונט, האָט זי אים אַרומגעוויקלט מיט עטלעכע מעטער ווייסן לייוונט און מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב אין נאָענטן פּאַרק. אָבער שפּעטער האָט מען אויפ־געגראָבן די מאַסן־קברים און האָלדערס פרוי האָט דערקענט איר מאַנס גוף לויט דעם לייוונט און אים אַרויסגענומען און געפּועלט ביי דער בוקאַרעשטער קהילה, אַז מען זאָל אים ברענגען צו קבר־ישראל.

אַזאַ אָדיסעע פון אַ ייִדישן דיכטער!

בכלל איז שלמה ביקלס בוך „רומעניע" אין אַ סך פּרטים אַן אַנטפּלעקונג פאַר דעם ייִדישן לייענער, און קיין שום היסטאָריקער בכלל און ייִדישער לי־טעראַטור־היסטאָריקער בפרט וועט דאָס דאָזיקע בוך נישט קענען אויסמיידן.

גלאַטשטיינס „יידיש־טײַטשן״

— 1 —

קאַפּריטשיאָ און ראָמאַנטיק

— וואָס איז די טייטש פון „יידיש־טייטשן״?

— ס׳הייסט, וואָס איז די טייטש? אַמאָל האָט מען אונדזער יידיש גערופן יידיש־טייטש.

— יאָ, מ׳האָט עס טאַקע אַזוי גערופן, אָבער מ׳האָט דאָך עס גערופן „יידיש־טייטש״ און איך פרעג דיך, וואָס מיינט „יידיש־טייטשן״?

— יידיש טייטשן מיינט אַ סך.

— ווי אַזוי קען זיין אַ סך?

— „פראַנצויזישן״, „ענגלישן״, „רוסישן״, קען מען דאָך נישט זאָגן. טאָ פאַר וואָס זשע זאָל מען קענען זאָגן יידיש־טייטשן?

— ערשטנס קען מען „פראַנצויזישן״ אויך זאָגן. עס זענען דאָך פאַראַן פאַרשידענע פראַנצויזישן אין די פאַרשידענע פראָווינצן פון פראַנקרייך, און צווייטנס קען דאָך יידיש־טייטשן מיינען — די טייטש פון יידיש און אין אַזאַ פאַל קענען דאָך שוין אַוודאי זיין אַ סך טייטשן. אָבער אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

— אַנטקעגן דעם, וואָס דער נייעסטער באַנד לידער פון יעקב גלאַט־שטיין הייסט „יידיש־טייטשן״.

— צו וואָס זשע דאַרפסטו פרעגן. נעמט מען די לידער און מען לייענט!

— דאָס האָב איך שוין געטאָן און זייער קלאָר איז מיר נישט געוואָרן. עס זענען פאַראַן אין באַנד זייער אַ סך לידער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט יידיש, מיט יידישע ווערטער, מיט יידישע פאָלקסלידער. דער מחבר שפּילט זיך זייער אָפט מיט די יידישע ווערטער און מיט די יידישע פאָלקסלידער און דרייט זיי און פאַרדרייט זיי און דרייט זיי איבער און דרייט אויס פון זיי אַן אייגנאַרטיקן חן און מאַכט זיי און פון זיי קונצעלעך און חנדעלעך.

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער:

זינג לאַדינאַ, בלאָנדער זענגער,
אונדזער צויבער זשאַרגאָנינאַ,
אַלקאַלירטע רעדעריי,
אַלצעצונגטע שפּראַכעריי,
זונפאַרגינאַ, גינאַ, גינאַ.

— איך פאַרשטיי נישט אַ וואָרט.

— ווייל דו ווילסט זיך נישט אָנשטרענגען. ווּעסט אַ קליין ביסעלע אַ טראַכט טאָן, וועסטו פאַרשטיין און אַז דו וועסט זיך צוהערן מער אַ ביסל, וועט עס דיר זינגען אין די אויערן.

— אַ נו, ברענג נאָך אַ ציטאַט.

— ט׳האָסטו נאָך איינעם:

דרויבס און אויבס און שאַלעשידעס
דורכן פענצטער רייט אַ שטערן.
דער אָפּגעריסענער אורח שאַבעסקוידעש
וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.
אַ געפרעפלטע לאַוועמאַלקע
ברומט באַכאַבע צו דעם גיטוואָך,
וויקסל־וועקסל צאַלן־צאַלן,
זונטיק מאָנטיק דינסטיק מיטוואָך.

— דאָס פאַרשטיי איך שוין אין גאַנצן און ס׳איז טאַקע שיין אויך. דורך שפּיל פון ווערטער הויבט זיך דאָ אָן אַ שטימונג, אַ בילד. איך פאַרשטיי נאָר נישט פאַרוואָס די מלווה־מלכה פרעפלט.

— דאָס איז אַזאַ קאַפּריז.

— האָב איך שוין עפּעס געהערט וועגן דעם, ווי אַזוי ער קאַפּריזעוועט מיטן וואָרט, ווי אַזוי קאַפּריזעוועט ער מיטן פאָלקסליד?

— ער האָט אַ ליד, וואָס הייסט „דאָס פאָלקסליד זינגט דעם שניידער״, איז דאָס אַ שפּיל מיטן פאָלקסליד. פאַראַן קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס סטיליזירן פאָלקסלידער. גלאַטשטיין ווייזט ווי אַזוי פּאָעטן דאַרפן סטיליזירן פאָלקס־לידער. שניידער־יונגען פלעגן זינגען „ווו זענען די טעג אַוועק״, אָדער „ווו זענען די טעג פאַרכלויגן״. ביי גלאַטשטיינען זינגט דאָס פאָלקסליד „אוי, ווו זענען די יונגע טעג פאַרזעגלט? אוי, ווו זענען די ליבע טעג פאַראַנקערט?״. פאַרגלייכן די טעג צו אַ שיף, איז נישט קיין נייס ביי אונדז. ס׳איז שוין פאַ־

ראַן ביי גאָלדפאַדענען און צונזערן, אָבער ס׳איז פאָרט פאַראַן אַ נייער חן אין דעם זאָג, אַז טעג זענען פאַראַנקערט.

— ציטיר אַ פּאָר שורות פון גלאַטשטיינס פאָלקסליד.

— ט׳האָסטו:

אַ שניידערס יוגנט, אַ שוסטערס יוגנט
און אַ נייטאָרינס יונגע יאָרן
פאַרפלייען ווי די טויבן,
לאָזן איבער אַ ריץ אין האַרץ
און קאַרבן אין שטערן.
אָקאָרשט גיט מען אַ בויג דעם רוקן
פאַרקוואַרן די זונטעג
און דאָס לעבן ווערט אַ זיפּציק לידל,
אַ זיסלעך,
און, אַ זיסלעכעס געזאַנג.

— שיין!

— נישט נאָר שיין, נאָר אויך חן. מ׳קען זאָגן, אַז ביי גלאַטשטיינען זיצן חן מיט שיין אויף איין שטיין. ט׳האָסטו שבת־צו־נאַכטס סימפּאָניע ביי אים:

דער שניי אין דרויסן זאָווערוכעט
שליטלט און קנאַקט מיט בייטשן,
אויף טויבנס פּיסלעך היפּט לשון־קודש
מיט חנוודיקע יידישטייטשן,
מעש און קופּער פירן סודות
ווענט באַגלייט פון זיידע־באָבעס.
אויף דער שוועל לעקט דאָס קעצל
לעצטע טריט פון קבצן שבת.

— פון אָט־די די שורות זעט מען דאָך שוין קלאָר, אַז „יידישטייטשן״ איז אַ קאַפּריז. דער דיכטער האַלט, אַז זיינע לידער זענען „יידישטייטשן״, ווייל ער דערלויבט זיך כלערליי טייטשמערישן, פריייהייטן און זשאַרגאָנע־רייען.

— יאָ, ער דערלויבט זיך עס טאַקע און נישט נאָר ער דערלויבט זיך עס, נאָר ער טוט עס מיט אַ כיוון. אין אַ ליד באַזינגט ער שאָמערן און ער רופט אים אָן „יידישער נאַיווער און פּאָר אַלע צייטן אייביקער מאָדערניסט״; זאָגט ער צו אים:

איך ברעך צוזאַמען פון שווערן אָנשטרענג
צו פרינצעווען צווישן דיינע דינסטמיידן און באַלעגאָלעס,
וואָס האָב דיך איבערגעלעבט ליבער, גאָטזעליקער
עלטערפעטער מיינער.

— ער האָט, זאָגט ער, פאַרקאָמפּלאַזשט זיינע רייד, בכדי „אַ ביסל צו פאַרפומירן דעם איפוש” —

איך האָב ווי דו, אויף מיין שטייגער פאַרטייטשמערט
דעם זשאַרגאָן,
איך האָב גערעדט פויגלשפּראַך,
איך האָב אויך ווי דו, געוואָלט אַנטלויפן פון פישקע
דעם קרומען.

— אָט, אָט! מיטן נאָמען „יִדישטייטשן” וויל גלאַטשטיין זאָגן דאָס, וואָס ער טוט; ער וויל זאָגן, אַז ער „פאַרטייטשמערט דעם זשאַרגאָן” צוליב שיינקייט.

— אָבער קומען קומט אַרויס דאָס פאַרקערטע. עס קומט אַרויס, אַז ער פאַריִידישט דאָס טייטשמערישע און פילט עס אָן מיט אַלט־נייע חנען. און מערקווירדיק איז דערביי אָט וואָס: גלאַטשטיין בייזערט זיך למאַי מען שרייבט ווי די זיידעס. אין ליד „דער פּיפּערפויגל זינגט”, דערציילט ער, אַז ער קומט צו זיין טויטן זיידן ווען עס האָט חתן־כלה באַגלייט דעם בדחן; צו דעם זיידן, וואָס צום ערשטן בעט, האָט ער זיי אין שפּיגל געוויזן אַ סקעלעט”, ער ברענגט אים אַלס „ווייערעך” אַ פלאַש י״ש, אָבער דער זיידע מאַכט זיך תמעוואַטע און וויל אים נישט אויפנעמען און ווען ער צערעדט זיך, זאָגט ער אים:

ס׳פירן נאָך אַלץ צופיל זיידעס ביי אייך די גרענדע
עס איז אַ שאַנדע, אַ שענדע (זאָלצט ער אָן אַ גראַם אויפן עק).
אַ זיידן דאַרף מען אַ מאָל דווקא
געבן אַטסטאַווקע.

דער זיידע, דער בדחן זאָגט צום אייניקל, דעם מאָדערנעם דיכטער:

אַז די דורות קומען מאַנען, גיב זיי אַ בריק אין הינטן,
לאָז אָוועק די ווילע שפּרוכן אויף אַלע בייזע ווינטן.
פאַרפאַנצער זיך קעגן גוטע רייד. פאַרשפּיי אין זיך
דעם מענטש.
וואָס דיין זיידע האָט פאַרשאָלטן, באַזינג דו און פאַרבענטש.

אָבער גלאַטשטיין אַליין קען נישט געבן דעם זיידן אַן „אָטסטאַווקע״, נעמט ער ביי אים אַלטע ווערטער און ער באַנייט זיי. און ווען די אַלטע דורות קומען מאָנען, גיט ער זיי נישט קיין „בריק אין הינטן״. אין ליד „אויפן וואַסער״ זינגט ער:

כ׳בין אַ ייִד, אשרי יושבי און שמע ישראל
און כ׳געדענק מיין באָבעס רייד —
ס׳זאָלן די טויערן פון דיין הערצעלע
זיין אָפן פאַר דער תורה.
דאָס איז מיין ייִדישער באַגאַזש אויפן וואַסער.
און אָפט ווען איך גיי מיטן מאַטראַזן־גענגל —
מיט דער וואַקלענדיקער זיכערקייט דורכן לעבן —
ערגערט מיך פאַרוואָס,
פאַרוואָס בין איך אַוועק פון טאַטנס הויז,
מיין מאַמעס פאַרטוך,
פון דער באָבעס צויבער־רייד?

ער איז אַוועק פון זיידנס שטייגער שרייבן, אָבער נישט פון די ווערטער פון די זיידעס און נישט פון זייער לעבנס־אינהאַלט. ער בענקט נאָך דעם טאַטנס דאַוונען, מאַמעס פאַרטוך און באָבעס שפּרוכן. ער ווייס, אמת, נישט, צי דאָס זענען געווען „פּליגל״, אָדער „אַן אָנגעוואַקסענער הויקער״, אָבער דאָס ווייס ער נישט מיטן געדאַנק; מיט די געפילן ווייס ער, אַז „אשרי האיש״ און „שמע ישראל״ איז זיין ייִדישער באַגאַזש.

— אפשר ווייל ער האָט נישט קיין נייעם ייִדישן באַגאַזש? אפשר ווייל ער קעמפט נישט פאַר אַ נייער ייִדישער שול מיט אַ נייעם אינהאַלט?

— געוויס דערפאַר.

— אויב אַזוי זענען דאָך די „ייִדיש־טייטשן״ נישט נאָר קאַפּריזן, נאָר ראָמאַנטיק.

— געוויס ראָמאַנטיק. ראָמאַנטיק פון אַ קלוגן און טיפזיניקן דיכטער, ראָמאַנטיק מיט אַ בעכער פעסימיזם און אַ טראָפּן סקעפּטיציזם, אָבער — ראָמאַנטיק. דאָס אומקערן זיך צו ייִדיש־טייטשן איז ביי גלאַטשטיינען נישט נאָר קאַפּריז, נאָר אויך בענקשאַפט נאָך דער מאַמעס פאַרטוך און דער באָבעס צויבער־רייד.

— 2 —

„ייִדיש־טייטשן" — שטיגן אויף צו קענען שטייגן

איך וואָלט פון דעסטוועגן געטאָן אַן עוולה, ווען איך וואָלט רעדוצירט גלאַטשטיינס נייעם באַנד לידער נאָר צום נאָמען, ס'הייסט — צו דעם „קאַפּריטשיאָ" מיט וואָרט און ליד. ער הייבט אָן אַ ליד מיט די ווערטער: „נעכטן האָב איך אָפּגעשיילט דאָס לעצטע וואָרט". און דאָס דרייען זיי און אַרויסדרייען פון אַלטע ווערטער נייע טייטשן און נייע חנען איז טאַקע דער עיקר אין בוך. עס מאַכט שיעור נישט דעם איינדרוק, אַז גלאַטשטיין האָט אונדז דאָס מאָל געוואָלט וויזן די לאַבאָראַטאָריע אין וועלכער ער באַלמע־לאָכעוועט אויס זיינע לידער, אָבער עס זענען שוין אין אָט־אָ דעם באַנד פאַראַן אויסגעבאַלמעלאָכעוועטע לידער.

דאָס בוך „ייִדישטייטשן" האָט פינף אָפּטיילונגען און אין יעדער פון די אָפּטיילונגען טרעפט מען נישט נאָר צעטרייבערטע ווערטער פאַר לידער, נאָר אויך צונויפגעשמאָלצענע לידער. די ערשטע אָפּטיילונג הייסט „פון קינדער־צימער", טרעפט מען דאָ לידער, וואָס גיבן איבער אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן די איבערלעבענישן פון קינדער. אין ליד „נאַכט, זיי שטיל צו מיר", ליגט אַ קינד אַליין און בעט זיך ביי דער נאַכט, זי זאָל זיין שטיל און לאַנג צו אים און זי זאָל זיין „שווייג" צו איר. דאָס קינד וויל „העכער פון דער מורא זינגען". (ביי היינען זינגען אויך קינדער אַ ליד, בכדי צו באַפרייען זיך פון שרעק). און עס זאָגט צו דער נאַכט:

היימלעך איז מיר דער גרויל פון דיינע
קעצלדיקע אויגן אין אַלע טונקלען.
ליב איז מיר די שרעק פון דיינע
מיליאָסן רוישן אין אַלע ווינקלען.
די מאַמע איז אַ מערדערין
איר אַרט נישט, וואָס אַ שאָטן
שאַרפט אַ מעסער און וויל מיך קוילען.
זי איז אַוועק אין טאַטנס בעט
און איר אַרט נישט, וואָס מאָרגן
וועט מען מיך געפינען אַ דערוואָרגן.

דאָס איז אַ ליד אַ פּסיכאָאַנאַליטישער שטודיום. יונה ראָזנפעלד האָט אין אַ סך דערציילונגען געפּרוווט איבערגעבן די שרעקן פון קינדער און אים

איז נישט אַזוי גערעכטן אַרויסצוברענגען דעם מאַקסימום שטימונג, ווי גלאַט־שטייענען. די קינדער־שרעק ווערט ביי אים פּיין און די פּיין — תענוג. אין ליד „אליין", שילדערט אונדז דער דיכטער, ווי טאַטע־מאַמע דרימלען און אַ דריי־צניאָריק מיידל זיצט אַליין.

רויק דרעמלען טאַטע־מאַמע,
געגראַמט אין שלאָף ווי אַ קינדער־ליד.
די איז אַליין און ווער וועט זי באַוואַכן,
ווען עס וועט קומען דער צאַרט־ווילדער וואָלף.
דער צאַרט־ווילדער וואָלף איז האָריק
און זיינע אויגן זענען גרינע פליגן,
ער איז אַזאַ גוט־שלעכטער וואָלף,
אַזאַ וואַרעמער, געהיימניספולער וואָלף.
טאַטע־מאַמע זענען אָפּגעשלאָפן פון מיר עטלעכע מייל
און די איז שווידערלעך אַליין.

ס'איז ליד דורך און דורך. עס זינגט זיך און מאַכט זינגענדיק און ס'איז דערביי אַ טיפער פּסיכאָאַנאַליז. פרוידיאַניסטן וואָלטן געקענט עפּעס לערנען פון גלאַטשטיינס „קינדער־צימער לידער".

די גאַנצסטע זאַך אין „יידישטייטשן" איז די פּאָעמע „יאָסל לאָקש פון כעלם". יאָסל לאָקש איז נישט פּרצעס כעלעמער רב, ער איז נישט קיין קליינ־לעכער מה־יפיתדיקער געטאָ־חכם, ער איז פּאַרקערט, אַ טיפּוס (אַ לאָקש) וואָס פאַרשטייט גאָרנישט און נישט־פאַרשטייענדיק פרעגט ער אָפּ דעם גאַנצן סדר פון דער וועלט. מען פילט אַרויס דעם כעלעמער רב פון דער באַקאַנטער מעשה, וואָס ווען ער הערט אויס איין צד, זאָגט ער: „דו ביסט גערעכט", ווען ער הערט אויס דעם צווייטן צד, זאָגט ער: „דו ביסט גערעכט" און ווען דאָס ווייב פרעגט אים: „אַז דער איז גערעכט, איז דאָך יענער נישט גערעכט, און אַז יענער איז גערעכט, איז דאָך דער נישט גערעכט". ענטפערט ער איר: „דו ביסט אויך גערעכט". יאָסל לאָקש קען נישט פאַרטראָגן קיין יתומס געוויין, קיין טרערן פון אַן אלמנה, קיין פאַרשעמטקייט פון אַ מיאוסער עגונה, אָבער ערגער פון אַלץ איז פאַר אים „דער שטומער צער פון אַ געשלאָגן פערד". ער וואָלט געגאַנגען פאַרן כסא הכבוד זיך אויסטענהן, ער וואָלט זיך אַליין איינ־געשפּאַנט אין וואָגן און אַליין געכאַפּט די שמיץ. די וועלט איז פאַר אים אַזוי מיט וויטיק, אַז ער אַנטלויפט אין פעלד פון דער נאַטור, אָבער ער לאָזט זיך אַריין, ער ווערט דאָרט באַצויבערט, נישט פאַרפירט פון דער שיינקייט. ער זאָגט:

שיינקייט איז בלויז פאַרן אויג — זאָל ער אַ נס באַווייזן,
זאָל ער געבן יושר, אויסגלייך,
איין מאָס פאַר אָרעם און פאַר רייך,
פאַרן תקיף און געמיינעם מאַן.

יאָסל לאָקשן וויל מען מאַכן פאַר דיין, אָבער ער איז נישט ווי פּרצעס בעלעמער רב, וואָס האָט אַ פּאַרטיקן תירוץ אויף אַלץ און פּסקנט נישט אַ פּינטל טוענדיק מיטן אויג. יאָסל בעט זיך מ׳זאָל אים נישט אָנטאָן דעם ספּאַדיק, ווייל ער ווייסט נישט —

ווער איז גערעכט? דער בעל־עגלה? דאָס פערד?
אָדער גאָר די בייטש? ווו ליגט דאָ דער טייטש?

יאָסל לאָקש כאַפּט זיך אָן אין אַ גמרא „שנים אוחזין", אַז צוויי האַלטן — זאָגט די גמרא — „יחלוקו" — זאָל מען זיך צעטיילן. וויל יאָסל לייזן אַלע בעלעמער פּראָבלעמען מיט דעם „יחלוקו".

וואָס איז זיך דאָ צו קריגן?
צוזאַמענקומען זאָל מען אין אַ יאַריד־טאָג
מיט די ברעקלעך צרות,
די קרישקעס גליק,
די שיינע ווייבער, די קנעכט.
אַפילו דעם שקאַרמוץ מיט טיפע געדאַנקען,
די פערד, די מוילאייזלען,
די קאַפּהענער, די געשטאַמפּטע וואַכטלען,
די ווילשמעקעדיקע בשמים, טייערע געטראַנקען
און יחלוקו.

בעלעם ווערט דאָ אויס בעלעם. זי ווערט — די וועלט, כאָטש קעגן דער וועלט איז זי אַ קליין געצעלט. וואָס איז אין חלום נישטאָ? אַ יויזל, אַ גאָט, אַ קלויסטער, אַ באַרג —

מיט נגידים און געמיינע לייט,
ווייבער צנועות און פאַרשייט.

איין זאַך איז נישטאָ אין בעלעם — אַ נאַר!

ער איז קלוג און ער איז קליגער
און יענער איז קליגסטער שבקליגסטער,

גייט כעלעם אין בלוט.
פּעטש פּליִען ווי די ברעטער.
מען קריגט זיך איבער פילאָסאָפיעס
איבער געשריפטן אין די בלעטער
איבער טיפע געדאַנקען.

און צו יאָסל לאַקש קומט מען, אַז ער זאָל פּסקנען ווער ס׳איז גערעכט. יעדער צד סטראַשעט אים און ער פילט די בייזע כוונות פון יעדן. מען קוילעט אים מיט אַ מעסער, מען גייט אים אויף דער פּרנסה. און דאָס ווייב, וואָס האָט נישט קיין אויגן, נאָר קוקערס און נישט קיין בריסטן, נאָר פאַרדאַרטע פייגן, האָט ווערטער ווי הייסע קוילן. זי האָט טענות צו אים הלמאי —

דער גערעכט און דער גערעכט,
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט,
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.
ציצעליסטן, ציצעניסטן,
אַנאַרכיסטן, אַנטיסעמיטן,
אַלע טאַטערס, אַלע קריסטן,
נישטאָ קיין יאָ, נישטאָ קיין ניין,
נישטאָ קיין טומאה, אַלץ איז ריין.

און יאָסל אַנטלויפט אויף דער לאַנקע און ער צעבעטשעט זיך דאָרט און צעהעשעט זיך און ער וויינט. ער זאָגט: „איך, דער גרעסטער טיפּש און פירער פון נאַראָנים בין מיד״. ער טענהט צו גאָט, אַז ער פאַרשטייט נישט זיין חלום, ער ווייסט נאָר, אַז ס׳איז אַ רחמנות אויף יעדן — אויף אַ גרעזל, אַ מילב, אַ פערד, אַ וואַסערטרעגער, אַ למדן, אַ פּראָסטאַק, אַ דלפן, אַ נגיד, — אויף אַלע איז אַ רחמנות, ווייל אַלע גלוסטן און ווילן.

מיט דער גוטסקייט דערמאָנט יאָסל לאַקש אין שלום־עליכמס רב יוזעפל, מיט דער סאָציאַלער פילאָסאָפיע דערמאָנט ער אין שלום־עליכמס זיידל רב ישעיה׳ס, פּאַקטיש דערמאָנט ער אין לעבעדיקן רב מענדל קאָצקער, און דאָך איז ער אַ נייער, ער איז דער גרעסטער טיפּש, דער פירער פון די נאַראָנים, וואָס פרעגט־אָפּ די גערעכטע חכמה פון דער וועלט. ער איז קליגער און מענטשלעכער פון אַלע וועלטפירער.

יעקב גלאַטשטיין האָט נישט געגעבן קיין בריק אין הינטן אַריין די אַלטע דורות, נאָר ער האָט זיך דווקא אומגעקערט צו זיי. און — זיי געזען מיט נייע אויגן. דער כיטרער גלאַטשטיין איז אַ ראָמאַנטיקער און ער האָט זיך מיט

זיינע ייִדישטייטשן טיילוויז דערוויטערט פון אינזיכיסטס אורבאַניזם און זיך דערנענטערט צו שלום־עליכמען און פרצן און צום קליינעם ייִדישן שטעטל. און אַנדערש האָט נישט געקענט זיין — ייִדישטייטש איז נישט גרויסשטאָט. באַדייט „ייִדישטייטשן" אַ שטייג אַרויף — פאַר דעם אייגנאַרטיקן יעקב גלאַט־שטיין? טיילווייז יאָ, אָבער נאָך מער איז „ייִדישטייטשן" אַ היפּשע צאָל שטיגן אויף צו קענען שטייגן אַרויף.

וועגן יעקב גלאַטשטיינס „געדענק־לידער"

שוין לאַנג אַזוי נישט דערמונטערט געוואָרן און אַזוי געוויינט און אַזוי געגלויבט ווי ביים לייענען דאָס אַכציק־זייטיקע ביכל מיט די 27 געדענק־לידער פון יעקב גלאַטשטיין. עס גלוסט זיך נישט אַנאַליזירן און קריטיקירן, ווייל עס גלוסט זיך נישט צעברעקלען דעם גאַנצן איינדרוק. עס גלוסט זיך נאָר דערציילן...

דאָס ערשטע ליד פון ביכל הייסט „ס'ייִדישע וואָרט", און דער מחבר גיט זיך באַלד ביים אָנהייב אַ זאָג:

ס'ייִדישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן
און יעדע ברכה איז באַטעמט,
יעדע קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באָבעשאַפט.
אַ געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט
אין אַ זאַמדיקן מדבר.
אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן
און אויף אים שפּראָצן ייִדישע ווערטער.

די לייענסט און עס וואַקסט אויס פאַר דיר די מעשה פון חומש וועגן דעם, אַז אהרנס שטעקן האָט זיך איבער נאַכט צעבליט מיט מאַנדלען און די דערפילסט, אַז מיט ייִדישע ווערטער פּאַסירט עס אָפט אַזוי: ייִדן זענען שטום, האָבן קיין לשון נישט, האָבן אַ פרעמדע שפּראַך, ווי אַ נאַקעטן שטעקן, און „פּלוצים" צעבליט זיך דער פרעמדער שטעקן מיט אייגענע ראָזשינקעס מיט

מאַנדלען און דער מדבר פאַרשווינדט און עס בליט אַן אָאַזיס. גלאַטשטיין בישופט אַרויס דעם גאַנצן רייך פון יידיש:

און אַרום דעם שטעקן וואַקסן
זיסע קרייטעכצער
און זעסט אין די עפּנעטן רעטעניש
זייערע באַטייטעכצער
און אַלע פאַרהוילענע נישט־וויסערייען
וועגן סאַמע קלאָרע פאַרשטייטזיכער.

אַפילו דער פאַקט, וואָס יידיש האָט שוין אין אַמעריקע נישט קיין יוגנט און עס שמעקט שוין דאָרט פון אונדזער לשון מיט באַבעשאַפט, פּונקט ווי אַמאָל האָט פון לשון־קודש געשמעקט מיט זיידעשאַפט, אַפילו אָט דער פאַקט קומט אַרויס ביי גלאַטשטיינען נישט ווי קיין קללה, נאָר שיעור נישט ווי אַ ברכה:

און אַלץ ווערט כדאי
און אַלץ ווערט האַפט
אַלץ ווערט אַנגעיאָרנט
און אָנגעטרונקען מיט פרייד
פון בענקשאַפט.

און אַזוי ווי דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ געזאַנג צו יידיש, אַזוי ענדיקט זיך עס מיט אַזאַ געזאַנג. „אונדזער ציכטיק לשון" הייסט דאָס לעצטע ליד. אָט ווי גלאַטשטיין זינגט עס:

ווי די גוטע אַלטע יידן פון אַמאָל,
וואָס פלעגן אויסלייזן און דערקוויקן
אַ וואָלוועלן ניגון,
אים לייטערן און געבן תיקון
און דערווייטערן פון דער טומאה —
אַזוי האָבן אונדזערע זיידעס
פאַרוואַנדלט דיין פּרעס און זויף־דייטש
אין יידישטייטש.
זיי האָבן אים געצערט און געצערטלט,
געקלערט ווי גוטן אייל,
געפּעפּערט און פאַרווערטלט

מיט תנ״כיש,
אַריינגעוועבט אין אים
גוטמוט פון פויערישן ליאַכיש
און זשוואָווישן סלאַוויש
אים אָנגעלאָדן פּיקחות,
שטאָט צעזעצטן און צעטראַסקעטן געלעכטער,
אים פאַרוואָגלט מיט פרומער בענקשאַפט
פון יידישע טעכטער,
פאַרטערט יעדער וואָרט מיט אָפּגעפּוצטקייט
פאַרקלערט יעדער וואָרט מיט חן
און פאַראומפעטעדיקט דעם בייכיקן
„ווערדע אורדען זיין״.

דער געדאַנק איז דאָ נישט אין גאַנצן ניי. איך האָב אַ מאָל געהערט נח פּרילוצקין דערווייזן אין אַ וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט, אַז יידיש איז גרינגער און שענער ווי דייטש. די שווערע דייטשע פראַזן וועגן טויזנטער קילאָ און די לייכטע יידישע זאַצן זענען וואָגיק און זיי פליען. איך אַליין האָב אַ מאָל געשריבן, אַז די יידישע ווערטער זענען אָן אַ שיעור לייכטער ווי די דייטשע. ווען מען זאָגט אויף דייטש „פפערד״, מאַכט מען זיך מאַזאָליעס אויף די ליפּן און ווען מען זאָגט אויף יידיש פערד, פליט עס... אָבער גלאַטשטיין האָט געגראָבן טיפער, ער האָט אָנגעזונגען אַז דייטש איז „פּרעס און זויף״ און עס האָט צעזעצטן און צעטראַסקעטן געלעכטער... און גלאַטשטיין זאָגט דערנאָך צו אונדזער שונא:

דו מצורע צווישן מערדער,
ווי אַזוי קענען מיר
אויף אונדזער ציכטיק לשון
דערציילן אַלץ, וואָס דו האָסט מיט אונדז געטאָן?
ווי דו האָסט אונדזער וועלט פאַרלאָשן?
חלשן, חלשן אונדזערע ווערטער,
שעמען, שעמען זיך אונדזערע רייד
אויסצוקלאָגן פאַר דער וועלט
די לעבעדיקע יסורים
פון אונדזערע מיליאָנען ערב־טויטן.
נאָר דו אַליין אויף דיין בלוט־וווּרשטשפּראַכע,
קאָנסט אויסרעדן ווי דו האָסט גענומען

דייטשע, משוגענע ראַכע
פון דערשראָקענע אומבאַשיצטע שוואַכע.
נאָר דו אַליין מיט דער הילף פון דיינע פילאָסאָפן
קענסט אויפקלערן די שיפלות פון דיינע חיהשע שטראָפן.
קאָנסט אַנטבלויזן דעם גערירשנטן שימל
פון מאָרד אין דיינע ביינער.
נאָר דו אַליין, מיט וואַגנערס פויקן און טאַצן
קענסט אויסכאָרכלען ביז צום פּלאַצן
דיין געפּגרטן רום פון אַ צעדולטער וואַלהאַלאַ...

מיר קענען נישט נאָר נישט באַווייזן אַזעלכע מערדערייען ווי די דייטשן זענען איצטער באַגאַנגען, נאָר מיר קענען וועגן דעם אין אונדזער לשון, מיט אונדזער געדאַנק און מוזיק נישט דערציילן און אויסזינגען די אַלע פאַרברעכנס.

מיר האָבן די לעצטע צייט געהערט אַזוי פיל קלאָגלידער וועגן אונדזער לשון און וועגן אונדזער לעבן, איז געקומען אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט אין זיין בלוט, אין מאַרך דעם שיין פון גלויבן און ער האָט איינגעראַמט זיין בוך אין אַ געזאַנג צו אונדזער לשון און צו אונדזער לעבן...

די לעצטע שאַרפע רייד צו אונדזער בלוטיקסטן שונא דערמאָנען אין זעלביקן דיכטערס באַרימט געוואָרן ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט“, וואָס גלאַטשטיין האָט פאַרעפנטלעכט צוריק מיט אַריבער אַ האַלב טוץ יאָרן און וואָס איז געדרוקט אין זעלביקן בוך. דעמאָלט האָט גלאַטשטיין פאַרהאַקט די טיר פאַר דער „ברייטער, גרויסער, שטינקענדיקער וועלט“ און זינגענדיק אַ לויבגעזאַנג צום „צעהויקערטן יידישן לעבן“, האָט ער זיך געוואָרפן מיט קללות אי צום „כאַזערישן דייטש“, אי צום „פיינדלעכן ליאַד“, אי צו „עמלק גנב“. היינט וואַרפט דעם גאַנצן צאָרן אויף דעם איין־און־איינציקן שונא אויף אונדזערן. די לייענער געדענקען געוויס, אַז מען האָט גלאַטשטיינען דעמאָלט באַשולדיקט, אַז ער רופט צוריק אין געטאָ, בעת ער האָט נישט געטאָן עפּעס אַנדערש ווי געשאָלטן די מערדער און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער ירושה און אָנגעוויזן, אַז מיר זענען נישט אָרעם אין שטויב פון אונדזער טרויעריקן יידישן לעבן. נישט פּעסימיזם ברענגט ער, גלאַטשטיין, נאָר אָפּטימיזם. ער ברענגט דעם שטראַלנדיקן גלויבן פון אַ צעבלוטיקטן...

צוויי טיילן האָט דאָס נייעסטע בוך פון אונדזער דיכטער: די ערשטע הייסט „אין מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן“ און די צווייטע — „נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב“. לויט די נעמען פון די טיילן, דאַרף די ערשטע אַנטהאַלטן

דאָס געזאַנג פון אונדזער בלוטונג אין אַלע מדבריות און די צווייטע דאַרף פאַרצייכענען די מערדעריען פון אונדזער שונא און אונדזער צער און צאָרן. אָבער דאָ און דאָרט פאַרמישן זיך די מאָטיוון און די בלוטונג ווערט פול מיט בלוט און טרערן און דער טייך פון בלוט און טרערן הייבט אָן צו בלוטן. אַט אַ שטייגער שרייבט ער אין דער ערשטער בלוטנדיקער אָפּטיילונג אַ בריוו „צו אַ שוועסטער אין ווייטעניש", זאָגט ער, אַז ער שיקט איר אַ פּאָר ווערטער פייל אויס בויגן. ער זעט זי:

דיינע דערשראָקענע צעפּלעך
זענען יינגער פון דיינע אויגן,
דיינע באַקן זענען קראַנק.
שרייבסט מיר טויזנט בריוו און געדאַנק
און מעקסט אויס מיט אַ שמייכל.
וואַקסט יעדן טאָג מיט די גראָזן,
אָבער ביי מיר ביסטו אַלץ
אַ מעדאַליאָן אויפן האַלדז,
וואָס דערמאָנט.

דאָס איז שוין פאַרשריבן אין פנקס מיט בלוט און טרערן. ווער פון אונדז האָט נישט אַזעלכע שוועסטערלעך, אָדער פלימעניצעס און ווער פון אונדז טראָגט זיי נישט אויפן האַלדז ווי אַ מעדאַליאָן, אַפילו ווען מיר זענען שוין נישט זיכער, אַז זיי לעבן נאָך?...

און אין דער אָפּטיילונג „נעם אַ פנקס און פאַרשרייב" זענען פאַראַן בלוטנדיקע לידער, אַט ווי אַ שטייגער דאָס ליד „דער גלויביקער וואַרטער". אין די טרערן און אין בלוט אויף אַ מאַנדלשטעקן:

דאָס איז דאָך דער קינדישער שמייכל
פאַרגליווערט אין געוויין.
דאָס איז די פרייד
מיטן שלייער פון שוואַרץ,
וואָס האָט שוין יאָרן
נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
דאָס איז די געשמידטע האָפענונג,
וואָס האָט מעת־לעת נאָך מעת־לעת
געוואַרט אויף אַ צייכן,
געגלויבט אין אַ נס.

האָבן שלום אַש און י. אָפּאַטאָשו געזען וויזיאָנעריש דעם חורבן און אונ־טערגאַנג פון יידישן לעבן אין פוילן און גלאַטשטיין האָט מיט קורצע שורות איבערגעגעבן דעם חלום און די האָפענונג פון די פוילישע יידן. „אַ קינדי־שער שמייכל פאַרגליווערט אין געוויין", „די פרייד מיטן שלייער פון שוואַרץ", „די געשמידטע האָפענונג, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ צייכן" — דאָס איז דאָך די יידישקייט אַליין!

מיר ווילן זיך נאָך אומקערן צו די יידישע לידער, וואָס בליען אַרויס פון טייכן בלוט און טרערן, אַזוי ווי אַ מאַנדלשטעקן אין דער מדבר...

**
*

„דער בראַצלאַווער צו זיין סופר" הייסט אַ סעריע פון פינף געזאַנגען. דער בראַצלאַווער איז געווען דער אייגנאַרטיקסטער פון די חסידישע רביים. ער איז געווען אַ פּאָעט אַ רבי, וואָס האָט אויסגעפּאַנטאַזירט אומגעהויער פאַנ־טאַסטישע מעשהס. ער האָט זיינע מעשהס דערציילט און זיין תלמיד נתן האָט זיי פאַרשריבן. זיינע מעשהס זענען פול מיט עראָטיק, אָבער די חסידים האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַלעגאָריעס. יעקב גלאַטשטיין האָט זיך אויסגעפּאַנטאַ־זירט אַן אייגענעם רב נחמן, ער איז ביי אים בלויז גוטמוטיק און ער רעדט ווּליינגעריש, בעת ער איז געווען אַ היפּשלעך בייזער און נערוועזער ייד און ער האָט קיין ווּליינגערישקייט נישט אַרויסגעוויזן. ביי גלאַטשטיינען זאָגט ר' נחמן:

נתן, דאַוואַי היינט נישט טראַכטן,

אָדער:

כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.

ביי גלאַטשטיינען דערציילט דער רבי דער פּאָעט, אַז ווען ער האָט שפּאַ־צירט מיטן וואַלד „כעלות", האָט זיך די גאַנצע יצירה געברוגזט און די פייגל האָבן אים קיין גוטמאָרגן נישט געזאָגט און דאָס העזל האָט אים אָנגעקוקט, „ווי אַ יידענע אַ מאַרשאַס" אאַז"וו. איז ער געגאַנגען און „דער גאַנצער יצירה דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ" און — „דער גאַנצער וואַלד האָט מיט אַ כוח אַ פאַרבאָרגענעם זיך גענומען מאָרגנען און די ברוגזקייט איז אַוועק און די פייגל האָבן גענומען צוויטשערן און דאָס העזל האָט זיך צעשמייכלט", אאַז"וו.

ווען דער רבי האָט דער גאַנצער יצירה דערלאַנגט אין דער זיבעטער

ריף, האָט ער טאַקע געהערט ווי אַן אַלטער בוים האָט געגעבן אַ כליפּ און ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ, אָבער דער גאַנצער קלאַפּ איז עפּעס ווי נישט רבייִש.

איז טאַקע אויסערלעך דאָ רב נחמן אַן אַנדערער, אָבער אינערלעך האָט זיך דער דיכטער דאָ דערזונגען צום סאַמע עיקר פון גוט־ייִדישן פּאָעט. רב נחמן איז דער פאַנטעזיסט, וואָס דערפילט דאָס געזאַנג פון גאַנצן באַשאַף און ער וויל, אַז ער און זיין תלמיד זאָלן זיין „צוויי זינגענדיקע תמלעך" און זיי זאָלן שלאָפן „אומגעחלומט און אומגעטראַכט, ווי די פויערימלעך". רב נחמן וויל אַזוי נישט זיין טרויעריק, אַז ער גיט אַזש דער גאַנצער יצירה אין דער זיבעטער ריף, אַז זי זאָל נישט זיין טרויעריק. זיינע חסידים האָבן איבערגע־נומען זיין לאָזונג. אין אַלע בראַצלאַווער קלויזן פלעגט זיין אָנגעשריבן אויף ייִדיש: „געוואַלד, ייִדן, פאַלט נישט אַריין אין מרה־שחורה". רב נחמן האָט אַזוי ליב דעם גאַנצן לעבן, אַז ער האָט אַזש רחמנות אויף דעם יצר־הרע, וואָס פאַסט נעבעך תעניתים און חלשט נאָך אַ לעפל געקעכץ און —

וואָס איז דען אויסן דער יצר־הרע?
חדוה, באַשייד פון פרייד, טרייסט פון טרויער,
געווין פון אַליין פאַרצווייט.

יצר־הרע מיינט גוף און גוף איז דאָך דאָס ביסל תענוג צווישן הימל און ערד.

יצר־הרע מיינט דאָך יחוד און צוזאַמען —
וווּנדערלעכער צו־להכעיס.
ס'מיינט אַ געציטערט וואָרט,
פייער און פלאַמען אין גאָטס געפלעכט פון צווי,
ס'מיינט ווייב.
נתן, פאַרשרייב.

דורך רב נחמן וואַקסט דאָ אַרויס דער גאַנצער חסידיזם, וואָס האָט זיך באַוויזן טאַקע ווי אַ מאַנדלשטעקן אין דער מדבר און האָט באַקעמפט דעם אַסקעטיש־רבנישן פאַרוואָרלאָזן דעם גוף און האָט פאַרהייליקט אַפילו דעם יצר־הרע...

יעקב גלאַטשטיין האָט זיך אויף אַזוי פיל דורכגעדרונגען מיט דעם נח־מנען, אַז ער האָט גענומען זינגען „אַ ניגון" (אַזוי הייסט ביי אים אַ ליד) אין בראַצלאַווערס נוסח. דאָס איז אַ ניגון פון אַ ייִד, וואָס איז געזעסן איינער אַליין אויפן שוועל פון זיין הויז; אַ ייִד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ווייב און קיין

קינד און וואָס דערזעט ווי די שבת־מלכה וועט פאַרבייטאַנצן לעבן אים און וועט אים זאָגן גוט־שבת און ער וועט ווידער בלייבן איינער אַליין און ער זינגט אַנטקעגן דער מלכה שבת און ער חלומט זיך אויס, אַז אויף דער פולער וואָך וועט ער פערד־און־וואָגן שפּאַנען —

און הייטיאַ — אַוועק פון דאַנען,
אַי וועט ער די פערדעלעך דערלאַנגען אַ טרייב
און ער וועט פאָרן און פאָרן זוכן אַ ווייב.

דער עלנטער דערפילט, אַז ס'איז אַ ווילע און טייערע וועלט און עס איז נישט גוט צו זיצן אין טיר איינער אַליין.

צווייִ איראָנישע לידער האָט גלאַטשטיין אין ערשטן טייל: „דער רייזע־מאַן" און „אַ חלום". דאָס ערשטע ליד איז אַ שפּיל און אַ שפּאַס אויפן חשבון פון ליגנער. דער „רייזעמאַן" איז כלומרשט געקומען פון אַ וויטער רייזע, ער איז געווען „אין ווינע, בערלינע, כינע, פּאַלעסטינע", ער איז —

אומעטום געווען און אומעטום געוואָן,
אַלץ געזען און אַלץ געזאָן...

אויף וואָס מען פרעגט אים נישט, ענטפערט ער, אַז ער האָט דאָס „גע־זען און געזאָן". אַז מען פרעגט אים, צי ער האָט געזען דאָס צויבערפּאַס, ענטפערט ער, אַז ער האָט דאָס געזען מיטן גילדענעם עפּל־קוואַס. און ווען אַ דייטשל פרעגט אים, צי ער האָט געזען די קופערנע פרוי, ענטפערט ער: „אַוודאי! וואָדען! אַלץ געזען און אַלץ געזאָן".

געווען אין האָצים, אין פּלאַצים,
אין רייזן, פּרייזן...

און ווען דער ליגנער בלייבט אַליין אין שענק, טראַכט ער זיך:

וואָס זשע וועסטו מאָרגן זיין?
אַלע ליגנס אויסגעלייגט,
אַלע דערציילעכישן אויסדערציילט,
אַלע לענדער אויסגעטראַכט,
אַ מכה געזען און אַ מכה געזאָן,
נישט געווען און נישט געוואָן —
דער גרייזער, ווייזער רייזעמאַן.

ס'איז די טראַגי־קאָמישע מעשה פון דעם מענטשן, וואָס געווינט זיך צו

זאָגן ליגנס און ער שיינט אַ ביסל אַזוי לאַנג ער דערציילט די ליגנס, שעפּן זיך אים די שקרים אויס, ווערט ער אויסגעלאָשן, טרויעריק און לאַנגווייליק. אַזאַ מענטש האָט אַן אמת, איז ער „כמעין המתגבר" (ווי אַ קוואַל, וואָס שטאַרקט זיך) און ער שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס, אָבער דער קוואַל פון ליגן שעפּט זיך אויס...

פון אַ גאַנץ אַנדער מין איז די איראָנישע פּאָעמע „דער חלום". דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ טענדענציעזע פּאָעמע, וואָס איראָניזירט דעם דאָזיקן העברעיזם, וואָס וויל זיך אין גאַנצן אָפּזונדערן פון אונדזער גלותדיקן לעבן און וויל פאַרלייקענען צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע. דער הויפּט-העלד איז דאָ ביאַליקס „פויגל". דאָס ערשטע ליד, וואָס ביאַליק האָט אָנגעשריבן, הייסט „אל הצפור" (צום פויגל). ס'איז אַ האַרציק יינגליש ליד, וואָס באַזינגט דעם פויגל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די וואַרעמע לענדער צום דיכטערס פענצטער. און ביאַליק צעזינגט זיך אַליין ווי אַ פייגעלע און ער דערציילט ווי שטאַרק ער האָט געבענקט נאָך דעם פויגל אום ווינטער, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין וווינונג.

גלאַטשטיין דערציילט, אַז ער בעט ביים צעפּליכעטן אָפּגעקראָכענעם אַלטן פויגל וואָס איז אַ ציטערדיקער און אַ קאַלטער אַז ער זאָל זיך פאַרהאַלטן ביי זיין פענצטער איידער ער ציט אַוועק אין די וואַרעמע לענדער. ער פאַרזיכערט אים אַז ער איז נישט קיין יעגער און נישט קיין שיסער, ער איז נאָר אַ נייגעריקער וויל-וויסער און ער פרעגט אים:

ווער ביסטו מיטן אינטעליגענטן שנאָבל
און מיטן מאָנאָקל אויפן בלינדן אויגל?

דער פויגל ענטפערט אים „טשעפּעזיכאָפּ". וויפל ער זאָל דעם פויגל נישט פאַרזיכערן, אַז ער קען אים, ענטפערט יענער אַלץ: „טשעפּעזיכאָפּ!", אָבער סוף-כל-סוף גיט ער זיך אַ שטאָלצן צעפּעדער און אַ צעשאָקל און ער פאַרריכט דעם וואָלענעם שאַליק און ער ענטפערט:

אני הצפור של ביאליק.
(איך בין ביאַליקס פויגל).

נעמט שוין דער דיכטער אים באַגריסן און אים זאָגן „שלום" און ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט, וואָס ער איז נישט עדגאַר פּאָיס שוואַרצער פויגל, נאָר „אַ נאַש בראַט, אַ יידישער פויגל, אַן אָדעסער" און ער זאָגט אים, אַז ער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַ פויגל פון צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט און שוין דעמאָלט האָט ביאַליק געזונגען „פאַרוויאַנעט גראָז איז איצ-

טער דאָס פֿאָלק", כאָטש „ייִדיש לעבן איז נאָך געווען לעבעדיק און קוואַ־ליק". און דער פֿויגל ענטפֿערט אויף דעם נישט מער ווי —

אני הצפור של ביאליק.

און גלאַטשטיין רעדט ווייטער צו זיין גאַסט, ער וויל ביי אים אַ גרוס פֿון דער וועלט. ער דערמאָנט אים, אַז ער האָט צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונ־דערט אָנגעקלאַפּט ווי אַ פֿרילינג־פֿויגל אין פֿענצטער פֿון ביאַליקס מוח און ער פֿרעגט דעם פֿויגל, וואָס אַזוינס האָט ער אים געזאָגט, וואָס

האָט אין אים גענערט ייִדישלעכע פֿרייד
און דורותדיקן טרויער?

דער ייִדישער דיכטער דערמאָנט, אַז ביאַליק איז געוואָרן אונדזער פֿעלדז און מויער, ער האָט געזונגען, געצאָרנט, געשטראָפֿט, ער איז געוואָרן אַ ווע־קער און ער וויל ביים פֿויגל דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט דעם העב־רעיִשן פּאָעט, אפֿשר וועט ער דערמיט קענען אַ בלאָז טאָן דעם לעבעדיקן אָטעם אויף דעם גאַנצן גלות און אויף דעם גאַנצן ייִדישן לעבן, וואָס איז איצטער „פֿאַראומגליקט, פֿאַרדרויבט, פֿאַרפֿינצטערט און פֿאַרפֿאַליק" און דער פֿויגל פּויקט אויס אויף דער שויב:

אני הצפור של ביאליק.

דער ייִדישער דיכטער באַגריסט ווידער דעם פֿויגל און ער קלאָגט זיך פֿאַר אים, וואָס ער פֿליט אַוועק „און מיר וועלן בלייבן אָן אַ ירושה־וואָרט און אָן פֿרייד" און דער פֿויגל הערט אַלצדינג אויס און פֿאַרריכט דעם מאָ־נאָקל אויפֿן האַלב־בלינדן אויג און ער גיט זיך אַ לעצטן פֿאַרנייג:

אני הצפור של ביאליק.

פֿאַראַן אין אָט דער חנוודיקער פּאָעמע איבערהויפּט — אַזוי דאַכט זיך מיר — אַ שטאָך אויפֿן חשבון פֿון די דאָזיקע פֿאַנאַטישע העברעיִסטן, וואָס ווילן בשום אופֿן נישט איינגיין אויף קיין שלום צווישן ייִדיש און העברעיִש און זיי בלייבן שטאָלץ און שטום און האַלב־בלינד און זיי פֿליִען אַוועק...

אין אַ געוויסער מאָס געהערט צו די איראָנישע לידער דאָס זאַכלעכע „אין אַ טשעפּעל". אַ „טשעפּעל" מיינט אין ענגליש דאָס שטיבל, ווו מען ברענגט אין נאָרד־אַמעריקע געוויינלעך דעם מת און מען פּוצט אים אויס צום לעצטן וועג און מען באַקלאָגט אים. גלאַטשטיין שילדערט די גאַנצע טראַגי־קאָמישע אַטמאָספֿער אין אָט דעם שטיבל, ווו עס שמעקט מיט „צוגעשימל־

טער אייביקייט". דער קליינער ראַבּי מאַכט צורעכט דעם מת און דער עולם זוכט ביי דער אלמנה אַ טרער. דער אָרגל טריפט שטילקייט ווי הייסער וואַקס אויף פאַרשלאָפענע קעפּ", אָבער ווייכפוסיקע פאַרשוינען וועקן אויף פון דרימל און דער דיכטער באַדויערט:

אַ שאָד, מיר וואָלטן דאָ געזעסן לענגער
און געמאַכט רעפּעטיציע מיטן טויט,
כדי זיך צו אים צוגעוווינען.

ווילסט יאָ, ווילסט נישט, עס רירט דיך און רופט דאָך אַרויס אַ שמייכל, אָבער — דאָס איז עס!

ווי אַן אמתער מאַנדלשטעקן אין מדבר ווירקט דאָס ליד „גרויסע וועלט פון שטילן וווּנדער". ס'איז אַן אידיליע, אַן „אויסגעפייניקט אויסגעטענהקטער" שפּיל אין אַ פאַרפוירערטער שטילקייט. אין די אייגענע דלד־אמות פון זיין בענקען זעט דער דיכטער די גאַנצע וועלט, „די גרויסקייט, וואָס האָט זיך פאַר קליין פאַרשטעלט". עס איז די געוויינלעכע דאָרפישע סביבה, עס אָטעמט בלום אין בלי און בלום אין וועלק און אַ מאַן טראָגט אַ שעפל מיט שוימיק געמעלק, אַ קינד שפּילט זיך מיט די הענטלעך אין אַ וויגל, מען הערט דאָס געזאַנג און געטאַנץ פון הענער און הינער. און אַ מיידל מיט טרויעריקע אויגן שירעמט זיך קעגן זון מיט אַ גרינעם הוט און זי זינגט פאַר זיך און איר געזאַנג גייט צו דער וועלט פון אַזוי פיל ליכט און אַ נאָכקול ענטפערט:

אייביק איז מיין וועלט פון ליכט,
איבער אַלע דיינע משוגענע טויטן
גייט אויף מיין שטערן אומגעריכט.

עס קומט אָן דער אָוונט און עס ווערט אַ דועט, אַ געראַנגל צווישן טאָג און נאַכט און די שיינקייט באַצויבערט אַזוי דעם דיכטער, אַז ער בעט זיך ביי גאָט: „פאַראיצטיק מיך אויף שטענדיק מיט מיין חלום און מיט מיין וואָר". ער בעט זיך און זאָגט:

פאַרגליווער מיך אויף טויזנט יאָר
און טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אָוונט־שיין אויף אַ ליכטיקער וועלט.

גאָט האָט אַמאָל באַשאַפן די ליכטיקע וועלט און ער האָט געזען, אַז עס איז גוט און איצטער קומט אַ מענטש אַ דיכטער און זאָגט נאָך, אַז ס'איז גוט. איצטער, אין דער צייט פון משוגענעם טויט! גאָט האָט געמאַכט גוט און ער

מאַכט שלעכט... דאָס ליד „גרויסע וועלט פון שטילן וווּנדער" איז אַ סך מער אַ געזאַנג ווי אַ ליד מיט ווערטער.

די צוועלף געזאַנגען, וואָס הייסן „קליינע נאַכט־מוזיק" זענען פון זעל־ביקן מין, אָבער אַ סך טרויעריקער. פאַראַן דאָ אַ געמיש פון געזאַנג און גע־בעט. די טענער זענען דאָ מינאָרע, שאָפּעניש. דער דיכטער בעט זיין „חלק וועלט אויף אַ קליין טעלערל", ער וויל אַרומגעצאַפּלט ווערן מיט זון־אויפ־גאַנגען, שלאָף, רעגנס און פאַרגאַנגען. און אָט ווי דער דיכטער וויל אַ קליי־נעם חלק און אַ קליין בעטל, וואַקסט ביי אים אויס אַ קאַסטן מיט געזאַנג. ווי די זון שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ טראָפּן, אַזוי זינגט אויס דער דיכטער די גרויסע וועלט דורך קליינע ווינקלען. ער טראַכט זי אויס — מסתמא אַ זי — פון קאָפּ ביז די פיס און די אויסגעטראַכטקייט ווערט ווירקלעכקייט. די דרימ־לענדיקייט פון רב מיט דער רביצן און פון דער נאָנע להבדיל, ווערט דאָ — אַ גאַנצע וועלט. ס'איז אַ הויז פון קאָרטן, אַ טרויעריק שיפּל, אָבער עס וועט אים דאָך פירן אין זיין „ליכטיקן האַרבעריק" אַכסניה.

דאָס זיכערע מויל איז זיכער מיטן מאָרגן.

אָט איז אַ לידל, וואָס איז דורכויס אַ שאָפּעניש געזאַנג:

דאָס טרויעריקע ווייב האָט געציילט קליינע זילבערלעך
און אַרויפגעבראַכט שוואַרצן ברויט מיט פּוטער,
די פּאַרע פון דער הייסער טיי האָט פאַרוואָלקנט
די באַגערנדיקע מוטער.
כ'האָב געהערט אירע קליינע רייד.
די נאַכט האָט געדולדיק צוגעוואַרט.
זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט
און דעם צודעק אַוועקגעשאַרט.

אַזוי קליין און אַזאַ גאַנצע וועלט! איין שאָרך דאַכט זיך און דאָס געזאַנג פון אַ גאַנץ לעבן.

די שטילע נאַכט־מוזיק ווערט פאַרענדיקט מיט אַ געבעט נאָך שלאָף און חלום:

לאָמיר אָנזאָטלען דעם שלאָף
און רייטן אין אַן אייגענעם גאָרטן.
און אין דער פינצטער וועלן זיך קושן
די געמעגטן מיט די נישט־געטאָרטן.

זינט לערמאָנטאָוו האָט געזונגען „איך וויל זיך פאַרגעסן און איינשלאָפן", האָבן עס שוין אַ סך געזונגען; און פריִער האָבן שוין אויך פּאָעטן געזונגען צום שלאָף. ביי גלאַטשטיינען איז עס דאָך אַנדערש. עס איז פאַראַן דאָס קושן זיך פון „די געמעגטן מיט נישט־געטאָרטן", וואָס איז נישט נאָר אַ חנדל, נאָר ס'איז דער ייִדישער חלום, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אַלע פאַר־באַטנקייטן ווערן דערלויבטקייטן.

אַ מאָדערניסטישער דיכטער יעקב גלאַטשטיין און ייִדיש דורך און דורך. ייִדיש אין געזאַנג, אין חלום, ייִדיש אין יעדער תנועה און הוויה...

***

אויך אין די געזאַנגען פון צווייטן טייל „געדענק־לידער", וואָס הייסט „נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב" בליט אָפּט אַ מאַנדלבוים אין מדבר. פאַראַן צו מאָל אַ צאָרן, וואָס שניידט דאָס האַרץ ווי מיט שאַרפע ציין און פאַראַן אַ מאָל אַ טרויער, וואָס מאַכט וויינען און קלאָגן, אָבער קיין פאַרצווייפלונג איז נישטאָ. אויף קיין איין רגע גלויבט נישט דער דיכטער, אַז דער שונא וועט זיגן און הנאה האָבן פון זיין נצחון; אין ערגסטן פאַל וועט דער שונא נישט קיין הנאה האָבן, ווייל ער האָט אונדז געגעבן דעם ערגסטן וואָפן — מיר וועלן „שטערן זיין שלאָפן" און מיר וועלן פאַרוויסטן זיינע טריט און פאַרפינצטערן זיין וועלט „מיט דעם כּוח פון אומגליק, מיט דעם פאַרגרויזאַמטן וווּנדער פון אונדזער לעבן". דער דיכטער זאָגט ווערטער, וואָס מיר דאַרפן נאָכזאָגן פּונקט ווי פּסוקים פון תהילים און מאמרים פון פּרק:

פאַראַן אַ פרייד, וואָס זינגט אין אַלע ביינער,
אַ פרייד, וואָס דערהייבט דעם נידעריקסטן פון מיסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ האַר דעם קנעכט —
דאָס איז די פרייד פון זיין גערעכט.

די פרייד פון לעבן וועט נישט בלייבן ביי די מערדער פון מיליאָנען מענטשן, נאָר ביי די גערעכטע וועט זי בלייבן. די גערעכטע וועלן די פרייד נישט קענען פאַרדייען. די „מיליאָנען־טויטן" (אַזוי הייסט איינס פון די האַרצ־רייסנדיקסטע געדענק־לידער) וועלן נישט דערלאָזן, אַז די פרייד זאָל טאַקע זיין פרייד.

אַז מען וועט אַקערן און זייען טויטע ערד,
וועט זי געבן פינצטערע ברויטן,

נאָר ס׳וועט ווייץ און קאָרן אייביק שמעקן
מיט מיליאָנען טויטן.

גלאַשטיין זאָגט, אַז מען וועט נישט געפינען קיין רייד פאַר קיין טרייסט און ער זאָגט מיט ווייטיק און פאַטאָס:

...פאַרהייליק באַזונדער יעדן קרבן
און פאַרטרייסט נישט דעם קאָפּ,
אַז לעבן וועט דאָס פאָלק.
ניין, אייביק וועט אונדזער לעבעדיק פאָלק
זיין טויט מיט מיליאָנען טויטן.

ער הייסט פאַרצייכענען אין פנקס, אַז נישט די קדושים אונדזערע זע־נען געשטאָרבן פאַר אונדז, נאָר מיר זענען פאַרמשפּט צו לעבן פאַר זיי, „אַז ס׳זאָל פליסן זייער טויט אין אונדזערע אָדערן, כדי מיר זאָלן די וועלט פאַר־שווידערן. און ער שרייט אויס:

פאַרשאָלטן, אויב מיר וועלן זייער טרויער צעשמעלצן
אין דעם דויער פון אויפגעלויכטענער פרייד.

אָט ווי די פרייד פון די גערעכטע וועט נישט קענען צעשמעלצן דעם טרויער, וועט זי ביי די מערדער נישט בלייבן:

און מיר, באַלאַדענע מיט מאַכט,
מיר, פאַראומרייניטע מיט בלוט־פאַרגאָס,
גיט אַ טראַכט פון לעצטן שמייכל קעגן אַ שאָס
פון דעם געזאַנג אין טויט.
צעפלינדערט, צעטרעט, צעשיסט, צעשעכט.
בלייבן וועט די פרייד פון זיין גערעכט.

יעקב גלאַטשטיין וויל נישט נאָר פאַרצייכענען אין פנקס, נאָר ער וויל אויך פאַרשטיין; ער וויל זיך דערגרונטעווען צום שכל פון דעם מוראדיקן קאַשמאַר און אים פאַלט איין דער גראַטעסק טראַגישער געדאַנק, אַז גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל. דער מהר״ל האָט באַשאַפן אַ גולם אויף צו באַשטראָפן זינדיקע און דער דאָזיקער גולם האָט דערנאָך אויפגעהויבן די האַק קעגן אַלעמען און אויך גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ „פאַרגולמטע שטראָף״, וואָס האָט אים איבערגעמעכטיקט. איר מעגט אייך קלערן, אַז די ענגלישע און פראַנ־צויזישע קאַפּיטאַליסטן זענען אַ סך מער טרויעריקערע מהר״לן, ווי ס׳איז גאָט.

וואָס איז דאָ אפשר... גאָט די נשמה שולדיק, אָבער טראַגישער חן איז פאַ־ראַן אין אופן ווי גלאַטשטיין שילדערט גאָט דעם טרויעריקן מהר״ל, וואָס

פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייִד,
שטילערהייט וועט ער זיך אַריינגנבענען אין שיל,
אַן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין
אין פּאָליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

דער דיכטער גיט אויף אַ זעלטענעם אופן איבער די איבערלעבונגען פון אונדז אַלעמען אין דער היינטיקער צייט. מיר לעבן דאַכט זיך, זאַט און רויִק, אָבער די יידן קריכן אונדז אין די ביינער אַריין. ער שילדערט די אַמערי־קאַנער (און נאַטירלעך אויך די אַרגענטינער ייִדן), וואָס ס׳איז זיי באַפאַלן אַ הונגער און זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אַן אייביק שטיקל הימל און אַ לבנה קוקט אויף זיי אַרונטער מיט זילבערנע שפּאַקולן. נישט אַלע ווינטשעוואַניעס זענען מקוים געוואָרן, אָבער ביי אַ סך וויגעלעך שטייען גילדענע ציגעלעך, נאָר — די ביינער ברעכן. נישט דאָס בעט, נאָר די ביינער קרעכצן. אַ ייִד גייט אין אַמעריקע אַרום אין שטעקשיך, טרעט אויף ערד, וואָס איז אייגן, דער טיש אין שטוב האָט אַלדאָס גוטס און מ׳קען אונטערלענען דאָס האַרץ, אָבער דער הונגער איז נישט געזעטיקט און עס דאַכט זיך, אַז אָט דערלאַנגט מען אַ פּאַ־פּיר מיט אַ חשבון, אַז אַלץ וואָס דו האָסט, איז נישט דיינס, אַפילו נישט דאָס געזונגענע גילדענע ציגעלע און די שפּאַקולן פון דער לבנה. ס׳האָט זיך טאַקע נאָר אויסגעוויזן —

זאָל זיין ס׳איז נאָך קיינער נישט געקומען,
אָבער מיינע ביינער קרענקען שוין דערמיט,
מיט דער פייכטקייט פון ייִדישן וועטער...

ייִדישער וועטער איז ממש אַ געניאַל וואָרט. דאָס בלוט פון אונדזערע ברידער אין אייראָפּע האָט פאַר די ייִדן פון אומעטום געשאַפן אַ ספּעציעל פייכטן ייִדישן וועטער, אַ פייכטן וועטער, וואָס רופט אַרויס נישט נאָר רעו־מאַטיזם, נאָר שרעק.

גלאַטשטיין וויל פאַרשטיין דעם פאַרוואָס פון „ייִדישן וועטער״. אין ליד „לתרצ״ט״ זאָגט ער:

אונדזער דלות האָט אַ גילדענע ראַם,

פאַרגינען זיי אונדז נישט דאָס לעבן.
מיר וואָלטן שוין אונדזערע ראָטשילדס אַוועקגעגעבן,
אָבער אַפילו אונדזער ייִדענע מיט באָב
איז זיי גרויס אין די אויגן.
אויך זי האָט ביי זיי דאָס בלוט אויסגעזויגן.
זע ווי זיי רייסן אונדז פון מויל דאָס פּיסנע ברויט.
קלאָגן מיר דעם קלאָג פון הונגער־טויט.

דער דיכטער פילט דעם קאָשמאַר פון עשוס לאָפּע אויף יעקבס פּלייצע אין איראָפּע, ער פילט ווי מען וואַרפט „ייִדישע שטיינער פאַר ייִדישע ביי־בער" אין בערלין, וויך, וואַרשע, אָרשע, קאָוונע, ראָוונע, מינסק, פּינסק. ער פילט ווי עס גיסט זיך צונויף ברויט מיט טויט און עס ווערט „ברויט־טויט" און ער פילט ווי ער אַליין ווערט אין דער פרייער אַמעריקע אַרויפגעלייגט אויפן יאַטקע־קלאָץ. אין דעם ליד, וואָס הייסט טאַקע „אויפן יאַטקע־קלאָץ", שילדערט ער, וואָס עס האָט זיך אַ ביסל געטאָן נעכטן אַרום אים, ווען ער איז געלעגן אַ צעדמטער אויפן יאַטקע־קלאָץ, ווי אַ קנעכט צום פאַרקויפן און אַלע האָבן געטייטלט אויף אים מיט רחמנות. אמת, האָט איינער געזאָגט, אַז ער איז אַ שטיקל שווינדלער און גאַרגלשניידער און מ׳דאַרף אים קוקן אויף די לעפּקע פינגער, אָבער — „ווער אויב נישט מיר האָבן אים גע־שטויסן צו די פּרנסות, וואָס זענען גרינגער?" אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַליין אַ נבזה, אַ פלעק אויף אונדזער (אַמעריקאַנער) משפּחה, אָבער ס׳איז שווער צו פאַרגעסן דאָס דאָזיקע ספר, וואָס זיינע אורעלטערן האָבן גע־לאָזן און דערפאַר דאַרף מען מיט אים טאָן חסד און פאַרגעסן, אַז ער איז אַ „הורענזון און אַ מאַרעוויכער". אַן אַנדערער האָט געטענהט למאי ער האָט אַ הויקער פון צופיל זיצן איבער די ביכער און „שאַרפן דעם מוח ווי אַזוי צו ייִדלען", אָבער זידלען דאַרף מען זיך אַליין, וואָס מ׳האָט אים נישט געטריבן צו די „שווייסיקע פאַכן", ווי גראָבן קאַרטאָפּליעס, האַקן שטיינער אאַז״וו. אַן אַנדערער זאָגט גאָר ווערטער, וועלכע מיר הערן איבערהויפּט אין אַ סך לאַ־טיין־אַמעריקאַנער לענדער:

הערט ווי ער בעבעט זיין לשון,
ווי ער פּראָוועט באַזונדעריש אויף אונדזער ערד,
פאַר וועלכער מיר האָבן געפאָכטן,
הערט, ווי ער ריטשעט, וואָס מ׳האָט זיין ברודער געשאָכטן.

און אַזוי איז ער כסדר געשטאַנען אין הוילן העמד און די צעפליקטע

גאַטקעס און געהערט ווי זיי האָבן געטרייבערט זיינע אָדערן מיט פּאַרטיידי־קעכץ. דער דיכטער האָט אַן איבעריק מאָל דערפילט דאָס דאַזיקע, וואָס איז זינט „אָ גוטע נאַכט, וועלט״ געוואָרן ביי אים אַ לייטמאָטיוו. ער האָט אַן אי־בעריק מאָל איבערגעלעבט די שרעק פון זיין שעפעלע צווישן וועלף און ער קרעכצט:

האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דריי,
דיין גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין
אין דיין אייביקער נאַכט?

אָבער כאָטש אַזוי, פאַלט ער נישט אַריין אין קיין אַבסאָלוטן יאוש און ער גלויבט, אַז דער נצחון וועט קיין מאָל נישט זיין קינס. אין ליד „בירגער־קריג״ זאָגט ער:

וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן,
מיין ברודער קין.
אין יעדן דור וועל איך מיט דיר דעם קאַמף באַנייען,
ביז ס׳וועט אַ מאָל פאַרמענטשט ווערן דער טרויעריקער וואַלד.

ער איז זיכער, דער דיכטער, אַז ליכט איז ליכטיקער ווי פינצטערניש און גוט איז האַפטיקער פון שלעכט און ווען הבל וועט זיין טויט, וועט קין זיין טויזנט מאָל טויט.

דער דיכטער הייסט געדענקען, ער זאָגט פּאַרויס, אַז דער טרויער וועט נישט קענען צעשמאָלצן ווערן אין דער אויפגעלויכטענער פרייד, אָבער נישט פאַרצווייפלען. און אַפילו דער טרויער זיינער פאַרמאָגט אַ זיסקייט. ס׳איז אַ טרויער, וואָס צערייסט דאָס האַרץ אויף שטיקער, אָבער וואָס שיט נישט קיין זאַלץ אויף די ווונדן, נאָר גיסט אויף זיי באַלזאַם. איך קען זיך נישט באַהערשן נישט צו געבן דאָ אין גאַנצן גלאַטשטיינס „געטאָ־ליד״:

מיין געזאַנג אין דיינע ביינדלעך,
ווי יונגער שניי צעגייט.
אין דיינע שטערנדיקע אויגן,
וואַכט אויף אַן אַלטע פרייד.
לאַכעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס׳גייען אויף זיבן זונען

אויף אַן אַלטן מויער.
דער שבת ווײנט אַ פֿאַרשוועכטער
פון די ביימער־שפּיצן.
אויף אַלע חושכדיקע געסלעך
טויטע בעטלער זיצן.
שווייגעניו, מיין קינד,
שלאָפעלע, מיין קרישל,
אויף דיין ליידיקן טעלער
טאַנצט אַ גילדן פישל.
שטערן פון אונטערוועגנס
באַלייכט דיין טאַטנס וועג.
די לבנה איז זיין פאַרמעגנס,
אויפן נאַכטיקן געיעג.
שלאָפּעשי, מיין קינד.
קושעניו דיינע אויגן,
איבער קלאַגנדיקע חורבות
איז אַ טייבעלע געפלויגן.
דאָס טייבעלע ביסטו דאָך,
דיינע הענטעלעך ווייסע פליגל.
דיין מאַמע וועט נישט אָפּטרעטן
פון דיין הונגעריק וויגל.
שאַזשעשי, מיין קינד,
שטילעניו, מיין טרויער.
דיין טאַטנס גוטע הענט
עפענען דעם טויער.

פאַראַן אין בוך אַ ליד, וואָס הייסט „צום טאַטן", האָט דאָס אַ באַשטימטן ביאָגראַפישן כאַראַקטער. מיר באַקענען זיך מיטן דיכטערס פאָטער, וואָס איז אַ מאָדערנער ייד. ווען זיין זון האָט נאָר „געשטעלט די ערשטע ווערטער", האָט ער אים געכאָוועט אויף מענדעלען און פרוגן און דאָס יידישע וואָרט איז פאַר אים געווען „ווי וויין געצערטע ראַין קרוגן". דער פאָטער האָט אים סוגערירט די ליבע צום יידישן פאָלק, די גרייטקייט זיך צו ברענגען פאַר אַ קרבן און ער האָט אים „גאָלדפאַדענס לידלעך אין שלאָף איינגעשפונען".

דערצויגן געוואָרן ביי אַ מאָדערנעם ייד און פון דעסטוועגן האָט דער דיכטער איינגעזאַפּט די יידישקייט פון אַלע צייטן און פון אַלע דורות. דער־

צויגן אויף ייִדיש און ער איז דורך און דורך באַהעפט אויך מיט דער העב־רעיִשער ליטעראַטור פון אַלע צייטן און אַלע דורות און ער פילט אָן זיין ייִדיש לשון מיט ייִדישן אינהאַלט פון טויזנטער יאָרן און ער דערפילט אין ייִדישן וואָרט דעם חן און דעם טעם פון אהרנס אויפגעבליטן מאַנדלשטעקן און ער קוויקט זיך מיט דער ציכטיקייט פונעם ייִדישן וואָרט, וואָס איז ווי דער ייִד אַליין און ס׳האָט נישט די שווערקייט פון מערדער, נאָר די לייכטקייט פון דערמאָרדעטן... פאַר אים איז אונדזער לשון „דאָס וואַרעמע פידעלע ייִדיש, דאָס פאַרשטייענדיקע, דאָס קלוגע״... ער איז אַזוי פיל ייִדיש, אַז ער פאַר־צווייפלט נישט פאַר טויט און תהום און ער ווייס, אַז ווען הבל וועט זיין איין מאָל טויט, וועט קין זיין טויזנט מאָל טויט... ער איז אויף אַזוי פיל ייִדיש, אַז ער האָט אָנגעשריבן

ייִדישע געדענק־לידער,
וואָס ייִדן וועלן שטענדיק געדענקען...

ה. לייוויקס „די גאולה־קאָמעדיע"*

מיר האַלטן ערשט ביים סאַמע אָנהייב יאָר 1934, פון דעסטוועגן קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס גרויסע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז און וועט פאַרבלייבן ה. לייוויקס „די גאולה־קאָמעדיע" (דער גולם חלומט). און כאָטש „די גאולה־קאָמעדיע" איז אַ סימבאָליש ווערק און לייענעדיק עס דאַרף מען צעקנאַקן אַ שטאַרקע שאָלעכץ, בכדי אַרויסצונעמען די יאָדער און זייער אָפט זענען די באַזונדערע „אָפטיילונגען" פון די יאָדערס אויך פאַרשטעלט מיט האַרטלעכע שאָלעכצן, קען עס דאָך ווערן אַ ווערק, ניט נאָר פאַר דעם אינטעליגענטן און ראַפינירטן לייענער, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן פאָלק, ווייל כאָטש עס איז סימבאָליש, איז עס דאָך לויטער און עס גיסט זיך אַריין אין בלוט אַריין מיט מענטשלעכקייט און גוטסקייט און עס ברענגט אויסלייזונג דורך דעם, וואָס עס דערציילט —

דאָס מעשהלע פון ליים,
וואָס איז געוואָרן ליים
און
דאָס מעשהלע פון ליבשאַפט
וואָס איז געוואָרן בלוט,
וואָס איז געוואָרן וויין.
(גאולה־וויין, גאולה־וויין).

די „גאולה־קאָמעדיע" אָדער „דער גולם חלומט" איז די צווייטע טייל פון ה. לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם"; די ערשטע טייל געהערט צו די פּאָפּולערסטע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש דאָס איז נאָך מער האַרטע נוס, ווי די צווייטע טייל און איז פול מיט אומקלאָרקייטן, רמזים און אַפילו סתירות. די מאַסן אונדזערע האָבן דערפילט ה. לייוויקס לויטערע געדאַנקען און געפילן פון אונטער די פאַרשלייערטע סימבאָלן און טיפע פסו־

---

* ה. לייוויק, „די גאולה־קאָמעדיע" (דער גולם חלומט). ייִדישע קולטור־געזעלשאַפט ביכער אויסגאַבעס. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ 134. אַרויסגעגעבן אין פופצן הונדערט עקזעמפּליאַרן.

קים. אין צווייטן טייל זעגען ביי לייוויקן גופא די געדאַנקען און געפילן גע־מערט געוואָרן, ווייל ער אַליין האָט פּערזענלעך איבערגעטראָגן די „חבלי־משיח", די גרויסע משיח־ווייטיקן פון אונדזער צייט. ער האָט זיינע געדאַנקען איבערגעבערענט דורך פיזישע ליידן און זיין בלוט געלייטערט דורך מוראדיקע גייסטיקע עינויים; ער, לייוויק, איז שוין געווען אַ נאָענטער צו די דאָזיקע „גולמס", וואָס קעמפן פאַר אויסלייזונג און איז פון זיי אָוועק, ווייל ער האָט פאַרלאַנגט, ווי משיח בן דוד, „כולו זכאידיקייט" (הוילע גערעכטיקייט) און די „גולמס" האָבן אים געפייניקט מיט בילבולים און ער איז געבליבן לויטער און גוט... און עס איז זיכער, אַז די צווייטע טייל פון „גולם" וועלן די מאַסן נאָך מער לייענען, ווי די ערשטע און זיי וועלן זיך דורכדרינגען מיט זיינע דערהויבענע געדאַנקען און געפילן.

ה. לייוויק אָפּערירט מיט פיגורן פון דער יידישער „קבלה". ער נעמט אַלס העלדן די פאַרשידענע פּערזאָנען, וואָס וועלן ביים „קץ", ביי דער ענדע פון דער שלעכטער וועלט און אָנהויב פון דער גוטער וועלט שפּילן לויט די יידישע לעגענדעס די הויפּטראָלן און דורך די דאָזיקע העלדן ברענגט ער אַרויס די אַלע געראַנגלענישן, קאַמפן און איבערלעבענישן פון אונדזער צייט. אַ סך פרעגן צוליב וואָס ה. לייוויק דאַרף אַריינגיסן היינטצייטיקן אינהאַלט אין אַלטע כלים, פאַרוואָס נעמט ער נישט אויך היינטצייטיקע כלים? ה. לייוויק אַליין האָט דערויף נאָך קיין מאָל נישט געענטפערט... מסתמא שפּירט ער, אַז קיין היינטצייטיקע כלים זענען נישטאָ. דער נייער מענטש האָט נאָך נישט קיין פורעמס פאַר זיינע געפילן און געדאַנקען און ער מוז אָנקומען צו די אַל־טע כלים און פורעמס. און אפשר טוט עס לייוויק, ווייל ער האָט זיך אַריינ־געלעבט אין די אַלטע משיח־לעגענדעס, אין וועלכע ער האָט געזוכט אַ באַ־שייד צו די משיח־ווייען פון אונדזער צייט און ער האָט דאָרט געפונען אָנ־הייבן, וועלכע ער האַלט, אַז מען דאַרף וועבן ווייטער. גרויסע קינסטלעריש־סאָציאַלע ווערק שפּרינגען נישט אַרויס פון ים, ווי ווענוס, נאָר זיי וואָרצלען אין דער קולטור פון דורות. דער קינסטלער טרעפט אַן אָנהייב און ער שפּינט ווייטער...

בכדי צו קענען פאַרטייטשן ה. לייוויקס „די גאולה־קאָמעדיע", דאַרף מען קודם־כל איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אירע עלף בילדער.

דאָס ערשטע בילד שפּילט זיך אָפּ אויף אַ בוידעם. די ערשטע טייל „גולם" האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס דער מהר"ל, דער רב פון פּראָג, וואָס האָט געמאַכט פון ליים אַ גולם אויף צו דורכפירן אַ געוויסע שליחות, האָט זיך דערשראָקן פאַרן כוח פון זיין גולם און ער האָט אים אַרויפגעלייגט

אויף דעם בוידעם צווישן שיימעס און אים איינגעשלעפערט. דער גולם איז נישט געשטאָרבן, נאָר ער איז געבליבן שלאָפן און ער חלומט. עס זעגען זינט דעמאָלט אַוועק הונדערטער יאָרן, דער מהר״ל איז געשטאָרבן, די טאָכטער זיינע דבורה, אין וועלכער דער גולם האָט זיך פאַרליבט, איז שוין אויך לאַנג געשטאָרבן. אָבער דער גולם, וואָס חלומט, ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור און אויך איצטער איז פאַראַן אַ דבורה, אַן אוראייניקל פון מהר״ל, וואָס ביי איר אויפן בוידעם חלומט דער גולם. די איצטיקע דבורה זאָגט:

אַזוי ווערט דערציילט אין אונדזער משפחה,
ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור.
באַשאַפן האָט אים איינער פון אונדזערע זיידעס,
אים אויסגעהאַקט פון ליים אים אַריינגעגעבן לעבן,
געהייסן אים האָלץ האַקן, וואַסער טראָגן
און בסוד אים געפירט דורך די שווערסטע נסיונות,
דורך עלנט, דורך בענקשאַפט צוריק צום ליים.
פון דור צו דור אַזוי ליגט ער פאַרגליווערט,
יעדער דור טראָגט אים איבער פון בוידעם צו בוידעם,
פאַרדעקט אים מיט שיימעס, פאַרגעסט זיך אָן אים,
אַזוי, האָב איך אויך זיך אין גאַנצן פאַרגעסן,
אַז ס׳ליגט אויף מיין בוידעם דער גוף פון ליים.

עס איז קלאָר, אַז דער גולם פאַרקערפּערט די אומבאַוווסטע מאַסע, וואָס איז ווי פון ליים און וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין אומבאַוווסטזיין. דער מהר״ל איז די פאַרקערפּערונג פון דער רעליגיע (און דער רעליגיעזער קול־טור). זי האָט אָנגעהויבן אויפוועקן דעם גולם, אים אַ רגע צונויפגעפירט מיט משיחן, מיט דעם אויסלייזער, אָבער זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דער משיח־בענקשאַפט פון גולם, פאַר זיין אומרו און וואַרפן זיך אין קאַמף פאַר דערליי־זונג און די רעליגיע האָט משיחן אָפּגעשיקט צוריק אין דער מדבר אַריין און דעם גולם צוריק איינגעשלעפערט אין אומבאַוווסטזיין. אָבער דער גולם האָט נישט אויפגעהערט צו חלומען...

און איצטער, אין אונדזער צייט, ווען עס הערט נישט אויף צו הערן זיך אַ באַמבאַרדירנדיקע שיסעריי און עס רייסן זיך דאָך שוין אַריין די ערשטע שטראַלן פון טאָג און אויפן בוידעם געפינט זיך משיח בן יוסף, דער דאָזיקער משיח פון „כולו חייב״, פון הוילע שולד, וואָס דאַרף לויט דער לעגענדע אומ־קומען און זיין פלאַץ וועט פאַרנעמען משיח בן דוד, דער משיח פון „כולו

זכאי״, פון הויכער געדעכטיקייט,** דערוואַכט דער גולם ווידער ער הייסט שוין היינט נישט יאָסעלע גולם, נאָר סתם יאָסעלע; ער האָט כסדר געחלומט און געהערט, ווי עס רופט אים דאָס קול פון משיח בן דוד און איצטער האָט ער דערוואַכט און ער גלייבט זיך אַז נישט, אַז משיח בן דוד איז נאָך נישט געקומען און ווען דבורה זאָגט אים, אַז „די וועלט ווערט חרוב אין הונגער און מלחמות פון גוג ומגוג און אַן בן דוד קומט אום בן יוסף״, זאָגט יאָסעלע: „איך וויל ברענגען משיח בן דוד״.

דער דערוואַכטער גולם איז פול מיט צאַרטע געפילן, ער האָט ליב דבור־ר׳הלען, ער געדענקט, אַז ער האָט זי אַמאָל געהאַלטן אין די אָרעמס און ער גייט ברענגען אין איר שטוב אריין אַ טייערן גאַסט — משיחן, און כאָטש ער האָב ליב דבורהלען, וויל ער, אַז דבורהלע זאָל ליב האָבן משיחן און ער וועט בלייבן שטיין ביי דער שוועל...

דער בוידעם מיט די שיימעס, מיט משיח בן יוסף און זיין באַגלייטערין לילית פאַרשווינדן און מיר געפינען זיך אין אַ מדבר צווישן ריזיקע נאַקעטע פעלזן, וווּ צווישן ווענט פון תפיסה ליגט חנינא, משיח בן דוד. (אין זיין הקד־מה זאָגט לייוויק: דאָס וואָס משיח באַשטייט פון פיר בוכשטאַבן, וואָס באַצייכענען פיר נעמען: מנחם, שילה, ינון, חנינה — איך האָב אויסגעקליבן פאַר משיח בן דוד דעם נאָמען חנינה. חנינה באַטייט: רו, שיינקייט, חן, רחמים, שטילקייט). חנינה איז געשמידט אין קייטן און ער שלאָפט. יאָסעלע נעמט אים אויפוועקן און ער זאָגט אים:

איך בין נישט גולם מער,
איך בין יאָסעלע.

און יאָסעלע דערציילט חנינהן, אַז ער איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף בוידעמער און געחלומט. חנינה קוקט זיך איין אין געוועזענעם גולם און זעט, אַז ער זעט אויס אין גאַנצן, ווי ער און ער פרעגט אים: „אַוווּ האָסטו גענומען מיין אויסזען?״ און יאָסעלע ענטפערט: „אויסגעחלומט״. און ביידע דערמאָנען די ערשטע באַגעגעניש זייערע אין אַלטן פּראָג, אין פינפער שלאָס, ווען זיי האָבן ביידע געליטן אי וויטיק, אי פּאַרדרוס פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך גע־מוזט שיידן. דער גולם, דאָס פּאַלק, הייסט עס, האָט געיאָמערט, געשלאָגן מיטן

** ה. לייוויק האָט אַלס מאָטאָ צו זיין ווערק דעם זאָג פון דער גמרא: „אין בן דוד בא, אלא בדור שכולו זכאי אוי כולו חיב״ — בן דוד וועט קומען נאָר אין אַ דור, ווען אַלץ וועט זיין אין גאַנצן גערעכט, אָדער אין גאַנצן שולדיק. אָבער לייוויק מאַכט בן דודן פאַר דעם משיח פון „כולו זכאי״, בן יוספן פאַרן משיח פון „כולו חיב״.

קאָפּ אין דיל און משיח איז אַוועק מיט שטומער בייזקייט אין מדבר און ער האָט זיך געוואָרפן צו דער ערד... יאָסעלע וויל באַפרייען חנינהן פון די קייטן און יענער פאַרלאַנגט אַ סימן, אַז מען וויל אים. יאָסעלע גיט אַ סימן, וואָס ער האָט דערוואַכט, וואָס בן יוסף איז געקומען און ערשט ווען ער זאָגט אים:

מלחמות, הונגער, לעצטע אויסגעשרייען,
לעצטע תפילות, לעצטע האָפענונגען
און בן יוסף אין סכנה.

זאָגט חנינה מיט אימפּעט:

אָט דאָס איז דער סימן,
אָט דאָס —
שנעלער —
קום.

אין צווייטן בילד געפינען מיר זיך ביים טויער פון דער וועלט־שטאָט. דאָ ווייזט אונדז ה. לייוויק דעם נביא ארמילוס. אין דער קבלה איז אַרמילוס אַ רשע און ער איז אַ געבוירענער פון אַ מירמלשטיין, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ פרוי, מיט וועלכער רשעים האָבן געזינדיקט. ביי לייוויקן אין דער פּאָעמע איז אַרמילוס דער נביא פון היינט. דער אָפּאָרטוניסט, וואָס האָט אָן אַ שיעור אויסדרוקן אין פּנים, איז אי מיאוס געשטופּלט, אי דערהויבן. אַז בן יוסף דערשיינט און שאַפט שטימונג אין פאָלק, ווערט אַרמילוס זיין נביא. ווען די טיראַנישע מלכים גוג און מגוג ווערן שטאַרקער, ווערט ער זייער נביא, דערנאָך גייט אַרמילוס צוריק איבער צו משיח בן יוסף און ער העלפט פּייניקן משיח בן דודן און ווען עס קומט דעם לעצטנס צייטן, ווערט אַרמילוס זיין נביא... סאָלדאַטן זאָגן וועגן נביא, אַז ער „טראָגט דעם אמת אין זיך, ווי שווערדן אין אַ שייד, אָט ציט ער פון שייד אַרויס איין אמת און אָט אַ צווייטן״. ה. לייוויק רופט דאָס צווייטע בילד טאַקע „אַרמילוס״ און ער ווייזט דאָ, ווי אַזוי אַרמילוס האָט ערשט געזאָגט נביאות וועגן משיח בן יוסף און ווען ער דערפילט נאָר, אַז גוג ווערט שטאַרקער, איז ער גרייט צו קעפן זיין משיחן און ער האָט איין תירוץ: „עס איז — מסתמא דאַרף עס זיין אַזוי״.

אין אַרמילוסן פאַרקערפּערט ה. לייוויק מסתמא דעם זשורנאַליסט און פאָלקס־רעדנער, וואָס רעדט און שרייבט היינט פאַר רוזוועלטן, מאָרגן פאַר היטלערן, איבערמאָרגן פאַר סטאַלינען און קען נאָר איין אמת — דעם אמת פון טאָג...

און אָט אין דעם מאָמענט פון דער ערגסטער רישעות, ווען גוג און מגוג

טיראַניזירן די גאַנצע וועלט, דערשיינט דער אַלטיטשקער, וואָס איז אליהו הנביא, ער איז די פאַרקערפּערונג פון אומקאָנדיציאָנעלער גוטסקייט און מען האָט אים דערפאַר די אויגן אַרויסגענומען, אָבער ער זעט דורך בלינדקייט דער דאָזיקער אַלטינקער, וואָס איז, ווי געזאָגט, די אומקאָנדיציאָנעלע גוטס־קייט, ברענגט מיט זיך מתנות, אָבער נאָר פאַר קינדער, „די גרויסע פאַרדי־נען עס נישט מער", ער האָט זיי נישט פיינט די דערוואַקסענע, אָבער ער קען זיי נישט און וויל זיי נישט קענען. ווען נישט די קינדער, וואָלט געקומען אומקום; דער אַלטינקער זאָגט:

די וועלט געהערט צו די קליינע קינדערלעך,
מיט די גרויסע האָב איך גאָרנישט וואָס צו טאָן מער,
די אמתע גאולה וועלן ברענגען קינדער,
פאַר אַלעמען, אַפילו פאַר די גרויסע.

אַרמילוס, דער נביא פון היינט, באַווייזט זיינע רישעותן, וואַרפט דאָס חיל אויפן פאָלק, שטויסט אַריין דאָס פאָלק אין שטאָט אַריין, פאַרהאַקט דעם טויער און אין דעם דאָזיקן מאָמענט קומען אָן יאָסעלע און חנינה, וואָס האַ־מערן אין טויער אַריין, עפענען אים, לאָזן זיך צו דער תפיסה און דער תלין פאַרמעסט זיך אויף זיי מיט דער האַק און זיי בלייבן שטיין פאַרגליווערט... די טיראַנען הערשן, משיח בן יוסף אין תפיסה, משיח בן דוד אינאיינעם מיטן גולם — אונטער דער האַק...

דאָס דריטע בילד הייסט „לבנה אין די שויבן". עס קומט פאָר ביי דבו־רהלען אין שטוב; דבורה זיצט מיט איר יינגל, וואָס קען נישט איינשלאָפן, ווייל ער איז הונגעריק. דאָס יינגל זאָגט: „משיח איז שוין געקומען און קיין ברויט איז אַלץ נישטאָ". און יאָסעלע מיט חנינהן קומען אָן. זיי קומען אָן ווי עפּעס אין אַ חלום... אַ מאַמע זיצט איבער איר הונגעריק קינד און עס דערשיינט איר, ווי אין חלום — דער דערוואַכטער גולם און משיח, וואָס האָבןביידע איין צורה. און דבורה דערציילט חנינהן, אַז די וועגן פון משיח בן יוסף זענען פול מיט בלוט פאַרגאָסן און אַלע וואַרטן, אַז עס זאָל קומען די שעה פון גוטסקייט און פון ליבשאַפט. חנינה ענטפערט דערויף:

די גוטסקייט און די ליבשאַפט קומען נישט,
מען דאַרף זיי ברענגען.

דבורה זאָגט, אַז זי הערט אַ טרויער אין די ווערטער און חנינה ענט־פערט, אַז ער וויל נישט דעם טרויער, אָבער ער קומט אַליין. און דבורה דער־ציילט חנינהן וועגן פאַלשן נביא אַרמילוס און וועגן דער גאַנצער רישעות און

די גוטע דבורה, די פאַרקערפּערונג פון דער מאַמע פון דער וועלט, וויינט און אין איר וויינען איז פאַראַן אַן אָנזאָג אויף אויסלייזונג. משיח זאָגט:

כ׳האָב נאָך קיין מאָל אַזאַ וויינען נישט געהערט נאָך,
און קיין מאָל אַזאַ נאָענטקייט נישט געשפּירט נאָך
אַזאַ גוטסקייט, אַזאַ וואַרעמקייט...

אָבער — די שעה פון אויסלייזונג קומט נאָך נישט. דער אַלטינקער דער־שפּירט, אַז משיח איז דאָ און ער קומט אים היטן, ווייל ער ווייס, אַז די מענטשן וועלן אים באַגעגענען מיט חוזק. דער אַלטינקער זאָגט אים:

די וועלט איז אַלץ נישט ראוי פאַר גאולה נאָך,
די איינציקע, וואָס וואַרטן אויף דיין קומען,
די קליינע קינדער — זיי נאָר וועלן טראָגן
אַ ריינעם שמייכל דיר אַנטקעגן, אָבער דער שמייכל
וועט דערטרונקען ווערן אין דעם סם
פון שנאה, וואָס וועט דיך אַרומנעמען פון אַלע זייטן.

אָבער חנינה, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג נישט געקומען אין באַרירונג מיט קיין מענטשן און דערפילט איצט צום ערשטן מאָל „די וואַרעמקייט פון די ווענט, פון שוועלן, דעם אָטעם פון אַ הונגעריקן קינד, דעם אָטעם פון אַ פרוי, אַזאַ לבנה אין די שויבן", וויל נישט צוריקגיין מער אין דער מדבר... ער זאָגט צום אַלטינקן:

איך וויל מיט מענטשן זיין
און דאָס, וואָס וואַרט אויף מיר, זאָל קומען
און דאָס, וואָס איך דאַרף ברענגען, וועל איך ברענגען
דורך ווילן און נסיון
און נישט דורך צופאַל.

משיח האָפט צו קענען קומען דורך יאָסעלען און דער אַלטינקער פרעגט אים, צי ער ווייס ווער יאָסעלע איז. דערויף ענטפערט חנינה:

אַ מענטש אַ נייער, אַ געלייטערטער דורך טויט
אַ ריינער. דאַרפסט אים ליב האָבן. אַ מענטש — אַ קינד.
דערצו, וואָלסט אים געקענט אָנקוקן —
אַן ענלעכקייט אַזאַ אויף מיר.

אָבער דער אַלטינקער גלייבט נישט יאָסעלען, וואָס ער האָט ערשט דער־זאָכט פון וויסטער פינצטערניש. דער גערדאַנק איז דאָ קלאָר: דער אַלטינקער

— די פאַרקערפּערונג פון אומקאָנדיציאָנעלער גוטסקייט — האָט מורא צו געטרויען די דערלייזונג דעם ערשט דערוואַכטן גולם, דעם — המון.

אָבער משיח וויל איבערלעבן אַלץ. ער וויל פאַר זיך נישט קיין באַזונדע־רע פּריווילעגיעס און יאָסעלע רופט דאָס גאַנצע פאָלק — — —

— 2 —

אין פערטן בילד האַלט עס ביים פאַלן פון די רישעותדיקע מלכים גוג־מגוג. מגוג האַלט שוין גוגן אויף אַ קייט און אַרמילוס, דער אייביקער נביא פון היינט, וואָס מוז כסדר „ענדערן דעם נוסח פון זיין נבואה און צופּאַסן צו יעדער ענדערונג זיין וואָרט", הייסט מגוגן, אַז ער זאָל די זעלביקע קייט אָנ־טאָן אויף זיך און דעם תלין הייסט ער באַפרייען בן יוספן.

אין אָט דער צווישנצייט, ווען די פינצטערקייט ציטערט צום פאַרגיין און אַ קליינער אָנהייב פון מאָרגנשטערן ציטערט צום אויפגיין, קומט משיח בן דוד, חנינה און דער אויסגעגולמטער יאָסעלע. דער תלין פאַרמעסט זיך אויף זיי מיט דער האַק, דער נביא אַרמילוס קען נאָך נישט חנינהן, ס'איז נאָך נישט זיין צייט. יאָסעלע רייסט אַרויס ביים תלין די האַק און ציטערט אויף אויף איר. אין עפּעס דערמאָנט זי אים, די נעכטיקע האַק, ווען ער איז נאָך געווען אַ גולם, האָט ער געהאַקט מיט איר... חנינה זעט פאַרקערט, די מאָרגנדיקע האַק, ער ווייס, אַז „אויך די גאולה וועט נישט אויסמיידן די האַק און ער שרעקט זיך דערפאַר און איז טרויעריק. יאָסעלע שרעקט זיך נישט און ער וויל נישט טרויערן, ער וויל פאַרגעסן אין דעם, וואָס ס'איז געווען און ער זאָגט חנינהן, אַז ער קען נישט פאַרליידן, וואָס ער איז טרויעריק. ער זאָגט צו חנינהן:

כ'האָב קוים אַוועקגעיאָגט פון זיך דעם אַלטן טרויער,
איז נעמסטו און פּילסט אָן מיט טרויער שוין דעם מאָרגן.

און חנינה זאָגט צו יאָסעלען אין אַ טאָן, וואָס איז ענלעך צו דעם טאָן, אין וועלכן יעזוס האָט געזאָגט צו יודאַשן, אַז ער וועט אים פאַרקויפן, אָט־די ווערטער: „איך זע אין דיינע אויגן, וועסט אַ שונא ווערן". און חנינה פאַרטיי־דיקט זיין טרויער:

וואָס איז טרויער? טרויער איז אַחריות,
פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען, פאַר אַלע צייטן.

דער קאַמף צווישן דעם משיח־ברענגענדיקן המון און משיחן גופא הייבט

זיך דאָ אָן צוליב דעם, וואָס משיח פאַרלאַנגט מענטשלעכע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און דער המון וויל נצחון. דאָס דאָזיקע בילד הייסט „תלין זינגט" און עס ענדיקט זיך מיט אויסברוכן פון שיסערייען — דער תלין זינגט, די האַק אַרבעט...

אין פינפטן בילד זעען מיר משיח בן יוספן זיצן אין תפיסה אינאיינעם מיט ליליתן זיין געליבטער. בן יוסף פילט אין זיך אַ כוח צו צערייסן זיינע קייטן, אָבער ער וואַרט, ער זאַמלט זיינע כוחות און וואַרט און לייטערט זיי געדולדיק און האָפט אויף זיין לעצטער שעה און אויף דעם אמתן משיח, אויף חנינהן בן דוד; אָבער לילית וויל נישט, אַז ער זאָל וואַרטן אויף בן דודן, זי וויל אַז ער זאָל אַליין ווערן משיח און זי רייצט אים און שפּעט פון אים, ביז וואַנען זי נעמט זיך אים אין די אויגן איבערגעבן דעם תלין, זי שרייט עקס־טאַטיש:

איך גיב זיך דיר אין גאַנצן אַוועק, תלין,
מיט דיר צוזאַמען פראַווען די גאולה,
די אמתע גאולה פון מיין לייב,
מיין חתן גוססט, זעסט,
זיי דו מיין חתן.

און דאָס ווירקט. בן יוסף גיט זיך אַ ריס מיט זיין גאַנצער גבורה און ער צערייסט די קייטן; לילית טריומפירט. ער איז ווידער דער שטאָלצער נישט באַזיגבאַרער בן יוסף. דאָס פאָלק מאַכט דעם אויפשטאַנד... די עגאָצענטריש־קייט און דער הערשער־גייסט פון דער פרוי רופט אַרויס אַ פריצייטיקן אויפ־שטאַנד און אַ פאַלשע משיח־באַוועגונג...

און מיר זעען אין זעקסטן בילד, ווי דער וועלט־רוצח מגוג איז געפאַלן, דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען, אָבער חנינה פילט זיך נישט גוט. ער שלייכט זיך אַרום איבער אַלע ברענענדיקע גאַסן, שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדן געהר־געטן און קוקט און וויל זיך נישט לאָזן באַקענען צום פאָלק. און יאָסעלע וויל נישט קוקן אויף געהרגעטע, אים איז גוט און ער לאָזט איבער משיחן. יאָסעלע וויל גיין באַפרייען בן יוספן און ער רופט דבורהלען מיט, אָבער זי וויל נישט איבערלאָזן די קינדער. יאָסעלע באַמערקט אויך אין איר קול אַ טרויער און זי ענטפערט אים:

די קינדער ליגן הונגעריקע...

דבורה, וואָס איז פאַרליבט אין עכטן משיח, איז דער היפּוך פון ליליתן; יענע איז אַ רייצנדיקע פרוי און די דאָזיקע איז אַ רחמנותדיקע מוטער.

ס'איז פולער כאַאָס. אייניקע ווילן שוין אַוועקוואַרפן די ביקסן, ווייל די גאולה איז שוין דאָ; אַנדערע האַלטן, אַז מען דאַרף זיך ערשט איצטער נעמען צו די ביקסן, ווייל „בויט האָט אונדז געלערנט וואָך זיין און אָפּגעטאַרט זענען מיר שוין געווען נישט איין מאָל". דער נביא אַרמילוס איז נאָך נישטאָ און דער לץ וועלכן עס איז געווען לאַנגווייליק פאַר דער גאולה און ס'איז אים לאַנגווייליק אין דער גאולה, האָט מורא, אַז עס וועט אים זיין לאַנגווייליק נאָך דער גאולה און ער לצעוועט און ער זאָגט, אַז ער בענקט נאָך דעם פולן כאַאָס. עס קומען אָן יאָסעלע און חנינה און דער לץ, וואָס פאַרזוכט דעם טעם פון גולמס גבורה, ווערט סאַרקאַסטיש ביטער און ער זאָגט משיחן, אַז פאַר אַלץ וועט ער באַצאָלן, פאַר רישעות און פאַר צדקות, פאַר שנאה און פאַר ליבע, פאַר קנעכטשאַפט און פאַר גאולה, ווי אַזוי ס'וועט נישט זיין, וועט זיין ווי... דאָך דערקענט דער לץ משיחן און ער בעט אים, אַז ער זאָל זיך באַקע־נען צום פאָלק, אויך יאָסעלע וויל דאָס, אָבער משיח וויל נישט. ער קען נישט ברענגען די גאולה, ווען די גאַסן זענען פול מיט הרוגים.

און דער המון פירט גוגן און מגוגן געשמידט אין קייטן, צו די קייטן זענען קריגספירער און מאַכטהאָבער צוגעשמידט און אַרמילוס איז שוין ווי־דער דאָ און ער זאָגט שוין נביאות פאַרן מאַרטירער און גואל משיח בן יוסף... ער זאָגט די אייביקע דרשה:

דער סדר פון פּאַסירונגען איז נישט צעריסן
און וועט קיין מאָל נישט ווערן צעריסן
און דער, וואָס קען נישט דעם סדר באַוווּנדערן
און בייגט נישט דעם קאָפּ איין — איז ווי צו אים.

בן יוסף נעמט הערשן און דער גולם, וואָס חלומט, פאַרלאָזט חנינהן און ער לויפט מיט בן יוספן, ער וויל זען, ווי מען וועט פאַרצי:ען די קייט אַרום די טיראַנען, ער וויל האָבן די פולע פרייד פון דערלאַנגען זיי איבערן קאָפּ...

משיח בן יוסף באַגעגנט זיך מיט משיח בן דוד און דער ערשטער דער־פילט, אַז ער האָט אַ שייכות צו אים און ער שרעקט זיך. און חנינה באַקענט זיך מיט גוטסקייט צו אים, ער רופט אים „גואל בכור" און זאָגט, אַז ער האָט אין מדבר געהערט זיין קול און בן יוסף דערקענט אים און ער וויל צו אים זיך דערנענטערן, אָבער לילית לאָזט נישט; זי וויל, אַז איר באַשערטער זאָל זיין איינער, און דער עלטערער ברודער פאַרלייקנט דעם יינגערן ברודער. אַרמילוס הייסט חנינהן אַוועקגיין, דאָס פאָלק טוט דאָס אייגענע און חנינה גייט אָפּ שווייגנדיק. בן יוסף גיט נאָך דעם נקמהדיקן אינסטינקט פון פאָלק, ער אַליין האַקט אָפּ די קעפּ פון גוג ומגוג און ער זאָגט אויף זיך:

איך בין געדעכטער פּסק,
איך בין אַליין — די האַק.
דיין ווילן, פאָלק, האָב איך געטאָן
און מיין האַנט האָט נישט געציטערט.

און חנינה גייט ווייטער קוקן אויף די הרוגים און ער פילט, אַז דאָס גאַנ־צע בלוט פאַרגיסט ער. ער זאָגט:

אַן אַנדערער, צי איך, אַלץ איינס,
ס'איז סיי ווי סיי איך.

דאָס בלוט פאַרגיסט מען צוליב דער גאולה.

יאָסעלע פאַרלאָזט נישט אין גאַנצן חנינהן, ער קערט זיך אַלץ אום צו אים און חנינה דערציילט אים, אַז ער האָט געזען די אָפּגעהאַקטע קעפּ פון גוג ומגוג, ער האָט נישט באַדויערט, אָבער געטרויערט... און ווען יאָסעלע פרעגט אים: „דאָס בלוט פון גוג און מגוג איז דען אויך בלוט?" ענטפערט ער: „פאַר דער וועלט — נישט, פאַר מיר — יאָ". און יאָסעלע, ווי אַ געביסענער, שרייט אויס צו משיחן:

„ביסט אַ שונא, אַ שונא!".

און יאָסעלע אַנטלויפט. מיט חנינהן בלייבט אין דבורה, די מוטער פון דער וועלט, זי היט אַלע קינדער, היט זי אויך דאָס גרויסע קינד פון דער וועלט.

אין זיבעטן בילד זעען מיר די משיח־צייט פון „חייב", פון שולדיקייט, פון נקמה און פאַרברעכן. דער אַלטינקער, דער סימבאָל פון אומקאָנדיציאָ־נעלער גוטסקייט קלאָגט:

די גאולה געבראַכט אין נאָמען פון אָרעמע
און שוין זענען דאָ זאַטע און הונגעריקע
און שוין זענען ווידער דאָ חונפים
און העצער און אויסנוצער די גאולה פאַר זיך
און שוין זענען ווידער דאָ שטאַרקע און שוואַכע
מקורבים און פרעמדע, יחסנים און לעצטע,
בן יוסף אַליין איז שוין שיכור פון גדולה
און פאַרגעסט צוליב וואָס ער איז געקומען,
די מאַכט נישט פאַרלירן — זיין איינציקע זאָרג.

די רישעות שטייגט. בן יוסף פאַרפייניקט בן דודן. דבורהס שוועל איז די איינציקע, צו וועלכער חנינה קען צוקומען. ער האָט געפּרוּווט ריידן צום פאָלק, חנינה, אָבער דאָס פאָלק איז שיכור פון נקמה און הערט נישט. און חנינה נעמט אויף זיך אַלעמענס פלאָגן, ער זאָגט:

די וועלט איז נאָך אַלץ ערב גאולה,
ערב, ערב.
און אַלע קלאָגן און אַלע פרעגן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן?
און אויב נישט אַלע — קלאָג איך איינער:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן?

איינער אַ בעל־חשבון מוז דאָך אויף דעם פרעגן און ענטפערן...
און די וואַקכאַנאַליע פון „כולו חייב״, פון הוילער שולדיקייט פאַרשפרייט זיך. אַלע טאַנצן אין אַ שווינדלענדיקן טאַנץ —

נישט אין פאָרן
קופּעס, קופּעס,
אַלע הימלען
זענען חופּהס
די גאולה,
די גאולה
כולו חיב,
כולו, כולו,
כולו חיב.
הפקר, הפקר
און הפקרות
פליקט די בערד
פון אַלטע דורות.
זון אויף טאַטן,
נאַר אויף קלוגן,
זופּט די פרייד
פון פולע קרוגן.

יאָסעלע קומט מיט טענהס צו דבורהלען, למאי זי טאַנצט נישט, „ווער עס טאַנצט נישט מיט אונדז — זאָגט ער — איז אַ שונא״ און ער וואַרפט איר

אויף, אַז נאָך אַ מאָל האָט זי זיך געשראָקן פאַר אים מיט דער „שרעק פון אַ ביוחסדיקער טאָכטער פאַר אַ גראָבן וואַסערטרעגער" און ער טריומפירט, וואָס

נישטאָ מער דער מהר״ל, נישטאָ,
די שיימעס ברענען אויפן פייער,
דער שטויב און שימל אויפן ווינט,
דער בוידעם — אויפגעריסן.

אים פייניקט נאָר די צניעות, וואָס לעבט נאָך און וואַרגט און ער וויל זי אין דער פּערזאָן פון דבורהלען אַריינגעמען אין טאַנץ פון „כולו חייב". און ער בייזערט זיך אויך אויף חנינהן, וואָס פאָדערט אַחריות און פירט דעם חשבון פון פאַרגאָסענעם בלוט. ער זאָגט צו אים:

דו פירסט דאָך אויך אַפילו פאַרן וואָרעם,
טאָ גיב אַהער דעם חשבון, וויז דעם חשבון —
און — באַצאָל —
צאָל אָפּ פאַרן יאָרן אין די גריבער, אין די תפיסות,
צאָל אָפּ —
צאָל אָפּ פאַר אַלע אומגעבראַכטע, אומגעקומענע, אין הונגער און מילחמות
צאָל אָפּ פאַר ווילטאָג, וואָס די רייכע, וואָס די גליקלעכע האָבן אויסגעהוליעט.

טענהנדיק צו חנינהן, זאָגט יאָסעלע אויס דעם פאָלק, אַז חנינה איז משיח בן דוד, אָבער דער המון לויפט צו בן יוסף און יאָסעלע אַליין פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל חנינהן משפטן, ווייל ער האָט געטרויערט אויף דעם טויט פון די רשעים. און בן יוסף גייט ווייטער אין זיין „כולו חייב"־וואַקכאַנאַליע, ער שניידט אויס דעם אַלטינקן אליהו הנביא די צונג און חנינהן שמידט ער אין קייטן און ווען יאָסעלע דערוואַכט און לאָזט נישט, שמידט ער אים אויך.

דער רעזולטאַט איז, אַז דורך „כולו חייב", הוילער שולדיקייט, קען די אויסלייזונג נישט קומען, ווייל איינער איז און בלייבט אַ גערעכטער — משיח בן דוד... שמידט מען אי משיחן אי דעם גולם אין קייטן און די אויסלייזונג קומט נישט.

דאָס אַכטע בילד הייסט „ליבשאַפט". דאָס פאָלק ווערט מיד פון דער „כולו חייב"־וואַקכאַנאַליע און שוויגט און בענקט נאָך ליבשאַפט. בן יוסף פייניקט אי דעם דערוואַכטן גולם יאָסעלע, אי דעם משיח חנינה, אי דבורהלען, די מוטער פון דער וועלט. בן יוסף פילט, אַז ער וועט מוזן אָפּטרעטן זיין פּלאַץ

און דאָס מאַכט אים אומגליקלעך. אָבער בן דוד זאָגט אים, אַז „אַ גואל דאַרף נישט גליקלעך זיין" און ווייל ער האָט עס געוואָלט, האָט ער פאַרראַטן זיין שליחות. און בן יוסף פרעגט אים: „אויב אַ גואל דאַרף נישט גליקלעך זיין, דאַרף דאָך דיר גוט זיין, וואָס איך פייניק דיך, פאַרוואָס איז אַזוי אויסגע־קרומט דיין פנים?" און ער נעמט אים פייניקן, בכדי צו „עפּענען פאַר אים דעם גאַנצן קוואַל פון גליק" און פייניקנדיק אים, ליידט ער אַליין די גרעסטע ווייטיקן און ער בעט זיך ביי אים:

משיח בן דוד, מיין ברודער,
אַ, ראַטעווע מיך!
משיח בן דוד, מיין ברודער,
דערלייז מיך.

דער פייניקער קומט אויס דער געפייניקטער. ווייל ער פילט, אַז ער, דער פייניקער, איז דער רשע און דער געפייניקטער קרבן איז דער צדיק, די אומ־שולד, „דער געלייטערטער ריינער משיח בן דוד". דער רשע איז תמיד ער־גער פון צדיק...

דאָס פאָלק ווערט אומגליקלעך פון רישעות, איז מיד פון בן יוסף און עס בלייבט שטיל; אַפילו דער תלין ווערט מיד און די געפייניקטע ברענגען די גוטע שטילקייט אויף דער אמתער גאולה.

און אין ניינטן בילד קומט פאַר דאָס פאַרקערטע, וואָס אין זיבעטן בילד. אין זיבעטן בילד האָט בן דוד, זייענדיק דער איינציקער גערעכטער, נישט דערלאָזט אַז די גאולה זאָל קומען דורך „כולו טוב" און אין ניינטן בילד דער־לאָזט בן יוסף, וואָס איז איצטער דער איינציקער שולדיקער, נישט אַז די גאולה זאָל קומען דורך „כולו זכאי". ער וויל מיט גוטן נישט אַוועק, מען דאַרף אים דערהרגענען און די גאולה פון הוילער גערעכטיקייט מוז אויך פאַר־גיסן בלוט... דער נביא אַרמילוס האָט אויף דעם אַ פאַרטיקן פסוק:

אַזוי באַפעלט די אומפאַרמיידלעכקייט,
אין אַנהויב איז געווען די האַק,
און ווי עס איז געווען ביים אַנהויב,
אַזוי מוז עס אויך ביים סוף זיין.

אַרמילוס איז גרייט צו טאָן די דאָזיקע אַרבעט, אָבער חנינה וויל נישט. „אויב טאָן — זאָגט ער — דאַרף איך אַליין". דער אַלטינקער אליהו הנביא הייסט אים נעמען די האַק און ער טוט עס. דאָס פאָלק טריומפירט.. די גאולה פון „כולו זכאי" קומט.

דער נביא הייסט די כלי־זמר שפּילן אַ פריילעכס. אָבער חנינה בלייבט טרויעריק. ער פרעגט ביים פאָלק, פאַר וואָס עס זאָגט נישט, אַז עס זעט בלוט אויף זיינע הענט? און ער צעווײנט זיך און קערט זיך אום אַ ווײנענדיקער אין תפיסה. דער נביא באַהאַלט פאַרן פאָלק דאָס געוויין פון משיחן און יאָסעלע דערשיינט אין יענעם מאָמענט, צערייסט די שטריק פון זיך, רעוועט, דערנאָך בלייבט ער שטיל און רויק. ער שפּירט די אויסלייזנדיקע שטילקייט און ער זוכט חנינהן.

אין צענטן בילד זעען מיר אַלץ, ווי דאָס פאָלק פרייט זיך און משיח יאָ־מערט. דער תלין בעט זיך ביי משיחן, דער נביא, דאָס פאָלק, יאָסעלע בעט זיך ביי אים, אויך דבורהלע. און זי טראָגט שוין אין איר בלוט זיין זאָמען, ווען זיי האָבן זיך ביידע געבאָדן אין זייער בלוט, האָט זיי דער תלין צונויפגעפּאָרט. זאָגט יאָסעלע צו חנינהן, אַז איצט טאָר שוין נישט זיין צווישן אים און דער וועלט קיין מחיצה, ער טאָר שוין מער נישט זיין האַלב גאָט און האַלב מענטש, ער דאַרף זיין מענטש אין גאַנצן. דער נביא זאָגט אים, אַז ער טאָר נישט וועלן זיין גערעכטער פון אַלעמען און חנינה קומט אַרויס פון תפיסה און הייסט, אַז יאָסעלע זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביי דער משיח־סעודה. ער גיט יאָסעלען אָפּ דעם אויבנאָן און ווען יאָסעלע פרעגט אים ווער ער איז, ענטפערט ער אים:

„ביסט איך — נאָר פּראָסטער, גאַנצער;
ביסט איך, נאָר פריילעכער און שטאַרקער און געזינטער.
דאָס פאָלק וועט זען אין דיר אַ גלייכן.

זיך אַליין באַשטראָפט חנינה מיטן גזר פון אַחריות און ליבשאַפט. זיין גורל איז אויפן הייסן זאַמד, אָן אַ שטוב, אָן לבנה־ליכט אין שויב, אָן ברויט און זאַלץ און וואַסער. און ער הייסט דעם נביא, אַז ער זאָל זאָגן נביאות וועגן יאָסעלען און אַליין גייט ער אין קעלער אַריין און ער איז גוזר דעם תלין, אַז ער זאָל נאָך איין מאָל נעמען די האַק און מיטגיין.

דאָס כולו זכאי קען נאָך אַלץ נישט אַנטשטיין,
ווייל איינער איז נאָך דאָ אַ חייב.

דער איינער איז ער אַליין, משיח...

אָט־אָ דאָ ווערט קלאָר פאַר וואָס די פּיעסע הייסט „גאולה־קאָמעדיע" — די גאַנצע גאולה איז אַ בלוטיקע קאָמעדיע און זי קען נישט קומען, נישט דורך הוילער שולדיקייט, נישט דורך הוילער גערעכטיקייט...

דאָס לעצטע בילד הייסט „רויטער וויין". ס'איז די גרויסע משיח־סעודה, דאָס פאָלק עסט און טרינקט. עס דערמאָנט אין יעזוסעס לעצטן אָוונטברויט

און עס דאַכט זיך, אַז דאָס פאָלק עסט דאָס פלייש און טרינקט דאָס בלוט פון בן דוד... און יאָסעלע דערציילט אַ וואונדער־מעשה, אַז אַזוי ווי די זון וועט אַוועקגיין, וועלן אויפשטיין די טויטע פון די קברים און אַלע מענטשן וועלן זיי גיין מקבל פנים זיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט פולע בעכערס ווײַן. און ער דערציילט זיי אויך דאָס וואונדער־מעשהלע פון דער קופּע ליים, וואָס איז געלעגן אין פינצטערניש אויפן בוידעם און געחלומט און ערשט איצטער באַגרייפט ער דעם זינען פון געשעענעם —

דעם זינען פון מײַן יאָמערן,
און ווייגעשריי פון לייב,
דעם זינען פון גאולה
דורך הונגער און דורך נויט
דורך שנאה און דורך בלוט
דורך אָפּגעהאַקטע קעפּ —
ערשט איצט גייט אויף פאַר מיר
דער זינען פון מײַן פרייד,
די פרייד פון מײַנע פיס,
וואָס טרעטן אויף דער ערד
דער וואָרעמער פון בלוט.

אָט־אָ דאָ איז די קאָמעדיע די טרויעריקע. די פיס טרעטן מיט פרייד אויף דער ערד, וואָס איז וואַרעם פון בלוט. און יאָסעלע הייסט הערן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל —

דאָס מעשהלע פון ליים,
וואָס איז געוואָרן לייב,
דאָס מעשהלע פון ליבשאַפט
וואָס איז געוואָרן בלוט,
דאָס מעשהלע פון בלוט,
וואָס איז געוואָרן ווײַן.

דער ווײַן פון פרייד אין דער צוקונפט־געזעלשאַפט וועט זײַן אַן עקס־טראַקט פון בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין משך פון דורות און דורות און איבערהויפּט אין די צייטן פון דער גאולה. די גאולה איז געווען אַ טראַגעדיע און במילא אויך אַ קאָמעדיע. אַז גאולה איז אַ טראַגעדיע, איז פאַרבונדן מיט אומגליק, איז זי קיין גאולה נישט, איז זי אַ טראַגעדיע...

לייוויק ענדיקט נישט גאַנץ פּעסימיסטיש דאָס עלפטע בילד און די גאַנצע פּיעסע ענדיקט זיך מיט אָט־אָ די ווערטער:

גאולה־וויין, גאולה־וויין,
ער גייט אין בלוט אַריין,
הייבט הויך דעם בעכער,
הייבט אויף דאָס קול נאָך העכער,
קול פון מזרח,
קול פון מערב,
קול פון צפון,
קול פון דרום,
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים.

„אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען"

אַן אָנגעלאָדענער באַנד לידער. קנאַפּע 350 זייטן, 160 לידער... דער טיטל זאָגט שוין פון פריער אויס, וואָס די לידער זאָגן, ריידן און שרייען.

עס איז לייוויק! דער דיכטער, וואָס טראַכט די לעצטע צייט מערער ווי ער זינגט און ער מאָנט ביי אַלעמען און מערער ביי זיך אַליין און איז גרייט צו פּייניקן אַלעמען און מערער פון אַלעמען פּייניקט ער זיך אַליין. און כאָטש ער שטייט אַ סך מערער אויף דעם דאָזיקן באַרג, אויף וועלכן מען גיט די תורה פון שיינקייט, לאָזט ער נישט, אַז דאָס געזאַנג זאָל אין גאַנצן אַנטלויפן פון אים און צווישן שורות פון טיפן פּיין און הויכן מאָנען, זענען דאָך פאַראַן שורות פון געזאַנג און פון בענקשאַפט נאָך שיינקייט.

עס איז לייוויק, וואָס איז אַנדערש ווי אַנדערע יידישע דיכטער (און שוין אַוודאי ווי נישט־יידישע) און וואָס ברענגט שטענדיק עפּעס פאַר דער צערודערונג און פאַר דעם פּיין, וואָס ער פאַרשאַפט דיך. עס איז לייוויק, וואָס האָט מסתמא דעם גרעסטן מאָראַלישן כוח צווישן אונדזערע דיכטער פון היינט. און דאָך נעמסטו דאָס נייעסטע בוך זיינס מיט דעם זעלביקן צווייפל מיט וועלכן דו נעמסט די אַלע זאַכן, וואָס ווערן ביי אונדז געשריבן וועגן אונדזער גרעסטן חורבן. קען מען העכער שרייען און טיפער ברומען ווי עס האָבן געברומט און געשריגן די קאַלט־געמאַכטע זעקס מיליאָן יידן? ז. סעגאַלאָוויטש איז אויף העלפט געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ער געזונגען דאָס געזאַנג פון זיינע ערשטע ליידן און ווי גרויס די דאָזיקע ליידן זענען געווען, האָט מען זיי נאָך געקענט זינגען.

יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען ביז אין סוף צווישן דעם אויסגעקוילעטן ייִדישן פאָלק, האָט ער שוין נאָר געקענט שרייען זייער געשריי, קיין געזאַנג האָבן זיי שוין נישט געהאַט. אהרן צייטלין האָט געגעבן פאַר אַ קרבן זיין טאַטן און זיין מאַמען און זיין ווייב און זיין זון און זיין ברודער, האָט ער געפילט דאָס מעסער אויף דעם אייגענעם האַלדז, קען ער ווײַנען דאָס געוויין אויף יענע אומגעקומענע און ער קען ריידן מיט דעם ריכטיקן סאַרקאַזם וועגן די מער־דערישסטע מערדער. אַלע אַנדערע דיכטער זוכן אַ וואָרט, אַ טאָן און געפינען נישט... און ווען דו נעמסט לייוויקס בוך אין די הענט אַריין, צווייפלסטו אויך. און דער טיטל „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען" פאַרשטאַרקט דיר דעם צווייפל. דו קלערסט זיך, אַז אַפילו לייוויק קען אויך נישט געפינען דעם ברום און דאָס געשריי וועגן די זעקס מיליאָן, אויב ער איז נישט געווען...

און ווען דו הייבסט אָן לייענען די לידער, זעסטו באַלד, אַז לייוויק אַליין צווייפלט. ער צווייפלט נישט נאָר אין ווערט, נאָר אַפילו אין זין פון די לידער. ער צווייפלט אַפילו אין דעם, צי האָט ער זיי געדאַרפט זינגען. שוין אין מאָ־טאָ זאָגט ער:

אָ, ווער וועט אויף די סליאַדן פון טרעבלינקע־גאַנג
פאַרגעבן דיר די שולדן פון געזאַנג?

ער פילט זיך שולדיק פאַר דעם, וואָס ער קומט מיט געזאַנג אויף די סליאַדן פון טרעבלינקע־גאַנג. אויך לייוויק האָט זיין חלק אין די קרבנות. דאָס בוך איז פאַר זיין שוועסטער באַשע, זיינע ברידער בערל און משה מיט זייערע משפחות, וואָס זענען אין ווייסרוסלאַנד פאַרלוירן געגאַנגען אין די היטלער־שחיטות. אָבער דעם נאָענטן און אינטימען קאָנטאַקט, וואָס אהרן צייטלין האָט געהאַט מיט זיינע אייגענע, האָט שוין לייוויק מיט זיינע אייגענע נישט געהאַט. און אָט דערפאַר זאָגט ער אין ערשטן ליד פון בוך, וואָס הייסט „דאָס ליד פון קרבן" —

דאָס ליד פון קרבן — איך ווייס נישט ווער עס דאַרף,
און איך ווייס נישט ווער עס דאַרף אויך אַנדערע לידער,
אויב נאָר דו קענסט, נעם ס'וואָרט און וואַרף
אין פלאַם אַריין, וווּ עס ברענען קרבנס גלידער.

דער דיכטער ווייסט, אַז עס ווערן שטום די זינגער אויף אונדזער ערד און ער ווייסט, אַז ער איז איינער פון זיי און ער קומט אין אַ סתירה צווישן שווייגן און פרעגן און ער זאָגט:

וואָס איז אַ געלע לאַטע? — אַ שטיקל געוואַנט,
וואָס איז אַן אָרעם? — אַ שטיקל האַנט.
און איך, וואָס בין איך, — אַ שטיקל ייד,
און דאָס ליד, וואָס איך שרייב — אַ שטיקל ליד.

און פּאַקטיש גיט דערנאָך לייוויק אַ סך שטיקלעך ליד, וואָס זענען אַ פייניקונג פאַר דעם, וואָס ער איז אין טרעבלינקע נישט געווען און וואָס ער איז נאָר אַ טרעבלינקע־קאַנדידאַט. ער קלאַפּט זיך על־חטא וועגן דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט שטאַרבן מיט זיי אינאיינעם, נאָר ער האָט דערצו קיין כוח נישט געהאַט. און שווייגנדיקערהייט זאָגט ער ווערטער, וואָס געהערן צו די געפערלעכסטע און וועלכע אַלע וואָלטן געמעגט וויסן. ער זאָגט:

איך זוך באַהעלטעניש אין פאַלדן פון בטחון,
איך טוליע זיך צום נצח — כ׳וויס דאָך אָבער גוט,
אַז אַלע וועלט־געפעסן ליגן שוין צעבראָכן
און גאָט האָט מער נישט ווו צו האַלטן הבלס בלוט.

דאָס זענען ווערטער, וועלכע מען וואָלט געמעגט איבערזעצן אין אַ סך שפּראַכן און לאָזן צו וויסן דער וועלט, ווי אַזוי עס זינגען היינט די דיכטער פון דעם פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבן גלויבן...

און ווען לייוויק הייבט אָן צו ווייזן גאָט אַליין אין זיין מאַכטלאָזיקייט, ווערט ער זעלטן רירנדיק און ער ווירקט אויף דיר אַזוי, אַז דו ווילסט וויינען אויף דעם, וואָס גאָט איז געוואָרן אַזאַ יורד און וואָס ער האָט שוין מער קיין כוח נישט און קיין וואָרט נישט. גאָט ווערט אַ שטומער... ער קומט צום דיכטער אין שטוב אַריין אין מיטן נאַכט, ווי אַן אָרעמאַן מיט אַ מידן, שטרויכלענדיקן שפּאַן און ער רעדט מיט די פינגער און מיטן מויל קען ער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען, אָבער אויך מיט די פינגער קען ער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען... און עס קומט אויס, אַז דער „בורא־עולם" רופט צום משפט זיך אַליין. אָט דאָס ווינקט ער מיט די שטומע הענט! ער הייסט מען זאָל אים אַליין משפטן —

פאַר צולאָזן, אַז מענטשן־היינט
זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויזגעזינד.

דער דיכטער הערט נישט אויף צו גלויבן אין גאָט אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז אַפּיקורסיש געשטימט. ער זאָגט, אַז ווען אַפילו גאָט איז נישטאָ, איז ער אַלץ נאָך דאָ פאַר חשבון! אָט ווי ער זאָגט דאָס:

דער חשבון איז נאָך אַלץ מיט דיר, באַשעפער,
אַפילו, אויב ס׳איז אמת, אַז דו ביסט נישטאָ.
און וויפל ס׳האָבן מענטשן נישט פאַרלייקנט דיך —
ביסטו נאָך אַלץ אויף חשבון דאָ,
ביי דיר צו בעטן און פון דיר צו מאַנען
אין אונדזער טויט פאַרגרוילטער שעה.

די אַלע רייד און די אַלע מאַנונגען צו דעם גאָט, וואָס איז נישט און יאָ דאָ, לעבן מיר אַלע איבער און מיר אַלע געפינען נישט קיין אויסוועג און מיר ווייסן נישט מיט וואָס פאַר אַ כוח מיר זאָלן געפינען דעם וועג צום וויטער־דיקן לעבן. מיר מוזן דאָך טראַכטן, אַז מיר ווילן לעבן, נאָר אַן אַ מאַידאַנעק און אַן אַ טרעבלינקע און מיר מוזן דאָך גלייבן, אַז עס וועט קענען קומען צו אַזאַ לעבן... לייוויק ווייסט, אַז ער קען נישט געהערן נאָר צו איין דור; ער ווייסט, אַז ער דאַרף מיט זיין פאַרהאַרטעוועטן שטערן בויערן דורך גאַנצע פיר טויזנט יאָר, און ער דערפילט זיך ווי די קאַם, וואָס פייניקט ר׳ עקיבאס גוף און ער הערט זידן דאָס בלוט פון זכריה און יוסף־חיים ברענער און ער פרעגט זיך, צי איז ער נישט אַליין דער שמיד, וואָס שמידט אי גראַבאַייזנס, אי קייטן, אי גאולה־פענער... ער געפינט דעם וועג צו דעם עבר, אָבער נישט דעם וועג צום עתיד. פאַראַן אין בוך זייער אַ סך לידער, וואָס זענען נישט די־רעקט וועגן אונדזערע ליידן אין אייראָפּע, אָבער זיי האָבן אַלע אַ שייכות מיט אונדזער גורל. אָט אַ שטייגער דאָס ליד „צו יונגע פריינט״, וואָס ענדיקט זיך מיט אָט די ווערטער:

איך זוך צו אייער האַרץ אַ וועג
און אייער האַרץ אַנטלויפט אַוועק,
די ווערטער מיינע איך באַיאַע
מיט אייביקייט פון אַ צוואה...

עס איז פאַראַן אַ ביסל נישט־גערעכטיקייט אין אָט דעם ליד. דאָס האַרץ פון אונדזער יוגנט לויפט נישט אַוועק אין דער איצטיקער צייט פון אונדז. אַדרבה, מיר זעען אַלע, ווי די הערצער פון אונדזערע קינדער לויפן צו אונדז. אָבער אין גאַנצן איז לייוויק נישט אומגערעכט; די הערצער פון אונדזער אונדזער יוגנט לויפן צו אונדז אויף צו קעמפן אינאיינעם קעגן דעם אומגליק, וואָס לויערט אויף אונדז און צו קעמפן פאַר אַ לעבן אַן אייביקער סכנה, אָבער ווען עס קומט צו אונדזער היינטיקן לעבן אומעטום און אויף אונדזער לשון, דעמאָלט זענען די הערצער פון אונדזער יוגנט נישט מיט אונדז. לייוויק זאָגט,

אַז ער פּאַקט אָן יאָרן מיט פולע זעק און ער לייגט זיי אַוועק ביי דער טיר פון דער יוגנט און —

איך צו מאַכן גרינגער נאָך,
פאַרשווער איך מער מיין אייגענעם יאָך,
איך שפּאַן זיך איין אין זיבן לייצעס
מיט מיינע שוין צעבייגטע פּלייצעס.

אָבער די יוגנט פרעגט נישט, וואָס ער באַגערט און וואָס אים דערוואַרט און זי טרייסלט די פּאַלעס פון אַלע זיינע טעגס גורלות.

און דאָך פעלן נישט ביי לייוויקן קיין לידער, וואָס טראָגן אַן אינטימען כאַראַקטער און וואָס זענען דורכויס ליריש אין טאָן, כאָטש זיי האָבן אין זיך שטאָף, וואָס קען צערייסן מיליאָנען הערצער. איינס פון די אינטימסטע לי־דער איז „מיין ברודער ישראל שטערן״, וואָס איז אַ קלאָגליד אויף דעם איי־גנאַרטיקן יידישן דיכטער, דעם מקובל ישראל שטערן, וואָס האָט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיך אַוועקגעלייגט אין אַ חרובן הויף און ער איז געלעגן נישט רירנדיק זיך פון אָרט, ביז וואַנען ער איז אויסגעגאַנגען. לייוויק זעט אין שטערנען יצחקן אויף דער עקדה און ער הערט ווי ער זינגט אין גאַנצן אַ דערלייזטער... זיין קול הייבט אָן קלינגען העכער און דרייסטער. ער זינגט:

אַז ווייל איז מיר צו זיין אייביק,
אַז ווייל איז מיר אָן וויג און אָן קבר.

פאַראַן אין אָט דעם באַנד לידער מאָטיוון, וואָס זענען ניי ביי לייוויקן און וועגן וועלכע ס'וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן. פאַראַן איראָניע ביי לייוויקן, אין די פריערדיקע לידער האָט ער קיין איראָניע נישט געהאַט. דאָס ליד „אויף אַ דיכטערס לוויה״ ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

מיר הייבן שטיקער ליים,
דעם דיכטערס שטוב איז פּאַרטיק —
דער אָרון קומט אַהיים,
דער נפטר שלאָפט גרויסאַרטיק.

דאָס איז אַ נייער טאָן ביי לייוויקן! אָבער דאָ האָבן מיר נאָר באַרירט דעם הויפּטמאָטיוו, דאָס נישט זיין אין טרעבלינקע און מוזן דיכטן וועגן דעם. אויב עס איז פאַראַן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם דאָזיקן בוך, האָט דאָס לייוויק אַליין געזאָגט. ער האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך ווי אַ שטיקל ייד, וואָס שרייבט שטיקלעך ליד און ער האָט געזאָגט, אַז גאָט אַליין איז שטום געוואָרן

און דערפאַר מוז דער מענטש שטומערהייט ריידן. און דעם סאַמע עיקר זאָגט ער אין זיין לעצטן סאָנעט פון דעם (סאָנעטן) „רינג פון סך־הכל". ער זאָגט:

איך ווייס, אַז ס'איז נישט די צייט היינט פאַר סאָנעטן,
עס איז די צייט דאָך פון קאַנאָן און טאַנק,
דער מענטש איז פינצטער און זיין געדאַנק איז קראַנק,
נישטאָ צו וועמען שטרעקן זיך, צו וועמען בעטן.
מיין האַרץ, פון דעסטוועגן, זינג אויס אַ דאַנק —
וואָס אונטער בערג פון הענקערישע דעקרעטן
נאָך צאַפּלט זיך דער טרוים פון אמתע פּאָעטן:
דער מענטש וועט ליכטיק זיין ווי גאָטס געדאַנק.

דורך פאַרצווייפלונג און אומגלויבן קומט לייוויק דאָך צום אמתן גלויבן, אַז דער מענטש וועט ליכטיק זיין ווי גאָטס געדאַנק.

ש. ניגערס „געקליבענע שריפטן"

— 1 —

אַן ענטפער דעם עכאָ

פאַראַן ביי פושקינען אַ ליד וועגן עכאָ (עס דאַכט מיר אַן איבערזעצונג) וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „נאָר דיר איז קיין ענטפער נישטאָ". דער ווידערקלאַנג זיצט אויף אַ פעלזנשטיין אין דער מיט וועלט, ער ענטפערט יעדן אויף זיין פרייד און ליידנרוף, נאָר אים אַליין איז קיין ענטפער נישטאָ.

אַ קריטיקער איז אין אַ געוויסער מאָס געגליכן צו אַ ווידערקול, ער רופט זיך אָפּ (כמעט) וועגן יעדן, וועגן אים רופט זיך (כמעט) קיינער נישט אָפּ.

ש. ניגער שטייט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט אין דער מיט פון דער יידישער ליטעראַטור און רופט זיך אָפּ וועגן אַלץ וואָס איז אים אָדער נאָענט, אָדער „צו ווידער" און וועגן אים רופט זיך כמעט קיינער נישט אָפּ. ער כאַפּט זייער אָפט אַריינגעזידלט פון די דאַזיקע, וואָס ער ליבט ווייניק אָדער גאָר־נישט (און אויך פון די דאַזיקע, וואָס ער ליבט זייערע חברים). אָבער וועגן אים אַליין רופט מען זיך כמעט נישט אָפּ. אַט זענען דערשינען דריי ביכער פון ש. ניגער נאָך אין 1908 און זיי האָבן געהאַט אַ גאַנץ קליינע „פרעסע". עס איז שוין ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז ש. ניגער זאָל שרייבן וועגן איקס, איגרעק, זעט, אָבער נישט איקס, איגרעק, זעט זאָל שרייבן וועגן ש. ניגערן.

אַז מען פאַרשווייגט אַ מחברס אַ בוך, זידלט ער ניגערן... ניגער איז נישט נאָר אַ שריפטשטעלער, אַ קריטיקער, נאָר אַן אַנשטאַלט און צו אַן אַנ־שטאַלט האָט מען תמיד טענהס, ווי גוט מען זאָל אים נישט פירן. אָבער אַז מען פאַרשווייגט ניגערן, — צו וועמען זאָל ער האָבן טענהס, צום אַנשטאַלט ניגער?

אין דעם פאַרשווייגן די ביכער פון אונדזער קריטיקער איז מסתמא גע־ווען אַ היפּש ביסל „שלא בכוונהדיקייט" אויך. ווי שרייבט מען עס וועגן אַ קריטיקער; ווער שרייבט עס קריטיק אויף קריטיק? עס איז אָבער געווען אַ היפּש ביסל „בכוונהדיקייט", אַ נקמה פאַר מיטעלע, שלעכטע און צו גוטע (וועגן אַנדערע) רעצענזיעס...

עס איז אַ סך לייכטער צו זיין אַ שריפטשטעלער, ווי אַ קריטיקער. איך

מיין געוויס נישט, אַז אַ קריטיקער דאַרף האָבן מער טאַלאַנט, ווי אַ שריפט־שטעלער, איך מיין אויך נישט דאָס, וואָס אַ קריטיקער מוז האָבן מער קולטור און טאַקט ווי אַ שריפטשטעלער, איך מיין, אַז עס איז שווער צו טראָגן דעם עול פון אַ קריטיקער. אַ קריטיקער איז אַ גאַנץ לעבן אַרומגערינגלט מיט שנאה און כאָטש שנאה איז דאַכט זיך אַבסטראַקט, איז זי דאָך אומגעהייער שטעכיק און בריִענדיק...

איך וועל אפשר באַגיין אַן אומטאַקטישקייט, ווען איך וועל אויסזאָגן, אַז אויף די דריי לעצטע בענדער זיינע, וואָס דער חשובער קריטיקער האָט מיר געשענקט האָט ער אויפגעשריבן: „ח' יעקב באָטאָשאַנסקי אַן אח לצרה". עס איז אַ שפּאַס אין וועלכן עס איז פאַראַן אַ סך ערנסט. זיין אַ קריטיקער איז אין אַ גרויסער מאָס אַ צרה...

ש. ניגער איז פון דער נאַטור אַ קאַבינעט־מענטש. ער איז נישט גע־בוירן געוואָרן צו זיין אַ קהלס־מענטש און אַ קאָכלעפל; ער קלאָגט זיך אין זיין עסיי „דער קהלשער מענטש" אויף דעם, וואָס דער קריטיקער מוז ווערן אַ קהלס־מענטש און „וועגן זיין ליטעראַרישער פאָרם רעדט מען געוויינלעך נישט אַזוי ווי וועגן אַנדערע שרייבער און אַנדערע פאָרמען. געוויינלעך איז אַ שרייבער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין, דער קריטיקער אָבער איז אַ קהלשע אינסטיטוציע". דער באַרוף פון קריטיקער איז אַ שווערער, ער איז מער צרה ווי באַרוף.

אָבער — וואָלט עס געווען נאָר אַ צרה, וואָלט אַ געבוירענער קריטיקער אפשר אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך און וואָלט געפּרוּווט אַנטלויפן, ווי יונה הנביא, אָבער ס'איז חוץ צרה אויך אַ תענוג.

ש. ניגער רעדט זייער אָפט מיט ענטוזיאַזם וועגן דער אַרבעט פון קרי־טיקער. דער קריטיקער איז פאַר אים דער זעלביקער שריפטשטעלער, וואָס דער ראָמאַניסט און פּאָעט. די לעצטע טוען אַריין זייער אינספּיראַציע אין לעבן און קריטיקירן דאָס לעבן; דער קריטיקער טוט אַריין זיין אינספּיראַציע אין דער ליטעראַטור און ער קריטיקירט די ליטעראַטור, ער דערווייזט, אַז דיכטער האָבן אין פערזן געשריבן קריטיק און קריטיקער האָבן אין עסייען געשריבן פּאָעזיע און ניגער פרעגט: מיט וואָס איז אַ דיכטער אַ ווייניקער אינטערעסאַנטער העלד, ווי אַ פּראָסטער בשר־ודם? מיט וואָס איז דאָס גרויע לעבן אַ מער אינטערעסאַנטע טעמע, ווי די קונסט? די קריטיק איז טאַקע פאַר אונדזער קריטיקער אַרומגעצוימט מיט דערנער און שטעכלקעס, אָבער אינעווייניק איז פאַראַן אַ רויז...

אָבער — ווער האָט עס ביי אונדז באַטראַכט ניגערן אַלס שריפטשטע־

לער און נישט נאָר אַלס קריטיקער, צו וועלכן מ׳דאַרף קומען מיט טענות? אפשר אַ מאָל בעל־מחשבות... זיינען צוריק מיט פינף יאָר דערשינען ש. ני־גערס דריי בענדער, וואָס זענען פאַר אונדזער ליטעראַטור נישט ווייניקער וויכטיק, ווי וויכטיקע בעלעטריסטישע ביכער און מען האָט וועגן זיי כמעט ווי נישט געשריבן. „מען קוקט — זאָגט ש. ניגער — אויף דעם קריטיקער, ווי אויף אַ כהן־גדול און מען הייסט אים זיין אַ שמש״ און ווער וועט עס גיין באַדינען דעם שמש? — ווען איך היינט גיין באַדינען דעם כהן־גדולדיקן שמש ש. ניגער און איך וועל היינט ענטפערן אויף דעם עכאָ.

— 2 —

דער יידישער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר

ש. ניגער באַטאָנט זייער און זייער פיל מאָל, אַז אַ קריטיקער איז נישט קיין פאַרטייטשער, נאָר אַ שריפטשטעלער, אַז צו זיין אַ קריטיקער דאַרף מען זיין נישט נאָר אַ קענער פון ליטעראַטור, נאָר אַ טאַלאַנטירטער שריפטשטע־לער. דאָך שטעקט די עיקרדיקע ווערט פון ש. ניגערס צוויי בענד א״נ „לע־זער, דיכטער, קריטיקער״ אין זייער פאַרטייטשערישקייט אַזוי צו זאָגן. דאָס זענען איבערהויפּט לעקציעס פון אַ ליטעראַטור־פּראָפעסאָר. די לעקציעס זע־נען געשריבן מיט אַ שיינער און לויטערער שפּראַך, מיט ווינסשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט און מיט ליטעראַרישער שפּילעוודיקייט, די לעקציעס זענען געשריבן מיט טאַלאַנט, אָבער די נוצלעכקייט זייערע שטייגט איבער זייער עסטעטישן ווערט, כאָטש פאַר ניגערן איז דער עיקר אין דער ליטעראַטור — דער תענוג, וואָס זי פאַרשאַפט דורך איר שיינקייט און נישט די לערע אירע. ווידער אַ מאָל: די דאָזיקע עסייען זענען קודם־כל לעקציעס פון אַ פּראָפע־סאָר.

ש. ניגער איז נישט קיין אָביעקטיווער פּראָפעסאָר. אין זיין פאַרטייטשונג פון דער ליטעראַטור איז ער אין אַ געוויסן פּרט טענדענציעז, כאָטש ער קעמפט קעגן טענדענציעזקייט. וואָרעם אויב ווען עמיצער, וואָס איז אַלס קריטיקער אַן אָנהענגער פון אַ געוויסער (סאָציאַלער אָדער פּאָליטישער) טענדענץ, ווערט פאַררעכנט פאַר אַ טענדענציעזן קריטיקער, וואָלט אַן אָביעק־טיווער קריטיקער געקאָנט הייסן אַזאַ וואָס איז אַן אָנהענגער פון ביידע ריכ־טונגען אין דער ליטעראַטור. ש. ניגער איז אָבער אַ קעגנער פון טענדענץ אין ליטעראַטור. אמת, ער געפינט קונסט אין טענדענציעזער ליטעראַטור (אַ שטייגער, אין ד. בערגעלסאָנס „מידת הדין״), אָנפלעקט ער די דאָזיקע קונסט

און פרייט זיך מיט איר, אָבער ער באַקעמפט דאָך יעדע טענדענץ אין דער ליטעראַטור און ער איז אַזוי אַרום אַ טענדענציעזער קריטיקער, אַ טענדענציעזער קעגן דער... טענדענץ.

ש. ניגערס פּראָפעסאָרישע לעקציעס ווערן זייער אָפט פאַרוואַנדלט אין גאַנץ ליידנשאַפטלעכער פּאָלעמיק און אַפילו אין פּאַמפלעטן. ער פּאָלעמיזירט מיט טראָצקין רויקער, ווייל ער איז אים ווייניקער נוגע; ווייל טראָצקי באַרירט אים די וועלט־ליטעראַטור; מיט משה ליטוואַקאָוון פּאָלעמיזירט ער היציקער, ווייל ער איז אים מער נוגע: ליטוואַקאָוו וויל אים אַריינברענגען פּאָליטיק אין זיין יידישער ליטעראַטור...

ש. ניגער גייט צו מאָל סיי־ווי אַ ביסל אַרויס פון די כלים, ווען ער וויל דעם לייענער איבערצייגן אין זיינע מיינונגען, און כאָטש ער האָט אַ שם אַלס „קאַלטער מלאך", היצט ער זיך גאַנץ פיין און ער זעט נישט איין מאָל אויס, ווי אַן עלעגאַנטע דאַמע וואָס האָט פאַרלוירן דעם טאָן. אָבער אין גרעסטן רוב זענען די עסייען פון די דערמאָנטע צוויי בענד פּראָפעסאָרישע לעקציעס און יעדער יידישער לייענער, וואָס לייענט לידער און דערציילונגען און פּאָעמעס און דראַמעס און עסייען און אים איז עפּעס נישט קלאָר, ער ווייסט נישט צוליב וואָס ער לייענט און ווי אַזוי ער דאַרף לייענען, דאַרף זיך באַקענען מיט ש. ניגערס „לעזער, דיכטער, קריטיקער", הגם ער דאַרף נישט כסדר מסכים זיין מיט אים און הגם ער דאַרף טאַקע אַ סך מאָל נישט מסכים זיין מיט אים. בעסער ווי ש. ניגער דערקלערט, „וואָס הייסט לייענען", „דעם אמתן פאַרגעניגן און אמתן נוצן פון לייענען", „ווי צו לייענען", „וואָס צו לייענען" (דאָס זענען נעמען פון די טיילן פון ערשטן קאַפּיטל) אאַז"וו. האָט דערוויל אין יידיש נאָך קיינער נישט... ש. ניגער זויגט נישט פון פינגער; איז די אויסטייטשונגען זיינע פאַרוואַנדלט ער די קריטיק כמעט אין אַ וויסנשאַפט: ער איז באַהאַוונט אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור־קריטיק און אין דער פילאָסאָפיע וועגן דער ליטעראַטור און זיינע דערקלערונגען זענען רעזולטאַטן פון אַן ערנסטן שטודירן און עקסטראַקטן פון די וויכטיקסטע ווערק אויפן געביט פון ליטעראַטור־קענטעניש.

אָבער נישט נאָר עקסטראַקטן פון פרעמדע ווערק גיט אונדז ניגער, נאָר ער אינטערוועניערט מיט אַן אייגענער און אָריגינעלן געדאַנק. ער ציטירט, למשל, געאָרג בראַנדעסעס באַהויפּטונג, אַז אַפילו דאַן ווען דאָס לייענען ברענגט אונדז נאָר אומשולדיקע אונטערהאַלטונג, האָט דאָס ווערט אין דער לאַנגווייליקייט און איינפאַרמיקער מאַטערניש פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס לייענען נאָר פון פאַרגעניגן וועגן דאַרף בשום אופן נישט פאַראַכט ווערן,

אויב נאָר דאָס פאַרשאַפט אונדז פאַרגעניגן", און ער איז דערביי מוסיף: "און אויב — וואָלט איך צוגעגעבן — דאָס איז יענער סאָרט פאַרגעניגן, וועלכן מן קען האָבן נאָר פון לייענען".

ש. ניגער האָט נאָך אַ וויכטיקע אייגנשאַפט: ער איז אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער סביבה און זיינע ביישפילן זענען על פי רוב פון יידישן לעבן, נאָענטע צו אונדזערע לייענער און ער קען מיט זיין היימישקייט באַווירקן די לייענער. פאַרטייטשט ער די פאַרשידענע מדרגות פון לייענען, שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם ספּעציפיש יידישן לייענען. דער גאָר יונגער לייענער וועט ביי אים טרעפן ביישפילן, וועלכע זענען אים פרעמד, פונקט ווי ער וועט טרעפן ביי פרצן און שלום־עליכמען טיפן, זיטן און אויסדרוקן, וואָס זענען אים פרעמד, אָבער דאָס איז אומפאַרמיידלעך. בכלל איז ניגערס יידישקייט אַ סך מער מעלה, ווי חסרון און אויב איך האָב שוין באַהויפטעט, אַז ש. ניגער איז דער וויכטיקסטער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר, איז ממש אַ חוב צוצוגעבן, אַז ער איז אַן עכטער יידישער פּראָפעסאָר.

— 3 —

וואָס ש. ניגער פאַרלאַנגט פון ליטעראַטור

אַז איר וועט שטאַרק וועלן וויסן איז ש. ניגערס צוויי ביכער "לעזער, דיכטער, קריטיקער", וואָס איז אַזוינס פאַר דעם מחבר ליטעראַטור, וואָס דאַרף ליטעראַטור געבן דעם "לעזער", וועט איר זיך דאָס שווער דערוויסן. פאַר ש. ניגער איז ליטעראַטור — אַזוי צו זאָגן — ליטעראַטור. זי דאַרף נישט ווירקן אַנדערש, ווי נאָר ליטעראַריש. פונקט ווי אַ ביאָלאָג וועט אייך נישט געענוי דעפינירן וואָס איז אַזוינס לעבן און וואָס דאַרף דאָס לעבן געבן, פונקט אַזוי קען דער ליטעראַטור־קריטיקער (וואָס איז קעגן טענדענץ) נישט געבן אַזאַ דעפיניציע וועגן ליטעראַטור. פאַר ניגערן איז אַ בוך פונקט אַזאַ אָרגאַנישע נויטווענדיקייט, ווי שפּייז. ער זאָגט עס קלאָר:

> "אַ בוך — שרייבט ער — וואָס מען לייענט נאָר פון מאָנאָטאָנעם פאַרגעניגן, אָדער פון פּראַקטישן נוצן וועגן (מען וויל זיך, אַ שטייגער, אויסלערנען עפּעס אַ טעכנישע זאַך) — איז אַזוי ווי אַ בלום, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון וואָרצל: עס לעבט נישט לאַנג. אַנדערש זענען די ביכער, וואָס גיסן זיך צונויף אויף שטענדיק מיט אונדזער דענקען און פילן. די ביכער, וואָס ווערן פאַר אונדז אַ קוואַל פון אומאויסשעפּלעכן גייסטיקן פאַרגעניגן און דויערנדיקן אינטעלעקטועלן נוצן —

זיי זענען ווי די טיף פאַרוואָרצלטע פלאַנצונגען, וואָס בלײַען אָפּ און בלײַען צוריק. זיי זענען פאַר אונדז דאָס, וואָס שפּייז איז פאַר אַ קינד (מיין קורסיוו — י. ב.); זיי זענען נייטיק און נוצלעך פאַרן וווקס, נישט פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם אָרגאַניזם".

מיט אַנדערע ווערטער: פונקט אַזוי ווי דער מענטש דאַרף שפּייז (און לופט) בכדי צו וואַקסן פיזיש, פונקט אַזוי ווי צו קענען אַרבעטן און זיך מפרנס זיין, פונקט אַזוי דאַרף ער ליטעראַטור, בכדי גייסטיק צו וואַקסן.

און אויב די ליטעראַטור איז פאַר זיך אַליין אַן עלעמענט פון ערשטער נויטווענדיקייט, דאַן דאַרף זי ווירקן אין איר ריכטונג און נישט אין קיין זייטיקע ריכטונגען. ברויט עסט מען נישט בכדי צו מאַכן סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע קאָנטערעוואָלוציעס, נאָר בכדי זיך פ(יזיש) דערנערן און וואַקסן, דאַרף מען ליטעראַטור אויך לייענען נאָר וועגן (גייסטיקן) דערנערן און אַנטוויקלען.

ש. ניגער איז אַפילו נישט קיין שטאַרקער אָנהענגער פון דעם באַקאַנטן סביבה־סיסטעם פון היפּאָליט טען, וואָס בעל־מחשבות האָט אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור. ניגער האָט גאָרנישט קעגן דעם, אַז מען זאָל שטודירן דעם דיכטערס סביבה, בכדי צו דערקענען דעם דיכטער; ער האָט אָבער מורא (צוזאַמען מיט אַנדערע עסטעטישע קריטיקער) אַז דער דאָזיקער סיסטעם זאָל נישט פירן צו אַ פאַרקערטן שטודיום: אַנשטאָט צו שטודירן דעם דיכטער דורך דער סביבה, וועט מען שטודירן די סביבה דורך דעם דיכטער...

וואָס זשע גיט פאַרט דער דיכטער דעם לעזער? „ער מאַכט — שרייבט ניגער — ברייטער אונדזער אינעווייניקסטן לעבן", „וואָס איז אונדזער לעבנס־דערפאַרונג אָן ביכער? — די דערפאַרונג פון איין מענטש? זייער אַ באַגרענעצטע דערפאַרונג", „אַזעלכע ווונדערלעכע אַפּאַראַטן זענען די ביכער פאַר אונדז, זיי זענען ווי שליחים, וואָס קומען צו אונדז פון אַלע עקן וועלט, זיי ברענגען אונדז גרוסן פון די וויטסטע שטערן, פון די פרעמדסטע נשמות, זיי באַקענען אונדז מיט די ווילדסטע שבטים, זיי פאַרבינדן אונדז מיט די ווונדערלעכסטע גאונים". פאַר וואָס זשע זאָלן ביכער אונדז נישט געבן צו פאַרשטיין אויך די ווילדקייטן פון אונדזער אייגן לעבן און די אומגעלומפּערטקייט פון די „אָרדענונגען" וואָס רינגלען אונדז אַרום? ניגער רעדט כמעט נישט וועגן דעם. ער איז אַ פּראָדוקט פון אַן עפּאָכע, ווען מען האָט געדאַרפט אַריינפירן דאָס שיינע און דאָס גייסטיקע אין אונדזער צו־פּראַקטישן לעבן. מען האָט געדאַרפט אַ רעאַקציע קעגן דעם היפּער־פּראַקטיציזם פון אונדזער

לעבן, און מען האָט געמוזט פאַרלאַנגען, אַז די ליטעראַטור זאָל זיין נאָר שיין, נאָר גייסטיק און קיין שום שייכות נישט האָבן מיט קיין שום פּראַקטיק.

ש. ניגער שטרענגט זיך אָן צו זיין אָביעקטיוו אויך לגבי טענדענץ אין דער ליטעראַטור און לגבי דעם מאַרקסיזם אין דער קריטיק, שרייבנדיק וועגן ל. טראָצקי, דריקט ער זיך אויס, אַז „מיר לאָזן נישט דער מיינונג אונדזערער ווערן אַ מחיצה צווישן אונדז און דעם שאַפנדיקן גייסט. אַ מיינונג גייט אַוועק, אַ מיינונג קומט, דער שאַפונגס־גייסט בלייבט". ש. ניגער האַלט דעם עסטע־טישן לעזער און קריטיקער פאַר דעם פריירן מענטשן, ווי דעם פאַרטיי־אישן לעזער און קריטיקער. די דאָזיקע לעצטע „צאַמען אַרום זיך אַליין און די קונסט מיט בייזע שטעכנדיקע דראָט פון סאָציאַלע און אַנדערע „פאַר־טייאישקייטן" און זיי „ווערן באַשטראָפט פון זייער אייגענער באַגרענעצטקייט, זי באַגרענעצט זייערע גייסטיקע גענוס־מעגלעכקייטן". כאָטש — ניגער אַליין ציטירט שפּעטער טראַצקיס אַ דערקלערונג, פאַר וואָס מיר קענען נאָך היינט לייענען דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" און הנאה האָבן פון איר, כאָטש זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסן קלאַס און אַ באַשטימטער עפּאָכע, אַ דערקלע־רונג אין וועלכער ל. טראָצקי באַהויפּטעט, אַז „די קלאַסן־געזעלשאַפט האָט געוויסע שותּפותדיקע שטריכן, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער פאַרענדער־לעכקייט. קונסט־ווערק, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַ מיטל־עלטערלעכער איטאַליענישער שטאָט קענען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אָנשטעקן אויך אונדז. וואָס איז דערצו נויטיק? עס איז נויטיק, אַז די געפילן און שטימונגען זאָלן קריגן אַזאַ ברייטן אָנגעשטרענגטן מעכטיקן אויסדרוק, וועלכער זאָל זיי אויפ־הייבן איבער דער באַגרענעצטקייט פון דעם דעמאָלטיקן לעבן". הייסט עס, אַז מאַרקסיסטישע קריטיקער ווערן גאָרנישט אַזוי „באַשטראָפט פון זייער איינ־זייטיקייט" און זייערע גייסטיקע גענוס־מעגלעכקייטן זענען גאָרנישט אַזוי באַ־גרענעצט.

דוד בערגעלסאָן מיינט, אַז דער דיכטער איז באַגרענעצט אין זיינע שאַ־פונגס־מעגלעכקייטן און ער האָט אַ זייער ענגע סביבה, אַזוי לאַנג ער איז אַ ברייער קינסטלער און גייט נישט „אין שפּאַן". אמת, עס געראָט בערגעלסאָנען נישט צו דערווייזן, אַז די ענגינקע סביבה אין זיינע ערשטע ווערק נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז נישט געגאַנגען „אין שפּאַן" פון פּראָלעטאַריאַט. ש. ניגער ווייזט אָן, אַז דער דאָזיקער שמאָלער דיאַפּאַזאָן בערגעלסאָנס איז זיינע אָן אָר־גאַנישע אייגנשאַפט און קיינער האָט אים אויך פריִער נישט פאַרבאָטן אויסצו־ברייטערן זיין סביבה און זיינע טיפן, אָבער — עפּעס אמתדיקייט איז פאָרט פאַראַן אין בערגעלסאָנס באַהויפּטונג. ער האָט געדאַרפט זיך אידעיִש דערנענ־

טערן צום אַרבעטער־קלאַס, בכדי אים אַריינצונעמען אין זיין שאַפונגס־קרייז. עס איז נישט וויכטיק, צי בערגעלסאָנען איז דאָס געראָטן, עס איז אַפילו נישט וויכטיק, צי ער איז גערעכט. אַ פאַקט איז, אַז פונקט ווי ניגער זאָגט, אַז דעם עסטעטישן לעזערס און קריטיקערס גענוס־מעגלעכקייטן זענען ברייטערע, ווי די גענוס־מעגלעכקייטן פון מאַרקסיסטישן לייענער און קריטיקער, פונקט אַזוי זאָגט בערגעלסאָן, אַז די „שאַפונגס־מעגלעכקייטן פון עסטעטישן" דיכטער זענען באַגרענעצטער, ווי די שאַפונגס־מעגלעכקייטן פון מאַרקסיסטישן שריפט־שטעלער.

אָבער — איך פאָלעמיזיר נישט, איך פאַרטייטש נאָר. אָט־אָ דאָס איז ניגערס באַציִונג צו ליטעראַטור און אָט־אָ דאָס איז זיין פאָדערונג צו איר. זי דאַרף קודם־כל און אין אַלעמען זיין ליטעראַטור, אונדז פאַרשאַפן גייסטיקן תענוג ווען מיר לייענען זי און זי דאַרף בלייבן אַלס אַ טייל פון אונדז אויף שטענדיק; דאָס וויכטיקסטע פון געלייענטן דאַרף אַריין אין אונדזער גייסט, פונקט ווי דאָס וויכטיקסטע פון דער שפּייז דאַרף אַריין אין אונדזער בלוט און מאַרך.

ש. ניגער איז נישט קיין אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דעם, אַז אַ שריפטשטעלער זאָל זיין אַ קעמפער מיט דער פעדער, אָבער ער האַלט, ווי דער וואַגויע, אַז דער „וואָס איז מסוגל צו פאַרשפּרייטן „קערנדלעך פון גייסט" איז פטור פון צו פאַרזייען סתם קערנדלעך". ש. ניגער ציטירט דערביי מאָריס ווינטשעווסקיס אַ ליד וועגן רעוואָלוציאָנערן שלאַכטפעלד. דער „זיידע" זינגט:

דאָרט וועל איך מיינע ברידער
פירן נישט אַלס גענעראַל,
איך וועל נאָר מיט פרייהייט־לידער
זיי דערמונטערן איבעראַל.
דען צום קאַמף ווערט מען באַדאַרפן
יענעם טאָג פון היץ און דראַנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפן
אַ באַגייסטערטן געזאַנג.

און ש. ניגער גיט צו: „אַ באַגייסטערטן געזאַנג קען שאַפן נאָר דער, וואָס איז אַ פּאָעט אַ קינסטלער, דאַרף עס דאָס טאָן און נישט אַרויפשלעפּן אויף זיך גענעראַלישע קליידער, וועלכע פּאַסן אים נישט". מיט אַנדערע ווערטער: דער דיכטער מעג ווירקן קעמפעריש, אָבער ער מוז ווירקן ווי אַ קינסטלער, נישט ווי קיין קעמפער. דער קינסטלער דאַרף נישט „וויכן פון קאַמף, ווי אַ שד פון

זוירוויך״, אָבער „ער מוז פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף און זיינע פאָרמען ברייטער, טיפער, ווי מען טוט עס געוויינלעך אין די פּאַרטיי־קרייזן״.

עס איז מאָדנע כאַראַקטעריסטיש, וואָס ש. ניגער פירט זייער אָפט און ביי יעדער געלעגנהייט אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט די קעגנער פון „קונסט לשם קונסט״־סיסטעם און מיט די אָנהענגער פון דער קאַמפּס־ליטעראַטור און מאַרק־סיסטישער קריטיק. דאָס באַווייזט פון איין זייט, אַז די לעצטע צוויי זענען שוין אַזאַ יש, אַז מען קען זיי נישט פאַרשוויגן און אַז — די מאַרקסיסטישע קריטיק איז אַ ביסל ניגערס יצר־הרע...

זייענדיק אַ שטיק אָנהענגער פון קאַמפּס־ליטעראַטור און טיילוויז אויך פון מאַרקסיסטישער קריטיק, האַלט איך דאָך, אַז ש. ניגער איז חוץ אַן אינטע־רעסאַנטע פערזענלעכקייט אויך אַ נויטיקער אַנשטאַלט ביי אונדז, כאָטש דאָס לעצטע וויל ער שטאַרק נישט זיין. ער איז אַ נויטיקער אַנשטאַלט טאָקע ווייל ער האַלט, אַז ליטעראַטור דאַרף זיין, נאָר ליטעראַטור. ער איז אויך אַ דאַנק זיין סיסטעם (און נאַטירלעך, אַ דאַנק זיין טאַלאַנט און קולטור) דער געוווּנטשע־נער לערער פון ליטעראַטור, ער איז מער ווי אַ לערער, ער איז אונדזער לי־טעראַרישע אָפּטיילונג אויפן נישט־עקסיסטירנדיקן יידישן פאַקולטעט פאַר פי־לאָסאָפיע און ליטעראַטור...

זיינע צוויי ביכער „דיכטער, לעזער, קריטיקער״ קענען דינען אַלס פער־מאַנענטער קורס סיי פאַר די דיכטער, סיי פאַר די לייענער, סיי פאַר די קרי־טיקער.

— 4 —

ווי אַזוי מען דאַרף לייענען

ש. ניגער שטעלט נישט דעם „לעזער״ אויף קיין נידעריקער מדרגה. דער לעזער האָט זיין חלק אין פּראָצעס פון שאַפן. מען דאַרף האָבן „טאַלאַנט צום לייענען כמעט פּונקט ווי מען דאַרף האָבן טאַלאַנט צום שרייבן. קיין שום שריפטשטעלער, מעג ער זיין דער רעאַליסטישסטער. קאָפּירט נישט דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, נאָר ער טוט אין דעם אַריין זיין פאַנטאַזיע און זיין טעמפּעראַ־מענט און עס טרעפט זיך אויך זעלטן אַ לייענער, וואָס זאָל נישט „אַריינלייענען״ זיין פאַנטאַזיע און זיין טעמפּעראַמענט אין די ווערק, וואָס ער לייענט.

און דער קריטיקער מאַכט נישט גלאַט אַ השערה, ער באַגרינדעט זיין באַ־הויפּטונג און ער באַשטעטיקט זי מיט אַ סך ציטאַטן. אָט וואָס ל. טאָלסטאָי האָט געשריבן דעם 14טן אָקטאָבער 1897 אין זיין טאָגבוך:

„ווען מענטשן ווערן אַנטציקט פון שעקספיר, בעטהאָווען, ווערן זיי אַנטציקט פון זייערע אייגענע געדאַנקען, פון די טרוימען, וואָס עס וועקט אין זיי אויף שעקספיר, בעטהאָווען; אַזוי ווי די פּאַרליבטע האָבן נישט דעם „קעגנשטאַנד״, נאָר דאָס, וואָס רופט אין זיי אַרויס״.

דער באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער אַלפרעד דע מיוסע, האָט געשריבן:

„יעדער פיינער פערז פון אַן אמתן דיכטער האָט אין זיך צוויי, אָדער דריי מאָל מער, ווי דאָס, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט געזאָגט. דער לייענער בלייבט צוגעגבן דאָס, וואָס פעלט — לויט דער מדרגה פון זיינע כוחות, געדאַנקען און געשמאַק״.

ניגער מאַכט קלאָרער מיוסעס געדאַנק מיט אָט דער פראַזע: „דער לעזער קען צוגעבן צו דעם, וואָס דער דיכטער האָט געזאָגט און ער קען צוגעבן אַלץ מער, וואָס רייכער זיין געדאַנק איז, וואָס שעפערישער זיין פאַנטאַזיע״.

דער לייענער ווערט אַזוי אַרום דערהייבן צו אַ מיטשאַפער. אַ קלאָר, בולט און טאַקע שיין בילד וועגן דער מיטשאַפונג פון לייענער גיט אונדזער יהואש. אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„דער לעזער האָט פיל מאָל אַ גרעסערן חלק אין פּראָצעס פון שאַפן, ווי דער שריפטשטעלער. פיל געדאַנקען ווערן געשריבן אין סאָרט פון „ראשי־תיבות״ (איניציאַלן, די ערשטע אותיות פון די ווערטער — י. ב.) און עס פּאַסירט, אַז דער מחבר, ווען מען זאָל צו אים צושטיין, וואָלט אויך נישט געקענט אויסטייטשן די „ראשי־תיבות״. קומט אַ לעזער און דערפרישט די פּאַרבאָרגענע שפּראַך און דער מחבר האָט אַ נייעם „גילוי־שכינה״.

„אַלע טרערן, וואָס זענען אין די פסוקים פון תהילים אַריינגעוויינט געוואָרן אין הונדערט דורות, וויינען פון דאָרט צוריק אַרויס פאַר אונדז. אַלע ביטערע פּראָטעסטן, וואָס אַלע לייענער פון „איוב״ און אַלע יאָר־הונדערטער האָבן אין זיינע שורות אַריינגעשריגן, שרייען צו אונדז צוריק, ווען מיר עפענען אונדזער „איוב״.

בכדי נאָך מער צו באַשטעטיקן אָט־אָ דעם דאָזיקן אמת יהואשס, וועל איך דאָ ציטירן אַ פּאָר שורות פון דוד איינהאָרנס אַ ליד, וואָס ניגער ברענגט נישט. איינהאָרן האָט געזונגען:

אַז דו וועסט אַוועקגיין, תהילים וועל איך זאָגן,
פאַרן אַלטן ספר וועל איך זיך באַקלאָגן,
דאָרט ווו אַזוי פיל טרערן רינען,
וועט אויך מיין טרער אַן אָרט געפינען...

דער דיכטער באַהעפט זיך דאָ נישט מיט דעם אינהאַלט פון דעם מחבר (אָדער מחברים) פון תהילים, נאָר מיט די אַריינגעוויינטע טרערן פון די דור־דורותדיקע לייענער.

האַלטן דעם לייענער פאַר אַ מיטשאַפער, דערלויבט אים שוין ש. ניגער צו האָבן די זעלביקע קאַפּריזן, וואָס דער שריפטשטעלער. פונקט ווי דער שריפט־שטעלער מוז האָבן שטימונג צום שרייבן און נישט תמיד קען ער שרייבן. פאַר־ראַן מאָמענטן, ווען ער איז אין גאַנצן אַן אויסגעלאָשענער, פונקט אַזוי קען דער לייענער נישט תמיד לייענען, ער דאַרף האָבן שטימונג צו אים. און אַלס קריטיקער, וואָס געפינט זיך צווישן שרייבער און לייענער און איז אי שרייבער אי לייענער (נישט אומזיסט האָט ש. ניגער אַ רובריק אין „טאָג״, וואָס הייסט „אויסן נאָטיצבוך פון אַ לייענער און אַ שרייבער״) ענטוזיאַזמירט זיך ש. ניגער וועגן דעם לייענערישן טייל און ער זאָגט:

„די וואָס מיינען, אַז מען קען שטענדיק לייענען אַ בוך, עס איז נאָר אַ פראַגע פון פרייער צייט, האָבן קיין מאָל אין זייער לעבן קיין בוך, ווי געהעריק איז, נישט געלייענט. לייענען, (כ׳מיין: פּראָדוקטיוו־שעפעריש לייענען) אַ בוך איז אַן עבודה, אַ היילקע דינסט. וואָס פאָדערט די העכ־סטע און ריינסטע כוונה, אַזוי ווי שרייבן אַ בוך. מען קען נישט שטענ־דיק לייענען, ווי מען קען נישט דאַוונען שטענדיק. די בעסטע לייענער זענען נישט די פיל־לייענער, נאָר די פרום־לייענער. און ווען איך זאָג „פרום״, מיין איך נישט אַ פרומע, אומקריטישע באַציִונג צום פאַרפאַסער, נאָר אַ געוויסן רעליגיעזן צושטאַנד, אַן אינעווייניקסטע באַגייסטערונג און ערנפאָרכטיקייט.

„אין אַזאַ מין דערהויבענעם צושטאַנד געפינען זיך אייניקע אָפּ־טער, אַנדערע זעלטענער. קיינער אָבער געפינט זיך נישט שטענדיק אויף דער דאָזיקער מדרגה. דערפאַר איז ווייניק צו האָבן טאַלאַנט צו געניסן קונסט, עס איז נויטיק, אַז אין דעם מאָמענט, ווען מיר קו־מען אין באַרירונג מיטן קונסט־ווערק, זאָל דער טאַלאַנט זיין וואַך אין אונדז״.

אַוודאי איז פאַראַן אַ ביסינקעלע גוזמא אין די דאַזיקע באַהויפּטונגען און איבערהויפּט אַ ביסעלע... אַלטמאָדישקייט. ווען דער לייענער זאָל דאַרפן וואַרטן אויף דער שטימונג, וואָלט ער נישט איבערגעלייענט אין משך פון זיין לעבן אַ הונדערטל טייל פון דעם, וואָס אַ טאַלאַנטירטער (נוצנדיק ניגערס טערמין) לייענער לייענט איבער. אפשר וואָלט מען נאָך צוריק מיט אַ יאָר־הונדערט געקענט אַזוי לייענען, דעמאָלט איז די וועלט־ליטעראַטור געווען אַ קליינע אין דער צאָל. היינט אָבער קען מען נישט וואַרטן אויף קיין שטימונג, נאָר מען מוז שטענדיק לייענען.

ש. ניגער ווייסט, אַז אויך ביי שריפטשטעלער „קומט דער אַפּעטיט מיטן עסן". זיי זעצן זיך שרייבן און אַרבעטן און דער „רוח הקודש" קומט. אויך באַלזאַק האָט זייער אָפט געמוזט בעת דעם שרייבן טרינקען שטאַרקע, שוואַרצע קאַווע, בכדי בייצוקומען דעם שלאָף, וואָס האָט אים געמאַטערט און קע־נען ווייטער שרייבן, טאָ פאַר וואָס זשע קען ביים לייענער נישט זיין דאָס אייגענע? פאַר וואָס קען ביים שרייבער נישט געשאַפן ווערן די שטימונג פון דעם לייענען? און זייער אָפט איז עס טאַקע אַזוי. מען נעמט אַ מידער לייע־נען אַ בוך און מען ווערט אויפגעמונטערט פון דער אינטערעסאַנטקייט פון בוך בעסער, ווי פון צען שוואַרצע קאַוועס...

ש. ניגער פאַרלאַנגט, אַז ליטעראַטור זאָל זיין נאָר ליטעראַטור און אַרויס־גייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז ער אפשר גערעכט, ווען ער פאַר־לאַנגט מען זאָל לייענען נאָר בכוונה און „בדחילו ורחימו". פאַראַן אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס איז נישט קיין ליטעראַטור; זי איז אַ ביסל דאָקומענט פון דער צייט, מענטשלעכער דאָקומענט, אָבער אויסדרוק פון אַ געוויסן מאָמענ־טאַלן אימפּולס. קיין געפורעמטע איז נישט אָט די ליטעראַטור. לייענט מען נישט בכדי צו געניסן פון קונסט, נאָר בכדי צו שטילן די נייגעריקייט, אָדער עפּעס צו לערנען. און מען לייענט די דאָזיקע ליטעראַטור אין באַן, אין טראַמ־וויי, אין אויטאָ און ווו עס מאַכט זיך. פאַרשטייט זיך, אַז טאָמאָס מאַן קען מען אַזוי נישט לייענען. שלום־עליכם האָט געשריבן אומעטום — אין גאָרטן, אין גאַס, אין צוג, אויפן שפּאַציר. פון דעסטוועגן מיין איך, אַז „טוביה דער מיל־כיקער", „פּייסי־מאָטל דעם חזנס" און בכלל די בעסערע ווערק זיינע האָט ער געשריבן אין שטוב. און ביים לייענער קען דאָך געשען דאָס זעלביקע, וואָס ביים שרייבער.

ווען דער לייענער וואָלט געלייענט נאָר אַזוי ווי ש. ניגער לערנט אים, וואָלט ער אין משך פון זיין גאַנצן לעבן געדאַרפט איבערלייענען נישט מע־רער ביכער, וויפל אַ שרייבער שרייבט אָן. און אפשר וואָלט גאָר אַ לייענער

געדאַרפט לייענען זיין גאַנץ לעבן נאָר איין שריפטשטעלער, דעם דאָזיקן, וואָס איז צום נאָענטסטן. איין לייענער וואָלט זיין גאַנץ לעבן געדאַרפט לייע־נען געטען, אַן אַנדערער — שעקספּירן, אַ דריטער — פּרצן אאַז״וו, אאַז״וו.

ש. ניגער האָט נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „טאָג" אַן עסיי וועגן לאַצקי בערטאָלדיס בוך „ערדגייסט" און ער האָט אין דעם דאָ־זיקן עסיי זייער גרינטלעך אַריינגעטייטשט לאַצקין און דער עפּאָכע, אין וועל־כער ער איז רייף געוואָרן. ניגערס לערע וועגן לייענען וואָלט מען אויך גע־דאַרפט אַריינפּאַסן אין דער תקופה, אין וועלכער ער איז רייף געוואָרן. אין יענער תקופה איז ביי יידן געווען אַ ביטול־באַציִונג צו ליטעראַטור ווי צו „עפּעס מעשה־ביכלעך". ש. ניגער האָט זיך דעמאָלט אונטערגענומען צו באַ־וויזן און באַגרינדן די וויכטיקייט און וואָגיקייט פון דער ליטעראַטור און די צייטן זענען דעמאָלט געווען געמיטלעכע און רויִקע און ניגער איז פאַרבליבן מיטן געמיט פון זיין עפּאָכע, בעת אין די קעפּ פון די מענטשן פון אונדזער עפּאָכע קערט זיך אַלע טאָג עטלעכע מאָל איבער די וועלט...

ש. ניגער באַגרייפט אין אַ היפשער מאָס די שטורעם־ און דראַנג־קונסט פון אונדזער עפּאָכע און ער פאַרדייעט זי אויך אין אַ געוויסער מאָס. ער ביי־זערט זיך אויף דעם יונגן קריטיקער משה גראָס, וואָס דערקלערט די גאַנצע מאָדערנע פּאָעזיע פאַר גראַפאָמאַניע און ער זאָגט, אַז ווען משה גראָס פאַ־דערט אַ ניכטערע באַציִונג צו דער מאָדערנער קונסט, איז דאָס אַ ניכטער־קייט אין מאָמענט, ווען מען הערט קאַצנאָמער און עס שלאָגט אַ נישט־גוט־קייט צום בעסטן וויין. אַזוי „ניכטער", ווי משה גראָס, איז ניגער נישט, אָבער ווען ער לערנט ווי אַזוי צו לייענען, האָט ער אין זינען נישט די „נייע" ליטעראַטור, נאָר די אַלטע און אויסגעפּורעמטע, די ליטעראַטור פון די אַל־טע, גוטע צייטן.

ש. ניגער אָנערקענט פּאַקטיש נישט קיין אַלט און ניי אין קונסט. „צווישן אַלט און ניי — שרייבט ער — איז גאָר נישטאָ אַזאַ טיפע סתירה". „דער ראָמאַנטיזם איז געווען אַ פאַרגליווערטע און פאַרשימלטע זאַך אין די אויגן פון די ערשטע נאַטוראַליסטן. אין זיין צייט אָבער איז ער אַליין געווען אָפּ־פרישנדיקער שטורעם". „יאָ, דאָס אַלטע איז גאָר נישט אַזוי אַלט און דאָס נייע איז קיין מאָל נישט דורכויס ניי". ניגער האַלט, אַז עס איז פאַראַן אַן „אייביקער שטראָם" און אַלע ווערק, וואָס האָבן אַ ווערט גיסן זיך אַריין אין אָט דעם שטראָם, וואָס איז „אייביקע פאַרענדערלעכקייט, אַן אייביק פליסן". און דערפאַר איז אין יעדער קונסט פאַראַן עפּעס אי פון דער „אייביקייט", אי פון דער פאַרענדערלעכקייט און פליסיקייט פון „שטראָם". אָט זענען שטיל

די וואַסערן און אַט שטורעמען זיי". אָבער ניגער האָט פּאַרט מער חוש פאַר דעם אַלט־איינגעפונדעוועטן און פאַר „די שטילע וואַסערן". ער איז אַ פּראָ־דוקט פון זיין צייט.

און געטריי איז ניגער אויך געבליבן דער „ריינער קונסט"־אידעע פון זיין צייט; ער לערנט דעם לייענער זוכן און פאַרלאַנגען נאָר די קונסט אין דעם העכערן געדאַנק אין דער ליטעראַטור, אָבער נישט עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. און דערפאַר אָנערקענט ער אַלע שטרע־מונגען אין דער ליטעראַטור, חוץ דער פּראָלעטאַרישער, ווייל די דאָזיקע שטרעמונג איז ,לויט זיין מיינונג, נישט קיין ליטעראַרישע, נאָר אַ זייטיקע.

אָבער — ניגער איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די ליטעראַטור איז אַן „אייביקער שטראָם" (אַזוי ווי דאָס לעבן). זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור, זיין אופן פון לייענען איז פון אַ פּרידיקער עפּאָכע און דאָך גיסט זי זיך אַריין אין „אייביקן שטראָם", ווייל זי האָט אין זיך עפּעס אייביקס. ש. ניגער איז נישט נאָר אַ גלענצנדיקער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור, נאָר אַ טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער, וואָס לערנט אונדז נישט ווי צו לעבן און פאַרשטיין דאָס לעבן, נאָר ווי צו לייענען און פאַרשטיין די ליטעראַטור.

— 5 —

ליטעראַטור דאַרף שאַפן אַן אייגן לעבן

פאַר יונגע שריפטשטעלער איז דאָס זעקסטע קאַפּיטל פון ש. ניגערס „לעזער, דיכטער, קריטיקער" אַ זייער וויכטיקס און זייער באַלערנדיקס. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל הייסט „וועגן רעאַליזם" און עס איז אַ פיינער שטודיום וועגן עצם מהות פון ליטעראַטור. עס איז איינגעוואָרצלט אַ פאַלשע מיינונג, אַז לי־טעראַטור דאַרף זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, אָדער ווי מען רופט עס נאָך פּשוטער: אַ שפּיגל פון לעבן. און נישט נאָר וועגן ליטעראַטור איז פאַראַן אַזאַ מיינונג. אויך וועגן טעאַטער און וועגן מאַלעריי הערשט די זעלביקע פלאַכע מיינונג. נאָר די מוזיק איז אין דעם פּרט אַ גליקלעכער אויסנאַם: קיי־נער פאַרלאַנגט נישט פון דער מוזיק, אַז זי זאָל זיין אַן עכאָ פון די געוויינ־לעכע קלאַנגען; דער מוזיק דערלויבט מען צו האָבן איר אייגענע „שפּראַך", אָבער נישט דער ליטעראַטור, נישט דעם טעאַטער און נישט דער מאַלעריי.

אַז די דאָזיקע מיינונג איז פאַלש, איז אויסער יעדן ספק. וואָלט די לי־טעראַטור געדאַרפט זיין נישט מער, ווי אַ שפּיגל פון לעבן, וואָלט מען זי נישט געדאַרפט. צו וואָס דאַרף מען אַ בלייכן שאָטן פון לעבן, אַז מען האָט

דאָס שטראַלנדיקע לעבן אַליין? די ליטעראַטור שאַפט אַן אייגן לעבן. זאָל זיין, אַז אַ דאַנק די לעבנס פון דער ליטעראַטור איז גרינגער צו דערפילן און צו פאַרשטיין דאָסווירקלעכע לעבן, אָבער די ליטעראַרישע לעבנס זענען פאָרט נישט די זעלביקע, וואָס די ווירקלעכע לעבנס!

ש. ניגער פאַרשטייט קלאָר און שיין און גרינטלעך דעם מהות פון ליטעראַטור און ער העלפט פאַרטרייבן די פאַלשע מיינונג וועגן פאַלש־פאַרשטאַנענעם רעאַליזם אין דער ליטעראַטור.

ש. ניגער זאָגט, אַז „נישט זען, נאָר זעונג איז דער יסוד פון יעדן אמתן שאַפן", „אָבער געבן דאָס געזעענע און געהערטע קען אויך נישט קיין קינסטלער", דאָס מאַכט אויך אַ פּראַקטאַקאַליסט, אָדער אַ רעפּאָרטער. „איז דעם קינסטלער — שרייבט ניגער — געלונגען צו שאַפן אַ נייעם שטיק לעבעדיקן לעבן, אַ נייעם טיפּ מענטשן, אַ נייעם כאַראַקטער, אַ נייעם ריטם — האָט ער עפּעס אויפגעטאָן". דאָס לעבן נעמט מען געוויס אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם ליטעראַרישן שאַפן, אָבער נישט מער ווי מאַטעריאַל, פּונקט ווי מען נעמט אויף צו הייצן האָלץ, אָדער קוילן, אָדער גאַז, אַזוי נעמט מען פאַר ליטעראַטור דאָס לעבן. אָבער מיטן הייצן איז מען אויסן נישט דעם מאַטעריאַל, נאָר די וואַרעמקייט און מיט דעם שאַפן איז מען אויך אויסן נישט דאָס לעבן, נאָר דאָס ווערק...

ש. ניגער ווייזט דאָן אָן, אַז סערוואַנטעס האָט געמוזט שטודירן דאָס לעבן, בכדי צו געבן דאָן קיכאָטן, אָבער דאָן קיכאָטן אַליין האָט ער נישט געזען, „פּונקט אַזוי האָט האַמלעט קיין מאָל נישט געלעבט", „דאָסטאָיעווסקיס קאַראַמאַזאָווס זענען אויך קיין מאָל נישט געווען אין דער ווירקלעכקייט, זיי זענען געוואָרן אַ שטיק לעבן נאָך דעם, ווי דער קינסטלער האָט אַריינגעהויכט לעבנס־אָטעם".

מען וועט זאָגן — פאַרכאַפּט אונדזער קריטיקער — אַז „דאָן קיכאָט, האַמלעט, די קאַראַמאַזאָווס זענען פאָרט אַן אָפּשפּיגלונג פונעם אַרום, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם", ס'הייסט: זייערע מחברים האָבן געגנומען אייגנשאַפטן פון מענטשן פון זייער עפּאָכע און זיי געוויזן אין אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז. ברענגט ער אַ ביישפּיל פון אַנאַטאָל פראַנס, וואָס האָט געשריבן אָדער אויף היסטאָרישע טעמעס, אָדער גאָר פאַנטאַסטיק און דאָך האָט ער „אויסגעדריקט דעם גייסט פון דער העכערער פראַנצויזישער קולטור", פּונקט ווי פרץ האָט מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" געלאָזט טיפערע שפּורן אין אונדזער ליטעראַטור „און שטאַרקער אויסגעדריקט דעם

גייסט פון דער עפּאָכע צו וועלכער פּרץ געהערט, איידער די „לעבנס־שיל־דערונגען", וואָס ער האָט אונדז געגעבן".

פיאָדאָר סאָלאָגוב הייבט אָן זיינעם אַ ראָמאַן מיט די ווערטער: „איך נעם אַרויס אַ שטיק לעבן און איך שאַף דערפון אַ קונסטווערק, ווייל איך בין אַ קינסטלער". אַז דאָס לעבן זאָל ווערן קונסט, מוז עס איבערגעשאַפן ווערן, פּונקט ווי וואַקס מוז ווערן איבערגעשאַפן, בכדי עס זאָל ווערן אַ קינסטלערי־שע פיגור. יונה ראָזענפעלד האָט אַמאָל געדרוקט אַן אינטערעסאַנטע דער־ציילונג, אַן עסיי א״נ „ווי אַזוי איך האָב זיך אַליין פאַרפלאָנטערט". אַ פרוי — דערציילט ער — האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אים געבן אַ טעמע, אַן עפּיזאָד פון איר לעבן. אויף ראָזענפעלדן האָט דער עפּיזאָד נישט געמאַכט קיין איינ־דרוק. דערנאָך אָבער האָט ער אים איבערגעטראַכט, איבערגעמאַכט, איבער־געשאַפן און עס איז אַרויס גאַנץ עפּעס אַנדערש. די פרוי האָט איבערגעלייענט די דערציילונג און דעם שריפטשטעלער באַגריסט און געזאָגט, אַז ער האָט באַשריבן פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען. און ער האָט דאָך באַשריבן גאָר עפּעס אַנדערש...

דאָס וויל זאָגן, אַז ווען ליטעראַטור איז עכט, איז נישט „רעאַליסטיש" אין שלעכט־פאַרשטאַנענעם זין פון וואָרט, נאָר איז ליטעראַריש עכט און שאַפט אייגענע לעבנס, דאַן דערקענט מען אין און דורך דער ליטעראַטור אויך בעסער דאָס לעבן.

ש. ניגער מיינט, אַז דאָס געוועזענע לעבן איז בעסערער און סאָלידערער שטאָף פאַר אַ קונסט־ווערק, ווי דאָס פרישע צאַפּלדיקע לעבן, ווייל די פאַר־גאַנגענהייט איז שוין אויסגעפאָרעמט און אויסקריסטאַליזירט. און אַפילו דער גייסט פון אונדזער צייט קען קומען צום פולסטן אויסדרוק דורך די רויִקע פאָרמען פון דער פאַרגאַנגענהייט. „דאָס, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט — ש. ניגער — אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז געווען ווי אַנגעמאָסטן פאַר דעם דרייפוס־פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגע־קומען מער ווי מיט הונדערט יאָר שפּעטער און דאָס פּאַסט זיך אויך פאַר די רעוואָלוציעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אונדזערע טעג. די פּראָבלעם פון „וועלף" (ראָמען ראָלאַנס אַ דראַמע פון דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — י. ב.) טרעט שאַרף אַרויס אין די עפּאָכעס פון געזעלשאַפט־לעכע איבערקערענישן, דאַן איז בולטער ווי אַלע מאָל דער קאָנפליקט צווישן יחיד און כלל".

ש. ניגער באַטאָנט אַ סך מאָל, אַז ער וויל נישט באַהויפּטן, אַז עכטע לי־טעראַטור מוז דווקא זיין לעגענדאַריש, אָדער אויף היסטאָרישע טעמעס, אָבער

עס קומט פּאָרט אַרויס, לויט אים, אַז די מיטאָלאָגישע און היסטאָרישע פּאָר־מען זענען די בעסטע. דאָס איז שוין אַן ענין פאַר דיסקוסיע. אין הויפּט־געדאַנק איז אונדזער קריטיקער זיכער גערעכט: ליטעראַטור מוז האָבן אַן אייגן לעבן.

ש. ניגער ציטירט אַ שיין ליד יהואָשס, וואָס באַשטעטיקט זיין באַהויפּטונג. אָט איז דאָס ליד:

איך האָב דיך לאַנג גענוג באַדאַרפט,
אום דיך צו קענען מאָלן,
ווי ס׳דאַרף דער קינסטלער וואַלד און פעלד
און שיינע בערג און טאָלן,
ווי דער, וואָס קנעט די ליים־געשטאַלט,
וואָס ווערט אַ וועלט אַנטציקן,
באַדאַרף דעם שיינעם גוף, וואָס דינט
אַלס מוסטער זיינע בליקן.
דאָך ווען דאָס בילד געענדיקט איז
און גליט אין פאַרבן־פלאַמען,
ווער פרעגט זיך אויף די שטריכן נאָך,
פון וועלכן אָרט זיי שטאַמען?
און ווען דער גאָט, דער נימף, דער העלד
שטייט פרעכטיק אויסגעמייסטערט,
ווער זוכט דעם מקור, וועלכער האָט
דעם סקולפּטאָרס ווערק באַגייסטערט?
איך האָב דיך לאַנג גענוג באַדאַרפט
אום דיך אַלס בילד צו האָבן,
עס לעבט מיין ליד... און דו קענסט גיין..
דו ליגסט אין אים באַגראָבן...

עס קען זיין, אַז די לעצטע שורה איז אַ טעותדיקע, איז צוליב אַ גראַם. עס וואָלט געדאַרפט זיין נישט „דו ליגסט אין אים באַגראָבן", נאָר „דו לעבסט אין אים"; עס איז אויך נישט אין גאַנצן ריכטיק, אַז ווען דאָס ליד איז דאָ, קען דאָס לעבן גיין; פאַרקערט, ווען דאָס ליד איז דאָ, קען מען ערשט גיין דערמיט אין לעבן אַריין. אָבער עס איז ריכטיק, אַז דער יחיד, דער צופאַל, מעג ער אַפילו דינען אַלס מאָדעל, איז נישט דאָס וויכטיקסטע פאַרן שאַפן. יונגע יידישע שריפטשטעלער דאַרפן שטודירן ש. ניגערס ביכער בכלל און ספּע־

ציעל דאָס קאַפּיטל „וועגן רעאַליזם", וואָס אַנטהאַלט מער ווי דער טיטל סו־גערירט.

און אַז עס האַלט שוין ביי רעקאָמענדירן יונגע שריפטשטעלער, דאַן דאַרף מען דאָס אומבאַדינגט טאָן מיט דעם אַכטן קאַפּיטל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שאַפן און אַרבעטן". יונגע שריפטשטעלער דאַרפן אָט דאָס קאַפּיטל איבערלייענען, בכדי זיך צו לערנען ביי די גרעסטע שריפטשטעלער, ווי אַזוי צו אַרבעטן און בכדי זיך אַריינברענגען אין מוח אַריין אָט־אָ די ווערטער לעוו טאָלסטאָיס, וואָס ניגער ציטירט:

„וואָס גרעסער, וואָס העלער עס איז די באַגייסטערונג, אַלץ מער מאָרודנע אַרבעט פאָדערט זיך די באַגייסטערונג אויסצודריקן. מיר לייענען ביי פּושקינען אַזוינע גלאַטע לידער, אַזוינע פּשוטע און אונדז דאַכט זיך, אַז ביי אים האָט זיך עס גלייך אויסגעגאָסן אין אַזאַ פאָרם. מיר באַמערקן גאָרנישט וויפל אַרבעט ער האָט אַוועקגעלייגט אויף דעם, כדי עס זאָל אַרויסקומען אַזוי פּשוט און גלאַט".

כאָטש — די אַרבעט צו מאַכן גלאַט, מאַכן נישט אַלע אויף דעם זעלביקן אופן. אייניקע שלייפן מיט דער פעדער און אַנדערע לייטערן אין זיך. ברענגט דאָך טאַקע ניגער א. גאָלדבערגס אַ מיטטיילונג וועגן פּרישמאַנס אופן שרייבן, פון וועלכן עס ווערט קלאָר, אַז פרישמאַן האָט פריִער אין זיך אַלץ דורכגע־לייטערט און ווען ער האָט שוין די זאַך אָנגעשריבן, איז אין איר „נישט געווען געשטראָכן און נישט געמעקט קיין איין אות".

— 6 —

דאָס געזאַנג צו דער אָביעקטיווער קריטיק

דער קריטיק ווידמעט ש. ניגער אַ סך פּלאַץ און עס איז קיין חידוש נישט. ער שרייבט דאָ „פּראָ דאָמאָ סואָ". ער זינגט זיין אייגן ליד און ער פּאַרטיידיקט זיין אייגענע פּאָזיציע. און ער איז דאָ ביי זיך אין דער היים. ער קען די ליטעראַטור־קריטיק און אירע פּראָבלעמען, ווי גאָר געציילטע.

ש. ניגער שטרענגט זיך אָן צו דערווייזן, אַז קריטיק איז פּונקט אַזאַ באַ־זונדערער און באַרעכטיקטער צווייג אין דער ליטעראַטור, ווי אַלע אַנדערע צווייגן. און עס איז פאַלש די מיינונג, אַז נאָר אַ דיכטער מעג שרייבן קריטיק. (עס דאַכט מיר, אויך משה נאַדיר האָט געזאָגט, אַז דער וואָס קען נישט אָנ־שרייבן קיין ליד און קיין דערציילונג, טאָר קיין קריטיק נישט שרייבן). אויב אַ דיכטער דאַרף זיין פריי אין זיין שאַפונג, וועט ער דאָס נישט קענען זיין,

ווען זיין קריטיקער וועט זיין אַן אַנדער דיכטער, ווייל אַ דיכטער „איז כסדר אַרומגערינגלט מיט זיין אייגענער לופט און ער האָט זעלטן ווען דעם ווילן אַריינצואָטעמען אין זיך די לופט פון אַן אַנדערן".

ש. ניגער מיינט נישט נאָר, אַז אַ דיכטער קען נישט ווערן קיין אָביעקטיווער קריטיקער, נאָר ער קען אַ מאָל איבערהויפּט נישט זיין קיין קריטיקער, ווייל דער דיכטער הייבט אָן שרייבן קריטיק, „מעג דאָס זיין וועגן זיינע אייגענע ווערק, הערט ער אויף צו זיין קינסטלער אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט און ער ווערט קריטיקער. קריטיק איז אָבער גאָר אַן אַנדער מין קונסט. נישט יעדער דיכטער פאַרמאָגט די פעיִקייט צו זיין אַ קריטיקער".

ש. ניגער ציטירט ראַלאַנס אַ וואָרט וועגן טאָלסטאָיען, וואָס האָט נישט אָנערקענט די גרעסטע שעפער פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווייל מען קען נישט פאָדערן פון קיין שעפערישן זשעני קיין אָביעקטיווע קריטיק". ווען דער קריטיקער וואָלט געדאַרפט זיין נישט בראַנדעס, נאָר טאָלסטאָי, וואָלט מען שעקספּירן געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון די פּאָליצעס.

ש. ניגער פאַרלאַנגט, אַז דער קריטיקער זאָל זיין דורכויס אַן אָביעקטיווער, שיעור נישט אַן אומפּערזענלעכער. עמיל פאַגע האָט געזאָגט אויף דעם „טיפּישסטן קריטיקער פון 19טן יאָרהונדערט, אויף סעינט בעוון, אַז זיין פעיִקייט „אַלץ צו פאַרשטיין" איז געווען אין אים אַזוי שטאַרק, אַז „די געמיט־צושטאַנדן", וואָס זענען אים געווען פרעמדער ווי אַלע אַנדערע, האָט ער בעסער ווי אַלע אַנדערע געקענט דערקלערן". און סעגט בעוו האָט וועגן מאַניען געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט איין גרויסע מעלה ביים באַהאַנדלען אַן ענין: אומפּאַרטייאישקייט און אינטערפּרעטיזם. „מאַניען — זאָגט סעגט בעוו — איז דורכויס אומפּערזענלעך — דאָס איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ קריטיקער".

ש. ניגער איז אַנטציקט פון אַט־אָ דער טעמע. ער וויל, אַז אַ קריטיקער זאָל קענען זיין אַזוי אָביעקטיוו, ווי סעינט בעוו, מאַניען, אָדער טאַקע... ניגער אַליין... ש. ניגער איז געוואָרן נישט נאָר אַ ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר אויך (אַלס פּובליציסט) אַ געזעלשאַפטלעכער קריטיקער און אויך אַלס אַזעלכער איז ער אָפט אַן אָביעקטיווער קריטיקער, ער קומט נישט מיט זיין אייגענער בייגונג, נאָר מיט אַ פאַרלאַנג, אַז יעדע ריכטונג זאָל זיין דאָס, וואָס זי דאַרף זיין... ש. ניגער בייזערט זיך אינאיינעם מיט עמיל פאַגע אויף די אַלע, וואָס זאָגן, אַז „קריטיק איז געשמאַק", „קריטיק — זאָגט פאַגע — איז דער אַנאַליז פון דעם אַנדערנס גייסט", „געשמאַק איז.. דער אַנאַליז פון מיין אייגענעם גייסט". דער קריטיקער דאַרף קענען בענטשן יעדן טאַלאַנט און ביי אים נישט פאַרלאַנגען — נוצנדיק היינעס אַן אויסדרוק — וואָס ער זאָל זיין, נאָר פאַרטייטשן, וואָס ער איז.

ש. ניגער ציטירט אָסקאַר ווײַלדס אַ זאָג, אַז „נאָר אַ קונסט־הענדלער קען גלײַך אומפּאַרטײַיִש באַוווּנדערן אַלע קונסט־שולן" און ער ציטירט דער־בײַ מיט צופרידנקייט אַן אַנדער זאָג ווײַלדס, אַז „דער אמתער קריטיקער וועט אַלע מאָל זײַן אויפריכטיק אין זײַן איבערגעגעבנקייט צו דעם פּרינציפּ פון שיינקייט, אָבער ער וועט תמיד זוכן שיינקייט אין יעדער תקופה און אין יעדער שולע און וועט קיין מאָל נישט וועלן זײַן באַגרענעצט דורך אַן אײַנ־געשטעלטער רגילות פון געדאַנק". אַלזאָ, נישט נאָר דער קונסט־הענדלער קען זײַן אומפּאַרטײַיִש צו אַלע קונסט־שולן, נאָר אויך דער קריטיקער דאַרף דאָס זײַן!

איך וויל נישט זאָגן, אַז ניגער איז דורכויס געערעכט. פאַראַן סוביעקטי־ווע געשמאַקן, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער ליטעראַטור. ניגער גופא איז שוין געוויס פון די קאַלטסטע קריטיקער און דאָך איז ער זייער אָפט נישט אומפּערזענלעך. ער האָט צו שלום־עליכמען אַ נענטערע באַציִונג ווי צו פּרצן, ווײַל דאָס שלום־עליכמדיקע, דאָס סטאַביליזירטע איז מער לויט זײַן געשמאַק, ווי דאָס פּרצעסדיקע — ווערנדיקע... איך וויל זײַן... ניגעריש צו ניגערן און אַרויסברענגען זײַן מיינונג, און ניגער זינגט דאָס געזאַנג פון אָביעק־טיוון קריטיקער.

און כאָטש ניגער וויל אַן אָביעקטיוון קריטיקער, האַלט ער דאָך דעם קריטיקער פאַר אַ דיכטער, וואָס זײַנע עסייען דאַרפן פאַרשאַפן פּונקט אַזאַ גענוס, ווי אַ דערציילונג, אָדער אַ פּאָעמע און ער האַלט, אַז אַ קריטיקער דאַרף זײַן אָביעקטיוו צו יעדן דיכטער פון יעדער שול, אָבער אין דער אויסטײַטשונג איז ער שוין סוביעקטיוו און יעדער קריטיקער טײַטשט אַנדערש אויס אַ ווערק און יעדער קריטיקער טוט אַרײַן זײַן אייגענעם גייסט אין דער אויס־טײַטשונג פון אַ ווערק. מיט אַנדערע ווערטער: אַ קריטיקער איז אַ שריפט־שטעלער וואָס זײַן טעמע איז ליטעראַטור. און פּונקט ווי צוויי שריפטשטע־לער וועלן קיין מאָל נישט אַלצאיינס באַשרײַבן איין און דאָס זעלביקע שטיק לעבן, פּונקט אַזוי וועלן צוויי קריטיקער קיין מאָל נישט אויסטײַטשן אַלצ־איינס איין ווערק...

ש. ניגער פאַרטרײַבט די מיינונג, אַז אַ קריטיקער מוז זײַן אַ „נײַן־זאָ־גער", אַז זײַן אויפגאַבע איז צו זוכן די זינד פון די דיכטער און זייערע שטרויכלונגען אין זיי אַנטפּלעקן. ווען נאָר דאָס וואָלט געווען די אויפגאַבע פון קריטיקער, וואָלט ער געדאַרפט האָבן נאָך מער שונאים וויפל ער האָט און — זאָגט ניגער — „וואָלט איך מײַנע פרײַנט געוווּנטשן בעסער צו זײַן פּשוטע לעזער, איידער צו שפּילן די אומדאַנקבאַרע ראָל פון אָט דעם „אויס־

ראַמער פון די דערנער אין ווייגאַרטן״, עס איז אמת, טאַקע אַ נוצלעכע מלאכה, אָבער מאַלע וואָס עס זענען דאָ אויף דער וועלט נוצלעכע מלאכות״.

אַ קריטיקער דאַרף נישט נאָר זאָגן „ניין״, נאָר אויך און איבערהויפּט אויפדעקן די „אויפטועכן פון די שרייבער״. ער דאַרף נישט נאָר „פאַריאָגן די פּאַראַזיטן און אויסראָטן דאָס ווילדגראָז, נאָר אויך צו פרייען זיך מיט דעם וווקס פון די יונגע שפּראָצונגען״. „דער קריטיקער איז דעם שרייבערס צד, נישט זיין צד שכנגד, ווי דער פּאַלעמיקער״. צום טיפּ פּאָלעמיקער האָט אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור געהערט דוד פרישמאַן, און דער יונגער משה גראָס שניידט זיך אויף פּאָלעמיקער. משה גראָס שרייבט שווער, האָט אַ דייטשן סטיל און ער באַפרייט זיך פון זיין שווערן סטיל, „ווען ער האָט אַ קרבן אונטער דער פען״.

ש. ניגער שרייבט מיט אַ באַזונדערער ליבע וועגן בעל־מחשבותן, וואָס האָט דערוויזן, „אַז אַ קריטיקער איז נישט יענע בעקלינישע פּאַרזענליש, וואָס האָט אַ בייזן, צאַרנדיקן פּנים און האַלט די פען אין מויל, ווי אַ שוחט דעם חלף, נאָר ער איז דעם קינסטלערס און דער קונסטס אמתער פריינט״.

ש. ניגער פאַרגלייכט אַפילו די באַציִונגען צווישן דיכטער און קריטיקער צו די באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב. דאָס קאַפּריזנע ווייב, וואָס הנדלט זיך, איז דער דיכטער, דער קריטיקער איז דער מאַן, דער קרעפטיקער און קלאָ־רער מאַן...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַוודאי האָב איך אַפילו באַריכטמעסיק נישט אויסגעשעפּט ניגערס צווי בענד „לעזער, דיכטער, קריטיקער״. אונדזער קריטיקער רופט די דאָזיקע לייענער וואָס לייענען נישט קיין ביכער און באַנוגענען זיך מיט די רעצענ־זיעס וועגן זיי — „פּאַראַזיטן לייענער״, און איך וויל דאָך, אַז מיינע לייענער זאָלן נישט זיין קיין „פּאַראַזיטן־לייענער״ און לייענען די דאָזיקע צווי בענ־דער, עס איז פאַראַן וואָס צו לערנען אין זיי און מען האָט דאָס דאָזיקע „פאַר־זען״ צוליב דעם, וואָס נישט אויף אַלץ האָט ניגער געזאָגט „יאָ״, און אויב אַפילו ער האָט צו מאָל נישט געענטפערט געזאָגט „ניין״, ווייל טראָץ זיין געוואַל־דיקן קאַמף און געזאַנג קעגן געשמאַק און פאַר אָביעקטיוויטעט, איז ער פאַרט אַ שריפטשטעלער מיט אייגענע געשמאַקן און נייגונגען, האָט מען אַלץ נישט געדאַרפט פאַרזען און פאַרשווייגן די דאָזיקע צווי בענד, אין וועלכע לייענער קענען לערנען ווי צו לייענען, ווי צו פאַרשטיין ליטעראַטור און קריטיק; שריפטשטעלער קענען לערנען ווי צו שרייבן (אויב זיי האָבן טאַלאַנט) און קריטיקער (אויב זיי האָבן טאַלאַנט) קענען לערנען ווי צו שרייבן קריטיק.

אברהם רייזען

אַ שמועס מיט אברהם רייזען

אייגנטלעך נישט קיין שמועס, נאָר אַ סך. אברהם רייזען איז נישט פון די דאָזיקע שרײַפטשטעלער, וואָס מען זאָל אים דאַרפן אַנידערזעצן און אים נעמען אַ שווערן אָפיציעלן אינטערוויו. ער איז תמיד צוגעלאָזן, היימיש, באַ־רײַדעוודיק און אַלע מאָל אַנטפּלעקט ער זיך מיט אַ נײַעם שטריך פון זײַן אָנגענעמער דיכטערישער פּערזענלעכקייט און יוגנטלעכער באַהעמישקייט. איך וועט אויסווייזן מאָדנע דאָס וואָרט „יוגנטלעכע". אברהם רייזען איז דאָך איינער פון די עלטסטע דיכטער ביי אונדז, אַ דיכטער פון דער ערשטער עפּאָכע. זײַן פופציק־יאָריקן יובילייי האָט מען שוין כמעט לאַנג געפייערט און דאָך איז אין זײַן גאַנצן וועזן פאַראַן יוגנטלעכקייט. ער איז ייִנגער פון פיל אַ סך ייִנגערע פון אים. ער איז — דאַכט מיר — דער איין־און־איינציקער באַהעם צווישן די ייִדישע דיכטער. ער האָט ליב דאָס לעבן, האָט ליב זײַנע העלדן, האָט ליב מענטשן בכלל און ער האָט ליב פרייד.

איך קען קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם ערשטן אָוונט, ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט אים. ער האָט מיך געפירט אין דער באַרימטער רומענישער קרעטשמע פון באַרימטן צימבל־שפּילער מאָשקאָוויטש. אין דער קרעטשמע איז געווען אַן אָפּערעטן־מעסיק גדעמפט ליכט און אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם, אַ היפּש ביסל שרײַפטשטעלער, אָבער אויך אַ היפּש ביסל פרעמדע. רייזען האָט מיר אַ רייד געטאָן וועגן מאָשקאָוויטשן, וואָס איז אַ גרויסער מוזיקער, אָבער ער שפּילט אויף אַ צימבל און די צייט איז אַ „דזשעז"־צייט. ער שפּילט מיט צופיל נשמה און צו ווייניק שטורעם און די צייט פאַרלאַנגט דאָס פאַרקערטע. מיר האָט זיך רייזענען געוואָלט ענטפערן מיטן לאַטײַנישן ווערטל: De te fabula naratum (איך דערצייל דיר דײַן געשיכטע).

אָבער דאָ האָט געדאַרפט זײַן אַ ביסל פאַרקערט. ער האָט מיר דערציילט זײַן געשיכטע. אויך אברהם רייזען האָט נישט גענומען שפּילן אויף קיין סאַקסאָפאָן, נאָר ער שפּילט זיך ווייטער אויף זײַן אינסטרומענט. ער שפּילט מאָטיוון פון אונדזער צייט. דער מאָדערנער מענטש מיט אַלע זײַנע גערעַנג־לעניש זענען אים נישט פרעמד, אָבער ער האָט זײַן טאָן און קאָלאָריט נישט געקרימט און נישט געפעלשט.

אברהם רייזען איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך מיט מיר באַקענט, און דאָס אַליין האָט אים געמאַכט וואָס אַ מאָל וואַרעמער און פריילעכער. ער האָט די נישט־שטאַרק פולע קעשענע געעפנט מיט אַ ברייטקייט, צו וועלכער נאָר אַ רוסישער שריפטשטעלער איז מסוגל און ער האָט מכבד געווען אויף רעכטס און אויף לינקס. מאָשקאָוויטש, וואָס איז באמת אַ פיינער מוזיקער, האָט דערפילט דעם דיכטערס פרייד און גענומען שפּילן אויף דעם צימבל „מאַי קאָ משמע לן". רייזען האָט נישט געלאָזט שפּילן, ער וויל פריִער זאָגן אַ פּאָר ווערטער. און כאָטש אין קרעטשמע איז געווען אַ זייער פאַרשידנאַרטיקער עולם, איז געוואָרן שטיל, אַז אַ פּיפּס האָט זיך נישט געהערט. רייזען האָט פריִער מיך פאָרגעשטעלט דעם עולם און דערנאָך גענומען ריידן וועגן מאָשקאָוויטשן. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ יונגן ענטוזיאַזם און מיט אַזאַ ליבע, אַז איך האָב דערזען דעם גאַנצן פּרוכטבאַרן לעבנסוועג פון אברהם רייזען, דעם אייביק פאַרליבטן אין טאַלאַנטן, דעם דיכטער, וואָס האָט פון ליטע איבער פּוילן, גאַליציע, דורך פּאַריז ביז ניו־יאָרק כסדר אַרויסגעגעבן זשורנאַלן, זאַמלביכער און זיך געצערטלט מיט יונגע טאַלאַנטן, זיי אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור, זיי געכאָוועט און אַריינגעבראַכט איראָפּעיִשע ליטעראַטור אין יידיש. ער האָט קיין מאָל נישט געיידלט. ער איז תמיד געווען מענטש. ווער פון אונדזערע דיכטער איז געווען אַזוי ווייניק עגאָצענטריש ווי אברהם רייזען און אַזוי ווייניק געקוקט אין געזילבערטן גלאָז, אין וועלכן מען זעט נאָר זיך? ער האָט תמיד געקוקט דורך פּשוט גלאָז און געזען די וועלט...

און דער דיכטער, וואָס איז פון די ערשטע ביי אונדז, האָט גענומען טאַנצן, אַזוי ווי אַ יונגערמאַנטשיק, נישט קיין געמאַכטע פרייד איז דאָס געווען, נאָר אמתע און אויפריכטיקע.

און איך האָב געקלערט: פאַר מיר האָט די דאָזיקע ערשטע באַגעגעניש מער ווערט, ווי טויזנט אָפיציעלע שמועסן. אָט דאָס איז אברהם רייזען, אַזוי ווי ער איז אין די שריפטן, אַזוי איז ער אין לעבן. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט אַלס דיכטער אַ צווייטע יוגנט, ער בליט איצט אין יעדן נייעם ליד און אין יעדער נייער דערציילונג, פּונקט אַזוי האָט ער אויך אין לעבן אַ צווייטע יוגנט. דאָס לעבן איז גאָרנישט אַזוי מילד צו אים, עס האָט אים נישט פאַרטיילט מיט קיין צרות. דער דיכטער האָט באַקומען זיין טייל צרות מיט אַ שמיץ אַריבער. ער האָט פערזענלעכע ליידן און האָט שווערע אידעיִשע געראַנגלענישן. פון דער נאַטור אַ זינגער פון גוטסקייט און פון פרייד, איז ער אידעיִש נאָענט צו דער באַוועגונג, וואָס פּריידיקט פאַרן מאָמענט שנאה און ביטערן קאַמף. ער ווייס, אַז אין דער איצטיקער אָרדענונג איז נאָך נישטאָ

קיין גליק און פריידפאַר יעדן; ראַנגלט ער זיך מיט זיין פּערזענלעכער ליבע און מיט דעם האַס פון דער באַוועגונג, צו וועלכער ער איז נאָענט. און ווי שיין ער טראַגט אַריבער אָנפאַלן. מען איז אויף אים פון קאָמוניסטישן לאַגער אַנגעפאַלן מיאוסער ווי אויף יעדן און ער האָט גאַרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר געענטפערט מיט זינגנדיקע לידער, אַז וואָס מער מען וועט אים האַסן, אַלץ מער וועט ער זינגען ליבע. אין יעדן פון זיינע לעצטע לידער וועט איר טרעפן שורות, וואָס קענען דינען אַלס מאָטאָ צו זיין שטימונג און צו זיין דיכטערישער טעטיקייט. ער איז דער איינציקער פון די עלטערע דיכטער, וואָס באַברעט זיך אין אַש פון אָנפאַנגער און געפינט אויס פונקען און פרייט זיך, אַז ער אַנטפּלעקט זיי. אין יעדן נומער „פעדער״ וועט איר טרעפן רייזענס „רעוויו״, וואָס זוכט אַרויס נאָך אַ שפּראָץ פון אַ טאַלאַנט און נאָך אַ פונק און נאָך אַ שיין בוך, אָדער ביכל און פרייט זיך מיט זיי „כמוצא שלל רב״...

געוויינלעך זענען ליידנדיקע מענטשן פאַרביטערט. זענען די ליידנדיקע דיכטער, אָדער פילאָסאָפן, שאַפן זיי פאַרביטערט־פּעסימיסטישע לידער, אָדער סיסטעמען. „איוב״ בלייבט אין אָט דעם פּרט דער פּראָטאָטיפּ פון ליידנדיקן דענקער. און אויב אַ דיכטער, אָדער דענקער געלינגט זיך אויפצוהייבן איבער די בערג צרות און ליידן און ער באַפרייט זיך אין זיין שאַפן פון סוביעקטיוון און פאַראייניקט זיך שעפעריש מיט דער פרייד פון לעבן, איז ער פּערזענלעך אַ פאַרביטערטער און פאַרצאַרנטער. אויף אברהם רייזען האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די לעצטע יאָרן איובס צרות: פּערזענלעכע ליידן, פאַמיליע־ליידן און גייסטיקע ליידן. די לעצטע זענען אפשר די שווערסטע. און דער דיכטער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, ער האָט נישט געשאָלטן. צוקוקנדיק זיך ווי א רייזען טאַנצט און פרייט זיך, האָב איך געזען, ווי ער טאַנצט אויס די גאַנצע פאַרביטערטקייט און אַלע ליידן. טאַנצנדיק באַפרייט ער זיך פון זיי; אַ גרויסע מדרגה איז דאָס! נישט קיין געפאַלענער, נאָר אַ זיגערישער איוב...

אברהם רייזען איז, וואָלט איך געזאָגט, דער נאַטירלעכסטער דיכטער ביי יידן, חוץ שלום־עליכעמען. חיים ליבערמאַן האָט געזאָגט: ווען ליטעראַטור וואָלט געוואַקסן פון דער נאַטור, וואָלט זי געוואַקסן אַזוי ווי זי איז ביי רייזענען. יעדע לעבנס־געשעעניש ווערט ביי אונדזער דיכטער אַ געדאַנק. אין שלום־עליכם איז אַזוי נאַטירלעך ווי רייזען, אָבער בעת ש״ע שעפּט דירעקט פון פאָלקס־קוואַל, שעפּט רייזען פון אייגענעם קוואַל. מען רופט אים פאָלקס־דיכטער. אויב דער דאָזיקער טיטל מיינט אַ דיכטער, וואָס איז באַליבט ביים פאָלק, דאַן פּאַסט ער זייער שיין רייזענען; אויב אָבער דער דאָ־

זיקער טיטל מיינט אַ דיכטער, וואָס האָט פאָלקס־מאַטיוון, דאָן פּאַסט דער נאָמען לחלוטין נישט רייזענען, ווייל כאָטש ער איז אַזוי נאַטירלעך, איז ער דאָך אַ ראַפינירטער קינסטלער. רייזען איז דער איינציקער אין יידיש אוי־סער שלום־עליכמען, וואָס האָט נאַטירלעכן הומאָר, אָבער בעת שלום־עלי־כם איז כסדר יידיש, איז רייזען כסדר מענטשלעך. אַפילו ווען ער האָט אָנ־געשריבן אַ צאָרן־ליד קעגן פּאָגראָם, האָט ער דאָרט קיין איין וואָרט „ייד" נישט, האָט ער דאָרט צו טאָן נאָר מיט דער וועלט. איז דאָך „הוליעט, הוליעט" איינס פון די קאָנצענטרירטסטע צאָרן־לידער ביי אונדז.

און פּונקט ווי מען איז נישט גערעכט געווען צו רייזענען, ווען מען האָט אים באַטיטלט פאָלקס־דיכטער, פּונקט אַזוי איז מען נישט גערעכט, ווען מען האָט אים באַטיטלט „נעבעכדיקער ליריקער" און „אָרעמאַנסקער דיכטער". ווער נאָך האָט אין יענע צייטן געהאַט אַזוי פיל צאָרן וויפל רייזען אין „הור־ליעט, הוליעט" און אַזאַ קרעפּטיקן שטורעם וויפל רייזען אין „קירכן־גלאָ־קן". רייזען האָט קיין מזל נישט געהאַט צו די עלטערע קריטיקער. בעל־מחשבות האָט אים ווייזט אויס נישט רעכט געלייענט און זיך פאַרענטפערט אַ מאָל, אַז כאָטש ער האַלט אים פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט, קען ער נישט באַ־נעמען זיין נעבעכדיקייט. איך האָב געזוכט די נעבעכדיקייט אין די אַלטע ווערק רייזענס און זיי נישט געפונען. ער האָט געפילט און מיטגעפילט די נויט פון אַרבעטער און אָרעמאַן, אָבער ער האָט קיין מאָל נישט געלערנט קרעכצן וויפל לידער וועגן אָרעמקייט האָבן ביי רייזענען הומאָר אַפילו! האָט נישט דאָס באַרימטע „אַ געזינד זאַלבע אַכט" אַ פיינעם און גוטן שמייכל לעבן קרעכץ? פאַר בעל־מחשבותן איז רייזען געווען צו פיל דיכטער פון פאָלקס־מענטש. ווי אַ האַלבער אַריסטאָקראַט, האָט בעל־מחשבות געזוכט דעם העלד און ביי רייזענען האָט ער געפונען דעם פשוטן מענטש, און אַלס נאַציאָנאַליסט האָט ער געזוכט אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל און רייזענס יידן זענען פאַר אים געווען צו מענטשלעך. אויך ש. ניגער האָט רייזענען נישט באַנור־מען, ווייל ער איז צו פשוט און צו נאַטירלעך און צו אָפן. ניגער מוז אַ קוועטש טאָן מיטן פינגער, מוז קענען מאַכן אַ פשטל און ביי רייזענען קען מען נישט פשטלען...

רייזען האָט מיר געזאָגט אַ מאָל: אַ דערציילונג מוז זיין אַ ליד, זי מוז זינגען און אַ ליד מוז זיין אַ ביסל דערציילונג, זי דאַרף האָבן עפּעס אַ פאַ־בולע. און דאָס איז ביי אים נישט קיין טעאָריע, נאָר פּראַקטיק. און דערפאַר בלייבט ער טאַקע דער טאַטע פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער, ווייל פּראָלע־טאַרישע דיכטונג מיינט קודם־כל נישט קיין אַבסטראַקטע, נאָר קאָנקרעטע דיכטונג.

רייזען, ווי יעדער גרויסער שאַפער, פּילט זיין ווערט און זיין פּלאַץ. און כאָטש די קריטיק האָט אים ביי אונדז זייער שטיפמוטעריש באַהאַנדלט, גייט ער נישט אַרום קיין ברוגזער און בייזער אויף דער וועלט, ווי אייניקע אַנ־דערע דיכטער, וואָס האָבן געדעכטע און נישט־גערעכטע — טענות צו די קריטיקער. ער גייט נישט אַרום קיין אַנגעבלאָזענער ווי אַן אינדיק און ער רעדט דווקא און שרייבט דווקא וועגן יעדן מיט ליבע. אין זיינע זכרונות — „עפּיזאָדן פון מיין לעבן״, „מלחמה־יאָרן״, זוכט ער אַרויס דאָס שענסטע און בעסטע ביי די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אויף זיין לעבנס־וועג באַגעגנט, און דערציילט ער שוין אַ מאָל אַן ערגערע זאַך, גיט ער באַלד צו אַ „הגם״. מען וואַרפט אים דאָס אויף אַלס אַ כאַראַקטערלאָזיקייט, בעת פּאַקטיש איז דאָס פאַרליבטקייט אין מענטשן און גוטסקייט. וויפל מאָל רייזען רעדט אין די זכרונות זיינע וועגן אַ פּרוי, זאָגט ער, אַז ער איז „שיעור נישט געווען פאַרליבט אין איר״ און ווידער וואַרפט מען דאָס אים אויף, אַז ס׳איז כאַראַק־טערלאָזיקייט און מען זעט נישט, אַז דאָס איז זיין, רייזענס כאַראַקטער — אַ פאַרליבטער כאַראַקטער.

איך האָב געקלערט וועגן דעם, וואָס רייזען איז נישט פאַרביטערט און בייז, כאָטש די קריטיק האָט אים באַעוולהט. איך האָב געוואָלט וויסן מיט וואָס עס דערקלערט זיך און איך האָב די סיבה געפונען: ער האָט באַזיגט די קריטיקער. וואָס פאַר אַ דיכטער זינגט מען נאָך אַזוי פיל וויפל רייזענען? וועמען לייענט מען נאָך אַזוי פיל? וועמען האָט מען נאָך אַזוי אויפגענומען, ווי מען האָט אויפגענומען רייזענען?

צוויי מאָל האָב איך בייגעלעבט באַנקעטן אויף וועלכע רייזען איז געווען טאָסטמייסטער און איך האָב געקלערט, אַז ווען אונדזער לעבן וואָלט שוין געווען אַ שמחה, וואָלט רייזען געווען דער בעסטער טאָסטמייסטער. אַז מען מוז אָבער, קען ער צאַרענען אויך.

אברהם רייזען קלייבט זיך צו אונדז קיין אַרגענטינע גאָר אין גיכן, און פּונקט ווי ער וועט אונדז ברענגען זיין ליבע, פּונקט אַזוי וועלן מיר אים אַנטקעגן טראָגן אונדזער ליבע.

צו זיין 50סטן יובילייַ

דער באַליבטער יידישער פאָלקס־דיכטער און הומאָריסט אברהם רייזען, איז געבוירן געוואָרן אין 1876סטן יאָר אין קוידאַנאָוו, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער, קלמן רייזען, איז געווען אַ באַקאַנטער העברעישער שריפטשטע־לער אין דער השכלה־עפּאָכע און האָט שפּעטער אויך געשריבן יידיש.

אברהם רייזען האָט קינדווייז באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, ער האָט אָבער אויך געלערנט רוסיש, דייטש אאַז״וו. און אין דער גאָר טיפער יוגנט האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט לערעריי אין די קליינע ליטווישע שטעטלעך. רייזען האָט דורכגעמאַכט אויך די רוסישע מיליטער־דינסט און איז אין משך פון 4 יאָר געווען אַ סאָלדאָט.

צום ערשטן מאָל האָבן זיך זיינע לידער געדרוקט אין פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק״ און אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד״. דאָס ערשטע ווערק זיינס, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט איז געווען זיין פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים״, וואָס איז דערשינען אין „יוד״. זיין ערשטער באַנד אונטערן נאָמען „צייט־לידער״ איז דערשינען אין 1901טן יאָר אין פאַרלאַג „פּראָגרעס״. אין זעלבן יאָר איז דערשינען זיינער אַ באַנד „דערציילונגען און בילדער״ און אַ בענדל העברעיִשע שריפטן „ספּורים״ (אין פאַרלאַג „מוריה״). אין 1904טן יאָר האָט ער רעדאַקטירט אַ זאַמלבוך „יאָרבוך פּראָגרעס״. אין זעלבן יאָר איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד און האָט אין אָנפאַנג 1905טן יאָר געגרינדעט אין קראָקע די וואָכנשריפט „דאָס אידישע וואָרט״. דער דאָזיקער אָרגאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פּראָקלאַמירט יִידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך און אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין די העברעיִסטישע און אַפילו „זשאַרגאָניסטישע״ (אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די יִידישיסטן) קרייזן. ער האָט אין קראָקע אַרויסגעגעבן אויך אַ מאָנאַטשריפט „לעבן און קונסט״. ער איז אויף אַ צייט אויך געפאָרן קיין אַמעריקע אין 1909טן יאָר. אין זעלבן יאָר האָט זיך אברהם רייזען צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנשריפט „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור״, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין יִידיש אוצרות פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

סוף 1910טן יאָר האָט אברהם רייזען פאַרלאָזט רוסלאַנד און איז אַוועק קיין אויסלאַנד און ער האָט געהאַט אַ ריי פאָרלעזונגען אין פּאַריז, לאָנדאָן, ציריך א״אַנד. אין 1911טן יאָר איז ער צום צווייטן מאָל אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע, ווו ער געפינט זיך עד־היום. ער האָט דאָרט רעדאַקטירט די זשורנאַלן „דאָס נייע לאַנד״ און „די ליטעראַרישע וועלט״ און איז שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „טאָג״, ווו ער דרוקט כסדר זיינע האַרציקע לידער און שיינע דערציילונגען*.

אברהם רייזען געהערט צו די, אַזוי צו זאָגן, שטילע דיכטער און שריפט־

* די ביאָגראַפישע דאַטעס זענען אַרויסגענומען פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יִידישער ליטעראַטור און פּרעסע״.

שטעלער. ער איז קיין מאָל נישט אַזוי אויפגעהויבן געוואָרן ווי מאָריס ראָ־זענפעלד, ער איז אָבער קיין מאָל אַזוי נישט אַראָפּגעריסן געוואָרן ווי דער לעצטער. ס׳האָט קיינער קיין מאָל נישט געלייקנט, אַז רייזען איז אַ האַרציקער און טאַלאַנטירטער דיכטער. על פּי רוב האָט ער באַזונגען די „גרויע יִדישע נויט״ פֿונעם קליינעם שטעטל, דעם „אָרעמען ברודער, וואָס האָט נישט קיין היים און קיין בעט״, און אַפילו ווען ער האָט שוין באַזונגען דעם אַרבעטער, האָט ער אים אויך באַגאָסן מיט טרערן (אין „העמערל, העמערל, קלאַפּ״־א״אַנד... ער האָט אָבער אויך רעוואָלוציאָנערע לידער. זיין „אַך וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן״ און „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן״ געהערן צו די פּאָפּו־לערסטע לידער אויף דער יִדישער אַרבעטער־גאַס. און אַפילו די לידער פֿון אברהם רייזען, וואָס באַזינגען יִדישע טראַדיציע, ווי „דאָס ליד פֿון קלויזניק״, „מאי קאָ משמע לן״, „אין סוכּה״, „חנוכּה־ליכט״ ווערן אויך געזונגען פֿון אַר־בעטער, ווייל ס׳איז אויף זיי אויסגעגאָסן אַ שטילער חן און באַהאַרצטקייט. ס׳איז פֿאַראַן אין זיי טרויער און בענקשאַפֿט, אָבער נישט קיין יאוש; און דערפֿאַר טאַקע ווערט רייזען פֿאַררעכנט אַלס דער טאַטע פֿון דער נייער יִדישער פּאָעזיע, וואָס ווערט איצט געשאַפֿן אין רוסלאַנד און וואָס איז דווקא פֿול מיט פֿרייד, ווייל רייזען איז דער ערשטער יִדישער לעבנס־שטייגער דיכטער.

און אויב אויף די לידער רייזענס איז אויסגעגאָסן טרויער, אָבער נישט קיין יאוש, זענען זיינע דערציילונגען פֿול מיט חנווודיקן הומאָר, און כּמעט די מענטשעלעך זיינע זענען קליינינקע מיט נישט גרויסע השגות און גאָר שוואַכע כּוחות — דער רצון איבערטרעפֿט ביי זיי תּמיד די יכולת — ווייעט פֿון זיי נישט מיט יאוש. נאָמבערגס צעבראָכענע פֿאַרשוינען בריִען אָפּ מיט קעלט פֿון טויט, רייזענס רופֿן אַרויס מיטגעפֿיל און האָפֿענונג. דער מחבר גופא האָט זיינע „העלדן״ אַזוי ליב, אַז ער איז תּמיד גרייט זיי עפּעס צו לער־נען און זיי אונטערצושטאַגן.

עס קומט מיר אויפֿן זינען אַ שטעל ביי רייזענען, איך געדענק שוין נישט אין וואָס פֿאַר אַ סקיצע: עס קומט דאָרט פֿאָר ווי אַ יִדישער סאָלדאַט שטייט אויף דער וואַך אַלס „טשאַסאָוואָי״ אין אַ שרעקלעכער ווינטער־נאַכט. פֿון וואָס זשע חלומט אַ יִדישער סאָלדאַט אין אַזאַ נאַכט? ער חלומט, אויב שוין יאָ זיין אַ סאָלדאַט, איז כּמעט אין אַ יִדיש לאַנד... און רייזען פֿאַרענדיקט: „אַז ס׳זאָל גאָר נישט זיין קיין מיליטער, דערצו האָט ער זיך נישט דער־טראַכט״...

אַזוי זאָגט רייזען כּסדר אונטער זיינע העלדן געוויסע געדאַנקען.

יעקב באָטאָשאַנסקי

אברהם רייזען — צו זיין 70סטן יובילײ

יונג געוואָרן זיבעציק יאָר דער ליבער אברהם רייזען...
עס גלייבט זיך כמעט נישט!

ער באַוועגט זיך נאָך אַזוי לייכט ווי אַ הירש... (כאָטש ער רופט זיך ליב אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען). ער האָט דינע פיס און ער לויפט אַזוי גיך, אַז ער פליט דאַכט זיך... איך האָב שוין אַ מאָל געשריבן וועגן איינעם אַ מענטשן, אַז ער האָט דינע פיס, האָט מיך אַ קאָלעגע געפרעגט פון וואַנען איך וויס דאָס. דורך די הויזן — האָט ער געזאָגט — קען מען דאָס נישט זען. און ער איז דאָך גערעכט, און פון דעסטוועגן מערקט איר באַלד ווי איר קוקט אָן אברהם רייזען, אַז ער האָט אַ שמייכלענדיק פּנים און דינע פיס און אַז שטענדיק לויפט ער ערגעץ מיט די דינע פיס גיך, אַזוי ווי אַ הירש קוקסט אויף אים און דו דערמאָנסט זיך אין דעם „רץ כצבי".

ש. ניגער האָט צוריק מיט אַ סך יאָרן געהאַט אַן אַרטיקל וועגן רייזענען, וואָס האָט געהייסן „קנייטשן" דער קריטיקער האָט דאָס דאָזיקע וואָרט געפונען אין רייזענס אַ ליד און ער האָט דערפון אַרויסגעדרונגען, אַז רייזענס ערשטע יוגנט איז אַוועק און אַז עס האָבן זיך באַוויזן קנייטשן אויף דעם דיכטערס שטערן, האָט דאָס רייזען קיין מאָל ניגערן נישט געקענט מוחל זיין. רייזען האָט פון דער נאַטור פיינט קנייטשן, ער האָט ליב צו זיין יונג און ער איז דאָס און ער בלייבט דאָס און ער וועט דאָס אַזוי זיין ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. ער היצט זיך עד־היום ביי דיסקוסיעס, אַזוי ווי אַ יונגערמאַנטשיק. אַז איר וועט גיין אויף איסט־בראָדוויי און איר וועט זען אַ דאַרן, אויסגעשטרעקטן ייִדן מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, וואָס שטייט און דיסקוטירט און איילט זיך און היצט זיך און רעדט וועגן לידער, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז אברהם רייזען. און אַז איר וועט אַזאַ־אַ ייִדן הערן זיך היצן וועגן ייִדיש, זאָלט איר ווידער וויסן, אַז דאָס איז אברהם רייזען...

אָט ערשט־אָ האָב איך אים געזען צווישן די רעדאַקציעס פון „פאָרווערטס" און „טאָג" שטיין און דיסקוטירן מיט אַ ייִנגערן דיכטער. רייזען האָט געלויבט אַ ליד פון לאַפּינען, וואָס איז דעם ייִנגערן דיכטער נישט געפעלן און דער ייִנגערער דיכטער האָט אים געזאָגט:

— מען טאָר נישט אַזוי, רייזען! מען טאָר נישט לויבן קיין שלעכטע לידער! איך האָב אייך נישט ליב, ווייל איר לויבט שלעכטע לידער.

און רייזען האָט זיך צעהיצט און ער איז געוואָרן איין שטיק פייער און ער האָט גענומען פלאַמען:

— איך האָב געלויבט נישט קיין גוט ליד? שוין פופציק יאָר, אַז איך

לויב נאָר די גוטע ייִדישע לידער... פּונקט ווי אַ פרומער ייִד לויבט דעם רבונו־של־עולם און ער זינגט צו אים „אתה אחד ושמך אחד״, אָט פּונקט אַזוי לויב איך און זינג צום גוטן ייִדישן ליד און איך זאָג צו יעדן גוטן ייִדישן דיכטער, אַז ער איז איינער...

און אָט ערשט נעכטן איז דאָס געווען, ביי חיים גרינבערג אין שטוב אין ניו־יאָרק, ווען בן־גוריון האָט געטשעפּעט ייִדיש און רייזען איז אַלע מאָל אויפגעשפּרונגען פון אָרט און ער האָט נישט געלאָזט. ער האָט אויסגעזען ווי דער אמתער ריטער, וואָס לאָזט נישט אַז אַ שפּרענקעלע זאָל פאַלן אויף זיין געליבטער און ווי אַ געטרייער זון, וואָס לאָזט נישט באַליידיקן זיין מאַמען. רייזען איז דער אמתער ריטער און דער אמתער געטרייער זון פון דער געליבטער און דער מאַמע ייִדיש!

וועגן רייזענען שרייבן אַן אַרטיקעלע איז עפּעס אַזוי מאָדנע. עס איז שוין צייט אָנצושרייבן אַ בוך וועגן אים. אַ גאַנץ בוך אָנשרייבן וועגן אים און ווייזן ווי גרויס עס איז זיין אויפטו אויף דעם געביט פון ייִדישן ליד און פון דער ייִדישער דערציילונג. געווען ייִדישע שרייבער, וואָס זענען דורכ־אויס ייִדיש און געווען ייִדישע שרייבער וואָס זענען דורכויס אייראָפּעיִש. רייזען איז ביידע. רייזען שטייט אין דער סאַמע מיט צווישן ביידע און ער האָט דאָס בעסטע פון ביידע. ער האָט געוויזן ווי אַזוי מ׳קען אָנאייגענען איי־ראָפּעיִשע פאָרם און בלייבן אין אינהאַלט און אין קערן דורכויס אַ ייִד. און דאָס איז ערשט איין שטריך. דער סאַמע עיקר איז ביי רייזענען די לידער אַליין און די דערציילונגען אַליין. די לידער, וואָס זענען אָפּט אַזוי דערציי־לעריש און די דערציילונגען, וואָס זענען אַזוי אָפּט דורכויס לידעריש. אין ביידע זשאַנערן איז רייזען יונג און אייביק. אָט זינגט ער וועגן אייביקער ליבע און אָט זינגט ער וועגן אייביקע ברידערלעכע געפילן.

אָט שרייבט רייזען:

און ווידער אַ ליבע אַ נייע —
די אַלטע פון האַרצן אַרויסגעריסן.
דאָך קומט אַלץ די אַלטע, די אַלטע
אַזוי ווי אַליין אַן דיין וויסן...

און ווידער אַ ליבע אַ נייע
און ברענט אויך אַזוי ווי אַ פייער,
דאָך יענע, די אַלטע, באַפאַלט דיך
און לייכט פון דער ווייט אַזוי טייער.

אוּן ווידער אַ ליבע אַ נייע,
אַ קושן, אַ צערטלען, אַ גלעטן...
דאָך וואָלסטו צו יענער אַנטלויפן
און גליק אויף דער קני ביי איר בעטן.

און אַט שרייבט ער:

אין קישן באַהאַלט איך מיין פּנים,
איך נורע זיך טיף אין און וויין.
דער איינציקער פריינט אין מיין לעבן
איז מיר נאָר דאָס קישן אַליין.

געפליקט האָט די פעדערן אירע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט;
געפליקט מיט אַ האַרץ אַ צעפליקטן,
פון דחקות, פון הונגער פאַרשמאַכט.

אברלם רייזען האָט נישט ליב, וואָס מען רופט אים „פאָלקס־דיכטער״. ער האַלט, אַז אַ פאָלקס־דיכטער איז געווען מ. מ. וואַרשאַווסקי און ער איז אַ ראַפינירטער דיכטער. און עס איז אמת. אָבער אַ פאָלקס־דיכטער מיינט דאָך נישט נאָר איינער, וואָס שרייבט פאָלקסטימלעך, נאָר עס מיינט אויך איינער, וואָס איז זייער פּאָפּולער. און אין זין פון פּאָפּולער זיין ביים פאָלק איז רייזען אַן אמתער פאָלקס־דיכטער. מען וועט שווער געפינען אַ ייִדן וואָס קען לייענען ייִדיש און וואָס קומט אַ מאָל אין קולטורעלע ייִדישע קרייזן, אַז ער זאָל נישט קענען כאָטש עטלעכע לידער רייזענס. ווער קען נישט „הוליעט, הוליעט״, „מאַי קאָ משמע לן״ און „קירכן־גלאָקן״? אָבער צי איז דער עכטער אויסדרוק רייזענס גראַד אין אָט די דערמאָנטע פּאָפּולערסטע לידער זיינע, ווייס איך נישט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז רייזען איז געקומען צו זיין אויסדרוק נישט אין די עטלעכע דערמאָנטע לידער, נאָר אין די הונדערטער און הונדערטער לידער פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. לידער, וואָס רופן צו ליבע, צו הומאַניזם און צו געדאַנקען. פאַר מיר איז „אויפן וואַסער״ נישט ווייניקער רייזעניש ווי „הוליעט, הוליעט״. אָט דאָס ליד איז כדאַי צו ציטירן:

אויפן וואַסער גייען שיפן,
גייען שיפן הין, צוריק.
איך האָב נאָך אַלץ נישט באַגריפן,
וואָס איז פרייד און וואָס איז גליק.

אין די וועלדער קען מען הערן
ביימער רוישן אין די נעכט.
איך קען נאָך אַלץ נישט באַקלערן,
וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט.

אין די טאָלן ווינטן יאָגן,
יאָגן אום און ווערן שטיל.
איך קען אַלץ נאָך קיינעם זאָגן,
וואָס איך זוך, וווּהין איך ציל.

איך האָב שוין אַ מאָל געזאָגט, אַז כאָטש רייזען איז אַ ליטוואַק אַ מת־נגד, איז ער בעצם אַ חסיד. ער איז פאַרגליבט אין דעם רבין, וואָס הייסט לעבן און דערציילט כסדר די ניסים און מופתים פון לעבן. און ער איז אויך פאַרגלויבט אין דעם יידישן ליד און בכלל אין דעם יידישן וואָרט. ער זינגט „צום לעבן", אַז עס זאָל אים פירן אויף זיינע בונטע וועגן און ער פרעגט נישט, צי גלייך, צי קרום, ער וויל אויף קיין ציל נישט פרעגן. זאָל אים דאָס לעבן פאַרפירן און פאַרדרייען אין די געהיימסטע ווינקלען, ער קוקט אויף אַלץ אָן שרעק... און ער זאָגט:

פאַרשטעלט אַ באַרג אַ מאָל,
און קומט דערנאָך אַ טאָל,
איך זינג דיר אין דער נידער...

עס קומט אויס, אַז רייזען זינגט צום לעבן און צום ליד „לא אירא רע כי אתה עמי"... איך האָב נישט מורא פאַר קיין שלעכטס, ווייל דו ביסט מיט מיר...

***

...אָט ערשט נעכטן איז דאָס געווען. רייזען איז יונג געוואָרן פופציק יאָר און מיר אַלע זענען אַלט געווען נאָך יינגער און מיר האָבן געפּראַוועט זיין יובילי מיט אַ געוואַלדיקער שמחה. מיר האָבן געשאַפן די „רייזענאַדע" און מיר האָבן אַליין געשפּילט און זיך געמאַכט פריילעך און נאַריש און מיר זע־נען געווען פריילעך און קלוג... וואָס עס האָט זיך נישט אָפּגעטאָן אין אָט די צוואַנציק יאָר. די וועלט איז שיעור נישט געוואָרן אויס וועלט. פאַר אונדז יידן איז זי טאַקע געוואָרן אויס וועלט...

ער קען זיך אָנהאַלטן ביים קלענסטן פעדעמל צו שפּינען אָן אויפהער

דעם אייביקן גלויבן. ער האָט אַמאָל אין אַ ווינטער, ווען עס האָט געהערשט גרויִע קעלט, דערזען פלוצים אַ שטראַל און די וועלט, די פאַראומערטע האָט אים אויסגעזען ווי אַ „באַזומערטע" און ער האָט געזונגען:

האָפענונג אָן אַ ברעג
און אָנצאָליקע
האָט איין שטראַל געבראַכט...

אברהם רייזען איז אונדז יונג געוואָרן זיבעציק יאָר און מיר וואָלטן געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ פולער רייזען־אויסגאַבע און מיר וואָלטן געדאַרפט פראַוועז רייזען־יום־טובים און טאָן אַלצדינג, אַז רייזען זאָל אונדז אַזוי בלייבן יונג ביז הונדערט און צוואַנציק!

אונדזער גרויסער יום־טוב

(צום 100סטן יאָר זינט מענדעלע מוכר ספרימס „דאָס קליינע מענטשעלע")

די מאָראַלישע מלוכה

פון די אַלע יום־טובים וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אין משך פון פאַרשידענע יאָרן איז דער היי־יאָריקער יום־טוב דער גרעסטער. עס איז געוואָרן 100 יאָר זינט שלום יעקב ברוידע־אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן מענדעלע מוכר ספרים, האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש און ער האָט פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע ווערק זיינס אין אָט דער שפּראַך — „דאָס קליינע מענטשעלע". דאָס דאָזיקע מיינט, אַז די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ בת־מאה. און יעדער ווייסט אַז די נייע יידישע ליטעראַטור האָט אין משך פון איר הונדערט־יאָריקער עקסיסטענץ דערגרייכט מערער וויפל יעדע אַנדערע ליטעראַטור האָט דערגרייכט אין משך פון אַ יאָרהונדערט. זי האָלט איצטער דאָרטן ווו עס האַלט די גאַנצע נייע אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע ליטעראַטור, און די דאָזיקע ציילן דאָך שוין אַ סך יאָרהונדערטער. אונדזער ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אין איין יאָרהונדערט דאָס זעלביקע וואָס אַנדערע ליטעראַטורן האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון דער גאַנצער נייער צייט, אָנהייבנדיק מיטן 17טן יאָרהונדערט.

אָוודאי איז די דאָזיקע גרויסע שמחה אַ פאַרשטערטע. זייער אַ סך פון די שאַפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור זענען נישט פאַראַנען צווישן די לעבעדיקע און אַוועק זענען זיי נישט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, נאָר די נאַציס האָבן זיי אומגעבראַכט. און די דאָזיקע וואָס זענען נישט אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס, זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד פון דעם אַכזר סטאַלין. און אין איינעם מיט די שרייבער זענען אומגעבראַכט געוואָרן די מערהייט, די גרויסע מערהייט פון דער יידישער לייענערשאַפט. אַזוי אַרום אַז די יידישע ליטעראַטור האָט היינט צו טאָג אַ סך ווייניקער שאַפער ווי זי וואָלט געדאַרפט האָבן און גאָר אַ סך ווייניקער לייענער ווי זי האָט געהאַט. עס איז אַ שמחה מיט זייער אַ סך טרויער און טאַקע מיט זייער אַ סך טויט. מען קען אָבער נישט לייקענען, אַז די ליטעראַטור גופא איז געבליבן

מיט איר פולער לעבעדיקער קראַפט און מיט איר גרויסקייט, און ווי האַרצ־רייסנדיק דער טרויער זאָל נישט זיין, איז פאָרט גרויס די שמחה.

אויף יידישע שמחות רעדט מען, אַ סך מאָל רעדט מען זיך אַראָפּ פון די הערצער. מיר ווילן אַ רייד טאָן צו דער געלעגנהייט פון דער גרויסער שמחה אונדזערער וועגן דעם, אין וואָס עס באַשטייט די גרויסקייט פון דער יידישער ליטעראַטור. און מיר ווילן באַלד זאָגן, אַז איר גרויסקייט איז נישט נאָר אַן עסטעטישע, נאָר אויך אַ מאָראַלישע; זי האָט דערגרייכט נישט נאָר אַ מאַק־סימאַלע הייך אין דעם ליד, דער דערציילונג, דעם ראָמאַן און דער עסיי, נאָר זי איז געוואָרן די אַחריות־טרעגערין פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום אונדזערן. זי האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן פאַרטראָטן די נאַציאָנאַלע טעריטאָ־ריעס אונדזערע, זי איז די במקום־טעריטאָריע אונדזערע און אין אַ געוויסער מאָס די מאָראַלישע מלוכה.

די אויפטוען פון מענדעלע מוכר ספרים

דער גרויסער יום־טוב הייבט זיך אָן מיט מענדעלען, ווייל ער איז דאָך געווען דער דאָזיקער וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נייע יידישע ליטעראַטור. פאַר שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן זענען געווען צוויי גאַנץ באַדייטנדיקע יידישע פּראָזע־שרייבער, וועלכע זענען דאָך נישט געוואָרן דער אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. דאָס זענען געווען ישראל אַקסנפעלד (1787—1866) און אייזיק מאיר דיק (1807—1893). אָפיציעל איז מענדעלע געבוירן געוואָרן אין יאָר 1836, מען ווייסט אָבער אַז ער איז געבוירן געוואָרן לערך אין 1829. יעדנפאַלס איז אַקסנפעלד געווען עלטער פון אים מיט אַריבער פערציק יאָר און דיק מיט אַריבער 20. און עס איז ניכר, אַז מענדעלע איז געווען היפּש באַאיינפלוסט פון די צוויי דערמאָנטע שרייבער. אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון איז ער באַאיינפלוסט פון אַקסנפעלדן און אין סאַטירע — פון דיקן. דאָך הייבט מען נישט אָן רעכענען מיט די דערמאָנטע, נאָר מיט מענדעלע מוכר ספרים. פאַר וואָס? צוויי מאָ־טיוון זענען פאַראַנען דערפאַר. איינער איז יעדן באַוווסט. מענדעלע האָט גע־האַט די גרעסטע אַחריות פאַר דער יידישער שפּראַך. עס איז פאַראַנען אַ סך געזונטע פאָלקסשפּראַך סיי ביי אַקסנפעלדן און סיי ביי דיקן, אָבער ביי קיין איינעם פון זיי איז נישט פאַראַנען קיין אויסגעהאַלטענע שפּראַך. בייביידן קומען אַריין אין דער מיט פון גלענצנדיקן פאָלקס־אידיאָם דייטשמעריזמען און רוסיציזמען און סתם שפּראַכלעכע אומגעלומפּערטקייטן. ביי מענדעלען איז די שפּראַך אויסגעהאַלטן פון אָנהייב ביזן סוף, אַזוי ווי ביי אַ גרויסן זיב־

גער זענען די טענער פול פון אָנהייב ביזן סוף. שוין פּרץ האָט אָנגעוויזן אַז מענדעלע האָט די שפּראַך „נישט גערמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אַפילו איירָאָפּעיזירט". מיר וועלן צוגעבן, אַז ער האָט די שפּראַך געיִדישט און עבריזירט. ווען ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן יִדיש, בעת ער איז שוין געווען אַ באַרימטער העברעיִשער שרייבער, האָט ער דאָס דאָזיקע געטאָן מיט דער פולסטער אַחריות און ער האָט דורכגעקנעלט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יִדיש פאַר אים. האָט אים געפעלט אַ וואָרט, האָט ער עס גע־קענט זוכן וואָכנלאַנג. ער האָט עס געזוכט אין אייגענעם זכרון, ביי די פאָלקס־מאַסן און אין עברי־טייטש ספרים. עס ווערט דערציילט דער מערקווירדיקער פאַל, אַז אַ פרוי האָט געזען ווי מענדעלע מוכר ספרים איז געשטאַנען ביי דער ספרים־שאַפע און געזוכט צווישן די עברי־טייטש ספרים און ער איז געווען פאַרפראַשעט און פאַרשוויצט און די פרוי האָט געפרעגט:

— וואָס נישטערט דער ייִד אַזוי.

דערויף האָט מענדעלע געענטפערט:

— איך נישטער שוין נישט.

ער האָט אייגנטלעך געזוכט דאָס וואָרט „נישטערן", וואָס איז אים אַרויס פון זכרון.

אַזוי אייגנטלעך האָט מענדעלע מוכר ספרים געאַרבעט און ער האָט באַ־וויזן דעם נס צו מאַכן פון זשאַרגאָן אַ קולטורעלע שפּראַך און אַ נאַטירלעכע. דאָס יִדישע לשון איז זינט מענדעלען שטאַרק באַרייכערט געוואָרן. פּוילישע און אוקראַיִנישע יִדישע שרייבער און גאַליציאַנער און אויך בעסאַראַבישע האָבן אַנטדעקט נייע און נייע אוצרות פון יִדישן לשון, אָבער די ריכטיקע קוואַלן פון אונדזער לשון האָט געעפנט מענדעלע. און אונדזער הייִנטיקע שפּראַך איז נישט אַוועק ווייט פון זיינער. מען לייענט זיין שפּראַך הייִנט צו טאָג גלייך ווי זי וואָלט געווען געשריבן הייִנט.

וועגן מענדעלעס אויפטוען פאַר דער יִדישער שפּראַך ריידן אַלע, אָבער קיינער רעדט נישט וועגן דעם, אַז ער איז געווען דער ערשטער יִדישער שרייבער, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אַחריות פאַרן קיום פון יִדישן פאָלק. שוין אין זיין ערשטן ווערק, אין דערמאָנטן „דאָס קליינע מענטשעלע", איז פאַראַן אַחריות פאַרן כלל. אַ ייִנגל וויל דערגיין דעם סוד פון דער עק־סיסטענץ פון דעם „קליינעם מענטשעלע" אין אויג און ער דערלאַנגט אַ קלאַפּ זיין מאַמען אין נאַקן, אַז דאָס מענטשעלע זאָל אַרויספאַלן, אָבער מיר דער־וויסן זיך, אַז דאָס אמתדיקע קליינע מענטשעלע איז דער תקיף יצחק, וואָס לאָזט נישט אַז דאָס יִדישע לעבן זאָל געדייען. ער האָט גלייך אַרויסגערופן

קעגן זיך דעם צאָרן פון די קליינע מענטשעלעך און ס'האָט נישט געהאַלטן ווייט דערפון, אַז ער זאָל אַלס שטראָף פאַר באַשרייבן די קליינע מענטשעלעך איינגעזעצט ווערן אין תפיסה און פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. און דאַרף מען דערוויזן, אַז „די קליאַטשע" איז אַ ווערק, וואָס זאָרגט פאַרן קיום פון יידישן פאָלק? דאָס דאַזיקע ווערק איז דאָך אַ משל, אַן אַלעגאָריע אַנטקעגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליאַטשע און וואָס מען וויל זי האַלטן אַלס אַזעלכע לעולם ועד. דער דאַזיקער העלד, וואָס זאָרגט זיך וועגן דער קליאַטשע, ישראליק דער משוגענער, ווערט דאָך איינגנטלעך משוגע פון דעם זאָרגן פאַר דעם יידישן פאָלק. און אַלע פיר גרויסע ווערק מענדעלעס: „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאָס ווינטש־פינגערל" און „שלמה ר' חיימס", האָבן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין משך פון אַ גאַנצן דור, אויב נישט מערער, און זיי האָבן אַחריות דערפאַר.

אַזוי אַרום אַז מענדעלעס אויפטו איז נישט נאָר אַ שפּראַכלעכער און אַן עסטעטישער, נאָר אויך אַ מאָראַלישער. ער האָט געשאַפן דעם טאָן פאַר דער מאָראַלישקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און דער דאַזיקער טאָן האָט איינגנטלעך געשאַפן די גאַנצע מוזיק פון דער יידישער ליטעראַטור.

די אויפטוען פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם

מיר וועלן זיך נישט קענען אָפּגעבן מיט אָט די צוויי שרייבער אַזוי פיל ווי מיטן „זיידן". דאָס פלאַץ דערלויבט נישט דאָס צו באַווייזן. צו שאַפן אַ ריכטיק בילד פון 100 יאָר נייע יידישע ליטעראַטור, דאַרף מען אָנשרייבן אַ בוך, אַ זאַך וואָס דער מחבר פון אָט די שורות טוט עס און ער האָפט זוכה צו זיין דאָס צו פאַרענדיקן. מיר וועלן בליצאַרטיק דורכלויפן פּרצן און שלום־עליכמען. זיי האָבן ביידע שפּראַכלעך געטראָגן די זעלבע אַחריות, וואָס דער „זיידע". זיי האָבן געבראַכט אוצרות, אָבער זיי האָבן, ווי דער זיידע, אַכטונג געגעבן אַז יידיש זאָל נישט זיין געדמאַניזירט און נישט רוסיפיצירט, נאָר עבריזירט. און זיי האָבן ביידע געטראָגן די אַחריות פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר זיין קיום.

וועגן פּרצן דאַרף מען זיך קיין סך נישט מיען צו דערוויזן, אַז ער האָט געטראָגן די אַחריות פאַר דער עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק. ער האָט אין פּובליציסטישע אַרטיקלען נישט איין מאָל גערעדט וועגן דעם מיט קלאָרע דיבורים, באַלד ווי ער איז געוואָרן אויס משכיל און ער האָט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם, אַז יידיש איז אַ מיטל צו בילדן דאָס פאָלק. אָבער אויך שלום־עליכם האָט געטראָגן די פולע אַחריות פאַר דעם גורל פון יידישן פאָלק,

כאַטש אויבנאויפיק קען ער צו מאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַרווילער, אַ מאַר־שאַלעק און אַ לץ. זיינע הויפּט־ווערק: „טביה דער מילכיקער" און „מנחם־מענדל", דער פּאָזיטיוו און דער נעגאַטיוו פון דער יידישער נשמה און פון דעם גאַנצן יידישן זיין, זענען יידישער פאָלקס־גורל. שביה ווערט אָפּט פּאַ־טעטיש, ער ווערט פּאַטעטיש ביז הימל־שרייענדיק, ווען זיינע אַ טאָכטער ווערט פאַרפירט און גייט אַוועק צום שמד. ער פרעגט טאָקע דעמאָלט: „וואָס איז ייד און וואָס איז נישט־ייד?". אָבער ער בלייבט ייד דורך און דורך, און די גרעסטע טראַגעדיע פון זיין לעבן איז דאָס אַוועקגיין אין דער פרעמד אַריין פון זיין פלייש און בלוט. און מנחם־מענדל מיט זיינע פוסטע חלומות וועגן מיליאָנען וואָס זענען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, זאָגט אָבער אָן, אַז אָן חלומות קען אַ מענטש און אַ פאָלק נישט לעבן, און ווען עס פאַרלירט די אמתדיקע חלומות, דערנערט ער זיך מיט פוסטע חלומות. און מען קען גע־פינען ביי שלום־עליכמען נאָך צענדליקער זאַכן, בראש מיט „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אין וועלכן עס איז פאַראַנען זאָרג פאַר דעם יידישן גורל, פאַר דער גורל פון די יידן וואָס וואַנדערן פון אַלטע היימען אין נייע, און האָבן גליטשיקן באָדן אונטער די פיס.

ביי י. ל. פּרץ איז פאַראַן מער באַוווסטזיניקער גורל פון יידישן פאָלק ווי ביי שלום־עליכמען. מענדעלע האָט געקנעלט אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש פאַר שפּראַכלעכער גאַנצקייט, פּרץ האָט געקנעלט די גאַנצע יידי־שע ליטעראַטור פאַר אים אין לשון־קודש און אין אַראַמעיש, בכדי צו שאַפן יידיש נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. ער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש, פּרץ, ער האָט געוואָלט גיין פאָרויס, אָבער נישט מיט ליידיקן און מיטן בלויזן היינט האָט ער געוואָלט גיין פאָרויס, נאָר מיטן בעסטן פון דער גאַנצער פאַר־גאַנגענהייט. און ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם מיטלעלטער און ער האָט פון דאָרטן גענומען דאָס בעסטע, דאָס שענסטע און דאָס דערהויבנסטע אין יידישן לעבן און דאָס געבראַכט צום מאָדערנעם ייד. און דאָס זעלביקע האָט ער געטאָן מיט דעם חסידיש פון די לעצטע 150 יאָר פאַר אים און ער האָט פון ביידן געשאַפן זיינע צוויי מאָנומענטאַלע ווערק „פאָלקסטימלעכע געשיכ־טן" און „חסידיש". אין די דאָזיקע צוויי ווערק איז פאַראַן דער מאָראַלישער און אַפילו עסטעטישער תוך פון דער גאַנצער יידישקייט.

דאָס דאָזיקע איז, טעלעגראַפיש גערעדט, דער עיקר פון די אויפטוען פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם. צו די אויפטוען זייערע דאַרף אָבער פאַר־רעכנט ווערן אויך דער פאַקט, וואָס זיי זענען נישט געבליבן אָן המשך. עס איז געקומען נאָך זיי אַ גאַנצע ריי יידישע שרייבער, וואָס האָבן ווייטער געצויגן

דעם דאָזיקן רויטן פאָדעם, וואָס מענדעלע האָט אָנגעהויבן ציִען און וואָס זיי האָבן פאַרגאָלדנט. שוין אין דער מיט צייט צווישן מענדעלע, שלום־עליכם און פּרצן האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע שרייבער ווי יעקב דינעזאָן, וואָס האָט גע־זאָרגט פאַרן גורל פון יידישן קינד און איבערהויפּט פון דעם יתום, און מרדכי ספּעקטאָר, וואָס האָט געוויזן די אויפריכטיקייט און האַרציקייט פון יידישן האַרעפּאַשניק. איבערהויפּט האָט באַוויזן צו האָבן אַ סך המשך י. ל. פּרץ, וועמען עס האָט נאָכגעפאָלגט, האַלב אַלס תלמיד און האַלב אַלס יינגערער חבר דוד פּינסקי, וועלכער האָט דער ערשטער געוויזן קרובהשאַפט צווישן יידישקייט און צווישן עכטן סאָציאַליזם. פּרץ האָט געהאַט אַ גאַנצע ריי תל־מידים, וואָס זענען געגאַנגען אין זיינע וועגן מאָראַליש, אָבער נישט עסטעט־טיש, דאָס זענען: אברהם רייזען, שלום אַש און ה. ד. נאָמבערג. קיין איינער פון זיי איז נישט קיין פּרץ־נאָכמאַכער. אַז מען וועט שטאַרק זוכן, וועט מען געפינען, אַז אברהם רייזען האָט אַ סך מער קרובהשאַפט מיט שלום־עליכמען און מיט זיין הומאָר, ווי מיט פּרצן. ווי שלום־עליכם, האָט רייזען געשילדערט די קליינע מענטשעלעך, אָבער זיי זענען געגאַנגען ביי אים ווייטער אין זייערע השגות, ווי ביי שלום־עליכמען. נאָמבערג איז אויך נישט נאָענט פאָרמאַליס־טיש צו פּרצן, ער האָט נישט געשריבן קיין מעשהלעך ווי זיין גרויסער רבי, נאָר דערציילונגען. שלום אַש איז אוודאי געגאַנגען מיט אַן אייגענעם דרך סיי אין זיינע דערציילונגען און סיי אין זיינע ראָמאַנען און דראַמען. אָבער ביי אַלע דריי איז פאַראַן די נאַציאָנאַלע אַחריות וואָס איז פאַראַן ביי אַלע דריי אָבות פון דער יידישער ליטעראַטור. און אויב נאָמבערג איז אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן געווען בלויז אַ באַהעם און ער האָט געזען און געוויזן אַ פאַלן אין תהום אַריין, האָט ער אין די רייפע יאָרן גענומען און אָנ־געשריבן אַ פּיעסע „די משפּחה", אין וועלכער עס איז שוין נישט פאַראַן מער קיין באַהעמישקייט, נאָר אַחריות פאַר דעם נצח ישראל לא ישקר... און ווײַ־טער פון אָט די דריי תלמידים פּרצעס זענען געווען ז. י. אנכי, הילל צייטלין און א. ווייטער. יעדער פון זיי איז געגאַנגען אויף דעם וועג פון פּרצן, צוריק צום שורש און צום קוואַל. אנכי — צום קוואַל פון חסידיש, הילל צייטלין — צום שורש פון רעליגיעזן יידישן געדאַנק און געפיל, און א. ווייטער איז גע־קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ פאָלק טאָר נישט אַוועקוואַנדערן פון זיך און ווערן זיך אַליין ווייט און פרעמד, נאָר דאַרף אַלץ מער אומקערן זיך צו זיך און בויען דאָס אייגענע און אייביקע לעבן. אָט די פליעאַדע שרייבער גע־הערן צו די אויפטוען פון י' ל' פּרץ און שלום־עליכם און זיי זענען זייער נאַ־טירלעכער נאָכקום.

דוד בערגעלסאָן, נסתר, „יונגע"...

מיר דערמאָנען נישט אַלע. מיר שרייבן נישט קיין געשיכטע 100 יאָר יידישע ליטעראַטור און אַפילו אַ געשיכטע נעמט אויך נישט אַריין אַלע. בלייבן בלויזן. און מיר קומען צו צו אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס אין אוקראַינע האָבן זי געשאַפן דוד בערגעלסאָן, נסתר און אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן זי געשאַפן אַ גאַנצע ריי יידישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער בראש מיט ראובן אייזלאַנד, משה־לייב האַלפּערין, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, אייזיק ראַבאַי אאַ"וו. אָבער אַן אָנהייב פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז שוין געשאַפן געוואָרן פון די דיכטער אברהם ליעסין און יהואש. די דאָזיקע רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז ביז די אַלע אויסגעררעכנטע געשריבן געוואָרן אין אַן אידיאָמאַטישער שפּראַך, איז אי־בערגעגאַנגען צו אַ ליטעראַרישער שפּראַך. דערפאַר האָבן מיר אויסגע־לאָזט מאָריס ראָזנפעלד, וואָס איז אַ בן־דור פון ליעסינען און יהואשן, ווייל ער איז געבליבן ביי דער אידיאָמאַטישער שפּראַך, אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט זי גערעדט. און מיר האָבן אויך אויסגעלאָזט יעקב גאָרדין און לעאָן קאָברין — ביידע באַדייטנדיקע דראַמאַטורגן און דער לעצטער אויך אַ וויכטיקער פּראָזע־שרייבער, ווייל שפּראַכלעך האָבן זיי נישט באַוויזן קיין שום אויפטו און זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס עפּיגאָנען פון די פריערדיקע שרייבער, הגם גאָרדין איז געווען דער פּראָגאָן און רעפאָרמאַטאָר פון דעם יידישן טעאַטער. טעאַטראַליש איז ער געווען אַ פּראָגאָן, ליטעראַריש — אַן עפּיגאָן. צו די דאָזיקע וואָס האָבן זיך באַפרייט פון אידיאָמאַטישער שפּראַך און האָבן אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור אַריין די ליטעראַרישע שפּראַך דאַרף צוגערעכנט ווערן פּרץ הירשביין, דער דראַמאַטורג, דער ראָמאַנען־שרייבער און דער רייזנדיקער.

דוד בערגעלסאָן איז אין אַ גרויסער מאָס מער נאָכגייער פון שלום־עליכמען ווי פון פּרצן, אויב מען קאָן ביי אים איבערהויפּט נוצן דאָס וואָרט נאָכגייער. ער איז אין יידיש געווען אַן ערשט־גייער, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן און פּאָראויסגייער. ער האָט דעם יידישן אידיאָם טאָקע גענומען אַלס יסוד, אָבער ער האָט דאָס איבעריקע באַזייטיקט און עס איז געבליבן אַ קריסטאַל־לויטערע יידישע שפּראַך, וואָס האָט איר גלייכן אין די בעסטע ווערק פון דער פראַנצויזישער, ענגלישער און רוסישער ליטעראַטור. בער־גלסאָנס שפּראַך פאַרמאָגט אַ זעלטענע מוזיק און אַ זעלטענע קאָנדענסירט־קייט. דערביי האָט זי דעם קאָליר פון פאַרנאַכט. נישט אומזיסט הייסט איינס

פון די בעסטע ווערק זיינס „אָפּגאַנג”. עס איז פאַראַן אין דעם דער טרויער פון אַן אָפּגעגאַנגענעם לעבן און פון דער פאַרגאַנגענער זון. מיט אים הייבט זיך אָן אַ באמת נייע פּראָזע אין יידיש, וואָס האָט פאַרייניקט דאָס יידישע לשון און זיין ליטעראַטור מיט אַלע לשונות און ליטעראַטורן פון אייראָפּע, און דערביי איז פאַראַן דער אייגנאַרטיקער טרויער פון אַ יידיש לעבן וואָס פאַרגייט. לעבן בערגלסאָנען און כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין רוסלאַנד באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אַנדער שרייבער, וואָס האָט געניצט נישט קיין אידיאָמאַטישע שפּראַך, נאָר אַ ליטעראַרישע. דאָס איז געווען דער דיכטער און פּראָזע־שרייבער נסתר (קאַהאַנאָוויטש), וואָס האָט געשריבן גאַנץ אַנדערש ווי בערגלסאָן. ער האָט פאַר זיין תוך גענומען נישט ווי בערגלסאָן, דאָס רעאַלע לעבן, נאָר ער האָט גענומען דאָס לעגענדאַרע אין יידישן פאָלקלאָר און ער האָט די פאָלקלאָריסטישע שפּראַך ראַפינירט. ביידע האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם וואָס זיי האָבן איר געגעבן אַ ליטעראַרישע שפּראַך, וועלכע מען קען נישט אין גאַנצן פאַרשטיין אויב מען איז נישט אַ באַלייענטער אין דער ליטעראַטור בכלל און אין דער יידישער ליטעראַטור בפרט. צו זיי איז צוגעקומען אַ דריטער. אפנים אַז עס מוז זיין אַ דרייבונד שטענדיק, ווי עס זאָגט זיך: „חוט המשולש לא במהרה ינתק” — אַ דרייענדיקער פאָדעם ווערט נישט גיך צעריסן. דער דריטער איז געווען דער דיכטער דוד האָפשטיין, וואָס האָט אין זיינע לידער דער ערשטער גענוצט ביי אונדז עקזאָטישע אימאַזשן און אין דער ליטעראַרישקייט פון דער שפּראַך איז ער אַוועקגעגאַנגען ווייטער פון יהואש. אויב בערגלסאָן האָט געבראַכט דעם טרויער פון אָפּגאַנג און נסתר די האָפענונג פון פאָלק האָט דוד האָפשטיין געבראַכט די שרעק פאַר דער וואָך און דער וואָכעדיקייט אין דעם גרויסן רוסלאַנד. זיינע אַ סטראָפע האָט זיך צעטראָגן ממש מיט מורא איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. אַלע האָבן נאָכגעזאָגט האָפשטיינס שורות:

אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער,
ווו קען מען זיין עלנדער, ווו קען מען זיין עלנדער ?

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַלע דריי זענען געפאַלן קרבנות פון דעם סטאַלין־רעזשים און זענען אומגעבראַכט געוואָרן, מען ווייסט עד היום נישט פאַר וואָס און קיינער ווייסט נישט וווהין זייער געביין איז אַהינגעקומען.

די רעוואָלוציע פאַר ליטעראַרישקייט און פאַר פאָרם בכלל, וואָס בערגלסאָן, נסתר, האָפשטיין האָבן דורכגעפירט אין רוסלאַנד אָן קיין שום דע־

קלאַראַציע, האָט אַ גרופּע יונגע דורכגעפירט אין צפון־אַמעריקע מיט דע־קלאַראַציעס און מיט אַ קאַמף שיער נישט אויף טויט און אויף לעבן. דאָס דאָזיקע איז געשען לערך אין יאָר 1908. אין דער דאָזיקער גרופּע זענען אַריין ראובן אייזלאַנד, משה לייב האַלפּערן, זישע לאַנדוי, דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב און נאָך אַנדערע. דער געלערנטסטער צווישן זיי איז געווען ראובן אייזלאַנד און ער האָט געשריבן די דעקלאַראַציעס פון דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „יונגע" און וועמען מען נעמט היינט לייענען די דע־קלאַראַציעס זייערע, זעט מען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז סיי ווי געגאַנ־גען צו דעם, וואָס זיי האָבן פאָרגעלייגט, און זי האָט סיי ווי אָנגעהויבן זיך נוצן מיט איראָפּעישער פאָרם. דאָס איינציקע, צו וועלכן די יידישע לי־טעראַטור איז נישט צוגעשטאַנען און וואָס די „יונגע" האָבן פאַרלאַנגט איז געווען „קונסט לשם קונסט". צו דער דאָזיקער גרופּע זענען שפּעטער צוגע־שטאַנען י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, אייזיק ראַבאָי און אַנדערע. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן זיי, טאַקע וויל אייניקע האָבן פאַרלאַנגט, אַז ליטעראַטור בכלל און די יידישע ליטעראַ־טור בפרט זאָל נישט זיין בלויז עסטעטיש, נאָר אויך עטיש. די הויפּט־אָנ־הענגער פון אָט דער ריכטונג זענען געווען אָפּאַטאָשו און לייוויק, אָבער בלא יודעים איז דאָס אויך געווען משה־לייב האַלפּערן, וועלכער האָט קיין מאָל נישט געשאַפן בלויז „קונסט לשם קונסט" און האָט געהאַט אויך סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעען. אָבער דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן און ווען אַפילו די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי ריכטונגען, איז דאָך איר רעוואָלוציע אַריין מיטן רעכטן פוס אין דער שרייבערישער יידישער וועלט און די יידישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז אַן אידיי־אָמאַטישע און זי איז געוואָרן אויך אַ ראַפינירט אַקאַדעמישע. און ווען עס האָבן זיך שפּעטער באַוויזן יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער אידיאָמאַטיק, האָבן זיי דאָס געטאָן בכדי צו באַרייכערן זייער לשון, וויל נאָך נישט אַלע קוואַלן פון יידיש זענען אויסגענוצט געוואָרן אין דער עפּאָכע פון מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, רייזען, אַש און נאָמבערג. דאָס דאָ־זיקע האָט געטאָן פריער דער משל און קינדער־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג אין בעסאַראַביע און דאָס דאָזיקע טוט אין אונדזער צייט דער פּראָזע־שרייבער יצחק באַשעוויס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַלע „יונגע" האָבן פּונקט ווי די דערמאָנטע דריי אוקראַינישע שרייבער אַריינגעבראַכט אויך אַן אייגענע טעמאַטיק אין אונדזער ליטעראַטור און אויב אַלע אויסגערעכנטע האָבן זיך נישט פאַראייניקט אין גאַנצן מיט דעם געדאַנק, אַז ליטעראַטור דאַרף ביי אונדז טראָגן די אחריות פאַר קיום, האָבן זיי אָבער מיט דער צייט

אָנגענומען אויך דעם דאָזיקן געדאַנק און מען קען אַזאַ אחריות געפינען אויך ביי מאַני לייבן וואָס איז דער מוזיקאַלישסטער פון אַלע יידישע דיכטער און אויך ביים ראָמאַנען־שרייבער דוד איגנאַטאָוו. וועגן דעם אַז די דאָזיקע אחריות איז פאַראַן אויך ביי לייוויקן און אָפּאַטאָשון איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן. לייוויק האָט געהאַט אַ קליינע תקופה ווען ער האָט געזונגען „ווי עס זינגט דער פויגל אין וואַלד" און באַלד נאָך דעם האָט ער זיך אַליין גע־שטראָפט אַז ער האָט „פאַרדעקט בלוט מיט שניי" און זיין גאַנצע שאַפונג איז געוואָרן זאָרג פאַר דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק. און אין די מערסטע פון אָפּאַטאָשוס דערציילונגען און ראָמאַנען איז אויך פאַראַן זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק. ער האָט אָנגעהויבן מיט ראָמאַנען פון אונדזער צייט און פון פריער מיט אַ דור און ער איז צוגעקומען ביז צו בר־כוכבא אין רבי עקיבאס צייט און ער האָט געוואָלט דערגיין צום שורש פון דעם סוד פון דעם יידישן נישט אויפהערן...

ווען מיר זאָלן וועלן זוכן דעם תמצית, דעם סאַמע קאָנדענסירטן תמצית פון דער פּאָעזיע פון די „יונגע", וועלן מיר געפינען די היפּערמוזי־קאַלישקייט אין דריי סטראָפן פון מאַני לייב און אין צוויי תכלית־סטראָפן פון לייוויק. מיר וועלן די דאָזיקע ביידע ציטירן. מאַני לייב זינגט:

טויבן — שטילע, בלויע אונטערטונדן
שפּרייט פאַר מיר מיין אָוונט טרויס צעשפּרייטער —
איצטער... ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזן, מיינע וווּנדן —
איצטער שטאַרבט אין גאַסן דער געפּילדער,
טריט און ווערטער הילכן שטילער, ווייכער,
אויגן, בענקנדיק נאָך אויגן קוקן בלייכער,
הענט אין הענט געדריקטע ריידן עפּעס מילדער.
איצטער ווערט מיין בענקשאַפט גאָלד געצונדן,
הייסער איז מיין בלוט, מיין אויג ווערט ברייטער,
איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזן, מיינע וווּנדן.

און אָט זענען לייוויקס תכליתדיקע שורות:

אַ תושב אויף דער וועלט איז יעדער, יעדער,
אויף וועלכן לאַנד ער זאָל נישט שטעלן זיין פוס,
אָבער פילן אין פוס אויך לייכטקייט פון אַ פעדער,

אויך לייכטקייט פון אַ גר, דאָס איז שוין זכות.
און אָט די זכיה וועל איך נישט פאַרראַטן,
כאָטש עס פאַרראָטן זי אַלע אַרום,
אַלע כאַפּן זיך צום וועג צום גלאָטן
און דעם, וואָס גייט ביים זייט באַטראַכט מען קרום.

איך מיין אַז עס איז נישט נייטיק צו דערקלערן דעם זין פון לייוויקס שורות וואָס איז זייער אַ קלאָרער און איז אַ יידיש באַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַר אַלע יידן אין דער וועלט, וואָס ווילן בלייבן יידן. זיי דאַרפן גיין ביים זייט. די שיינקייט פון מאַני לייבס שורות איז אָבער נישט נייטיק צו דער־קלערן, אָדער עס וועט נישט העלפן. אָנווייזן וועלן מיר דאָך, אַז רויזן אַליין זענען באַנאַל און וווּנדן אַליין זענען אַנטי־עסטעטיש, אָבער ווען רויטע רויזן ווערן רויטע וווּנדע און רויטע וווּנדן ווערן רויטע רויזן, פאַרייניקט זיך דעם מענטשנס ליידן מיט זיין בענקשאַפט נאָך שיינקייט.

יעדנפאַלס איז קלאָר אַז בערגלסאָן, נסתר און האָפּשטיין אין רוסלאַנד און די גאַנצע גרופּע „יונגע" אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן געמאַכט אַ פאָרמאַליסטישע רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור און זי מזכה געווען מיט דעם בעסטן און שענסטן וואָס די אייראָפּעיִשע ליטעראַטור פאַר־מאָגט אין פאָרם און זיי האָבן זי דאָך נישט אָפּגעריסן פון דעם שורש. די יידישע ליטעראַטור איז געבליבן פאַרבונדן מיטן יידישן גורל. און ווען עס זענען דערנאָך געקומען נייע יידישע שרייבער אין פּוילן, ליטע, לעט־לאַנד, בעסאַראַביע און ארץ ישראל, האָבן זיי זיך שוין נישט געהאַלטן ביי די פּאָלעס פון די אבות פון דער יידישער ליטעראַטור און זייערע קינדער און שוין נישט גענוצט קיין אידיאָמאַטישע שפּראַך נאָר אַ ליטעראַריש לשון. אַזוי איז אין צפון־אַמעריקע צוגעקומען אַ באַדייטנדיקער דיכטער, וואָס שטאַמט פון בעסאַראַביע, ביי וועלכן עס האָט זיך פאַראייניקט יידישער תוך פון אַלע זיינע דריי היימען — בעסאַראַביע, ארץ־ישראל און צפון־אַמעריקע — מיט אַלוועלטלעכער פאָרם און ער האָט שוין געהאַט מוט צו וועלן שאַפן אַן אייגנאַרטיקע יידישע פאָרם. זיין נאָמען איז אפרים אויערבאַך. און אין פּוילן איז אויפגעשטאַנען אַ צאַלרייכער דור פון דיכטער און פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער אידיאָמאַטישקייט און גענוצט דורכויס לי־טעראַרישן לשון. מיר וועלן דערמאָנען בלויז געציילטע: יצחק קאַצענעלסאָן, דער העברעיִשער, יידישער דיכטער, וועלכער איז פאַרבליבן אין דער איי־ביקייט ווי דער קדוש פון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן, דער קדוש ישראל שטערן, משה בראָדערזאָן, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן אין סטאַ־

לינס רוסלאַנד און איז אַוועק פון לעבן ביים צוריקקומען קיין פוילן, ז. סעגאַ־לאָוויטש, וואָס האָט אויך געליטן פיין און האָט זיך געראַטעוועט קיין ארץ־ישראל און קיין צפון־אַמעריקע, מלך ראַוויטש, דער פילאָסאָפישער און עקס־פּרעסיאָניסטישער דיכטער, וואָס לעבט היינט אין קאַנאַדע, י. י. זינגער, וואָס איז אַוועק אין די פאַרייניקטע שטאַטן און ער איז יונג אַוועקגענומען גע־וואָרן פון לעבן, דער דיכטער אהרן צייטלין, וואָס האָט זיך אויך געראַטעוועט קיין צפון אַמעריקע. אָט די אַלע האָבן געניצט פאָרם ליטעראַרישע דורכאויס און זיי האָבן דערביי זיך געהאַלטן ביי דער גורלדיקייט פון דעם יידישן פאָלק. מיר וועלן דאָ אויך דערמאָנען אלתר קאַציזנע, אַ דיכטער, אַ דראַמאַ־טורג און אַ פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט געוואָלט זיין אַנדערש און האָט אין דער פאָרם נאָכגעמאַכט דעם צייט־גייסט, אָבער אין תוך איז ער געבליבן אַ שטאָלצער ייד. דער איינציקער פון אָט די שרייבער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אַ ליטעראַט דאַרף נישט האָבן קיין אידעען און אַז ער דאַרף זיין בלויז „פאַרוויילער", איז געווען י. י. זינגער, אָבער אויך ער האָט אין זיינע ראָ־מאַנען פאַקטיש אַ היפש ביסל זאָרג פאַר דעם גורל פון יידישן פאָלק. קיינער וועט נישט זאָגן אַז אין זיין „ברידער אשכנזי" און „משפחה קאַרנאָווסקי" איז נישטאָ קיין זאָרג פאַר דעם גורל פונם יידישן פאָלק.

דער דור, וואָס איז אין רוסלאַנד געקומען באַלד נאָך בערגלסאָן, נסתר און האָפשטיין און בראש פון וועלכע עס זענען געווען די דיכטער ש. האַלקין, פּרץ מאַרקיש, איזי כאַריק און איציק פעפער זענען אוודאי געוואָרן שרייבער אין אייראָפּעישן נוסח און באַזונדערס באַאיינפלוסטע פון דער רוסישער לי־טעראַטור. זיי זענען געצוווּנגען געווען נישט צו האָבן אין זייער תוך די זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק און זיי האָבן געמוזט שטעלן אין צענטער פון דער וועלט דעם גורל פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, אָבער זיי זענען געווען ענג פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק און דאָ און דאָרט האָט זיך דאָס ביי זיי אַרויסגערוקט און מען האָט צווישן די שורות געקאָנט ביי זיי אַרויסהערן זאָרג פאַרן יידישן קיום. ש. האַלקין האָט געזונגען נאָך אין זיין סאַמע אָנהייב:

„אַ ייד מיט אַ יידן —
און עפּעס געשען איז און עפּעס פאַרשידן..."

אין דער עפּאָכע פון צווייטן וועלט־קריג, ווען דער נאַציאָנאַליזם איז אין ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט געוואָרן ווי אַן אַנטיטעזע, האָט אַפילו אַזאַ היפּער־קאָמוניסטישער דיכטער ווי איציק פעפער געזונגען „איך בין אַ ייד". צו דערווייזן אַז פּרץ מאַרקיש איז געווען יידיש־נאַציאָנאַל איז נישט נייטיק.

מען קען דאָס דערווייזן מיט טויזנטער שורות. צו אַט די אויסגערעכנטע שרייבער און אַ סך נישט אויסגערעכנטע זענען צוגעקומען די שוין דערמאָנטע שרייבער בערגלסאָן, נסתר און האָפּשטיין, ווי אויך דער ייִדישער דיכטער פון ליטע משה קולבאַק, וואָס איז בלי שום ספק איינער פון די דריי־פיר גרעסטע ייִדישע דיכטער. איזי כאַריק און משה קולבאַק זענען אומגעבראַכט געוואָרן פריער, ווי אַן אַנזאַג אויף דעם אומגליק וואָס האָט געדאַרפט קומען. און די אַנדערע זענען אומגעבראַכט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די אכזריות פון דעם סטאַלין־רעזשים האָט דערגרייכט צום שפּיץ, און זיי דאַרפן אַלע באַטראַכט ווערן ווי ייִדישע קדושים ווייל זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן מחמת זיי זענען געווען ייִדיש־נאַציאָנאַל און זיי האָבן נישט איבערגעריסן די פעדעם מיטן גאָלדענעם פאָדעם פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

אין אַנדערע ישובים זענען אויך צוגעקומען שרייבער, וואָס האָבן אי־בערגעריסן מיט דער אידיאָמאַטיק. אין ישראל — דער דיכטער י. פּאַפּיערני־קאָוו, אין רומעניע, בוקאָווינע און בעסאַראַביע — דער דיכטער יעקב שטיינבערג, דער דיכטער און פּראָזע־שרייבער משה אַלטמאַן און דער גאָר באַרימט־געוואָרענער דיכטער איציק מאַנגער.

נייע ריכטונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור און חורבן־ליטעראַטור

מיט קיין צופיל שולעס צייכנט זיך די ייִדישע ליטעראַטור נישט אויס. ס'פעלן נישט צווישן ייִדישע שרייבער קיין אימאַזשיניסטן, קיין פוטוריסטן, אימפּרעסיאָניסטן און עקספּרעסיאָניסטן. אַפילו דאַדאַיסטן זענען אויך געווען, אָבער זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט אָרגאַניזירט אין קיין גרופּע. יעדער איז זיך געגאַנגען אין זיין וועג אַליין. דאָך זענען די „יונגע" נישט געבליבן די איינציקע ריכטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך דעם ווי די „יונגע" האָבן אָפּגעטאָן זייערס און אַריינגעפירט די ליטעראַרישע רעוואָלוציע, זענען זיי געוואָרן אויס יונג, אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמל־ביכער צוזאַמען און דערנאָך איז זיך יעדער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. און עס איז אין ניו יאָרק אויפגעקומען אַ גרופּע „אינטראָספּעקטיוויסטן", וואָס זענען געווען אונטערן איינפלוס פון אַ געוויסער ריכטונג אין די פּאַרייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד און זיי האָבן זיך באַלד געגעבן אַ ייִדישן נאָמען, זיי האָבן זיך גערופן „אינזיכיסטן" און זייער זשורנאַל האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „אין זיך". זיי זענען אין זין פון פאָרם אויך געווען אַנדערש ווי די „יונגע", זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ מער מאָדערניסטישע פאָרם. בעיקר האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט פון די

„יונגע" מיט דעם, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז די קונסט זאָל נישט זיין לשם קונסט, נאָר זי זאָל האָבן אַן אידייע. זיי האָבן זיך געהאַלטן סיי ביי דער סאָציאַלער אידייע און סיי ביי דער יידיש־נאַציאָנאַלער אידייע. ווי יעדע נייע ריכטונג האָבן זיי אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד קעגן זיך און אַ גאַנץ היפּשע קעגנערשאַפט. זיי זענען געווען גענוג סאָציאַל אַז זיי זאָלן קענען גיין האַנט ביי האַנט מיט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן קריגן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס אין די פאַר. שטאָטן, אָבער זיי זענען פאַר די קאָמוניסטן געווען צופיל נאַציאָנאַלע יידן און אין איינעם מיט אַ געוויסער חברשאַפט איז געקומען אויך צו אַ מחלוקת צווישן זיי און די קאָמוניסטן, וועלכע איז באַנייט און איבערגעריסן געוואָרן בסירוגין, אַז זענען זיי געווען חבר און אַז זענען זיי געווען ברוגז. פון דער דאָזיקער גרופּע זענען באַזונדער געבליבן אין דער יידישער פּאָעזיע די דיכטער יעקב גלאַטשטיין, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, אליעזר בלום (ב. אַלקוויט) — דער לעצטער איז אין זיינע לעצטע יאָרן געווען מער דערציילער ווי דיכטער. א. גלאַנץ־לעיעלעס איז דער באַשאַפער פון פאָרם אין קלאַסישן סטיל. ער שרייבט אין פערזן געשלאָסענע, מיט פעסטע גראַמען און די אימאַזשן זענען ביי אים מאָדערניסטיש. זי איז אָנערקענט ווי אַ גרויסע פאָרם־דערגרייכונג אין יידיש, וואָס האָט דערפירט דעם יידישן פערז צו דער מאַקסימאַלסטער שלימות. יעקב גלאַטשטיין איז געווען דער „ל'אַנפאַן טעריבל" פון דער דאָזיקער גרופּע, דער טעמפּעראַמענטפולער און שטורמישער באַזינגער פון יידן און יידיש און אַ דיכטער מיט אייגענע אימאַזשן און פאַנטאַסטישן פאַרנעם.

ביי דער זייט פון אַט דער ריכטונג, צווישן די „יונגע" און די „אינזיכיסטן" זענען אין ניו יאָרק צוגעקומען נאָך דיכטערס. מיר ווילן דערמאָנען ז. וויינפּער, וואָס איז די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן געווען אַ קאָמוניסט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע לייכטקייט פון פערז; און מיר ווילן דערמאָנען י. י. סיגאַל פון קאַנאַדע, וואָס איז דער אויסגעשפּראָכנסטער באַזינגער פון חסידיש און פון יידישן לשון און וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ הויכן פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע. עס האָבן זיך באַוויזן דיכטער און פּראָזע־שרייבער אין דרום אַפריקע, אַרגענטינע, וואָס זענען געווען באַאיינפלוסט סיי פון די „יונגע", סיי פון די „אינזיכיסטן" און סיי פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך באַוויזן אין ווילנע אַ גרופּע שרייבער און דיכטער וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „יונג ווילנע" און וואָס זענען נישט געווען געבונדן אין קיין איין אויסגעשפּראָכענער פאָרמאַליסטישער

ריכטונג, אָבער זיי זענען געווען אידעיִש נאָענט איינער צום אַנדערן. זיי זענען אַלע געווען אַזוי צי אַנדערש ליּנק געשטימט. ווער עס האָט געזאָגט אַז ער איז נאַציאָנאַל קאָמוניסטיש און ווער עס האָט געזאָגט אַז ער איז סתם קאָמוניסטיש. און עס איז געווען פאַרשטענדלעך. ווילנע האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי עק־וועלט און ווייטער האָט מען שוין נישט געקענט גיין. די גרענעץ מיט ראַטנפאַרבאַנד איז געווען געשלאָסן און זי האָט געררייצט. יונגע מענטשן האָבן געגלייבט אַז דאָרטן וועלן זיי לייזן אַלע זייערע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע, גייסטיקע און אינדיווידועלע פּראָבלעמען. פון דער גרופּע האָבן זיך אַרויסגערוקט איבערהויפּט צוויי גרויסע דיכטער, וואָס האָבן געקראָגן וועלט־נעמען. דאָס זענען: חיים גראַדע און אברהם סוצקעווער. צוויי אויסערגעוויינלעך פאַרשיידענע דיכטער, סיי אין זייער אויסערלעכקייט און סיי אין זייער תוך. גראַדע — אַ פעסטער, אַ דיקלעכער, אַ שווער־באַוועגלעכער, אַזוי ווי אַ ספינקס, סוצקעווער — אַן עלעגאַנטער, אַ הויכער, אַ לייכט־באַוועגלעכער, ווי אַ בעריאָזע. גראַדע שטאַמט פון דער מוסר ישיבה, סוצקעווער פון די מנחם־מענדל שיכטן. אין דער פּאָעזיע איז גראַדע אַ שווערער, אַן אַריינגעוואַקסענער אין יִדישקייט און סוצקעווער — אַ לייכטער און אַרויסגעוואַקסענער פון דער וועלטלעכקייט. גראַדע האָט די לעצטע יאָרן גענומען שרייבן פּראָזע אויך און האָט אָנגעשריבן אַ ריי ראָמאַנען וואָס זענען אַ פּראָבלעם, סוצקעווער שרייבט נאָר פּאָעזיע און אַפילו ווען ער האָט געפּרווט שרייבן פּראָזע, איז דאָס אויך געבליבן לויטער און זינגעדיקע פּאָעזיע.ביידע דיכטער זענען געווען בעת דער מלחמה אין ראַטנפאַרבאַנד און זענען דערנאָך אַוועק דורך פּוילן צו דער וועלט און גראַדע לעבט היינט אין צפון אַמעריקע און סוצקעווער אין ישראל. זיי האָבן דורכגעמאַכט פּאָליטישע טראַנספאָרמאַציעס און היינט זענען זיי אַפּאָליטישע יִדישע דיכטערס. מיר וועלן דערמאָנען שמערקע קאַטשערגינסקי ע״ה, וואָס איז געווען מער אַ ליד־שרייבער ווי אַ דיכטער און האָט אויך געפּרווט שרייבן פּראָזע און ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אָט דער גרופּע און טאַקע זייער נשמה. ער איז נאָך דער מלחמה אַוועק דורך פּאַריז קיין אַרגענטינע, ווו ער איז אומגעקומען פון אַן עראָפּלאַן־אַקצידענט. דיכטער פון פאַרנעם זענען אין אָט דער גרופּע געווען נאָך צוויי: לייזער וואָלף, וואָס איז אומגעקומען אין סיביר און א. וואָגלער, וואָס געפינט זיך אין פּאַריז. אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער פּאַבוליסט פון אָט דער גרופּע איז פּרץ מיראַנסקי, וואָס געפינט זיך אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. דער דיכטער און זשורנאַליסט שמשון קאַהאַן איז אומגעקומען, וועגן בענציע מיכטאָם, משה לעווין זענען קיין ידיעות נישט פאַראַן. עס איז געווען אַן אייגנ־

אַרטיקע גרופּע פון זייער טאַלאַנטירטע מענטשן, פּאַראייניקטע נאָר אין אי־דעיִשן תוך, אָבער נישט אין אופן פון שרייבן; זיי וואָלטן אַלע געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער אַ סך זענען אומגעקו־מען און זייער לעבן־געזאַנג איז איבערגעריסן געוואָרן און די געבליבענע האָבן קוים סימנים פון זייער יונג־ווילנער אָפּשטאַם. מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָס איז שוין די לעצטע גרופּע ייִדישע שרייבער, וואָס האָט זיך געשאַפן. עס איז אָבער צום גליק צוגעקומען שפּעטער מיט אַ סך יאָרן, נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דער גרינדונג פון מדינת־ישראל אַ גרופּע, וואָס רופט זיך „יונג־ישראל". זי באַשטייט פון יונגע שרייבער וואָס לעבן אין ישראל און צווישן זיי אַ גאַנצע ריי זייער טאַלאַנטירטע און צוזאָגנדיקע דיכטער און דערציילער, אָבער אַזוי ווייט גייען מיר נישט אין אונדזער אַרבעט. און מיר באַנוגענען זיך מיט דעם דערמאָנען, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע „יונג ישראל" אין אַ קיבוץ פון דער ייִדישער מדינה.

וואָס עס דאַרף מער דערמאָנט ווערן איז דער ביטערער גורל וואָס האָט געטראָפן דער ייִדישער ליטעראַטור: זי האָט געדאַרפט אויף אַ משך פון יאָרן און טאַקע צענדליקער יאָרן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חורבן־ליטעראַטור. זי האָט געדאַרפט באַוויינען און באַקלאָגן דעם חורבן פון ייִדישן פאָלק. אַ דריטל אין צאָל און אַ העלפט אין גייסט פון ייִדישן פאָלק איז אומגעקומען און זייער אַ סך ייִדישע שרייבער האָבן אויפגעהערט שרייבן, ווייל ס'איז פון זיי אַוועק, איבער דעם חורבן, דער שאַפונגס־גייסט און אַנדערע האָבן געשריבן די גאַנצע צייט נאָר וועגן חורבן און זיי האָבן כמעט נישט געקאָנט שרייבן וועגן עפּעס אַנדערש. עס איז נישט שייך צו נעמען אויסרעכענען די אַלע וואָס האָבן געשריבן חורבן־ליטעראַטור. דאָס דאָזיקע אַליין וואָלט געדאַרפט זיין אַ באַ־זונדערע אַרבעט און וואָלט פאַרנומען אַ גאַנצן בוך. אין דער פּראָזע האָט דעם טאָן געגעבן שלום אַש, וואָס ער איז דעמאָלט, חוץ דוד פּינסקי, געווען דער עלטסטער ייִדישער שרייבער. ער האָט דעם טאָן געשטעלט מיט זיין וווּנדער־לעכער דערציילונג „יתגדל ויתקדש..." און דערנאָך איז טאַקע אונטערגעקומען דוד פּינסקי און י. אָפּאַטאָשו מיט אַ גאַנצער ריי דערציילונגען וואָס שילדערן דעם חורבן. אין דער פּאָעזיע האָט דעם טאָן געגעבן ה. לייוויק מיט זיין בוך לידער „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען". מען קען דאָ נישט נישט דער־מאָנען יצחק קאַצענעלסאָן, דער העברעיִש־ייִדישער שרייבער, וואָס איז אויף ביידע שפּראַכן געוואָרן דער מקונן פון ייִדישן פאָלק, און ז. סעגאַלאָוויטש, איינער פון די באַקלאָגערס פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט געבראַכט דאָס שוידערלעכע וואָרט „נישטאָ"... מיר וועלן דאָך דערמאָנען יעקב גלאַטשטיין,

וועלכער האָט אין זיינע „שטראַלנדיקע ייִדן" געבראַכט דאָס גרויסע געזאַנג צו דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס לייוויק האָט אָנגערופן דער נס פון געטאָ. גלאַטשטיין האָט באמת געשריבן אַן אויסערגעוויינלעך געזאַנג צו די אויסגעדאַרטע און אויסגעטריקנטע ייִדעלעך, וואָס זענען געוואָרן שטראַלנדיקע ייִדן, „ווען נישט זייער קרבן וואָלטן מיר פאַר חרפה גע־שטאָרבן". אַ שטאַרקע שורה האָט אָנגעשריבן וועגן חורבן איציק מאַנגער: „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע". מיר וועלן נישט אויסרעכענען אַלע חורבן־מקוננים, ווייל אין בוענאָס־איירעס אַליין זענען שוין דערשינען אַריבער 160 ביכער וועגן דעם חורבן פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, בעסאַראַביע און רומעניע. דעם וועג צו דער חורבן־ליטעראַטור האָבן דורכגעבראָכן לייב ראָכמאַן און מ. שטריגלער.

מיר האָבן געמיינט, אַז עס וועט שוין אייביק בלייבן אַזוי און וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן חורבן וועלן מיר קיין מאָל נישט לייענען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער דאָס לעבן איז אַ פּנים שטאַרקער אַפילו פונם גרעסטן חורבן און דאָס ייִדישע לעבן פאַרנעמט איצטער אַ פּלאַץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור, דאָס לעבעדיקע ייִדישע לעבן, הגם די צאָל אָפּנעמער פון ייִדיש ווערט לײַדער וואָס אַמאָל קלענער און קיינער זעט נישט דערווייל קיין מיטל, אַז דאָס גיין באַרג־אַראָפּ זאָל זיך אָפּשטעלן.

דער ייִדישער שאַפונגס־כוח האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און עס קומען כסדר צו נייע און ייִדישע כוחות. זיי קומען צו אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין ישראל און מעגלעך אויך אין אַנדערע לענדער, אָבער די צאָל לייענער ווערט וויטער קלענער און קלענער.

*

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז דער ערשטער באַנקעט וואָס דער שרייבער פון אָט די שורות איז בייגעווען אין זיין לעבן, איז געווען סוף ווינטער 1910, אָנהייב 1911 אין אָדעס לכבוד מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן אָפיציעל 75 און פּאַקטיש אַ מאַן פון 84 יאָר. מען האָט געהאַלטן אַ סך אינטערעסאַנטע טאָסטן אויף יענעם באַנקעט. פאַר מיר איז דער אינטע־רעסאַנטסטער טאָסט געווען פונעם רוסיש־ייִדישן דיכטער שמעון פרוג. ער האָט געשילדערט די ייִדישע ליטעראַטור ווי „אַ וועג" וואָס איז נאָך פון קיי־נעם נישט אויסגעטראָטן און מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער ער־שטער וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין ייִדישן פערד און וועגעלע; דאָס פערדל איז געווען ייִדישלעך הונגעריק און קאַלטענעוואַטע, און ער האָט אויס־

געקלאַפּט דעם וועג אַזוי, אַז אין גיכן האָבן אַלע שוין געקענט פאָרן אויף אים. און מען איז געפאָרן. הונדערט יאָר איז מען געפאָרן ביז איצטער אויף דעם דאָזיקן וועג וואָס מענדעלע האָט גענומען אויסקלאַפּן אין יאָר 1864. און דאָס פאָרן איז נאָך נישט אָפּגעשטעלט. לויט דער סטאַטיסטיק פון פּראָ־פעסאָר א. א. ראָבאַק זענען היינט צו טאָג פאַראַן טויזנט יידישע שרייבער און די אַלע פאָרן אויף דעם וועג וואָס מענדעלע האָט אויסגעקלאַפּט און הגם נישט איין יידישער שרייבער פרעגט זיך היינט מיט די זעלביקע ווערטער, נאָר פאַראַפראַזירט „העברעיש" אויף „יידיש", וועלכע יהודה לייב גאָרדאָן האָט געפרעגט אין זיין צייט: „ווער ווייסט, צי איך בין נישט דער לעצטער פון די יידישע שרייבער", אָבער עס האַלט נאָך זייער ווייט פון סוף, הגם ביי קיין אָנהייב האַלט עס אויך נישט און ווען מען וועט מאַכן אַ ריכטיקן סך הכל פון דעם דאָזיקן וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יידיש אין די יאָרן 1864—1964, וועט מען אין דעם געפינען אַזוי פיל אייביקייט און אַזוי פיל לעבן, אַז עס וועט שוין בלייבן אויף אייביק לעבן...

בריוו פון דרום־אַפריקע

— 1. —

דער ערשטער אַריינקום

מיינע ליבע לייענער,

אַט שרייב איך אייך ווידער אַן ערשט בריוול פון וועג און דאָך נישט פון וועג... דאָס בריוול שרייב איך אייך פון יאָהאַנעסבורג, וואָס איז די גרעסטע שטאָט אין דרום־אַפריקאַנער לאַנד. נישט די הויפטשטאָט איז זי, די הויפּט־שטאָט פון אָט דעם לאַנד הייסט פּרעטאָריע, אָבער אַז מען רעדט פון דרום־אַפריקע, דערמאָנט מען קודם־כל יאָהאַנעסבורג. און ס'איז דאָ וואָס צו דער־מאָנען: עס איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ מיליאָן איינוווינער און אַ שיינע און ריינע שטאָט, אויף וועלכער ס'איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן. און זי האָט אַ שיי־נעם יידישן ישוב פון אַ 50 טויזנט איינוווינער.

— ווי קום איך קיין יאָהאַנעסבורג?

— מסתמא דערפאַר, וואָס איך הייס יעקב באָטאָשאַנסקי... אַ פאַקט איז, אַז די יידישע קולטור־פעדעראַציע, וואָס געפינט זיך בעיקר אין יאָהאַנעס־בורג, האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ ציקל לעקציעס.

— ווער איז די יידישע קולטור־פעדעראַציע?

— וואַרט אַ ביסל, איך וועל אייך נאָך דערציילן. לאָמיך אָנהייבן מיט דער רייזע פון סאַמע אָנהייב און גיין אַ גאַנג. קיין יאָהאַנעסבורג פאָרט מען פון בוענאָס־איירעס דורך אַן אַפריקאַניש לאַנד, וואָס הייסט סענעגאַל. אַ לאַנד, וואָס האָט זיך צוריק מיט אַ פּאָר יאָר באַפרייט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט און וואָס איז געבליבן אין גייסט אַפריקאַניש־פראַנצויזיש. די שפּראַך איז פראַנצויזיש, הגם די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אייגענע שפּראַכן און דיאַלעקטן. די הויפטשטאָט פון סענעגאַל הייסט דאַקאַר, אַ נישט גרויסע אַפריקאַנישע שטאָט, וואָס פּראָגרעסירט נישט צו שטאַרק אונטער דער אומ־אָפּהענגיקער הערשאַפט פון די אַפריקאַנער.

אַרויסגעפאָרן פון בוענאָס־איירעס בין איך מיט אַן עראָפּלאַן, אַרום האַלב צוועלף אַזייגער פאַר מיטיק, אָנגעקומען בין איך אַרום האַלב איינס ביינאַכט. — אָבער אין בוענאָס־איירעס איז נאָך דעמאָלט געווען מיט 4 שעה פריער — האַלב ניין. אויפן זייגער זענען מיר געפלויגן דרייצן שעה; אויף דער צייט זענען מיר געפלויגן ניין שעה. געשטאַנען זענען מיר אין מאָנטעווידעאָ, סאַן־

פּאָולאָ און ריאָ־דע־זשאַניירא לכל הפּחות 2 שעה. זענען מיר אין סך־הכּל געפלויגן אַ 7 שעה פון בוענאָס־איירעס ביז אין דער מיט פון אַפריקע. אָבער צעבראָכן געווען זענען מיר, גלייך ווי מיר וואָלטן געזעסן אָנגעבויגן אין אַ וואָגן אַ קאַרגן מעת־לעת. און ווי העלדיש מען זאָל נישט זיין בעת דעם פליען, געדענקט מען דאָך, אַז מען איז ביי גאָט אין די הענט...

אין וועג זענען מיר געווען דווקא אַ סך פּאַסאַזשירן, אָבער ביז מיר זע־נען אָנגעקומען, זענען מיר געבליבן צוויי־דריי פּאַסאַזשירן. מיר האָבן זיך געפּרוּווט האַלטן אינאיינעם, אָבער ס'איז נישט געראָטן. אין אויטאָבוס, וואָס האָט אונדז צוגעפירט פון עראָפּלאַן אין צאָל־אַמט זענען מיר נאָך געווען אינ־איינעם, נאָר דערנאָך זענען מיר צעטיילט געוואָרן. מען האָט אונדז יעדן איי־נעם געגעבן אויסצופילן אַ פּאַפּיר, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ גאַנצע ריי פראַגן, ווי: ווען און ווו געבוירן, וואָס פאַר אַ בירגער, פון וואַנען דו קומסט, וווהין דו פאָרסט. און נישט ביי יעדן האָט דאָס שרייבן געדויערט אַלצאיינס. איך האָב געשריבן אַזוי, אַז דער אָרטיקער באַאַמטער איז געווען איבער־צייגט, אַז קיליע איז אַ שטאָט אין אַרגענטינע און בעסאַראַביע איז אַ „דע־פּאַרטאַמאַן" (פּראָווינץ) אין אַרגענטינע. מען האָט געהייסן עפענען דאָס רענצל און אַז מען האָט געעפנט, האָט מען גאָר נישט געקוקט און געהייסן צוריק פאַרמאַכן.

— וועגן וואָס־זשע האָסטו געהייסן עפענען?

— האָסטו אַן עוולה...

גערעדט האָט מען פראַנצויזיש, אָבער אַז עמיצער האָט געענטפערט אויף ענגליש, האָט מען געענטפערט ענגליש. ווייל איך נישט זאָגן, אַז די סענעגאַ־לער באַאַמטע, וואָס זענען שוואַרץ „ווי געפּוצטע שטיוול", קענען ווערלענען, באָדלערן, אַנאַטאָל פראַנסן און שעקספּירן, בייראָנען, שעלי און קיטס, אָבער זיי ריידן פראַנצויזיש און ענגליש. פראַנצויזיש איז זייער מוטער־שפּראַך, ענגליש איז זייער וועלט־שפּראַך. צו שפּאַניש האָבן זיי נישט גע־גרייכט, הגם שפּאַניש איז דאָך אויך אַ וועלט־שפּראַך, אַפילו אַן סערוואַנטעסן...

איבערגעקוקט די פּאַפּירן, „איבערגעקוקט" דעם באַגאַזש און געהייסן פאָרן.

— וווהין?

— אין האָטעל אַריין.

צום האָטעל האָב איך געהאַט אַ פּאַפּיר, אַז די אַוויאַציע־געזעלשאַפט צאָלט פאַר מיר צוויי נעכט און אַנדערטהאַלבן טעג שלאָפן און עסן, ווייל ביז וואַנען עס וועט אָנקומען דער עראָפּלאַן, וואָס גייט פון ניו־יאָרק קיין יאָהאַנעסבורג,

דאַרף געדויערן אַנדערטהאַלבן טעג. כאַפּט אַ טרעגער מיין וואַליזע מיטן טאַש און ער טאַסקעט זיי ווי אַ רוח אַ מלמד ביז אין אַ טאַקסי. גיב איך דעם טרע־גער אַן אַרגענטינער הונדערטער, פרעגט ער וואָס פאַר אַ געלט דאָס איז; זאָג איך אים, אַז אַרגענטינער; זאָגט ער מיר, אַז אַרגענטינער געלט נעמט ער נישט. האָב איך נישט קיין אַנדער געלט, איך האָב טראַוולער־טשעקס פון צום ווינציק־סטן 10 דאָלער. אַזוי פיל וועל איך אים דאָך נישט געבן. זאָגט ער, אַז אין האָ־טעל וועל איך אויסבייטן, וועל איך אים אָפּשיקן מיטן שאָפער. און מיר פאָרן. עס איז גוט צו זאָגן: „מיר פאָרן". ס'איז פינצטער חושך און אַרום איז אַ וויסטע. מען זעט ליכטער, אָבער גאַנץ ווייט. און דו קלערסט זיך: וואָס טוט מען, ווען דעם שאָפער פאַלט־איין, אַז איך פיר מיט זיך אַ מאַטניאַ מיט געלט און ער קען מיך דערליידיקן און צונעמען ביי מיר דאָס געלט. עס וועט זיך טאַקע אָנהייבן אַ מעשה מיט זוכענישן פון דעם „פאַרשווונדענעם פּאַסאַזשיר" און מען קען סוף־כל־סוף קומען איבער אים, אָבער אַן איבערפּאַלער טראַכט דאָך על פי רוב נישט וועגן דעם, אַז מ'קען אים כאַפּן... און איך האָב געטראַכט אַ מאָדנע טראַכ־טעניש:

— ווען איך בין געפלויגן אין עראָפּלאַן, האָט עפּעס אין מיר זיך גע־שראָקן, אַז מ'קען אַראָפּפאַלן, כאָטש דער פּילאָט איז אַ געלערנטער און פאַר־זיכטיקער מענטש. און דאָ האָב איך זיך געטרויט צו עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, אַ שוואַרצן. אפשר זענען שוואַרצע פון דער נאַטור ווייניקער גנבים און מערדער ווי ווייסע, אָבער זיכער איז עס נישט. מיין פרוי האָט געזאָלט פאָרן מיט מיר. אוי, ווי זי וואָלט זיך געווען געשראָקן בעת יענער „יאַזדע"...

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און „דער פאַרשווונדענער פּאַסאַזשיר" איז אָנגעקומען אין אַ גרויסן האָטעל, צו וועלכן מען גייט אַרויף אויף ברייטע טרעפּ, אַזוי ווי צו אַן אַלטמאָדישן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען שטאַרק באַלויכטן און ער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרכישופטער. עס איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. איך האָב אויסגעביטן אַ 10־דאָלאַר טשעק און געקראָגן אַרטיק געלט. לערך האָב איך געדאַרפט באַצאָלן דעם שאָפער אַ האַלבן דאָלאַר. האָב איך אָפּגעשיקט דעם טרעגער און איך בין שוין קיינעם נישט שולדיק געווען. און איך האָב זיך געפילט גוט אין סאַמע מיטן אַפריקע, נישט צו זיין שולדיק קיינעם גאָרנישט, נישט אַפילו „דעם גוי פאַר מילך". נאָר גאָט די נשמה בין איך געווען שולדיק. דעם שוואַרצן מיטן ווייסן כאַלאַט, וואָס האָט מיר אַרויפגעטראָגן די וואַליזקע, האָב איך אויך באַצאָלט אַ קאַרגן האַלבן דאָלאַר. מען האָט מיר געגעבן אַ צי־מער אויפן 2טן שטאָק — אויבן דאָס בעט און בכלל דאָס שלאָפצימער, אונטן — דאָס באָדצימער און אַ צימער אויפצונעמען געסט. מיד בין איך געווען,

הייס איז מיר געווען, אַזוי ווי עס קען זיין אַזאַ מענטשן ווי איך אין מיטן אַפ־ריקע. האָב איך געמאַכט דאָס וואָס מען רופט אין נאָרד־אַמעריקע — אַ שפּריץ, און אין אַרגענטינע — אַ דוש. בין איך געוואָרן מיד און איך האָב זיך געלייגט אין בעט אַריין. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב אָנגעהויבן דרימלען. הער איך ווי מען קלאַפּט. אַ טויבלעכער בין איך, דאָך האָב איך גע־הערט קלאַפּן. זיך מאַכן נישט הערנדיק, האָב איך נישט געקענט. און אפנים, אַז איך בין שוין געווען צו מיד און צו איבערגעשראָקן פאַר אַפריקע... איך האָב ווידער געגומען איבערקלערן, אַז ווער ווייסט וועגן וואָס מען איז געקומען צו מיר. איך האָב געדאַרפט וויסן, אַז אין אַזאַ גרויסן האָטעל, וואָס געהערט דערצו צו „עיר פראַנס", קען גאָר נישט געשען. און ס'איז טאַקע גאָרנישט גע־שען. איך האָב געעפנט די טיר און ס'האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן אַ הויכ־כער פאַרשוין, אַ שוואַרצער נאַטירלעך, מיט אַ כאַלאַט רויט ווי פייער און מור־ראדיק לאַנג. דער פאַרשוין האָט אויסגעזען ווי אַ סטראַשידלע. ווען מיין מאַמע זעט אַזאַ פאַרשוין, שרייט זי אויס „שמע ישראל". איך האָב אים געפרעגט אויף פראַנצויזיש וואָס ער וויל און ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי פאַפירלעך, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ רעכט אויף צוויי גרויסע מאָלצייטן. וועגן וואָס מען האָט אים געדאַרפט שיקן אַזוי שפּעט ביינאַכט מיט די פאַפירלעך, האָב איך לכתחילה נישט געוווּסט.

איך בין אַזש גרייט געווען צו פרעגן ביי די לייענער, צי זיי וויסן. אָבער איך האָב זיך דערמאַנט, אַז ווען איך בין אָנגעקומען אין האָטעל אַריין און איך האָב דעם מענעדזשער, אָדער באַאַמטן, דערלאַנגט דאָס פאַפיר פון דער קאָמ־פּאַניע, האָט ער מיר געזאָגט אויף ענגליש: „אַ פּעי" — דו צאָלסט. האָב איך אים געענטפערט, אַז די קאָמפּאַניע „פּעיעט" — צאָלט הייסט עס. איז די זאַך געבליבן הענגען. האָט ער מסתמא דערווייל גוט איבערגעלייענט דאָס פאַפירל און זיך איבערצייגט, אַז איך בין גערעכט און ער האָט מיר געשיקט זאָגן, אַז נ״שט נאָר וועל איך נישט צאָלן פאַרן שלאָפן, נאָר אויך נישט פאַרן עסן. די שוואַרצע סטראַשידלע מיטן רויטן מאַנטל איז אַוועק פון דער טיר און איך בין אַוועק אין מיין רו אַריין. איך בין שוין אָבער געווען וואַך, און אַז איך האָב זיך געלייגט, האָבן זיך די מאָסקיטן אַ נעם געטאָן צו מיר און דערפילט אַ גע־שמאַקן טעם אין מיין פלייש, און דאַוואַי בייסן אויף וואָס די וועלט שטייט. און איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און געעפנט דעם „מאָסקיטער" און מיך אַרומגעהילט מיט אים. עס איז מיר געווען הייס, אַזוי ווי אין אַ שוויצבאָד, אָבער ס'האָט נישט געביסן. ווען איך האָב אָנגעהויבן דרימלען, איז דער זייגער שוין געווען נאָך דריי. אין בוענאָס־איירעס האָט, לויטן חשבון, געדאַרפט ערשט זיין אַרום עלף אַזייגער. נאָך נישט קיין פולע 12 שעה זינט איך בין

אַרויסגעפֿאָרן. אָבער וויפֿל איך האָב איבערגעלעבט פֿאַר די קאַרגע 12 שעה, און וויפֿל האָב איך זיך אָנגעפּלאָגט און אָנגעמוטשעט! און עס איז ערשט אַ דריטל וועג און איך האָב מיר געזאָגט:

— אָט דאָס האָט מען, ווען מען וויל זיין אינטערעסאַנט פֿאַר די לייענער. וויל, וועגן וואָס האָב איך זיך געלאָזט אַזש קיין דרום־אַפֿריקע? קיין גרויסע גליקן וועל איך נישט מאַכן. אויב דאָרטן זענען פֿאַראַן ייִדן וואָס האָבן גאָלד, אָדער בריליאַנטן־מינעס, וועלן זיי מיר זיי נישט אָוועקגעבן, נאָר וואָס? איך בין נאָך אַלץ אַ נאַר און איך וויל אַזוי געפֿעלן די לייענער, אַזוי ווי אַ כלה וויל געפֿעלן אַ חתן.

ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, בין איך געווען אין אַ טייך שווייס. ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. דורכן פֿענצטער האָב איך געזען, אַז מען בראָט זיך אויף דער פּליאַזשע, וואָס ביים האָטעל. דער זייגער האָט געהאַלטן צען. אין בוענאָס־איירעס איז געווען זעקס. לויטן חשבון בין איך געווען 18 שעה אונטערוועגס, אָבער איבערגעלעבט האָב איך וועדליק אין וואָכן. און צעביסן פֿון די מאָסקיטאָס בין איך אויך געווען. איך האָב מיט אַ דוש אַרויסגעוואַשן פֿון זיך די גאַנצע מידקייט און איך האָב אַ זאָג געטאָן בקול־רם:

— אין אַ מזלדיקער שעה! איך בין אין אַפֿריקע!

— 2 —

דער מענטש איז נישט בסדר

דער האָטעל אין וועלכן איך געפֿין זיך אין דאַקאַר, געפֿינט זיך אַליין נישט אין... דאַקאַר. ער געפֿינט זיך אַ האַלבע שעה פֿון דער שטאָט, נישט ווייט פֿון עראָדראָם און פֿון דעם ים־אויסגוס. דאַרף איך זיין אין שטאָט צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס בין איך דאָך דער וואָס איך בין, אַנדערש גערעדט: „דער וואָס קוקט". איך פֿאָר דאָך אויף צו קוקן. צווייטנס: דאַרף איך דאָך פֿאָרן ווייטער און איך דאַרף דאָך זיך צונויפֿריידן מיט „פּאַן אַמעריקאַ", וואָס נעמט מיך פֿון דאַקאַר קיין יאָהאַנעסבורג, בכדי צו וויסן, צי מען וועט מיך קומען נעמען אין עראָדראָם, אָדער איך דאַרף אַליין קומען אַהין. איז מילא, דאָס צווייטע דאַרף מען נישט דווקא טאָן פּערזענלעך, מ׳קען דאָךריידן טעלעפֿאָניש אין דער עראָפּלאַן־קאָמפּאַניע, אָבער דאָס ערשטע קען מען דאָך טעלעפֿאָניש נישט מאַכן. איר

האָט שוין אַ מאָל באַקוקט אַ שטאָט טעלעפאָניש. — דאַרף מען נעמען אַ טאַקסי.

זענען דווקא דאָ טאַקסיס וויפל מען וויל. זיי שטייען פון פאָרנט פון האָ־טעל און אינעווייניק אין זיי זיצן שוואַרצע שאָפערן. אַלץ הייסט שוואַרצע — מעט זעט זיי קוים אָן, ווען זיי זיצן אין די אויטאָס. און איך ווייס דאָך שוין פון דער נעכטן ביינאַכטיקער פּראַקטיק, אַז פאַר קיין שוואַרצע שאָפערן איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. זיי הרגענען נאָר מאָסקיטאָס. אַלע מאָל דערלאַנגט זיי אַ ביס אַ מאָסקיטאָ און זי באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. צעביסן פון די מאָסקי־טאָס בין איך מער ווי די אָרטיקע. די מאָסקיטאָס האַלטן אָפּנים פון דעם כלל: „לנכרי תשיך, לאחיך לא תשיך” — אַ פרעמדן זאָלסטו בייסן, קיין ברודער זאָלסטו נישט בייסן. הייסט, אַז די מאָסקיטאָס בייסן די אייגענע, בייסן זיי דאָך די פרעמדע אַוודאי, זענען מיר קאָלעגן. האָלט עס שוין נישט ווייט, אַז איך זאָל זיך אַריינזעצן אין אַ „קאַר” און זיך הייסן פירן; פאַלט מיר דאָך איין, אַז איך זאָל פרעגן: „מה יקר” פאַר אַ פאָר אין שטאָט אַריין און צוריק. זאָגט ער מיר אַ סומע אין פראַנקן, וואָס אין דאָלאַרן מיינט עס אַריבער צען דאָלאַר. ווייזט עס מיר אויס אַ ביסל צו טייער. קרוב צו צוויי טויזנט פעזעס פאַר אַ שפּאַציר אין שטאָט אַריין צוליב די... ליקענער. וואָרעם דער ענין פאָרן אַראַנ־זשיר איך לייכט טעלעפאָניש. כאַפּ איך זיך אַ דינג מיט אים און איך דינג אַראָפּ אַריבער 4 דאָלאַר און די רייזע מאַכט שוין אויס עפּעס אַריבער אַ טויזנטער. אויפן וועג קרעכצט ער, דער שאָפער, ער פאָרט פאַר צו ביליק, ער וויל כאָטש נאָך אַ פראַנק, וואָס באַטרעפט אַ 40 ב״אַמעריקאַנער סענט. דערלייג איך שוין צו דעם דאָזיקן פראַנק און איך פרעג אים דערפאַר, צי זינט סענעגאַל איז געוואָרן „ענדעפּנדאַן” — אומאָפּהענגיק הייסט עס — פאַרדינט ער מער. באַטראַכט ער מיך מיט אַ מאָדנעם בליק און ער גיט אַ זאָג:

— סע לאַ מעם שאָס. (ס'איז די זעלביקע זאַך).

און איך האָב דעם איינדרוק, אַז ווען דער דאָזיקער שאָפער וואָלט געקענט דייטש און ער וואָלט געוווּסט ווי אַזוי דייטשן זאָגן די דערמאָנטע פראַזע, וואָלט ער אויך געזאָגט:

— סע לאַ מעם שייס...

פרעג איך אים אַלץ אויף דעם סמך, וואָס איך האָב אים צוגעזאָגט מער מיט אַ פראַנק ווי איך האָב זיך באַדונגען: אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ פּריווילע־גיעס די „ענדעפּענדאַנס” האָט געגעבן; ענטפערט ער, אַז עס איז אַ געפיל־זאַך, אַ סענטימענטאַלער ענין. און ער לאָזט זיך אויפן שאָסיי. מען דאַרף דאָך פאָרן בלויז אַהין אַ האַלבע שעה. און ביי זיך פרעג איך זיך:

ווי וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען אָט דער שאָפער געפינט זיך בעת מען

האָט דערקלערט די אומאָפּהענגיקייט פון סענעגאַל נישט אין לאַנד, נאָר אין אויסלאַנד און ער וואָלט זיך דערנאָך דערוווּסט, אַז מ׳קען אין אייגענעם לאַנד נישט פאַרדינען בעסער, וואָלט ער אַהיים געפאָרן?

— פאַרוואָס איך האָב אַזוי געקלערט?

— אפשר, ווייל איך האָב זיך געוואָלט קריגן מיט בן־גוריונען און אים זאָגן און דערווייזן, אַז גויִים און שוואַרצע אַפילו וואָלטן נישט בעסער געווען ווי די ייִדן... און אפשר אויך צו דערווייזן, אַז דערווייל האָט די אומאָפּהענגי־קייט פון די אַפריקאַנער לענדער נאָך נישט געבראַכט קיין גליקן די אַפריקאַ־נער מאַסן און דער דאָזיקער אַפריקאַנער, ס׳הייסט דער אַפריקאַנער בכלל, וואָס האָט פריִער נישט געהאַט קיין פּרנסה, האָט איצטער אויך נישט קיין פּרנסה. מ׳קען זיך נאָך איצטער אויך שלאָגן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט, אָבער עסן קען מען זי נישט.

און מיר זענען אַריינגעפאָרן קיין דאַקאַר. איך הייס מיין שאָפער פאָרן לאַנגזאַמער, ווייל איך וויל אַרויסקוקן דורך דעם פענצטער אויף דער שטאָט. איך ווייס אַז איך ריזיקיר, אַז ער זאָל ביי מיר בעטן נאָך אַ פראַנק, אָבער איך טו דאָס. ער זאָגט מיר, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זען, ס׳איז נישט געוואָרן אַנדערש ווי געווען. די שטאָט וואַקסט נישט. ער דרייט זיך צו מיר אויס און ער פרעגט מיך, צי איך בין שוין אַמאָל געווען אין אָט דער שטאָט. איך דער־מאָן זיך, אַז אין 1930, און איך זאָג אים דאָס. ענטפערט ער:

— ס׳האָט זיך גאַרנישט געביטן זינט דעמאָלט. מען פראָגרעסירט ווי טשערעפּאַכעס...

און איך קוק טאַקע אויף דער שטאָט. אַ קאָלאָניאַלער סטיל, אַן אַלטמאָ־דישער. דאָ און דאָרט, זייער זעלטן, כאַפּט זיך אַרויס אַ מאָדערנע געביידע, וואָס זעט אויס ווי אַ זיידענע לאַטע אויף אַן אַלטער קאַפּאָטע. אויטאָס זעט מען מערער ווי אַמאָל, אָבער אין די מערסטע אויטאָס יאָגן זיך ווייסע.

— וואָס יאָגן זיי זיך אַזוי?

— אפשר איילן זיי זיך, אַז די שוואַרצע זאָלן זיי נישט באַווייזן אַרויסצו־יאָגן...

מיר פאָרן צו צו דער „פּאַנאַמעריקען" און דאָרט זאָגט מען מיר, אַז דער עראָפּלאַן, וואָס גייט פון ניו־יאָרק קיין דאַקאַר, גייט אַוועק מאָרגן אין דער פרי 7 אַזייגער קיין יאָהאַנעסבורג, און זעקס אַזייגער וועט מען קומען אין האָטעל אַריין אונדז נעמען. מיר דרייען זיך אַרום איבער דער נישט־גרויסער און נישט־שיינער שטאָט און איך קוק און זע, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו קוקן און נישטאָ וואָס צו זען און איך קער זיך אום אין האָטעל אַריין. עס איז שוין מיטיק־צייט און איך עס אַ פראַנצויזישן מיטיק מיט אַ סך זאַלץ, פעפער און עסיק. איך טו

דאָס חלילה נישט אויף צו להכעיס מיינע דאָקטוירים, נאָר ווייל איך האָב קיין ברירה נישט. עס איז דאָך שוין נאָך יום־כיפּור און עס איז נישטאָ פאַרוואָס צו פאַסטן. דאָס פּיקאַנטע עסן און די היץ טוען זיך זייערס און מיך דורשט דער־נאָך אַ גאַנצן נאָכמיטיק; עס דורשט אַזוי, אַז עס לייענט זיך נישט און עס טוט זיך איבערהויפּט גאָרנישט. לייג איך זיך צו שלאָפן און איך שלאָף אָפּ דעם גאַנצן בייטאָג. און איך פיל ווי די צייט ווערט מיר צעדרייט. ווען איך האָב געגעסן מיטיק, איז געווען איינס אַזייגער אין דאַקאַר, אָבער אין בוענאָס־איי־רעס איז ערשט געווען 9 אַזייגער. ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון נאָכמיטיק־דיקן שלאָף, איז דאָ געווען שוין זעקס פאַרנאַכט און די זון האָט שוין אָנגע־הויבן אַריינפאַלן אין ים אַריין און אין בוענאָס־איירעס איז ערשט געווען 2 אַזייגער. איך בין עלטער געוואָרן אויף 4 שעה אָן אַ פאַרוואָס. און איצטער בין איך שוין געווען אין גאַנצן אויסגערוט און איך האָב געקענט זיך אַרומ־קוקן און זען וווּ איך בין אין דער וועלט.

דער האָטעל איז געווען אין גאַנצן באַזעצט פון פּראַנצויזן, וואָס זענען געקומען אויף אָפּרו. זיי זענען דעם גאַנצן אין דער פרי געלעגן ביים ים. די אַפריקאַנער זון האָט זיי דורכגעבראָטן דורך און דורך. דער אַפריקאַנער ים האָט זיי געוואַשן דורך און דורך. פאַרנאַכט־צו האָב איך זיי נאָך ווידער גע־טראָפן ביים ים. געווען זענען דאָרט על פּי רוב יונגע מענער מיט יונגע פרויען. קען זיין, אַז אייניקע פון זיי זענען דאָ געווען אין די כשרע האָניק־חדשים. עס זענען אָבער געווען אויך מיטליאָריקע און אַפילו עלטערע מענער מיט יונגע פרויען און זיי זענען געווען אין די... טריפהנע האָניק־חדשים.

ביי דער פּליאַזשע איז פאַראַן אַ באַר, וווּ מען כאַפּט אַ טרונק נאָכן באָדן זיך. איך האָב זיך דאָרט אַנידערגעזעצט און זיך געהייסן געבן אַ סתם קאַלטן טרונק. עס איז געווען צו הייס צו טרינקען אַן אַלקאָהאָלישע משקה. די פראַנ־צויזישע מענער האָבן יאָ געטרונקען אַלקאָהאָלישע משקהס. די פרויען האָבן געטרונקען קאָקאַ־קאָלאַ, אָדער עפּעס אַזאַ געטראַנק, וואָס הייסט „פּאַנפּאַ" און דערמאָנט אין אונדזער „קרוש". עס איז אומעטום איין וועלט, כאָטש ס'איז אַנ־דערש. די היץ איז ביים זון־פאַרגאַנג נאָך געווען אומדערטרעגלעך און די מאָס־קיטאָס האָבן געטאָן זייערס. זיי האָבן געביסן וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. די פראַנצויזקעס האָבן שעמעוודיק און וואַזשנע זיך געקראַצט. און איך האָב נישט צו גוט פאַרשטאַנען אין וואָס עס איז באַשטאַנען די מציאה פון קומען אַהער אויף וואַקאַציעס. און אַז זיי זענען דאָ געווען אויף וואַקאַציעס איז פאַר מיר געווען אויסער יעדן ספק. ווען זיי וואָלטן געווען קאָמאַנדירט אַהער אויף אַרבעט, וואָלטן זיי נישט געלעגן אַ גאַנצן טאָג ביים ים. און איך האָב זיך די־

זאַך דערקלערט פּשוט: מען קומט אַהער אויף וואַקאַציעס, ווייל מען וויל שיסן צוויי האָזן אויף אַ מאָל — אי זיך אויסרוען, אי אָנקוקן אַן עקזאָטיש לאַנד. דער מענטש וויל נישט בלייבן שטענדיק אין זיין אייגענעם קרייז. אָט ווילן מיינע לייענער, אַז איך זאָל פאָרן...

איך שטרענג זיך אָן צו כאַפּן עפּעס פון די שמועסן וואָס ווערן דאָ געפירט און קיין געוואַלדיקע זאַכן דערוויס איך זיך נישט. מען רעדט וועגן דער זון און וועגן דעם ים. און מען רעדט וועגן דעם, וואָס מען וועט טאָן אין אָוונט. ווער עס רעדט וועגן שפּילן אַ פּאַרטיע ביליאַרד און ווער — וועגן אַ קערטל. די פרויען גענעצן אונטער. עס אינטערעסירט זיי נישט. איך דערמאָן זיך פּרצעס „אין פאַסט־וואַגאָן", ווו עס רעדט זיך וועגן דעם, וואָס עס זענען פאַראַן צוויי וועלטן: אַ מענערישע וועלט און אַ ווייבערישע וועלט. אויך אין דעם פּרט איז אור־מעטום איין וועלט. אָט וועלן די מענער אין שפּעטערן אָוונט שפּילן ביליאַרד, און וואָס זאָלן טאָן די יונגע פראַנצויזקעס, זייערע ווייבער — קוקן און זיך לאַנגווייליקן?

און ס'האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און עס איז אַזוי געווען: מען איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסן עס־צימער, וואָס האָט געשמעקט מיט אָדעקאָלאָן, משקה און מאכלים. די קעלנערס זענען אַלע, באַטירלעך, געווען שוואַרצע. זיי האָבן אַלע געטראָגן ברייטע, העל־בלויע הויזנס, פאַרבויגענע ביי די פיס, און ווייסע העמדלעך, וואָס האָבן בולטער געמאַכט די שוואַרצקייט פון זייערע פּני־מער. אויף די ווייסע העמדלעך האָבן זיי אַלע געטראָגן רויטע וועסטלעך. די ווייסקייט פון די העמדלעך און די רויטקייט פון די וועסטלעך האָבן בולט געמאַכט די שוואַרצקייט פון זייערע פּנימער. איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז זיי זעען אויס צו־עלעגאַנט אין זייערע אוניפאָרמען. מען וואָלט זיי געקענט אַזוי אָנטאָן, אַז די יוגנטלעכע שלאַנקייט זייערע זאָל ווערן בולט און די שוואַרצקייט זאָל זיך נישט אַזוי אָנזען. פאַראַן אַ שלאַבערדיקייט אין די באַציונגען פון די קעלנערס צו די קליענטן. אויפגעלעבט ווערן זיי ערשט ווען זיי דערלאַנגען די קאַווע און זיי וואַרטן אויף דעם טרינק־געלט.

דאָס אָוונט־ברויט האָט נישט לאַנג געדויערט און נאָך אַ קורצן שפּאַציר, האָבן זיך מענער גענומען קאָנצענטרירן אַרום די ביליאַרדן און ווייבער האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי די טישלעך אין דער נאָענט, געזופּט עפּעס אַ משקה, זיך געלאַנגווייליקט און אונטערגעגענעצט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אייניקע פון די ווייבער האָבן זיך צערוקט אין די פאַרשידענע זייטן פון האָטעל און גע־לייענט ביכלעך. מסתמא זענען דאָס געווען פּיקאַנטע ראָמאַנען, וואָס האָבן זיי אַוועקגעפירט אין וועלטן פון אַוואַנטורעס און צעשפּילטעליידנשאַפטן. איך

האָב מיר געפּרוווט אויסטראַכטן די אינהאַלטן פון די ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן געליינט. געוויס זענען דאָרט באַשריבן ליבעס צווישן פּרעמדע מענער און פרויען.

עס האָט ערגעץ געשלאָגן אַ זייגער. עס איז געווען עלף ביינאַכט. איך האָב נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן, אַז אין בוענאָס־אײרעס איז ערשט זיבן. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין שטאָט אַריין אין אַ קאַבאַרעט. איך בין אַריין אין דער גרופּע. מיר האָבן בשותפות געדונגען אַן אויטאָ און געפאָרן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מער ווי דריי קאַבאַרעטן זענען אין דאַקאַר נישט פאַראַן און אַלע האָבן ענלעכע פּראָגראַמען און ענלעכע געסט. אַ ביסל מאַטראָסן, אַ ביסל שוואַרצע און אַ ביסל אַזעלכע, וואָס זענען אויף אָפּרו, אָדער וואַרטן פון איין עראָפּלאַן אויפן צווייטן.

די פּראָגראַמען אין די קאַבאַרעטן פון דאַקאַר... אַך, יאָ! נישט אַלע האָבן פון זיי געגענעצט און נישט אַלע האָבן זיך ביי זיי געלאַנגווײליקט. די שוואַרצע, וואָס זענען דאָרט געווען, האָבן ממש געפּרעסן מיט די ווייסלען פון די אויגן און מיט די גראָבע ליפּן די פּאָר ווייסע זינגערינס און טענצערינס, וואָס האָבן דאָרט געוויזן די „קונסט״, כאָטש מיינע עדות זענען דאָ אין הימל און אויף דער ערד, אַז פון דער ערשטער יוגנט זענען זיי נישט געווען. די ווייסע מאַטראָסן האָבן דווקא אַרויפגעשריגן צו די שוואַרצע זינגערינס און טענצערינס. אַלע האָבן געבענקט נאָך עקזאָטיק.

צו־שפּעט זענען די קאַבאַרעטן נישט אָפן אין דאַקאַר. צוויי אַזייגער פאַר־טאָג פאַרמאַכט מען זיי. אפנים, אַז מען האָט מורא, אַז עס זאָל נישט קומען צו שטאַרקע סקאַנדאַלן. צו קליינע סקאַנדאַלעכלעך איז פריִער אויך געקומען. אייניקע פון די מענער האָבן שוין אפנים באַלד געוואָלט האָבן דאָס דאָזיקע, וואָס מ׳קען ערשט קריגן שפּעטער. אַהיים, אין האָטעל אַריין, בין איך געפאָרן מיטן נייעם געדאַנק, אַז דער מענטש וויל שטענדיק עפּעס, וואָס ער האָט נישט און וואָס איז אים אָפּיציעל פאַרבאָטן. געדאַרפט פאָרן אַזש קיין אַפריקע, בכדי צו קומען צום באַשלוס, אַז מען וואָלט געדאַרפט איבערבייטן די געזעצן פון דער וועלט און אַז מיטן מענטשן בכלל איז נישט אין אָרדענונג.

— 3 —

פֿיר מיט אַ האַלבן אײבּיקײטן אין דאַקאַר

דריי אַזייגער פאַרטאָג האָב איך זיך געלייגט און זעקס האָט מען געדאַרפט קומען נאָך מיר. האָב איך געמעגט מורא האָבן, אַז איך וועל פאַרשלאָפן און איך האָב אָנגעזאָגט אין דער אַדמיניסטראַציע פון האָטעל, אַז מען זאָל מיך אויפוועקן האַלב זעקס. עס איז אָבער געווען אומזיסט דאָס אָנזאָגן, איך האָב סיי ווי נישט געקענט שלאָפן.

— בין איך געווען אַזוי פול מיט איבערלעבונגען און עמאָציעס?

— ניין, קיין עמאָציעס גאָרנישט, איבערלעבונגען — דאָך. עס איז געווען עלף ביינאַכט, אַרויסגעפאָרן בין איך מאָנטיק האַלב צוועלף אין דער פרי. אין וועג בין איך געווען אָנדערטהאַלבן מעת־לעת, נאָר ווייניקער אַ האַלבע שעה. און פאַר אַזאַ קורצער צייט איז געווען גענוג איבערגעלעבט. אַ צען־עלף שעה צווישן הימל און ערד, ביי גאָט אין די הענט. און אַ סך מאָל האָט געשאָקלט און פאַרן אָנקומען קיין דאַקאַר האָט טאַקע שטאַרק געשאָקלט. און יעדער שאָקל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. וואָס עלטער מען ווערט, אַלץ שטאַרקער וויל מען לעבן. און דאָס אָנקומען אין דער פרעמד און דאָס פאָרן מיטן שאָפער, נישט האָבנדיק דערביי צו באַצאָלן דעם טרעגער, און ווי לייכט דער טרעגער האָט מיר געטרויט זיין ברויט. און דאָס זיין אַריבער אַ מעת־לעת אין דער פרעמד. קיינער ווייסט נישט ווער איך בין, איך ווייס נישט ווער קיינער איז. און דאָך האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט, הגם נישט מיט צופיל שפראַך. מענטשן זענען אפּנים דאָך מענטשן.

אָבער נישט צוליב די איבערלעבונגען האָב איך נישט געקענט שלאָפן, נאָר פשוט ווייל איך בין צופיל געשלאָפן בייטאָג. דאָס קעסטעלע עפנט זיך „איינפאַך" נישט געדאַרפט אויפפרעסן אַזויפיל שלאָף בייטאָג, בכדי צו קענען שלאָפן ביי־נאַכט. וואָס זשע טוט מען, אַז מ׳קען אין אַ פרעמדן האָטעל נישט שלאָפן דריי אַזייגער פאַרטאָג און ס׳איז הייס מיט סכנת־נפשות און מאָסקיטאָס בייסן? זיך אָנטאָן און אַרויסגיין אין האָל אַריין, וועסטו אויסזען מאָדנע. אַ לונאַטיקער, וואָס דרייט זיך אַרום ווי אויף אַן עולם־התוהו. האָב איך גענומען זוכן אין טאַש ביי מיר עפּעס צו לייענען. די אַרטיקע ציַיטונג, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָב איך אויסגעלייענט. קיין סך וועלט־נייעס האָט זי נישט געהאַט. און די לאָקאַלע נייעסן האָבן מיך נישט צופיל אינטערעסירט און איך האָב זיי נישט שטענדיק

פֿאַרשטאַנען. גיי ווייס פֿאַרוואָס מען האָט אַרעסטירט איינעם אַן אַדוואָקאַט און מ׳ען האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף גאַראַנטיע. קיין גניבות האָבן אויך נישט גע־פֿעלט און רציחות צוליב אייפֿערזוכט, אָדער ווער ווייסט צוליב וואָס. אַז איך זאָג אייך איין וועלט. ווייסע, שוואַרצע... ווי זאָגט זיך דאָרט ביי פּרצען — די נאַטור איז דאָך די זעלבע...

יאָ, האָב איך אַריינגעשטעקט די האַנט צו מיר אין טאַש אַריין און איך האָב אַרויסגענומען דעם נומער 13 פֿון דעם פֿערטל־יאָר שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק, וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי גיט אַרויס אונטערן נאָמען „סביבה״ אין ניו־יאָרק און געמומען לייענען. אויף דער צונג ליגט מיר שוין זינט לאַנג צו זאָגן, אַז נישט אומזיסט טראָגט אָט דער זשורנאַל דעם נאָמען „סביבה״. מסתמא פֿעלט שוין אויס די יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק אַ ביסל סביבה. און דאָס דאָזיקע איז אַזוי טרויעריק. ניו־יאָרק איז נאָך עד־היום דער גרעס־טער יידיש־ליטעראַרישער צענטער און דאָך איז דאָרט נישטאָ קיין סביבה. און ס׳איז מאָדנע צו טראַכטן וועגן דעם אין דער שטאָט דאַקאַר, וואָס איז די הויפּטשטאָט פֿון אַפֿריקאַנישן לאַנד סענעגאַל. איך האָב נישט קיין סביבה אין דאַקאַר און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט נישט קיין סביבה אין ניו־יאָרק...

און טאָמער איז דאָס ווייניק, הייבט זיך אָן דער 13טער נומער „סביבה״ מיט אַ לייט־אַרטיקל געחתמעט פֿון ק. מ.. וואָס הייסט „מ׳אַנטלויפֿט קיין תּר־שיש און מען קומט אָן קיין נינווה״, און די ערשטע ווערטער פֿון אָט דעם אַרטיקל זענען: „דער עם לבדד ישכון — אַ פֿאָלק וואָס לעבט באַזונדער״... דאָס לעבן באַזונדער, דאָס זיין אַנדערש פֿון דער וועלט איז מוראדיק יידיש. ווען איך וואָלט געווען אַזאַ זשורנאַליסט ווי איך בין נישט אויף יידיש און איך וואָלט געמאַכט אַ רייזע קיין אַפֿריקע, וואָלט איך געהאַט מיט די רעגי־רונגען פֿון די לענדער, וועלכע איך פֿאָר דורך, פֿאַרבינדונגען דורך מיין רע־גירונג און איך וואָלט נישט געווען אָפּגעזונדערט, אָבער אַז איך שרייב יידיש, בין איך פֿאַרבונדן רק מיט יידן און ביז יאָהאַנעסבורג וועל איך מיט קיינעם קיין קאָנטאַקט נישט האָבן אַלס ייד. מען וועט מיך אויפֿנעמען ערשט אין יאָהאַנעסבורג, ווו עס זענען פֿאַראַן יידן. עם לבדד ישכון... אַ פֿאָלק, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט. און ביי זיך אַליין, אין דער אָפּגעזונדערטקייט, האָט מען אויך קיין סביבה נישט. און פֿון דעסטוועגן לייען איך אין דעם דערמאָנטן זשורנאַל, אַ ליד פֿון טאַלאַנטירטן דיכטער יעקב פֿרידמאַן, אַ ליד וואָס הייסט „ווי אַזוי דער בעל־שם האָט עולה געווען קיין קיטעוו״, און דאָרט טרעף איך אַזעלכע ווערטער:

— זיי מוחל —שעפּטשעט דער בעל־שם— ס׳האָט מיין גאווה געוואָלט צום ניגון פֿון אין סוף ווערן אַ שותּף.

קען דען זיין מער אָפּגעזונדערט פון דער וועלט ווי חסידים זענען? און פון דעסטוועגן האָט דער רבי פון די חסידים, דער בעל־שם־טוב, געוואָלט ווערן אַ שותף צום וועלט־ניגון. און אין פאַרמאַכטן און פאַרשלאָסענעם צי־מער פון דעם פרעמאַן האָטעל, אין דער פרעמדער אַפריקאַנער שטאָט, אין היץ און צווישן מאָסקיטאָס, גלוסט זיך מיר אויך זינגען דעם ניגון פון דער וועלט, הגם די וועלט איז אַ שלעכטע און אַ פאַסקודנע. אָט בין איך ערגעץ אין אַ העק פון אַפריקע און איך ווייס, אַז די מערסטע אַפריקאַנער לענדער זענען קעגן מדינת ישראל, הגם פאַר אַ סך פון אָט די לענדער האָט ישראל געטאָן אַזויפיל גוטס און האָט זיי געלערנט ווי אַזוי צו לעבן פריי און אומ־אָפּהענגיק. וואָס האָבן די אַפריקאַנער פעלקער צו די ייִדן? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי די ייִדן געטאָן? די ייִדן זענען אומעטום געווען אַ פאַר־פאָלגטע מינדערהייט און זיי פאַרשטייען די פאַרפאָלגטע און זיי זענען שטענ־דיק אויף זייער זייט.

איך בין צופיל אַריינגעטאָן אין אַפריקע, אַז איך זאָל קענען נעמען און אייך איבערגעבן דעם תוך פון 13טן נומער „סביבה", וואָס איך האָב אין יע־נעם פאַרטאָג געלייענט. ווען עס איז געוואָרן 5 אַזייגער, האָב איך גענומען אַ שפּריץ פון וואַרעם, לעבלעך און קאַלט וואַסער און זיך אויפגעפרישט און אָנגעטאָן און אַפילו אויסגעבונדן דעם קראַוואַט און אָנגעטאָן אַ רעקל און איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין האָל פון האָטעל, וווּ עס זענען שוין געזעסן עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם זעלביקן אָמניבוס וואָס איך, וועל־כער האָט זיי געדאַרפט פירן צום זעלביקן עראָפּלאַן וואָס מיך. עס איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, עס איז גוט צו האָבן שותפים. איך האָב גע־מיינט, אַז איך וועל פאָרן אַליין. איינער אַליין...

און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינ־גען. ער האָט געקלונגען איין מאָל און צוויי מאָל און נאָך אַ סך מאָל. און אַלע מאָל האָט מען גערופן אַן אַנדער פּאַסאַזשיר צום טעלעפאָן. יעדער פון זיי איז אַוועק פון טעלעפאָן צערודערט און ווי אָפּגעשמיסן. און ס'איז געקומען מיין ריי אויך. דער שוואַרצער האָט דווקא נישט שלעכט נאָכגעזאָגט מיין נאָמען. און איך האָב זיך באַלד דערוווּסט דעם סוד, וואָס מען האָט געזאָגט: דער עראָ־פּלאַן וואָס דאַרף אונדז נעמען קיין יאָהאַנעסבורג, האָט פאַרשפּעטיקט. אַנ־שטאָט 7 אַזייגער וועט ער אַרויסגיין 11 מיט אַ האַלבן, און קומען נאָך אונדז וועט מען נישט 6 אַזייגער, נאָר 10 מיט 30. מען האָט זיך גערירכט אָט שוין פאָרן און צום סוף דאַרף זיך לאַנגווייליקן נאָך פיר מיט אַ האַלבער שעה. איר ווייסט וואָס דאָס מיינט פיר מיט אַ האַלבער שעה? אין דער היים געפינט מען

שוין ווי זיך אַהינצוטאָן, אָבער פינפטהאַלבן שעה אין דער פרעמד, אין אַפרי־קע, ביים וואַרטן אויפן עראָפּלאַן — זענען פיר מיט אַ האַלבע אייביקייטן.

אין דער ערשטער מינוט האָט מען נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. מען איז געזעסן לעבן באַגאַזש און מען האָט זיך געריכט, אַז אָט־אָט, און שוין אַ בייַע וואַרטעניש. וווּהין טוט מען זיך אַליין אַהין? ווו לייגט מען דעם באַגאַזש? די דאַזיקע יינגלעך, וואָס האָבן געטראָגן לאַנגע רויטע און גרינע כאַלאַטן, האָבן זיך אויך געפילט אַנטוישט. זיי האָבן שוין געזאָלט גלייך באַקומען דאָס טרינק־געלט פאַר דעם טראָגן דעם באַגאַזש און דאָ קומט אַזאַ לאַנגע אָפּלייגעניש. קען זיין, אַז דעמאָלט וועלן זיי שוין פאַרביטן ווערן אויף אַנדערע. זיי האָבן שוין מסתמא געמאַכט חשבונות און פלענער וועגן דעם וואָס זיי וועלן טאָן מיט דעם טרינקגעלט, וואָס זיי וועלן באַקומען און צום סוף וועט דאָס דאַזיקע געלט באַקומען אַן אַנדערער...

איך וואָלט, דאַכט מיר, געקענט אָנשרייבן אַ קאָמעדיע וועגן דעם, ווי אַזוי יעדער פון אונדז האָט אויסגעזעסן אין משך פון די פינפטהאַלבן שעה ביים וואַרטן אויפן אָמניבוס און אויפן עראָפּלאַן. פריִער האָט מען זיך גע־פּרווּט אַנידערזעצן אויף די ברייטע שטולן פון האָל. מען האָט זיך אַנידער־געזעצט אָנגעלענט, אַזוי ווי פּסח ביים סדר. אָבער די מאָסקיטאָס האָבן דער־פילט אַ געשמאַק מאכל און זיי האָבן זיך צוגעלאָזט צו די פּנימער און די הענט און גענומען בייסן. מען האָט זיי געפּרווּט אָוועקטרייבן, מען האָט זיך געפּאַכעט. עס האָט נישט געהאָלפן, ס׳האָט געביסן. האָט מען זיך אויפגע־הויבן און גענומען אַרומשפּרייזן. איך האָב באַמערקט, אַז אייניקע האָבן גע־ציילט ביים שפּאַנען. אַז מען ציילט אָפּ 60 מאָל, גייט אַוועק אַ מינוט. און 60 מאָל 60 איז אַ שעה. און דאָ דאַרף מען נאָך אָפּציילן 4 מאָל 60 מאָל 60... ס׳איז אַ קימאַ־לן פון 15 טויזנט מיט 400. ביז מען ציילט דאָס איבער, ווערט מען משוגע. איז מען מיד געוואָרן און מען האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף די שטולן און געמיינט, אַז די מאָסקיטן האָבן שוין פאַרגעסן דעם אַדרעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן נישט פאַרגעסן. האָט מען זיך ווידער אויפ־געהויבן. דערווייל האָט מען זיך דערמאָנט, אַז מען האָט נאָך נישט געגעסן קיין פרישטיק, איז מען אַוועק אין רעסטאָראַן אַריין און מען האָט דאָרטן פאַר־לוירן אַ צוואַנציק מינוט. און וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? — די פיר מיט אַ האַלבער שעה האָבן טאַקע געדויערט ווי פיר מיט אַ האַלבע אייבי־קייטן און זיי זענען דאָך אַוועק. מען איז אונדז געקומען נעמען. אַ קליינער אָמניבוס איז דאָס געווען און ער האָט אַריינגענומען די עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַט פאַרשידענע אויסזענס. לעבן מיר איז געזעסן אַ פראַנצויז, וואָס וווינט אין ניגעריע און וואָס האָט זיך געהאַלטן לעבן מיר, ווייל ער

בענקט נאָך איראָפּעער. אין ניגעריע האָט ער צו טאָן מיט בלויז שוואַרצע. אויף אַ צווייטער באַנק איז געזעסן אַ פּאַרפּאָלק מיט אַ מאַנגאָליש אויסזען. קרומע אויגן האָבן זיי ביידע געהאַט, און אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט איז גע־זעסן לעבן זיי, אויך מיט קרומע אויגן, אַ ביסל ענלעך צו די אינדיער ביי אונדז. ווער ס'איז פאַרבייגעגאַנגען האָט דערלאַנגט אַ גלעט דעם יינגעלע, וועמען דאָס היטל איז אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן. איך בין געווען דער איינציקער וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין גלעט און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט. עס איז געפאָרן מיט אונדז אַן עלטער ענגליש פּאָרפּאָלק, וואָס האָט געטאָן אַלצדינג אויסצוזען יינגער ווי די אמתדיקע יאָרן. אוי, טייערינקע לייענער, וויל מען נישט זיין אַלט. מען וויל לאַנג לעבן, מוז מען דאָך ווערן עלטער, אָבער אַלט וויל מען נישט ווערן. אויך אין אַפריקע וויל מען נישט אויסזען אַלט.

די מאָדע פון טראָגן בערד האָט זיך איבערגעטראָגן אויך קיין אַפריקע. מען זעט אַ סך שוואַרצע מיט בערד און בערדלעך. אָבער נאָר יונגע טראָגן בערד, אַלטע — נישט. זיי ווילן נישט אויסזען אַלט.

שוויס האָט זיך געגאָסן טייכנווייז. ס'האָבן פשוט פון מיר אַראָפּגערונען טראָפּנס שוויס אויף דער ערד. און ווען איך בין שוין ענדלעך געזעסן אין עראָפּלאַן ניו־יאָרק—יאָהאַנעסבורג, וואָס האָט געהאַט אַ ביסל קילונג, האָב איך אויפגעהויבן ביידע הענט צו גאָט. דער זייגער איז געווען האַלב צוועלף, אין בוענאָס־איירעס — האַלב אַכט. אַ מעת־לעת מיט 20 און אַ האַלבע שעה געפאָרן און אַ ים מיט אייביקייט.

— 4 —

פון אַ ווילסטן מדבר אויף אַ בליענדיקן אָאַזיס

מיר פליען איבער אַפריקע, די סטאַנציעס זענען קורצע. מען פליט אָפּ קאַרגע צוויי שעה, אָדער גאָר אַ שעה מיט 10 מינוט און מיר בלייבן שטיין. מיר זענען אַרויסגעפלויגן האַלב־צוועלף און מיר דאַרפן אָנקומען דריי אַזייגער פאַרטאָג. לויטן חשבון פליען מיר פּופצן מיט אַ האַלבער שעה, אָבער מינדסטנס דריי שעה וועלן מיר שטיין. פליען מיר, הייסט עס, אין גאַנצן אַריבער 12 שעה. ביז דאַקאַר זענען מיר געפלויגן לערך 11 שעה. אינאיינעם

אַפילו נישט קיין מעת־לעת, און דאָך ווערן מיר פאַרשוואַרצט מער ווי דריט־האַלבן מעת־לעת. דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ קיין דירעקטער פלי פון בוענאָס־איירעס קיין יאָהאַנעסבורג. קיינער איז פון בוענאָס־איירעס נישט געפלויגן חוץ מיר קיין יאָהאַנעסבורג. און עס קען זיין, אַז עס פליט אויף אָט דער שטרעקע אַ מאָל אין אַ יובל אַ משוגענער פון דער אַרגענטינער הויפט־שטאָט אין דער גרעסטער שטאָט פון דרום־אַפריקע. אַ משוגענער יידישער שרייבער...

דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ ביסל אויסגעליידיקט אין קאַסאַבלאַנקאַ און ער האָט זיך טאַקע גלייך אָנגעפילט צוריק. אַז מען כאַפּט אַ קוק אויף אים, זעט מען ווידער אַ מאָל אַ לאַבירינט און אַ בינשטאָק. אָבער איצטער זעט מען שוין אַ סך מער שוואַרצע פּלעקן ווי פריִער. לעבן מיר זיצן נאָך אַלץ די זעלביקע צוויי שכנים, וואָס פריִער, אָבער פאַר מיר און הינטער מיר זיצן שוין שוואַרצע. מען סערווירט עסן. אין די אַלטע עראָפּלאַנען דאַרף מען אַרויסנעמען אַ גאַנצע מאַכערייקע און זי אַריינשטעלן אין צוויי לעכער אַריין, אַז מען זאָל אויף איר קענען עסן. אין די נייע עראָפּלאַנען איז גענוג צו געבן אַ קוועטש אַ קנעפּל, אַז ס'זאָל אַראָפּפאַלן אַ ברעטל, וואָס דינט פאַר אַ טישל. מען סערווירט אַ זייער צוגעפּאַסטן עסן. אויסער דער קאַווע, וואָס מען ווערט שפּעטער ברענגען, איז גאָר נישט הייס, און ס'איז פאַראַן אַ פאַרשפּייז, אַ פליש מיט סאַלאַט און אַ נאָכשפּייז, און ס'איז נישט פאַראַן קיין עקזאָטיש מאכל, וואָס זאָל עפּעס שאַקירן. איך קוק זיך צו: אייניקע עסן אויף אַלץ וואָס מען גיט זיי, אַנדערע לאָזן איבער. מענטשן זענען פאַרשידן. אייניקע זענען פרעסערס און אַנדערע קליינע עסערס. און נישט שטענדיק זענען די פרעסערס דיקע און די קליינע עסערס — דאַרע. דער מענטש — גיי, פאַרשטיי אים, דעם מענטשן...

ווידער גייען מיר אַרויס און מיר פאַלן אַריין אין אַ מוראדיקער שוויצ־באָד. עס געדויערט נישט לאַנג און מיר זעען, אַז מיר זענען אין גהאַנאַ. יאָ, דאָס דאָזיקע גהאַנאַ, וואָס מיר האָבן וועגן דעם אַזויפיל געלייענט אין די טעלעגראַמעס און אין פאַרשידענע אַרטיקלען. דער הערשער דערפון איז נקרומאַ. אַז מיר קומען אַריין אין עראָדראָם, זעען מיר אין אַלע ווינקלען זיינע בילדער, אין דייטשלאַנד — היטלערס און אין רוסלאַנד — סטאַלינס. אַ ווייסער הערשער, אַ שוואַרצער. אַנדערש איז דער קאָליר, נישט דער כאַראַקטער... אָבער אין עראָדראָם איז פאַראַן קילונג און איך וויש זיך אַרום פון שווייס. וואָס האָט מיר אַרויסגעזעצט, ווען איך בין צוגעפאָרן פון עראָפּלאַן ביזן עראָדראָם. אין אַפריקע בלייבט דער עראָפּלאַן שטיין ווייטלעך פון עראָדראָם און מען דאַרף צו פאָרן. די פרישע לופט נעמט אַרום דאָס פּנים און דעם גאַנצן

קערפּער און די פֿאַנטאַזיע קען זיך אַװעקטראָגן אינעװייניק קיין גהאַנאַ. דאָרטן זענען פֿאַראַן פֿאַרשטייער פֿון ישראל, װאָס לערנען די יוגנט טעכניק. ישראל העלפֿט אַ סך גהאַנאַ, אױך גהאַנער סטודענטן לערנען זיך אין ישראל. זיי לערנען זיך אין טכניון און בכלל אין אוניװערסיטעט, און נקרומאַ איז דער־פֿאַר נישט אַזוי רשעותדיק צו ישראל, װי עס זענען בּאַסער מיט זיינע מענטשן. אָבער קיין פֿולן מוט צו פֿאַרטיידיקן דורכויס ישראל האָט נקרומאַ נישט. אין גדאַנק שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך האָב אַן אינטערװיו מיט נקרומאַ און איך פֿרעג אים:

— פֿאַרװאָס איז ישראל צו דיר גוט פֿולשטענדיק, און דו צו ישראל ביסט העלפֿט אויף העלפֿט?

אַך, װאָס פֿאַר אַ סענסאַציע עס װאָלט געװען, װען איך באַװייז צו האָבן אַן אינטערװיו מיט נקרומאַן. אָבער איידער איך הייב אַן טראַכטן דערפֿון, רעדט מען שוין דורך דעם מיקראָפֿאָן און מען הייסט שוין אַרויפֿגיין, און מען איז שוין אויבן און מען בינדט זיך שוין צו דעם גאַרטל און מען פֿליט שוין און מען טאָר שוין נישט רייכערן און מען איז שוין אויבן און מען טראַכט שוין װעגן עפּעס אַנדערש און מען גיט שוין אַ רייד און מען הייסט שוין װי־דער צובינדן די גאַרטלען און מען איז שוין אונטן אין אַ שװיצבאָד און מיר זעען, אַז מיר זענען שוין אין

— ליבעריאַ!

אין עראָדראָם איז אויך דאָ קיל און איך קען זיך רויק און געמיטלעך אַרומקוקן. די פּאַסאַזשירן, װאָס װאַרטן אויפֿן עראָפּלאַן זענען אַלע שװאַרצע. אַ סך פֿון זיי גייען אָנגעטאָן אין כאַלאַטן, צום מערסטנס זענען די כאַלאַטן אָדער העל־רויטע, אָדער העל־גרינע, אָבער אייניקע טראָגן אויך װייסע כאַ־לאַטן, און לאַנג זענען די כאַלאַטן, ממש ביז צו דער ערד. און די דאַזיקע, װאָס זענען הויך, זעען אויס אַ דאַנק די כאַלאַטן מוראדיק לאַנג, ממש װי סטראַשידלעס, און די נישט־הויכע זעען אויך אויס הויך, אָבער די מערסטע זענען נישט קיין הויכע. זילבערנע בראַסלעטן טראָגן אַלע פֿרויען. און איך פֿאַרשטיי, אַז מסתמא האָבן נישט אַלע פֿרויען אין ליבעריאַ קיין זילבער. עס האָבן דעם דאָזיקן מעטאַל אַזעלכע, װאָס קענען זיך דערלויבן פֿליען מיטן עראָפּלאַן. איך פֿאַרשטיי, אַז דער חלום פֿון יעדער שװאַרצער פֿרוי איז צו האָבן זילבערנע צירונג. אין תוך אַריין װייזט די װייסקייט פֿון דעם זילבער בולטער די שװאַרצקייט פֿון זייערע לייבער, אָבער זיי מיינען געװיס, אַז די שװאַרצע לייבער זייערע נעמען זיך אָן פֿון דער װייסקייט פֿון זילבער און זיי װערן װייסער... מענטשן מיט אַ שװאַרץ אויסזען, װאָס די זון קוקט צו שטאַרק

אויף זיי, איז זייער חלום צו ווערן ווייס און אויסזען ווייס. און דאָס דאָזיקע איבערצייגט מיך, אַז אַלע ציווילע רעכטן און אומאָפּהענגיקייטן וואָס די שוואַרצע וועלן באַקומען, וועלן נישט העלפן, אַזוי לאַנג די שוואַרצע וועלן קומען אין אַ צו נאָענטן קאָנטאַקט מיט ווייסע, וועלן זיי ליידן פון אַן אינפע־ריאָריטעט־קאָמפּלעקס און דאָס דאָזיקע קען אַרויסרופן פּראָבלעמען און פּראָבלעמען.

איידער איך בין אַרויסגעפלויגן פון בוענאָס־איירעס איז מיר אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין אַ העברעיִשע צייטונג „הארץ" פון תל־אביב, און דאָרטן האָב איך געטראָפן אין אַ שבתדיקער ביילאַגע אַן אַרטיקל, וואָס האָט דער־ציילט, אַז אַלע אַפריקאַנישע סטודענטן, וואָס לערנען אָפּ אין ישראל צו עט־לעכע יאָר, פאָרן פון דאָרט אַוועק שונאים פון די ייִדן.

— פאַרוואָס? מען באַהאַנדלט זיי נישט שלעכט. אדרבא, מען באַהאַנדלט זיי בעסער ווי אין אַלע „ווייסע" לענדער.

— נאָר וואָס זשע דען?

— די ייִדישע מיידלעך איילן זיך נישט צו לייגן זיך מיט זיי אין די בעטן אַריין. און זיי דענקען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זענען שוואַרצע. און מען וועט זיי דאָס נישט אַרויסשלאָגן פון די מוחות און פון די הערצער...

מיר זענען געשטאַנען אין נאָך און נאָך אַפריקאַנישע לענדער, וועגן וועלכע מיר האָבן געלייענט אַזוי פיל אין טעלעגראַמעס און אין אַרטיקלען. מיר זענען געשטאַנען אין ניגעריאַ. און מיר איז איינגעפאַלן, אַז פונקט ווען איך זיץ אויפן עראָדראָם פון ניגעריאַ, קומען פאָר אינעווייניק אין לאַנד אומרוען און קאַמפן צווישן רעכטס און לינקס, צווישן מערבניקעס און מזרח־ניקעס, און רויטע אַגיטאַטאָרס ריידן־איין די שוואַרצע ניגעריער, אַז קיין בעסערער גן־עדן ווי עס איז פאַראַן אונטער דעם רוסישן רעזשים קען גאָר נישט זיין. די רוסן וועלן ברענגען קיין אַפריקע דעם גן־עדן און יעדער אַפ־ריקאַנער וועט באַקומען פון די רוסן, ווייסעך ווייפל ווייסע ווייבער. זיי ווייסן נישט, אַז אויך די רוסן ווילן די ווייסע מיידלעך פאַר זיך און אַז זיי צעשלאָגן אַפריקאַנישע סטודענטן, וואָס „קריכן" צו זייערע מיידלעך...

מיר זענען אויסגעפלויגן האַלב אַפריקע און געוועזן זענען מיר נאָר ביי די ברעגעס, אין די עראָדראָמען. זען די לענדער האָבן מיר געקענט דורך די פענצטערלעך פון דעם עראָפּלאַן און דורך די פענצטערלעך פון דער אייגע־נער פאַנטאַזיע. און פליענדיק אַזוי, האָבן מיר ווידער פאַרלוירן צוויי שעה. דער זייגער האָט ביי אונדז געהאַלטן נאָך פיר און ס'איז שוין געווען טונקל. און מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז מען דאַרף ווייטער רוקן דעם זייגער אויף

צוויי שעה. ביי אונדז איז נאָך געווען 4 און אויפן פּלאַץ איז שוין געווען 6. דער חילוק צווישן דאָ און בוענאָס־איירעס איז שוין געווען אין זעקס שעה. אין בוענאָס־איירעס איז ערשט געווען 12 מיטיקצייט דער זייגער און דאָ איז שוין געווען זעקס פאַרנאַכט. אין בוענאָס־איירעס איז גרויסע ליכטיקייט און אין ניגעריאַ איז שוין 6 פאַרנאַכט און ס׳איז טונקל, און ס׳גייט צו נאַכט. און ס׳האָט זיך געבענקט נאָך בוענאָס־איירעס, ווו עס גייט נאָך צו טאָג און ס׳וועט נאָך גיין, הגם קיין פּראָבלעמען פעלן נישט אויך אין אַרגענטינע און עס וועלן זיך דאָרט נאָך מערן און מערן די פּראָבלעמען.

אַרום צען מיט אַ האַלבן אַזייגער, ווען די נאַכט איז שוין געווען אַזוי געדיכט און שוואַרץ, ווי אין אַפריקע, און ווען דאָ און דאָרטן האָט מען געזען אַ גרויסע ווייסע לבנה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע זילבערנע מטבע אויפן אַנטבלויזטן לייב פון אַ נעגערטע, האָבן מיר געהאַט די פערטע סטאַנציע און מיר זענען געבליבן אַ קליינע צאָל פּאַסאַזשירן. דער עראָפּלאַן האָט זיך אויסגעליידיקט. פון די 180 פּאַרשוינען זענען נישט געבליבן קיין 18. דער בינשטאָק און לאַבירינט איז פול געוואָרן מיט שאָטנס, און די שאָטנס האָבן זיך געוואָרפן אויף די ווענט און געבראַכט מאָדנע געדאַנקען, אַ פּאַראַדאָקס האָט געמוטשעט:

— צוליב 180 פּאַרשוינען האָט דער פּילאָט געהאַלטן אויבן דעם עראָפּלאַן, אָבער לוינט דאָס אים צוליב 17 פּאַרשוינען? (אַזוי פיל זענען מיר געבליבן). ווי איז דער דין, ווען דער פּילאָט איז אַ זעלבסטמערדער אָדער אַ הומאַניסט און קיין 180 פּאַרשוינען וועט ער נישט אַראָפּוואַרפן, אָבער 17 — יאָ?

עס האָבן זיך געטראַכט נאַרישקייטן, ווייל מען איז געווען בלויז 17 מענטשן אין אַ ריזיקן עראָפּלאַן, און די 17 מענטשן זענען זיך כמעט אַלע געווען פרעמד און גערעדט אין פאַרשידענע שפּראַכן. די סטוּאַרדן האָבן דערלאַנגט פאָרמולאַרן אויסצופילן וועגן באַגאַזש. אייניקע האָבן געהאַט צו שרייבן און צו שרייבן. איך האָב געדאַרפט אָנשרייבן עטלעכע מאָל „ניין״, און שוין.

— ציגאַרעטן? — ניין.

— משקה? — ניין.

— סחורה? — ניין.

— באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. — נאָך נישט.

— געווען אַרויסגעשיקט פון דרום־אַפריקע? — נאָך נישט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אויך די קנאַפּע 5 שעה, וואָס מען איז געפלויגן דורכאַנאַנד, זענען אַריבערגעגאַנגען. מען איז יאַקאָס אָנגעקומען קיין יאָהאַנעסבורג. עס איז

געווען 3 אַזייגער פאַרטאָג. מען איז געפאָרן אַרום און אַרום 2 מעת־לעת מיט 10 שעה, אָבער אויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען איז געפאָרן 100 אייביקייטן, און מען איז אָנגעקומען צעקנייטשט און צעקאָרטשעט. אין צאָל־אַמט איז נישט געווען וואָס צו קוקן. אָבער פּאָליציי האָט געקוקט. פיר אַזייגער בין איך גע־וואָרן פריי. 4 פּאַרטאָג, און מען האָט געוואַרט אויף מיר. עס האָבן געוואַרט דער פּרעזידענט און דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־פעדעראַציע: זלמן לעווי און בערל לעווינסקי, רעספּעקטיוו. מיינע פריינט מענדל און פייגעלע טאַבאַטשניק, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, און אסתר טאָוב און מיין פריינט זינט יאָרן, הרב מ. ד. שיף.

אַך ווי גוט ס'איז צו אָפּפליען שווער און ביטער דריטהאַלבן מעת־לעת אין דער עקזאָטישער פּרעמדקייט פון אַפריקע און אָנקומען אין אַ שטאָט, וואָס איז פול מיט ליכטיקייט און טרעפן אַ היימישע סביבה מיט אַ היימישן ישוב! עס איז אַלצאיינס ווי צו גיין אין אַ וויסטן מדבר און טרעפן אַ בליענ־דיקן אַאַזיס.

— 5 —

עס איז שיין צו קוקן אויף יאָהאַנעסבורג

נאָך נישט דאָס יידישע יאָהאַנעסבורג, נאָר די שטאָט בכלל. אַ שטאָט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט שיינקייט און איז אַ וווּנדער. די שיינקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די שטאָט איז נישט גלייך, נאָר זי איז בערגיק און טאָליק. נאָך פּאַרטאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין יאָהאַנעסבורג, האָב איך באַמערקט, אַז מיט איר בערגיקייט און טאָליקייט דערמאָנט יאָהאַנעסבורג אין ריאָ־דע־זשאַניירא און סאַן־פראַנציסקאָ, וואָס זענען די שענסטע צוויי שטעט אין דער וועלט. און יאָהאַנעסבורג איז טאַקע אַ שוועסטער־שטאָט פון ריאָ־דע־זשאַ־ניירא און סאַן־פראַנציסקאָ אין שיינקייט. און ווען איך בין אויפגעשטאַנען אַרום 9 אַזייגער — געלייגט האָב איך זיך האַלב זעקס — און כ'בין אַרויס־געגאַנגען פון האָטעל־צימער, וווּהין מען האָט מיך ביינאַכט אַריינגעפירט אין דער פינצטער, האָב איך באַלד באַמערקט, אַז דער האָטעל שטייט אויף אַ בערגל און אַנטקעגן אים געפינט זיך נאָך אַ בערגל, אויף וועלכן עס געפינט זיך אַ קליינער גאָרטן. ביידע ברעגעס פון די בערגלעך זעען אויס ווי אַרומ־

געהאַקטע פעלזן, און צווישן ביידע בערגלעך גייט אַ וועג פון אַ גאַנץ סקאַס־נעם באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. דער באַרג־אַרויף איז פּאַר אויטאָס אַ שווערער און דער באַרג־אַראָפּ איז טאַקע אַ גאַנץ געפערלעכער.

און אַזעלכע באַרג־אַראָפּן און באַרג־אַרויפן זענען פאַראַן אַ סך אין שטאָט. און ווען מען קוקט אויף יאָהאַנעסבורג ביים אָנקומען ביינאַכט מיטן עראָפּלאַן, אָדער ווען מען קוקט זיך אַרום אויף דעם פון איין זייט באַרג און פון דער צווייטער זייט, זעט מען ווי די שטאָט געפינט זיך סיי אויבן, און סיי אין מיטן און סיי אונטן. און ערשט אויבן און אין מיטן און אונטן זעט מען ווי עס בערגלט זיך און עס טאַליקט זיך.

פאַראַן אַ גאַר גוט מיטל צו זען די גאַנצע שטאָט יאָהאַנעסבורג פון אַ פייגל־פלי. דאָס איז אַרויפפאָרן ביז צום שפּיץ פון „הערצאָג טורעם". הערצאָג איז געווען איינער פון די גרעסטע דרום־אַפריקאַנער גענעראַלן און אויף זיין נאָמען איז פאַראַן אַ טורעם, וואָס האָט פאַרבינדונג מיטן ראַדיאָ, און אַז מען פאָרט אַרויף אויף אים, זעט מען די גאַנצע שטאָט און דעם גאַנצן אַרום אויף אַ שטח פון אַ 40 מייל, אַריבער 60 קילאָמעטער. מען זעט אָן אַפילו פּרעטאָריע, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון לאַנד. דער הערצאָג־טורעם — מען רופט אים אויף ענגליש „די הערצאָג טאַור" — איז אויך אַ 55 שטאָק, וואָס דאַרף זיין לערך ביי די 200 מעטער. פון דער ווייטנס זעט ער אויס דין, אַזוי ווי אַ ציגאַר, אָבער אַז מען קומט צו נענטער, זעט מען אַ טורעם, וואָס איז גאַנץ ברייט אין אַרומנעם. וואָס העכער, איז ער, נאַטירלעך, שמעלער. ער דערמאָנט אין פאַריזער אייפל־טורעם און איז נישט קיין סך נידעריקער פון אים. אַז מען קוקט אַרויף אויפן הערצאָג־טורעם, פילט מען זיך אַזוי ווי אויפן „פּאַן ד'אַסוקאַר" אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ. גראָבע טאָפּלטע פענצטער האָט אויבן דער טורעם, און דורך די פענצטער באַקוקט מען אַרום און אַרום די שטאָט, וואָס זעט ביי טאָג אויך אויס ווי אַ שיינער מאָזאַיק און ביינאַכט זעט זי אויס ווי אַ פאַרכישופטע אָרט, וואָס איז באַגאָסן מיט מיליאָנען ליכטער.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין, וואָס פון איין זייט איז די שטאָט זייער געדיכט באַזעצט און איין ליכט איז אַריינגעשטעלט אין צווייטן און פון דער אַנדערער זייט איז די שטאָט באַזעצט זייער שיטער און פון איין ליכט צום צווייטן איז אַ גאַנצער מהלך. און דו שטויסט זיך אָן, אַז דאָרט ווו עס איז געדיכט באַזעצט וווינען אָרעמע, וואָס די שטיבער זענען ענג אַריינגעוואַקסן איינער אין צווייטן, און דאָרטן ווו ס'איז שיטער באַזעצט, וווינען רייכע, און איין שטוב איז אָפּגערוקט פון דער צווייטער. ס'איז די געגנט פון די ווילעס, וואָס אין רוסיש הייסן זיי „אָסאָבניאַקי" און אין אַרגענטיניש רופט

מען זיי טשאַלעטן. און די השערה מיינע איז באַשטעטיקט געוואָרן. די שיטער־באַזעצטע געגנט איז די רייכע, ווו די פנימער (פראַנטן) פון די הייזער קוקן קיין צפון און ס׳איז דאָרט זומער קיל און ווינטער וואַרעם. בכלל זעט אויס די שטאָט יאָהאַנעסבורג ווי אַ פּאַרכישופטע פּאַנאָראַמע און ס׳איז שיין אויף איר צו קוקן סיי פון אונטן־אַרויף און סיי פון אויבן־אַראָפּ. די שטאָט האָט נישט איין שנור פּערל, אַזוי ווי ריאָ־דע־זשאַנעירא, וואָס געפינט זיך ביים ים, גאָר זי האָט עטלעכע שנירלעך פּערל. דאָס איינציקע, וואָס פעלט יאָהאַנעס־בורג, איז אַ ים. אָבער פאַראַן אַ מעלה אויך אין דעם וואָס ס׳איז נישטאָ קיין ים. ס׳איז טרוקן. עס איז קיין מאָל נישט פייכט און עס מעג זיין ווי הייס — שוויצט מען נישט. די שטאָט האָט אַ מילדן, ווייכן און טרוקענעם קלימאַט. ווינטער איז בייטאָג וואַרעם און אין די אָוונטן קיל און זומער איז כסדר וואַ־רעם און הייס אויך, אָבער די היץ איז קיין מאָל נישט אַזוי פייכט ווי ביי אונדז אין בוענאָס־איירעס. מען אָנערקענט, אַז יאָהאַנעסבורג האָט איינעם פון די בעסטע קלימאַטן אין דער וועלט.

יאָהאַנעסבורג איז איינע פון די יינגסטע שטעט אין דער וועלט און שוין אַוודאי איינע פון די מאָדערנסטע גרויסע שטעט. ווען איך בין אָנגעקומען קיין יאָהאַנעסבורג, האָב איך געזען אומעטום צוגרייטונגען ווי צו קאַרנאַוואַל און אומעטום האָב איך געזען די צוויי אותיות יאָט (כאָטאָ) עף (J. F.) און איך האָב געפרעגט, וואָס עס באַטייט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז די צוויי או־תיות מאַכן: „יאָהאַנעסבורג פעסטיוואַל״. מען פייערט יעדן יאָר דעם געבוירנ־טאָג פון דער שטאָט, וואָס ווערט היי־יאָר אַלט 70 (זיבעציק) יאָר. צוריק מיט זיבן צענדליק יאָרן האָט מען גענומען בויען די שטאָט און עס איז געראָטן, ווייל דער פּלאַץ איז אַ צוגעפּאַסטער. עס איז דרום־אַפריקע און לויטן קלימאַט וואָלט דאָ געדאַרפט זיין הייס, אָבער עס געפינט זיך לערך טויזנט מעטער איבער דעם ים־ניוואָ און די לופט איז אַ מילדע. און קיין וואַסערן האָט נישט די שטאָט, איז די לופט טרוקן. ווינטער רעגנט אין גאַנצן נישט, זומער רעגנט אַ ביסל. נישטאָ קיין קראַנקייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום קלימאַט. מען ליידט נישט פון רעוומאַטיזם און נישט פון אַסטמאַ. עס גייט זעלטן אַוועק אַ טאָג ווען עס זאָל נישט זיין די זון. און אויב אונטער דער ערד זענען פאַראַן גאָלדענע אָדערן, זעט מען דאָ איבער דער ערד שטענדיק טאַנצן גאָלדענע גאַרנישטן...

די איינציקע זאַך, וואָס קאָן אַ מענטשן אַ מאָל באַאומרויקן אין דער שטאָט איז, וואָס מען פילט רודערונגען אונטער דער ערד. מ׳קען מיינען, אַז דאָס זענען ערד־ציטערנישן, אָבער ס׳איז נישט דאָס. די זאַך איז פשוט: אונטער

דער ערד איז דאָ גאָלד. און טאַקע נישט ווייט פון שטאָט, און מען פירט דורך אויפרייסן מיט דינאַמיט און מען דערהערט דאָס דאָזיקע זייער אָפט, ווען מען זיצט אין די שטיבער. און ווייל מען ווייסט, אַז קיין ערד־ציטערנישן קומען דאָ קיין מאָל נישט פאָר, בלייבט מען זייער רויק צו די אומרויִקייטן, וואָס עס קומען פאָר אונטער דער ערד.

אויף דער ערד קומען דאָ פאָר אַנדערע אומרויִקייטן ווי אונטער דער ערד, נישט קיין גאָלדענע. דרום־אַפריקע איז אַ לאַנד מיט עטלעכע ערליי באַפעלקערונגען. פון די ווייסע זענען די מערהייט די דאָזיקע, וואָס מען רופט אַפריקאַנער, אָדער אַפריקאַנס. דאָס זענען די דאָזיקע, וואָס זענען אונדז באַקאַנט אַלס בורן (פּויערים). דאָס זענען האָלענדער וואָס זענען מסתמא נישט געבליבן גאָר ריין: זיי האָבן זיך געמישט מיט אַנדערע פעלקער. זייער שפּראַך איז אויך אַ געמישטע. זי איז בעיקר האָלענדיש, אָדער פלעמיש, אָבער זי האָט אַ צומיש פון דייטש און פון ענגליש. די „בורן" באַטרעפן 65 פּראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג, וואָס ציילן אינאיינעם דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן. די ענגלענדער באַטרעפן אַ 34 פּראָצענט. ייִדן זענען גאָר קליין אין צאָל. מען רעכנט, אַז אין גאַנצן לאַנד זענען פאַראַן אַ 120 טויזנט ייִדן און אַ 60 טויזנט וווינען אין יאָהאַנעסבורג. אויסער די ווייסע זענען פאַראַן אַ 12 מיליאָן שוואַרצע, קאָלירטע, וועלכע הייסן ביי אונדז „מעסטיסאָס", אָדער מולאַטן און זיי זענען אַ געמיש פון שוואַרצע מיט ווייסע, וואָס באַטרעפן אַנדערטהאַלבן מיליאָן. אויסער דעם זענען פאַראַן אינדיער און כינעזער. יעדע פון אָט די באַפעלקערונגען ציט ערגעץ אַנדערש און דאָס דאָזיקע שאַפט נאַטירלעך אומרויִקייט. אָבער די רעגירונג איז אַ פעסטע און זי באַהערשט די לאַגע און די אומרויִקייטן פון אויף דער ערד זענען פונקט אַזוי ווייניק געפערלעך ווי די אומרוען אונטער דער ערד, הגם די אומרוען פון אויף דער ערד זענען נישט קיין גאָלדענע, ווי די דאָזיקע, וואָס קומען פאָר אונטער דער ערד. עס קען אָבער זיין, אַז ווייל עס איז פאַראַן גאָלד אונטער דער ערד, וועלן נאָך זיין קאַמפן און קאַמפן. עס איז אַ צו רייך לאַנד, אַז עמיצער זאָל דאָס וועלן צולאָזן דעם צווייטן...

בכדי זיך צו איבערצייגן, ווי רייך דאָס לאַנד איז, וועלן מיר דערציילן, אַז ווען מען קוקט אַ ביסל ווייטער פון דער שטאָט דורך די פענצטער פון דעם דערמאָנטן „הערצאָג־טורעם", זעט מען גאַנץ היפשע בערג און מען דערקלערט דיר, אַז דאָס איז די ערד, וואָס איז אויסגעגראָבן פון די גאָלד־מינעס. און ס'איז דאָ איצט וואָס צו קוקן. לויט אָט די „בערג" קען מען זיך געבן חשבון, ווי גרויס ס'איז די צאָל פון גאָלד־מינעס אין לאַנד. מ'קען דאָס אָנרופן מיטן נאָמען „דאָס גאָלדענע לאַנד".

אָבער מיר ריידן דערווייל וועגן דער שטאָט יאָהאַנעסבורג, וועגן דער דאָזיקער יינגסטער פון די גרויסע און שיינע, אָבער טאַקע שענסטע שטעט פון דער וועלט. אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך הויך און איז געטיילט צווישן הויכקייטן און נידעריקייטן. עס איז שיין זיך פשוט אַנידערשטעלן און קוקן אויף יאָהאַנעסבורג. איך וועל נישט מיד צו שטיין שעהנווייז און קוקן אויף דער שטאָט יאָהאַנעסבורג.

— 6 —

אַ לשון, וואָס איז געווען הפקר און היינט איז עס די הויפּט־שפּראַך

נאָך דעם, וואָס איך האָב באַשריבן אַ ביסל יאָהאַנעסבורג, ווי איינע פון די שענסטע און יינגסטע שטעט אין דער וועלט, האָט עמיצער געזאָגט:

— שיין איז זי, די שטאָט, אָבער קיין כאַראַקטער האָט זי נישט. זי איז געבויט געוואָרן גיך און צופעליק. מען האָט נישט אויסגעקליבן קיין פּלאַץ מיט כאַראַקטער פאַר איר. זי האָט נישט קיין ים, נישט קיין רעכטע טייכן, נישט קיין בערג אַרום. זי שטייט אַליין אויף אַ נישט־הויכן באַרג פון קאַרגע טויזנט מעטער און זי האָט אַרום קליינע בערגלעך.

און איך האָב זיך דערוווּסט ווי אַזוי די שטאָט איז געבויט געוואָרן. עס איז געווען אין דער צייט פון „גאָלד־רויש". מען איז געלאָפן נאָך דעם גאָלד פון דרום־אַפריקע, אַזוי ווי מען לויפט נאָך — גאָלד. אַזוי ווי די דורשטיקע נאָך אַ טרונק איז מען געלאָפן. און די גאַנצע שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ גאָלד־לאַגער. מענטשן, וואָס האָבן געזוכט צו קויפן גאָלד־מינעס, האָבן זיך דאָ פאַרלייגט די געצעלטן. דאָס איז געווען אין די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. און אין משך פון זיבעציק יאָר איז אויסגעוואַקסן אַזאַ ריזיקע שטאָט.

פאַראַן אַ געגנט אין יאָהאַנעסבורג, וואָס מען רופט זי „קליין בערלין". בכלל אָבער פּאַסט זיך פאַר דער דאָזיקער שטאָט דער נאָמען „קליין ניו־יאָרק". יאָהאַנעסבורג האָט אַ מיליאָן איינוווינער און ניו־יאָרק האָט שוין מסתמא 9 מיליאָן איינוווינער, אָבער די באַוועגונג איז אין יאָהאַנעסבורג אין זעלביקן טעמפּאָ וואָס אין ניו־יאָרק. איר טרעפט דאָ זעלטן אַ ווייסן מענטשן,

וואָס זאָל נישט האָבן קיין „מאָטאָר־קאַר” (אַזוי רופט מען דאָ אַן אויטאָ). און פאַראַן שוואַרצע, וואָס האָבן אויך אויטאָס. פאַראַן צייטן, אין משך פון טאָג, ווען די גאַסן זענען פול מיט אויטאָס און זיי שטייען איינער הינטער דעם אַנדערן און זיי רוקן זיך איינער נאָכן אַנדערן מיט טשערעפּאַכע־טריט.

מען יום־טובט איצטער דעם 70סטן יאָרטאָג פון דער שטאָט יאָהאַנעס־בורג. זי איז געוואָרן אַ בת־שבעים. און נאָר מיטן כוח פון אַזוי פיל גאָלד מיט וועלכן די היגע ערד איז אַזוי רייך האָט מען געקענט אויסבויען אַזאַ ריזן שטאָט, וואָס האָט אַ מיליאָן איינוווינער. און די פייערונג פילט מען אַר־מעטום, אָבער באַזונדערס זעט מען זי אין אָוונט, ווען די גאַסן אין צענטער זענען פול מיט אילומינאַציעס פון אַ פאַנטאַסטישן מין. נעצן גאַנצע פון רויטע ליכטער פאַרדעקן די צענטראַלע גאַס און אין מיטן פון די נעצן זענען פאַ־ראַן רעדער פון בלויען קאָליר און אין מיטן די רעדער זענען פאַראַן שטע־קעלעך. די רעדער דרייען זיך און עס דאַכט זיך, אַז די שטעקעלעך דרייען זיי און די ליכטער טאַנצן. און אַזוי ווי עס טאַנצן די ליכטער, אַזוי דאַכט זיך, אַז די גאַסן גופא טאַנצן אויך. פאַראַן אַ ווינקל אין ניו־יאָרק, וואָס מען רופט בראָדוויי, דאָס איז דאָס ווינקל פון דער בראָדוויי־גאַס און טאַימז־סקווער, טאַנצן דאָרט אין אָוונט שטענדיק פאַנטאַסטישע ליכטער. אין יאָהאַנעסבורג טאַנצן איצטער נאָך מער פאַנטאַסטישע ליכטער. דאָס איז צו דער געלעגנ־הייט, וואָס די שטאָט איז געוואָרן אַ זיבעציקערן.

און מען פילט דעם יובליי־יום־טוב אין אַלע פּאַרקן. אַלע זענען זיי ספּעציעל אויסגעפּוצט לכבוד יום־טוב. פאַראַן אין זיי אַלערליי קיאָסקן פאַר אַלערליי נישט־אַלקאָהאָלישע געטראַנקען: טיי, קאַווע און צובייס, און פאַראַן קיאָסקן מיט אַלערליי זאַכענישן און קינדער־שפּילערייען. און עס איז דאָ אַ מאָדנע שטייגער. מען קען בייטן זאַכן אויף זאַכן. מען פאַרקויפט נישט און מען קויפט נישט, נאָר מען בייט. מ'קען בייטן אַ בינאָקל אויף אַ פאָטאָגראַ־פישן אַפּאַראַט. אַפילו קליידער בייט מען. עס זענען אין די בייט־שטעלן פאַ־ראַן זאַכן, וואָס זענען ווערט אַ סך געלט און פאַראַן זאַכן, וואָס זענען קוים ווערט קליינגעלט. און עס שטייען אויסגעשטעלט בילדער פון מאָלערס. פאַראַן בילדער פון באַדייטנדיקע קינסטלער, אין וועלכע עס איז פאַראַן סטיל און כאַראַקטער. און עס פעלן נישט קיין מאָלערס, וואָס מאַכן אויפן פלאַץ פּאָר־טרעטן. שטעלן זיך אַנידער דערוואַקסענע מענטשן און לאָזן זיך מאָלן, און באַזונדערס שטעלן די עלטערן אַנידער זייערע קינדער, אַז מען זאָל זיי מאָלן.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן אין אַ פּאַרק וואָס הייסט „זשובערט” און איך האָב דאָרט געטראָפן טויזנטער מענטשן. מען

האָט געהערטביידע שפּראַכן פון לאַנד — ענגליש און אַפריקאַן. און מען האָט זיך געיאָגט. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז מען יאָגט זיך עפּעס צו זען אויסערגעוויינלעכס. מען וויל זען דעם יום־טוב אַליין, אָדער די גאַנצע שטאָט, וואָס ווערט אַלט 70 יאָר. און מען האָט זיך נישט געגעבן קיין חשבון, אַז די גאַנצע זאַך איז אַן אילוזיע. מען וויל זען עפּעס אַ זאַך וואָס דאַרף קומען און אַז ס׳קומט, געדויערט דאָס גאָר נישט און ס׳גייט אַוועק. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ האָפענונג און אַ דערינערונג. מען האָפט אויף אַ זאַך וואָס דאַרף קומען און מען דערינערט זיך אין אַ זאַך, וואָס איז געווען.

און פונקט ווי איך האָב געזען מענטשן, וואָס יאָגן זיך, פונקט אַזוי האָב איך געזען מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעיאָגט און האָבן זיך געזעצט און געלייגט אויף דער ערד, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויף איר עפּעס אויסגעשפּרייט. ווער ס׳האָט געזוכט זיך צו זעצן, אָדער צו לייגן אין שאָטן און ווער אויף דער זון. מענטשן האָבן פאַרשידענע נייגונגען און פאַרשידענע באַגערן. און די מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעיאָגט און זיי זענען געזעסן, אָדער געלעגן, האָבן אויסגעזען מיד. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך אַן אילוזיע, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ מיראַזש. איצטער איז שוין נישטאָ נאָך וואָס צו יאָגן זיך. מען האָט שוין אַלץ געזען. און אין מידקייט איז געווען אַ זיסקייט און אַ באַטעמטקייט. מען לויפט דאָך צו אַ פאָלקס־יום־טוב מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען מוז ווערן מיד און אין דער מידקייט איז פאַראַן די פאַרגאַנגענהייט. עס איז אין איר פאַראַן דאָס דאַזיקע, וואָס מען האָט געוואָלט זען און פילן און מען האָט דאָס געזען און געפילט אַן אויגנבליק.

אויך אין דעם פּאַרק, וואָס הייסט „זו לייק“, האָב איך געזען אַן ענלעכע יום־טובדיקייט. דאָס איז אַ פּאַרק, וואָס האָט פון איין זייט דעם „זו“, דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן פון שטאָט, מיט די אויסערגעוויינלעכע אַפריקאַנער חיות, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער אַן אָזיערע — (אַ „לייק“, אַזוי ווי „לאַגאָ“ אין שפּאַניש). ער איז שטאַרק גרויס אָט דער פּאַרק. ער איז גרויס ווי אַ היפּש שטעטל. און איך בין געגאַנגען צום וואַסער־צו. די חיות האָב איך איבערגעלאָזט אויף אַ צווייט מאָל. דערצו זענען אין אַפריקע פאַראַן פּלעצער, וווּ מען קען די חיות זען אויף אַן אינטערעסאַנטערן אופן ווי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. פאַראַן אַ רעזערוואַט, וואָס הייסט „גיימס רעזערוו“, וואָס איז אַ ריזיקער וואַלד, וווּ מען זעט די חיות אַרומלויפן פריי. יענער רעזערוו איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ מדינת ישראל. די באַשרייבונג פון גיימסט רעזערוו וועט זיין דער טשוואַק פון מיינע אַפריקאַנישע באַשרייבונגען, וואָס וועלן אם ירצה השם, האָבן אַ סך „טשוועקעס“...

האַלטן מיר ביים פּאַרק „זו־לייק״, אויך אַ ריזן פּאַרק ווו מען פייערט 70 יאָר יאָהאַנעסבורג. און עלטערן דערציילן מסתמא די קינדער, אַז צוריק מיט 70 יאָר איז אויף דעם פּלאַץ ווו עס שטייט איצטער די גרויסע שטאָט, גאָרנישט געווען. עס איז געווען אַ פעלד מיט געצעלטן. און אַ ביסל וויטער אַהין זענען געווען די גאָלד־גרובן, ווו מען האָט געגראָבן — איז געווען גאָלד. און ס׳קען זיין, אַז די גאַנצע שטאָט שטייט אויף גאָלד.

און ס׳איז טאַקע מאָדנע אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין לאַנד איז דאָ גאָלד, האָט מען גענומען לויפן אַהער. די ערשטע צו קומען צו לויפן זענען געווען די האָלענדער, דערנאָך זענען געקומען די ענגלענדער. און עס זענען געקומען אינדיער און כינעזער. און אַ דאַנק דעם, וואָס דער רויש וועגן גאָלד האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, זענען אַלץ מער מענטשן געקומען אין לאַנד אַריין. און אַזוי ווי אַ סך ווייסע זענען געקומען אָן ווייבער, האָבן זיי געלעבט מיט די שוואַרצע פרויען און זיי האָבן געהאַט געמישטע קינדער, האַלב־שוואַרצע. מען רופט זיי דאָ „קאָלירטע״. איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער שבט פון „קאָלירטע״ וואָס באַשטייט פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס די „קאָלירטע״ זענען אויך קעגן די שוואַרצע. מען האָט זיי אונטערגעקויפט דערמיט, וואָס מען האָט זיי געגעבן אַ קליין ביסעלע מער רעכט ווי די שוואַרצע. טאַקע מער נישט ווי אַ קליין ביסל.

און אַזוי טראַכטנדיק אין פּאַרק „זו לייק״ וועגן די שוואַרצע און „קאָ־לירטע״, בין איך דורשטיק געוואָרן. די אַפריקאַנישע זון באַקט. האָב איך אויף אַ פּלאַץ באַשטעלט אַ קאַלטן געטראַנק. איז צוגעקומען אַ קעלנער מיט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע, נישט געקרויזטע האָר און מיט אַ צאַרט פּנים פון אַ האַלב־שוואַרצן. ער האָט געהאַט טיף שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַ בלויען אָפּשיין. און צאַרט זעט ער אויס. מיין באַגלייטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַן אינדיאַנער. ער איז לחלוטין נישט ענלעך צו אונדזערע אינדיאַנער. ער זעט אויס צאַרט, שיין און פאַרחלומט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די אויגן און איך האָב אין זיינע אויגן געזען דעם טרויער פון איינעם, וואָס האָט אַ העלפט פון די מענטשן־רעכט. די אינדיאַנער זענען נישט אַזוי אומ־באַרעכטיקט ווי די נעגער, אָבער נישט אַזוי באַרעכטיקט ווי די ווייסע. צי ער האָט אין מיינע אויגן געזען דעם יידישן טרויער, ווייס איך נישט. עס קען זיין, אַז ער האָט וועגן ז׳עם קיין אַנונג. איך דאַרף קענען אַלעמענס טרוי־ער, אָבער ער דאַרף קענען נאָר זיין אייגענעם טרויער. איך בין אַ וועלט־מענטש און ער איז בלויז אַן אָרטיקער.

די גרויסע קאַמפּן אָבער זענען אין דרום־אַפריקע פאָרגעקומען נישט צווישן די שוואַרצע און „קאָלירטע" און נישט צווישן די אינדיאַנער און נע־גער און קאָלירטע. זיי זענען פאָרגעקומען צווישן די ענגלענדער און די „בורן", וואָס רופן זיך היינט אַפריקאַנס — אַפריקאַנער, הייסט עס. די בורן זענען אייגנטלעך געווען האָלענדער, אָבער דאָ־ הי האָבן זיי געקראָגן צומישן אין זייער שפּראַך און עס איז אויסגעוואַקסן אַ ניי פאָלק מיט אַ נייער שפּראַך. דער אָפּשטאַם פון אַפריקאַנס־שפּראַך איז טאַקע האָלענדיש, אָבער עס איז צוגעקומען אַ צומיש פון ענגליש, האָטענטאָטיש, פראַנצויזיש און נאָך און נאָך. מיר שיינט, אַז אַפריקאַן איז די יינגסטע שפּראַך אין דער וועלט. זי איז די מוטער־שפּראַך פון אַריבער 2 מיליאָן ווייסע און פון אַ היפּש ביסל שוואַר־צע. עס איז געווען אַ צייט, ווען זי איז געווען אומבאַרעכטיקט און מען האָט געשלאָגן קינדער אין די שולן, ווען זיי האָבן גערעדט אין איר. היינט האַלט זי אין ווערן די שפּראַך פון לאַנד. וועגן די קאַמפּן צווישן די ענגלענדער און די בורן וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. דאָ האָבן מיר אַ רייד געטאָן וועגן אַ שפּראַך, וואָס איז נאָך צוריק מיט פופציק יאָר געווען הפקר און היינט איז זי די הויפּט־שפּראַך פון אַ גרויס, רייך לאַנד.

— 7 —

קינדער־לידער האָבן מיר געמאַכט היימישער יאָהאַנעסבורג

כ'האָב זיך היינט אַליין געפּראַוועט אַ יובילײ. עס איז געוואָרן אַ וואָך זינט איך בין אין דרום־אַפריקע. אין אַפריקע בכלל בין איך שוין 10 טעג. און אין משך פון די 10 טעג און דער וואָך האָב איך איבערגעלעבט און געזען זאַכענישן, וואָס זענען גענוג פאַר חדשים. די לעצטע נאַכט בין איך טאַקע די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. עס איז נישט געקומען קיין דרימל אויף מיינע ווי'עס. איך בין געלעגן און געטראַכט, אַז איך בין פאַרפאַרן ווייט. איך געפין זיך אַזוי פיל טויזנטער מייל פון מיין אייגענער היים און מיין רעדאַק־ציע. אַז איך בין צווישן מענטשן, פיל איך דאָס נישט. איך בין דאָך צווישן סאַמע אייגענע, יידיש־ריידנדיקע יידן, וואָס ריידן וועגן המשך און קיום און וועגן דעם, וואָס די קינדער ריידן נישט קיין יידיש און וועגן 100 יאָר יידי־

שער ליטעראַטור און וועגן דעם, וואָס די אַראַבער זענען בכלל אַזוי צעריסן און אַז עס קומט צו מדינת ישראל ווערן זיי אייניק און וועגן דעם, וואָס רוס־לאַנד זאָגט זיי רק צו צו העלפֿן. אָבער אַז עס קומט די נאַכט און איך בלייב אַליין אין צימער, דערפיל איך די וויטקייט. און היינט אין דער פרי, ווען אַ באַקאַנטער האָט מיך געפרעגט, ווי איך פיל אין דרום־אַפריקע, האָב איך איבם געזאָגט:

— עס איז אַ טייערע מדינה דאָס דרום־אַפריקע, אָבער עס געפינט זיך אַ ביסל צו ווייט פון דער וועלט. מען וואָלט דאָס געדאַרפט צורוקן אַ ביסל נענטער צו דער וועלט.

זאָגט מיר דער באַקאַנטער מיינער:

— יאָהאַנעסבורג געפינט זיך אויף 10 שעה פליען פון לאָנדאָן, אָדער פּאַריז. קיין ישראל פליט מען פון דאָנען אַ 14 שעה. אָבער נישט ווייל עס איז טאַקע אַזוי ווייט, נאָר ווייל עס געפינען זיך אויפן וועג פיינדלעכע אַפריקאַנער לענדער און מען מוז זיי אויסמיידן און פאָרן אַרום און אַרום. ווען נישט, וואָלט מען אין 8 שעה געווען אין ישראל.

און איך האָב זיך געגעבן חשבון, אַז דער באַקאַנטער מיינער איז גערעכט. דאָס עצם פאָרן פון בוענאָס־איירעס קיין יאָהאַנעסבורג געדויערט נישט מער ווי אַ 20 שעה, אָבער ווייל ס'איז נישטאָ קיין גוטע פאַרבינדונג און ווייל עס פאָרן ווייניק פּאַסאַזשירן, מוז מען שטיין אין אַ סך סטאַנציעס און עס וויזט זיך אויס ווייט. און עס איז מיר גרינגער געוואָרן און די קומענדיקע נאַכט וועל איך טאַקע אַלץ בענקען אַהיים, אָבער שלאָפן וועל איך שוין געוויס יאָ. און סיי־ווי פּאַסירט ביי מיר, אַז ווען איך שלאָף איין נאַכט אַ ביסל שלעכט, שלאָף איך די צווייטע בעסער. די נאַטור אַליין מאַכט שוין, אַז דער דעפיציט אין שלאָף זאָל זיך דעקן...

אין דרום־אַפריקע איז נישט פאַראַן אַזאַ גרויס יידיש לעבן ווי אין אַרגענטינע. עס דערשיינט דאָרט אויך נישט אַזאַ גרויס יידיש געדרוקט וואָרט, ווי אין אַרגענטינע און עס זענען דאָ נישט דערשינען ביז איצטער אַזוי פיל יידישע ביכער, אָבער עס איז פאַראַן אַ יידיש לעבן מיט אַלערליי אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ קהילה — נישט אַזאַ פאָלקסטימלעכע ווי ביי אונדז — און אַ ציוניסטישע פעדעראַציע (פון אַלע פּאַרטייען), און אַ ועד החינוך און אַן אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע פאָלקשולן און אַ מושב־זקנים און נאָך און נאָך. און עס זענען פאַראַן פאָלקסטימלעכע יידן. די דאָזיקע יידן זענען קאָנצענטרירט אין דער יידישער קולטור־פעדעראַציע, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אין אונדזער קולטור־קאָנגרעס. צום ערשטן קבלת־פּנים, וואָס מען האָט געמאַכט

פאַר מיר אין אַ שיינעם האָטעל־זאַל, זענען געקומען אַריבער דריי הונדערט ייִדן און עטלעכע מענטשן האָבן מיך באַגריסט און זיי האָבן אַלע געקענט מיין טעטיקייט און געוווּסט וואָס זיי האָבן גערעדט. און דער עולם האָט אויסגע־הערט מיין ערשטע לעקציע — וועגן 104 יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע — מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און איך בין געווען באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז איך געפין זיך אין דער מיט צווישןביידע דרומס: דרום־אַמעריקע און דרום־אַפ־ריקע, און איך פאַראייניק זיי דורך דעם ייִדישן וואָרט.

און דאָס שיינע האָטעל־צימער מיינס איז שוין פול מיט ייִדישע ביכער, וואָס זענען דערשינען דאָ אין לאַנד. פאַראַן ביכער, וואָס זענען דערשינען דאָ אין לאַנד און פאַראַן ביכער פון היגע מחברים וואָס זענען דערשינען אין אויסלאַנד. פאַראַן ביכער, וואָס זענען דאָ דערשינען נאָך צוריק מיט 30 יאָר, און פאַראַן ביכער וואָס זענען דערשינען ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק. און אין די מערסטע פון די דאָזיקע ביכער איז פאַראַן דאָס עקזאָ־טישע לעבן אין לאַנד מיט די פאַרשידענע פעלקער און ראַסן. און מיר וועט אויסקומען נאָך צו שרייבן וועגן די דאָזיקע ביכער, ווייל זיי וועלן מיר העלפן באַקענען דעם לייענער מיט דעם פאַרשידנאַרטיקן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איז אַמאָל געווען וויט און וואָס דער עראָפּלאַן בכלל און דער דזשעט בפרט האָבן אָפּגעשאַפט זיין וייטקייט. אָבער דאָס מאָל וועל איך אַ שרייב טאָן וועגן אַ ביכל קינדער־לידער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אין יאָהאַנעסבורג. דאָס ביכל הייסט „וואַקסן, וואַקסן בלי־מעלעך" און דער מחבר דערפון איז ה. ערליך, וואָס איז דער עלטסטער ייִדישער שרייבער אין דרום־אַפריקע. ער איז אַ ייִד פון קיין עין־הרע 77 יאָר, און מיין פריינט הרב מ. ד. שיף, וואָס האָט געלעבט אַ היפּשע צייט אין אַר־גענטינע און וואָס געפינט זיך איצטער אין יאָהאַנעסבורג, זאָגט מיר, אַז 77 איז בגימטריא מזל. ה. ערליך האָט אין 1950 אַרויסגעגעבן אַ גרעסער ביכל דערציילונגען און הומאָרעסקעס א"נ „אָט אַזוי", און דאָס דאָזיקע ביכל איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דרום־אַפריקע און מען קען אין דעם דערקענען דאָס ביסל ייִדישע לעבנס־שטייגער פון דאַנען. עס האָט אַזאַ מאָטאָ:

גוּן דריקט דיר פריינד, אויפן האַרצן וואָס —
לאָז זיך אויס.
און האָסטו צרות אָן אַ מאָס —
לאָז זיך אויס.
פאַרטרייב דעם אומעט מיט געלעכטער
און האַלט דעם שמייכל פאַר אַ וועכטער.

אָבער איך וועל זיך איצטער באַנוגענען מיט אַ שרייב טאָן וועגן דעם ביכל קינדער־לידער. מסתמא זענען דאָ שוין נישט פאַראַן צו פיל קינדער, וואָס פאַרשטייען יידיש. צווישן דער יוגנט געפינט מען נאָך יאָ אַזעלכע, וואָס קענען יידיש. מען לערנט מאַמע־לשון נאָר אין די צוויי פאָלקשולן. אין די שולן פון ועד החינוך לערנט מען נישט קיין יידיש און העברעיִש לערנט מען דאָרט אויך נישט צו פיל. עס איז אַ לאַנד מיט צוויי גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַכן — ענגליש און אַפריקאַניש (בוריש), און אויב מען זאָל לערנען אין די גאַנצע שולן ביידע יידישע שפּראַכן — העברעיִש און יידיש — וואָלט מען געדאַרפט לערנען אויך ביידע לאַנד־שפּראַכן... קיין צרות פעלן אין ער־געץ נישט. און פון דעסטוועגן געפינט זיך אַן עלטערער ייִד, וואָס שרייבט קינדער־לידער. אויף ישראל זאָגט מען: „אַ מאָדנע לאַנד. עס האָט נישט קיין פערד און עס האָט פערד־גנבים"... אין אַפריקע זענען נישטאָ קיין קינ־דער, וואָס קענען יידיש און עס איז ערשט דערשינען אַ ביכל מיט קינדער־לידער. און אויב די קינדער קוויקן זיך נישט מיט די דאָזיקע לידער, זאָלן דאָס כאָטש טאָן די דערוואַקסענע...

45 זייטן האָט ערליכס ביכל „וואַקסן, וואַקסן בלימעלעך" און 24 ליד־לעך. און עס האָט מאַני לייבס אָט די שורות, פאַר אַ מאָטאָ:

אײנס, צװײ, דרײ, פיר
קינדער קלאַפּן אין מײן טיר.
קינדער גוטע, קומט אַרײן,
װעט איר גוטע געסט דאָ זײן.

מסתמא קלאַפּן קינדער אויך צו ערליכן אין טיר. אָבער לידער נישט אויף יידיש. אָבער ער זינגט אין די קינדערס נאָמען. דאָס ערשטע לידל, וואָס הייסט טאַקע „וואַקסן, וואַקסן בלימעלעך", זינגט אַ קינד און עס דער־ציילט, אַז די בלימעלעך האָבן שיינע קאָלירן, אַז ס'איז צו קוקן אַ מחיה:

און װען איך קום פון שול אַהײם,
זײ װאַרטן שױן אױף מיר,
באַגיס איך מײנע בלימעלעך
און גיב אַ צאַרטן דיר.

און אָט באַזינגט ער „חנהלעס געבוירן־טאָג". זיבן יאָר איז חנהלע אַלט געוואָרן און אירע צעפּעלעך זענען פאַרפלאָכטן מיט בענדעלעך. און דאָס הויז איז פול מיט קינדערלעך און מתנות; ווער עס ברענגט אַ „טעדי בער", ווער

אַ ליאַלקע. און זיבן קליינע ליכטעלעך ווי נאָדעלעך די גרייס — די מאַמע צינדט זיי פּייערלעך אָן און חנהלע לעשט זיי אויס.

די קינדערלעך צעזינגען זיך,
עס העלפט דער טעדי־בער.
חנהלע פאַרשעמט זיך באַלד
און לאָזט אַרויס אַ טרער...

און אָט אַ לידעלע „עטעלע און איר ליאַלקע": דאָס מיידעלע עטעלע מאַכט צורעכט דאָס בעטעלע, ווייל די ליאַלקע וויל שלאָפן און זי זינגט איר „איילי־ליו" און דערנאָך נעמט עטעלע אַרויס דאָס „קינד" פון בעטעלע, און די ליאַלקע וויל עסן. און דערנאָך נעמט זי איר אָן ביים הענטעלע און טוט איר אָן אַ מענטעלע און זי גיט איר אַ קוש אין שטערן און זי זאָגט איר:

וויין נישט, נאַריש פייגעלע,
מאַך נישט נאַס דאָס אייגעלע,
אַ מאַמען דאַרף מען הערן.

און נאָך לידעלעך זענען פאַראַן אין ביכל. אַ לידל וועגן דעם ווי מען פירט צום ערשטן מאָל אַ קינדעלע אין שול; ווי אַ מיידעלע טוט ווייַ אַ צאָן און דער דאָקטער נעמט אים אַרויס. און אָט ווערט דערציילט אין אַ לידעלע וואָס הייסט „אין שפּאָס", ווי אַ קליין טעכטערל טוט נאָך דער מאַמען, ווען די מאַמע גייט אַוועק אין גאַס און זי נעמט אַרויס דער מאַמעס פּאַרב און פאַרבט זיך אָן די ליפּעלעך און די בעקעלעך און זי איז אַ דאַמע, און די מאַמע קומט אָן און זעט און זאָגט איר, אַז זי דאַרף זיך שעמען און —

דאָס טעכטערל — עס קוקט זי אָן
ווי ס'וואָלט זי וועלן פרעגן:
אויב די מאַמע מעג עס טאָן,
פאַר וואָס זאָל זי נישט מעגן?

מיר וואָלט זיך געוואָלט דערציילן וועגן די לידלעך פון ה. ערליך. אָט דערציילט אַ מיידעלע, אַז זי האָט אַ באָבע, וואָס דערציילט איר מעשיות וועגן אַ האָן, וואָס איז געפלויגן און געלייגט אַן איי, און ווי אַ קאָץ איז אַנטלאָפן פאַר אַ מויז, און ווי אַ האָן האָט דערלאַנגט אַ גענעץ און אַ נאָס. און אָט אַ לידל „ווען איך זאָל זיין אַ פייגעלע", אין וועלכן עס זינגט אַ קינד, אַז ווען עס וואָלט געווען אַ פייגעלע, וואָלט עס צעבראָכן דאָס שטייגעלע און גע־

פליגן ווייט אַוועק און געבויט אַ נעסט אויף אַ בוים און וואָלט געהאַט אַ סך פייגעלעך און מען וואָלט איינאיינעם געזונגען און דאָס לידל ענדיקט זיך:

עפּנט אויף די שטייגעלעך,
איר מענטשן גוט און פיין,
ס׳איז אומעטיק די פייגעלעך
אין שטייגעלעך צו זיין.

פאַראַן אין ביכל לידלעך, וואָס האָבן אַ לאָקאַלן קאָלאָריט און אין וועל־כע עס ווערן גענוצט אָרטיקע ווערטער. איין לידל הייסט „טשאָעבי דער קי־טשען באָי”. דאָס איז אַ לידל וועגן אַ ייִנגל פון קיך (קיטשען מיינט אַ קיך און באָי אַ ייִנגל). ער אַרבעט אין קיך און ער קריגט וויניק „וויטשעס” (שכירות) און מען רופט אים מיט פאַרשידענע נעמען; ווער עס רופט אים פּיטער, ווער הייק, ווער דזשאָן, דזשעק, דזשים, מעק. אַ סך מאָל רופט מען אים און ער ווייסט נישט צי אים מיינט מען. ער האָט שוין אַכט נעמען. ער פאַרגעסט אַזש זיין אייגענעם נאָמען.

פּאַקט ער זיין אָרעם פּעקל
און ער וואָרפט אַ לעצטן בליק,
לאָזט די מיסעס מיטן קיטשען
און ער פאָרט אַהיים צוריק.

דאָס ביכל ענדיקט זיך מיט אַ מעשה, וואָס הייסט „דער טויט פון אַ פּרינץ”. עס איז אַ געשיכטע וועגן אַ בן־יחיד פון אַ מלך, וואָס איז קראַנק געוואָרן. קיינער קען אים נישט העלפן. און עס קומט אָן אַן אַלטער מאַן און זאָגט, אַז ער האָט דערלעבט אַ טיפן עלטער, ווייל ער האָט געאַרבעט שווער. ער איז אַ שמיד. און זאָל דער פּרינץ ווערן אַ שמיד, וועט ער זיך ראַטעווען. שפּרינגט אויף דער מלך מיט צאָרן און ער ענטפערט, אַז אַרבעט איז געגעבן פאַר פּראָסטע מענטשן, פּרינצן דאַרפן אומגיין ליידיק. און ער טרייבט אַרויס דעם שמיד.

און דער פּרינץ איז אויסגעגאַנגען,
זינגענדיק דאָס לעצטע ליד:
בעסער שטאַרבן ווי אַ מלך,
איידער לעבן ווי אַ שמיד...

— — — — — — — — — — — — — — —

און כאָטש איך וויים, אַז אין אַפריקע זענען פאַראַן זייער ווייניק קינדער, וואָס וועלן פאַרשטיין די יידישע לידער פון ה. ערליך, האָבן מיר די דאָזיקע קינדער־לידער געהאָלפן מאַכן יאָהאַנעסבורג היימישער און אייגענער!

— 8 —

יידישע קולטור־טוער אין יאָהאַנעסבורג

צייט שוין צו דערציילן וועגן די דאָזיקע יידן מיט וועלכע איך פאַרקער אין יאָהאַנעסבורג, דער גרעסטער שטאָט פון דרום־אַפריקע, און וועלכע האָבן מיך פאַקטיש געבראַכט אַהער. אַ דאַנק זיי האָב איך אַ מעגלעכקייט צו שרייבן די סעריע אַרטיקלען „איך בין אין אַפריקע". ווען נישט זיי, וואָלט איר געדאַרפט וואַרטן ביז וואַנען מיינע לייענער וועלן מיך אַהער שיקן.

מיך האָט קיין דרום־אַפריקע געבראַכט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „יידישע קולטור־פעדעראַציע". אַ פעדעראַציע מיינט אַ צענטראַלע פון פאַראיינען. און אין דער דערמאָנטער פעדעראַציע זענען טאַקע פעדערירט עטלעכע קולטור־פאַראיינען פון דער פּראָווינץ. זי איז געגרינדעט געוואָרן, די פעדעראַציע, צוריק מיט 17 יאָר און זי האָט אויף איר קאָנטע דאָס ברענגען אַ גאַנצע ריי יידישע שרייבער אַהער און דאָס אַרויסגעבן, אָדער העלפן אַרויסגעבן אַ געוויסע צאָל יידישע ביכער פון היגע מחברים. צווישן די דאָזיקע שרייבער, וואָס די פעדעראַציע האָט געבראַכט, פיגורירן די צוויי דיכטער אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע, דעם ראָמאַניסט מענדל מאַן. אויך יודל מאַרק איז געווען דער גאַסט פון דער פעדעראַציע. זי גיט אַרויס אַ פיינעם זשורנאַל אונטערן נאָמען „דרום־אַפריקע", וואָס דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון דעם טאַלאַנטירטן דיכטער דוד וואָלפע.

די מענטשן, וואָס זענען נאָענט צו דער פעדעראַציע, זענען קודם־כל יידישיסטן. זיי זענען ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און זיי האָבן פיינע יידישע ביבליאָטעקן. און זיי לייענען זייערע ביכער און קענען זיי. פּראָפּאָרציאָנעל צום ישוב, טרעפט מען דאָ אפשר מער יידישע ליטעראַטור־קענער ווי אין דער גאַנצער וועלט. און צו האַלטן אַ רעפּעראַט אין יאָהאַנעסבורג דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען. און צווישן די הויפּט־טוער טרעפט מען אויך אַזעלכע, וואָס שרייבן און ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין סוחרים,

וואַלטן זיי פּאַרנומען פּאָזיציעס אין דער יידישער שרייבערישער וועלט. זיי לעבן אַלע איבער די גרויסע פרייד פון יידישן וואָרט, וואָס איז געווען און איז אַזוי שעפעריש און זיי לעבן אויך איבער דעם צער פון יידישן וואָרט, וואָס די צאָל פון אירע לייענער פאַרקלענערט זיך כסדר. זיי זעען ווי דער קאָנטינענט יידיש ברעקלט זיך ווי דער לעגענדאַרער קאָנטינענט אַטלאַנטי־דאַ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ים אַריין... זיי ווייסן, אַז מיט די צוויי יידישע פאָלקשולן וואָס זענען פאַראַן אין יאָהאַנעסבורג — און אין די אַנדערע שטעט אין שטעטלעך פון דרום־אַפריקע זענען גאָר קיין יידישע שולן נישט פאַראַן — וועט מען די מערכה נישט פאַרריכטן. זיי האַלטן אָבער, אַז דערווייל דאַרף מען זיך אויסלעבן אויף יידיש און אַנדערש קען מען אויך נישט. יידיש איז היינט צו טאָג זייער אַלץ, ווי ס'איז אונדזערס. און באַהאַלטענערהייט קוקט יעדער אַרויס אויף אַ נס...

איך בין נישט קיין גרויסער בריה ביים דערמאָנען באַזונדערע נעמען. און עס איז מעגלעך, אַז איך וועל עמיצן באַגיין אַן עוולה און כ'וועל אים פאַרגעסן צו דערמאָנען, הגם ער איז דאָס ווערט. דאָס דאָזיקע גיט מיר אָבער נישט קיין רעכט נישט צו דערמאָנען קיינעם, ווייל אין יאָהאַנעסבורג זענען פאַראַן אַזעלכע ליבהאָבער און קענער פון יידישן וואָרט, וואָס דאַרפן פאַר־שריבן ווערן אין ספר הזכרונות.

איך וועל געבן כוהן איינעם וואָס איז אַ לווי. ער הייסט זלמן לעווי. ער איז דער פּאַרזיצער פון דער קולטור־פעדעראַציע. ער איז באַטירלעך אַ ליט־ווישער ייד. די מערהייט פון די יידן אין דרום־אַפריקע באַשטייט פון גע־בראָטענע ליטוואַקעס, האַרטע און פעסטע יידן מיט אייגענע מיינונגען און עקשנים. זלמן לעווי, איז אַ גרינטלעכער קענער פון דער יידישער ליטעראַ־טור און אַליין אויך אַ שרייבער. ער שרייבט אָן אַ ליטעראַרישן עסיי ווי אַן עכטער שרייבער. און ער קען אויך זיין אַ פּובליציסט. ער שרייבט אָן אַ פּוב־ליציסטישן מאמר מיט ציין. זיין סימפּאַטישע פרוי איז איינע פון די צוויי סעקרעטאַרשעס אין דער קולטור־פעדעראַציע. און זי טוט דאָס דאָזיקע נישט ווייל זי האָט דאָס נייטיק, נאָר ווייל די פעדעראַציע האָט נייטיק אַ סעקרע־טאַרשע וואָס קען גוט יידיש. זלמן לעווי איז אויך אַ גוטער רעדנער.

אַ נאָענטער צו דער קולטור־פעדעראַציע איז מענדל טאַבאַטשניק, וואָס איז נישט לאַנג געווען אַ גאַסט אין אַרגענטינע אינאיינעם מיט זיין סימפּאַ־טישער פרוי פייגעלע. זיי זענען ביידע געטרייע לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור. מענדל טאַבאַטשניק איז אַ ייד אַ סוחר און אים איז באַשערט מזל און ברכה אין זיין מסחר. ער געדענקט אָבער, אַז ער איז געווען אַ יידי־

שער לערער אין פוילן און אויך אין דרום־אַפריקע. און ער איז אַ מענטש מיט אַ סך מעלות און אייגנשאַפטן. ער האָט אַ פיינע שטימע און ער איז מוזיקאַליש אויך. ער האַלט רעפעראַטן וועגן פאָלקס־מוזיק און ער זינגט דערביי מיט אַ סך חן און עס זענען אייגנטלעך רעפעראַטן־קאָנצערטן. מענדל טאַבאַטשניק איז אויך אַ באַגאַבטער דיכטער. ער שרייבט קינדער־לידער און לידער בכלל. מיר האָבן אין דער קינדער־אָפּטיילונג פון „די פּרעסע" פאַרעפנטלעכט עטלעכע פון זיינע לידער און זיי האָבן עושה רושם געווען. און ער איז כסדר שעפעריש. ער האָט נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ פּאָעמע א"נ „אַ התונה", וועט זי פאַרנעמען אַ געוויסן פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע. זי שילדערט אַ יידישע חתונה אין יאָהאַנעסבורג, איז דאָרט פאַראַן אי דאָקומענטאַרישקייט פון אַפריקאַנער לעבן, אי פּאָעזיע. פאַראַן אין אָט דער פּאָעזיע השפעות פון א. לוצקי און שלום־עליכם, אָבער פאַראַן אויך אייגנאַרטיקייט. עס איז איינע פון יענע פּאָעמעס, וואָס זענען געשריבן פאַר־אמת... און ער האָט אין זיין ווייב פייגעלע דעם ריכטיקן עוזר־כנגדו. זי איז אַ האַרציקע פרוי און האָט אַ שאַרפן מענערישן קאָפּ, און זי העלפט אים זייער אַ סך אין זיינע דערגרייכונגען.

צו די נאָענטע סימפּאַטיזירער פון דער קולטור־פעדעראַציע דאַרפן צוגערעכנט ווערן: יוסף און אַניטאַ מיללין. יוסף מיללין איז אַ גרויסער סוחר, אַ ליטווישער ייד, אַ יודע־ספר. אַז איר זאָגט אים אַ גמרא־ווערטל, בלייבט ער אייך נישט שולדיק. ער איז אויך אַ מנגן. ער האָט געזונגען אין כאָר ביי דעם גרויסן חזן סיראָטאַ. ער איז אַן אָנגעזעענער נדבן אויף יידישע אַנשטאַלטן און זייער הויז איז אַ שטוב, ווו יידיש און די יידישע קולטור פילן זיך אין דער היים. זיין שיינע אשת־חיל אַניטאַ, איז אַ מעצענאַטקע. זי האָט באַזונדערס גוטע געפילן פאַר ענינים פון קולטור, ליטעראַטור און קונסט בכלל און זי האָט אַ נאָמען אין אָט דעם פּרט סיי ביי יידן, סיי ביי נישט־יידן.

אויך אייבל שאַבאַן, וואָס איז געווען אין אַרגענטינע, איז פון די נאָענטע צו דער קולטור־פעדעראַציע, הגם זיין הויפּט־טעטיקייט איז אָרט־אַזע. די דאָזיקע צוויי אָרגאַניזאַציעס זענען אין דרום־אַפריקע געבליבן פאַראייניקט. אייבל שאַבאַן, אַ גרויסער סוחר, האָט זיך אין דער יוגנט געקליבן צו ווערן אַ שרייבער און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם. זיין פרוי איז אַן עסקנית גלייך מיט אים און זי איז אויך אַ שרייבערין. זייער הויז איז מסתמא דאָס גרעסטע און שענסטע יידישע הויז אין יאָהאַנעסבורג און ס'האָט אַ סך בילדער פון קינסטלערישן ווערט.

אַ נאָענטער צו דער קולטור־פעדעראַציע איז ירחמיאל פעלדמאַן. אַנפּי־

רער פון די צוויי יידישע פּאָלקשולן, איז לייבל פעלדמאַן. זיי זענען ברידער און פאַרשידן אין זייער כאַראַקטער און אויסזען. זיי זענען ביידע אָנגעזעענע סוחרים און זיי האָבן אַ נייגונג צו שרייבן. ירחמיאל האָט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרקער „ציקאָ״־פאַרלאַג אין 1957 אַ באַנד דערציילונגען מיטן נאָמען „שוואַרץ און ווייס״, וואָס איז דערשינען מיט אַ הקדמה פון יעקב פּאַט. לייבל פעלדמאַן האָט אַרויסגעגעבן דריי ביכער. דאָס וויכטיקסטע פון זיי איז „יידן אין יאָהאַנעסבורג״, וואָס איז די געשיכטע פון די יידן אין דרום־אַפריקע ביז 1910.

פרוי אסתר טויב, וואָס הייסט טאַבאַכאָווסקי לויט דעם מאַן, וועלכער האָט אַ ברודער אין קאָרדאָבאַ, איז אַ יידישע קולטור־פרוי אין פולן זין פון וואָרט. זי האָט אין ווילנע געענדיקט אַ יידישע גימנאַזיע און זי איז אַן עכ־טער פּראָדוקט פון דער ווילנער יידיש־וועלטלעכער שול און זי איז דאָ אַ לע־רערין אין איינע פון די צוויי יידישע פּאָלקשולן און אינאיינעם מיט איר מאַן האָבן זיי אַ יידיש הויז, וואָס איז מלא וגדוש מיט יידישער ליטעראַטור. די סימפּאַטישע אסתר טויב וואָלט געווען אַ געווינס אַלס לערערין אויך אין אַ גרויסן ישוב.

אַרום דער קולטור־פעדעראַציע זענען דאָ די דריי ברידער פון קדוש אַרטור זיגלבוים ע״ה. זיי הייסן: פּיוזול, ראובן און ישראלקע. די זיגלבוימס זענען בכלל אַ געראָטענע משפּחה. זיי זענען קולטור־מענטשן, האָבן אַ נייגונג צו טעאַטער־קונסט און צו רעציטאַציע בכלל, פּונקט ווי זייער ברודער אב־רהם אין קאַליפאָרניע. פּיוזול איז אַן אָנגעזעענער שוישפּילער אין יידיש און ענגליש, הגם ער איז אַ סוחר. אַלע דריי ברידער גיבן זיך אָפּ מיט קולטורעלע ענינים און העלפן ברענגען מזל־ברכה. זיי שרייבן אויך פון צייט צו צייט און האַלטן לעקציעס.

יונה גלאַזער, איז אַן אָנגעזעענער עסקן און אַ סוחר מיט פאַרנעם. ער גיט אַוועק זיין צייט דער קולטור־פעדעראַציע, ממש אַן השבון. ער שטייט שטענדיק אויף דער וואַך פאַר דער יידישער קולטור און ער איז שטענדיק גרייט פאַר אַלץ. ער האָט פאַר מיר געמאַכט דעם ערשטן קבלת־פּנים אין זיין פּרעכטיקן הויז און ער און זיין האַרציקע פרוי האָבן פאַרבעטן אויף אַן אָוונט־ברויט 70־80 פּערזאָן, נאָענטע און אייגענע מענטשן פון יידיש און יידישער ליטעראַטור.

ה׳ ליפּע שיף, איז אַ גרויסער סוחר און עסקן. ער איז אַ נאָענטער צו דער קולטור־פעדעראַציע און אַ האַרציקער ייד. ער האָט באַרייזט כמעט די גאַנצע וועלט און ער איז צום היימישסטן אין ווינקל פון יידישן וואָרט, פון דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן ליד.

אַן אייגנאַרטיקער ייִד איז אריה קאַצען. ער איז נישט טעטיק אין דער קולטור־פעדעראַציע. ער איז אַ פאָלקס־ייִד, וואָס איז געבונדן מיט טראַדיציע. ער לערנט אויף די עלטערע יאָרן תורה און העברעיִש. ער איז מקרב כלי־קודש און ייִדישע שרייבער. און אַז עס ווערט אַנאַנסירט אַן אינטערעסאַנטע לעקציע, וואַקסט ער אויס. ער איז אַ נדבן מיט אַ ברייטער האַנט און ער איז בכלל אַ ייִד מיט אַ טייערער נשמה. אַזעלכע ייִדן ווערן העלדן פון פאָלקסטימלעכע געשיכטן.

אחרון אחרון חביב. אין יאָהאַנעסבורג געפינט זיך זינט אַ פּאָר יאָר הרב משה דוד שיף, וועלכן מיר קענען פון אַרגענטינע. ער איז אַ רב אַ למדן, איינער פון די גרויסע לומדים פון אונדזער צייט. ער האָט אַ שטאַרקע בייגונג צו זעלבסטשטענדיקייט און דערפאַר נעמט ער נישט אָן קיין רבנישע שטעלע. ער איז אַ גאַליציאַנער, וואָס האָט זיך צונויפגעחברט מיט די ליטוואַקעס פון יאָהאַנעסבורג און ער האָט זיי אויסגעלערנט חסידישע ניגונים, וועלכע זיי זינגען מיט התלהבות. הרב דוד שיף האָט אַ באַזונדערע ליבע צו ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישע שרייבער און מ׳קען זאָגן, אַז הגם ער איז אַ גרויסער העברעיִסט, איז ער אויך אַ גרויסער חסיד פון ייִדיש.

***

איך ווייס אַז איך טו אַן עוולה צו אַ היפּש ביסל געטרייע ייִדישע קולטור־מענטשן, וואָס האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס ייִדיש לעבט און בליט אַזוי שיין אין יאָהאַנעסבורג און אין דעם, וואָס מען ברענגט אַהער ייִדישע שרייבער און מען איז זיי מהנה מיט דער אייגנאַרטיקער דרום־אַפריקע, אָבער איך בין צופרידן, וואָס איך האָב כאָטש אייניקע דערמאָנט. די ייִדישע קולטוריסטן זינגען דאָ זייער אָפט מיט אַ סך התלהבות „ישמחו השמים ותגיל הארץ" — זאָלן זיך משמח זיין די הימלען און זאָל זיך פרייען די ערד. אויב די אַפריקאַנער זון און די אַפריקאַנער ערד פרייט זיך אויך מיט ייִדיש, האָבן אין דעם אַ חלק די אַלע, וואָס איך האָב דערמאָנט און נאָך אַ סך וועלכע איך וועל מיט דער צייט בעסער דערקענען און דערמאָנען. איר הערט, געטרייע לייענער מיינע, ייִדיש פרייט זיך אויך אין דרום־אַפריקע! אויך אין דרום־אַפריקע בליט די פרייד פון ייִדישן וואָרט!

וועגן בערל לעווינסקי, דעם סעקרעטאַר פון דער קולטור־פעדעראַציע — אין אַ צווייטן אַרטיקל.

— 9 —

שוואַרץ אויף ווייס

נישט שוואַרץ און ווייס, נאָר שוואַרץ אויף ווייס וועגן ביכער, וואָס זע־נען דערשינען אין יידיש אין דרום־אַפריקע. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז דאָס איז דאָס איינציקע אַפריקאַנישע לאַנד, ווו עס זענען דערשינען יידי־שע ביכער. נישט קיין אַלטער ישוב — אַ יאָר 70 אַלט; נישט קיין גרויסער — ער האָט צווישן 100 און 120 טויזנט נפשות, אָבער ער האָט אַ וואַכנציי־טונג, אַ חודש, אָדער צוויי־חדשים־זשורנאַל און שוין אַ גאַנצע פּאָליצע מיט ביכער. באַשערט זיי איבערצולייענען אין אַפריקע גופא, בכדי בעסער צו דערפילן זייער טעם. און לאָמיך דאָ באַלד באַמערקן אַ צד השווה אין אַלע יידישע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין דרום־אַפריקע: זיי זענען אַלע וועגן אַפריקע, נישט וועגן דער אַלטער היים. און אין זיי אַלע איז פאַראַן דער אַפריקאַנישער פּייזאַזש און די סביבה ווי אויך אַ סך אַפריקאַנישע, נישט־יידישע מענטשן. אין די מערסטע יידישע ווערק פון די נייע היימען איז דאָס דאָזיקע זעלטן ווען פאַראַן.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ בוך דערציילונגען, וואָס הייסט „דער רעגן האָט פּאַרשפּעטיקט". דער מחבר איז נחמיה לעווינסקי, וועלכער איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. אַרויסגעגעבן האָט דאָס דער פאַרלאַג „משפּחה" אין יאָר 1959. די משפּחה פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן. בראש פון דער משפּחה געפינט זיך אַ ברודער פון שריי־בער, דער אין דרום־אַפריקע גוט באַקאַנטער יידישער קולטור־טוער, דער סעקרעטאַר פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע בערל לעווינסקי. מיר געפינען ביים אָנהייב פון בוך אָט די ביאָגראַפישע דאַטעס פון מחבר. ער איז געבוירן געוואָרן אין רייגראַד, לאָמזשער גובערניע, אין יאָר 1901. ער האָט לכתחילה געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. צו עלף יאָר איז ער אַריין אין גימנאַזיע, אין אָסטראָווע, פּוילן, ווו ער איז פאַרבליבן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און דעמאָלט איז ער אַוועק מיט די עלטערן אין דער טשערניגאָווער גובערניע, אין אוקראַינע. ער האָט זיך באַטייליקט אין די יוגנט־קרייזן צעירי־ציון, פּועלי־ציון. צוריקגעקומען קיין פּוילן, געלערנט אין גראָדנע און אין וואַרשע. אויף אַ קורצער צייט אַוועק אין מיליטער. אין 1920 געקומען קיין קאָוונע, דאָרטן אַריין אין ליטווישן אוניווערסיטעט און

אין 1921 איז ער אָנגעקומען אין דרום־אַפריקע. אין 1923 האָט ער באַזוכט אייראָפּע און ארץ־ישראל. אין לאָנדאָן האָט ער חתונה געהאַט און ער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט קיין דרום־אַפריקע, וווּ ער האָט געלעבט ביז זיין לעצטן אָטעם. ער איז געשטאָרבן אין 1957, אין עלטער פון 56 יאָר.

צום בוך „דער רעגן האָט פּאַרשפּעטיקט" איז צוגעגעבן געוואָרן אַ „פאָר־וואָרט" פון מ. שור, אַ באַקאַנטער קולטור־טוער אין דרום־אַפריקע, וואָס שטאַמט פון ווילנע. אין דער עלטער היים איז מ. שור געווען אַ ייִדישער סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען אַ נאָענטער צו די אידעען פון יצחק נחמן שטיינבערג. אין זיין „פאָרוואָרט" זאָגט מ. שור דאָס דאָזיקע אין וואָס מיר איבערצייגן זיך, ווען מיר לייענען די דערציילונגען פון נ. לעווינסקי און נעמלעך: „ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ באַדייטנדיקן שרייבערישן טאַלאַנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פילנדיק האַרץ, אַ דורכדרינגענדיק אויג, אַ קלאָרן שכל".

אין אַ פּאָר פון די 15 דערציילונגען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין בוך זענען פאַראַן אויך ייִדישע העלדן, אָבער אין די מערסטע זענען די העלדן נישט קיין ייִדן. זיי זענען די אָרטיקע תושבים, די אַפריקער (נעגערס), אַפרי־קאַאַנס (בורן) אאַז"וו. עס ווערן צום מערסטנס געלופטערט די פּראָבלעמען פון שוואַרץ און ווייס. די שוואַרצע זענען שטענדיק די געליטענע. אָבער נישט שטענדיק זענען די ווייסע די רשעים. אַ סך מאָל קומען דיליידן פון די שוואַר־צע אויף אַן אָביעקטיוון אופן און זיי שטאַמען פון גורל אַליין. פאַראַן אַ דער־ציילונג ביי לעווינסקין, וואָס הייסט „קינדער". זי איז די בעסטע אין בוך. עס ווערן אין איר געשילדערט צוויי קינדער חברים, איינער אַ ווייסער מיטן נאָמען האַססי און איינער אַ שוואַרצער מיטן נאָמען זולו. (זולו איז דער נאָמען פון אַ שבט). זיי זענען ביידע גוטע און געטרייע חברים. עלפיאָריקע קינדער לעבן זיי אין גרויס חברשאַפט. זיי זענען גרייט איינער פאַרן אַנדערן גיין אין פייער אַריין. אָבער אַז עס קומט אָן דעם ווייסן, וואָס איז דער שטאַרקערער, אַ משוגעת, שלאָגט ער זיין שוואַרצן חבר. און ער שלאָגט אים גאַנץ שטאַרק, ער שלאָגט אים ביז טרערן און בלוט. ער קען נישט אַנדערש, און דער חברל נעמט די קלעפּ אָן באהבה. ער איז געוווינט צו כאַפּן קלעפּ. דאָס איז זיין גורל. און עס פאַסירט, אַז נאָך דעם, וואָס האַססי שלאָגט מוראדיק אָן זיין שוואַרצן חברל, בעט ער זיך מיט אים איבער און ער שפּילט זיך מיט אים, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען פריִער... און דער זעלביקער גורל וואָס ברענגט זולין די קלעפּ, ברענגט אים אויך דעם טויט. ביידע קינדער, פאָרן אין שטאָט אַריין צו אַ שול־יום־טוב, האַססי מיט די ווייסע און זולו מיט די שוואַרצע. אין שטאָט פאַרכאַפּט זיי אַ רעגן און אַלע קענען פאַרקילט ווערן, אָבער די ווייסע היט מען אָפּ און די שוואַרצע לאָזט מען אונטערן רעגן. און

זולו פאַרקילט זיך און שטאַרבט און האַסי צעברעכט טעלער און ער טראָגט שערבעלעך אויף זיין קבר.

אַ זייער שיינע דערציילונג איז „אין שאָטן פון נירנבערג". דער העלד פון דער דערציילונג איז אַ דייטשער ייִד מיטן נאָמען האַנס. אין דייטשלאַנד האָט ער געהאַט אַ דייטשע פרוי און ער איז פון דאָרט קוים אַנטלאָפן און זיין פרוי איז דאָרט אומגעקומען. אין אַפריקע האָט ער איין מאָל חתונה גע־האַט און ס׳איז נישט געראָטן, האָט ער חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל. העלען האָט געהייסן זיין צווייטע פרוי. זי האָט געהאַט צו אים די בעסטע געפילן און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל ווערן אַ ייִדישע, בכדי אירע קינדער זאָלן געהערן צום ייִדישן פאָלק. העצט עמיצער אָן האַנסן און ער זאָגט אים, אַז זיין פרוי העלען איז אַ „קאָלירטע", זי שטאַמט פון אַ שוואַרץ־ווייסן געמיש, און ער קומט צו לויפן אַ ברוגזער אַהיים און ער לויפט קוקן, צי זיינע קינ־דער האָבן נישט קיין סימנים פון שוואַרצקייט. און די פרוי זאָגט אים: דו, האַנס, ביסט דאָך אַליין אָנגעשטעקט מיט „נירנבערגער משוגעת", און זי גיט צו מיט טרערן:

— דו, האַנס, אַפילו אין דיין אייגן קינד ווילסטו געפינען ראַסן־חסרו־נות. נאָך ווייניק האָסטו אַליין פון דעם געליטן.

און ער ענטפערט דערויף:

— פאַרגיב מיר, העלען, פאַרגיב מיר, איך וועל מער קיין זאַך נישט הערן. איך וויל נאָר דו זאָלסטו מיין נאַרישקייט היינט פאַרגעבן און איך זאָג דיר צו: מער וועט עס נישט פאַסירן.

אַן ענלעכע טעמע איז פאַראַן אין דער דערציילונג „אַ מיידל פון „לאָ־קיישאָן". „לאָקיישאָן" איז אַ רעזערוואַט ווו עס וווינען שוואַרצע, אָדער קאָ־לירטע. און עס ווערט דאָ דערציילט ווי אַ ייִדישער יונגערמאַן מיטן נאָמען חיים באַקאַנט זיך אין באַן מיט אַ שיין מיידל און ער ווערט מיט איר באַ־פריינדעט. ער וויל מיט איר חתונה האָבן, אָבער זי איילט זיך נישט. זי זאָגט, אַז מען קען אָן חתונה לעבן גוט און זיין באַפריינדעט. דער סוף איז, אַז ווען ער קומט זוכן זיין פריינדן, טרעפט ער אין הויז אירע אַ שוועסטער, אינגאַנצן אַ שוואַרצע. (עס פאַסירט אָפט, אַז פון איין משפחה קומען אַרויס אי שוואַר־צע אי נישט קיין שוואַרצע קינדער. מסתמא רופט זיך אָפּ אַ ירושה פון פריִערדיקע דורות). און חיים שרייט אויס צו איר (זי הייסט גראַד אויך העלען):

„העלען, דיין שוועסטער איז אַ ברוינע. דו ביסט מסתמא אויך אַ ברוי־נע. דו האָסט מיך גענאַרט. זאָג העלען — האָט ער היסטעריש אָנגעהויבן שרייען — איז עס אמת?"

און זי קוקט אויף אים מיט פאַרטערטע אויגן און זי זאָגט אים, אַז דאָס איז איר שוועסטער. זי האָט געטראַכט, אַז איר אָפּשטאַם איז פאַר אים נישט קיין שטער. האָט זי אַ טעות געהאַט. זי האָט געמיינט, אַז ראַסן־אונ־טערשייד איז פאַר אים קיין פּראָבלעם נישט. האָט זי געמאַכט אַ טעות. און אירע לעצטע ווערטער צו אים זענען געווען: „פאַרשליס מיך אין מיין גע־טאָ". און שפּעט ביינאַכט קען ער נישט איינשלאָפן און ער פּיבערט און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האַלט אין האַנט אַ גרויסן מאַסיוון שליסל און ער פאַרריגלט מיט אים די טיר פון העלענס געטאָ...

די מערסטע דערציילונגען אין בוך זענען געשריבן מיט קעגנערשאַפט צו ראַסן־האַס און עס איז אין זיי פאַראַן טענדענץ, אָבער נישט קיין פעלשונג.

עס זענען נישט פאַראַן קיין אויסגעטראַכטע סיטואַציעס, בכדי צו דער־וויזן רשעות פון ווייסע. עס איז פאַראַן דער גורל פון ווייסקייט און שוואַרצ־קייט.

אין די ווייניקע דערציילונגען אין וועלכע עס פיגורירן יידן, איז פאַראַן אַ זאַך, וואָס הייסט „אויף אַ פאַרם", אין וועלכער עס ווערט געוויזן די אַפרי־קאַנישע יידישקייט, וואָס איז אַזוי שיטער און נישט סאָליד. אַ ראַביי קומט צו פאָרן אין איינעם מיט אַ כלל־טוער צו אַ יידן אויף אַ פאַרם בעטן געלט אייף אַ נייער שיל, וואָס מען גייט בויען, כאָטש די אַלטע איז אויך צו גרויס... פאַראַן אַזוי ווייניק סאָלידקייט אין דער דאָזיקער יידישקייט, פון דעסטוועגן פילט מען, אַז דער מחבר וואָס איז מסתמא געווען לינק געשטימט בשעתו, כאַפּט זיך אָן אין דער דאָזיקער יידישקייט ווי אַ טרינקנדיקער אין אַ שטרוי. אָן אָט דער יידישקייט איז נאָך ערגער. פון רבס באַזוך אין הויז פון יידישן פאַרמער דערוויסט זיך דאָס מיידעלע פון פאַרמער־פּאָרל, אַז עס זענען פאַראַן יידן און אַז יידן דאַוונען אויך...

אין בוך, וואָס האָט אינגאַנצן 154 זייטן, זענען פאַראַן נאָך דערציילונ־גען, וואָס ווייזן דעם שוואַרצן גורל פון די נעגערס. אין דער זאַך, וואָס הייסט „בייער", ווערט געשילדערט ווי אַ נעגער אַרבעט זיך אַרויף, האָט אַ גוטע פּאָר פערד, פאָרט מיט דער פאַמיליע אויף זונטיק צו אַ ברודער, פאַרברענגט דאָרט גוט און ער פאָרט צוריק אין צייט און עס קומט אָן פּלוצים אַן אויטאָ, שרעקט איבער די פערד, וואָס צעפּלאָשען זיך און די פאַמיליע קומט אָפּ מיט קלעפּ, אָבער ער אַליין ווערט אַזוי פאַרוווּנדעט, אַז ער ליגט דערנאָך אָפּ אַ צייט און ער שטאַרבט. דער אויטאָ איז מסתמא געטריבן פון ווייסע, וואָס ווערן דער פאַטאַלער גורל פון שוואַרצן, אָבער אין אָט דעם פאַל זענען די ווייסע נישט שולדיק...

דאָס בוך ווערט פאַרענדיקט מיט צוויי דערציילונגען פון סאַטירישן כאַ־ראַקטער. — איינע הייסט „זיין דעפּוטאַט" און עס ווערט אין איר געשיל־דערט ווי אַ ייִד, אַן אַפריקאַנער בירגער, ווערט אַגיטירט פון צוויי דעפּוטאַטן, אַז ער זאָל שטימען פאַר זיי.ביידע זאָגן זיי אים צו גליקן און ער קלייבט ענדלעך אויס איינעם און ער זיגט און ער גייט אים באַגריסן און ער יענער דערקענט אים נישט און ער „געדענקט" נישט די אַלע צוזאָגן, וואָס ער האָט אים פּערזענלעך געמאַכט.

און די צווייטע דערציילונג הייסט „קאָרטן", און עס ווערט אין איר גע־שילדערט אַ ייִד, וואָס שפּילט אין קאָרטן, נישט חלילה ווייל עס ציט אים צום שפּיל, אָדער צום געווינען, נאָר ווייל ער וויל דורך דעם טאָן צדקה און זאָרגן פאַר טובת־הכלל. ער איז דווקא זייט שטענדיק אַן געווען אַ קאַרגער און גע־ציילט די פונטן און קיין נדבה האָט ער נישט געגעבן. און אַז ער איז געווען געצוווּנגען צו געבן אַ נדבה, האָט ער זיך געדונגען מיט די קלייבערס. און אַז אַן אָרעמאַן איז געקומען צו אים, האָט ער אים פריִער שטאַרק אָנגעמוסרט פאַרוואָס ער גייט נישט אַרבעטן און ערשט דערנאָך האָט ער אים קוים גע־געבן אַ פּאָר גראָשן. אָבער איין מאָל, ערב אַ גרויסער קאָרטן־פּאַרטיי, איז מען געקומען בעטן ביי אים אַ צושטייער פאַר אַ נייעם בית־יתומים, האָט ער איבערגערעדט מיטן ווייב און יענע איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז מיט דער צושטימונג וועט מען פון יעדן קאָן עפּעס אַראָפּנעמען פאַרן בית־יתו־מים. דער פּלאַן איז געפעלן און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ היפּשע סומע פאַר דער נייער געביידע פון אַנשטאַלט. און ווען אונדזער העלד פלעגט זיך שפּעטער טרעפן מיט באַקאַנטע, פלעג ער זיך באַרימען מיט דעם אַלץ, וואָס ער טוט פאַר די יתומים און נישט איין מאָל פלעגט ער אַרויסנעמען פון קעשענע דאָס פּעשל קאָרטן און ער פלעג דאָס גלעטן און זאָגן: „מיט אָט דעם „תהי־לימל" טו איך אויף מער ווי אַלע אַנדערע קאָמיטעטן"...

עס איז אומעטום איין וועלט. אין דרום־אַמעריקע איז נישט אַנדערש ווי אין דרום־אַפריקע און די „קאָרטן־פּאַרטיס" לטובת הכלל שטאַמען מסתמא גאָר פון צפון־אַמעריקע.

מען מוז מודה זיין, אַז די דערציילונגען וועגן די גערנאַגלעניש פון שוואַרץ־ווייס זענען אין ב. לעווינסקיס בוך אינטערעסאַנטער ווי די דערציי־לונגען, וואָס שילדערן ייִדן. די ערשטע ווייזן טראַגישע קאָנפליקטן פון אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, בעת די צווייטע ווייזן לאָקאַלע קלייניקייטן פון ייִדן, וואָס וואַרצלען זיך שווער איין. אָבער די לעצטע זענען פאַר דער געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין דרום־אַפריקע כאַראַקטעריסטיש און אַלע אין איינעם ווייזן ייִדישן כאַראַקטער אין אַ נייער און אייגנאַרטיקער סביבה.

— 10 —

דערציילונגען וועגן יידישן לעבן

איך וועל שרייבן אַ מאמר וועגן אַ בוך הערציילונגען פון וועטעראַן פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין דרום־אַפריקע. ער האָט געהייסן היימאַן פּאָלסקי, ער איז געבוירן געוואָרן אָדער אין 1875, אָדער אין 1871 און גע־שטאָרבן איז ער אין 1944. ער האָט געלעבט אָדער 69, אָדער 73 יאָר. ער האָט געשטאַמט פון סקידל, גראָדנער גובערניע. בכדי נישט צו דאַרפן גיין דינען אין דער צאַרישער אַרמיי האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט געאַרבעט אין אַ שניידער־ווארשטאַט און עס האָט אים געצויגן צו ליטעראַטור. ער האָט אין איינעם מיט זיינעם אַ ברודער געעפנט אין לאָנדאָן אַ פאָטאָגראַפישע סטודיע און צווישן זיינע פאָטאָגראַפיעס איז פאַראַן אַ באַ־ווּסט בילד פון שלום אַש. אין 1906 האָט ער חתונה געהאַט און אין 1910, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ משפחה, איז ער אַוועק קיין דרום־אַפריקע. אין נייעם לאַנד איז ער אויך געוואָרן אַ פאָטאָגראַף און ער האָט געמאַכט אַ רייזע איבערן גאַנצן לאַנד און זיינע איינדרוקן האָבן אים שפּעטער געדינט אַלס שטאָף פאַר דערציילונגען. אין יענער צייט האָט איינער אַ ש. פאַגלסאָן אַרויס־געגעבן אַ וואָכנזשורנאַל א״נ „דער אַפריקאַנער״ און פאָלסקי האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין אָט דעם זשורנאַל. און ווען פאַגלסאָן איז געשטאָרבן, האָט פאָלסקי איבערגענומען די רעדאַקציע פון זשורנאַל און ער האָט אים רעדאַק־טירט גאַנצע 20 יאָר. דער דאָזיקער זשורנאַל, וואָס לויט דער אָנמערקונג פון אַנאָנימען הקדמה־שרייבער צום בוך — האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם דרום־אַפריקאַנער ישוב — איז אין 1933 פאַרמאַכט געוואָרן. היימאַן פאָלסקי האָט אַריינגעגעבן זיין גאַנץ הארץ אין דעם זשורנאַל, וואָס איז דער־שיגען וואָך־איין וואָך־אויס. ווען „דער אַפריקאַנער״ איז געשלאָסן געוואָרן און עס איז געגרינדעט געוואָרן „די אַפריקאַנער יידישע צייטונג״ (אויך אַ וואָכנ־שריפט), האָט פאָלסקי אין איר מיטגעאַרבעט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געדאַרפט זוכן אַ נייעם מקום פאַר פּרנסה. דער וועטעראַן פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין דרום־אַפריקע האָט זייער פרי אָנגעהויבן שרייבן. געדרוקט האָט ער זיך אין ברילס זשורנאַל „שולמית״ אין לאָנדאָן און ער האָט זיך אויך געדרוקט אין „די יידישע גאַזעטן״ און אין „מאָרגן זשורנאַל״.

דאָס איינציקע בוך, וואָס איז געבליבן פון היימאַן פאָלסקי איז דערשי־

נען אין 1952. אַרויסגעגעבן האָט עס די ייִדישע קולטור־פעדעראַציע. אייגנט־לעך איז עס דערשינען אין אַ וואַרשעווער פאַרלאַג אין 1939 און עס זענען פון יענער אויפלאַגע אָנגעקומען 6 עקזעמפּלאַרן קיין אַפריקע, אָבער נישט מער. די גאַנצע אויפלאַגע איז איבער דער מלחמה פאַרלוירן געגאַנגען. און די דערמאָנטע פעדעראַציע האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס בוך גענוי ווי עס איז דערשינען אין וואַרשע. עס איז אין דעם אַריינגעגעבן געוואָרן דאָס קורצע „פאָרוואָרט” פון מחבר, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

„דרום־אַפריקע אייראָפּעיִזירט זיך. און אין איינקלאַנג מיט דעם אייראָפּעיִזירט זיך אויך דאָס ייִדישע לעבן און נעמט אָן אַלע גוטע און שלעכטע זײַטן פון אייראָפּעיִשן לעבן. אָבער מיט יאָרן צוריק איז די לאַגע געווען גאָר אַן אַנדערע: ייִדן וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע היי־מען און לענדער, וווּ זיי זענען געווען איינגעוואָרצלט פאַר דורות־לאַנג אין ייִדישע סביבות, מיט ייִדישע באַגריפן און כאַראַקטערס, זענען געקומען אַהער קיין דרום־אַפריקע, וווּ זיי האָבן געפונען אַ פרעמד לאַנד, אַ פרעמדע שפּראַך, אַ פרעמדע קולטור, פרעמדע לעבנס־באַדינ־גונגען, פרעמדע זיטן און פרעמדע מנהגים. אָט די נייע, פרעמדע אַט־מאָספערע האָט מיט דער צײַט געווירקט אויף דער מאָראַל און פאַמי־ליע־לעבן פון די ייִדישע אײַנוואַנדערער און האָט געשאַפן נייע טיפּן מיט אייגנאַרטיקע כאַראַקטערן און באַגריפן.”

און דער מחבר פאַרזיכערט, אַז די דערציילונגען פון זײַן בוך זענען גע־נומען פון רעאַלן לעבן און זיי שפּיגלען אָפּ די ייִדישע טיפּן פון יענע יאָרן און אַ סך פון זיי זענען געבליבן עד־היום אַקטועל. און ער פאַרענדיקט:

„און אויב דער שפּעטערדיקער היסטאָריקער, וועלכער וועט שרייבן די געשיכטע פון ייִדן אין דרום־אַפריקע, וועט זיך קענען באַ־נוצן מיטן מאַטעריאַל צו באַלייכטן אויף אַ געוויסן גראַד דאָס ייִדישע לעבן פון יענער תקופה, וועט די מי פון אַרויסגעבן דאָס בוך נישט זײַן אומזיסט.”

און מיר וועלן באַלד צוגעבן, אַז די מי איז נישט געווען אומזיסט. מען קאָן לויט היימאַן פּאַלסקיס בוך וואָס הייסט „אין אַפריקע”, זיך שאַפן אַ פאָר־שטעלונג וועגן דעם ייִדישן לעבן אין דרום־אַפריקע אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. מיר האָבן דאָ דעם בראשית פון דעם ייִדישן ישוב אין דער־מאָנטן לאַנד. און מיר וועלן צוגעבן, אַז היימאַן פּאַלסקיס דערציילונגען זע־נען געשריבן אַנדערש, ווי די מערסטע בעלעטריסטישע זאַכן, וואָס זענען גע־

שריבן אין יידיש אין דרום־אַפריקע. די אַנדערע זאַכן זענען געשריבן פון לינק־געשטימטע שרייבער, וועלכע האָבן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען די באַוואוסטע נעגער, בעת היימאַן פאָלסקי האָט באַשריבן נאָר יידן און דאָס יידישע לעבן און ער האָט דאָס דאָזיקע געטאָן ווי אַ האַרציקער ייד, ווען עס איז נאָענט געווען דער יידישער קיום און וואָס האָט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אין זייער נייער היים נישט אַריינפאַלן אין דער אַסימילאַציע און אין תהום פון פאַרגאַנגענקייט. היימאַן פאָלסקי האָט געליטן נישט נאָר פון דעם, וואָס יידן האָבן זיך לייכט געלאָזט אויף דער ליניע פון דער געמישטער חתונה, נאָר ער האָט געליטן אַפילו פון דעם, וואָס זיידענע יונגעלייט האָבן אין דער נייער היים אַרויפגעצויגן אויף זיך וואָכעדיקייט און פון אידעלן זייד „איז געוואָרן פּראָסטע סערמינגע"...

היימאַן פאָלסקי האָט אַ באַזונדער נייגונג צו שאַפן מעלאָדראַמאַטישע סיטואַציעס. ער האָט סקיצן, וואָס ווען מען וואָלט זיי אינסצענירט און מען וואָלט זיי געשפּילט אין טעאַטער, וואָלט מען ביי זיי זיך באַוואַשן מיט טרערן. דעם קלימאַקס פון דער מעלאָדראַמאַטישקייט דערגרייכט ער אין אַ דערציילונג, וואָס הייסט „עלנט". שוין דער אָנהייב איז דאָ פול מיט מעלאָדראַמאַטישקייט:

„ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. דער הימל איז געווען שוואַרץ.
אַ שטורעם האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן. שטילע דונערן פון גאַנץ
ווייט האָבן פון צייט צו צייט איבערגעריסן די שטילקייט און שאַרפע
בליצן האָבן יעדע רגע דורכגעשטאָכן די מוראדיקע שוואַרצקייט..."

און פונקט ווי ס'איז שטורמיש אין דער נאַטור איז שטורמיש אין האַרצן פון דעם העלד פון דער דערציילונג הירשל דער „טרייער" (אַ „טרייער" איז אויף אַפריקאַניש אַ פעדלער, אָדער אַ קוועטעניק). דער דאָזיקער העלד האָט באַקומען אַ בילעט אויף אַ חתונה. אַ בילעט מיט דער אויפשריפט „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה"... דער בילעט איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי צו זיין איגענער טאָכטער אויף דער חתונה. מען האָט דעם בילעט געשיקט צום טאַטן ווי צו אַ ווייטן קרוב, וועלכן מען בעט קומען אויף דער חתונה און מען האָט אויסגערעכנט, אַז ער זאָל אָנקומען אַזוי, אַז ער זאָל קענען שיקן אַ טעלעגראַמע. און די כלה האָט צוגעשריבן: „צו מיין אומבאַקאַנטן פאָטער זאָל לעבן! מיר שיקן דיר אַן איינלאַדונג צו מיין חתונה". הירשל איז 19 יאָר אין אַפריקע. זיינס אַ קליין קינד האָט זיך אין דער היים אויסגעהאָדעוועט — ער קען עס נישט און ווייסט עס נישט און היינט האָט עס חתונה. אין דער פרעמד האָט ער נישט געטאָן זיין פליכט צו זיין פרוי, וועלכע איז

געבליבן אַן עגונה און זיין טעכטערל, וואָס איז געבליבן אַ לעבעדיקע יתומה. עס זענען געווען צייטן, ווען ער איז געווען געזונט און שטאַרק און ער האָט געקענט זיך אָנשטרענגען און ברענגען די פאַמיליע אַהער, אָדער צוריקפאָרן אַהיים, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. און פאַוואָליע האָט מען זיך אָפּגעפרעמדט. די פרוי האָט זיך מיאש געווען אין אים. און מיט דער צייט איז ער קראַנק געוואָרן. זיין האַרץ איז קראַנק געוואָרן. און איצטער האַלט ער דעם בילעט אין זיין האַנט און דאָס האַרץ ווערט אים צעריסן... ער פילט, אַז זיינע מינוטן זענען געציילטע. זיין פאַנטאַזיע טרייבט אים צו משוגעת. ער הערט שפּילן חתונה־מוזיק, ער זעט מענטשן מיט קאָלירטע לעמפּלעך. די כלה קומט פון ווייטן אין איר ווייסן חופּה־קלייד. אַ בליץ אין פענצטער פאַרטרייבט זיינע ווילדע פאַנטאַזיעס. זיין פאַרשטאַנד ווערט צוריק קלאָר. זיין האַרץ גייט אויס, דאָס ליכט פון זיין לעבן לעשט זיך. ער כאַפּט דעם בילעט מיטן מזל טוב און דריקט אים צו זיין ברוסט...

„אין דעם זעלבן מאָמענט גיט ער אַ פאַל הינטערוויילעכטס אויף דער ערד. ער באַוועגט זיך שוין מער נישט און ער בלייבט אַזוי ליגן רויק שטיל.״

דאָס איז דאָס „גליק״, וואָס מסתמא נישט איין ייִד האָט דערגרייכט אין דער גאָלדענער דרום־אַפריקע!

מעלאָדראַמאַטישע דערציילונגען זענען פאַראַן אַ סך אין אָט דעם בוך. איך האָב ווי אַ מוסטער געבראַכט די מאַקסימאַלסטע. פאַראַן זיכער אויך הומאָריסטישע דערציילונגען. דער הומאָר איז אַ ביטערער, על פּי רוב אַ טרויעריקער, אָבער ער רופט פאָרט אַרויס געלעכטער. אַלס מוסטער וועל איך ברענגען די סקיצע „דער נייער סוחר״, וואָס איז ממש פון אַ היסטאָרישן ווערט פאַרן דרום־אַפריקאַנער ישוב. אַז איר קומט קיין דרום־אַפריקע, אָדער אַז איר לייענט די דאָרטיקע ייִדישע ליטעראַטור, טרעפט איר כסדר אַ וואָרט, וואָס הייסט „שמשס יאַרד״ און איר ווייסט נישט וואָס דאָס מיינט. היימאַן פּאָלסקי שילדערט איך אָפּ דאָס דאָזיקע פּלאַץ אַזוי, אַז איר זעט עס. „שמשס יאַרד״ איז געווען אַ מין האָטעל, וווּ די גרינע ייִדן האָבן געלעבט אין יאָהאַנעסבורג און וווּ זיי האָבן געהאַלטן זייערע וואַשנע סחורות מיט וועלכע זיי האָבן געמסחרט. אַהין פלעג מען ברענגען יעדן נייעם גרינעם און דאָרט האָט מען אים באַזאָרגט מיט אַ פּרנסה. איך וואָלט אין מיינע איינדרוקן פון אפריקע סיי־ווי געדאַרפט באַשרייבן דעם „שמשס יאַרד״, ווייל ער איז געווען דער יסוד פון דעם נייעם ייִדישן לעבן אין אַפריקע. איך וואָלט דאָס געדאַרפט טאָן על־פּי

דעם, וואָס מען וואָלט מיר דערציילט, אָבער היימאַן פּאָלסקי האָט דאָס פּלאַץ ממש אָפּגעמאָלן. אָט ווי ער האָט דאָס געטאָן:

„שמשס יאַרד" איז אַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַלטע, צעבויגענע, בלעכענע צימערן, מיט צעבראָ־כענע טירן און צעפּלאַצטע פענצטער. אין חלל פון יאַרד הערשט אויף אַ הויכן שטייגער דער גייסט פון מסחר. דאָס ווייזט זיך אַרויס פון די סחורות, וואָס געפינען זיך דאָרט, ווי: אַלטע זאַכן, געניצטע, אָפּגעריבן מעבל, אייזערנע בעטלעך, פאַרזשאַווערטע אייזעלעך, קינדער־וועגע־לעך אָן די גומעס אויף די רעדלעך, זייגערס אָן ווייזערס, פידלען אָן סטרונעס, לאָמפּן אָן גלעזלעך און נאָך אַ סך פאַרשיידענע אַרטיקלען, מיט וועלכע די „טרייערס" פירן אָן זייער האַנדל. דעם נאָמען „בערזע" פאַרדינט דער יאַרד, ווייל אַלע זונטיק שווימלט דאָרט און גריבלט פון אַלערליי הענדלער וואָס קומען זיך צונויף פון אַלע טיילן שטאָט. איי־נער ביים אַנדערן קויפט. מ'באַשטימט פּרייזן. מ'בייט זיך מיט פאַר־שיידענע סחורות, מ'טוט ביזנעס און ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט."

און דער מחבר שילדערט ווי עס קומט זיך צונויף די סמעטענע פון „יאַרד" צום באַזאַרגן אַ נייעם גרינעם מיט פּרנסה. עס קומט פאַר אַ רעגלמע־סיקע פאַרזאַמלונג און יעדער בעט אַ וואָרט. באַזאָרגן דאַרף מען אַן עלטערן הויכן יידן מיט אַ גראָלעך בערדל, וואָס איז נאָך אַ פרעמדער און וועמען אַלע גיבן שלום. דער ראש המדברים איז געווען אַן אַלטער ייד מיט אַ גראָער ווייַ־סער באָרד. דער נייער ייד האָט נישט קיין פּרנסה. עס איז זיכער, אַז ער דאַרף „טרייען" (פּעדלען), אָבער מיט וואָס? מיט זעק און פלעשער, אָדער מיט ברויט און פליש און הינער, מוז מען האָבן אַ וואָגן און אַזוי ווי ער האָט נישט קיין געלט דערפאַר, איז נישטאָ וואָס צו רעדן. פרוכט־הענדלער זענען דאָ צופיל און די קאָנקורענץ איז גרויס. „טרייען" מיט סיגאַרעטן איז גוט פאַר אַ יינגערן. וואָס זשע דען? דער מסחר מיט אַלטע קליידער איז פאַר אָט דעם עלטערן יידן ווי אָנגעמאָסטן. און דער דאָזיקער ייד איז צופרידן מיטן באַ־שלוס און —

„אויף מאָרגן האָט מען שוין געזען דעם יידן ווי ער גייט אַרום מיטן שטעקעלע און קאָמיזעלקע און די גרויסע אינדוסטריע פון אַלטע קליידער איז רייכער געוואָרן מיט אַ נייעם סוחר."

דער הומאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין סאַרקאַזם און מען זעט פון אָט דער הומאָרעסקע אַרויס ווי יידן האָבן זיך געמוטשעט אין דרום־אַפריקע ביז וואָ־

ווען זיי האָבן זיך געשאָפן אַ מערכה. זיי זענען נישט געווען בלויז מנחם מענדלס, זיי זענען געווען האַצמאַכס...

אין דער דערציילונג „שותפים" איז פאַראַן אַ מנחם מענדלישער מאָטיוו. עס טרעפן זיך דווקא צוויי אַלטע אַפריקאַנער, וואָס האָבן נאָך נישט „געמאַכט אַפריקע". איינער הייסט יאַנקל און איינער הייסט חיים. דער ערשטער ווייסט, אַז אַפריקע איז אַ לאַנד פון „טשאַנסעס" און זיין „טשאַנס", האָפט ער, וועט נאָך קומען.ביידע זענען אויסגעליידיקט. קיינער פון זיי האָט נישט אַ גראָשן. זיי האָבן קרובים וואָס וואָלטן זיי אפשר געליִען עפּעס געלט, אָבער זיי ווילן נישט גיין צו זיי. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זיך נישט געזען. חיים האָט אין אויסזיכט אַ געשעפט און ער לייגט פאָר יאַנקלען צו ווערן אַ שותף. און חיים איז איבערצייגט, אַז יאַנקל האָט די פאָר הונדערט פונט, וואָס מען דאַרף פאַרן געשעפט. און יאַנקל איז זיכער, אַז חיים האָט די פאָר הונדערט פונט. יעדער פון זיי האָט שוין אָנגעזאָגט דעם ווייב, אַז ער האָט געמאַכט אַ געשעפט. און מען גייט אין באַנק אַריין און דאָרט ווייזט זיך אַרויס דער טעות. איינער רעדט צום צווייטן שטום־לשון און ער פרעגט אים סוף־כל־סוף פאַר־וואָס ער מאַכט נישט דעם דעפּאָזיט. פרעגט שוין דער צווייטער:

— ווער, איך? — איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט קיין געלט.

קומט אַ פראַגע:

— סטייטש? איר האָט דאָך געזאָגט מ'זאָל נעמען די ביזנעס, ס'וועט זיין רעכט!

און יענער זאָגט, אַז ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף אים. און עס ענדיקט זיך:

„— הייסט עס, אַז איר האָט נישט — זאָגט חיים.
— און איר האָט אויך נישט — זאָגט יאַנקל.
— טאָ וואָס איז איצט? — פרעגט חיים.
— וואָס זאָל זיין איצט — ענטפערט יאַנקל — איצט איז גאָר־נישט...
— גאָרנישט, אַוודאי גאָרנישט — גיט צו חיים.
ביידע אַלטע אַפריקאַנער גייען אַרויס פון באַנק, קוקן זיך אָן ווי צוויי הענער און גייען זיך פונאַנדער אין פאַרשיידענע ריכטונגען..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז מען וויל וויסן ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט אין דרום־אַפריקע צוריק מיט יאָרן, דאַרף מען זיך ביי קיינעם נישט נאָכפרעגן. עס איז גענוג איבער־צולייענען היימאַן פּאָלסקיס בוך „אין אַפריקע".

— 11 —

יידן האָבן געבויט ס׳לאַנד

מיט צוויי פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער אין דרום־אַפריקע האָב איך זיך באַקענט, וועל איך אייך וויזן נאָך אַ דריטן שרייבער. ער איז אויך געווען אַ פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך האָב נישט קיין דאַטן וועגן זיין לעבן און שרייבן. דאָס הויפּט־בוך זיינס, דער ראָמאַן זיינער „אין לאַנד פון גאָלד און זונשיין" איז דערשינען אין יאָר 1956, ווען ער איז נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע און מען האָט זיין דערמאָנט ווערק נישט באַוואָרנט מיט קיין הקדמה און ביאָגראַפיע פון מחבר. ער איז געווען לערך אין די זעלביקע יאָרן, וואָס היימאַן פּאָלסקי, דאָס הייסט: אַ געבוירענער אַרום 1875. ער האָט, ווי אַלע אַפריקאַנער יידישע שרייבער, געשטאַמט פון ליטע און ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון אַריבער אַכציק יאָר. אויסער דעם דערמאָנטן ראָמאַן האָט אים דער „יידישער קולטור־פאַראיין" אין יאָהאַנעסבורג אַרויסגעגעבן אין 1936 אַ בראָשור א"נ „די אַפריקאַנס שפּראַך און ליטעראַטור" און אין 1949 איז דערשינען זיינס אַ בוך דערציילונגען א"נ „אויף טראַנסוואַלער ערד". די בראָשור האָב איך אונטער דער האַנט, דעם בוך דערציילונגען און לידער — נישט. די בראָשור „די אַפריקאַנס שפּראַך און ליטעראַטור" איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע. עס איז געשיכטע מסתמא וועגן דער יינגסטער שפּראַך אין דער וועלט. די שטאַרקע באַוועגונג פאַר איר האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1875. די היסטאָריקער פון אָט דער שפּראַך הייבן אָן איר געשיכטע פון דעם יאָר 1652, ס׳הייסט צוריק מיט 312 יאָר. אין אָט דעם יאָר איז יאָהאַן וואַן ריבעק אָנגעקומען צו די ברעגעס פון דעם „קאַפּ פון גוטער האָפענונג". געקומען איז ער מיט דער האָלענדישער שפּראַך, אָבער ער און זיינע מענטשן האָבן זיך באַזעצט אין דרום־אַפריקע, האָט האָלענדיש אויפגעהערט זיין האָלענדיש. ס׳האָט געקראָגן נייע ווערטער פון די אָרטיקע שפּראַכן און נייע ניגונגען און ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן אַפריקאַניש. פון 1652 ביז 1806 זענען די האָלענדער געווען די איינציקע באַלעבאַטים פון דרום־אַפריקע, וואָס איז געוואָרן זייער קאָלאָניע און עס זענען אין האָלענדיש דערשינען צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. און ערשט אין יאָר 1876 האָט זיך אָנגעהויבן דער רעוואָלט קעגן האָלענדיש און מען האָט גענומען פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל שרייבן אַזוי ווי מען רעדט —

אַפריקאַנס. דאָס איז אַ שפּראַך, וואָס האָט אַ חוץ דייטש און האָלענדיש אויך ענגלישע עלעמענטן און עלעמענטן פון די אַרטיקע, בעגערישע שפּראַכן און אַן אייגענעם ריטם. אָבער אויב די באַוועגונג פאַר אַפריקאַנס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1875, האָט מען שוין אָבער אין יאָר 1750 באַמערקט, אַז אַפריקאַנס איז אַ באַזונדער שפּראַך, נישט האָלענדיש, פונקט ווי מען האָט ביי אונדז באַמערקט, אַז יידיש איז נישט דייטש... דער מחבר פון אָט דער בראָשור, זיין נאָמען איז י. מ. שערמאַן, דערציילט אַ סך פּרטים וועגן דעם קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער אַפריקאַנס שפּראַך און די פּרטים דערמאָנען אין די קאַמפן, וואָס זענען ביי אונדז געפירט געוואָרן פאַר און קעגן יידיש.

וואַרשיינלעך איז אין משך פון די 28 יאָר זינט י. שערמאַנס בראָשור איז דערשינען, צוגעקומען און צוגעוואַקסן אַ גרעסערע ליטעראַטור, אָבער וואַרשיינלעך זענען נאָך קיין שלום־עליכמס, פּרצס, שלום אַשס, רייזענס, לייוויקס און אַזױ נישט אויסגעוואַקסן אין אָט דער שפּראַך, וואָס איז היינט איינע פון די צוויי הויפּט־שפּראַכן אין דעם גרויסן דרום־אַפריקאַנער לאַנד מיט די 15 מיליאָן איינוווינער. די דאָזיקע שפּראַך איז פונקט אַזאַ הויפּט־שפּראַך ווי ענגליש און אין אַ סך ערטער זענען די אויפשריפטן פריער אויף אַפריקאַנס און דערנאָך ענגליש. און שולן זענען אין אַפריקאַנס פאַראַן מערער ווי אין ענגליש, ווייל בורן (אַפריקאַנער) זענען פאַראַן צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל ענגלענדער. די דערמאָנטע בראָשור ווערט פאַרענדיקט מיט דער באַהויפּטונג, אַז אין אַלגעמיין אָנגענומען איז נאָך די ליטעראַטור אין אַפריקאַנס שפּראַך אָרעם, אָבער — קינסטלער וועלן זיך מעלדן.

סיי פון דער דערמאָנטער בראָשור און סיי פון ראָמאַן „אין לאַנד פון גאָלד און זונשיין" זעט מען, אַז י. מ. שערמאַן איז געווען אַ געלערנטער מענטש. פון דער בראָשור זעט מען, אַז נישט נאָר האָט ער געקענט די אַפריקאַן־שפּראַך, נאָר ער איז אויך געווען אַ שטיקל ידען אין פילאָלאָגיע, אין ליטעראַטור־געשיכטע. פון ראָמאַן זעט מען, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיטן מאַרקסיזם און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שרייבן מאַרקסיסטיש און „פּראָלעטקולטיש". פאַר דער בראָשור איז עס געווען אַ טובה, פאַרן ראָמאַן איז עס געווען אַ רעה. פאַראַן שטעלן אין ראָמאַן, וואָס לייענען זיך ווי פּאָליטישע געשיכטע און ווי אַ קורס פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע. און זיי זענען דאָס טאַקע. און אויב ביים אָנהייב לייענט זיך דער ראָמאַן נאָך ווי בעלעטריסטיק, לייענט ער זיך דערנאָך שווער און מען האָט דאָס געפיל, אַז מען לייענט די געשיכטע פון אַ שטעטל.

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן אין יאָר 1903. אַן 18־יאָריקער בחור מיטן

נאָמען מאיר בורג קומט פון ליטע קיין דרום־אַפריקע צו זיין פאָטער משה בורג. דער פאָטער איז אַן אַלטמאָדישער ייד, אַ פרומער און אַ שוואַכער. ער איז, ווי די מערסטע יידישע אימיגראַנטן, אַ „טרייער" (אַ פעדלער) און ער צעפירט נאָך אַליין די סחורה, אַן אַ פערד און וואָגן. דער זון האָט געלערנט אין חדר און ישיבה. ער האָט געקענט שטייגן אין לערנען, אָבער ער האָט געמוזט ווערן אַ שוחט, בכדי צו באַזאָרגן די משפחה מיט פרנסה, אָבער אים איז נישט געפעלן זיין פאַך. ער האָט נישט געקענט קוילען. און ס'איז נישט געווען קיין ברירה, ווי צו קומען צום פאָטער קיין דרום־אַפריקע. אין זיין נייער היים האָט מאיר בורג נישט געהאַט קיין ברירה און ער איז געוואָרן אי אַ שוחט, אי אַ צעטראָגער פון פלייש. ער האָט זיין פרנסה נישט ליב געהאַט און דערצו איז ער נישט געווען קיין פרומער. געאַרבעט האָט ער אין דער נייער היים ביי איינעם אַ קצב, זלמן, וואָס איז געווען אַ פאַנאַטיקער און אַ רייכער און אין אַ געוויסער מאָס אַן אָנשטענדיקער מענטש.

זלמן האָט געהאַט אַ טאָכטער באַשעווע (בת שבע), וואָס איז געווען אין איינע יאָרן מיט מאירן. עס ווייזט זיך לכתחילה, אַז צווישן אָט דיביידע וועט קומען צו אַ ליבע. באַשעווע, ווי אַ סך טעכטער פון פרומע און פאַר־מעגלעכע לייט, איז אַ סאָציאַליסטקע. און מאיר, כאָטש ער האָט אַ פרום שוחטיש פאַך, איז דאָך גענייגט צום סאָציאַליזם. אָבער קיין צו אַקטיווע נאַטור איז באַשעווע נישט, און זי מאַכט דאָך אַן אָנשטרענגונג און זי זאָגט מאירן, אַז אין 5־6 יאָר אַרום, ווען זי וועט שוין האַלטן אין ווערן אַן אַלטע מויד, וועט זי קומען צו אים און אים זאָגן, אַז ער זאָל דערצו נישט דערלאָזן. מאיר נעמט נישט אונטער קיין שריט אין דער היניזיכט און ווען באַשעווע האָט חתונה פאַר דעם ערשטן מאַן וואָס טרעפט זיך איר, טוט אים באַנג. מאיר איז נישט קיין פרומער, זעט אין באַינע (שלאַכטהויז) ווי מען וויל דערקלערן אַ טריפה בהמה פאַר כשר, און ער מאַכט אַ סקאַנדאַל און ער ווערט אַרויסגע־וואָרפן פון דעם שחיטה־פאַך. און הגם ער קען זיך צו דעם אומקערן ווי אַ העלד, וויל ער נישט און ער ווערט אויס שוחט. ער בלייבט אָן פרנסה און אָן אַ פאַך. ער ווייסט נישט צו וואָס פריער זיך צו נעמען. ער זעט אין חלום, ווי זיינער אַ פריינט יאָגט זיך נאָך אַ גאָלדן קייקעלע, אַן אַרבעס די גרויס. דאָס „אַרבעסל" קייקלט זיך איבער גאַסן, איבער פלעצער, איבער לענדער, די מהנה ווערט גרעסער און גרעסער, איינער פאַלט איבערן צווייטן, מען ממיתט זיך, און דאָס „אַרבעסל" לויפט אַלץ פאָרויס, עס ווינקט מיט אַן אייגל... דאָס אַרבעסל איז אַ מענטשעלע אַ קאַרליקל, ענלעך אויף זיין פריינט גאָלדשטיין. אַזעלכע אילוזיעס האָט מען אין דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור אַמאָל גע־שילדערט אַ סך. איין מענטש דיריזשירט אַ גאַסן־המון אין זיין גאָלד־מי־

ראָזש. אין מיטן אָט דעם חלום קלאַפּט מען ביי מאירן אין דער טיר. זיין טאַטע איז איינגעפאַלן. און ביז ער קומט צום פאָטער אין צימער אַריין, טרעפט ער אים שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

און מיטן פאָטערס טויט ווערט איבערגעריסן מאירס קאָנטאַקט מיטן יידישן לעבן אין יאָהאַנעסבורג און מיטן „שמשס יאַרד". ער געפינט זיך אַ שותף, איינעם אַ וווילן יידן, הורוויץ, און ער פאַרט מיט אים אַרום „טאַכערן", פעדלען, הייסט עס. דער מין טאַכערן ווערט אויך גערופן אין בור „שמויז". מסתמא האָט איין וואָרט אַ שורש אין דער ענגלישער שפּראַך און דאָס צווייטע האָט זיין שורש אין דער אַפריקאַאַן־שפּראַך. די צוויי שותפים, וואָס איינער, הורוויץ, שוין אַ רייפער מענטש און דער צווייטער איז נאָך אַ יונגערמאַנ־טשיק, קומען על פּי טעות אין אַ פאַרם, הגם זיי קלייבן זיך ערגעץ אַנדערש און זיי דערוויסן זיך, אַז דאָרט נעמט דורכגיין אַ באַן און זיי נעמען ריידן צום פאַרמער, אַז עס איז די ריכטיקע צייט צו גרינדן אַ שטעטל דאָרט ווו עס איז איצטער אַ וויסטקייט. און זייער געדאַנק ווערט אָנגענומען, עס לייגט זיך אויפן שכל. די פאַרם הייסט בושמאַנקאָפּ, רופט מען דאָס שטעטעלע אויך אַזוי. די ערשטע, וואָס גיבן צו קאָליר פון אַ שטעטל דער געגנט, זיינען טאַקע הורוויץ און מאיר. זיי עפענען דאָרטן אַ קראָם. עס קומט צו אַ ליטווינער, וואָס עפנט אַ מיל, אַ ייד ווערט דאָרט אַ דענטיסט, אַ צווייטער ייד ווערט אַ זייגערמאַכער. עס קומט אָן אַנדער ייד און ווערט שמיד מען האָט נישט צו אים קיין צוטרוי, מען גלייבט נישט, אַז אַ ייד זאָל זיין אַ גוטער שמיד, אָבער מיט דער צייט אימפּאָנירט ער זיך. אינאיינעם מיט יידן קומען אויך צו קריסטן. איינעם אַ קריסט רעדט איין הורוויץ, אַז ער זאָל זיך אַרויסציִען פון זיין פאַרם און ער זאָל זיך אַריינציִען אין דעם שטעטל אַריין. דער באַלעבאָס פון דעם פלאַץ, ווו עס ווערט אַ שטעטל, איז איינער אַן אינטעליגענטער בור מיטן נאָ־מען לעוויש יאַנשע.

ער אַליין, אַן אינטעליגענטער מענטש און זיין פרוי איז נאָך אינטעלי־גענטער פון אים און ער פאָלגט זי אַ סך מאָל און עס טוט אים דערויף נישט באַנג. לעוויש יאַנשע ווערט דערהויבן, לאָזט זיך אַוועק אין פּאָליטיק און ער ווערט אַ דעפּוטאַט.

און מאיר בורג ווערט געהאַלטן אין צענטער. ער איז אַ הויפּט־העלד. לעוויש יאַנשע האָט אַ שיינע טאָכטער, לינדאַ, וואָס פאַרקוקט זיך אויף מאירן באַלד ווי ער קומט צו איר פאָטער אינאיינעם מיט הורוויצן פאַרקויפן סחורה. און עס ווערט אַ הייסע ליבע, וואָס איז פאַר מאירן קיין שום טראַגעדיע נישט. ער איז נישט רעליגיעז און נישט נאַציאָנאַל און עס קימערט אים נישט וואָס

זיין געליבטע, וועלכע וועט שוין זיין זיין ווייב, איז נישט קיין יידישע טאָכטער. די טראַגעדיע איז פאַר לעוויש יאַנשע, וואָס איז אַ פרומער קריסט און ער ווייסט, אַז מאיר וועט אין קלויסטער נישט חתונה האָבן און ער וועט נישט וועלן טויפן די קינדער. אָבער אַז מאיר האָט חתונה מיט לינדאַן אין ציווילן רעגיסטער, נעמט דאָס יאַנשע אַ שטיקל צייט צום האַרצן און דערנאָך בעט ער זיך איבער. די גאַנצע זאַך ווערט ווייניקער טראַגיש ווי עס ווייזט אויס צו ווערן. צי עס איז טאַקע אַזוי פשוט ווי שערמאַן שילדערט עס, איז אַ גרויסע פראַגע.

טראַגישער איז אין בוך די פּאָליטיק. עס הייבט זיך אָן שאַפן די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי פון גענעראַל הערצאָג, וואָס גייט קעגן ענגלאַנד. און בורן צווישן זיך קעמפן — אייניקע האַלטן מיט ענגלאַנד, אַנדערע זענען קעגן ענגלאַנד און עס קומט צו רייסערייען. דער קאַמף פון די גאָלד־מאַגנאַטן קעגן די אַרבעטער ברענגט קרבנות און טראַגעדיעס. און שערמאַן דערקלערט דאָס אַלץ מאַרקסיסטיש און עס איבערצייגט נישט. מענטשן ווערן געהרגעט, טאַטע־מאַמע בלייבן אָן דעם באַליבטסטן קינד און דער מחבר מאַכט דאָס קלאָר מאַרקסיסטיש...

אין שטעטל וואַקסט אויס אויך אַ יידיש לעבן מיט אַ שיל צום דאַווענען, אַ חדר און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, מיט קהלעכץ. דאָס דאָזיקע ווערט שוין נישט לייכט צו דערקלערן מאַרקסיסטיש. עקאָנאָמיש דאַרפן די יידן פון בושמאַנקאָפּ נישט די יידישקייט... דאָס בוך ווערט געענדיקט מיט דעם, וואָס מען פייערט הורוויצן אַלס דער גרינדער פון בושמאַנקאָפּ און מען באַזינגט אים אויף די העכסטע טענער. און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער מחבר האָט געוואָלט ווייזן, אַז יידן האָבן געבויט שטעט און שטעטלעך אין דרום־אַפריקע. אָן מסתמא איז עס נישט אויסגעטראַכט. געוויס האָבן יידן אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס דאָס לאַנד איז אויפגעבויט געוואָרן. זיי האָבן מיט זייער אומרוקייט, מנחם־מענדלשקייט און אונטערנעמערישקייט באַוויזן צו ווערן די היוון פון לעבן און אויפפירן דאָס טייג פון לעבן.

כאַראַקטעריסטיש איז די גאַנצע זאַך אין פרט פון די פּאָזיציעס, וואָס יידן האָבן פאַרנומען אין דעם אויפבוי פון שטעטל: איין ייד איז געוואָרן אַ קרעמער, אַ צווייטער אַ שמיד, אַ דריטער אַ דענטיסט, אַ פערטער אַן אָנגעשטעלטער. איין ייד נאַר, מאיר, וואָס איז אַן אידעאַליסט, ווערט אַ פאַרמער. עס איז דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דעם, אַז אַ ייד איז געוואָרן אַ גאָלד־מאַגנאַט, אָבער אין יידישן לעבן שמעקט ער נישט אַריין. די יידן זענען אין נייעם לאַנד געוואָרן קרעמער און הייזער־בויער, אָבער נישט די גאָלד־ און ברי־

ל־יאַנטן־מאַגנאַטן. פאַראַן אַ ווערטל אין דרום־אַפריקע, אַז די גויים האָבן די גאָלד־ און ברילי־אַנטן־מינעס און ייִדן האָבן די הייזער, אָבער די גויים האָבן די היפּאָטעקן (מאָרטגאַדזשעס) אויף ייִדישע הייזער. דערלייגן, דערלייגט מען נישט. ייִדן האָבן געהאָלפן אויסבויען דאָס לאַנד און זיי האָבן אַ חלק אין דעם.

— 12 —

דער וועג פון פיין צום גאָלד...

מיר איז איצטער געקומען צו דער האַנט נאָך אַ בוך פון י. מ. שערמאַן, וואָס איז נאָך היימאַן פּאָלסקי געווען דער פּיאָנער פון געדרוקטן ייִדישן וואָרט אין דרום־אַפריקע. ס׳איז אַ בוך לידער א״נ „אין שטילע שעהן“, מיט אַן אונטערטיטל „אַן פּרעטענזיעס“, צו אַט דעם בוך, וואָס האָט 78 זייטן, האָט דער מחבר אין זיין קורצער הקדמה צוגעגעבן עפּעס פון זיין ביאָגראַפיע. ער איז געבוירן געוואָרן, נישט ווי איך האָב געמיינט אין יאָר 1875, נאָר אין 1885 און ער איז אין 1903 געקומען קיין אַפריקע. ער איז אַ קורצע צייט געווען „אַ שוחט“, אַזוי ווי זיין העלד מאיר בורג, אין ראָמאַן „אין לאַנד פון גאָלד און זונשיין“. ער איז דערנאָך געווען אָנגעשטעלטער אין פאַרשידענע געשעפטן און ער איז געווען אַ פאַרמער (קאָלאָניסט) און בוכהאַלטער. די לידער וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין בוך, האָט ער געשריבן צווישן די יאָרן 1904־1949 און אַרויסגעגעבן האָט ער זיי אין יאָר 1957, ווען ער איז אַלט געווען 72 יאָר.

די מערסטע לידער אין דעם בוך „אין שטילע שעהן“ (דער נאָמען איז דווקא אַן איינהאָרנישער) זענען אין גייסט פון אברהם רייזען. עס פילט זיך אין זיי מער ווי די השפעה פון דעם דיכטער פון ליידנדיקן. אָט הייבט זיך אָן אַ ליד מיטן נאָמען „איך פרעג דיר“, אַזוי:

צי האָסטו אַ מאָל דעם „גרינעם“ דערבאַרעמט?\
צי האָסטו אַ מאָל אין קעלט אים דערוואַרעמט?\
צי האָסטו געהערט די זיפצן די שטילע,\
צי האָסטו געזען די טרערן די פילע,\
וואָס ער האָט פאַרגאָסן אין צייטן פון נויט,

ווען געפעלט האָט אָפּילו דאָס טרוקענע ברויט?
ווען עס האָט אים דאָס האַרץ געבלוטיקט פון וויי,
צי האָסטו געהערט דען זיין ביטער געשריי?

עס פילט זיך רייזענס השפעה אפילו אין אַזאַ דורכאויסיק אַפריקאַניש ליד, ווי „גרינס אויף שבועות", אין וועלכן עס איז אָפּגעמאָלן דער האָטעל אין די בעריזע פון די גרינע אין יאָהאַנעסבורג אין די אַמאָליקע צייטן, וואָס האָט געהייסן „שמשס יאַרד" און וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט. דאָס דאָזיקע ליד הייבט זיך אָן מיט אָט די ווערטער:

מיט מיר צוזאַמען, קום מיין קינד,
גרינס אויף שבועות קלייבן,
נאָר נישט אין פעלד, אין יענעם הויף
וווּ די „גרינע" בלייבן.
אַ חדרל אַ קליינינקער,
פון בלעך, וואָס האַלט זיך קאָם
און קומט אַ רעגן, ווערט דאָרט באַלד
אַ גרויסער שטילער ים.
און זומער ברענט די קאָפּ פון היץ
אוןווינטער וואַרפט פון קעלט.
אַ־יאָ, מיין קינד, אַ שיינע בלום
פון אַפריקאַנער וועלט.

און ער שילדערט אַ ייִדן, וואָס אַ גאַנצן טאָג איז ער אין גאַס און ער טראָגט אויף זיך אַ פּאַק מיט קליידער. דאָס פּנים איז אים בלאַס, די אויגן אויסגעלאָשן און דער מוח טראַכט און זאָרגט וועגן דעם וואָס ער האָט היינט נישט געלייזט קיין גראָשן.

ער גייט אַרום פון הויז צו הויז
און ער קלאַפּט אין יעדער טיר
און בעט זיך רחמים שפּלדיק:
גיט וואָס צו לייזן מיר.

ער קומט אַהיים, איז דאָרט קאַלט און דער ווינט גייט דאָרט אַרום. ער צינדט אָן אַ ליכט, פאַרלעשט עס דער ווינט. און דער דיכטער פרעגט סאַרקאַסטיש: „אַ־יאָ, אַ שיינע בלום", און עס ענדיקט זיך:

ער עסט אַ שטיקל ברויט מיט טיי
און פאַרבייסט מיט טרערן.
ער האַלט זיך אָפּ, ס׳איז שבועות היינט,
מ׳טאָר נישט יום־טוב שטערן.

אין אָט דעם ליד איז י. מ. שערמאַן אַרויס פון גדר פון רייזענס שטיל־קייט און ער איז אַריין אין טאָן פון מאָריס ראָזנפעלדס פּאַטעטישע געשרייען...

פאַראַן איין מאָטיוו ביי אַלע יידישע שרייבער פון דער ערשטער עפּאָכע אין דרום־אַפריקע: די ליידן פון דעם גרינעם. ער איז געקומען אין גאָלדענעם לאַנד אַריין מיט אַ גרויסן זאַק אָנצונעמען אין אים גליקן און באַקומען האָט ער צרות־צרורות. אָט איז פאַראַן אַ מאָנאָלאָג אונטערן נאָמען „שוין זיבן יאָר”. די ווערטער זענען פינצטער־קלאָרע, שניידנדיקע. ער איז שוין 7 יאָר אין לאַנד און ער האָט נישט קיין געלט, און ער איז דאָ און זיין ווייב איז דאָרט, און מען חושכט אָפּ די וועלט. נישטאָ קיין פרייד און קיין רו, מ׳איז שטענדיק אין יאָך און מען לויפט נאָכן שטיקל ברויט שבת, יום־טוב און וואָך. זיבן יאָר אין לאַנד און ער איז געוואָרן נאַכלעסיק, גלייך ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ וואַלד. עס איז נישט קיין חילוק צו עסן פרי, צי שפּעט. דער ראָק איז שמוציק און צעריסן, אַבי אַ בגד און שלאָפן איז גענוג צוויי שעה. ריין צו מאַכן דאָס צימער איז נישטאָ קיין צייט. מ׳דאַרף גיין אין „מאַרקעט” אַריין צו קויפן דאָרט עפּעס. אָט טראָגט אַ בור צוויי הינער, דאַרף מען זיי אויסכאַפּן, איידער עס קו־מען אַנדערע צען. ער איז שוין זיבן יאָר אין לאַנד און ער איז אַלט געוואָרן אָן צייט און יאָרן און ער איז שוואַך און קראַנק. ער האָט נישט קיין היים, ווייב און קינד זענען אים פרעמד. ער דאַרף כסדר וואַנדערן.

ס׳איז מיר פרעמד די גאַנצע וועלט,
מיט איר רויש און מיט איר קאַך;
כ׳בין געבאָרן אין דער אַרבעט
און וועל שטאַרבן אינעם יאָך.

נישט אַלע, וואָס האָבן אַזוי געליטן, זענען געשטאָרבן אינעם יאָך. אַ סך האָבן זיך מיט דער צייט אַרויפגעאַרבעט און זיי האָבן געפונען זייער טרייסט אין זייער פאַרמעגן און אין די גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן, וואָס זיי האָבן זיך אויפ־געבויט. י. מ. שערמאַן האָט נישט געהערט צו די דאָזיקע, און זיין טרייסט האָט ער געפונען אין די לידער, וואָס ער האָט געשאַפן, אין די דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן. און נישט אומזיסט האָט ער אין אַ ליד געשריבן:

זעסט, דאָס פּעקעלע פּאַפּירן,
וואָס איך האָב אַליין געשריבן,
איז פון אַלע מיינע גליקן
מיין איינציקע טרייסט מיר פאַרבליבן.

עס איז שוין פאַרשווונדן זיין פרילינג און ער האָט שוין אָנגעווווירן די בעסטע יונגע יאָרן און די האָפענונגען. ער האָט אויך פאַרלוירן דעם ברענענדיקן חשק זיך צו בילדן און דאָס לעבן איז אים געבליבן פּוסט, אָן אַ ציל און ער האָט נישט אַפילו קיין איינציקן פריינט, וואָס זאָל אַ טרייסט אים געבן —

נעם איך די פּאַפּירן
און פאַנג אָן לייענען די לידער,
ווערן זאָרגן באַלד פאַרשוווּנדן
און דאָס לעבן פלאַקערט ווידער...

אַזעלכע־אָ לידער האָט נישט קיין זינען צו אַנאַליזירן און זוכן אין זיי בייע דערגרייכונגען פון פאָרם און פאַרטיפטע געדאַנקען אַזעלכע לידער נעמט מען אַזוי ווי זיי זענען און זיי זענען גרויסע ליידן, וואָס ווערן, ווי היינע האָט געזאָגט, קליינע לידער.

אַ פּראָזע־שרייבער איז י. מ. שערמאַן זיכער געווען נישט קיין גרויסער, אָבער אַ שרייבער. אַ דיכטער איז ער געווען אַזאַ, וואָס האָט ביי רייזענען און ראָזענפעלדן געזוכט ווי צו מאַכן אַ ליד און ער האָט דאָס אויסגעלערנט. די גרויסע ליידן זיינע האָט ער געקענט אויסגיסן אויפן פּאַפּיר אין ריטמישע שורות מיט געוויינלעכע גראַמען. ער האָט אויך געקענט שרייבן געלעגנהייט־פּערזן. איז די געלעגנהייט געווען חנוכה, האָט ער געשריבן וועגן דעם ליכטל, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרלאָשן. ער האָט געקענט אויך שרייבן געלעגנהייט־שורות צו זיין כלה אין אַלבאָם, און ער האָט פאַרבונדן פערזענלעכע איבערלעבונגען מיט פּראָטעסטן קעגן דעם, וואָס די וועלט פירט זיך אומגערעכט. ער האָט געשריבן:

עס איז אַ וועלט אַ שחיטה־שטאָט
מיט איין געזעץ אַ ווילן:
ווילסטו נישט געקוילעט ווערן,
מוזטו יענעם קוילען...

— — — — — — — —

צי ס׳איז מיאוס,
צי ס׳איז פֿיין,
לאַכט דאָס האַרץ,
צי ס׳איז אין פּיין,
האַלט עס פֿון דער וועלט פֿאַרבאָרגן
אָט ווי נעכטן,
הײַנט און מאָרגן.

אין אַלבאָם פֿון דער כלה זײַנער האָט שערמאַן אַרײַנגעשריבן אַ שיין ליד, וואָס הייסט „ערב חתונה״; אַ ליד, וואָס מען וואָלט געמעגט מאַכן צו דעם אַ מעלאָדיע און דאָס זינגען אויך אין יידישן טעאַטער. אָט ווי עס הייבט זיך אָן:

דער לעבנס־ים ליגט ווייט און ברייט.
דאָס שיפֿל שטייט שוין אָנגעגרייט —
דאָס שיפֿעלע פֿון לעבן.
טאָ גיב דײַן האַנט מיר, ליבסטע מײַן,
און קום מיט מיר אין שיף אַרײַן,
אין שיפֿעלע פֿון לעבן.
איין רודער מיר,
איין רודער דיר
און טאַקע באַלד גיט זיך אַ ריר
דאָס שיפֿעלע פֿון לעבן.

אין בוך פֿון י. מ. שערמאַן זענען פֿאַראַן אויך פּראָטעסט־לידער וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה און לידער פֿון צער וועגן חורבן, אָבער צום מערסטן האָבן אַ ווערט די דאָזיקע לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פֿון דעם גרינעם אין דרום־אַפֿריקע. רירנדיק זענען די דאָזיקע לידער, וואָס ווייזן ווי אַזוי דער וועג „צום גאָלד״ איז דער וועג פֿון גרויסן פּיין...

— 13 —

אַלץ הייסט רייך!

אַ באַזוך אין דער בערזע פון יאָהאַנעסבורג האָט מיר געוויזן, ווי רייך דאָס דרום־אַפריקאַנער לאַנד איז. ממש פאַנטאַסטיש. דער קאָפּ גייט אויף רע־דער פון מיליאַרדן.

די בערזע איז אַ בערזע ווי אַלע בערזעס. דער בנין איז אַ נייער, אַ מאָ־דערנער. ער שמעקט נישט מיט שימל אַזוי ווי די ניו־יאָרקער בערזע, וואָס שמט אונטערן נאָמען „וואָלסטריט", וואָס איר בנין איז מוראדיק פאַרעלטערט. זי האָט נישט דעם פיינעם און ווייסן רענעסאַנס־סטיל, וואָס די פּאַריזער בער־זע פאַרמאָגט. עס איז אַ 10־שטאָקיק הויז מיט פענצטער פון ביוראָען, אַזוי ווי אַ בינשטאָק, אָדער לאַבירינט. דער עצם בערזע־האָל געפינט זיך נישט אויף דעם נידעריקן שטאָק, נאָר אַזש אויפן זיבעטן. און דער דאָזיקער האָל איז פאַר זיך אַ משוגעים־הויז, ווי יעדע בערזע. אויב איר ווילט, איז עס אַ בייטאָגיקע רולעטקע אין גרויסן סטיל, וווּ מען שפּילט ביז משוגעת. שטייגט — קויפט מען, פאַלט — פאַרקויפט מען.

דאָס מיידל, וואָס ווייזט דיר די בערזע און דערקלערט דיר פון אַלע קוק־ווינקלען, ווייזט דיר אַ בילד פון דער אַלטער בערזע, דער סאַמע ערשטער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1888. דאָס איז פאָרגעקומען אַ פּאָר יאָר נאָך דעם, וואָס מען האָט דערקלערט פאַרשידענע געגנטן פון דער ערשט גע־גרינדעטער שטאָט אַלס גאָלד־פעלדער. ביז דעמאָלט האָט מען געקויפט און פאַרקויפט גאָלד־אַקציעס אויף אַ נישט־אָרגאַניזירטן אופן און עס זענען פאָר־געקומען שווינדלערייען און פאַלסיפיקאַציעס און מען האָט פאַרדינט מיליאָנען און פאַרלוירן מיליאָנען. מען דאַרף געדענקען, אַז עס רעדט זיך וועגן פונטן און אַז אַ פונט איז דעמאָלט געווען 4 דאָלער. היינט איז דער פונט 3 דאָלאַר מיט 80 סענט. דער גאָלד־רויש האָט געגרייכט משוגענע פּראָפּאָרצן. פאַר אַ שטיק פלאַץ, פאַר וועלכן מען האָט פריער פאַרגעלייגט 60 אָקסן, האָט מען דערנאָך באַצאָלט 18 מיליאָן פונט... די אַלטע בערזע זעט אויס אויפן בילד ווי דער בנין פון אַן אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווע אין אַ יידישער קאָלאָניע אין אַרגענטינע. פאַרנט האָט מען געזען מענטשן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, אייניקע זעען אויס ווי דאָרפס־מענטשן אין פּראָסטע קליידער און אַנדערע ווי אַריסטאָקראַטישע ענג־לענדער מיט פּרעכטיקע אָנצוגן און האַרטע קאַפּעליושן.

און דו זעסט דעם גאָלד־אָדער, וואָס נעמט אַרום יאָהאַנעסבורג. שוין איין מאָל אַן אָדער! נאָר אין קאַנאַדע איז פאַראַן איין פלאַץ וווּ עס איז פאַראַן אַזוי פיל גאָלד און נאָך מער, אָבער אויסער קאַנאַדע איז עס דאָס רייכסטע שטיקל פלאַץ אין גאָלד אין דער וועלט. און מען דערציילט דיר, אַז אין יאָר 1852 איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דרום־אַפריקע האָט טייערע מעטאַלן און אין יאָר 1866 איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן מצד דער רעגירונג, אַז דאָס לאַנד איז אומגעהייער רייך אין מעטאַלן. און ס'האָבן זיך אַ לאָז געטאָן גאָלד־זוכער פון אַלע עקן וועלט. עס זענען געקומען די דיאַמאַנטן־מאַגנאַטן פון קימבערלי, עס זענען געקומען ענגלענדער און עס זענען געקומען אַוואַנטוריסטן פון אומעטום. אַפילו אונדזער ראָטשילד האָט אויך געשיקט אַ פאָרשטייער צו זען, צי מ'קען דאָ מאַכן געשעפט. דער ערשטער פאָרשטייער איז צוריקגעפאָרן מיט גאָרנישט, אַזוי ווי די ערשטע טויב פון נחס תיבה. דער צווייטער פאָרשטייער האָט שוין געמאַכט געשעפטן און ער האָט מסתמא נישט דערלייגט. מען גיט דיר דיאַגראַמען וועגן די גאָלד־גרובן אין פאַרשידענע צייטן. ציפערן פאַרשווינדן, דאָך געדענקט זיך מיר אַ ציפער: 200 טאָן דינאַמיט פלעגט אויפרייסן אין אַ טאָג אין די גאָלד־גרובן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דאָס גאָלד איז געווען מוראדיק טיף אין דער ערד. מען האָט געדאַרפט גראָבן ביז 3.000 מעטער די טיף. און די פאָרעם איז געווען אַ פרימיטיווע. האָט מען 60 פראָצענט גאָלד אַרויסגענומען און 40 פראָצענט זענען געבליבן. האָט די דיאַמאַנטן־מאַגנאַטן פון אויסטראַליע נישט געלוינט דער עסק און זיי האָבן פאַרלאָזט דרום־אַפריקע, אָבער דערנאָך זענען זיי געקומען מיט אַזאַ זויערשטאָף, וואָס הייסט סיאַנידע, און מען האָט שוין אַרויסגענומען 90 פראָצענט פון דעם גאָלד און דעמאָלט האָט עס שוין געלוינט...

ווייזט מען מיר אַ בילד פון אַ גאָלד־גרוב אין די סאַמע ערשטע צייטן. אין דרויסן זעט מען פערד און וועגעלעך און לייוונטענע אָדער ברעזענטענע געצעלטן, צי ליימענע הייזקעס. עס שמעקט ממש מיט אַן אידיליע, אָבער אין תוך איז עס געווען אַ טראַגעדיע. געשיקט צו דער אַרבעט אונטער דער ערד האָט מען די דאָרטיקע שוואַרצע, און זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין אַהין. און פאַר וואָס מורא צו האָבן איז געווען. מען האָט פון דער אַרבעט אונטער דער ערד באַקומען טובערקולאָז. אָבער וועגן דעם האָבן די נעגערס נאָך נישט געוווּסט. זיי האָבן סתם מורא געהאַט צו זיין אונטער דער ערד... און עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט געבראַכט כינעזער פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. אין די כינעזער האָבן נישט מורא געהאַט צו קריכן אונטער דער ערד. מען האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיי. מען האָט געבראַכט קרימינעלע כינעזער, פון די תפיסות אַרויס. זיי האָבן געטראָגן האָר און מאָדנע קליידער און זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק מיט זייער אויסזען. זיי האָבן זיך נישט אָפּגע־

שטעלט פון פאַרגוואַלדיקן שוואַרצע פרויען. עס זענען שוין געווען אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם ברענגען אַרבעטער פון דרויסן און מען האָט זיי געמוזט צוריקשיקן. עס זענען אָבער געקומען אַהער כינעזער זוכן גאָלד און יענע זענען פאַרבליבן. צווישן די מענטשן פון דער צווייטער מדרגה — שוואַרצע זענען פון דער לעצטער מדרגה — געפי־נען זיך אין דרום־אַפריקע כינעזער, אינדיער, ווי אויך „קאָלירטע" — אַ פּראָדוקט פון ווייסע מענער מיט שוואַרצע פרויען.

דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס כאָטש מען האָט געדאַרפט זייער טיף גראָבן דאָס גאָלד, זענען געווען ערטער ווו דאָס גאָלד־ערץ איז געלעגן אויי־בנאויף. דאָס דאָזיקע וואָס ליגט אויבנאויף, רופט מען „אַלווישע". און שפּע־טער האָט מען מיר געוויזן ערטער, ווו דאָס גאָלד איז געלעגן אויבן. דאָס איז אַ שטאָטישע געגנט, וואָס מען רופט לאַנגלאַכטע. אין יענער געגנט האָט אַ פרוי מיטן נאָמען שטיינבוים, געמאַכט אַ פאַרווײַלונג לכבוד מיר, נאָך מיין לעקציע „100 יאָר נייע יידישע ליטעראַטור", אָבער קיין גאָלד האָב איך שוין דאָרטן נישט געפונען...

און לעבן דעם געלן גאָלד איז פאַראַן אויך דאָס „שוואַרצע גאָלד". פּונקט ווי דרום־אַפריקע איז רייך אין גאָלד, איז עס רייך אין קוילן. און מען דער־קלערט מיר, אַז קוילן זענען דאָ ביליקער ווי אין דער גאַנצער וועלט, ווייל דער אָדער איז זייער אַ דיקער און ס'איז לייכט אַרויסצובאַקומען קוילן. און מסתמא ווערן די שוואַרצע אַרבעטער נישט צו טייער באַצאָלט ביים אַרבעטן ביים שוואַרצן גאָלד, הגם דער לעבנס־ניוואָ פון די נעגערס איז לעצטנס היפּש געהעכערט געוואָרן. דאָס גאָלד און די קוילן אַליין זענען שוין אויך גענוג צו מאַכן, אַז דרום־אַפריקע זאָל זיין איינע פון די רייכסטע לענדער אין דער וועלט. אָבער מען ווייזט מיר, אַז אין 1924 האָט מען אַנטדעקט פּלאַטין. דאָס איז אַ מעשה שוין פון 40 יאָר, אָבער די פּלאַטין־אינדוסטריע איז נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט און אַז זי וועט זיין גענוג אַנטוויקלט, וועט די רייכקייט פון לאַנד ווערן נאָך גרעסער. און עס איז פאַראַן קופּער אין לאַנד, פאַר דעם איי־גענעם געברויך און פאַרן עקספּאָרט. און אייזן איז דאָך פאַראַן. און עס איז פאַראַן אַנטימאַניום און מאַגנעז, די מינעראַלן מיט וועלכע מען פאַרוואַנדלט אייזן אין שטאָל. און אָט דיביידע מינעראַלן זענען דאָ פאַראַן אַזוי פיל, אַז מ'קען דרום־אַפריקע פאַררעכענען פאַר זייער גרעסטן פּראָדוקטאָר. און די גרעסטע פּראָדוקציע פון קראָם אין דער וועלט ווו געפינט זיך, מיינט איר? — אַלץ אין די פיר פּראָווינצן: טראַנסוואַל, אָראַנדזש, פריישטאַט, קייפּטאַון און נאַטאַל, וואָס שטעלן צונויף די „יוניאָן" פון דרום־אַפריקע. 50 טויזנט

טאָן קראָם עקספּאָרטירט מען יעדעס יאָר פון דרום־אַפריקע אין דער וועלט אַריין.

און מען ווייזט מיר די אוסינע פון גאָז, קוילן און לופט, וואָס איז די איינציקע אין גאַנץ אַפריקע און די גרעסטע אין דער וועלט. דער אויסדרוק „די גרעסטע אין דער וועלט" איז דאָ אַ געוויינלעכער גאַנג. מען דערמאָנט, אַז עס איז פאַראַן אַ ריזיקע פּאָספּאָר־פּראָדוקציע. און גאָז, פּעטראָל הייסט עס, זוכט מען. און מען איז זיכער, אַז ס'איז דאָ. און מען זוכט עס לעצטנס זייער פיבערדיק. און עס איז פאַראַן אַ סיבה דערביי: צוליב דעם אַפּאַרטהייד, צוליב דעם, וואָס מען האַלט איזאָלירט די נעגערס אין דרום־אַפריקע, איז די רעגירונג איינגעריסן מיט דער וועלט. וועגן עצם אַפּאַרטהייד וועט מיר אויס־קומען צו שרייבן באַזונדער. דאָס איז אַ גרויסער וועלט־פּראָבלעם. דאָ וויל איך דערמאָנען, אַז צוליבן אַפּאַרטהייד דראָט מען דרום־אַפריקע איר נישט צו ליפערן קיין אויל, זוכט מען דערפאַר פיבערדיק דאָס דאָזיקע מין און מען איז זיכער, אַז מען וועט געפינען. אין אַ לאַנד, ווו עס זענען פאַראַן כמעט אַלע מינעראַלן, מוז זיין אויך פּעטראָל.

און עס זענען פאַראַן נאָך אינדוסטריעס אין לאַנד. אַגראַר־פּראָדוקטן פעלן נישט. דאָס לאַנד האָט ווייץ און קאָרן און איבערהויפּט האָט עס מאַיִס, וואָס ווערט דאָ גערופן „מיליס". אין אָט דעם פּרט איז עס ענלעך צו מיין היים בעסאַראַביע, וואָס איז אויך רייך אין מאַיִס, אָדער קוקורוזע. פּונקט ווי מען עסט אין בעסאַראַביע אַ סך מאַמעליגע, עסט מען אין דרום־אַפריקע אַ סך ברויט פון „מיליס", וואָס איז אויך אַ מין מאַמעליגע. די עלטסטע אינ־דוסטריע אין לאַנד איז פון ביר און אַלקאָהאָלישע משקהס. די דאָזיקע אינ־דוסטריע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1658, צוריק מיט 306 יאָר. דאָס איז געשען 6 יאָר נאָך דעם, ווי דאָ האָט געלאַנדעט דער ערשטער האָלענ־דישער אימיגראַנט יאַן וואַן ריבעק. ער איז אַ מין האָלענדישער קאָלומבוס פון דרום־אַפריקע, וואָס האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט אַנטדעקן דאָס לאַנד, נאָר ער האָט זיך אין דעם באַזעצט און ער האָט עס געבויט. זעקס יאָר נאָך זיין קומען אַהער האָט ער איינגעשטעלט די אינדוסטריע פון ביר און אַל־קאָהאָל און עד היום טרינקען די שוואַרצע דאָ אַן אייגנאַרטיקן אַפריקאַנישן ביר. 17 מיליאָן גאַלאָן ביר און 11 מיליאָן פלעשער פּראָדוצירט מען אַ יאָר.

פאַראַן אַ גרויסע קליידער־אינדוסטריע אין אַפריקע. די דאָזיקע אינ־דוסטריע האָט 570 פאַבריקן, אין וועלכע עס אַרבעטן 60,000 (זעכציק טויזנט) אַרבעטער. בלויז געהאַלטן צאָלט די קליידער־אינדוסטריע אויס אַ יאָר 35 מיליאָן פונט, דאָס איז אַריבער 90 מיליאָן דאָלאַר. די דרוקערייען האָבן אַ

ביודזשעט פון 66 מיליאָן פונט (איבער 200 מיליאָן דאָלאַר) אַ יאָר. און אַ גרויסע פאַרבן־אינדוסטריע האָט דאָס לאַנד. מען דאַרף נישט ברענגען קיין פאַרבן פון אויסלאַנד און מען האָט נאָך פאַר עקספּאָרט.

און איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעס איז דאָס בויען. עס האָט אָנגעכאַפּט אַ פיבער פון בויען. מען וואַרפט אַראָפּ 10 און 15־שטאָקיקע הייזער און מען בויט 25 און 30־שטאָקיקע הייזער. און מען וואָלט געבויט נאָך מער, אָבער עס פעלן קוואַליפיצירטע אַרבעטער און עס איז נישט גענוג. דאָס לאַנד האָט אַזוי פיל ציגל, אַז מען וואָלט מיט זיי געקענט זעקס מאָל באַלייגן דעם גאַנצן ערדקויל. דאָס גרעסטע בויען געשעט אין יאָהאַנעסבורג. די דאָזיקע שטאָט איז ערשט אַלט 70 יאָר און האָט שוין אַ מיליאָן מיט אַ פערטל איינוווינער און מען זאָגט פאַרויס, אַז זי וועט אין גיכן האָבן דריי מיליאָן נפשות. און ערשט צוריק מיט 110 יאָר זענען אַרומגעגאַנגען ווילדע חיות דאָרטן ווו ס'איז היינט יאָהאַנעסבורג. צוריק מיט 109 יאָר האָט דאָ איינער אַ מענטש דערשאָסן אין איין טאָג 8 (אַכט) לייבן...

אַ שפּאַציר איבער דער בערזע האָט מיר געוויזן, אַז אויב דרום־אַפריקע איז נישט דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, איז עס דאָס צווייטע רייכסטע לאַנד! אַלץ הייסט רייך...

— 14 —

איך האָב געזען דעם אַפּאַרטהייד

אַז מען זאָגט אַלף, זאָגט מען בית. און אַז מען זאָגט דרום־אַפריקע, — זאָגט מען אַפּאַרטהייד. און מען זאָגט עס מיט אַ טענה און מיט אַ קאָנפליקט. איז די גאַנצע וועלט רייסט איין מיט דרום־אַפריקע פאַרן אַפּאַרטהייד, און די בריטישע קאָמאָנוועלט איז מיט אַפריקע צעקריגט דערפאַר.

— און וואָס איז עס?

— מען האַלט די נעגער אָפּגעטיילט. זיי טאָרן נישט וווינען אינאיינעם מיט ווייסע; זיי טאָרן נישט פאָרן מיט זיי אינאיינעם; זיי טאָרן זיך נישט באָדן אין איין און דעם זעלביקן שווים־באַסיין און זיי דאַרפן וווינען אין אייגענע, ספּעציעל־געבויטע שטעט.

— און זיי וווינען טאַקע לחלוטין נישט אינאיינעם?

— אַז זיי אַרבעטן ביי ווייסע, האָבן זיי אַ רעכט דאָרט צו וווינען, אָבער זיי דאַרפן פאַר דעם ספּעציעלע דערלויבענישן.

— און מען גיט זיי אַזעלכע דערלויבענישן?

— מען גיט זיי.

— איז דאָך דער אַפּאַרטהייד, די אָפּגעזונדערטקייט, נישט קיין פולע!

— אַוודאי נישט קיין פולע! די דאָזיקע וואָס וווינען אין די אייגענע שטעט, קומען דאָך אויך אַרבעטן צו די ווייסע. די ווייסע האָבן כסדר אַ קאָנ־טאַקט מיט די שוואַרצע. אין דעם האָטעל־רעסטאָראַן ווו איך וווין, איז די גאַנצע דינערשאַפט אַ שוואַרצע און אַלע קעלנער זענען שוואַרצע. עסן טראָגן מיר צו שוואַרצע און איך רייד מיט זיי און זיי ריידן מיט מיר.

— אויב אַזוי, איז עס דאָך טאַקע נישט קיין פולער אַפּאַרטהייד.

— טאַקע און טאַקע נישט קיין פולער אַפּאַרטהייד. און דאָס דאָזיקע זאָגט די רעגירונג און זי זאָגט, אַז דער גאַנצער אַפּאַרטהייד איז לטובת די שוואַרצע. אַ דאַנק אים האָבן זיי פּרעכטיקע דירות צום וווינען און היגיענישע שטעט און שווים־באַסיינען און פאַרווײַלונג־פּלעצער און קיכן און אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. זיי פלעגן וווינען אין גריבער, ווי חיות, און היינט לעבן זיי ווי מענטשן.

ווי̇פל שוואַרצע און וויפל ווייסע זענען פאַראַן אין לאַנד?

— אויסגעשפּראָכן שוואַרצע זענען פאַראַן עלף מיליאָן, אויסגעשפּראָכן ווייסע — דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן. חוץ דעם זענען פאַראַן מיטעלע. אָנ־דערטהאַלבן מיליאָן זענען פאַראַן „קאָלירטע", וואָס קומען אַרויס פון ווייסע מענער מיט שוואַרצע פרויען. און מסתמא אַנדערע אָנדערטהאַלבן מיליאָן זע־נען פאַראַן אַזיאַטן — אינדיער, כינעזער אאַז"וו. די אויסגעשפּראָכן שוואַרצע האָבן קיין שום וואַל־רעכט נישט. די מיטעלע האָבן געוויסע רעכטן.

די רעגירונג זאָגט, אַז מיט דעם, וואָס מען איזאָלירט די שוואַרצע אין באַזונדערע שטעט, גיט מען זיי פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו לעבן ווי מענ־טשן. ביז איצט, ביז צוריק מיט אַ יאָר 10, האָט מען זיי געקענט זען לעבן ווי חיות און בהמות. אָבער טאַקע בפועל ממש ווי חיות און בהמות. נישט אין שטיבער האָבן זיי געלעבט, נאָר אין גריבער, אין קברים. און די שטאַרב־לעכקייט איז ביי זיי געווען אַ מוראדיקע. היינט לעבן זיי היגיעניש און מען דערציט זיי, אַז זיי זאָלן לעבן היגיעניש און די שטאַרבלעכקייט ווערט ביי זיי קלענער און קלענער. און כאָטש מען האָט די אַלטע „דירות" זייערע שוין ליקווידירט, געפינט מען אַ מעגלעכקייט מיר נאָך צו ווייזן אַ „קראַאַל" (רע־זערוואַר) ווו זיי האָבן געוווינט פריִער. די „דירות" זענען דאָרטן בפועל ממש

געווען נאָרעס פון חיות, אָדער קברים פאַר מתים. עס איז זיך שווער פאַרצו־שטעלן ווי אַזוי מענטשן האָבן אַזוי געקענט לעבן...

בין איך בלויז גאַסט און איך איל זיך נישט אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אָבער איך בעט מען זאָל מיך פירן אין די „שוואַרצע שטעט" לעבן יאָהאַ־נעסבורג. איך בין נאָך ביז איצטער נישט אַרויסגעפאָרן פון דער מעטראָפּאָ־ליע. (נישט הויפּטשטאָט, יאָהאַנעסבורג איז די גרעסטע שטאָט, אָבער די הויפּטשטאָט איז די קליינע פּרעטאָריע). און מען פירט מיר ווייזן אָרלאַנדאָ, ז:אָס געפינט זיך 10 מייל (16 קילאָמעטער) פון יאָהאַנעסבורג. דאָס איז די גרעסטע שטאָט ביי יאָהאַנעסבורג. אינאיינעם מיט דער שטאָט מאַראָקאָ און אַנדערע שטעטלעך, לעבט דאָרט אַ האַלבער מיליאָן נעגערס. אין גאַנצן לאַנד, אינפאָרמירט מען מיר, זענען פאַראַן 23 שטעט. און מען דאַרף רעכענען, אַז אין זיי לעבן אַן אַכט מיליאָן שוואַרצע.

די שטאָט אָרלאַנדאָ ווערט פאַרוואַלטעט פון דער יאָהאַנעסבורגער מוני־ציפּאַליטעט, צוזאַמען מיט דער רעגירונג. דער הויפּט־פאַרוואַלטער איז אַ ווייסער, אָבער די גאַנצע אַדמיניסטראַציע ווערט אָנגעפירט פון שוואַרצע. לכתחילה איז די שטאָט געבויט געוואָרן פון ווייסע, אָבער מיט דער צייט איז די אַרבעט איבערגעגעבן געוואָרן צו שוואַרצע און עס זענען שוין פאַראַן ביי זיי ספּעציאַליסטן אין בוי־אַרבעט. די מערסטע דירות זענען דריי־צי־מערדיקע און דאָס דירה־געלט איז פאַר זיי עפּעס וויניקער ווי אַ פונט אַ חודש (אַ פונט איז צוויי דאָלאַר מיט 80 סענט, אונדזערע 420 פּעזעס). אַזוי ווי דער פאַרדינסט איז פון אַזאַ איינעם, וואָס וווינט אין אַ דריי־צימערדיקער דירה, איז לערך 20 פונט, מיינט עס, אַז דער באַטרעף פון דירה־געלט איז 5 פּראָצענט פון זיין פאַרדינסט. די דאָזיקע, וואָס וווינען אין פיר־צימערדי־קע דירות פאַרדינען מערער און זיי צאָלן קרוב צו דריי פונט אַ חודש און דער פּראָצענט פון דירה־געלט איז שוין אַ גרעסערער, ער באַטרעפט לערך 10 פּראָצענט. די קאָמוניקאַציע פון אָרלאַנדאָ מיט יאָהאַנעסבורג איז דורך אייטאָבוסן, וואָס מען רופט דאָ באַסעס (ביי אונדז רופט מען זיי אָמניבוסן). און יעדן פרימאָרגן פאָרן אַרויס פון אָרלאַנדאָ קיין יאָהאַנעסבורג לערך 420 טויזנט נעגערס און פאַרנאַכט קומען זיי צוריק. דאָס דאָזיקע מיינט, אַז אויך פרויען פאָרן אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין. אין אָרלאַנדאָ בלייבן דעם גאַנצן טאָג בלויז קינדער, וואָס לערנען אין די קינדער־גערטנער און אין די שולן, די לערערס און די דאָזיקע, וואָס אַרבעטן אין דער אַדמיניסטראַציע, אין די שפּיטאָלן אאַז"וו. אין די שולן און קינדער־גערטנער האַלט מען די קינדער דעם גאַנצן טאָג און מען גיט זיי עסן דריי מאָל אין טאָג. און פאַר דעם אַלע־

מען ווערט גענומען 1 דאָלאַר אַ חודש, עפּעס מערער פון אָנדערטהאַלבן פּראָצענט פון פאַרדינסט פון אַ משפחה. אין אַ פאַמיליע, וווּ עס זענען פאַראַן עטלעכע קינדער, ווערט דאָס אַ הוצאה, אָבער עס איז צום אַריבערטראָגן. עס זענען אין אָרלאַנדאָ פאַראַן 114 שולן, אויסער קינדער־גערטנער, וווּ עס לערנען לערך 84 פּראָצענט פון אַלע קינדער. דערווייל איז דאָס לערנען אין שול נאָך נישט אָבליגאַטאָריש. ווען מען וועט איינפירן אָבליגאַטאָרישקייט פון לערנען אין די שולן, וועלן לערנען אַלע 100 פּראָצענט.

אָט די דאָזיקע אינפאָרמאַציע גיט מען מיר איידער איך פאָר קיין אָרלאַנדאָ און מען גיט מיר נאָך אַ סך אינפאָרמאַציע סיי פריער, סיי שפּעטער, און אין נישט קיין גאָר געהויבענעם אויטאָ, אין וועלכן עס זענען פאַראַן אַכט פּלעצער פאַר פּאַסאַזשירן, לאָזן מיר זיך צו דער גרעסטער שוואַרצער שטאָט אין לאַנד.

איך מיין, אַז איך וועל זען עפּעס ענלעכס צו האַרלעם, דעם ניו־יאָרקער „שוואַרצן גאַרטל", וווּ עס לעבט אַ מיליאָן נעגער און וווּ די ענגשאַפט איז אַ מוראדיקע. עס איז אָבער נישט אַזוי. מיר לאָזן זיך אַרויס פון דער שטאָט. מיר פאָרן צו מערב־צו. מיר פאָרן פאַרביי די בערג מיט זאַמד, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון די גאָלד־גרובן. די בערג זענען געל ווי גאָלד. אַפּנים, אַז עפּעס גאָלד בלייבט אין זיי. אייגנטלעך טיילט מען אויס 90 פּראָצענט פון גאָלד, וואָס איז דאָ אין די גרובן, 10 פּראָצענט בלייבט אין זאַמד און אין ליים. ווען מען זאָל די 10 פּראָצענט וועלן אויסטיילן דורך אַ כעמישן פּראָצעס, וואָלט עס געקאָסט טייערער ווי דער באַטרעף פון באַקומענעם גאָלד וואָלט געווען. די דאָזיקע געלע בערג דערמאָנען אונדז, אַז מיר זענען אין אַן אומגעהייערן רייכן לאַנד, וווּ מען טרעט ממש אויף גאָלד. מיר פאָרן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ און מיר דערנענטערן זיך צו דער שוואַרצער שטאָט. פון ווייטנס זעען די שטיבלעך אויס עפּעס גרעסער פון בינשטאָקן, אָבער וואָס נאָענטער מיט קומען צו, אַלץ גרעסער ווערן זיי אין אונדזערע אויגן. דאָס זענען קוואַדראַטנע מויערלעך, איינשטאָקיקע, צוגעטוליעטע איינס צו די אַנדערע, אַזוי ווי הייזער אין אַ שטאָט. זיי זענען פון נישט גאָר טונקעלן ציגל־קאָליר. זיי זעען אויס האַלב רויטלעך. אין דער ערשטער ריי זענען די דעכער אויך פון האַלב־רויטלעכן ציגל־קאָליר, ווייטער שיינען מויערלעך פון ציגל־קאָליר מיט ווייסע דעכער, אָבער אַז מען קומט צו נאָענטער, זעט מען, אַז די דעכער זענען פון גאָר העלן ציגל־קאָליר, וואָס זעען פון דער ווייטנס אויס ווי ווייס.

ביים אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין טרעפן מיר אַ ריזיקן שפּיטאָל, אויס־

שליסלעך פאַר די שוואַרצע... אין שפּיטאָל זענען פאַראַן 2.500 (צוויי טויזנט פינף הונדערט בעטן), 350 ווייסע דאָקטוירים (קיין סך שוואַרצע דאָקטוירים זענען נאָך אפנים נישטאָ), און 1.000 (טויזנט) שוואַרצע קראַנקנשוועסטערס זענען פאַראַן, וואָס אַרבעטן דאָרטן כסדר. אין שפּיטאָל ווערן טעגלעך גע־בוירן 50 (פופציק) קינדער. דאָס דאַזיקע מיינט, אַז די געבורטן זענען אַ סך מער ווי דריי מיט אַ האַלבן פּראָצענט אַ יאָר. אויסער דעם שפּיטאָל, וואָס איז אַן אַלגעמיינער, איז פאַראַן אַ שפּיטאָל פאַר אויגן־קראַנקע, און אין שטאָט זענען פאַראַן 8 קליניקס. די סאַניטאַרע באַדינונג איז נישט קיין סך קלענערע ווי אין אַ סך ווייסע שטעט. אין שוואַרצע שטעט פון אַפריקע איז אין ערגעץ נישט פאַראַן קיין סאַניטאַרע באַדינונג אין אַזאַ פּראָפּאָרץ. און למאי זאָל איך ליגן זאָגן? — איך בין דורכגעפאָרן עטלעכע אַפריקאַנער מדינות און אין ערגעץ האָב איך נישט געזען קיין נעגערס אין אַזאַ גוטן געזונט־צושטאַנד ווי אין דרום־אַפריקע בכלל און אין אָרלאַנדאָ בפרט. די שפּיטאָלן און די קלי־ניקס האָב איך געזען און זיי מאַכן אַלץ מער ווי אַ צופרידנשטעלנדיקן איינ־דרוק.

מיר פאָרן אַריין אין שטאָט אַריין. פּונקט ווי אין יאָהאַנעסבורג, איז די קאָמוניקאַציע אין שטאָט גופא דורך אויטאָבוסן. עס איז נישטאָ קיין צו אָפּטע קאָמוניקאַציע, ווייל ס'איז אין דער פרי, ווען די מערסטע אַרבעטן אין יאָהאַ־נעסבורג און די איבעריקע לערנען אין די שולן און קינדער־גערטנער. פאַר־נאַכט פאָרן מער אָמניבוסן. די אינפאָרמאַציע וועגן שפּיטאָל גייט אונדז נאָך. עס זענען פאַראַן 11 אָפּעראַציע־צימערן און די שוואַרצע לאָזן זיך מאַכן אָפּע־ראַציעס. געוווען אַ צייט, ווען זיי האָבן זיך נישט געלאָזט.

פאַראַן פאַרוויילונג־פּלעצער. און אַז מען רעדט וועגן פאַרוויילונג־פּלע־צער ביי פּרימיטיווע מענטשן, קומען אויפן זינען שענקען און באַרס. עס זע־נען פאַראַן אַזעלכע פּלעצער, קאַפע־הייזער — מערער. אַגב: אין גאַנץ דרום־אַפריקע רופט מען די קאַפע־הייזער „קייפיס". און מען אינפאָרמירט, אַז דעם מאָנאָפּאָל איבער ביר און אַנדערע משקאות האָט די רעגירונג. און דאָס דאַ־זיקע געשעט, בכדי מען זאָל נישט צופיל טרינקען. ווייל פּרימיטיווע מענטשן אין אַ שיכורן צושטאַנד זענען נישט קיין זייער געשמאַקער מאכל. אָבער עס געשעט, עס זאָל אַזוי נישט געשען: מען טרינקט זיך אָן און מען ווערט שיכור. און מען דערציילט מיר בסוד, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין אָפּיום, וואָס הייסט „דאַכאַ". מען רויכערט אים און אַז מען טוט דאָס, ווערט מען ווילד. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס פאַרקויפן „דאַכאַ" איז פאַרבאָטן, אָבער מען געפינט עס פאַרבאָטענערהייט. מען געפינט אויך משקה איבער דער מאָס, פאַרבאָטענער־הייט. פאַראַן אַזאַ מין זאַך, וואָס רופט זיך „זאַגטייל". עס איז דאָס זעלביקע,

ווי אונטערוועלט ביי אונדז, אָדער „האַמפּאַ"... דאָס פּאַרדינסט, וואָס די רע־גירונג האָט פון משקה־פאַרקויף, נעמט זי נישט פאַר זיך, נאָר זי גיט דאָס אַוועק אויף געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די שוואַרצע.

פאַראַן אין אָרלאַנדאָ, אַלצאַיינס ווי אין אַלע שוואַרצע שטעט, פאַרוויי־לונג־פּלעצער. מיר זעען פון דער נאָענט גרויסע סטאַדיומס פאַר ספּאָרט־קלובן, שווים־באַסיינען, קינאָס. די סטאַדיומס זענען אַלצאַיינע ווי אומעטום. מען זיצט ווי אין אַמפיטעאַטערס, אָדער צירקן און מען קוקט אויף די ספּאָרט־שפּילן, ווי פוטבאָל, בייזבאָל א"אַנד. אויך באָקס פעלט נישט, הגם נישט צו־אָפט, ווייל שוואַרצע ענטוזיאַזמירן זיך צו־שטאַרק פאַר אָט דעם שפּיל. אין די שווים־באַסיינען באָדט מען זיך אַלצאַיינס ווי אין די שווים־באַסיינען פאַר ווייסע. זיי זעען אויס ווי אין גאַנץ אַפריקע, בלוי אַזוי ווי דער הימל ווען ער איז לויטער (און ער איז צום מערסטנס לויטער). אָבער דאָס מיידל, וואָס איז אונדזער „גייד" (וועגווייזערין, מורה־דרך, „גיאַ"), דערציילט אונדז, אַז שוין ניין יאָר ווי עס פונקציאָנירן עפנטלעכע שווים־באַסיינען אין שטאָט, וואָס איז אַלט 10 יאָר, און ביז איצטער האָט מען זיך נישט געוואָלט באָדן אין זיי. די אָפיציעלע ווערסיע איז, אַז מען האָט מורא געהאַט זיך צו באָדן אין זיי, אָבער איך ביי זיך מעג קלערן, אַז אפשר האָט מען דאָס געטאָן אַלס פּראָטעסט. כאָטש ביי דעם גאַנץ הייסן קלימאַט דאָ, הגם אַ זייער אָנגענעמער, איז אַן אַבסורד זיך נישט צו וועלן באָדן. און איך האָב געזען ווי מען באָדט זיך געשמאַק. עס האָבן זיך געבאָדן קינדער — סיי גאָר קליינע און סיי 12־יאָריקע און זיי האָבן אויסגעזען ריין און פריש און זיי האָבן אַלע געקענט שווימען. אין די „קראַילס" (רעזערוואַטן) ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט, האָבן זיי אַזעלכע פּלע־צער נישט געהאַט צום באָדן זיך...

די קינאָס זענען ריינע, שיינע, נייע און עס ווייעט מיט פרישקייט פון זיי. די פּרייזן זענען נישט קיין טייערע. צי מען גיט צוגעפּאַסטע פילמס פאַר פרימיטיווע מענטשן, ווייס איך נישט. דאָס פּראָבלעם וואָס פאַר אַ פילמען צו געבן איז פאַר ווייסע נישט געלייזט, הייגט נאָך פאַר שוואַרצע. די קלובן זענען אויך ריינע און עס ווייעט מיט נייקייט פון זיי. און עס זענען פאַראַן קאָמיוניטיס, קהילה־זאַלן, ווו מען פּראַוועט חתונות און אַנדערע פאַמיליען יום־טובים און מען פירט דורך קאָנצערטן. אין די קלובן זענען אויסגעשטעלט בילדער, וואָס זענען געמאָלן פון שוואַרצע און זיי זענען גאַנץ אינטערעסאַנטע. אין אייניקע בילדער האָט מען געקענט מערקן אי טאַלאַנט אי השפּעות פון מאָדערנע ריכטונגען.

מען גיט די שוואַרצע פּרוכטביימער און סתם ביימער און די גאַנצע

שטאָט איז איינגעטונקען אין גרינס פון דיביימער. פון דעסטוועגן זענען די פענצטער גוט פאַרקראַטעוועט, ווייל איינער ביים צווייטן זאָגט זיך נישט אָפּ אַ גנבע צו טאָן און מען דאַרף מיט זיי גוט קנעלן דעם „לא תגנוב", וואָס קריכט זיי נישט אַריין אין די קעפּ אַריין. די באַציִונג פון מענטש צו מענטש איז אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד ביי זיי. אַז מען איז גוט, איז מען גרייט די נשמה אַוועקצוגעבן און אַז מען צעהרגעט זיך, איז חיות נישט זיכער ביי זיי. הרגענען אַ מענטשן איז ביי זיי נישט קיין שטאַרק שווערע מלאכה. דער „לא תרצח" איז נישט געוואַקסן ביי זיי אויפן מיסט. די מאָראַל פון די ווייסע אין דער גאַנצער וועלט איז נישט קיין שטאַרק געהויבענע, אָבער זי איז נאָך טויזנטפאַכיק העכער, ווי ביי די שוואַרצע. אין די קינאָס פון די ווייסע ווייזט מען פילמען מיט אַ סך מאָרדן, אָבער אין לעבן פון די ווייסע איז אַ מאָרד נישט אַזאַ אָפּטע דערשיינונג ווי ביי די שוואַרצע...

איך בין געווען אין אָרלאַנדאָ אין אַ זייער אייגנאַרטיקער שול — אַ שול פאַר קאַליקעס. מען לערנט דאָרט מענטשן, וואָס זענען קאַליקעס אויף הענט, פיס און אַנדערע איברים צו אַרבעטן, און זיי אַרבעטן אויס פאַרשידענע שטאָפן. איך האָב געזען די מענטשן מיט נישט־געזונטע איברים אַרבעטן אויס נעצן פאַר פיש כאַפּן און פאַר אַלערליי שפּילן. פרויען מיט קליינע קינדער און הויקערדיקע דערצו אַרבעטן אויס שטאָפן מכל המינים און גלינצעריקע זאַכן. די מענטשן פון דאַנען זענען אויס ווי מיטגלידער אין אינוואַלידן־היי־זער און זיי אַרבעטן און ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט און זיי פאַרדינען פאַר זיך. על־פי רוב זענען דאָס מענטשן וואָס זענען אַרויסגעשטויסן פון די פאַמיליעס און זיי קענען נישט האָבן קיין באַציִונג צו מענטשן און מען דערציט זיי מאָראַליש און געזעלשאַפטלעך. און אַ סך פון זיי ווערן מענטשן און בויען אַפילו אייגענע משפחה־לעבנס. און איך בין געווען אין עטלעכע קינדער־גערטנער און איך האָב געזען ווי די פּרעבליסטינס דערציִען און דיסציפּלינירן די קינדער, וואָס האָבן קעפּלעך ווי קוטשמעלעך. איין גרופּע געקרייזלטע האָר איז אָפּגעטיילט פון דער צווייטער. מען זינגט, טאַנצט, שפּרינגט, מען מאַכט גימנאַסטיק. און אין זייער אייגענער שפּראַך, נישט אין ענגליש און נישט אין אַפריקאַנס, נאָר אין זולו, צי אין אַ שפּראַך פון אַן אַנדער שבט. זיי גייען נישט שלעכט אָנגעטאָן. די שרייענדיקע קאָלירן פון גרין און רויט דאָמינירן. אַ סך גייען באָרוועס. אין די יידישע קינדער־גערטנער אין יאָהאַנעסבורג מוז מען ריידן ענגליש און אין די קינדער־גערט־נער פון די שוואַרצע רעדט מען די שוואַרצע לשונות...

מסתמא איז פאַר 10 פּראָצענט פון די שוואַרצע פאַראַן אַ געוויסע באַ־

ליידיקונג אין דעם איזאָלירן זיי, אָבער פאַר 90 פּראָצענט פון זיי איז אַט דער אַפּאַרטהייד אַ גליק. יעדנפאַלס אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף מיר געמאַכט!

— 15 —

אוי, האָבן זיי געטאַנצט!

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט די שוואַרצע שטאָט אָרלאַנדאָ, וואָס איז פאַר מיר דער סאַמע עיקר פון גאַנצן אַפּאַרטהייד, האָט מען אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ טורעם פון וועלכן מען זעט די גאַנצע שטאָט, וואָס האָט אַ האַלבן מיליאָן נפשות מיט שוואַרצע הויטן. איינער אַ גרויסער גאָלד־מאַגנאַט, ביי וועלכן עס אַרבעטן אַ סך שוואַרצע „טיף אונטער דער ערד", האָט געשאָנקען דריי מיליאָן פונט (קנאַפּע אַכט מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער) אויף צו בויען געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין אָרלאַנדאָ, האָט מען אויסגעבויט אַ טורעם אויף זיין נאָמען. איך האָב צו אייך אַ בקשה: איר זאָלט זיך נישט זאָרגן פאַר יענעם מאַגנאַט. חוץ די קנאַפּע אַכט מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער, וואָס ער האָט געשאָנקען, האָט ער נאָך אַ ביסל געלט און גאָלד און אויף שבת וועט אים נישט פעלן. האָב איך געזען די דאָזיקע אייגנאַרטיקע שטאָט! זי פאַרנעמט 26 קוואַדראַט־מייל. זי איז אַ גרויסע מאָדערנע שטאָט. האַרט ביי די שטיבלעך, וואָס זענען אַלע אַלצאיינע, זענען די גאַסן שמאָלע און זיי דערמאָנען אין די געסלעך פון די... קיבוצים אין ישראל. אָבער עס זענען פאַראַן אין די שטעט, וואָס בילדן אָרלאַנדאָ, אויך ברייטע גאַסן און סקווערן און פּאַרקן. עס איז פאַראַן דאָרט רחבות, און די לופט איז דאָרט אַ ריינע און געלויטערטע. עס איז געווען אַ וואַרעמער אין מיטן פריילינג־טאָג פון אָקטאָבער (די צייט איז אַלצאיינס ווי ביי אונדז אין אַרגענטינע), און עס איז געווען פריש און לויטער, און די שטאָט איז רחבותדיק געלעגן פאַר די אויגן אין דער לענג און אין דער ברייט. שיין איז געווען צו קוקן.

און אַ פאַר טעג נאָך דעם בין איך געווען צערודערט. איך האָב זיך געפרעגט: צי איז גוט אַזוי, וואָס מען האָט די דאָזיקע מענטשן מיט די שוואַרצע הויטן איזאָלירט פון די ווייסע און זיי אויסגעבויט דירות באַזונדער? וואָלט מען נישט געדאַרפט פאַר זיי בויען די דירות אין מיטן פון דער שטאָט יאָהאַנעסבורג און פון אַלע שטעט פון לאַנד צווישן די ווייסע? און אין קאָפּ

אַריין זענען מיר געקומען אַזעלכע מחשבות: אין סאַמע תוך אַריין האָט מען די דאָזיקע מענטשן נישט איזאָלירט, נאָר זיי זענען געווען אי־זאָלירט. זיי האָבן קיין מאָל נישט געלעבט צווישן די ווייסע און זיי האָבן קיין מאָל נישט געלעבט אין קיין ריכטיקע מענטשלעכע דירות. זיי האָבן גע־לעבט אין גריבער און נאָרעס, ווי חיות. מען האָט די דאָזיקע גריבער און נאָרעס גערופן קברים, און זיי האָבן אַזוי אויסגעזען. און מען האָט זיי אַרויס־גענומען פון די גריבער, אַלצאיינס ווי משה רבנו האָט אַרויסגעפירט די ייִדן פון מצרים, און מען האָט זיי אַריינגעפירט אין מענטשלעכע שטיבער. נאָר וואָס־זשע דען? — מען האָט זיי ווייטער געלאָזט אָפּגעזונדערט פון די ווייסע. פרעגט זיך: ווען מען לאָזט זיי פריי און מען בויט פאַר זיי נישט קיין איזאָ־לירטע דירות, וואָלטן זיי זיך אַליין געקענט אַרויסראַטשקעווען פון די „קב־רים" און זיך באַזעצן צווישן די ווייסע, ווען מען שטערט זיי נישט? בכדי צו ענטפערן אויף אָט דעם פרעג, דאַרף מען די דאָזיקע מענטשן קענען פון דער נאָענט און וויסן זייערע פעיִקייטן; מען דאַרף וויסן ווי אַזוי און וואָס זיי קע־נען אַרבעטן, און ווי אַזוי זיי ווילן אַרבעטן, און וואָס זיי קענען דערגרייכן. פאַרשטייט זיך, אַז איך, ווי אַ גאַסט אויף עטלעכע וואָכן, קען אַזאַ פראַגע נישט באַענטפערן. איך קען די שוואַרצע עלעמענטן נישט דורכשטודירן אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. האָב איך זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף די פאַרשי־דענע מיינונגען פון מענטשן מיט וועלכע איך האָב געשמועסט. און די מערסטע מענטשן, אויך די דאָזיקע וואָס זענען קעגן אַפּאַרטהייד, האָבן מיר געזאָגט, אַז מיט אייגענע מיטלען וואָלטן די מערסטע שוואַרצע זיך נישט געקענט אַרויסראַטשקעווען פון די קברים, און אַז זיי זענען נאָך ווייט נישט אַזאַ ציווי־ליזירטער עלעמענט, אַז זיי זאָלן קענען לעבן צווישן די ווייסע. —אפשר,— זאָגט מען מיר,— זענען פאַראַן צען פראָצענט פון זיי, וואָס זענען שוין פעיִק פאַר אַ ציוויליזירט לעבן, אָבער 90 פראָצענט זענען נאָך פאַר דעם נישט פעיִק. זיי זענען נאָך נישט היגיעניש צוגעגרייט צו לעבן צווישן ציוויליזירטע און אויך מאָראַליש זענען זיי פאַר דעם נישט גרייט. זיי וויסן נאָך נישט דעם חילוק צווישן מיינס און דיינס... זיי באַזעצן צווישן ווייסע, וואָלט געמיינט ברענגען אַ גרויסע צרה אויף די ווייסע און זיי פאַרביטערן דאָס לעבן; עס וואָלט געמיינט, שטעלן די גאַנצע היגיענע פון לאַנד אין סכנה און אויך אין סכנה דאָס אַלץ, וואָס מענטשן פאַרמאָגן. דאָס בייטיקסטע, וואָס מענטשן האָבן און דאַרפן האָבן, וואָלט געווען אין סכנה. וואָלט מען פאַר זיי אין גאַנצן נישט געבויט קיין הייזער און געלאָזט אין די גריבער — איז די פראַגע: וואָס איז בעסער: לאָזן אין די קברים, צי בויען איזאָלירטע דירות? אין די איזאָלירטע דירות לעבן זיי דאָך ווי מענטשן.

און איך האָב פון שמועסן מיט פאַרשידענע מענטשן — בתוכם אויך נישט־ייִדן — אַרויסגענומען אַט־וואָס: די ליבעראַלע מענטשן זענען קעגן אַפּאַרטהייד, ווייל זיי זענען — ליבעראַלן. זיי מוזן זאָגן, אַז מען טאָר נישט האַלטן קיין מענטשן איזאָלירט צוליב זייער קאָליר. איבערהויפּט זענען קעגן אַפּאַרטהייד די מערסטע ענגלענדער, וואָס זענען איצט נישט ביי דער מאַכט, ווייל די בורן האָבן זיי פאַרלאַמענטאַריש באַזיגט. פאַראַן צווישן די בורן אויך אַזעלכע, וואָס זענען קעגן אַפּאַרטהייד, אָבער עס זענען דערפאַר אויך פאַראַן ענגלענדער, וואָס זענען פאַר דעם אַפּאַרטהייד. אין סך־הכל גענומען, האָט די רעגירונג פאַר איר פּאָליטיק לכל־הפּחות 60 פּראָצענט פון אַלע שטימען. פאַרשטייט זיך, אַז פולע שטימרעכט האָבן בלויז די ווייסע און די קאָלירטע און אַזיאַטן האָבן טיילוויז שטימרעכט. די שוואַרצע האָבן קיין שום שטימרעכט נישט. אָבער 60 פּראָצענט פון אַלע ווייסע, קאָלירטע און אַזיאַטן זענען פאַרן אַפּאַרטהייד. קעגן זענען בלויז 40 פּראָצענט, צווישן וועלכע עס זענען מסתמא פאַראַן אַ סך ייִדן. אָבער די 40 פּראָצענט זענען צופרידן, וואָס זיי זענען בלויז 40 פּראָצענט. וואָרעם כאָטש זיי זענען קעגן אַפּאַרטהייד, וואָלטן זיי דאָך נישט געוואָלט האָבן די שוואַרצע אַלס שכנים און זיי ווייסן, אַז ווען די שוואַרצע עלף מיליאָן קריגן די מערהייט און די רעגירונג, וואָלטן דאָ געווען אַ סך באַרטאָלאָמעער נעכט פון שוואַרצע אויף ווייסע, און די דאָזיקע ווייסע, וואָס וואָלטן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, וואָלטן זייער שלעכט אָפּגעשניטן. און די ייִדן ווייסן, אַז כאָטש די נעגער ווייסן אַז זיי זענען קעגן אַפּאַרטהייד, וואָלטן זיי ביים קומען צו דער מאַכט זיך מיט דעם נישט גערעכנט; וואָלטן זיי זיך מיט זיי צערעכנט, אַלצאיינס ווי מיט אַלע ווייסע, ווי אויך מיט די ענגלענדער, הגם די מערהייט פון זיי זענען קעגן אַפּאַרטהייד. סוף־כל־סוף זענען דאָך די ענגלענדער ביז נישט לאַנג צוריק געווען ביי דער מאַכט. זיי האָבן פאַרלוירן די רעגירונג ערשט אין 1948, צוריק מיט 16 יאָר און זיי האָבן געהאַט גענוג צייט אָפּצושאַפן דעם אַפּאַרטהייד. קומט אויס, אין סך־הכל, אַז אויך די קעגנער פון אַפּאַרטהייד זענען צופרידן, וואָס מען שאַפט אים נישט אָפּ און וואָס פרעמדע הענט שאַרן פאַר זיי די קאַשטאַנעס פון פייער אַרויס...

אָבער מיר איז פאַרענטפערט געוואָרן אַ היפּש ביסל פון מיינע ספיקות וועגן גאַנצן ענין דורך — טענץ, וואָס איך האָב געזען. נו, יאָ, טענץ! אין סאַמע יאָהאַנעסבורג אין פאַראַן אַ היפּשער אַמפּיטעאַטער, ווו עס קומען פאַר ייִדן זונטיק אין דער פרי טענץ פון פאַרשידענע נעגערישע שבטים. מען זעצט זיך אַנידער אין דעם אַרום, אַזוי ווי אין אַן אַמפּיטעאַטער, אָדער אַ צירק און אין מיטן טאַנצט מען. פאַר אַט דעם פאַרגעניגן באַצאָלט מען 10 דרום־אַפריקאַנער סענט, דאָס איז אַ צוואַנציקסטל פון אַ פונט, 23 פּעזעס

לערך. פאַר אָט דעם באַקומט מען אין דער הפסקה אַ קאַלטן, אָדער וואַרעמען טרונק. בין איך געגאַנגען אין אַ זונטיק אין דער פרי זען אָט די טענץ. באַגלייט האָבן מיר מיינע נאָענטע פריינט פייגעלע און מענדל טאַבאַטשניק, דער דיכטער דוד וואָלפע — רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „דרום־אַפריקע”, און די פרוי פון רעציטאַטאָר און קולטור־טוער ראובן זיגלבוים. מיר האָבן אײנאײנעם געזען די טאַנץ־קונסט פון די פאַרשידענע שבטים. און איך האָב דורך די טענץ געקענט זען דעם כאַראַקטער פון די טענצער. איך רייד שוין נישט פון דער פרימיטיווקייט פון די טענץ, וועגן דער אָפטער נישט האַרמאָנישקייט. נישט אין מאָל האָט איינער געטאַנצט קיין ליסע און דער צווייטער קיין כטריסע. די מוזיק, וואָס האָט באַגלייט די טענץ, קען קוים אָנגערופן ווערן מיט אַזאַ נאָמען. עס איז געווען אַ מוזיק, וואָס מען האָט על־פי רוב אויסגעקלאַפּט אויף פויקן און אויסגעפייפט אויף פייפלעך. אַ ביסל האָט מען צוגעזונגען. לויט אונדזערע באַגריפן, איז אין גאַנצן קיין ריטם נישט געווען, אָבער אויך פאַר דעם פרימיטיווסטן באַגריף איז נישט פאַראַן קיין פיצל האַרמאָנישקייט און מעלאָדישקייט. דאָס איינציקע, וואָס ס׳איז געווען, איז טעמפּעראַמענט, צופיל טעמפּעראַמענט. מען האָט אַזוי געקלאַפּט מיט די באָרוועסע פיס אין זאַמד, אַז ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב און מען האָט זיך געדאַרפט ווישן די אויגן. נישט אַנדערש, אַז די פיס זענען ביי זיי פון אייזן, אַזיסט וואָלטן זיי פון קלאַפּן געדאַרפט פּלאַצן. און וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די טענץ? געטאַנצט האָבן בלויז מענער, קיין פרויען נישט. קיין סעקס איז אין די טענץ נישט געווען. וואָס זשע דען איז געווען? — בלויז מלחמה. דאָס גאַנצע לעבן איז מלחמה...

איך האָב אויפן פלאַץ פאַרצייכנט די פאַקטן. געזעסן אויף די שטיינערנע פלעצער זענען אַ שיינע פאַר טויזנט מענטשן. די שוואַרצע זענען געווען אין דער מערהייט. מען האָט איבערהויפּט געזען דריי קאָלירן: רויט, גרין און שוואַרץ. רויט און גרין — פון די קליידער און די היטלען, שוואַרץ — פון די פנימער (די שוואַרצע מיידלעך טראָגן ביי דער אַרבעט — חוץ זעלטענע אויסנאַמען — רויטע וואַסקאַ־היטלען און גרינע קליידער). די ווייסע זענען געווען אין אַ נישטיקער מינדערהייט און אַ סך פון זיי האָבן פאָטאָגראַפירט די פאַרשידענע טענץ און טענצער. מסתמא האָט מען אַראָפּגעכאַפּט טענץ אויף פאַר פילמען. געטאַנצט האָבן צוועלף שבטים. איך האָב איין שבט פאַרשפּעטיקט, אָבער פון עלף האָב איך באַוויזן צו פאַרשרייבן:

אַ טאַנץ פון בעטשואַנאַ־שבט. די טענצער טראָגן רויטע היטלען, ראָזעווע קליידלעך (אַלע טענצער טראָגן נישט קיין הויזן, נאָר קליידלעך) מיט

רויטע ראַנדן. די באָרוועסע פיס זענען באַכאַליעוועט. זיי האַלטן אַלע פייפלעך אין די מיילער. פון צייט צו צייט פייפן זיי. דאָס זענען אַזעלכע פייפלעך ווי גאַסן־פּאָליציסטן האָבן. ביי דער זייט שטייען מוזיקער, וואָס שרייען, אָדער פייפן. זיי הייבן אָט איין פוס און אָט אַ צווייטן און דערלאַנגען מיט יעדן פוס אַ קלאַפּ אין דער ערד, אַז די ערד שאָקלט זיך. פון צייט צו צייט קלאַפּן זיי מיט די הענט אין די פיס אַריין. על־פּי רוב גייט עפּעס די מוזיק אין איין זייט אַריין און די טענץ אין אַ צווייטער זייט אַריין. מאָמענטנווייז אָבער גיט זיך אַ לאָז אַן אימפּעט און טעמפּעראַמענט און די מוזיק און די טענץ גיסן זיך צונויף.

און אָט קומט אַ צווייטער שבט. בלובי הייסט ער. די ברוסטן פון די טענ־צער זענען באַקעט. זיי טראָגן גרינע קליידלעך מיט ראָזעווע ראַנדן. זיי זענען אומגעהייער געזונטע חברה. זיי האָבן שטאַרקע מוסקולן. קיין ביינער זעט מען ביי זיי נישט. די מוסקולן זענען ווי שוואַרצער שטאָל. אויף די פיס האָבן זיי ווייסע קאָטעסן, אַזוי ווי פערד. אין איין ריי שטייען ביי זיי אי הויכע, אי ני־דעריקע. פון אַזאַ מין זאַך ווי האַרמאָנישקייט פון וווקס, ווייסן זיי נישט. אַז זיי קומען אַרויף אויף דער אַרענע, נעמען זיי זיך צונויף אין אַ ראָד. קענטיק, זיי באַראַטן זיך וועגן אַ מלחמה. און זיי לאָזן זיך אין אַ טאַנץ, וואָס איז ענלעך צום פריערדיקן. אַ סך שטאַרקע באַוועגונגען און קלעפּ אין דער ערד אַריין.

און ס׳קומט אַ דריטער שבט, פון קריגערלאַנד. גיי ווייס ווו דאָס איז. זיי טראָגן ווייסע בלוזעס און קליידלעך פון פאַרשידענע קאָלירן. נישטאָ קיין צוויי אַלצאיינע קליידלעך. זיי צעבעמען די פיס ביזן מאַקסימום. ס׳איז אַזש שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי צערייסן זיך נישט די הינטנס. זיי טאַנצן מיט די הענט צו דער ערד. איינער, וואָס טראָגט געלע הערנער אויפן קאָפּ, וויזט קונצן און צעבעמט די פיס ברייטער ווי אַלע. אַ צווייטער, וואָס טראָגט אויפן קאָפּ אַ פעדער, טוט אים נאָך. זיי גיבן זיך אַלע מאָל אַ זעץ אַנידער אויף דער ערד מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס׳איז אַ חידוש, וואָס זיי ווערן נישט צע־זעצט. זיי זיצן אַזוי אָפּ אַ שטיק צייט און הייבן זיך אויף און קלאַפּן ווידער מיט די הענט אין דער ערד. איך קוק אויף די משונהדיקע טענץ און איך זע ווי איבער זייערע קעפּ פליט אַ פייגעלע. איין פייגעלע, אָבער ווי גראַציעז עס פליט!

און אָט איז אַ שבט פון צפון טראַנסוואַל. מאָדערנע געקליידט. ווייסע העמדלעך און לאַנגע ווייסע הויזן. אָבער איניקע טראָגן פעדערן אויף די קעפּ און אַנדערע האָבן רויטע פינטעלעך אין די שוואַרצע האָר. זיי האָבן זיך אָפּ־געפאַרבט איניקע גרופּקעלעך האָר. זיי טאַנצן אַ מין שפּרינג־טאַנץ. אָט הייבן

זיי איין פוס, אָט אַ צווייטן. זיי „דזשיקן" (מאַכן „סאַפּאַטעאַס") און ס'איז קענ־טיק, אַז זיי מאַכן נאָך די נאָרד־אַמעריקאַנער שוואַרצע, אָדער גאָר ווייסע. איינער טאַנצט סאָלאָ און ווייזט די אַנדערע טענצער ווי אַזוי צו שפּרינגען. ביים סאָליסט איז ביים סאַמע קראַק פאַראַן אַ שפּאַלט...

און אָט אַ פינפטער שבט. אַמאַקוואַנאַ הייסט ער. פון פּאָרטוגעזיש אַפרי־קע איז ער. די טענצער טראָגן גרינע קליידלעך און ווייסע קאָטעסן ביי די ברוסטן און די פיס. פאַראַן עפּעס פערדישעס אין די קליידער און אין היר־זשען. דאָס הירזשען איז אַ מין זינגען. זיי הייבן איין פוס און אָט אַ צווייטן און טראַסקען מיט די באָרוועסע פיס אין דער ערד, אַז דער שטויב הייבט זיך. עס איז קענטיק, אַז זיי שטעלן פאָר אַ מלחמה־טאַנץ.

און אָט אַ שבט מאַרטאַסי. פון באַראַטזעלאַנד קומען זיי. זיי טראָגן רויטע קליידלעך און ווייסע בלוזעס. זיי טראָגן אויף די קעפּ און אַקסלען פעדערן פון פאַרשידענע קאָלירן. זיי באַוועגן די הענט ווי ביי גימנאַסטיק. זיי זעצן זיך אויס אויף דער ערד, לייגן זיך אויף די פּלייצעס. אַרום די פיס האָבן זיי ווייסע קאָטעסן. זיי ווייזן מלחמה און אָפּרו.

אַ שבט מטשאָפּי, פון מזרח־פּאָרטוגעזיש אַפריקע. אויף די קעפּ אויסגע־בונדענע געקעסטלטע היטלען, ווייסע קליידלעך, פאַרשידן־קאָליריקע ברייטע גאַרטלען. אויף די פּלייצעס — איין גרינע און איין רויטע פעדער. אַלץ האָט דעם זיבעטן חן. זיי טראָגן פּאַנצערס און שטעקענער ווי גרויסע באַגנעטן. זיי באַוועגן זיך און קלאַפּן מיט די שטעקענער און באַגנעטן אין די פּאַנצערס. איין פּאַנצער פליט אין דער לופטן... מלחמה. די „כלי־זמר" קלאַפּן אין פּויקן, אַז ס'איז אַ חידוש, וואָס זיי פּלאַנצן נישט.

באַקאַ־שבט, פון מזרח קריגערלאַנד. נאַקעט די אייבערשטע טייל קער־פּערס. ווייסע קאָטעס־הייזלעך, ווייסע היטלען, געלע גלאָבוסן אין די היטלען. אייניקע האַלטן שטעקענער. זיי קלאַפּן מיט די פיס אין דער ערד, אַזוי ווי פערד. די דאָזיקע, וואָס האָבן שטעקענער, באַוועגן מיט זיי, גליך זיי שלאָגן זיך. אַ סך פון זיי האָבן האַלב־אָפּגעשניטענע אויערן און קלעצער, ממש, אין די אָפּגעשניטענע פלעצער.

באַסוטאָ, פון באַסוטאָלאַנד. אייניקע איינגעהילט אין קאָלדרעס (דעקעס), אַנדערע מיט נאַקעטע ברוסטן און ווייסע הויזן. זיי זענען באַשטעקט מיט פע־דערן און האַלטן שטעקענער מיט טיכער. זיי מאַכן אַ רויש, ווי פערד. זיי זע־נען אייזערנע חברה און זעען אויס ווי גרייטע צו אַ שלאַכט.

אַמאַקווינקאַ — נאַקעטע פּלייצעס, אויף די ברוסטן ווי לעדערנע כאַמע־טער מיט גלעקלעך, וואָס גלינצערן; ווייסע קאָטעסן אויף די לענדן און די פיס.

דער ערשטער טראָגט אַ ווייסע פאָן: די מלחמה האָט זיך געענדיקט און זי קען זיך נאָך אַ מאָל אָנהייבן.

זולוס, פון זולולאַנד. פאַרביקע קליידער און היטלען. פעדערן אויף ביידע פּלייצעס. זיי רוקן זיך אַהין און צוריק מיט שטורמישן אימפּעט. דער טעמ־פּעראַמענט ברענט. זיי רוקן זיך צוריק, רוקן זיך פאָרויס און גרייפן אָן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שוין איינמאָל טענץ!

— 16 —

די הויפּטשטאָט פּרעטאָריאַ מיט איר חן

פונקט ווי וואַשינגטאָן איז די הויפּטשטאָט פון נאָרד־אַמעריקע און נישט די מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק, אַזוי איז פּרעטאָריאַ די הויפּטשטאָט פון דרום־אַפריקע און נישט יאָהאַנעסבורג. פּרעטאָריאַ איז אַ נישט גרויסע שטאָט. זי האָט אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער און זי פאַרמאָגט די פרישקייט פון יוגנט. זי איז ריין, טאַקע ממש אויסגעפּוצט ווי אַ ליאַלקע און זי האָט דעם חן פון זיין באַדעקט מיט גרינסן פוןביימער און טאַקע מיט ספּעציעלע געוויקסן, אַזעלכע קיילעכדיקע ביימער, וואָס זענען ווי גרויסע קעפּ און וואַקסן נאָר אין דרום־אַפריקע און הייסן דזשאַקאַראַמאַ. מען זאָגט מיר, אַז די דאָזיקע ביימער פאַרלירן די בלעטער סוף פרילינג און זיי זענען אַ גאַנצן זומער ליסע, אָבער איצטער, אין מיטן פרילינג, האָבן זיי דעם פולן בלי.

פּרעטאָריאַ ליגט נישט ווייט פון יאָהאַנעסבורג. 36 מייל (אַ 57 קילאָ־מעטער) פון יאָהאַנעסבורג ליגט זי, די הויפּטשטאָט. מיט אַן אויטאָ פירט אַהין אַ שאָסיי־וועג, וואָס גייט על־פּי רוב גלייך און דאָ און דאָרט שלענגלט ער זיך. מען פאָרט אַ שעה און מען קומט אָן... אָבער לאָמיך אייך דערציילן, אַז ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ 40 מינוט, האָבן מיר פאַרקירעוועט אין אַ זייט און מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ „סנייק־פּאַרק", אַ שלאַנגען־פּאַרק. עס איז אַן אינסטיטוט, וווּ מען האָדעוועט שלענג און פאַר אַ פּאָר סענט וויזט מען זיי מענטשן. דרום־אַפריקע צייכנט זיך אויס אויך מיט חיות. ס'האָט אפשר מער חיות, ווי די גאַנצע וועלט. ס'האָט אַ באַרימטן חיות־רעזערוואַט, וואָס הייסט גיים (גֵעים) — רעזערוו, איז ער דער גרעסטער חיות־רעזערוואַט אין דער

וועלט. ער איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ מדינת־ישראל. איך וועל אים אייך באַשרייבן מיט אַלע פּיטשעווקעס. איך בין דאָך וועגן דעם געפֿאָרן... דער שלאַנגען־פּאַרק איז נישט קיין אויסערגעוויינלעכער. פֿאַראַן אַ שלאַנגען־אינסטיטוט ביי סאַן־פּאַולאָ, וואָס הייסט „בוטאַנטאַן", איז ער נישט צום פֿאַרגלייכן רייכער. אָבער אין דעם פּרעטאָריער „סנייק־פּאַרק" זעט מען אויך אינטערעסאַנטע עקזעמפּלאַרן שלענג. פֿאַראַן קליינע שלענגעלעך, וואָס זענען מער גיפֿטיק ווי די גרעסטע שלענג, און אַז זיי כאַפּן זיך אַרויף אויף אַן אָקס, מאַכן זיי אים פּאַרטיק, כאָטש אַן אָקס איז די שטאַרקסטע באַשעפֿעניש אין דער וועלט. ער ווייסט נישט, דער נאַרישער אָקס, אַזיסט וואָלט ער געקענט חרוב מאַכן וועלטן. פֿאַראַן אין אָט דעם פּאַרק גרויסע שלענג, וואָס דרימלען כמעט שטענדיק. זיי דרייען זיך אַרום מיט זייערע קערפּערס אַזוי ווי אין עטלעכע בייגל און זיי דרימלען. און פֿאַראַן קליינע שלענגעלעך, וואָס לאָזן כסדר אַרויס פֿון די מיילעכלעך אַזעלכע קליינע צינגלעך, און מען זאָגט, אַז אין יעדן אַרויסשטעק לאָזט זי גיפֿט. פֿאַראַן גרויסע שלענג, ביי וועלכע עס איז אָנגעשריבן אין דרויסן, אַז זיי זענען גיפֿטלאָז, און עס זענען פֿאַראַן אונטער גלאָז קליינע שלענגעלעך, וואָס מען היט, אַז מען זאָל זיי נישט אויפֿרעגן (דורך קלאַפּן אין גלאָז), ווייל זיי קענען ווערן געפֿערלעך, און זיי זענען טאָקע כסדר אומרויק. אין גריבער האָבן מיר געזען זשאַבעס, האָבן מיר געמיינט, אַז זיי זענען אויך פֿון די שלאַנגען־משפּחות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען דאָס הויפּט־מאכל פֿאַר די שלאַנגען. מען שפּאַרט די שלאַנגען אין דאָס יאָגן זיך נאָך די זשאַבעס, מען גיט זיי די זשאַבעס פּאַרטיק, געכאַפּטע. פֿאַרוואָס גאָט האָט באַשאַפֿן די באַשעפֿענישן אַזוי, אַז די שטאַרקע זאָלן פֿרעסן די שוואַכע, — פֿרעגט ביי גאָט. און ערשט זאָגן זאָאָלאָגן, קענער פֿון חיות, אַז דער מענטש האָט די אייגנשאַפֿטן פֿון אַלע חיות און אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן דער לעצטער, בכדי צו קענען האָבן די אייגנשאַפֿטן פֿון אַלע חיות...

אַז מען פֿאָרט אָפּ אַ 15 מינוט פֿון שלאַנגען־אינסטיטוט, דאַרף מען ווידער פֿאַרקירעווען. און דאָס מאָל פֿאָרט מען שוין צו אַ פּלאַץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער געשיכטע פֿון דרום־אַפֿריקע. דאָס איז דער מאָנומענט.

— אַ מאָנומענט, וועמען?

— דרום־אַפֿריקע בכלל!

מען פֿאָרט אַרויף אויף אַ גאַנץ הויכן באַרג און דאָרט שטייט אַ ריזיקער בנין. דער דאָזיקער בנין איז דער אַפֿריקאַנער מאָנומענט. ער האָט אין די פֿיר ווינקלען פֿיר ריזן סטאַטועס פֿון 4 גענעראַלן, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר

דרום־אַפריקעס אומאָפּהענגיקייט. אײדער מען קומט צו צום בנין זענען פּאַ־ראַן װעגענער, אַן אָבאַז (קאַראַװאַנע) מיט גרױסע גרױסע, געקאָװעטע װע־גענער, אין װעלכע האָלענדער זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן. דאָס זענען פעסט־געבױטע װעגענער, פעסטער װי די הײנטיקע פרעפאַבריקירטע הײַזער. דער ערשטער האָלענדער, װאָס איז אַרײַן מיטן רעכטן פוס קײן דרום־אַפריקע האָט געהײסן װאַן ריבעק. און ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציעלער „װאַן ריבעק־טאָג״, װען די רעגירונג און די מאַסן גײען צו זײַן מאָנומענט. אײנער פון די גענעראַלן, װאָס זײַן סטאַטוע איז פאַראַן אין אײנעם פון די װינקלען פון בנין הײסט פּרעטאָריוס, און זײַן נאָמען טראָגט עס די הױפּטשטאָט פון לאַנד. עס זאָגט זיך, אַז דאָס אָנקומען פון די האָלענדער, די הײנטיקע בורן אין לאַנד אַרײַן, האָט אַהין געבראַכט דאָס ליכט פון דער ציװיליזאַציע. װאַן ריבעק איז געקומען אין לאַנד אַרײַן אין יאָר 1652 און די געשיכטע פון לאַנד איז אַלט 312 יאָר. אָבער רײַך אין קאַמפן איז די דאָזיקע נישט לאַנג־דױערנדיקע גע־שיכטע. קאַמפן פון שװאַרצע קעגן די װײַסע, און די שפּעטערדיקע קאַמפן פון די ענגלענדער קעגן די בורן. די ענגלענדער האָבן דערשמעקט, אַז דאָס לאַנד האָט גאָלד, קױלן, דימענטן און אַ סך מעטאַלן און זײ האָבן גענומען לײגן די הענט דערױף. און אין די יאָרן 1899־1902 איז פאָרגעקומען די גרױסע דרײַ־יאָריקע ענגליש־בורישע מלחמה. די בורן האָבן געהאַט פּרימיטיװע מי־ליטער און די ענגלענדער האָבן געבראַכט אַן אַרמײ פון 350 טױזנט סאָלדאַטן און זײ האָבן סוף־כל־סוף באַזיגט די בורן. פּרעזידענט פון לאַנד איז דעמאָלט געװען דער בור פּאָול קרוגער, װאָס איז פאַרבליבן דער גרעסטער העלד אין דער אַפריקאַנישער געשיכטע. די ענגלענדער האָבן געװוּנען די מלחמה און אין תּוך אַרײַן האָבן זײ זי פאַרשפּילט, װײל זײ זענען אין דער מינדערהײט. די בורן זענען 65 פּראָצענט פון דער װײַסער באַפעלקערונג און די ענגלענ־דער — 35 פּראָצענט. אין יאָר 1948, 46 יאָר נאָך דעם ענגלישן זיג, האָבן די בורן דורך װאַלן געװוּנען די מלחמה, און זײ זענען שױן 16 יאָר בײַ דער מאַכט און זײ װעלן שױן איצטער שטענדיק זײַן בײַ דער מאַכט. און טאַקע אין יאָר 1948, װען די בורן האָבן באַזיגט דעם ענגלישן גענעראַל סמאָטס, האָבן זײ אױסגעבױט דעם ריזיקן מאָנומענט, אין װעלכן עס ברענט אַ שטענ־דיקער נר־תּמיד פאַר די העלדן פון דער דרום־אַפריקאַנער רעפּובליק, װאָס הײסט „יוניאָן״, װײל זי פאַראײניקט די פיר פּראָװינצן: טראַנסװאַל, פרײַ־שטאַט, קײפּטאַון און נאַטאַל.

מיר פאַרלאָזן דעם מאָנומענט און מיר פאָרן אַרײַן אין שטאָט אַרײַן. זי כישופט מיט חנען, די שטאָט, זי איז באַדעקט מיט גרינס און מיט קאָלירן פון אַלערלײ בלומען. זי האָט שײנע מאָדערנע געשעפטן אין גרױסן האַנדל־צענ־

טער, וואָס האָבן רוישיקע קאָלירן און זי האָט אויך הויכע הייזער, צענשטאָ־קיקע און מערער, וואָס גיבן איר צו דער אויסזען פון אַ גרויסער שטאָט. אָמ־ניבוסן און אויטאָס געבן צו דער טראַפיק טעמפּאָ און מיר זענען אין אַ קליי־נער גרויסער שטאָט, וואָס האָט סקווערן און פּאַרקן, גלייך זי וואָלט געווען אַ ספּעציעלע גאָרטנשטאָט.

מיר פאָרן צו צום רעגירונג־הויז, וואָס הייסט „יוניאָן"־הויז. ס'האָט אַ ראָזעווע קאָליר, אַזוי ווי דאָס אַרגענטינער רעגירונג־הויז און ס'איז געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל. ס'איז אַ סך גרעסער ווי אונדזער „ראָזעווע הויז", ווייל עס געפינען זיך אין דעם אַלע מיניסטעריומס. עס באַשטייט פון עטלעכע גע־בײַדעס און צווישן די געביידעס זענען פאַראַן גערטנער. גרויסע גערטנער מיט גראָז און בלומען. עס שמעקט פון גאַנצן אַרום. און אין די גערטנער שטייען קאַנאָנען, אַלטמאָדישע קאַנאָנען, מסתמא טראָפייען פון די מלחמות. די קאַנאָנען גיבן צו אַלטמאָדישן אויסזען דער ניימאָדישקייט. איך האָב נישט געזוכט צו האָבן קיין אינטערוויוען מיט דעם פּרעזידענט ד"ר שוואַרץ (חלילה נישט קיין ייִד) און דעם פּרעמיער פּראָפ' ווערווויט. איך שרייב נישט קיין פּאָליטישע רעפּאָרטאַזשן, נאָר רייזע־איינדרוקן. דער אַלגעמיינער באַזוך אין רעגירונג־הויז האָט געוויזן, אַז די רעגירונג שטייט פעסט און זיכער און עס אַרבעט זיך דאָרט ווי אין אַ מוראַשניק.

מיר זענען צוגעפאָרן צום פּאָול קרוגער הויז, וואָס איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מוזיי. איך האָב שוין געשריבן, אַז פּאָול קרוגער איז געווען פּרע־זידענט, דער העלד פון דרום אַפריקע. ער האָט טאַקע פאַרלוירן דעם קריג מיט די ענגלענדער, אָבער דאָס קענען פירן אים דריי יאָר איז געווען אַ זיג. ער איז אַוועק קיין אייראָפּע נאָך זיין דורכפאַל און ער איז דאָרט געשטאָרבן, אָבער מען האָט אים דאָרטן אויפגענומען ווי אַ גרויסן העלד. אין קרוגער־מוזיי איז פאַראַן אַלץ, וואָס עס איז פאַראַן אין אַ מענטשלעך הויז. אַלע כלים, אַלע בעטן, אַלע קליידער. עס איז אַ מיטל פּריציש הויז. איך האָב ביי אייניקע פון מיינע באַקאַנטע געזען רייכערע הייזער. פאַראַן אַ סך בילדער און סקולפּ־טורן פון פּאָול קרוגער. ער איז געווען נישט קיין גאָר הויכער מאַן, אַ פעסטער מיט אַ באָרד, וואָס איז אויבן אַרומראַזירט און זי צוואַקסט זיך אונטן. אַזוי ווי אַן איבסען־באָרד. ער דערמאָנט, דער אַפריקאַנישער העלד, אַ סקאַנדינאַוו. ער האָט געהאַט טרויעריקע און קלוגע אויגן. ער איז געווען אַ פּראָסטאַק. אַ מיט צווישן דעם פּויער און גוטבאַזיצער. נישט קיין גרויסער אינטעליגענט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט פּויערישע חכמה און עקשנות. דערפאַר האָט ער געקענט אַזוי לאַנג אויסהאַלטן די מלחמה. וועגן זיין פּראָסטקייט דערציילט

מען אַ סך וויצן. מען דערציילט, אַז ער פּלעגט רויכערן און שפּייען. האָט מען אים איין מאָל אַנידערגעשטעלט אַ שפּייקעסטל, וואָס האָט געגלאַנצט. דאָס שפּייקעסטל האָט קרוגערן אויסגעוויזן ווי עפּעס אַ גאָר וואַזשנע כלי, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נעם דאָס אַוועק, איך וועל אין דעם אַריינשפּייען...

פאַראַן די קליידער פון קרוגערן און זיין פרוי אין מוזיי. נישט אַזעלכע טייערע קליידער, פאַראַן דער פרויס אַ פּוטערנער מאַנטל, זעט ער אויס צו זיין אַ ביליקער. קרוגער איז געווען אַ קעגנער פון לוקסוס און ער האָט געזאָגט, אַז דער לוקסוס וועט ברענגען אַן אומגליק אויפן לאַנד. אין אַ צימער, וואָס איז אַביסל גאַראַזש און אַביסל שטאַל שטייט דער קאָטש (פאַעטאָן), אין וועלכן דער פּרעזידענט פון רייכסטן לאַנד פלעג אַרומפאָרן. אַ שיינער קאָטש, אָבער אָן לוקסוס. און עס שטייט אויך דער גרויסער געקאָוועטער וואָגן אין וועלכן מען האָט אים אַלס דורכגעפאַלענעם אַרויסגעפירט פון לאַנד. די ענגלענדער האָבן געשאָנקען דעם דאָזיקן וואָגן פאַרן מוזיי. דאָס איז דזשענטלמענישקייט, נאָר די פערד, וואָס האָבן געפירט דעם קאָטש און דעם וואָגן זענען נישטאָ. די נישט־לעבעדיקע זאַכן לעבן אַ סך לענגער ווי די לעבעדיקע. דאָס קרוגער־הויז איז אין תוך אַ באַשיידנס און עס ווייזט, אַז פאַול קרוגער איז געווען אַ פּראָסטאַק און אַ גרויסער מענטש...

ס'איז שוין דאַכט זיך צופיל געזען פאַר איין פרימאָרגן, אָבער מיר גייען נאָך ווייטער — מיר באַזוכן דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן און היסטאָרישן מוזיי. פאַראַן דאָ אַלע פייגל און אַלע חיות און אַלע אינסעקטן פון לאַנד און אַלע געוויקסן. די חיות וועל איך באַשרייבן אין רעפּאָרטאַזש פון גיים־רעזערוו (איר וועט אים לייענען!) און די געוויקסן, פייגל און אינסעקטן איז אַן ענין פאַר ספּעציאַליסטן. עס איז אַ מוזיי ווי אַלע מוזייען, אַ כותל־המערבי ווי אַלע כותל־המערבים. אין היסטאָרישן אָפּטייל — אַ סך היסטאָרישער מאַטעריאַל. צום אינטערעסאַנטסטן איז פאַר מיר געווען דער גאַנצער טייל, וואָס ווייזט גענעראַל סמאָטס, דעם גרויסן ענגלישן פּאָליטיקער, וואָס איז געווען דער לעצטער ענגלישער פּרעזידענט אין דרום־אַפריקע. מען זעט אים פון זיין קינדהייט ביז זיין טיפסטן עלטער. אַן אינטערעסאַנטער מאַן און אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט צוגעזאָגט נאָך מער ווי ער האָט געגעבן.

אַ לעצטער באַזוך: אין דער רעגירונג־מינצעריי. מען גיסט דאָרט מטבעות נישט בלויז פאַר דרום־אַפריקע, נאָר אויך פאַר דער שכנישער ראָדעזיע. די מטבעות זענען פון געמישטן מעטאַל, פון ריינעם זילבער און אויך פון גאָלד. פריער גיסט מען אויס פאַסן, פון די פאַסן שניידט מען אויס קיילעכדיקע שטי־

קלעך מעטאַל, צוויי קיילעכדיקע שטיקלעך אין דער ברייט. דער פּאַס בלייבט אין גאַנצן אַ געלעכערטער. דערנאָך שטעמפּלט מען די קיילעכדיקע שטיקלעך און מען שלייפט זיי, און מען וועגט זיי און מען פּרוווט זייער קלאַנג. פאַראַן אַ פאַנטאַסטישער קאָנטראָל. אַזוי פיל מעטאַל וויפל עס גייט אַרויס אין דער פרי, מוז אין אָוונט צוריקקומען. און פון דעסטוועגן גנבעט מען דאָך מן הסתם, כאָטש די וועגווייזערין פאַרזיכערט, אַז די מענטשן זענען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז זיי גדענקען נישט, אַז זיי אַרבעטן ביי געלט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער גאַנצער שפּאַציר אין די אַלע זעקס ערטער און אין שטאָט האָט געדויערט דריי שעה. געזען דעם עיקר פון דער חנוודיקער הויפּטשטאָט. ביים צוריקפאָרן געווען אין אַ סקווער וואָס הייסט טשווירטשל־ (קירכע) סקווער. ביים סאַמע אַריינגאַנג — אַ סטאַטוע פון פּאָול קרוגער. ער שטייט, נישט קיין הויכער, מיטן גייראָק און מיטן צילינדער און מיט דער באָרד, וואָס הייבט זיך אָן פון אונטער דער גאָמבע. ער שטייט דאָ און נישט דער דאָזיקער ענגלישער גענעראַל וואָס האָט געוווּנען די מלחמה. מ'קען געווינען אַ מלחמה און זי פאַרלירן, און פאַרלירן אַ מלחמה און זי געווינען.

ס'איז מיטיקצייט, אָדער ווי מען זאָגט אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער „לאָנטש טאַים". מיר... איך און מיינע אייביקע באַגלייטער — פייגעלע און מענדל טאַבאַטשניק, גייען אַריין אין אַ רעסטאָראַן: אַ זייער עלעגאַנטער רעסטאָראַן. ער געפינט זיך אויף דעם אַכטן שטאָק. אַז מען קומט אַרויף אויבן, דאַרף מען אַראָפּגיין אויף טרעפּ. דער רעסטאָראַן זעט אויס ווי אַ רעסטאָראַן אין ערשטן קלאַס פון אַ שיף. עס דאַכט זיך, אַז עס שאָקלט זיך אַ שיף אויפן וואַסער, אָבער באמת שאָקלט זיך דער קאָפּ פון דעם צופיל געזעענעם. מיר טרינקען אַ „סקאָטש" — לחיים פאַר פּרעטאָריע, דער שיינער הויפּטשטאָט פון דרום־אַפריקע. מיר עסן אַ מיטיק פון פיינשמעקנדיקע פיש. מיר פאַרטרינקען מיט קאַווע. אין די קערפּערס צעגיסט זיך אַ מידקייט. אין פּרעטאָריע איז הייסער ווי אין יאָהאַנעסבורג, און די שטאָט ליגט אין אַ טאָל און די היץ איז פייכט. מאַכט זי מיד. פאָרן מיר אַהיים און אין האָטעל אַריין, און אין קאָפּ און אין געמיט האָב איך גאַנץ פּרעטאָריע און אַ שטיק געשיכטע פון דרום־אַפריקע.

— 17 —

נישט זיך לאָזן אויסהרגענען און נישט אַנטלויפן

— וואָס רעדט איר בעסער — ענגליש, צי דייטש?

מיט אָט די ווערטער האָט זיך צו מיר געווענדט אַ מיטעלער באַאַמטער אין אַ מיניסטעריום אין פּרעטאָריע. און איך האָב אים נאַטירלעך געענטפערט, אַז — דייטש. האָט ער גערעדט צו מיר דייטש און ער האָט מיר געזאָגט:

— לאָמיך אייך געבן נישט קיין אינטערוויו, נאָר אַ דערקלערונג. איך האָב באַמערקט, אַז איר ווילט וויסן אַלץ וועגן אַפּאַרטהייד. פון מיין דערקלערונג וועט איר זיך דערוויסן, וואָס די רעגירונג אונדזערע דענקט און האַלט אין וואָס די אַפריקאַנער בכלל, נישט בלויז די אַפריקאַאַנס, די בורן, טראַכטן, הגם נישט אַלע זאָגן דאָס אויף אַ קול.

איך האָב אים, נאַטירלעך, געענטפערט, אַז איך בין גרייט צו הערן, ווייל אַלס זשורנאַליסט האָב איך זינט שטענדיק אָן אַ נייגונג צו זיין אָביעקטיוו און וויסן דעם אמת. און מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל, ווו ס'איז קיינער, אויסער אונדז ביידע, נישט געווען. און ער האָט גענומען ריידן. זייער זעלטן האָב איך געפילט אַ נייטיקייט אים איבערצורייסן מיט אַ פראַגע. ער האָט אָנגעהויבן מיט אָט די ווערטער:

— די גאַנצע וועלט ביי אונדז דערציילט, אַז אַ דעלעגאַציע האָט זיך פּרעזענטירט ביי אונדזער פּרעמיער פּראָפעסאָר פערוווט (אייניקע רופן אים ווערוווט) און זי האָט פאַרלאַנגט געבן גלייכע רעכט די נעגער; זיי זאָלן מעגן זוילן און זיי זאָלן נישט דאַרפן קיין ספּעציעלע דערלויבעניש צו וווינען צווישן ווייסע. דער פּרעמיער האָט זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן אָנשרייבן אויף אַ פּאַפּיר זייערע פאָדערונגען, וועט ער זיי אונטערשרייבן און זיי וועלן ווערן אַ דעקרעט־געזעץ, אָבער זיי דאַרפן פּרעזענטירן אַ פעסטע און זיכערע גאַראַנטיע, אַז דאָס איז נישט קיין אָנהייב, נאָר אַ סוף און אַז מער קיין פאָדערונגען וועלן נישט זיין...

איך האָב באַמערקט מיטן איטאַליענישן ווערטל, אַז אויב עס איז נישט אמת, איז עס גאַנץ פיין אָפּגעאַרבעט. אָבער ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ס'איז אַ פאַקט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס גייט נישט אין אָפּשאַפן בלויז דעם אַפּאַרטהייד, נאָר עס גייט אין איבערגעבן די מאַכט. די שוואַרצע ווילן

די מאַכט אין דרום־אַפריקע. און ער האָט גענומען ריידן מיט אַ סך טעמפּע־ראַמענט:

— דרום־אַפריקע איז אונדזער לאַנד נישט ווייניקער ווי זייערס. ווען אונדזער פּאַטריאַרך וואַן ריבעק איז אַהער געקומען, זענען דאָ קיין נעגערס אייך נישט געווען. יעדנפאַלס — זייער צאָל איז געווען זייער קליין. און ווייל מיר זענען אַהער געקומען אַלץ מערער און מערער, איז געוואָרן פּלאַץ אויך פאַר שוואַרצע. עס איז געוואָרן פּלאַץ פאַר זיי. אַרבעט האָבן זיי געקראָגן אַ דאַנק אונדז און ביי אונדז, פריִער האָבן זיי דאָ קיין אַרבעט נישט געהאַט. וואַן ריבעק איז אַהער געקומען אין יאָר 652, צוריק מיט אַריבער דריי הונדערט יאָר, און זינט דעמאָלט הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דרום־אַפריקע. אין אָט דער געשיכטע האָבן מיר געשפּילט די ראָל פון די פּיאָנערן, און זיי — די שוואַרצע — זענען אונדז נאָכגעגאַנגען. זיי וואָלטן אָן אונדז קיין מאָל נישט געווען אַנטדעקט דאָס גאָלד, די קוילן, דעם קופּער און די דיאַמאַנטן, וואָס מיר האָבן דאָ אַנטדעקט און רייך געמאַכט דאָס לאַנד. מיר האָבן אַהער גע־בראַכט די ציוויליזאַציע, די קולטור און די מענטשלעכקייט. אַ גוטע מענטש־לעכקייט, צי אַ שלעכטע.

— מער אַ שלעכטע אפשר ווי אַ גוטע, — האָב איך באַמערקט.

— אָבער, — האָט ער געענטפערט, — נישט קיין ערגערע ווי אומעטום אין אייראָפּע. און מיר האָבן זי אויפגעבויט, די דאָזיקע מענטשלעכקייט. אונדזער קאָפּ איז געווען אין דעם, אונדזער שכל און טאָקע אונדזער אַרבעט. זיי, די שוואַרצע, האָבן געאַרבעט אונטער אונדזער אויפזיכט. די ענגלענדער האָבן דערזען, אַז דאָ זענען פאַראַן גרויסע רייכטימער, האָבן זיי דאָ געוואָלט ווערן די באַלעבאַטים. זיי האָבן געוואָלט הערשן איבער אונדז, און זיי האָבן אַ שטיקל צייט געהערשט. און זיי האָבן דערפירט צו אַ מלחמה, וואָס זיי האָבן געוווּנען. זיי האָבן זי געמוזט געווינען, ווייל זיי זענען געווען אַ וועלט־מאַכט און זיי האָבן אומעטום מיליטער. מיר האָבן געדאַרפט ערשט גיין שאַפן אַן אַרמיי, ווען זיי האָבן זי שוין געהאַט. מיר האָבן דריי יאָר געהאַלטן די ברוסט קעגן זיי. דאָס איז געווען אונדזער גרעסטער נצחון. איר האָט שוין געהערט, אַז מענטשן זאָלן זאָגן וועגן אַ מלחמה, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן, אַז דאָס איז זייער גרעסטער נצחון? — דאָס איז דרום־אַפריקע! זיי האָבן געוווּנען די מלחמה, אָבער זיי האָבן ערשט דערנאָך געזען, אַז מיר, די בורן, זענען די באַלעבאַטים פון לאַנד. מיר זענען די פּאַרמער, מיר האָבן דעם באָדן און זע־נען דער באָדן. און ס׳האָבן געדאַרפט אַוועקגיין 46 יאָר, פון 1902 ביז 1948, אַז זיי זאָלן פּאַרלאַמענטאַריש פאַרלירן דעם קריג. זייער גענעראַל סמאַטס

האָט מיט אַ טראַסק פאַרלוירן צו אונדז די וואַלן. און זיי האָבן אָנגעהאַלטן דעם אַפּאַרטהייד די גאַנצע צייט. גענעראַל סמאַטס האָט אים נישט אָפּגע־שאַפט. ער האָט דאָך געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערלויבן חתונות צווישן ווייסע און שוואַרצע און בכלל דערלויבן די שוואַרצע און געבן די שוואַרצע פולע וואַל־רעכט, אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן. ווייסט איר פאַרוואָס ער האָט דאָס נישט געטאָן. ווייל די שוואַרצע, וואָס זענען עלף מיליאָן, וואָלטן גע־קראָגן אַ מערהייט קעגן די ווייסע מיט די אינדיער און כינעזער און זיי וואָלטן געקראָגן די רעגירונג און געמאַכט אַ סוף צו אַלע ווייסע, ברוינע און געלע. גאַנץ דרום־אַפריקע וואָלט געבליבן בלויז שוואַרץ.

מיין מיטשמועסער האָט זיך אומגעקוקט. עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און געוואָלט מיט אים שמועסן. ער האָט אים גיך אָפּגעפּטרט און ער האָט זיך אומגעקערט צו מיר:

— אין קאָנגאָ האָט מען אויסגעהרגעט אַ סך ווייסע און די איבעריקע זענען אַנטלאָפן. קאָנגאָ איז געווען אַ קאָלאָניע און ס׳זענען געווען דאָרטן עט־לעכע טויזנט ווייסע, נישט מערער. דאָ איז נישט קיין קאָלאָניע, דאָ זענען מיר מיליאָנען; דאָ איז אונדזער היים. מיר האָבן נישט ווו צו נעמען פּלאַץ פאַר די פערטהאַלבן מיליאָן ווייסע אין דרום־אַפריקע; זיי האָבן נישט ווו צו לויפן. און איך גאַראַנטיר אייך, אַז ווען זיי קריגן די מאַכט, מוזן מיר אַנט־לויפן. מיר לאָזן זיי לעבן און מיר גיבן זיי אַרבעט און בויען פאַר זיי הייזער און מיר אָרגאַניזירן פאַר זיי שולן און דאָס גאַנצע לעבן און דערציִען זיי. ווען זיי האָבן די מאַכט, וואָלטן זיי אונדז אויסגעקוילעט מיט לאַנגע מעסערס. קיין זכר וואָלטן זיי פון אונדז נישט געלאָזט. און עס גייט דערפאַר אין לעבן און טויט, ממש אין לעבן און טויט. ווען מיר בלייבן ביי דער מאַכט, וועלן מיר בלייבן לעבן; ווען מיר זיי אַוועקגעבן די מאַכט, וועלן זיי אונדז אויס־קוילענען.

— און וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט האָבן זיי צו קריגן די מאַכט? — האָב איך געפרעגט.

— צום גליק האָבן זיי נישט קיין גרויסע מעגלעכקייטן. זיי האָבן עטלע־כע וועגן. דער ערשטער וועג איז דער לעגאַלער. די ענגלישע קאָמאָנוועלט קעמפט דאָך קעגן אונדז, ווייל מיר האַלטן אָן דעם אַפּאַרטהייד. די זאַך קען אַריבערגיין אין דער „יון". אָבער קיין כוח אונדז צו צווינגען, אַז מיר זאָלן זיי איבערגעגעבן די מאַכט — האָט קיינער נישט. מ׳קען אונדז באַיקאָטירן און נישט פאַרקויפן געוויסע מאַטעריאַלן, אָבער אונדזער לאַנד איז רייך, עס קען האָבן אַלצדינג. איז פאַראַן אַ צווייטער וועג: רעוואָלט. די נאָענטע שוואַר־

צע לענדער וועלן שיקן אַהער אַגיטאַטאָרס — זיי שיקן סיי־ווי שוין — און אויך געווער, און זיי וועלן פּרווון מיט כוח פאַרכאַפּן די מאַכט. וועלן מיר נישט לאָזן. מיר האָבן אויך כוח דערצו. עס האַלט נאָך נישט דערביי, אַז די נעגערישע מאַסן זאָלן דאָ איינגיין אויף אַזאַ אַוואַנטורע, אָבער עס קען קומען דערצו. האָבן מיר מיטלען. זיי זענען עלף מיליאָן. אָבער ווען מען נעמט מאַכן אַ חשבון וויפל אמתדיקע דרום־אַפריקאַנער זענען דאָ פאַראַן, איז דער חשבון אַן אַנדערער. אַ סך זענען אַהער געקומען פון די שכנותדיקע לענדער. עס קומען נאָך איצטער אויך. ביי מיר אַליין אַרבעט אַ נעגער פון אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז באַפרייט, פרעג איך אים:

— פאַרוואָס ביסטו געקומען אַהער? ביי דיר אין לאַנד האָסטו דאָך פריי־הייט?

ענטפערט ער מיר

— פרייהייט איז דאָ, אָבער קיין ברויט איז נישטאָ.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויפן וועג אַהער בין איך דורכגעפאָרן עט־לעכע אַפריקאַנישע לענדער און איך האָב אומעטום געזען מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען הונגעריק און טרויעריק און זיי זענען געווען שלעכט געקליידט. אין דרום־אַפריקע זעען די נעגערס אויס זאַט און געזינטער אַ סך ווי אין די אַנדערע לענדער. און מיין מיטשמועסער האָט ווייטער גערעדט און געזאָגט:

— אַז עס וועט קומען צו אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, וועלן מיר טאָן אַלצדינג. מיר וועלן אַרויסשיקן די נעגער פון אַנדערע לענדער, וועלן זיי ווערן ווייניקער. און מיר וועלן זיך פאַראייניקן מיט די כינעזער, אינדיער, יאַפּאַנער, — וועלן מיר ווערן מערער. און מיר וועלן פאַרטיידיקן אונדזער לעבן און די ציוויליזאַציע פאַר יעדן פרייז! מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסהרגענען און מיר וועלן נישט אַנטלויפן.

— 18 —

אַן אַריינפיר וועגן יידישע אינסטיטוציעס און יידישקייט אין יאָהאַנעסבורג

פאַראַן אָט די יידישע אינסטיטוציעס אין יאָהאַנעסבורג: 1) באָאַרד אָוו דעפּיוטי, וואָס איז דער ועד־הקהילות און ער פאַרנעמט אויך דאָס פּלאַץ פון דער „דאַיאַ" ביי אונדז; 2) די ציוניסטישע פעדעראַציע, וואָס איז די פעדע־

ראַציע פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען אין לאַנד; 3) באַארד אָוו עדיוקיישאָן, דער ועד־החינוך, וואָס האָט אונטער זיך אַלע שולן אין לאַנד, אויסער קייפּ־טאַון, ווו עס איז פאַראַן די צווייטע גרעסטע קהילה אין דרום־אַפריקע און וואָס גייט מיט אַן אייגענעם וועג; 4) די יידישע קולטור־פעדעראַציע — יידי־שיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס קאָנצענטרירט אַלע, וועלכע זענען פאַר יידיש, לאַדט איין געסט־שרייבער, גיט אַרויס אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, פירט דורך לעקציעס אאז״וו; 5) טשיף (שעף) ראַבינאַט; 6) בית־דין; 7) ועד להפצת תורה וחכמה (אַ קאָמיטעט צו פאַרשפּרייטן תורה און חכמה); 8) מזרחי־פּאַרטיי; 9) רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי; 10) אָרגאַניזאַציע פון רעפאָרם־סינאַגאָגעס; 11) מושב־זקנים; 12) אַ בית־יתומים א״נ „אַרקאַדיאַ״; 13) פאַרבאַנד שחר (שוח־טים, רבנים און חזנים).

פאַראַן 4 אויסגאַבעס אין יידיש: „די אַפריקאַנער יידישע צייטונג״ — וואָכנצייטונג, וואָס ווערט רעדאַקטירט פון לוי שאַליט און אַרויסגעגעבן פון לוי שאַליט און שמערל לעווין; „דרום־אַפריקע״ — אַ צוויי־חדשים זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען. דער דאָזיקער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע און רעדאַקטירט פון דוד וואָלפע מיט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום; „יום־טוב בלעטער״ — רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון ה׳ שישלער; „דאָס ראש־השנה בוך״ — רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון נתן באַטניצקי. ענגליש־יידישע אויסגאַבעס זענען פאַראַן דריי: „דזשויש טאַימס״, אַן אומפּאַרטייאישע אויסגאַבע; „ציוניסט רעקאָרד״ — אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, און „דזשויש העראָלד״ — אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן. אַלע דריי דערשיינען וועכנטלעך. און עס זענען פאַראַן עסקנים און מנהיגים פון אַלע מינים און שרייבער: יידישע שרייבער, העב־רעישע שרייבער. עס דערשיינט דאָ אויך פון צייט צו צייט אַ העברעישער זשורנאַל א״נ „באַרקאַי״.

שרייבער זענען פּראָפּאָרציאָנעל פאַראַן מערער ווי אין בוענאָס־איירעס. דער גאַנצער ישוב האָט דאָך נאָר 110, אָדער 120 טויזנט תושבים, און יאָ־האַנעסבורג גופא האָט נישט מער ווי אַ 50 טויזנט יידישע נפשות. די נעמען פון די יידישע שרייבער וועל איך פאַרצייכענען. וועגן די נישט־לעבעדיקע האָב איך שוין געשריבן, דאָ שרייב איך וועגן די לעבעדיקע, עד מאה ועשרים: יהונתן באַטניצקי, מיכאל בן משה, דוד וואָלפע, ברידער פּיוזל און ראובן זיגלבוים, א. דושייקא, מענדל טאַבאַטשניק, יעקב יודעלעוויטש, זלמן לעווי, ה. ערליך, ברידער לייבל און ירחמיאל פעלדמאַן, דוד פּראַם, הרב מ. ד. שיף און לוי שאַליט.

דער באַדייטנדיקסטער פון די אַלע שרייבער איז בלי שום ספק דער דיכטער דוד פראַם, וואָס וווינט היינט אין ראַדעזיע (דאָ זאָגט מען: ראָדיזשי). ער איז ווייט אַריבער די גרענעץ און מען האָט וועגן אים בשעתו, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע ביכער, געשריבן קריטיק אומעטום ווו עס דערשיינען יידישע אויסגאַבעס. איך וויל דאָ לכתחילה דערמאָנען דעם עלטסטן יידישן שרייבער אין דרום־אַפריקע. ער איז אַ ייד, וואָס האַלט שוין נאָענטער ווי ווייטער צו זיין אַ בן־תשעים. ער איז אַלט לערך אַ יאָר 86. ער הייסט יעקב יודעלעוויטש. מען רופט אים „די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע" און מען גיט אים אַ געלעגנהייט צו זאָגן:

— אויב איר וועט מיך רופן „די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע", וועט די ענציקלאָפּעדיע אַוועקגיין.

ער איז אַ געענדיקטער אינזשיניער אין בערלין צוריק מיט אַריבער 60 יאָר. אין דרום־אַפריקע איז ער זינט 1935. אַ מענטש מיט אַן אוניווערסיטעט־בילדונג, איז ער דערצו אַ גרויסער למדן. ער געדענקט תנ"ך און תלמוד פונקט אַזוי פעסט און זיכער, ווי ער געדענקט ענינים פון אַלגעמיינער בילדונג. פאַראַן אַ מחלוקת איבער אַ וואָרט וועגן אים. עמיצער האָט געזאָגט, אַז יעקב יודעלעוויטש געדענקט זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט און וועלן פּאַסירן און ער געדענקט אַפילו זאַכן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פּאַסירט און וועלן נישט פּאַסירן. אָבער אייניקע האַלטן, אַז דאָס האָט געזאָגט נחום סאָקאָלאָוו, און אַנדערע זענען ביי דער מיינונג, אַז דאָס האָט געזאָגט וועגן אים ד"ר יעקב שאַצקי.ביידע זענען געווען אין דרום־אַפריקע און דער דערמאָנטער זאָג פּאַסט זיך צו ביידן, ווייל ביידע זענען געווען יידן פקחים, הגם פון דורכאויס פאַרשידענעם כאַראַקטער. די מערהייט האַלטן, אַז סאָקאָלאָוו האָט געזאָגט די דערמאָנטע חכמה וועגן יודעלעוויטשן, אָבער לייבל פעלדמאַן פאַרזיכערט, אַז שאַצקי האָט זי געזאָגט.

און אַז עס האַלט שוין ביי נחום סאָקאָלאָוו, דערציילט מען דאָ, אַז ער איז געקומען אַהער פירן אַ ציוניסטישן קאַמפּיין, האָט אים אַ ייד געפרעגט: — ווי לאַנג וועט נאָך אַרץ־ישראל מאָנען געלט ביים גלות? האָט ער אים געענטפערט מיט אַ מעשה: אַ בחור האָט געוואָלט חתונה האָבן פאַרן ווילנער רבס אַ טאָכטער, האָט אים דער רב געפרעגט, צי ער קען געבן פרנסה אַ ווייב, האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער זיצט אויפן באַרג און גיט אַכטונג, צי משיח קומט נישט און אַז ער וועט קומען, וועט ער אָנזאָגן די בשורה. פרעגט אים דער רב: — וויפל באַקומסטו שכירות דערפאַר? ענטפערט ער: 5 רובל אַ חודש. קנייטשט זיך דער רב:

— 5 רובל אַ חודש? אַזוי ווייניק?

ענטפערט דער בחור:

— דער פּאָסטן איז אָבער אַן אייביקער...

מיר האַלטן דאָך ביי יעקב יודעלעוויטש, וואָס איז אַ גייענדיקע ענציקלאָ־פּעדיע און ער איז דער דעקאַן פון די יידישע שרייבער אין דרום־אַפריקע. האָט מען דערציילט, אַז ווען זיין פרוי, אָדער ווי ער רופט זי „זיין שוויגערס טאָכטער", איז געווען קראַנק, האָט מען אים געפרעגט, צי זי איז שוין בעסער, האָט ער געענטפערט:

— געזינטער, אָבער נישט בעסער...

אַ פריינט האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער קומט זיך נישט אַ מאָל דורך צו אים, האָט ער אים געענטפערט:

— איך קען צו זיך נישט קומען, וועל איך קומען צו אייך...

דער צווייטער עלטסטער יידישער שרייבער איז אברהם דושייקאָ. ער איז שוין געוואָרן אַ בן־שמונים. ער געפינט זיך אין אַפריקע 50 יאָר, און באַלד ווי ער איז געקומען אַהער אין יאָר 1908, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וואָ־כנצייטונג אין ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן פון איר נישט מער ווי דריי נומערן. ער דערציילט מיר אַ מאָדנע געשיכטע: ער איז געווען אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון „דווקא", שלמה סוסקאָוויטשעס צייטשריפט פאַר דעם פילאָסאָ־פישן עסיי. אויסשרייבן פלעגט דעם זשורנאַל איינער אַ בוכהענדלער, איז ער געשטאָרבן, באַקומט ער שוין מער נישט „דווקא". דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז נישט נאָר ווען אַ לייענער פון יידישן וואָרט שטאַרבט געפינט זיך נישט קיין צווייטער אויף זיין פּלאַץ. איך וועל בעטן סוסקאָוויטשן, אַז ער זאָל דעם דאָזיקן פּיאָנער פון יידישן וואָרט אין דרום־אַפריקע שיקן „דווקא" און איך פאַרזיכער, אַז ער וועט באַצאָלן דעם אַבאָנענטן־פּרייז. אַז ה' דושייקאָ וועט האָבן דעם זשורנאַל, וועלן אים אַ סך יאָהאַנעסבורגער יידן לייענען, וואָרעם פּראָפּאָרציאָנעל זענען דאָ פאַראַן גוטע לייענער מער ווי אין אַ סך יידישע ישובים און אפשר טאַקע ווי אין אַלע ישובים.

איך שרייב אָט דעם מאמר לויז, כמעט ווי אַן אַ טעמע. זאָל זיין ווי אַן אַריינפיר צו דער סעריע אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן אין דרום־אַפריקע. עס איז פאַראַן וועגן וואָס צו דערציילן. עס איז פאַראַן אַ שיינער קיום פון יידישן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך ווייס נישט, צי 10 טויזנט קינדער אין לאַנד, אייב נישט מער באַזוכן יידישע שולן. אין די דאָזיקע שולן לערנט מען נאָר העברעיש און זיי פאַרקניפּן זיך נישט מיט די יידישע היימען, ווו מען רעדט נאָך יידיש, אָבער נאָך נישט קיין העברעיש; און שולן אין וועלכע מען לערנט

יידיש זענען נישט פאַראַן מער ווי צוויי. קיום איז פאַראַן און מען דאַרף מודה זיין, אַז אין די קולטור־פעדעראַציע הערט מען נישט נאָר אַ לעקציע וועגן יידישער ליטעראַטור פון אַ גאַסט, אָדער פון אַן אייגענעם, נאָר מען פאַרברענגט אין היימישע קרייזן מיט אַ יידיש וואָרט און אַ יידיש ליד און אַ יידישן ניגון. מען דאַרף הערן, ווי די האַרטע ליטוואַקעס פון יאָהאַנעסבורג זינגען אַ חסידישן ניגון, און מען דאַרף הערן מיט וויפל ברען אָט־אָ די פיי־ערדיקע יידישיסטן זינגען אַ העברעיש ליד.

און אויב דער ציוניזם פון אַלע ריכטונגען גיט זיך דאָ אָפּ בלויז מיט זאַמלען געלט און מיט „שרייבן טשעקן”, זענען פאַראַן אַ סך מער אָדער ווייניקער רעליגיעזע יידן, וואָס פילן אַן די שילן צום דאַוונען און פילן אויס זייער לעבן און זייערע היימען מיט פרומער יידישקייט און זיי זענען מחנך זייערע קינדער דערמיט, וואָס זיי פירן זיי אין די שילן און בתי־מדרשים און פראַוועז זיי בר־מצוות. איך וועל וועגן דער יידישקייט פון יאָהאַנעסבורג מוזן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען. און אָט די שורות וועלן דינען ווי אַן אַריינפיר. און דערווייל רייס איך איבער דאָס שרייבן אַרטיקלען אויף עטלעכע טעג, ווייל איך פאָר אַוועק אין גיים־רעזערוו, וואָס איז דער גרעסטער רעזערוואַט פאַר חיות אין דער גאַנצער וועלט. מען פאָרט אַריין מיטן פאַרקאַוועטן אויטאָ גלייך אין וואַלד אַריין און מען זעט די חיות, ווי זיי לעבן זיך פריי און מערדעריש. געוויינלעך זעט מען חיות פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג און דער מענטש איז פריי, דאָ מאַכט מען עס פאַרקערט: דער מענטש איז פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג און ער פאָרט זען די חיות אויף דער פריי. דער גיים־רעזערוו איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ ארץ־ישראל, און ווען חיים ווייצמאַן איז דאָרט געווען, האָט ער געזאָגט:

— די חיות גיט מען אַן ארץ־חיות און יידן ארץ־ישראל גיט מען נישט...

— 19 —

איך זע חיות אין אַפריקע

א.

די רייזע קיין „גיים רעזערוו”

אַז מען קומט קיין דרום־אַפריקע, פרעגט מען קודם־כל אויף דעם באַרימטן רעזערוואַט פון די חיות; אַ פּלאַץ, ווו די חיות לויפן אַרום פראַנק און פריי און מענטשן קומען זיי אָנקוקן אין גוט־פאַרמאַכטע אויטאָס. מען דער־

וויסט זיך, אַז דער דאָזיקער רעזערוואַט הייסט צוויי נעמען: 1) גיים רעזערוו, וואָס מיינט: רעזערוואַט פאַר גאָטס באַשעפענישן; 2) נייש‌אַנאַל קרוגער־פּאַרק, — נאַציאָנאַלער קרוגער־פּאַרק. פון מיינע פריערדיקע אַרטיקלען ווייסט איר שוין, אַז פּאַול קרוגער איז געווען פּרעזידענט פון דרום־אַפריקע און דער העלד פון ענגליש־בורישן קריג. ער איז געווען דער העלד פון די בורן, וועלכע האָבן דעם קריג פריער פאַרלוירן און שפּעטער סוף־כל־סוף געוווּנען. מען דערציילט וועגן אים, אַז מען האָט אים צוגעטיילט דעם כבוד צו עפענען אַ יידיש געבעט־הויז (שיל) ביי אַ חנוכת־הבית, האָט ער געזאָגט, אַז ער עפנט די יידישע סינאַגאָגע אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס... נישט דאָס בין איך אויסן.

ואני, און איך, האָב נישט געהאַנדלט אַנדערש ווי אַלע וואָס קומען קיין דרום־אַפריקע און איך האָב דערקלערט מיינע גאַסטגעבער, אַז אויב זיי וועלן מיך נישט פירן „צו די חיות", וועל איך אַליין אַהין אַוועקגיין צו־פוס, און מען האָט מיך נישט געלאָזט גיין צו־פוס. ווי זאָגט דאָס רוסישע ווערטל: „די וועלט איז נישט אָן גוטע מענטשן". מען האָט באַלד אָנגעפרעגט „דאָרט", צי ס'איז דאָ פּלאַץ אין אַ האָטעל, אָדער כאָטש אין אַ „באַנגאַלאָו" (אַזאַ געצעלט); ווייל דער רעזערוואַט געפינט זיך גאַנץ ווייטלעך פון יאָהאַנעסבורג און מען דאַרף קומען אַהין מיט אַן אייגענעם אויטאָ אויף אַ פּאָר טעג און מען דאַרף זיין באַזאָרגט מיט נאַכטגעלעגער. איז פּונקט געווען וואַקאַציע־צייט, ווען מען פאָרט אַ סך „צו די חיות" און אַלע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען. האָט מען זיך נישט געפוילט און ספּעציעל אינטערווענירט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַסט, וואָס איז קאַטאַרי, כמעט אַן אָפיציעלער און ער קען נישט און טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד נישט האָבנדיק געזען גאָטס באַשעפענישן, און קוים מיט צרות האָט מען געקראָגן דריי פּלעצער אין „באַנגאַלאָו" פאַר דעם, וואָס שרייבט אייך און זיינע צוויי באַגלייטער. די געשיכטע האָט געדויערט דריי וואָכן, און איצטער, ווען די סענסאַציאָנעלע רייזע האַלט אין פאַרענדיקט ווערן, בין איך שוין אין לאַנד טאַקע גאַנצע 4 וואָכן.

ויהי ערב, ויהי בוקר. ס'איז געווען אין אַ זונטיק פאַרטאָג, קרוב צו זעקס אַזייגער. געפאָרן מיט מיר זענען ז. לעווי, דער פּרעזידענט פון דער יידישער קולטורפעדעראַציע אין דרום־אַפריקע און ראובן זיגלבוים, אַ באַוווּסטער רעציטאַטאָר און פון צייט צו צייט אויך אַ שרייבער, וואָס איז איינער פון די פיר לעבן־געבליבענע ברידער פון באַוווּסטן קדוש אַרטור זיגלבוים. דער לעצטער, ס'הייסט ראובן זיגלבוים, איז געווען דער דאָזיקער וואָס האָט „אָנגעזאָגט" זיין פיינעם אויטאָ און ער אַליין איז טאַקע געווען דער

נהג (נאַהאַג), דער שאָפער הייסט עס, און ער האָט אונדז געפירט. ער האָט טאַקע גענומען אויף זיך די מי פון צוגרייטן די גאַנצע רייזע.

און צוגרייטן האָט מען געדאַרפט אַ סך. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן צידה לדרך. אַז דריי מענטשן לאָזן זיך אין אַ וועג אַריין, וואָס דאַרף געדויערן לכל־הפחות זיבן שעה, און עס איז זונטיק און אין וועג איז אַלצדינג פאַר־מאַכט, דאַרף מען צוגרייטן אכילה ושתיה. און עס איז געווען גרייט כיד המלך. חוץ דעם בין איך אַ גרינער און איך האָב נישט די מלבושים, וואָס מען דאַרף פאַר אַזאַ רייזע. מען דאַרף האָבן אַן אָפן העמדל מיט קורצע אַרבל און קורצע הייזלעך, און פונקט דאָס האָב איך נישט מיטגענומען. און מען מוז דאָס בייטיק האָבן, ווייל אין רעזערוואַט פאָרט מען אין אַ גוט־פאַרמאַכטן אויטאָ און ס'הערשט דאָרט אַן אמתדיקע אַפריקאַנער היץ. האָט ראובן זיגל־בוים מיר באַזאָרגט אַ פּאָר קורצע הייזלעך און אַן אָפן העמדל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט די זאַכן געוואָלט קויפן ביי אַ יידן און גראָד איז עס געווען אַ ייד, וואָס האָט מיך געהערט ריידן, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. האָב איך שוין געקראָגן די ערשטע מתנה אין אַפריקע. און אפשר נ'שט די ערשטע... די הייזלעך זענען באַלד געווען גוט, אָבער דאָס העמדל איז צו קליין. האָט מיין פריינט פייגעלע טאַבאַטשניק, די קלוגע פרוי פון מיין גוטן פריינט מענדל טאַבאַטשניק, געהערט, אַז דאָס העמדל איז צו קליין, האָט זי מיר באַלד געקויפט צוויי העמדלעך, וואָס זענען געווען פונקט גוט. און דער ייד, וואָס איך וויס נישט זיין נאָמען (אויב ער איז נישט אויסגעטראַכט פון „רוווקע" זיגלבוים), האָט צוגעשיקט אַ גרעסער העמדל און איך האָב שוין געהאַט אין מיין באַגאַזש דריי אָפענע העמדלעך און איין קורצע פּאָר הויזן.

און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין יאָהאַנעסבורג איז ביים אַרויספאָרן געווען קיל און מיר זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע הויזן, העמדער מיט אַרבל און מיט רעקלעך. און ס'איז אַ לאַנגע צייט געווען קיל און ס'האָט אונטערגערעגנט. איך האָב זיך געוויצלט און געקיבעצט מיינע קורצע הייזלעך און געזאָגט, אַז זיי וועלן ליידן אַ בושה.

ראובן זיגלבוים האָט אַ לאָז געטאָן זיין ענגלישן „וואָקס־האָל"־אויטאָ אויף דעם אַספאַלטירטן וועג, אַז מיר זענען ממש געפלויגן. ער איז געפאָרן קרוב צו אַכציק מייל (אַ 128 קילאָמעטער) אַ שעה און ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז צו מיטיק וועלן מיר זיין אין „גיים רעזערוו" און נאָך מיטיק וועלן מיר אַ דרימל טאָן און זיך לאָזן צו די חיות. און מיר האָבן געכאַפּט אַ קוק מיט אַ שמועס אינאיינעם. פאַר מיינע באַגלייטער איז דער וועג נישט געווען

קיין נאָווינע. זיי זענען שוין אויף אים געפאָרן צו עטלעכע מאָל. פאַר מיר איז אַלץ געווען ניי. דער אַספּאַלטירטער וועג איז נישט אַנדערש ווי דער שאָסיי פון בוענאָס־איירעס קיין מאַר־דעל־פּלאַטאַ און אַוודאי נישט אַנדערש ווי דער „כביש" אין ישראל. די וועלדלעך, וואָס מען טרעפט אין וועג זענען אָבער אַנדערש. דיביימער זענען לכבוד פרילינג באַדעקט מיט גרינס. אָבער עס זענען פאַראַן אַ סך ביימער, וואָס זענען באַדעקט מיט אַ העל־בלויען געבלי־מעכץ, וואָס פאַלט אַריין אין רויט, און די פאַרביקייט זייערע רייסט שטיקער. דאָס דאָזיקע געבלימעכץ איז אייגנטלעך אַן אַפריקאַנער בעז. אַנדערש אַ ביסל ווי בעז אין דער אַלטער היים, אָבער נישט קיין סך אַנדערש. און איך דער־מאָן זיך, אַז אין רוסלאַנד האָט מען דאָס דאָזיקע בלימעכץ גערופן „סירעני" און אין רומעניע „ליליאַק". איך פרעג נישט ווי אַזוי עס הייסט אויף ענגליש און אויף אַפריקאַאַן. וואָס גייט מיך אָן ווי אַזוי עס הייסט? מיינע לייענער ווייסן וואָס איך מיין און זיי זעען די דאָזיקע שיינקייט פון פריִען פרילינג. דאָס געבליעכץ הייבט שוין אָן אַראָפּצופאַלן און די ערד איז באַדעקט מיט אַ בלוי־רויטלעכן העלן קאָליר. נישט נאָר די לופט איז פול מיט געבלימעכץ, נאָר אויך די ערד איז מיט דעם באַדעקט און פול. אין געדאַנק זינגט זיך אַזוי:

— און די ערד באַדעקט מיט בלומען...

איך הער זיך צו צום שמועס פון מיינע באַגלייטער, וואָס לעבן מיט לי־טעראַטור בכלל און באַזונדערס מיט יידישער ליטעראַטור. זיי פירן אַ יידישן שרייבער, אַ גאַסט פון אַרגענטינע, זען חיות און זיי ווילן ביי מיר וויסן, וועמען איך האַלט פאַר גרעסער — מאַנגערן, צי גלאַטשטיינען, אויערבאַכן, גראַדען, סוצקעווערן, צי יעקב פרידמאַן... גלייך מען קען נעמען אַ מעטער, אַ יאַרד, אָדער אַן אַרשין און פּינקטלעך אויסמעסטן ווער ס'איז גרעסער. און דער אויטאָ דערוויל לויפט.

מיר זענען אַזוי אָפּגעלאָפן הונדערט מייל און מיר זענען ביי אַ מיטעלער שטאָט, וואָס הייסט וויטביינק. מען אינפאָרמירט מיר, אַז עס געפינען זיך דאָרט 80 יידישע משפחות. עס זענען געווען מערער, אָבער אַ סך זענען אַרויסגעפאָרן אין גרעסערע שטעט. אַמאָל איז מען קיין וויטביינק געפאָרן האַלטן לעקציעס, היינט דאַרף מען זיי שוין נישט... איבער דער דאָזיקער שטאָט זענען פאַראַן שוואַרצע בערג. פאַרוואָס זענען זיי אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן די דאָזיקע בערג? ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען קוילן־גרובן. עס איז די הויפּט־געגנט פון קוילן־גרובן אין לאַנד, און דערפאַר איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אַזאַ היפּשע שטאָט. די שטעט ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד געבויט

לעבן די מינעס. האָבן מיר דאָך געשמועסט, אַז יאָהאַנעסבורג אַליין, וואָס זאָל שוין האָבן אַ מיליאָן מיט אַ פערטל איינוווינער, איז אויסגעבויט געוואָרן, ווייל עס זענען דאָרט אַנטדעקט געוואָרן גאָלדמינעס.

דער וועג האָט אָנגעהויבן ווערן מאָנאָטאָן. אַ גלייכער וועג, דאָ און דאָרט מיט אַ וועלדל. אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט עס די דורכשניטלעכע אַרגענ־טינער לאַנדשאַפט, נאָר די פאַרבן זענען העלער און פּרעכטיקער. די אַפרי־קאַנער זון שאַפט מער שרייענדיקע פאַרבן ביי די געוויקסן.

אָבער נישט לאַנג איז געווען די מאָנאָטאָנקייט. עס האָבן זיך באַוויזן בערגלעך, אַ גאַנצע ריי בערגלעך געקייטלט איינס אין אַנדערן. עס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז ס'האָבן זיך אין אַ קיילעך צונויפגענומען אַ פּאָר צענדליק בערגלעך און זיי האַלטן אָפּ אַן אַסיפה. מיר זענען גע־פאָרן אויפן אַספאַלטירטן וועג צווישן די בערג און זיי, די בערג, זענען געווען ארום אונדז. און דער וועג, דער שאָסיי הייסט עס, האָט זיך אַריינגעשניטן אין די בערג אַריין. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר פאָרן אַריין אָט אין איין באַרג אַריין, אָט אין אַ צווייטן. עס האָט זיך אַזש געגלוסט צו הערן, וואָס אַזוינס די בערג ריידן און וואָס זיי זאָגן אונדז.

עס איז געוואָרן וואַרעמער, עס איז טאַקע געוואָרן הייס. די גאַנצע צייט האָט זיך געדאַכט, אַז מיר פאָרן באַרג־אַרויף און מיר זענען טאַקע אַ סך מאָל אויך געפאָרן באַרג־אַרויף, אָבער אין תוך אַריין זענען מיר מער געפאָרן באַרג־אַראָפּ. מיר זענען געווען נידעריקער אויף קרוב צו דריי טויזנט פוס ווי אין יאָהאַנעסבורג, נידעריקער מיט קרוב צו טויזנט מעטער. און מיר האָבן דער־פילט די אמתדיקע אפריקאַנער היץ. מען האָט שוין געדאַרפט האָבן די קורצע הויזן, ווייל די לאַנגע הויזן האָבן זיך שוין געקלעפּט צו די פיס. די געוויקסן זענען געוואָרן אַלץ פאַרביקער. מען איז אין אַפּ־רי־קע... מיר זענען שוין ביים גרויסן רעזערוואַט פון די חיות און מיינע באַגלייטער דערמאָנען מיר, אַז דער רעזערוואַט איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ מדינת־ישראל. און זיי דערמאָנען מיר חיים וויצמאַנס וואָרט. ער האָט געזאָגט:

— איר, אַפריקאַנער, דאַרפט אונדז פאַרשטיין. איר האָט דאָך אַפילו פאַר די חיות אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אונדזער לאַנד, וועלכעס מען וויל אונדז ערשט נישט געבן.

און מיר באַגעגענען ביים אַריינקומען אַ גאַנצע משפחה מיט מאַלפּעס. צוויי גרויסע מאַלפּעס און סך קליינע מאַלפּעלעך. דער פאָטער פון דער משפּ־חה זעצט זיך אַרויף אויף אַ מין שטיין און ער זעט אויס ווי אַ פיגור אויף אַ מאָנומענט; אַ מאָנומענט דעם שבט פון די מאַלפּעס, וואָס זענען, לויט דאַר־ווינען, די טאַטעס פון דער מענטשהייט!

ב.

איך זע שפּרינגען בעקעלעך און לערן זיך ביים זשיראַף

— וואָס זשע איז „גיים רעזערוו".

— ערשטנס וויל איך בעטן מיינע לייענער, אַז זיי זאָלן זאָגן „געים רע־זערוו". איבערהויפּט מיינע פּוילישע לייענער, ווען זיי וועלן זען „גיים", וועלן זיי באַלד זאָגן „גאַים" און מען דאַרף זאָגן „געים". אויף ענגליש מיינט „געים" יעדע באַשעפעניש, אויסער אַ מענטש.

און רעזערוו מיינט אַ רעזערוואַט. און „גיים רעזערוו" — אַ חיות־רע־זערוואַט. און אַז איר ווייסט שוין ווי אַזוי מען רופט עס, וועל איך אייך זאָגן, אַז „גיים רעזערוו" איז אַ גרויסער וואַלד וווּ עס געפינען זיך אַ סך חיות; עס געפינען זיך דאָרט איבערהויפּט די אַלע חיות, וואָס זענען דאָ אין אַפריקע. עס איז דאָרט דאָ פון אַ שפּרינג־באָק, וואָס איז אייגנטלעך אַ כשר בהמהלע און אַן אומשולדיק חיהלע, וואָס קוקט מיט דער נאַיוויסטער האַרציקייט אויף גאָטס וועלט מיט דער שוואַרץ־גרינער ערד, ביז צום העלפאַנט, וואָס איז די גרעסטע און שטאַרקסטע חיה צום פאַרטיידיקן זיך, און ביז צו דעם לייב, וואָס איז די שטאַרקסטע חיה צום אָנגרייפן. די אַלע חיות זענען געווען אין אַ סך וועלדער און מען האָט זיי פאַוואָליע צונויפגערוקט אין איין ריזיקן וואַלד פון שיינע עטלעכע הונדערט קוואַדראַט מייל. אַזוי פיל פּלאַץ גיט מען אָפּ די חיות! און אָט דעם דאָזיקן וואַלד האָט מען אַרומגעצוימט און מען האָט אים געמאַכט, אַז די חיות זאָלן נישט אַרויס, ווייל חיות האָבן עמיגראַציע־לוסט אַלצאַיינס ווי מענטשן. און אַ דאַנק דעם אַרומצוימען איז דער וואַלד פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ רעזערוואַט, וואָרעם אַ רעזערוואַט מיינט אייגנטלעך אַן אַרומגעצוימט פּלאַץ.

דער „גיים רעזערוו" געפינט זיך אין מזרח פון טראַנסוואַל. (איך האָב אייך שוין געשריבן, אַז דרום־אַפריקע באַשטייט פון 4 פּראָווינצן: טראַנסוואַל, קייפּטאַון, פרייסטאַט און נאַטאַל). דער באַלעבאָס איבער דעם דאָזיקן גרעס־טן חיות־רעזערוואַט אין דער וועלט איז די דרום־אַפריקאַנער רעגירונג. בכדי צו פאָרן אין דעם דאָזיקן וואַלד, דאַרף מען בעטן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג. און אַז ס'איז דאָ פּלאַץ אין די האָטעלן, אָדער מאָטעלן פון אַרום, גיט די רעגירונג אַ דערלויבעניש, און אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, הייסט זי זיך רעגיסטרירן און וואַרטן אין דער ריי. מיר האָבן באַקומען פּלאַץ נישט אין קיין האָטעל, נאָר אין אַ מאָטעל. דאָס איז אַ פּלאַץ, וואָס דערמאָנט אין אַ

נאָרד־אַמעריקאַנער זומער־קעמפּ. עס געפינען זיך דאָרט נישט קיין צימערן, נאָר באַנגעלאָעס, דאָס זענען אַזעלכע געצעלטלעך, אָבער שוין נישט פון ברע־זענט, נאָר אויסגעבויטע. דעכער האָבן זיי פון אַ מין פעסטן שטרוי און די דעכער זענען קיילעכיק. פון דרויסן זעען די דעכער אויס ווי קיילעכדיקע היטלען און אינעווייניק זעען זיי אויס ווי גרויסע שטרויענע קאַפּעליושן, וואָס האָבן אַ שפּיץ אַרויף. אַלץ איז דאָ פּרימיטיוו. קיין שטראָמיקער וואַסער איז אין אינעווייניק אין געצעלט נישט פאַראַן. מען ברענגט דיר אַריין אַ שיסל, אַן עמער און אַ קרוג מיט וואַסער. אין עמער אַריין גיסט מען די אויסגענוצ־טע וואַסער. אונטערן בעט שטייט אַ געוויסע קיילעכדיקע כלי, ווייל מען רע־קאָמענדירט נישט אַרויסצוגיין ביינאַכט. און „ביינאַכט" איז דער פּירוש — נאָך 10 אַזייגער אַפּיציעל, אָבער פּאַקטיש נאָך 9 אַזייגער. צו אָט דער צייט איז שוין יעדער אין „באַנגעלאָו". מיר, די דריי יידישע פּאַרשוינען, מיין ווייניקייט און מיין „בעל־עגלה" ראובן זיגלבוים און דער פּאַרזיצער פון דער קולטור־פעדעראַציע זלמן לעווי, פּלעגן אַרומגיין שפּאַצירן ביז 10 אַזייגער. 5 אַזייגער פּאַרטאָג זענען מיר שוין געהאַט אויפגעשטאַנען און האַלב זעקס האָבן מיר שוין געהאַלטן נאָך דער קאַווע און מיר זענען שוין געפאָרן אין וואַלד אַריין.

דאַרף איך אייך שוין נישט לאַנג ברייען און אייך מיטנעמען אין וואַלד אַריין. איך מוז אייך נאָר נאָך דערציילן, אַז ס'איז כדאי מיטצונעמען וואָס מער שפּייז און געטראַנקען, ווען מען פאָרט קיין „גיים רעזערוו". מיר האָבן מיט־גענומען אַזוי פיל, אַז דעם ערשטן מיטיק האָבן מיר נישט געדאַרפט עסן אין דאָרטיקן רעסטאָראַן, נאָר מיר האָבן געגעסן דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך. אויך אַ וויסקי און אַ קאָניאַק האָבן מיר געהאַט. און די גאַנצע צייט פון דער רייזע האָבן מיר געהאַט גענוג פּרוכט צו אונטערלענען די הערצער און אַ קיכעלע אויך, וואָס די פרוי פון ראובן זיגעלבוים האָט פּערזענלעך אָפּגעבאַקן און מיטגעגעבן.

און איצטער לאָזן מיר זיך שוין טאַקע אין וואַלד אַריין. ס'איז זונטיק נאָך מיטיק, דריי אַזייגער. די דאַטע איז נישט נייטיק צו פאַרשרייבן, אָבער מיר וועלן צוגעבן, אַז ס'איז אַ זונטיק פון מיטן אָקטאָבער, וואָס דאָס מיינט אין מיטן פרילינג. ס'איז אין דרום־אַפריקע דער זעלביקער קאַלענדאַר, וואָס אין אַרגענטינע. על־פּי חשבון דאַרף שוין זיין גאָר שטאַרק הייס, אָבער קיין אומדערטרעגלעכע היץ איז נישט געווען. ס'איז געווען גענוג הייס צו דאַרפן טראָגן קורצע הייזלעך, אַן אָפּן העמדל און סאַנדאַלן אָן זאָקן, אָבער — צום דערטראָגן. פאָרן מיר אַריין.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ פּשוט! אַזוי ווי מען פֿאָרט אַרויס פֿונעם טויער פֿון דעם קעמפּ (קאַמפּינג) איז שוין דער וואַלד. און ער זעט אויס אַזוי־אַ: פֿון איין זייט וואַלד און פֿון דער צווייטער זייט וואַלד און אין דער מיט — אַן אַספּאַלטירטער וועג. און דו האָסט דעם איינדרוק, אַז דו ביסט ערגעץ אין אַ שטיל און אי־דיליש פּלאַץ. דער וואַלד זעט אויס שטיל און רויק. ער האָט ביימער. אייניקע זענען באַדעקט מיט בלעטער, אַנדערע זענען נאַקעט; אייניקע שטייען גלייך, אַנדערע זענען אויסגעריסענע און איבערגעקערטע. און מען דערקלערט מיר, אַז די העלפאַנטן האָבן אַ טבֿע, אַז זיי שפּאַרן זיך אָן אין די ביימער און קערן זיי איבער. און זיי טוען דאָס דאָזיקע נישט סתם פֿאַר באַקוועמלעכקייט, נאָר ווייל אונטער די וואָרצלען פֿון די ביימער איז פֿאַראַן אַזאַ מין זאַך, וואָס שמעקט זיי שטאַרק און זיי האָבן דאָס ליב צו עסן. מסתּמא זענען נאָך דאָ חיות, וואָס קערן איבער ביימער.

פֿאָרן מיר אויפֿן אַספּאַלטירטן וועג. מיר לאָזן זיך אין אַזאַ שטרעקע, וואָס ציט זיך אַוועק 39 מייל. איבער 60 קילאָמעטער אַהין און אַריבער 60 קילאָ־מעטער צוריק. מיר פֿאָרן פּאַוואָליע. מיר האָבן צייט פֿאַר דער דאָזיקער רייזע אַ פֿערטהאַלבן שעה. און אויב עס וועט ווערן שפּעט — ווייל 6.30 אַזייגער מוז מען שוין זיין צוריק אין געצעלט — וועלן מיר זיך אומקערן פֿון מיטן וועג און מאָרגן וועלן מיר פֿאַרענדיקן. און אַז מיר זענען שוין אין וואַלד, פֿרעגט מיך איינער פֿון מיינע באַגלייטער, וואָס איך וויל זען. בין איך דאָך שוין געוווינט צו קיבעץ, און דערצו פֿאַר איך מיט איינעם, וואָס איז טאַקע „נאָר" אַ פּוילישער, אָבער אַ מענטש מיט נייגונג צו קיבעץ און דער צווייטער איז אַ האַרטער און געבראָטענער ליטוואַק, אָדער טאַקע אַ „לוטוואַק" ווי מען פֿלעגט ביי אונדז אין בעסאַראַביע זאָגן. ענטפֿער איך:

— אויב מ׳קען באַשטעלן וואָס מען וויל זען, האָט מען מיך געדאַרפֿט פֿרעגן באַלד ווען מען האָט פֿאַרזאָרגט די פּלעצער, אַז איך, דער גאַסט דער און דער וויל זען די און די חיות...

ענטפֿערן זיי מיר גאַנץ פּשוט:

— ווייל מ׳קען אַ מאָל אָפּפֿאָרן אַ פּאָר טעג און גאָרנישט זען און אַהיים פֿאָרן מיט אַ נאָז. עס האָבן שוין פּאַסירט אַזעלכע זאַכן. עס זענען פֿאַראַן צייטן (סיי אין יאָר און סיי אין טאָג) ווען די חיות ליגן באַהאַלטן; אַ מאָל, ווייל עס איז זיי צו הייס, און אַ מאָל, ווייל עס איז זיי צו קאַלט. אַזוי אַרום, אַז איר דאַרפֿט זיך ריכטן, חלילה, גאָרנישט צו זען און אַהיים קומען מיט אַ נאָז און דערציילן די יידן פֿון אַרגענטינע, אַז אין גיים־רעזערוו פֿון דרום־אַפֿריקע איז לא דובים ולא יער — נישטאָ קיין וואַלד און נישטאָ קיין חיות.

האָב איך שוין געמוזט ענטפערן:

— איך בין גרייט אויף אַלץ אין דער וועלט.

פאָרן מיר, לאַנגזאַם פאַרשטייט זיך. אין איניקע ערטער מעג מען פאָרן 10 מייל אַ שעה, אין אַנדערע ערטער — 20, אָבער מיר מאַכן קיין 5 מייל אויך נישט. מיר קוקן מער ווי מיר פאָרן. און דערווייל — גאָרנישט. אַן אַס־פאַלטירטער וועג, וואַלד פון ביידע זייטן און ווייטער גאָרנישט. האָט גאָט אויף אונדז רחמנות און עס באַווייזן זיך שפּרינגבאָקעלעך קליינע, צאַרטע באָקע־לעך, וועלכע מען רופט אויך בעקעלעך. צום מערסטן האָבן זיי אַ העל־געלע פעל און דינע עקעלעך, וואָס מען זעט קוים אָן. זיי האָבן די גראַציעזסטע פיסלעך, וואָס אַ חיה, אָדער אַ בהמה האָט און זיי שפּרינגען אַזוי, גלייך זיי וואָלטן געגעבן אַ פּלי ביי יעדן שפּרונג. שלום אַש האָט געשריבן, אַז די אייז־לען האָבן די גראַציעזסטע פיס און איך וואָלט מיטן לעבעדיקן שלום אַש פאַ־לעמיזירט און איך וואָלט אים דערוויזן, אַז די גראַציעזסטע פיסלעך האָבן די שפּרינגבעק. און אויגן האָבן זיי, די דאָזיקע בעק, וווּנדערלעכע אויגן: גרויסע און ברוינע, וואָס קוקן אַזוי אומשולדיק אויף גאָטס וועלט, אַז עס ווערט אַזש גוט אויפן האַרצן. עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז די באָקעלעך קוקן דיר אַריין אין דער נשמה אַריין און זיי פרעגן:

— אַ־יאָ, וועסט אונדז נישט קיין שלעכטס טאָן. מיר זענען דאָך אַזוי שטיל און אומשולדיק...

אָבער פאַר מער זיכערקייט פאַרלאָזן זיי דעם וועג און זיי שפּרינגען אַוועק אין דער זייט וואַלד, אָדער אין דער צווייטער זייט. זיי גיבן גלייך אַ מעסט אויס מיט די אייגעלעך וווהין עס איז נעענטער און זיי פליען ממש אַרויף, און אַז זיי זענען אויבן, לויפן זיי נאָך אַלץ אַרויף. אויפן זינען קומט מיר דאָס לידל „וואָס טוט אַ מיידל אַליין אין וואַלד?". וואָס טוען אַזעלכע באָקעלעך אין וואַלד מיט גרויסע און ווילדע חיות? זיי עסן דאָך נישט מער ווי גראָז און זיי טשעפּען אַפילו נישט קיין ווערעמל און קיין מוראַשקע! איז דער תירוץ פון אויבן אויף: די דאָזיקע קליינע, אומשולדיקע חיהלעך זענען שפּייז פאַר גרעסערע און שלעכטע חיות, וואָס עסן פלייש. מ'קען מיינען, אַז אַ לייב וועט נישט גיין „קעמפן" מיט אַ שפּרינגבאָק און אים אויפעסן. עס וועט אים דאָך קלעקן אויף אַ באַקצאָן. עמיצער האָט טאַקע געזאָגט צום גראַם:

דאָס בעקל
קלעקט דעם לייב אויף איין בעקל.

אָבער עס איז נישט אַזוי די מעשה! אַז עס ווייזט זיך נישט עפּעס אַנדערש ווי בעקעלעך, עסן זיי די לייבן. ווי זאָגט געטע אין „פאַוסט": „אין אַ נויט

עסט דער טיוול פליגן..." און עס זענען דאָך פאַראַן געגוג קלענערע חיות ווי דער לייב, וואָס פרעסן לעבעדיקע באַשעפענישן. איר מיינט טאַקע, אַז דער מענטש איז די איינציקע „שטאַרקע" באַשעפעניש, וואָס מאַכט אַ סטראַטעגישן איבערפאַל אויף דעם שוואַכערן? די חיות טוען עס אויך. און מען דערקלערט מיר, אַז עס איז פאַראַן אַ נישט גרויסע, אָבער גענוג פלייש־פרעסערישע חיה, וואָס הייסט — טשיטאַ (זי איז פון דער טיגער און לעמפּערט־משפחה), וואָס פאַרנאַרט צענדליקער בעקעלעך אויף אַ מאָל און צערייסט זיי און מאַכט אַ סעודה פון זיי, צו וועלכער זי פאַרבעט קרובים און פריינט.

טרעפן מיר איין סטאַדע שפּרינגבעקעלעך, אַ צווייטע און מיר באַוווּנ־דערן זייער שפּרינגען, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון אַ פלי, און זייערע אויגן, וואָס האָבן אין זיך נאַיִוויטעט און איבערגעשראָקנקייט פון 14־יאָריקע מייד־לעך, און מיר מיינען, אַז דעם ערשטן בייטאָג וועלן מיר שוין מער נישט זען. און איך בין שוין גרייט צו זאָגן „ברוך ה' יום יום" — גאָט צו דאַנק דערפאַר. און אין האַרצן טראַכט איך: וואָס פאַר אַ תפילה זאָגט מען, אַז די אמתדיקע חיות זאָלן זיך באַווייזן?

און פּלוצים — שאַ! דער אויטאָ פאַרט פּאַוואָליע און שטיל, קוים וואָס ער רירט אָן די ערד. עס האָט זיך באַוויזן אַ זשיראַף. ס'הייסט: ער איז געווען פון פריִער, נאָר מיר זענען איצטער צוגעקומען צו אים. עס איז נאָך אַלץ נישט קיין שטאַרק ווילדע חיה, אָבער אַ גענוג שטאַרקע. זי וועט דיך נישט פאַרטשעפּען, ווייל זי איז אַ וועגעטאַרישע. זי עסט נאָר גראָז. אָבער פּרווו פאַרטשעפּע זי. דעמאָלט איז חיות נישט זיכער. זי וועט דיך דערלאַנגען מיט אַ פוס און מיטן עק און איבערהויפּט מיטן האַלדז. זי האָט אַ האַלדז, וואָס איז אַזוי הויך ווי אַ גאָר הויכע באַשעפעניש. זי גייט מיט אים ביז צום שפּיץ פון אַ גאָר הויכן בוים. און זי האָט אַ געפלעקטע פעל, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אין אַ טיגער, אָדער לעמפּערט, אָבער דאָך אַנדערש. דער זשיראַף איז זיך גע־שטאַנען מיטן שפּיץ האַלדז און מיטן מויל ביי אַ גאַנץ הויכן בוים און האָט געגעסן די בלעטער. און אַז ער האָט שוין אויפגעגעסן די אַלע בלעטער זיינע, האָט ער דעם זעלביקן לאַנגן האַלדז אַנגעבויגן ביז צו דער ערד און דאָרט געזוכט גראָז און געפונען און געגעסן. אַזאַ הויכע חיה, אָבער צוליב דעם עסן בייגט זיך דער שטאָלצער זשיראַף, וואָס איז די העכסטע חיה, ביז צו דער ערד... און באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וואָס איז אים אַזוי הויך, אין צוגעשטעלט דאָס מויל צום שפּיץ פון אַ צווייטן בוים. אַ מאָל דאַרף מען זיך אויפהייבן צוליבן עסן און אַ מאָל דאַרף מען זיך אַנבייגן.

...איך האָב שוין געזען אַ סך זשיראַפן אין זאָאָלאָגישע גערטנער און אין

קינאָ. איך האָב אין קינאָ געזען, ווי שווער ס'איז זיי צו כאַפּן. זיי זענען ריזיק שטאַרק. אָבער קיין מאָל האָט מיך אַ זשיראַף נישט אַזוי עמאָציאָנירט, ווי אין גיים־רעזערוו, ווו איך האָב אים געזען אויף אַ מעטער די ווייט פון מיר. און איך האָב געלערנט פון אים אַ גרויסע תורה. פון יעדער חיה לערנט מען עפּעס. גאָט האָט באַשאַפן אָדמען נאָך אַלע חיות, בכדי ער זאָל ביי יעדער פון זיי עפּעס לערנען. פון דעם זשיראַף האָב איך געלערנט: אַז ווען מען וויל עסן, דאַרף מען זיך אַ מאָל אויפהייבן און אַ מאָל אַראָפּלאָזן...

ג.

דעם אויטאָ האָט אויך גאָרנישט געשאַדט

מיר לאָזן איבער דעם זשיראַף און מירריידן וועגן דעם, אַז די דאָזיקע חיה האָט אַזאַ לאַנגן האַלדז, בכדי זי זאָל קענען עסן פון שפּיץ בוים. פאַר וואָס זשע האָבן די שפּרינגבאָקעלעך אַזעלכע גרויסע אויערן? און דער ענט־פער קומט פון זיך אַליין: זיי זענען אַזוי שוואַך, אַז זיי דאַרפן שטאַרק הערן יעדן שאָרך. נישט איין מאָל ראַטעווען זיי די גרויסע אויערן פון אַ סכנה. און מיר באַשליסן, אַז פאַר איין בייטאָג האָבן מיר שוין געזען גענוג חיות, הגם אַזאַ שטאַרקע עמאָציע, אַז מיר זאָלן וועגן איר דאַרפן ריידן, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט. אונדזער געמיט איז דערוויל פאַרכאַפּט נישט פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען, נאָר פון דעם וואָס מיר דאַרפן ערשט זען. און פון צייט צו צייט ריידן מיר נאָך וועגן ליטעראַטור, נישט וועגן זאָאָלאָגיע, הגם צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט אונדז אַ פריינט דערציילט, אַז ער האָט געהערט אַ לעקציע פון אַ זאָאָלאָג, וואָס האָט גערעדט שיעור נישט ווי אַ טעאָלאָג און ער האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש נאָך אַלע חיות און ער האָט אים געגעבן די אייגנשאַפטן פון אַלע חיות. עס וואָלט דאָך געווען אַן אינטערעסאַנטע טעמע צו ריידן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן אַ מענטש האָט פון אַ שפּרינגבאָק און וואָס פאַרא פון אַ זשיראַף. נישט אַנדערש, אַז פון אַ שפּרינגבאָק האָט ער גערשנט צו קענען זיין דער קרבן פון יעדן איינעם, וואָס איז שטאַרקער פון אים און פון אַ זשיראַף האָט ער די אייגנשאַפט, וואָס ער דאַרף זיך אַ מאָל אויפהויבן ביז צום שפּיץ בוים און אַ מאָל דאַרף ער זיך אָנבייגן ביז אין דער סאַמע ערד.

באַווייזן זיך פּאַר אונדז זעבראַס. דאָס זענען חיות וואָס זעען אויס ווי פעטע, נישט הויכע פערד, טאַקע גאָר פעטע און צומאָל גאָר נידעריקע. און זיי זענען געשטרייפט. זייער גאַנצער קערפּער, העט ביז צום האַלדז אַריין,

איז געשטרייפט מיט אַזעלכע גלייכע פּאַסן, וואָס נעמען זיי אַרום. זיי זענען זייער עלעגאַנט און פאַרמאָגן אַ געוויסן רייץ. זיי האָבן אין זיך מענערישקייט. אַפילו די „זיס" זענען ביי זיי מענעריש. עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען נישט קיין הויכע מענער, וואָס זענען עלעגאַנט געקליידט און זיי טראָגן געשטרייפטע היט און געשטרייפטע אַנצוגן. מיר האָבן געזען אַ גאַנצע סטאַדע און ס'איז געווען שיין צו קוקן אויף זיי. און מען זאָגט מיר, אַז זיי האַלטן זיך שטענדיק אין סטאַדעס, בכדי צו קענען זיך פּאַרטיי־דיקן פאַר די חיות, וואָס זענען שטאַרקער און ווילדער פון זיי. די זשיראַפן האַלטן זיך אויך אָפט אין סטאַדעס, אָבער זייער אָפט זעט מען אויך איינצלנע פון זיי. אַפנים, אַז זיי זענען אינדיווידואַליסטן. די זעברעס גייען שטענדיק מיט מחנות. זיי האָבן אויך די „זיס" מיט זיך. און אָט ווי זיי האָבן מורא פאַר שטאַרקערע און ווילדערע פון זיך, זענען זיי אַליין אויך גענוג שטאַרק און ווילד. פּונקט ווי אַ זשיראַף קען דערלאַנגען מיט אַ פוס, אַז מען זאָל דערזען די באָבען אין חלום, אָדער מען זאָל זי שוין אין גאַנצן נישט זען, פּונקט אַזוי קען אַ זעברע דערלאַנגען אַ קנאַק מיט אַ פוס, אַז מען זאָל יאָ אָדער נישט זען די באָבען אין חלום. און נאָך אַן אייגנשאַפט האָבן די זעברעס: זיי לויפן אומגעהויער שנעל. זיי געהערן צו די דאָזיקע חצי־בהמות חצי־חיות, וואָס לויפן צום שנעלסטן. אַ געוויינלעכע זעברע וואָלט מסתמא געווונען אין אַ גע־יעג די בעסטע יאָג־פערד. און אַז איך האָב שוין ביי צוויי חיות געפרעגט מיט וואָס איז אַ מענטש ענלעך צו זיי, האָב איך זיך שוין געפרעגט מיט וואָס איז אַ מענטש ענלעך צו אַ זעברע? און איך האָב זיך געענטפערט:

— פּונקט ווי אַ זעברע קען דעם מענטשן דערלאַנגען אַ קנאַק, ווען איי־נער איז שוואַכער פון אים, און פּונקט ווי אַ זעברע קען ער אויסזיין די צייט, ווען ער טרעפט אָן אויף אַ שטאַרקערן פון זיך...

און איך וועל אייך נישט אָפּנאַרן. דעם ערשטן בייטאָג האָבן מיר מער נישט געזען קיין חיות. מיר האָבן געזען נאָך שפּרינגבעקעלעך, נאָך זשיראַ־פן און נאָך זעברעס. איבערהויפּט האָבן מיר געזען אַ סך פון די ערשטע און פון די לעצטע. דער וואַלד איז געווען פול מיט זיי. די ערשטע האָבן גע־שפּרונגען גלייך ווי זיי זענען געפלויגן, און די זעברעס האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און זיך געהאַלטן אינאיינעם אַ שטיקל צייט און דער־נאָך האָבן זיי גענומען אַזוי לויפן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט — זיי גייען אין אַ געוועט ווער וועמען עס וועט איבעריאָגן. און מיינע באַגלייטער האָבן מיך גענומען קיבעצן און זיי האָבן געזאָגט, אַז איך וועל שרייבן אויסגעטראַכטע מעשהס, ווי אַ געוויסער שרייבער, וואָס איז דאָ געווען דריי מאָל, האָט גע־

שריבן... ער האָט אַפּילו געשריבן, אַז ער איז געפאָרן אין גיים־רעזערוו אַריין מיט אַ ביקס און זיין באַגלייטער האָט אויך געהאַט אַ ביקס. אַזאַ מין זאַך געשעט קיין מאָל נישט. מען פאָרט נישט אַהער מיט קיין געווער און מען שטייט מיט די אויטאָס אַ פּאָר מעטער פון די געפערלעכסטע חיות און מען האָט נישט מורא. די טירן פון די אויטאָס זענען גוט פאַרמאַכט און די פענצטער זענען אַפּילו אַ ביסל אָפן. איך האָב מיינע באַגלייטער פאַרזיכערט, אַז איך וועל נישט אויסטראַכטן און איך וועל שרייבן נאָר דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב געזען.

— און אַז איר וועט נישט מער זען ווי דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געזען.

— וועל איך שרייבן, — האָב איך געענטפערט, — נאָר דאָס דאָזיקע.

און דערווייל האָבן מיר געזען אַ מחנה מאַלפּעס און מאַלפּעלעך, וואָס האָבן געקוקט צו אונדז מער ווי די אַלע חיות, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געזען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַגריסן אונדז רוישיק. איין מאַלפּעלע האָט אַפּילו זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדזער אויטאָ און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער „נאָז" פון דעם „קאַר". מיר האָבן פאַרמאַכט די פענצטער, בכדי עס זאָל נישט אַריינשפּרינגען אינעווייניק אין אויטאָ. עס איז אונדז געוואָרן גוט אויפן געמיט. די מאַלפּעס האָבן געבראַכט פרייד און קאָמיזם.

— מיט וואָס זענען מיר ענלעך צו די מאַלפּעס?

— פרעגט שוין גאָרנישט. מאַלפּעס מאַכן נאָך און מענטשן מאַכן נאָך. מען דאַרף שוין זיין גאָר אַ מענטש נישט נאָכצומאַכן...

ויהי ערב, ס'איז געוואָרן 6 מיט אַ האַלבן פאַרנאַכט. די אַפריקאַנער זון האָט זיך צעקושט מיט דער ערד און איז אין איר פאַרשווונדן געוואָרן. מיר זענען שוין געווען אין „קעמפּ" און מיר זענען אַריין אין די געצעלטן, וואָס מען רופט „באַנגעלאָוס". עס איז געווען אַ געשמאַקע וואַרעמקייט, נישט קיין פייכטע. אָפּגעריסן זענען מיר געווען פון דער וועלט. קיין ראַדיאָ האָבן מיר נישט מיטגענומען און אין די „באַנגעלאָוס" זענען געווען תנ"כעלעך אין ענגליש, אָבער נישט קיין ראַדיאָס. און קיין צייטונג פון היינט האָט אַהער נישט געגרייכט, אַ צייטונג גייט אַהער צוויי טעג און אַ מאָל דריי, כאָטש מיט אַ גוט־פאָרנדיקן אויטאָ קומט מען אַהער פון יאָהאַנעסבורג אין 7 שעה. אָבער ס'האָט מיך אויך נישט אינטערעסירט, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. איך האָב געהאַט אַ געפיל, גלייך איך בין אַוועק פון דער ציוויליזאַציע צו דער ווילדעניש. ס'האָט מיך מער אינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוען די שפּרינגבאָקעלעך אין וואַלד איידער דאָס דאָזיקע, וואָס עס טוט דער אין רוסלאַנד

ראַציע פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען אין לאַנד; 3) באַארד אָוו עדיוקיישאָן, דער ועד־החינוך, וואָס האָט אונטער זיך אַלע שולן אין לאַנד, אויסער קייפּ־טאַון, ווו עס איז פאַראַן די צווייטע גרעסטע קהילה אין דרום־אַפריקע און וואָס גייט מיט אַן אייגענעם וועג; 4) די יידישע קולטור־פעדעראַציע — יידישיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס קאָנצענטרירט אַלע, וועלכע זענען פאַר יידיש, לאַדט איין געסט־שרייבער, גיט אַרויס אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, פירט דורך לעקציעס אאַז״וו; 5) טשיף (שעף) ראַבינאַט; 6) בית־דין; 7) ועד להפצת תורה וחכמה (אַ קאָמיטעט צו פאַרשפּרייטן תורה און חכמה); 8) מזרחי־פּאַרטיי; 9) רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי; 10) אָרגאַניזאַציע פון רעפאָרם־סינאַגאָגעס; 11) מושב־זקנים; 12) אַ בית־יתומים א״נ „אַרקאַדיאַ״; 13) פאַרבאַנד שחר (שוחטים, רבנים און חזנים).

פאַראַן 4 אויסגאַבעס אין יידיש: „די אַפריקאַנער יידישע צייטונג״ — וואָכנצייטונג, וואָס ווערט רעדאַקטירט פון לוי שאַליט און אַרויסגעגעבן פון לוי שאַליט און שמערל לעווין; „דרום־אַפריקע״ — אַ צוויי־חדשים זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען. דער דאָזיקער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע און רעדאַקטירט פון דוד וואָלפּע מיט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום; „יום־טוב בלעטער״ — רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון ה׳ שישלער; „דאָס ראש־השנה בוך״ — רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון נתן באַטניצקי. ענגליש־יידישע אויסגאַבעס זענען פאַראַן דריי: „דזשויש טאַים״, אַן אומפּאַרטייאישע אויסגאַבע; „ציוניסט רעקאָרד״ — אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, און „דזשויש העראַלד״ — אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן. אַלע דריי דערשיינען וועכנטלעך. און עס זענען פאַראַן עסקנים און מנהיגים פון אַלע מינים און שרייבער: יידישע שרייבער, העברעישע שרייבער. עס דערשיינט דאָ אויך פון צייט צו צייט אַ העברעישער זשורנאַל א״נ „באַרקאַי״.

שרייבער זענען פּראָפּאָרציאָנעל פאַראַן מערער ווי אין בוענאָס־איירעס. דער גאַנצער ישוב האָט דאָך נאָר 110, אָדער 120 טויזנט תושבים, און יאָהאַנעסבורג גופא האָט נישט מער ווי אַ 50 טויזנט יידישע נפשות. די נעמען פון די יידישע שרייבער וועל איך פאַרצייכענען. וועגן די נישט־לעבעדיקע האָב איך שוין געשריבן, דאָ שרייב איך וועגן די לעבעדיקע, עד מאה ועשרים: יהונתן באַטניצקי, מיכאל בן משה, דוד וואָלפּע, ברידער פּייוול און ראובן זיגלבוים, א. דושייקא, מענדל טאַבאַטשניק, יעקב יודעלעוויטש, זלמן לעווי, ה. ערליך, ברידער לייבל און ירחמיאל פעלדמאַן, דוד פּראָם, הרב מ. ד. שיף און לוי שאַליט.

דער באַדייטנדיקסטער פון די אַלע שרייבער איז בלי שום ספק דער דיכטער דוד פראַם, וואָס וווינט היינט אין ראַדעזיע (דאָ זאָגט מען: ראַדיזשי). ער איז ווייט אַריבער די גרענעצן און מען האָט וועגן אים בשעתו, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע ביכער, געשריבן קריטיק אומעטום ווו עס דערשיינען יידישע אויסגאַבעס. איך וויל דאָ לכתחילה דערמאָנען דעם עלטסטן יידישן שרייבער אין דרום־אַפריקע. ער איז אַ ייד, וואָס האַלט שוין נאָענטער ווי ווייטער צו זיין אַ בן־תשעים. ער איז אַלט לערך אַ יאָר 86. ער הייסט יעקב יודעלעוויטש. מען רופט אים „די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע" און מען גיט אים אַ געלעגנהייט צו זאָגן:

— אויב איר וועט מיך רופן „די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע", וועט די ענציקלאָפּעדיע אַוועקגיין.

ער איז אַ געענדיקטער אינזשיניער אין בערלין צוריק מיט אַריבער 60 יאָר. אין דרום־אַפריקע איז ער זינט 1935. אַ מענטש מיט אַן אוניווערסיטעט־בילדונג, איז ער דערצו אַ גרויסער למדן. ער געדענקט תנ"ך און תלמוד פונקט אַזוי פעסט און זיכער, ווי ער געדענקט ענינים פון אַלגעמיינער בילדונג. פאַראַן אַ מחלוקת איבער אַ וואָרט וועגן אים. עמיצער האָט געזאָגט, אַז יעקב יודעלעוויטש געדענקט זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט און וועלן פּאַסירן און ער געדענקט אַפילו זאַכן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פּאַסירט און וועלן נישט פּאַסירן. אָבער אייניקע האַלטן, אַז דאָס האָט געזאָגט נחום סאָקאָלאָוו, און אַנדערע זענען ביי דער מיינונג, אַז דאָס האָט געזאָגט וועגן אים ד"ר יעקב שאַצקי. ביידע זענען געווען אין דרום־אַפריקע און דער דערמאָנטער זאָג פּאַסט זיך צו ביידן, ווייל ביידע זענען געווען יידן פּקחים, הגם פון דורכאויס פאַרשידענעם כאַראַקטער. די מערהייט האַלטן, אַז סאָקאָלאָוו האָט געזאָגט די דערמאָנטע חכמה וועגן יודעלעוויטשן, אָבער לייבל פעלדמאַן פאַרזיכערט, אַז שאַצקי האָט זי געזאָגט.

און אַז עס האַלט שוין ביי נחום סאָקאָלאָוו, דערציילט מען דאָ, אַז ער איז געקומען אַהער פירן אַ ציוניסטישן קאַמפּיין, האָט אים אַ ייד געפרעגט: — ווי לאַנג וועט נאָך אַרץ־ישראל מאַנען געלט ביים גלות? האָט ער אים געענטפערט מיט אַ מעשה: אַ בחור האָט געוואָלט חתונה האָבן פאַרן ווילנער רבס אַ טאָכטער, האָט אים דער רב געפרעגט, צי ער קען געבן פּרנסה אַ ווייב. האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער זיצט אויפן באַרג און גיט אַכטונג, צי משיח קומט נישט און אַז ער וועט קומען, וועט ער אָנזאָגן די בשורה. פרעגט אים דער רב: — וויפל באַקומסטו שכירות דערפאַר? ענטפערט ער: 5 רובל אַ חודש. קנייטשט זיך דער רב:

— 5 רובל אַ חודש? אַזוי ווייניק?

ענטפערט דער בחור:

— דער פּאָסטן איז אָבער אַן אייביקער...

מיר האַלטן דאָך ביי יעקב יודעלעוויטש, וואָס איז אַ גייענדיקע ענציקלאָ־פּעדיע און ער איז דער דעקאַן פון די יידישע שרייבער אין דרום־אַפריקע. האָט מען דערציילט, אַז ווען זיין פרוי, אָדער ווי ער רופט זי „זיין שוויגערס טאָכטער", איז געווען קראַנק, האָט מען אים געפרעגט, צי זי איז שוין בעסער, האָט ער געענטפערט:

— געזינטער, אָבער נישט בעסער...

אַ פריינט האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער קומט זיך נישט אַ מאָל דורך צו אים, האָט ער אים געענטפערט:

— איך קען צו זיך נישט קומען, וועל איך קומען צו אייך...

דער צווייטער עלטסטער יידישער שרייבער איז אברהם דושייקאָ. ער איז שוין געוואָרן אַ בן־שמונים. ער געפינט זיך אין אַפריקע 50 יאָר, און באַלד ווי ער איז געקומען אַהער אין יאָר 1908, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וואָ־כנצייטונג און ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן פון איר נישט מער ווי דריי נומערן. ער דערציילט מיר אַ מאָדנע געשיכטע: ער איז געווען אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון „דווקא", שלמה סוסקאָוויטשעס צייטשריפט פאַר דעם פילאָסאָ־פישן עסיי. אויסשרייבן פלעגט דעם זשורנאַל איינער אַ בוכהענדלער, איז ער געשטאָרבן, באַקומט ער שוין מער נישט „דווקא". דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז נישט נאָר ווען אַ לייענער פון יידישן וואָרט שטאַרבט געפינט זיך נישט קיין צווייטער אויף זיין פּלאַץ. איך וועל בעטן סוסקאָוויטשן, אַז ער זאָל דעם דאָזיקן פּיאָנער פון יידישן וואָרט אין דרום־אַפריקע שיקן „דווקא" און איך פאַרזיכער, אַז ער וועט באַצאָלן דעם אַבאָנענטן־פּרייז. אַז ה' דושייקאָ וועט האָבן דעם זשורנאַל, וועלן אים אַ סך יאָהאַנעסבורגער יידן לייענען, וואָרעם פּראָפּאָרציאָנעל זענען דאָ פאַראַן גוטע לייענער מער ווי אין אַ סך יידישע ישובים און אפשר טאַקע ווי אין אַלע ישובים.

איך שרייב אָט דעם מאמר לויז, כמעט ווי אַן אַ טעמע. זאָל זיין ווי אַן אַריינפיר צו דער סעריע אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן אין דרום־אַפריקע. עס איז פאַראַן וועגן וואָס צו דערציילן. עס איז פאַראַן אַ שיינער קיום פון יידישן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך ווייס נישט, צי 10 טויזנט קינדער אין לאַנד, אייב נישט מער באַזוכן יידישע שולן. אין די דאָזיקע שולן לערנט מען נאָר העברעיש און זיי פאַרקניפּן זיך נישט מיט די יידישע היימען, ווו מען רעדט נאָך יידיש, אָבער נאָך נישט קיין העברעיש; און שולן אין וועלכע מען לערנט

יידיש זענען נישט פאַראַן מער ווי צוויי. קיום איז פאַראַן און מען דאַרף מודה זיין, אַז אין די קולטור־פעדעראַציע הערט מען נישט נאָר אַ לעקציע וועגן יידישער ליטעראַטור פון אַ גאַסט, אָדער פון אַן אייגענעם, נאָר מען פאַרברענגט אין היימישע קרייזן מיט אַ יידיש וואָרט און אַ יידיש ליד און אַ יידישן ניגון. מען דאַרף הערן, ווי די האַרטע ליטוואַקעס פון יאָהאַנעסבורג זינגען אַ חסידישן ניגון, און מען דאַרף הערן מיט וויפל ברען אָט־אָ די פּיי־ערדיקע יידישיסטן זינגען אַ העברעיש ליד.

און אויב דער ציוניזם פון אַלע ריכטונגען גיט זיך דאָ אָפּ בלויז מיט זאַמלען געלט און מיט „שרייבן טשעקן", זענען פאַראַן אַ סך מער אָדער ווי־ניקער רעליגיעזע יידן, וואָס פילן אַן די שילן צום דאַוונען און פילן אויס זייער לעבן און זייערע היימען מיט פרומער יידישקייט און זיי זענען מחנך זייערע קינדער דערמיט, וואָס זיי פירן זיי אין די שילן און בתי־מדרשים און פּראַוועם זיי בר־מצוות. איך וועל וועגן דער יידישקייט פון יאָהאַנעסבורג מוזן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען. און אָט די שורות וועלן דינען ווי אַן אַריינפיר. און דערווייל רייס איך איבער דאָס שרייבן אַרטיקלען אויף עטלעכע טעג, ווייל איך פאָר אַוועק אין גיים־רעזערוו, וואָס איז דער גרעסטער רעזערוואַט פאַר חיות אין דער גאַנצער וועלט. מען פאָרט אַריין מיטן פאַרקאַוועטן אויטאָ גלייך אין וואַלד אַריין און מען זעט די חיות, ווי זיי לעבן זיך פריי און מערדעריש. געוויינלעך זעט מען חיות פאַרשפאַרט אין אַ שטייג און דער מענטש איז פריי, דאָ מאַכט מען עס פאַרקערט: דער מענטש איז פאַרשפאַרט אין אַ שטייג און ער פאָרט זען די חיות אויף דער פריי. דער גיים־רעזערוו איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ ארץ־ישראל, און ווען חיים ווייצמאַן איז דאָרט געווען, האָט ער געזאָגט:

— די חיות גיט מען אַן ארץ־חיות און יידן ארץ־ישראל גיט מען נישט...

— 19 —

איך זע חיות אין אַפריקע

א.

די רייזע קיין „גיים רעזערוו"

אַז מען קומט קיין דרום־אַפריקע, פרעגט מען קודם־כל אויף דעם באַ־רימטן רעזערוואַט פון די חיות; אַ פּלאַץ, וווּ די חיות לויפן אַרום פראַנק און פריי און מענטשן קומען זיי אָנקוקן אין גוט־פאַרמאַכטע אויטאָס. מען דער־

הייסט זיך, אַז דער דאָזיקער רעזערוואַט הייסט צוויי נעמען: 1) גיים רעזערוו, וואָס מיינט: רעזערוואַט פאַר גאָטס באַשעפעניש; 2) ניישאַנאַל קרוגער־פּאַרק, — נאַציאָנאַלער קרוגער־פּאַרק. פון מיינע פריערדיקע אַרטיקלען ווייסט איר שוין, אַז פּאַול קרוגער איז געווען פּרעזידענט פון דרום־אַפריקע און דער העלד פון ענגליש־בורישן קריג. ער איז געווען דער העלד פון די בורן, וועלכע האָבן דעם קריג פריער פאַרלוירן און שפּעטער סוף־כל־סוף געוווּנען. מען דערציילט וועגן אים, אַז מען האָט אים צוגעטיילט דעם כבוד צו עפענען אַ יידיש געבעט־הויז (שיל) ביי אַ חנוכת־הבית, האָט ער געזאָגט, אַז ער עפנט די יידישע סינאַגאָגע אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס... נישט דאָס בין איך אויסן.

ואַני, און איך, האָב נישט געהאַנדלט אַנדערש ווי אַלע וואָס קומען קיין דרום־אַפריקע און איך האָב דערקלערט מיינע גאַסטגעבער, אַז אויב זיי וועלן מיך נישט פירן „צו די חיות״, וועל איך אַליין אַוועקגיין אַהין צו־פוס, און מען האָט מיך נישט געלאָזט גיין צו־פוס. ווי זאָגט דאָס רוסישע ווערטל: „די וועלט איז נישט אָן גוטע מענטשן״. מען האָט באַלד אָנגעפרעגט „דאָרט״, צי ס'איז דאָ פּלאַץ אין אַ האָטעל, אָדער כאָטש אין אַ „באַנגאַלאָו״ (אַזאַ געצעלט); ווייל דער רעזערוואַט געפינט זיך גאַנץ ווייטלעך פון יאָהאַנעסבורג און מען דאַרף קומען אַהין מיט אַן אייגענעם אויטאָ אויף אַ פּאָר טעג און מען דאַרף זיין באַזאָרגט מיט נאַכטגעלעגער. איז פּונקט געווען וואַקאַציע־צייט, ווען מען פאָרט אַ סך „צו די חיות״ און אַלע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען. האָט מען זיך נישט געפוילט און ספּעציעל אינטערוועניִרט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַסט, וואָס איז קאַטאָרי, כמעט אַן אָפיציעלער און ער קען נישט און טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד נישט האָבנדיק געזען גאָטס באַשעפעניש, און קוים מיט צרות האָט מען געקראָגן דריי פּלעצער אין „באַנגאַלאָו״ פאַר דעם, וואָס שרייבט איך און זיינע צוויי באַגלייטער. די געשיכטע האָט געדויערט דריי וואָכן, און איצטער, ווען די סענסאַציאָנעלע רייזע האַלט אין פאַרענדיקט ווערן, בין איך שוין אין לאַנד טאַקע גאַנצע 4 וואָכן.

ויהי ערב, ויהי בוקר. ס'איז געווען אין אַ זונטיק פאַרטאָג, קרוב צו זעקס אַזייגער. געפאָרן מיט מיר זענען ז. לעווי, דער פּרעזידענט פון דער יידישער קולטורפעדעראַציע אין דרום־אַפריקע און ראובן זיגלבוים, אַ באַוווּסטער רעציטאַטאָר און פון צייט צו צייט אויך אַ שרייבער, וואָס איז איינער פון די פיר לעבן־געבליבענע ברידער פון באַוווּסטן קדוש אַרטור זיגלבוים. דער לעצטער, ס'הייסט ראובן זיגלבוים, איז געווען דער דאָזיקער וואָס האָט „אָנגעזאָטלט״ זיין פיינעם אויטאָ און ער אַליין איז טאַקע געווען דער

נהג (נאַהאַג), דער שאָפער הייסט עס, און ער האָט אונדז געפירט. ער האָט טאַקע גענומען אויף זיך די מי פון צוגרייטן די גאַנצע רייזע.

און צוגרייטן האָט מען געדאַרפט אַ סך. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן צידה לדרך. אַז דריי מענטשן לאָזן זיך אין אַ וועג אַריין, וואָס דאַרף געדויערן לכל־הפחות זיבן שעה, און עס איז זונטיק און אין וועג איז אַלצדינג פאַר־מאַכט, דאַרף מען צוגרייטן אכילה ושתיה. און עס איז געווען גרייט כיד המלך. חוץ דעם בין איך אַ גרינער און איך האָב נישט די מלבושים, וואָס מען דאַרף פאַר אַזאַ רייזע. מען דאַרף האָבן אַן אָפן העמדל מיט קורצע אַרבל און קורצע הייזלעך, און פונקט דאָס האָב איך נישט מיטגענומען. און מען מוז דאָס נייטיק האָבן, ווייל אין רעזערוואַט פאַרט מען אין אַ גוט־פאַרמאַכטן אויטאָ און ס'הערשט דאָרט אַן אמתדיקע אַפריקאַנער היץ. האָט ראובן זיגל־בוים מיר באַזאָרגט אַ פּאָר קורצע הייזלעך און אַן אָפן העמדל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט די זאַכן געוואָלט קויפן ביי אַ יידן און גראָד איז עס געווען אַ ייד, וואָס האָט מיך געהערט ריידן, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. האָב איך שוין געקראָגן די ערשטע מתנה אין אַפריקע. און אפשר נישט די ערשטע... די הייזלעך זענען באַלד געווען גוט, אָבער דאָס העמדל איז צו קליין. האָט מיין פריינט פייגעלע טאַבאַטשניק, די קלוגע פרוי פון מיין גוטן פריינט מענדל טאַבאַטשניק, געהערט, אַז דאָס העמדל איז צו קליין, האָט זי מיר באַלד געקויפט צוויי העמדלעך, וואָס זענען געווען פונקט גוט. און דער ייד, וואָס איך ווייס נישט זיין נאָמען (אויב ער איז נישט אויסגעטראַכט פון „רוויקע" זיגלבוים), האָט צוגעשיקט אַ גרעסער העמדל און איך האָב שוין געהאַט אין מיין באַגאַזש דריי אָפענע העמדלעך און איין קורצע פּאָר הויזן.

און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין יאָהאַנעסבורג איז ביים אַרויספאָרן געווען קיל און מיר זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע הויזן, העמדער מיט אַרבל און מיט רעקלעך. און ס'איז אַ לאַנגע צייט געווען קיל און ס'האָט אונטערגערעגנט. איך האָב זיך געוויצלט און געקיבעצט מיינע קורצע הייזלעך און געזאָגט, אַז זיי וועלן ליידן אַ בושה.

ראובן זיגלבוים האָט אַ לאָז געטאָן זיין ענגלישן „וואָקס־האָל"־אויטאָ אויף דעם אַספאַלטירטן וועג, אַז מיר זענען ממש געפלויגן. ער איז געפאָרן קרוב צו אַכציק מייל (אַ 128 קילאָמעטער) אַ שעה און ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז צו מיטיק וועלן מיר זיין אין „גיים רעזערוו" און נאָך מיטיק וועלן מיר אַ דרימל טאָן און זיך לאָזן צו די חיות. און מיר האָבן געכאַפּט אַ קוק מיט אַ שמועס אינאיינעם. פאַר מיינע באַגלייטער איז דער וועג נישט געווען

קיין נאָווינע. זיי זענען שוין אויף אים געפאָרן צו עטלעכע מאָל. פאַר מיר איז אַלץ געווען ניי. דער אַספּאַלטירטער וועג איז נישט אַנדערש ווי דער שאָסיי פון בוענאָס־איירעס קיין מאַר־דעל־פּלאַטאַ און אַוודאי נישט אַנדערש ווי דער „כביש" אין ישראל. די וועלדלעך, וואָס מען טרעפט אין וועג זענען אָבער אַנדערש. די ביימער זענען לכבוד פרילינג באַדעקט מיט גרינס. אָבער עס זענען פאַראַן אַ סך ביימער, וואָס זענען באַדעקט מיט אַ העל־בלויען געבלי־מעכץ, וואָס פאַלט אַריין אין רויט, און די פאַרביקייט זייערע רייסט שטיקער. דאָס דאָזיקע געבלימעכץ איז אייגנטלעך אַן אַפריקאַנער בעז. אַנדערש אַ ביסל ווי בעז אין דער אַלטער היים, אָבער נישט קיין סך אַנדערש. און איך דער־מאָן זיך, אַז אין רוסלאַנד האָט מען דאָס דאָזיקע בלימעכץ גערופן „סירעני" און אין רומעניע „ליליאַק". איך פרעג נישט ווי אַזוי עס הייסט אויף ענגליש און אויף אַפריקאַאַן. וואָס גייט מיך אָן ווי אַזוי עס הייסט? מיינע לייענער ווייסן וואָס איך מיין און זיי זעען די דאָזיקע שיינקייט פון פרי:ען פרילינג. דאָס געבליעכץ הייבט שוין אָן אַראָפּצופאַלן און די ערד איז באַהעקט מיט אַ בלוי־רויטלעכן העלן קאָליר. נישט נאָר די לופט איז פול מיט געבלימעכץ, נאָר אויך די ערד איז מיט דעם באַדעקט און פול. אין געדאַנק זינגט זיך אַזש:

— און די ערד באַדעקט מיט בלומען...

איך הער זיך צו צום שמועס פון מיינע באַגלייטער, וואָס לעבן מיט לי־טעראַטור בכלל און באַזונדערס מיט יידישער ליטעראַטור. זיי פירן אַ יידישן שרייבער, אַ גאַסט פון אַרגענטינע, זען חיות און זיי ווילן ביי מיר וויסן, ווע־מען איך האַלט פאַר גרעסער — מאַנגערן, צי גלאַטשטיינען, אויערבאַכן, גראַדען, סוצקעווערן, צי יעקב פרידמאַן... גלייך מען קען נעמען אַ מעטער, אַ יאַרד, אָדער אַן אַרשין און פּינקטלעך אויסמעסטן ווער ס'איז גרעסער. און דער אויטאָ דערוויל לויפט.

מיר זענען אַזוי אָפּגעלאָפן הונדערט מייל און מיר זענען ביי אַ מיטעלער שטאָט, וואָס הייסט וויטביינק. מען אינפאָרמירט מיר, אַז עס געפינען זיך דאָרט 80 יידישע משפחות. עס זענען געווען מערער, אָבער אַ סך זענען אַרויסגעפאָרן אין גרעסערע שטעט. אַמאָל איז מען קיין וויטביינק געפאָרן האַלטן לעקציעס, היינט דאַרף מען זיי שוין נישט... איבער דער דאָזיקער שטאָט זענען פאַראַן שוואַרצע בערג. פאַרוואָס זענען זיי אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן די דאָזיקע בערג? ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען קוילן־גרובן. עס איז די הויפּט־געגנט פון קוילן־גרובן אין לאַנד, און דערפאַר איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אַזאַ היפּשע שטאָט. די שטעט ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד געבויט

לעבן די מינעס. האָבן מיר דאָך געשמועסט, אַז יאָהאַנעסבורג אַליין, וואָס זאָל שוין האָבן אַ מיליאָן מיט אַ פערטל איינוווינער, איז אויסגעבויט געוואָרן, ווייל עס זענען דאָרט אַנטדעקט געוואָרן גאָלדמינעס.

דער וועג האָט אָנגעהויבן ווערן מאָנאָטאָן. אַ גלייכער וועג, דאָ און דאָרט מיט אַ וועלדל. אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט עס די דורכשניטלעכע אַרגענטינער לאַנדשאַפט, נאָר די פאַרבן זענען העלער און פּרעכטיקער. די אַפריקאַנער זון שאַפט מער שרייענדיקע פאַרבן ביי די געוויקסן.

אָבער נישט לאַנג איז געווען די מאָנאָטאָנקייט. עס האָבן זיך באַוויזן בערגלעך, אַ גאַנצע ריי בערגלעך געקייטלט איינס אין אַנדערן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ס'האָבן זיך אין אַ קיילעך צונויפגענומען אַ פּאָר צענדליק בערגלעך און זיי האַלטן אָפּ אַן אַסיפה. מיר זענען געפאָרן אויפן אַספאַלטירטן וועג צווישן די בערג און זיי, די בערג, זענען געווען אַרום אונדז. און דער וועג, דער שאָסיי הייסט עס, האָט זיך אַריינגעשניטן אין די בערג אַריין. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר פאָרן אַריין אָט אין איין באַרג אַריין, אָט אין אַ צווייטן. עס האָט זיך אַזש געגלוסט צו הערן, וואָס אַזוינס די בערג ריידן און וואָס זיי זאָגן אונדז.

עס איז געוואָרן וואַרעמער, עס איז טאַקע געוואָרן הייס. די גאַנצע צייט האָט זיך געדאַכט, אַז מיר פאָרן באַרג־אַרויף און מיר זענען טאַקע אַ סך מאָל אויך געפאָרן באַרג־אַרויף, אָבער אין תוך אַריין זענען מיר מער געפאָרן באַרג־אַראָפּ. מיר זענען געווען נידעריקער אויף קרוב צו דריי טויזנט פוס ווי אין יאָהאַנעסבורג, נידעריקער מיט קרוב צו טויזנט מעטער. און מיר האָבן דערפילט די אמתדיקע אַפריקאַנער היץ. מען האָט שוין געדאַרפט האָבן די קורצע הויזן, ווייל די לאַנגע הויזן האָבן זיך שוין געקלעפּט צו די פיס. די געוויקסן זענען געוואָרן אַלץ פאַרביקער. מען איז אין אַפּ־רי־קע... מיר זענען שוין ביים גרויסן רעזערוואַט פון די חיות און מיינע באַגלייטער דערמאָנען מיר, אַז דער רעזערוואַט איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ מדינת־ישראל. און זיי דערמאָנען מיר חיים וויצמאַנס וואָרט. ער האָט געזאָגט:

— איר, אַפריקאַנער, דאַרפט אונדז פאַרשטיין. איר האָט דאָך אַפילו פאַר די חיות אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אונדזער לאַנד, וועלכעס מען וויל אונדז ערשט נישט געבן.

און מיר באַגעגענען ביים אַריינקומען אַ גאַנצע משפחה מיט מאַלפּעס. צוויי גרויסע מאַלפּעס און סך קליינע מאַלפּעלעך. דער פאָטער פון דער משפּחה זעצט זיך אַרויף אויף אַ מין שטיין און ער זעט אויס ווי אַ פיגור אויף אַ מאָנומענט; אַ מאָנומענט דעם שבט פון די מאַלפּעס, וואָס זענען, לויט דאַרווינען, די טאַטעס פון דער מענטשהייט!

ב.

איך זע שפּרינגען בעקעלעך און לערן זיך ביים זשיראַף

— וואָס זשע איז „גיים רעזערוו".

— ערשטנס וויל איך בעטן מיינע לייענער, אַז זיי זאָלן זאָגן „געים רע־זערוו". איבערהויפּט מיינע פּוילישע לייענער, ווען זיי וועלן זען „גיים", וועלן זיי באַלד זאָגן „גאַים" און מען דאַרף זאָגן „געים". אויף ענגליש מיינט „געים" יעדע באַשעפעניש, אויסער אַ מענטש.

און רעזערוו מיינט אַ רעזערוואַט. און „גיים רעזערוו" — אַ חיות־רע־זערוואַט. און אַז איר ווייסט שוין ווי אַזוי מען רופט עס, וועל איך אייך זאָגן, אַז „גיים רעזערוו" איז אַ גרויסער וואַלד ווו עס געפינען זיך אַ סך חיות; עס געפינען זיך דאָרט איבערהויפּט די אַלע חיות, וואָס זענען דאָ אין אַפריקע. עס איז דאָרט דאָ פון אַ שפּרינג־באָק, וואָס איז אייגנטלעך אַ כשר בהמהלע און אַן אומשולדיק חיהלע, וואָס קוקט מיט דער נאַיוויסטער האַרציקייט אויף גאָטס וועלט מיט דער שוואַרץ־גרינער ערד, ביז צום העלפאַנט, וואָס איז די גרעסטע און שטאַרקסטע חיה צום פאַרטיידיקן זיך, און ביז צו דעם לייב, וואָס איז די שטאַרקסטע חיה צום אַנגרייפן. די אַלע חיות זענען געווען אין אַ סך וועלדער און מען האָט זיי פּאַוואָליע צונויפגערוקט אין איין ריזיקן וואַלד פון שיינע עטלעכע הונדערט קוואַדראַט מייל. אַזוי פיל פּלאַץ גיט מען אָפּ די חיות! און אָט דעם דאָזיקן וואַלד האָט מען אַרומגעצוימט און מען האָט אים געמאַכט, אַז די חיות זאָלן נישט אַרויס, ווייל חיות האָבן עמיגראַציע־לוסט אַלצאיינס ווי מענטשן. און אַ דאַנק דעם אַרומצוימען איז דער וואַלד פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ רעזערוואַט, וואָרעם אַ רעזערוואַט מיינט אייגנטלעך אַן אַרומגעצוימט פּלאַץ.

דער „גיים רעזערוו" געפינט זיך אין מזרח פון טראַנסוואַל. (איך האָב אייך שוין געשריבן, אַז דרום־אַפריקע באַשטייט פון 4 פּראָווינצן: טראַנסוואַל, קייפּטאַון, פרייסטאַט און נאַטאַל). דער באַלעבאָס איבער דעם דאָזיקן גרעס־טן חיות־רעזערוואַט אין דער וועלט איז די דרום־אַפריקאַנער רעגירונג. בכדי צו פאָרן אין דעם דאָזיקן וואַלד, דאַרף מען בעטן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג. און אַז ס'איז דאָ פּלאַץ אין די האָטעלן, אָדער מאָטעלן פון אַרום, גיט די רעגירונג אַ דערלויבעניש, און אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, הייסט זי זיך רעגיסטרירן און וואַרטן אין דער ריי. מיר האָבן באַקומען פּלאַץ נישט אין קיין האָטעל, נאָר אין אַ מאָטעל. דאָס איז אַ פּלאַץ, וואָס דערמאָנט אין אַ

נאָרד־אַמעריקאַנער זומער־קעמפּ. עס געפינען זיך דאָרט נישט קיין צימערן, נאָר באַנגעלאָעס, דאָס זענען אַזעלכע געצעלטלעך, אָבער שוין נישט פון ברע־זענט, נאָר אויסגעבויטע. דעכער האָבן זיי פון אַ מין פעסטן שטרוי און די דעכער זענען קיילעכיק. פון דרויסן זעען די דעכער אויס ווי קיילעכדיקע היטלען און אינעווייניק זעען זיי אויס ווי גרויסע שטרויענע קאַפּעליושן, וואָס האָבן אַ שפּיץ אַרויף. אַלץ איז דאָ פּרימיטיוו. קיין שטראָמיקער וואַסער איז אין אינעווייניק אין געצעלט נישט פאַראַן. מען ברענגט דיר אַריין אַ שיסל, אַן עמער און אַ קרוג מיט וואַסער. אין עמער אַריין גיסט מען די אויסגענוצ־טע וואַסער. אונטערן בעט שטייט אַ געוויסע קיילעכדיקע כלי, ווייל מען רע־קאָמענדירט נישט אַרויסצוגיין ביינאַכט. און „ביינאַכט" איז דער פּירוש — נאָך 10 אַזייגער אָפּיציעל, אָבער פּאַקטיש נאָך 9 אַזייגער. צו אָט דער צייט איז שוין יעדער אין „באַנגעלאָו". מיר, די דריי יידישע פּאַרשוינען, מיין זוויניקייט און מיין „בעל־עגלה" ראובן זיגלבוים און דער פּאָרזיצער פון דער קולטור־פעדעראַציע זלמן לעווי, פלעגן אַרומגיין שפּאַצירן ביז 10 אַזייגער. 5 אַזייגער פּאַרטאָג זענען מיר שוין געהאַט אויפגעשטאַנען און האַלב זעקס האָבן מיר שוין געהאַלטן נאָך דער קאַווע און מיר זענען שוין געפאָרן אין וואַלד אַריין.

דאַרף איך אייך שוין נישט לאַנג ברייען און אייך מיטנעמען אין וואַלד אַריין. איך מוז אייך נאָר נאָך דערציילן, אַז ס'איז כדאי מיטצונעמען וואָס מער שפּייז און געטראַנקען, ווען מען פאָרט קיין „גיים רעזערוו". מיר האָבן מיט־גענומען אַזוי פיל, אַז דעם ערשטן מיטיק האָבן מיר נישט געדאַרפט עסן אין דאָרטיקן רעסטאָראַן, נאָר מיר האָבן געגעסן דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך. אויך אַ וויסקי און אַ קאָניאַק האָבן מיר געהאַט. און די גאַנצע צייט פאַר דער רייזע האָבן מיר געהאַט גענוג פּרוכט צו אונטערלעגען די הערצער און אַ קיכעלע אויך, וואָס די פרוי פון ראובן זיגעלבוים האָט פּערזענלעך אָפּגעבאַקן און מיטגעגעבן.

און איצטער לאָזן מיר זיך שוין טאַקע אין וואַלד אַריין. ס'איז זונטיק נאָך מיטיק, דריי אַזייגער. די דאַטע איז נישט נייטיק צו פאַרשרייבן, אָבער מיר וועלן צוגעבן, אַז ס'איז אַ זונטיק פון מיטן אָקטאָבער, וואָס דאָס מיינט אין מיטן פרילינג. ס'איז אין דרום־אַפריקע דער זעלביקער קאַלענדאַר, וואָס אין אַרגענטינע. על־פּי חשבון דאַרף שוין זיין גאָר שטאַרק הייס, אָבער קיין אומדערטרעגלעכע היץ איז נישט געווען. ס'איז געווען גענוג הייס צו דאַרפן טראָגן קורצע הייזלעך, אַן אָפּן העמדל און סאַנדאַלן אָן זאָקן, אָבער — צום דערטראָגן. פאָרן מיר אַריין.

— ווי אַזוי?

— גאַנץ פּשוט! אַזוי ווי מען פאָרט אַרויס פונעם טויער פון דעם קעמפּ (קאַמפּינג) איז שוין דער וואַלד. און ער זעט אויס אַזוי־אַ: פון איין זייט וואַלד און פון דער צווייטער זייט וואַלד און אין דער מיט — אַן אַספּאַלטירטער וועג. און דו האָסט דעם איינדרוק, אַז דו ביסט ערגעץ אין אַ שטיל און איי־דיליש פּלאַץ. דער וואַלד זעט אויס שטיל און רויק. ער האָט ביימער. אייניקע זענען באַדעקט מיט בלעטער, אַנדערע זענען נאַקעט; אייניקע שטייען גלייך, אַנדערע זענען אויסגעריסענע און איבערגעקערטע. און מען דערקלערט מיר, אַז די העלפאַנטן האָבן אַ טבע, אַז זיי שפּאַרן זיך אָן אין די ביימער און קערן זיי איבער. און זיי טוען דאָס דאָזיקע נישט סתם פאַר באַקוועמלעכקייט, נאָר ווייל אונטער די וואָרצלען פון די ביימער איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך, וואָס שמעקט זיי שטאַרק און זיי האָבן דאָס ליב צו עסן. מסתמא זענען נאָך דאָ חיות, וואָס קערן איבער ביימער.

פאָרן מיר אויפן אַספּאַלטירטן וועג. מיר לאָזן זיך אין אַזאַ שטרעקע, וואָס ציט זיך אַוועק 39 מייל. איבער 60 קילאָמעטער אַהין און אַריבער 60 קילאָ־מעטער צוריק. מיר פאָרן פּאַוואָליע. מיר האָבן צייט פאַר דער דאָזיקער רייזע אַ פערטהאַלבן שעה. און אויב עס וועט ווערן שפּעט — ווייל 6.30 אַזייגער מוז מען שוין זיין צוריק אין געצעלט — וועלן מיר זיך אומקערן פון מיטן וועג און מאָרגן וועלן מיר פאַרענדיקן. און אַז מיר זענען שוין אין וואַלד, פרעגט מיך איינער פון מיינע באַגלייטער, וואָס איך וויל זען. בין איך דאָך שוין געוווינט צו קיבעץ, און דערצו פאַר איך מיט איינעם, וואָס איז טאַקע „נאָר" אַ פּוילישער, אָבער אַ מענטש מיט נייגונג צו קיבעץ און דער צווייטער איז אַ האַרטער און געבראָטענער ליטוואַק, אָדער טאַקע אַ „לוטוואַק" ווי מען פלעגט ביי אונדז אין בעסאַראַביע זאָגן. ענטפער איך:

— אויב מ'קען באַשטעלן וואָס מען וויל זען, האָט מען מיך געדאַרפט פרעגן באַלד ווען מען האָט פאַרזאָרגט די פּלעצער, אַז איך, דער גאַסט דער און דער וויל זען די און די חיות...

ענטפערן זיי מיר גאַנץ פּשוט:

— ווייל מ'קען אַ מאָל אָפּפאָרן אַ פּאָר טעג און גאָרנישט זען און אַהיים פאָרן מיט אַ נאָז. עס האָבן שוין פּאַסירט אַזעלכע זאַכן. עס זענען פאַראַן צייטן (סיי אין יאָר און סיי אין טאָג) ווען די חיות ליגן באַהאַלטן; אַ מאָל, ווייל עס איז זיי צו הייס, און אַ מאָל, ווייל עס איז זיי צו קאַלט. אַזוי אַרום, אַז איר דאַרפט זיך ריכטן, חלילה, גאָרנישט צו זען און אַהיים קומען מיט אַ נאָז און דערציילן די יידן פון אַרגענטינע, אַז אין גיים־רעזערוו פון דרום־אַפריקע איז לא דובים ולא יער — נישטאָ קיין וואַלד און נישטאָ קיין חיות.

האָב איך שוין געמוזט ענטפערן:

— איך בין גרייט אויף אַלץ אין דער וועלט.

פאָרן מיר, לאַנגזאַם פאַרשטייט זיך. אין איניקע ערטער מעג מען פאָרן 10 מייל אַ שעה, אין אַנדערע ערטער — 20, אָבער מיר מאַכן קיין 5 מייל אייך נישט. מיר קוקן מער ווי מיר פאָרן. און דערווייל — גאָרנישט. אַן אַס־פאַלטירטער וועג, וואַלד פון ביידע זייטן און ווייטער גאָרנישט. האָט גאָט אויף אונדז רחמנות און עס באַווייזן זיך שפּרינגבאָקעלעך קליינע, צאַרטע באָקע־לעך, וועלכע מען רופט אויך בעקעלעך. צום מערסטן האָבן זיי אַ העל־געלע פעל און דינע עקעלעך, וואָס מען זעט קוים אָן. זיי האָבן די גראַציעזסטע פיסלעך, וואָס אַ חיה, אָדער אַ בהמה האָט און זיי שפּרינגען אַזוי, גלייך זיי וואָלטן געגעבן אַ פלי ביי יעדן שפּרונג. שלום אַש האָט געשריבן, אַז די אייז־לען האָבן די גראַציעזסטע פיס און איך וואָלט מיטן לעבעדיקן שלום אַש פאַ־לעמיזירט און איך וואָלט אים דערוויזן, אַז די גראַציעזסטע פיסלעך האָבן די־שפּרינגבעק. און אויגן האָבן זיי, די דאָזיקע בעק, וווּנדערלעכע אויגן: גרויסע און ברוינע, וואָס קוקן אַזוי אומשולדיק אויף גאָטס וועלט, אַז עס ווערט אַזש גוט אויפן האַרצן. עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז די באָקעלעך קוקן דיר אַריין אין דער נשמה אַריין און זיי פרעגן:

— אַ־יאָ, וועסט אונדז נישט קיין שלעכטס טאָן. מיר זענען דאָך אַזוי שטיל און אומשולדיק...

אָבער פאַר מער זיכערקייט פאַרלאָזן זיי דעם וועג און זיי שפּרינגען אַוועק אין דער זייט וואַלד, אָדער אין דער צווייטער זייט. זיי גיבן גלייך אַ מעסט אויס מיט די אייגעלעך וווהין עס איז נענטער און זיי פליִען ממש אַרויף, און אַז זיי זענען אויבן, לויפן זיי נאָך אַלץ אַרויף. אויפן זינען קומט מיר דאָס לידל „וואָס טוט אַ מיידל אַליין אין וואַלד?". וואָס טוען אַזעלכע באָקעלעך אין וואַלד מיט גרויסע און ווילדע חיות? זיי עסן דאָך נישט מער ווי גראָז און זיי טשעפּען אַפילו נישט קיין ווערעמל און קיין מוראַשקע! איז דער תירוץ פון אויבן אויף: די דאָזיקע קליינע, אומשולדיקע חיהלעך זענען שפּייז פאַר ג־־עסערע און שלעכטע חיות, וואָס עסן פלייש. מ׳קען מיינען, אַז אַ לייב וועט נישט גיין „קעמפן" מיט אַ שפּרינגבאָק און אים אויפעסן. עס וועט אים דאָך קלעקן אויף אַ באַקצאַן. עמיצער האָט טאַקע געזאָגט צום גראַם:

דאָס בעקל
קלעקט דעם לייב אויף איין בעקל.

אָבער עס איז נישט אַזוי די מעשה! אַז עס ווייזט זיך נישט עפּעס אַנדערש ווי בעקעלעך, עסן זיי די לייבן. ווי זאָגט געטע אין „פאַוסט": „אין אַ נויט

עסט דער טייוול פליגן...״ און עס זענען דאָך פאַראַן געגנוג קלענערע חיות ווי דער לייב, וואָס פרעסן לעבעדיקע באַשעפענישן. איר מיינט טאָקע, אַז דער מענטש איז די איינציקע „שטאַרקע״ באַשעפעניש, וואָס מאַכט אַ סטראַטעגישן איבערפאַל אויף דעם שוואַכערן? די חיות טוען עס אויך. און מען דערקלערט מיר, אַז עס איז פאַראַן אַ נישט גרויסע, אָבער גענוג פלייש־פרעסערישע חיה, וואָס הייסט — טשיטאַ (זי איז פון דער טיגער און לעמפּערט־משפּחה), וואָס פאַרנאַרט צענדליקער בעקעלעך אויף אַ מאָל און צעררייסט זיי און מאַכט אַ סעודה פון זיי, צו וועלכער זי פאַרבעט קרובים און פריינט.

טרעפן מיר איין סטאַדע שפּרינגבעקעלעך, אַ צווייטע און מיר באַוווּנדערן זייער שפּרינגען, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון אַ פלי, און זייערע אויגן, וואָס האָבן אין זיך נאַיִוויטעט און איבערגעשראָקנקייט פון 14־יאָריקע מיידלעך, און מיר מיינען, אַז דעם ערשטן בייטאָג וועלן מיר שוין מער נישט זען. און איך בין שוין גרייט צו זאָגן „ברוך ה׳ יום יום״ — גאָט צו דאַנק דערפאַר. און אין האַרצן טראַכט איך: וואָס פאַר אַ תפילה זאָגט מען, אַז די אמתדיקע חיות זאָלן זיך באַווייזן?

און פּלוצים — שאַ! דער אויטאָ פאַרט פּאַוואָליע און שטיל, קוים וואָס ער רירט אָן די ערד. עס האָט זיך באַוויזן אַ זשיראַף. ס׳הייסט: ער איז געווען פריִער, נאָר מיר זענען איצטער צוגעקומען צו אים. עס איז נאָך אַלץ נישט קיין שטאַרק ווילדע חיה, אָבער אַ געגנוג שטאַרקע. זי וועט דיך נישט פאַרטשעפּען, ווייל זי איז אַ וועגעטאַרישע. זי עסט נאָר גראָז. אָבער פּרווו פאַרטשעפּע זי. דעמאָלט איז חיות נישט זיכער. זי וועט דיך דערלאַנגען מיט אַ פוס און מיטן עק און איבערהויפּט מיטן האַלדז. זי האָט אַ האַלדז, וואָס איז אַזוי הויך ווי אַ גאָר הויכע באַשעפעניש. זי גייט מיט אים ביז צום שפּיץ פון אַ גאָר הויכן בוים. און זי האָט אַ געפלעקטע פעל, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אין אַ טיגער, אָדער לעמפּערט, אָבער דאָך אַנדערש. דער זשיראַף איז זיך געשטאַנען מיטן שפּיץ האַלדז און מיטן מויל ביי אַ גאַנץ הויכן בוים און האָט געגעסן די בלעטער. און אַז ער האָט שוין אויפגעגעסן די אַלע בלעטער זיינע, האָט ער דעם זעלביקן לאַנגן האַלדז אַנגעבויגן ביז צו דער ערד און דאָרט געזוכט גראָז און געפונען און געגעסן. אַזאַ הויכע חיה, אָבער צוליב דעם עסן בייגט זיך דער שטאָלצער זשיראַף, וואָס איז די העכסטע חיה, ביז צו דער ערד... און באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וואָס איז אים אַזוי הויך, אין צוגעשטעלט דאָס מויל צום שפּיץ פון אַ צווייטן בוים. אַ מאָל דאַרף מען זיך אויפהייבן צוליבן עסן און אַ מאָל דאַרף מען זיך אָנבייגן.

...איך האָב שוין געזען אַ סך זשיראַפן אין זאָאָלאָגישע גערטנער און אין

קינאַ. איך האָב אין קינאַ געזען, ווי שווער ס'איז זיי צו כאַפּן. זיי זענען ריזיק שטאַרק. אָבער קיין מאָל האָט מיך אַ זשיראַף נישט אַזוי עמאָציאָנירט, ווי אין ניים־רעזערוו, ווו איך האָב אים געזען אויף אַ מעטער די ווייט פון מיר. און איך האָב געלערנט פון אים אַ גרויסע תורה. פון יעדער חיה לערנט מען עפּעס. גאָט האָט באַשאַפן אָדמען נאָך אַלע חיות, בכדי ער זאָל ביי יעדערער פון זיי עפּעס לערנען. פון דעם זשיראַף האָב איך געלערנט: אַז ווען מען וויל עסן, דאַרף מען זיך אַ מאָל אויפהייבן און אַ מאָל אַראָפּלאָזן...

ג.

דעם אויטאָ האָט אויך גאָרנישט געשאַדט

מיר לאָזן איבער דעם זשיראַף און מיר ריידן וועגן דעם, אַז די דאָזיקע חיה האָט אַזאַ לאַנגן האַלדז, בכדי זי זאָל קענען עסן פון שפּיץ בוים. פאַר וואָס זשע האָבן די שפּרינגבאָקעלעך אַזעלכע גרויסע אויערן? און דער ענטפער קומט פון זיך אַליין: זיי זענען אַזוי שוואַך, אַז זיי דאַרפן שטאַרק הערן יעדן שאָרך. נישט איין מאָל ראַטעווען זיי די גרויסע אויערן פון אַ סכנה. און מיר באַשליסן, אַז פאַר איין בייטאָג האָבן מיר שוין געזען גענוג חיות, הגם אַזאַ שטאַרקע עמאָציע, אַז מיר יאָלן וועגן איר דאַרפן ריידן, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט. אונדזער געמיט איז דערוויילע פאַרכאַפּט נישט פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען, נאָר פון דעם וואָס מיר דאַרפן ערשט זען. און פון צייט צו צייט ריידן מיר נאָך וועגן ליטעראַטור, נישט וועגן זאָאָלאָגיע, הגם צוריק מיט אַ פאַר טעג האָט אונדז אַ פריינט דערציילט, אַז ער האָט געהערט אַ לעקציע פון אַ זאָאָלאָג, וואָס האָט גערעדט שיעור נישט ווי אַ טעאָלאָג און ער האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש נאָך אַלע חיות און ער האָט אים געגעבן די אייגנשאַפטן פון אַלע חיות. עס וואָלט דאָך געווען אַן אינטערעסאַנטע טעמע צו ריידן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן אַ מענטש האָט פון אַ שפּרינגבאָק און וואָס פאַראַ פון אַ זשיראַף. נישט אַנדערש, אַז פון אַ שפּרינגבאָק האָט ער געירשנט צו קענען זיין דער קרבן פון יעדן איינעם, וואָס איז שטאַרקער פון אים און פון אַ זשיראַף האָט ער די אייגנשאַפט, וואָס ער דאַרף זיך אַ מאָל אויפהויבן ביז צום שפּיץ בוים און אַ מאָל דאַרף ער זיך אַנבייגן ביז אין דער סאַמע ערד.

באַווייזן זיך פאַר אונדז זעברעס. דאָס זענען חיות וואָס זעען אויס ווי פעסטע, נישט הויכע פערד, טאַקע גאָר פעסטע און צומאָל גאָר נידעריקע. און זיי זענען געשטרייפט. זייער גאַנצער קערפער, העט ביז צום האַלדז אַריין,

איז געשטרייפט מיט אַזעלכע גלייכע פּאַסן, וואָס נעמען זיי אַרום. זיי זענען זייער עלעגאַנט און פאַרמאָגן אַ געוויסן רייץ. זיי האָבן אין זיך מענערישקייט. אַפילו די „זיס״ זענען ביי זיי מענעריש. עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען נישט קיין הויכע מענער, וואָס זענען עלעגאַנט געקליידט און זיי טראָגן געשטרייפטע היט און געשטרייפטע אַנצוגן. מיר האָבן געזען אַ גאַנצע סטאַדע און ס׳איז געווען שיין צו קוקן אויף זיי. און מען זאָגט מיר, אַז זיי האַלטן זיך שטענדיק אין סטאַדעס, בכדי צו קענען זיך פּאַרטיי־דיקן פאַר די חיות, וואָס זענען שטאַרקער און ווילדער פון זיי. די זשיראַפן האַלטן זיך אויך אָפט אין סטאַדעס, אָבער זייער אָפט זעט מען אויך איינצלנע פון זיי. אַפּנים, אַז זיי זענען אינדיווידואַליסטן. די זעברעס גייען שטענדיק מיט מחנות. זיי האָבן אויך די „זיס״ מיט זיך. און אָט ווי זיי האָבן מורא פאַר שטאַרקערע און ווילדערע פון זיך, זענען זיי אַליין אויך גענוג שטאַרק און ווילד. פונקט ווי אַ זשיראַף קען דערלאַנגען מיט אַ פוס, אַז מען זאָל דערזען די באָבען אין חלום, אָדער מען זאָל זי שוין אין גאַנצן נישט זען, פונקט אַזוי קען אַ זעברע דערלאַנגען אַ קנאַק מיט אַ פוס, אַז מען זאָל יאָ אָדער נישט זען די באָבען אין חלום. און נאָך אַן אייגנשאַפט האָבן די זעברעס: זיי לויפן אומגעהויער שנעל. זיי געהערן צו די דאָזיקע חצי־בהמות חצי־חיות, וואָס לויפן צום שנעלסטן. אַ געוויינלעכע זעברע וואָלט מסתמא געוווּנען אין אַ גע־יעג די בעסטע יאָג־פערד. און אַז איך האָב שוין ביי צוויי חיות געפרעגט מיט וואָס איז אַ מענטש ענלעך צו זיי, האָב איך זיך שוין געפרעגט מיט וואָס איז אַ מענטש ענלעך צו אַ זעברע? און איך האָב זיך געענטפערט:

— פונקט ווי אַ זעברע קען דעם מענטשן דערלאַנגען אַ קנאַק, ווען איי־נער איז שוואַכער פון אים, און פונקט ווי אַ זעברע קען ער אויסזיין די צייט, ווען ער טרעפט אָן אויף אַ שטאַרקערן פון זיך...

און איך וועל אייך נישט אָפּנאַרן. דעם ערשטן בייטאָג האָבן מיר מער נישט געזען קיין חיות. מיר האָבן געזען נאָך שפרינגבעקעלעך, נאָך זשיראַ־פן און נאָך זעברעס. איבערהויפּט האָבן מיר געזען אַ סך פון די ערשטע און פון די לעצטע. דער וואַלד איז געווען פול מיט זיי. די ערשטע האָבן גע־שפּרונגען גלייך ווי זיי זענען געפלויגן, און די זעברעס האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און זיך געהאַלטן אינאיינעם אַ שטיקל צייט און דער־נאָך האָבן זיי גענומען אַזוי לויפן, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט — זיי גייען אין אַ געוועט ווער וועמען עס וועט איבעריאָגן. און מיינע באַגלייטער האָבן מיך גענומען קיבעצן און זיי האָבן געזאָגט, אַז איך וועל שרייבן אויסגעטראַכטע מעשהס, ווי אַ געוויסער שרייבער, וואָס איז דאָ געווען דריי מאָל, האָט גע־

שריבן... ער האָט אַפילו געשריבן, אַז ער איז געפאָרן אין גיים־רעזערוו אַריין מיט אַ ביקס און זיין באַגלייטער האָט אויך געהאַט אַ ביקס. אַזאַ מין זאַך גע־שעט קיין מאָל נישט. מען פאָרט נישט אַהער מיט קיין געווער און מען שטייט מיט די אויטאָס אַ פּאָר מעטער פון די געפערלעכסטע חיות און מען האָט נישט מורא. די טירן פון די אויטאָס זענען גוט פאַרמאַכט און די פענצטער זענען אַפילו אַ ביסל אָפן. איך האָב מיינע באַגלייטער פאַרזיכערט, אַז איך וועל נישט אויסטראַכטן און איך וועל שרייבן נאָר דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב געזען.

— און אַז איר וועט נישט מער זען ווי דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געזען.

— וועל איך שרייבן, — האָב איך געענטפערט, — נאָר דאָס דאָזיקע.

און דערווייל האָבן מיר געזען אַ מחנה מאַלפּעס און מאַלפּעלעך, וואָס האָבן געקוקט צו אונדז מער ווי די אַלע חיות, וואָס מיר האָבן ביז איצטער געזען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַגריסן אונדז רוישיק. איין מאַלפּע־לע האָט אַפילו זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדזער אויטאָ און איז אַרויפגעשפּרונ־גען אויף דער „נאָז" פון דעם „קאַר". מיר האָבן פאַרמאַכט די פענצטער, בכדי עס זאָל נישט אַריינשפּרינגען אינעווייניק אין אויטאָ. עס איז אונדז גע־וואָרן גוט אויפן געמיט. די מאַלפּעס האָבן געבראַכט פרייד און קאָמיזם.

— מיט וואָס זענען מיר ענלעך צו די מאַלפּעס?

— פרעגט שוין גאָרנישט. מאַלפּעס מאַכן נאָך און מענטשן מאַכן נאָך. בען דאַרף שוין זיין גאָר אַ מענטש נישט נאָכצומאַכן...

ויהי ערב, ס'איז געוואָרן 6 מיט אַ האַלבן פאַרנאַכט. די אַפריקאַנער זון האָט זיך צעקושט מיט דער ערד און איז אין איר פאַרשוווּנדן געוואָרן. מיר זענען שוין געווען אין „קעמפּ" און מיר זענען אַריין אין די געצעלטן, וואָס מען רופט „באַנגעלאָוס". עס איז געווען אַ געשמאַקע וואַרעמקייט, נישט קיין פייכטע. אָפּגעריסן זענען מיר געווען פון דער וועלט. קיין ראַדיאָ האָבן מיר נישט מיטגענומען און אין די „באַנגעלאָוס" זענען געווען תנ"כעלעך אין ענג־ליש, אָבער נישט קיין ראַדיאָס. און קיין צייטונג פון היינט האָט אַהער נישט געגרייכט, אַ צייטונג גייט אַהער צוויי טעג און אַ מאָל דריי, כאָטש מיט אַ גוט־פאַרנדיקן אויטאָ קומט מען אַהער פון יאָהאַנעסבורג אין 7 שעה. אָבער ס'האָט מיך אויך נישט אינטערעסירט, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. איך האָב געהאַט אַ געפיל, גלייך איך בין אַוועק פון דער ציוויליזאַציע צו דער וויל־דעניש. ס'האָט מיך מער אינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוען די שפּרינג־באָקעלעך אין וואַלד איידער דאָס דאָזיקע, וואָס עס טוט דער אין רוסלאַנד

גען און אַלע האָבן געקוקט און מיר בתוכם. מענטשן עסן אוודאי עלעגאַנטער ווי די לייבעכע. אַפּילו די דאָזיקע, וואָס קענען נישט צו אײדל אומגיין מיט גאָפּל און מעסער, עסן עלעגאַנטער, אָבער אין תוך אַריין איז דאָ נישט פאַראַן קיין גרויסער חילוק. ביידע עסן פלייש פון לעבעדיקע באַשעפענישן.

די לייבעכע האָט זיך אָנגעפרעסן נאָך אַ מאָל מיט די רעשטן פון דעם אָקס און זי איז אַוועקגעגאַנגען און ס׳איז צוגעקומען אַן אַנדער לייבעכע און גענומען וואַכן איבערן פלייש, וואָס איז נאָך געבליבן אין דער פעל און אין קאָפּ. די צווייטע לייבעכע האָט זיך אַנידערגעזעצט און געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס די ערשטע: שווער געאָטעמט, געשאָקלט מיט דער גאָמבע, געשלוקעכצט, געהוסט און געגרעבצט. און ס׳איז צוגעקומען דער דריטער לייב, וואָס איז אויך געווען אַ לייבעכע. איינע איז געבליבן וואַכן ביי די רעשטן פון אָקס און צוויי האָבן זיך געשפּילט. איך האָב געזאָגט:

— נישט אַנדערש, אַז דאָס זענען דריי אַלמנות, וואָס זענען נישט טרויעריק, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ גוטן טאָג מיט אַ סך פרעסעכץ. מען האָט דערקענט, אַז אַלע דריי לייבעכעס ווילן זיך באַלד אַ נעם צום איבערבלייבעכץ פון דעם אָקס און זיי ווילן אים אויפפרעסן. בלייבן ווילן נאָר די הערנער און די פעל. אייגנטלעך איז שוין נישט געווען וואָס צו זען. איי, די אויטאָס שטייען נאָך? — מען זעט דריי לייבעכעס איינאײנעם וואַכן איבערן פלייש און זיך שפּילן ווי חברטעס, — קוקט מען. עס איז אַ מאָדנע געפיל דאָס דאָזיקע קענען פריי קוקן אויף דריי לייבן אין ווילדן וואַלד אַליין. דער מענטש איז געוווינט צו זען ווילדע חיות אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער און דאָ זעט ער זיי פריי און נישט מער ווי אַ פּאָר שפּאַן פון זיך, גלוסט זיך אים נישט אויפהערן קוקן. מיר אַליין האָבן אויך נישט גערן פאַרלאָזט דעם ספּעקטאַקל. אַ קלייניקייט: דריי לייבן האָבן לעבן זיך אַזוי פיל מענטשן און זיי טוען זיי גאָרנישט. זיי קוקן זיך אַפּילו נישט אום אויף זיי און זיי פירן זיך זייער לעבן. מיר האָבן זיך דאָך באַשלאָסן און מיר האָבן געזאָגט די „דריי אלמנות״ אַ גוטע נאַכט און מיר זענען אַוועקגעפאָרן אין לאַגער אַריין און צוגעפאָרן צו די געצעלטן. מיר זענען דאָ געווען אין גאַנצן צוויי טעג מיט איין נאַכט און אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען דאָ שוין זינט אַן אייביקייט, אויב נישט מער...

אין די געצעלטן האָבן מיר זיך איבערגעטאָן. מיר האָבן אָנגעטאָן לאַנגע הויזן אָנשטאָט די קורצע און מיר זענען געבליבן אין די זעלביקע העמדלעך. עס איז געווען אַ גוט וואַרעמער אָוונט. די לאַנגע הויזן זענען געווען צו פיל. די קורצע וואָלטן געווען מער ווי גענוג. עמיצער דערמאָנט אַ וויץ וועגן אַ

מיידל, וואָס איז געקומען אין אַ זומער־פּלאַץ אין אַ באָקיני. דער גלח האָט איר געזאָגט:

— דאָ גייט מען נישט מיט קיין צוויי שטיקלעך.

האָט דאָס מיידל געענטפערט:

— פאָטער, וואָס פאַר אַ שטיקל זאָל איך אַראָפּנעמען?

עס איז אויסגעקומען — כאָטש טו אָן די קורצע הויזן; אָבער מען גייט נישט עסן קיין אָוונטברויט אין קיין קורצע הייזלעך. תרבות, דרך־ארץ. מיר זענען קולטורעלע מענטשן. מיר זענען דאָך נישט עפּעס חיות, וואָס גייען נאַקעט, הגם מיר זענען איצטער אַזוי נאָענט צו די חיות.

מיר האָבן אָפּגעגעסן אונדזער אָוונטברויט און מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן. מיר זענען געווען די איינציקע פאַרשוינען דאָ, וואָס האָבן שפּאַצירט אין די אָוונטן. מיר האָבן אויסגעשפּאַצירט דעם גאַנצן לאַגער. מיר האָבן אין דער צייט פון די שפּאַצירן געזאָרגט פאַר דעם יידישן לשון, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן נישט געוואָלט צוגעבן, אַז מיט יידיש האַלט עס שמאָל. ס'הייסט מיר האָבן עס געמוזט צוגעבן, אָבער נישט געוואָלט. די גרופּע, וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום דער יידישער קולטור־פעדעראַציע וויל נישט הערן פון קיין קדיש. זי וויל הערן וועגן דער גרויסקייט פון יידיש. און אַז יידיש האָט אַ גרויסע ליטעראַטור — האַלט איך דאָך נאָך מערער ווי יעדער איינער פון אָט דער גרופּע. אַז עס קומט אַהער אַ יידישער דיכטער, רעדט ער וועגן דעם, אַז ער איז גרויס און דאָס איז גענוג. די איבעריקע איז ער מבטל. איך בין דאָך „ברוך השם" נישט קיין דיכטער און איך מוז נישט זיין עגאָצענטריש און איך קען אָנערקענען אַ סך שרייבער און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור. מיר האָבן אין יענער נאַכט אַרומגערעדט וועגן אַלע יידישע שרייבער אין דער וועלט און גערעדט וועגן דעם, ווער עס איז היינט דער גרעסטער יידישער דיכטער און ווער עס איז היינט די גרעסטע פּערזענלעכקייט צווישן די יידישע שרייבער. און מיר האָבן גערעדט וועגן די אַלע שרייבער, וואָס זענען געווען אין דרום־אַפריקע און וואָס האָבן דאָ געהאַלטן רעפעראַטן. עס האָבן געמוזט שלוקעכצן אין יענעם אָוונט אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע, יודל מאַרק; און אפשר האָבן אויך געשלוקעכצט איייניקע טויטע אויף יענער וועלט, צווישן זיי — ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג און ד"ר יעקב שאַצקי. מיר האָבן גערעדט וועגן שרייבער־רעדנער, וואָס מען וועט נאָך ברענגען אַהער, אָבער מיט קיין נביאותן וועל איך זיך נישט אָפּגעבן, בכדי נישט צו בלייבן קיין גאַנצער נאַר, גענוג צו זיין אַ האַלבער נאַר... ראובן

זיגלבוים האָט נביאות געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זיין אַ זייער וואַרעמער טאָג, אַן אמתדיקער טאָג ווי אין „גיים־רעזערוו״, מיט זון און אַלדאָס גוטס.

— און?

— און ער האָט טאַקע נישט געטראָפן. ווען איך בין אויפגעשטאַנען אַזייגער פּאַרטאָג און איך האָב גענומען אויף זיך דעם כאַלאַט, אַנגעשטעקט די שטעקשיך און איך בין אַרויס אין הויף, האָט מיר באַגעגנט אַ זאַפּטיקער און געדיכטער רעגן. און אַזוי ווי איך האָב געעפנט די טיר, איז אַריין צו מיר אין געצעלט אַ קליין קעצעלע, וואָס איז געווען אויבן שוואַרץ און אונטן האָט עס געהאַט ווייסע פלעקן. איך האָב דאָס געפּרוווט אַרויסטרייבן, אָבער עס האָט זיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט. אַנגעמען און דאָס אַרויסוואַרפן — האָב איך נישט געהאַט קיין מוט. עס איז דאָך גאָטס אַ באַשעפעניש און עס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אַנגעליטן פון קעלט און נעץ. עס איז גענוג, וואָס די חיות דאָרט אין וואַלד ליגן און גייען אונטערן רעגן און זיי האָבן זיך נישט ווו צו באַהאַלטן. און דערצו איז עס נישט אין גאַנצן קיין שוואַרץ קעצעלע. עס האָט ווייסע פלעקן אויך. איז עס אַפילו נאָך דעם גרעסטן אָבערגלויבן נישט שלים־מזלדיק. האָב איך דאָס געלאָזט. און עס איז באַלד אַריינגעקראָכן אין געלעגער און עס האָט זיך איינגעטוליעט אין דעם. ווען איך דאַרף נאָך שלאָפן אין דעם געלעגער, וואָלט איך זיך אפשר געמיאוסט. אָבער מיר האָבן זיך שוין גע־פּאַקט און געדאַרפט מאַכן נאָך אַ שפּאַציר אין וואַלד און פאָרן צוריק קיין יאָהאַנעסבורג, האָב איך זיך מישב געווען — זאָל דאָס קעצעלע האָבן אַ „גוד טאַים״ און זאָל עס זיך דורכשלאָפן אין דער וואַרעם. איך האָב נאָר יסורים געהאַט, וואָס דער שוואַרצער דינער וועט באַלד אַריינקומען אין געצעלט אַריין, וועט ער אַנגעמען דאָס אומגליקלעכע קעצל ביי דער פּלייצע, אויב נישט ביים העלדזל און ער וועט דאָס אַרויסוואַרפן... איך האָב אַליין געלאַכט פון זיך, וואָס איך בין געוואָרן סענטימענטאַל צו חיות.

מיר האָבן געטרונקען קאַווע פון טערמאָ, וואָס איז נישט געווען הייס, אָבער גענוג וואַרעם און מיר האָבן זיך אַנגעוואָרעמט דעם גאַנצן אינעווייניק און ווידער — היידאַ אין וואַלד אַריין. דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט אויף דעם נאַסן אַספאַלט און דער רעגן האָט געגאָסן ככתוב. זלמן לעווי, וואָס קען דאָס לאַנד דורך און דורך, האָט געזאָגט, אַז דער רעגן איז זייער ברייטיק. עס האָט שוין דאָרט, ווו מיר זענען געווען, אין מזרח־דרום אַפריקע נישט גע־רעגנט אַ יאָר צייט. און אין דער צפון זייט פון דרום־אַפריקאַנער לאַנד האָט שוין נישט גערעגנט דריי יאָר. איך האָב זיי נישט געוואָלט דערציילן, אַז מיר גייט נאָך דער רעגן דאָס גאַנצע לעבן. ווען איך פאָר אַוועק ערגעץ און ווען

איך קום אָן — רעגנט. ביי זיך האָב איך געפילט, אַז איך האָב געבראַכט דעם רעגן קיין מזרח פון דרום־אַפריקע, נאָר איך האָב זיך געשעמט צו דערציילן...

דער רעגן האָט פאַרטריבן די חיות. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר וועלן שוין גאָרנישט זען. זיינען מיר געפאָרן צו די העלפאַנטן. זיי, זענען מיר געווען זיכער, וועלן מיר טרעפן. זיי זענען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך נישט ווו צו באַהאַלטן. און מיר האָבן זיי געטראָפן, די ריזיקע פעסטונגען מיט די לאַנגע נעז. זיי האָבן געוואָרפן מיט די נעז, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס כאַפּן. און זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, אַפּנים ווילנדיק זיך אַנוואַרעמען און אויסטריקענען איינער דעם אַנדערן.

און דערמיט האָבן מיר פאַרלאָזט דעם „גיים־רעזערוו”. איך האָב געוווּסט אַז איך וועל שוין מער קיין מאָל דאָרט נישט זיין. און מיר האָט זיך שוין געבענקט נאָך יענעם פּלאַץ. עס האָט זיך מיר געבענקט נאָך די שפּרינג־בע־קעלעך מיט די אומשולדיקע און ריידעוודיקע אייגעלעך, נאָך די זשיראַפן מיט די לאַנגע העלדזער, נאָך די נאַרישע מאַלפּעס און אַפילו נאָך דער לייבעכע, וואָס האָט צעריסן דעם בופל־אָקס. נאָך דעם לייב, דעם איינציקן „ער”, וואָס איך האָב געזען, וועל איך אַוודאי בענקען. ער איז אַ קראַסאַוויעץ — אַ ברי־ליאַנט. און בכלל גלוסט זיך מיר זאָגן, אַז — ניין! ערגער ווי די מענטשן זע־נען די חיות נישט!

יעקב באָטאָשאַנסקי
זכרונו לברכה

ישראל־פרעמיער לוי אשכול, דריקט אוים זיין טרויער איבער דער פטירה פון יעקב באָטאָשאַנסקי

„נדהם לבשורה המרה על פטירת יעקב באָטאָשאַנסקי. את עטו ברוך הכשרון הוא העמיד לרשות בנית הגשר בין יהדות אמריקה הלטינית לבין מדינת ישראל מיום הקמתה״.

ל ו י א ש כ ו ל

דערשיטערט פון דער ביטערער בשורה וועגן דער פטירה פון יעקב באָטאָשאַנסקי. זיין געבענטשטע טאַלאַנטפולע פעדער האָט ער געשטעלט אין רשות צו בויען די בריק צווישן לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדנטום און מדינת־ישראל פון דעם טאָג פון איר אַנטשטייונג.

ל ו י א ש כ ו ל

שרה אייזן — קייפּטאָן

דאָ האָט באַגעגנט אים זיין גורל

(צום טויט פון יעקב באָטאָשאַנסקי)

ווי אַן אָדלער אין מיט־פלי׳ען
האָט אַ פאַל געטאָן פון הייכן
דער שטאָלצער וואַנדערער, דער מידער.
צעבראָכן ליגט זיין האַרפע, שטום —
נישט וועקן וועט זי ווי׳דער.

דאָ האָט באַגעגנט אים זיין גורל,
ביים ראַנד פון פעלדז דעם פרעמדן —
אַזוי באַשערט...
טרויעריק באַגריסט זיך
און דאָס פנים אָפּגעקערט...

יצחק אייזנבערג (תל־אביב)

אַ טרער אויף זיין קבר...

עס איז שווער צו גלויבן, אַז דער שטענדיק ברויזנדיקער, טעמפּעראַ־מענטפולער יעקב באַטאָשאַנסקי איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און מער ווען מיר שוין אים נישט זען, אויך דאָ צווישן אונדז אין ישראל.

מיר ישראלדיקע, האָבן שוין פון לאַנג געזען אין באַטאָשאַנסקין אַ גאָר באַענטן חבר און פריינט, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט מיט אַ „הדרת קודש״־געפיל די אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד אויף אַלערליי לעבנס־געביטן; האָט זיך געפרייט מיט אונדזערע שמחות און האָט באַדויערט דערשיינונגען, וואָס זענען אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. אַפילו ווען ער האָט עפּעס קריטיקירט ביי אונדז, האָבן מיר געוווסט, אַז ער האָט געהאַט דערביי די בעסטע כוונות, ווייל ישראל איז אים טאַקע געווען ליב און טייער.

איך האָב זיך פּערזענלעך באַקענט מיט יעקב באַטאָשאַנסקין אין יאָר 1948, טאַקע בעת זיין ערשטן באַזוך אין לאַנד און פון דאַן ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן זענען מיר געשטאַנען אין אַ גאָר נאָענטן קאָנטאַקט. נישט איין מאָל האָט ער מיר צוגערעדט, איך זאָל פאָרן אין אַ וועלכער ס׳איז שליחות קיין אַרגענטינע. מיר האָבן אויך געפירט צווישן אונדז אַ בריוו־קאָרעס־פּאָנדענץ. יאָ, באַטאָשאַנסקי איז געווען אַ צופיל פאַרנומענער מענטש מען זאָל האָבן געקענט פאָדערן פון אים ער זאָל ענטפערן אויף אַ בריוו אָדער קאַרטל. איך האָב אים מוחל געווען זיין נישט־פּינקטלעכקייט. ער פלעגט מיר אָבער שרייבן קורצע בריוו־קאַרטלעך כמעט פון אַלע זיינע נסיעות אויף דער גאָרער וועלט׳ דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס לעצטע קאַרטל פון אים האָב איך געטראָפן ליגן אויף מיין רעדאַקציע־טיש דעם 25סטן אָקטאָבער, ס׳הייסט אַ טאָג פאַר זיין טויט, אָדער טאַקע דעם זעלבן טאָג.

דאָס דאָזיקע פּאָסט־קאַרטל איז מיר געשיקט געוואָרן דורך אים פון „ווינטאָן״־האָטעל אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע. באַטאָשאַנסקי שרייבט מיר אין דאָזיקן קאַרטל: „טייערער פריינט יצחק אייזנבערג, איך שיק אייך אַ גרוס אַזש פון דרום־אַפריקע. איך געדענק אייך שטענדיק און דערמאָן אייך אָפט. זייט האַרציק געגריסט מיט אייער משפּחה. — אייער יעקב באַטאָשאַנסקי״.

אויף צומאָרגנס האָט דאָ די פּרעסע געבראַכט די טרויעריקע יִיטאַ־ידיעה, אַז „דער באַקאַנטער שרייבער און זשורנאַליסט יעקב באַטאָשאַנסקי איז פּלוצ־לינג געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג פון אַ האַרצשלאַג״.

באַטאַשאַנסקי איז נאָך אין זיין ווייטער קינדהייט און יוגנט־יאָרן אין בעַ־סאַראַביע געווען אַ ציוניסט און כ׳דערמאָן זיך ווי גליקלעך ער איז געווען, בעת איינעם פון זיינע באַזוכן אין לאַנד האָט אים זיינער אַ לאַנדסמאַן און מייַנער אַן אַלטער באַקאַנטער פון תל־אביב, ה׳ משה קליין, האָט אים געבראַכט אָנצוקוקן אַן איינגעבונדענעם קאָמפּלעט פון אַ ציוניסטישן זשורנאַל, וואָס איז דערשינען (אין קעשענעוו, אָדער אין בוקאַרעשט, דאָס געדענק איך נישט) אין יאָר 1915 און אין וועלכן באַטאַשאַנסקי האָט געדרוקט פלאַם־פייערדיקע ציוניסטישע אַרטיקלען. דאָס איז דאָך געווען דער בעסטער באַווייז דערצו, אַז באַטאַשאַנסקי איז געקומען צום ישראל־געדאַנק נישט די לעצטע יאָרן, נאָר אַז זיין „גירסא דינקותא" איז געווען ציוניסטיש און זיין דערווייטערן זיך פון דער דאַזיקער מחנה במשך פון עטלעכע יאָר איז געווען בלויז אַ צופעליקע דערשיינונג, אַן טיפערע יסודות אין זיין נשמה.

באַטאַשאַנסקי איז געווען אַ באַציאַנאַלער ייִד אין שיינעם זין פון דעם דאַזיקן באַגריף נישט קיין שאָוויניסט און נישט אַזעלכער וואָס איז גרייט איינצושלינגען אין אַ לעפל וואַסער יעדן איינעם, וואָס טראַכט אַנדערש פון אים. ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און אַ גוטער ייִד.

כ׳דערמאָן זיך אין די מאָנאַטן אַפּריל־יוני 1948, ווען באַטאַשאַנסקי איז דאָס ערשטע מאָל געווען דאָ אין לאַנד. דאַן האָב איך קענען געלערנט. עס זענען דאַן געווען דאָ גאָר שווערע טעג פאַרן ישוב און קיינער פון אונדז איז נאָך נישט געווען הונדערט־פּראָצענטיק זיכער, צי וועלן מיר טאַקע דערלעבן האָבן אונדזער אייגענע מדינה. דאָס זענען געווען וואָכן פון שווערע בלוטיקע קאַמפן און נישט איין מאָל איז תל־אביב און איר סביבה געווען כמעט פולשטענדיק אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע טיילן פונעם לאַנד. דאַן האָב איך באַטאַשאַנסקין דערקענט און נישט איין מאָל באַוווּנדערט זיין בטחון און טיפן גלויבן אין „נצח ישראל".

ער איז דאָך געווען דער איינציקער ייִדישער רעדאַקטאָר פון די תפוצות, וואָס האָט צוזאַמען מיט אונדז מיטגעמאַכט די ערשטע עטאַפּן פון דער מדינה־אָנשטייונג, כמעט מיט זיבעצן יאָר צוריק. טיפע אָפּקלאַנגען פון דאַזיקן גלויבן זענען פאַרן אין זיין בוך „בראשית פון מדינת ישראל".

אויך זיין באַזוך אין ישראל אין יאָר 1956, האָט געבראַכט אַ ניי בוך וועגן אונדזער לאַנד. דאָס איז געווען „שבת יום־טוב אין דער וואָכן אין מדינת ישראל". דער אמת איז אָבער, אַז אויך אונדזער חולין האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן צו זיין שבת און יום־טובדיק און דער פּריינט, וואָס ווינט אין „חולין" לאָזט זיך גאָר ווייניק באַמערקן דורכן לייענער.

באַטאַשאַנסקי האָט גוט געקענט די ישראל־פּראָבלעמען און די רעגירונגס־

לייט מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ געטראָפן במשך פון זיינע 4־5 באַזוכן אין ישראל האָבן געוווסט, אַז דער דאָזיקער מענטש, וואָס זיצט דאָ פּאָר זיי און שטעלט זיי פראַגן, ווייסט וואָס ער פרעגט און האָט נישט איין מאָל אַ קריטישן צוגאַנג צו דעם אָדער יענעם ענין. ער האָט דאָ געגאַסן פון אַ ברייטער פּאָפּו־לאַריטעט סיי אין די „הויכע פענצטער" און סיי צווישן „עמך"־לייט. מיט ספּעציעלער פּיעטעט האָבן אים שטענדיק אַרומגערינגלט זיינע בעסאַראַבער לאַנדסלייט. דער פאַרבאַנד פון די בעסאַראַבער ייִדן אין ישראל און דער וועלט־פאַרבאַנד זייערער פלעגן אים וואַרעם אויפנעמען, אָבער זיי זענען ווייט נישט געווען אין דעם די איינציקע.

באָטאָשאַנסקי אין ישראל איז געווען אַ העכסט פאַרנומענער מענטש, האָט געשריבן, געהאַלטן פאַרטראַגן, אַרומגעפאָרן כדי צו זען דאָס לאַנד און באַזוכט פאַרשידענע באַקאַנטע זיינע.

איך דערמאָן זיך, אַז בעת מיר זענען געזעסן צוזאַמען אין „בריסטאָל"־האָטעל אויף דער בן יהודה־גאַס אין תל־אביב, אין וועלכן ער איז איינגע־שטאַנען בעת זיין לעצטן באַזוך דאָ אין לאַנד, אין חודש יאַנואַר 1963, האָט מען אים כסדר גערופן צום טעלעפאָן און עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי פאַרלאָזן צוזאַמען דעם האָטעל און גיין אַ ביסל שפּאַצירן, כדי זיך קענען רויִק דורכשמועסן וועגן אַלערליי ענינים.

דער זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד (אגודת העתונאים) אין תל־אביב, איז גע־ווען דאָ שטענדיק באָטאָשאַנסקיס סטאַבילער אַדרעס. ער האָט כמעט בעת אַלע באַזוכן דאָ אין לאַנד זיך באַטייליקט אין מינדלעכן „עתון העתונאים", וואָס קומט פאָר פּריי־טיק־צו־נאַכטס אין „בית סוקולוב", און די גרוסן וואָס ער פלעגט דאָ עפנטלעך אָפּגעבן וועגן לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדנטום און זייע־רע פּראָבלעמען, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק. ער איז דאָך געווען נישט בלויז אַ פעיִקער און פּרוכטבאַרער שרייבער, נאָר אויך אַ גוטער אָראַטאָר און עס איז געווען אַ נחת־רוח אים צו הערן. ער האָט גערעדט מיט שאַרפזין און מיט הו־מאָר און אַלץ איז אַרויס פון זיין מויל אַזוי קלאָר און דייטלעך.

אַ ספּעציעלע זאָרג איז תמיד געווען פון זיין זייט לגבי די קליטה־פּראָב־לעמען פון די דרום־אַמעריקאַנער עולים אין ישראל. ער האָט באַזוכט די קי־בוצים און מושבים, ווי אויך די אינסטיטוציעס זייערע אין שטאָט. נישט איין מאָל האָט ער אין אונדזערע געשפּרעכן אונטערגעשטראָכן, אַז די ייִדן אין דרום־אַמעריקע זענען אַ גוטער עלעמענט און מ'דאַרף וויסן ווי אַזוי זיי מקרב צו זיין, כדי זיי זאָלן זיך דאָ פילן פונקט „ווי אין דער היים" און קענען זיך דאָ וואָס שנעלער איינלעבן.

ער איז געווען העכסט צופרידן ווען ער האָט באַקומען גוטע גרויסן וועגן דער קליטה פון די אַרגענטינער עולים אין דאָרף און אין שטאָט.

אין זיינע געשפּרעכן מיט די רעגירונגס־לייט און אַגענץ־מיטגלידער האָט ער כסדר געפאָדערט מער אויפמערקזאַמקייט און פאַרשטענדעניש פאַר די יידן פון דרום־אַמעריקע.

אונדזער יעקב באַטאָשאַנסקי איז מער נישטאָ און דאָס האַרץ ווייטיקט פון דער ווייטנס. עס ווילט זיך פּשוט נישט גלויבן, אַז אויך ער געהערט שוין צו די, צו וועמענס נאָמען מען מוז צוגעבן די ווערטער „עליו השלום"!

שלמה ביקל

דער שרייבער, רעדנער און קולטור־טוער

ער איז געווען כל ימיו אַ נע־ונד. ער איז אין תוך קיין מאָל נישט געווען קיין סטאַבילער וווינער אין אַ לאַנד און אין אַ שטאָט, הגם ווי ווייניק ער זאָל נישט האָבן ערגעצווו געוווינט, איז ער געווען דאָרט אויסגעבונדן מיטן יידי־שן ישוב און מיט דעם נישט־יידישן אַרום און האָט זיך, ממש צום שטויבען, איבעראַל געקענט פערזענלעך אַ וועלט מיט מענטשן און געהאַט אָן אַ שיעור פריינט.

דער פלוצימדיקער טויט אויף אַ לעקציע־טור אין דרום־אַפריקע ליגט דערפאַר, אַזוי צו זאָגן, אויף דער ליניע פון באַטאָשאַנסקיס אופן לעבן. צום לענגסטן האָט יעקב באַטאָשאַנסקי געוווינט אין בוענאָס־איירעס. ער איז דאָרט אין די קנאַפּע פערציק יאָר פון זיין ווינשאַפט געוואָרן און געבליבן די צענט־ראַלע פיגור פון יידישן קולטור־לעבן נישט בלויז אין אַרגענטינע, נאָר אויך אין אַלע לענדער פון דרום־אַמעריקע.

ער איז דאָס געוואָרן און געווען מיטן כוח פון זיין ברויזיקער און פיל־זייטיקער שרייבערישער און רעדנערישער באַגאַבונג, מיטן כוח פון זיין אויס־נאַמלעכער התמדה און פּראָדוקטיוויטעט און צום סוף אויך אַ דאַנק דער רע־דאַקטאָר־פּאָזיציע אין „די פּרעסע", צו וועלכער טאַלאַנט און פלייס האָבן אים דערפירט.

אָבער פּאַראַלעל צו דער תושבשאַפט אין בוענאָס־איירעס איז יעקב באַ־טאָשאַנסקי אין די „ארבעים שנה" פון זיינע מיטעלע און עלטערע יאָרן געווען נישט ווייניקער וואַנדערער ווי דעמאָלט, אין דעם יאָרצענדליק צווישן 1914

און 1924, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רומעניע. אין די צען יאָר איז ממש נישט געווען אַ גרעסערע שטאָט און שטעטל אין אַלט־רומעניע, ווו דער יונגער, טעמפּעראַמענטפולער שרייבער, וואָס איז ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פון דער צאַרישער אַרמיי אַהער אין דער נייטראַלער מדינה, זאָל נישט האָבן געווינט. און געווינט צייטווייליק האָט געמיינט, געווען אַקטיוו שרייבעריש און געזעלשאַפטלעך און געלאָזט געדויערנדיקע שפּורן פון השפּעה.

אין יאַס, דער הויפּטשטאָט פון מאָלדאַוויע, איז באָטאָשאַנסקי געווען אַ מיטגליד פון דער צייטשריפט „ליכט" און אַזוי אַרום געוואָרן אַ ראשון פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע; אין בראַילאַ האָט ער מיט־רעדאַקטירט די צייטשריפט „האַמער"; אין גאַלאַץ האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם זשורנאַל „התקוה". ער האָט אָנגעפירט יידישע קולטור־אַרבעט אין די שטעט באָטאָשאַן און פאַלטיטשען; אין דער רעזידענץ־שטאָט בוקאַרעשט האָט ער אינאיינעם מיטן דיכטער יעקב שטערנבערג אָנגעשריבן, רעזשיסירט און געשטעלט ניין יידישע קליינקונסט־פּיעסן, וואָס זענען צו יענער צייט גע־ווען אַ וויכטיקער קולטור־אויפטו און זענען געבליבן דער סאַמע פּאָפּולערסטער יידישער קולטור־אויפטו אין רומעניע פאַר אַלע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. באָטאָשאַנסקי האָט אין בוקאַרעשט מיטרעדאַקטירט די דריטע סעריע פון דער סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט „דער וועקער" און האָט דערנאָך מיטגעאַרבעט אין דעם ציוניסטיש־רומענישן טאָגבלאַט „מאַנטואירעא" (גאולה). שפּעטער איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער פּועלי־ציוניסטישער וואָכנשריפט אין טשערנאָוויץ „פרייהייט" און אין דעם קעשענעווער טאָגבלאַט „אונדזער צייט". דאָס אַלץ, אַ חוץ קולטור־טוערישער אַרבעט, ווי אַ לעקטאָר און אַ שליח פון דער טשערנאָוויצער „קולטור־פעדעראַציע" אין אַלע בעסאַראַבישע שטעט און שטעטלעך.

איך דערמאָן דאָ די צען רומענישע יאָרן, ווייל אין תוך איז באָטאָשאַנס־קי פון די פערציק יאָר אַרגענטינע געבליבן דער זעלבער ווי אין יענעם ער־שטן יאָרצענדליק פון זיין שרייבערישן וועג. עס איז אים בלויז צוגעקומען רייפקייט אין דער שפע פון זיינע שרייבערישע, רעדנערישע און קולטור־טוע־רישע אויפטוען.

דעם „ציגיינערישן" טעמפּעראַמענט (ווי ער, באָטאָשאַנסקי, פלעגט זיך ליב האָבן אַליין צו באַצייכענען) פון די ערשטע צען יאָרן אין רומעניע, איז יעקב באָטאָשאַנסקי אויך געטריי געבליבן אויף דער הויך פון זיין שרייבערי־שער קאַריערע. ער איז פאַרבליבן אַ וואַנדערער פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד. עס איז נישט געווען נאָך איינער אין בוענאָס־איירעס, וואָס זאָל האָבן באַזוכט און גערעדט צו אַ יידישן עולם אין אַזוי פיל שטעט פון אַרגענ־

טינע, ווי ער, באָטאָשאַנסקי. און קיינער האָט באָטאָשאַנסקין נישט אַריבער־געיאָגט אין זיינע רייזעס מיט זיינע קולטור־שליחותן איבער די לענדער פון דרום־אַמעריקע. און קיין שרייבער האָט זיך מיט באָטאָשאַנסקין נישט געקענט פאַרגלייכן מיט דער צאָל נסיעות זיינע פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק און קיין תל־אביב.

ווען מען האָט געטראַכט וועגן דער יידישער אַרגענטינע, האָט מען פאַר קיין איין מינוט נישט געקענט אָוועקטראַכטן פון דאָרט באָטאָשאַנסקין, און פון דעסטוועגן איז קיין שום אַרגענטיניש־יידישער שרייבער נישט געקומען אַזוי אַהיים קיין ניו־יאָרק און קיין תל־אביב, ווי ער. באָטאָשאַנסקי איז געווען אי־דענטיש מיט דער יידישער אַרגענטינע, אָבער אין דער יידישער קולטור־וועלט איז ער געווען אַן איבער־טעריאָטאָריעלע פיגור — איבעראַל היימיש, איבעראַל אין דער היים און איבעראַל אַן אינעווייניקסטער.

די באַריכטן פון זיינע נסיעות קיין ישראל האָט באָטאָשאַנסקי צונויפגע־זאַמלט אין צוויי ביכער פון אינאיינעם איבער טויזנט זייטן. עס איז אַ כראָניק וואָס מיט איר שאַרפער אָבסערוואַציע פון מענטשן און געשעענישן און מיט איר שפע פון פאַררעגיסטרירטע פרטים זיין אַ קוועלן־בוך פאַר דעם, ווי מען זאָגט דאָס, קומענדיקן היסטאָריקער. די הונדערטער באַריכטן, וואָס באָטאָ־שאַנסקי האָט געדרוקט אין זיין צייטונג וועגן די נסיעות אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, זענען נאָך אויספירלעכער און כראָנאָלאָגיש אפשר נאָך וויכטיקער ווי די ישראל־רעפּאָרטאַזשן, ווייל זיי זענען אויף יידיש מער זעל־טנקייט.

ער איז ערשט דעם זומער געווען אין ניו־יאָרק (עס איז די פערצנטע נסיעה זיינע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער מיר געזאָגט) און איך האָב באַוואונדערט זיינע פיזישע כוחות. אַ מאַן פון איבער די זיבעציק, האָט ער טאָג־איין, טאָג־אויס, געמאַכט די אויסמאַטערנדיקע רייזעס צו דער וועלט־אויסשטעלונג און נישט פאַרפעלט צו שרייבן יעדן טאָג אַ באַריכט צו זיין צייטונג, אַ חוץ שאר ירקות אונטער די פסעוודאָנימען: שימעלע סאָראָקער און יאַנקעלע גיבאַלעס. נאָך אַ טאָג וועלט־אויסשטעלונג און שרייבן, האָט ער די אויפדערנאַכטן אָפּט פאַרבראַכט אין מסיבות פון פריינט ביז נאָך חצות.

ער פלעגט אַריינקומען צו מיר אין שטוב, האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט לעבן מיר, כדי בעסער צו הערן (אַ שווערע טויבקייט איז געווען דער מיחוש, וואָס האָט אים געפּלאָגט פאַר די לעצטע צען יאָר) און מיר האָבן געכאַפּט אַ שמועס, געלוינטעוועט בשותפותדיקע זכרונות פון בוקאַרעשט און פון טשער־נאָוויץ און אויך פון זיינע באַזוכן אין ניו־יאָרק און פון מיין פאַר־דרייאָריקן

באַזוך אין בוענאָס־איירעס, און געפּרוּווט מאַכן סך־הכּלען פון דערגרייכונגען און דורכפאַלן.

אונדזערע שמועסן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קריטישע אַרטיקלען בעל־פּה איינער וועגן אַנדערן. ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ נייעם ראָמאַן, וואָס ער גרייט זיך אַרויסגעבן און איך האָב אים שטאַרק דערפון אָפּגעראָטן. איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט די דערציילונגען און נישט די ראָמאַנען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, וועלן זיין דער דבר של קימא, ד"ה דאָס געדויערנדי־קע, וואָס וועט פון אים בלייבן. זיינע דערציילונגען אָנגעהויבן פון דער זאַמלונג „נאָך דער פאַרשטעלונג", וואָס איז אַרויס מיט באַלד 40 יאָר צוריק, און ביז צו זיינע ראָמאַנען „מיר ווילן לעבן" (1944), און „די קעניגין פון דרום־אַמע־ריקע" (1962), זענען ווייניקער קינסטלערישע פּראָזע און מער ראָמאַנסירטע רייזע־באַריכטן, און האָבן דערפאַר ווייניקער היסטאָרישן און אויך ליטעראַ־רישן ווערט ווי זיינע רעאַליסטיש־פּינקטלעכע באַריכטן וועגן די נסיעות קיין ישראל.

דאָס בעסטע פון זיין דערציילערישער פּראָזע איז דער ערשטער באַנד פון „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט". דווקא דאָ, ווען ער האָט געשריבן מעמוּאַרן און נישט בעלעטריסטיק, איז דאָס געווען ווייניקער באַ־ריכט און מער געשטאַלטיקונג. די קינדער־יאָרן אין דעם דרום־בעסאַראַבישן שטעטל ניי־קיליע ביים ברעג פון דער טינע (דונאַי) און די יינגל־יאָרן אין דער קעשענעווער ישיבה פאַרמאָגן קינסטלערישע וואָרהייט, בעת די דערציילו־נגען און די ראָמאַנען האָבן אין זיך בלויז דעם אמת פון פאַקטן. אין דעם ער־שטן באַנד פון זיינע מעמוּאַרן זענען די געשעענישן אָפּגעקליבן און די מענטשן זענען לעבעדיק און די פּאַנאָראַמע פונעם יידישן לעבן און פון דעם גויישן אַרום איז זייער קאָלירפול, אָבער מיט אַ ריכטיקער באַלאַנסירטקייט אין די פאַרבן. וועגן די אַנדערע צוויי בענד פון „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט" קען מען שוין דאָס נישט זאָגן. דאָרט קומט ווידער צום וואָרט באַטאָשאַנסקי, דער ברייט־שטראָמיקער באַריכטער. די ברייט־שטראָמיקייט איז געווען די מעלה און אויך אַ חסרון פון באַטאָשאַנסקין, דעם שרייבער. די מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיין שרייבן האָט דאַדורך געהאַט פאַר־נעמיקייט און שווונג און הערצו איז באַטאָשאַנסקיס שטראָם כמעט דורכויס געווען אַ גאָלף־שטראָם; באַטאָשאַנסקיס וואָרט האָט געהאַט וואַרעמקייט, האָט געהאַט געמיט.

דער אימפּעט פון באַטאָשאַנסקיס וואָרט־שטראָם האָט אָבער געהאַט צו־מאָל דעם חסרון פון פאַרמלאָזיקייט, פון נישט עלימינירטע דעטאַלן און נאָך מער פון נישט אַלע מאָל אָפּגעקליבענע ווערטער.

פאַר אַ שרייבער איז זייער אָפּט וויכטיק נישט בלויז אויסצוצייטיקן מיט די יאָרן די פּסיכישע עלעמענטן פון זיין שרייבערישער יוגנט, נאָר זיי מיט דער צייטיקייט נישט אָנצווווערן. מעג דאָ בפה מלא געזאָגט ווערן באָטאָשאַנס־קין, אַז זיין וואָרט פון דערציילערישן רעפּאָרטאַזש, פון פּובליציסטיק און פע־ליעטאָן האָט צו די זעכציק און צו די זיבעציק נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון דער פרישקייט, פון דער מונטערקייט, פון דער „טשופּרינע״־פאַרריסנקייט און פון דעם קעמפערישן טאָן, וואָס דערמיט האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווען דער שרייבער איז אַלט געווען צוואַנציק און דרייסיק. און באָטאָשאַנסקיס וואָרט איז, ווי געזאָגט, געבליבן קעמפעריש, אָבער עס האָט זיך צו אים נישט צוגע־קלעפּט קיין ברעקל פאַרביטערטקייט און רוגזה. באָטאָשאַנסקי האָט אין משך פון זיינע פופציק יאָר שרייבן, אין משך פון זיינע פופציק יאָר קנאותדיקן קאַמף פאַר אַ יידישן חינוך און פאַר דעם כבוד פון מאַמע־לשון, אָנגעהאַלטן דעם גרינגן און ווייכן שפּאַן און דעם שפּילעוודיקן הומאָריסטישן איבער־ווונק פון זיין וואָרט. באָטאָשאַנסקי האָט זיך אויסגעטענהט, האָט געמוסרט, האָט אַפילו אַריינגעזאָגט, אָבער ער האָט קיין מאָל דעם קעגנער נישט ווי־געטאָן.

און אויך באָטאָשאַנסקי, דער רעדנער (ער איז געווען דער לעקטאָר מיט דער ה׳ הידיעה וועגן יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און אויך אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע) האָט אין די פופציק יאָר זינט ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער בעל־פּה־טייטשער פאַר ליטעראַטור אין רומעניע און ביז צו דער לעצטער מאָל ווען איך האָב אים געהערט ריידן אין בוענאָס־איירעס און אין ניו־יאָרק, אָנגעהאַלטן דעם זעלבן אָראַטאָרישן שניט. ווי דעמאָלט, צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט און איצט מיט דריי יאָר מיט חדשים צוריק, איז באָטאָשאַנסקיס רעדנערישע שפּראַך געווען אַ ווייך־לירישע און דער אופן ריידן — אַ ברייט־שטראָמיקער, דאָ און דאָרט אַפילו אַ פאַרפלייצנדיקער. די פּאַנאָראַמע פון באָטאָשאַנסקיס טריבונע־רייד איז פאַרבליבן מער קאָלירפולע באַוועגונג פון געדאַנק און וואָרט איידער דער אַרכיטעקטאָנישער גאַנג פון הנחה צו אויספירן. אָבער אין די רעדעס אין בוענאָס־איירעס און אין ניו־יאָרק האָט מען שוין געקענט געניסן דעם טעם פון רייפער פאָרמולירונג און אפשר נאָך מער דעם געשמאַק פון אַפּראָפּאָ אַריינגעפלאָכטענע אַנעקדאָטן און מע־שיות, וואָס גיבן צו ליכט דעם געדאַנקלעכן אויספיר און פאַרשאַפן דעם צו־הערער מאָמענטן פון קינסטלערישער איבערלעבונג מיט זייער איבערראַשנ־דיקער טרעפלעכקייט.

***

אונדזערע לאַנגע זומערדיקע שמועסן פון קעגנזייטיקער קריטישער סך־

הכלדיקייט, וואָס מיר האָבן היי־יאָר געהאַט, האָבן זיך פֿאַרענדיקט דערמיט, אַז באָטאָשאַנסקי האָט צוגעזאָגט, אַז זיין קומענדיק בוך וועט זיין נישט קיין ראָמאַן און נישט קיין רייזע־באַריכט, נאָר אַ צווייטער באַנד פֿון זיינע קריטישע עסייען. דער ערשטער באַנד אונטערן נאָמען „פּשט" איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס מיט צוועלף יאָר צוריק.

טויזנטער רעצענזיעס וועגן ביכער האָט באָטאָשאַנסקי געשריבן אין „די פּרעסע" און אויך אין אַנדערע צייטונגען. אין אַ היפּשן טייל פֿון זיי באַנוגנט ער זיך צו דערציילן דעם לייענער דעם אינהאַלט פֿונעם בוך. ער האָט אין די דאָזיקע רעצענזיעס געקנעלט מיטן לייענער ליטעראַרישן אַלף־בית. ער האָט אים מסביר געווען דעם תוכן נישט בלויז פֿון ראָמאַנען און דערציילונגען, נאָר אַפֿילו פֿון לידער. ער איז געווען אַן אמתער מאַדים אויף דעם געביט. ער האָט איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט, קלאָר געמאַכט דעם לייענער, וואָס ער האָט געלייענט און דעם וואָס האָט נאָך נישט געלייענט, אָנגערעגט צום לייענען. ער, דער ליטעראַרישער ערודיט, דער שרייבער מיטן פֿיינעם געשמאַק, איז געווען אַ ווונדערלעכער דרדקי־מלמד. ער האָט מיט זיינע אינהאַלט־רעצענזיעס אויפֿגעטאָן אין אַרגענטינע דאָס וואָס ער האָט אין אַ קלענערער מאָס געטאָן אין זיינע צען יאָר רומעניע: ער האָט געהאָלפֿן מינערן דעם ליטעראַרישן אַנאַלפֿאַבעטיזם ביים יידישן מאַסן־לייענער.

אָבער אַ חוץ דרדקי־מלמד איז באָטאָשאַנסקי אויך געווען אַ גוטער ליטעראַטור־קריטיקער, גמרא־לערנער און שיעור־זאָגער. און בלויז אַ קליינעם טייל פֿון די־אָ קריטישע עסייען האָט באָטאָשאַנסקי אויפֿגעזאַמלט אין דעם באַנד „פּשט" (בוענאָס־איירעס, 1952).

אין דעם באַנד עסייען און אין ענלעכע אַזעלכע, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט אויפֿצוזאַמלען, איז באָטאָשאַנסקי נישט נאָר רעצענזענט, נאָר ליטעראַטור־קריטיקער און קריטיקער מיט אַ שטיק אייגענעם דרך. איך האָב אין אַ שמועס מיט באָטאָשאַנסקין בעצייכנט דעם דרך, כלומרשט אין שפּאַס, אָבער אין תוך אין פֿולן ערנסט, ווי דעם דרך פֿון קריטיש אַרומריידן און באַריידן.

אַן אמתער שרייבער האָט אין זינען די פּסיכאָלאָגיע פֿון זיינע העלדן און נישט די פּסיכאָלאָגיע פֿון זיינע לייענער. אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אַזוי. אין צענטער פֿון דער קריטישער עסיי דאַרף שטיין אין דער ערשטער ריי די גמרא, דער תנא און ער , דער קריטיקער, דער אמורא, וואָס וויל פּאַר זיך קלאָר מאַכן די משנה, וויל דערזען די געשטאַלט פֿונעם תנא און דערקענען זיינע שעפֿערישע כוונות און וויל געפֿינען פֿאַר זיך אַליין דאָס פּלאַץ אין דעם שעפֿערישן פּראָצעס. ווייל צו דעם קריטיקער, וואָס יעדער אַלף־

ביתניק קען אים פאַרשטיין און נאָך וווילער צו אים, ווען ער איז בכוח דעם לייענער צו דערהויבן צו זיך, צו זיינע מחשבות אַרום דעם ווערק און צו דעם ווערק גופא.

אין זיין בוך „פשט״ איז יעקב באָטאָשאַנסקי בפירוש אויף אָט דער לי־ניע. דאָס ערשטע וואָס ער שרייבט, זענען די „מעשיות וועגן יידישע שריי־בער״. אין זיין הקדמה דערציילט ער אונדז, אַז ער האָט לכתחילה געטראַכט אַזוי אָנצורופן זיין בוך. דאָס ביאָגראַפישע גוט אָפּגעקליבן און מיט געמיט איבערדערציילט איז אַ יסוד פון די ניין מאָנאָגראַפיעס אין בוך „פשט״. דאָס ביאָגראַפישע באַקומט נאָך מער גוטן טעם דורך דעם צומיש פון פערזענלעכע זכרונות און פון אַנעקדאָטישע פּאַסירונגען, אַליין איבערגעלעבטע אָדער פון אַנדערע געהערטע. עס באַקומט זיך די לעבעדיקע געשטאַלט פון דעם שריי־בער אי, אַזוי צו זאָגן, אויפן סמך פון די „דאָקומענטן״ און אי על־פי די פּער־זענלעכע איינדרוקן פונעם קריטיקער.

דערנאָך גייט דער „פשט״. קורצער, קאָנדענסירטער אינהאַלט פון די ספרים און קלאָרער אַנאַליז פון די העלדן און די געשעענישן, וואָס ווערט גע־געבן אין לייכטע, כלומרשט אויבנאויפיקע, אָבער אין תוך זייער צו דער זאַ־כיקע „אין קארב אַריין״ פאָרמולעס. און עס זענען פאַראַן ביי באָטאָשאַנסקין פאָרמולעס, וואָס זענען ממש אַנטפּלעקעריש.

דער תמצית פון ש. מילערן צום מין מענטש איז, ווי באָטאָשאַנסקי זעט דאָס: „דער מותר האדם מן הבהמה״ — דער געדאַנק איז אויך בהמיש.

„ביי וואַרשאַווסקין און האַראָנטשיקן זענען די יידן נאָר געלטגייציק, ביי בימקאָן זענען זיי פּאַנטאַסטן״.

„דאָס ערשטע ליד הירשביינס איז געווען — אַ פּערזענלעכעס, די ערשטע דראַמען זיינע זענען דווקא געווען זייער אומפּערזענלעך. עס האָט זיי געשריבן נישט אַזוי דער פאַרבענקטער יונגערמאַן, ווי דער לערער הירשביין״.

דאָס זענען דריי עדות צווישן אַ סך אַנדערע פון באָטאָשאַנסקיס „פשט״־קריטיק.

און דאָ בלייב איך שטיין מיט מיין אָפּשאַצונג. ווי לאַנג איך האָב גע־שריבן, האָב איך עפּעס ווי נישט געפילט די שווערע פּיין פון דעם איבעררייס, וואָס דער פלוצימדיקער טויט האָט געמאַכט אין מיין כמעט פופציק־יאָריקער פריינטשאַפט מיט יעקב באָטאָשאַנסקין.

(„לעצטע נייעס״, 8/1/65).

י ע ק ב   ב אַ ט אַ ש אַ נ ס ק י

שמעון בייקער

דאָס יידישע ניו־יאָרק טרויערט

די ידיעה, וואָס איז אָנגעקומען פון דרום־אַפריקע, אַז דאָרט איז גע־שטאָרבן יעקב באַטאַשאַנסקי ז״ל, דער רעדאַקטאָר פון „די פרעסע״, באַגאַב־טער שריפטשטעלער, פובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט אַרויסגע־רופן אַ טיפן טרויער אין די יידישע קולטור־קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ביידע גרויסע יידישע טאָג־צייטונגען, דער „מאָרגן־זשורנאַל״ און דער „פאָרווערטס״ האָבן באַקאַנט געמאַכט די טרויעריקע ידיעה אויף דער ערשטער זייט, צוזאַמען מיט אַ בילד פון נפטר, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אין על־טער פון 72 יאָר. דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, דער י. ל. פרץ־שרייבער־פאַראיין און אַנדערע וויכטיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און גע־זעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָבן אין נעקראָלאָגן אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע און טרייסט צו דעם נפטרס משפחה.

יעקב באַטאַשאַנסקי, דער מאַן פון געשריבענעם וואָרט און פון מעשים, איז דאָ געווען זייער גוט באַקאַנט אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. ער האָט פיל מאָל באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן און יעדער וויזיט זיינער דאָ פלעגט אַריינברענגען אַ רוח־חיים אין דער יידישער טעטיקייט. דער מאַן וואָס האָט געקענט מאַכן קאָמפּלימענטן און רימען מענטשן אין זיינע אַרטיקלען, האָט זיך אויך נישט אָפּגעהאַלטן פון „אַריינזאָגן״ אויף אַן עפנטלעכער טריבונע, ווען דאָס איז געווען „גוט פאַר יידן״.

דער איצט פאַרשטאָרבענער הויך־טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט, וואָס האָט שנעל געקענט „אָפּשאַצן״ פאַרשידענע סיטואַציעס, האָט אין יידישן ניו־יאָרק געהאַט אַן אַ שיעור פריינט. ערשט מיט איבער אַ האַלב יאָר צוריק, ווען ער האָט — צום לעצטן מאָל — באַזוכט ניו־יאָרק, האָט דער קולטור־קאָנגרעס פאַר אים איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם בעסטן אויסדרוק פון די וואַרעמע געפילן און פריינטשאַפט, וועלכע די היגע קולטור־עסקנים, שרייבער, דיכטער און זשורנאַליסטן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי באַטאַשאַנסקין.

ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין ליבשאַפט צו יידיש און אויף זיין קעמ־פערישקייט לטובת דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט נישט געוווסט פון קיין גרענעצן. דער נפטר איז געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט וואָס שייך מאַמע־לשון

און מיט דעם דאָזיקן אָפּטימיזם האָט ער נישט איין מאָל „אָנגעשטעקט" די היגע קולטור־טוער.

ווען יידישע קולטור־עסקנים און שרייבער האָבן זיך, אין די לעצטע פּאָר טעג, געטראָפן, איז די טרויעריקע ידיעה וועגן באָטאָשאַנסקיס טויט געווען די ערשטע פון זייער געשפּרעך. אַלע זענען איינשטימיק מיט דער מיינונג, אַז זיין טויט איז גאָר אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דעם יידישן לעבן אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, וועמענס וואָרטזאָגער און מורה־דרך ער איז געווען אַזוי פיל יאָרן. זיין טויט, האַלט מען דאָ, איז אויך אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער שעפערישער וועלט בכלל.

באָטאָשאַנסקי, ווי באַוווּסט, איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט זייער פיל געשריבן און קאָמענטירט איבער יעדער וויכטיקער יידישער געשעעניש. און דער פאַקט וואָס ער איז געשטאָרבן אין דעם ווייטן אַפריקע, טויזנטער מיילן פון דער היים, איז אַ סימבאָל פון דעם אמתן באָטאָשאַנסקי, וואָס האָט געהערט צום גאַנצן יידישן פאָלק און איז געפלויגן אין יעדן ווינקעלע וווּ עס לעבן זיינע ברידער יידן.

דער מאַן וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל לעבנס־חכמה, שאַרם, עלעגאַנץ און דיפּלאָמאַטישן טאַקט — ווען דאָס איז געווען נויטיק — האָט זיך, אין דער לעצטער צייט שוין נישט אַזוי גוט געפילט. ער איז אָבער געפלויגן ווייט קיין דרום־אַפריקע, ווייל ער האָט געוואָלט דאָרט אָנטאַפּן דעם יידישן דופק.

פון מיינע פילצאָליקע געשפּרעכן מיט אים ווייס איך, אַז באָטאָשאַנסקי איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט יידן פון פאַרשידענע שטאָטן און מקומות. זיין האַרץ איז אויך געווען פול מיט פרייד ווען ער האָט באַזוכט ישראל, זעענדיק די פאָרשריט פון אויפגעלעבטן יידישן לאַנד. ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער האָט „געדעקט" די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.

ווי אַ מאַן מיט אַן אוניווערסאַל־מענטשלעכן צוגאַנג האָט ער אויך אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, וואָס אים איז אויסגעקומען צו זיין אין סאַן פראַנציסקאָ, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. דאָס איז פאַר אים געווען אַ געוואַלדיקע איבערלעבעניש.

די וואָס האָבן באַזוכט אַרגענטינע ווייסן, אַז באָטאָשאַנסקי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט דער מידה פון הכנסת־אורחים. און כאָטש ס'איז נישט אָנגענעם אין איצטיקן מאָמענט זיך אַריינצולאָזן אין פערזענלעכע מאָמענטן, קען איך, פון דעסטוועגן, נישט פאַרבייגיין און אין גאַנצן נישט דערמאָנען די גאַסטפריינטלעכקייט, וואַרעמקייט און פריינטשאַפט, וואָס דער דאָ־

זיקער גרויסער מאַן און גרויסער ייִד האָט אַרויסגעוויזן בעת איך בין געוועזן, מיט זיבן חדשים צוריק, אויף אַ באַזוך אין בוענאָס־איירעס.

באָטאָשאַנסקיס איבערגעגעבנקייט האָט מיך שטאַרק גערירט. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ „נייעם" באָטאָשאַנסקי, וועלכן כ'האָב ביז דעמאָלט נישט אַזוי גוט געקענט.

אַז דער נפטר האָט געהאַט פיל מעלות, אונטערליגט נישט קיין צווייפל. אָבער איינע פון זיינע גרעסטע מעלות איז געוועזן דאָס, וואָס ער פלעגט מקרב זיין יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך גענומען צום שרייבן און אַרויסגעוויזן חשק און פעיִקייטן. ער האָט זיי דערמוטיקט און געגעבן פיל מעגלעכקייטן. ער האָט טאַקע נישט אַזוי גוט געהערט, אָבער דערפאַר פלעגט ער „דערהערן" זאַכן, וואָס מענטשן מיט אַ גוטער שמיעה האָבן נישט שטענדיק דערהערט.

טאַלאַנטן פון באָטאָשאַנסקיס שניט באַווייזן זיך נישט אַזוי אָפט, און דעריבער איז זיין פטירה נאָך טרויעריקער.

און אין די איצטיקע טרויער־טעג, ווילט זיך איבערשיקן ווערטער פון טרייסט צו דער אלמנה, מרים לערער, און צו זייער בן־יחיד, אברהם באָטאָשאַנסקי. זייער פאַרלוסט איז אייגנטלעך דער פאַרלוסט פון דער גאַנצער ייִדישער קולטור־וועלט, אין וועלכער יעקב באָטאָשאַנסקיס נאָמען וועט שיינען אויף אייביק. ס'ווילט זיך אויך שיקן ווערטער פון סימפּאַטיע צו דער רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און פּערסאָנאַל פון „די פּרעסע". חבל על דאבדין ולא משתכחין!

יואל גאַק

די פּאַן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

עס איז שווער, זייער שווער, נעמען און אָפּשאַצן על רגל אחת די פילפאַרביקע באָטאָשאַנסקי־פּערזענלעכקייט און זאָגן, אַז דערמיט האָט מען מקיים געווען די מצווה פון מספּיד זיין אַן עלטערן און וועגווייזערישן שרייבער־קאָלעגע, וועמענס לעבן איז אַזוי פּלוצים און אומברחמנותדיק פאַרשניטן געוואָרן אַזש אין דער ווייטער יאָהאַנעסבורג און וועמענס שטאַרבלעכע רעשטן מיר וועלן היינט, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ ווייטיקלעכן דרוק אין האַרצן, באַגלייטן צו זייער אייביקער רו. ווי לאַנג איז עס דען, אַז מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט. קוים עטלעכע חדשים זענען אַריבער זינט דער

דורכגעפירטער אסיפה פון אַרגענטינישן אָפּטייל פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ביי וועלכערס דערעפענונג יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אונדז אַריינגעפירט אין די חדרי־חדרים פון דעם הונדערט־יאָריקן ייִדישן ליטעראַטור־היכל, נעמענ־דיק אונדז ביי דער האַנט, אַרומפירנדיק און ווייזנדיק וויפל שיינקייט, וויפל עכטקייט, וויפל אַחריות פאַר ייִדיש־לשון, וויפל פּאָלקסטימלעכקייט און וויפל דערהויבנקייט עס איז פאַראַן אין אָט דעם וווּנדערלעכן פּאַלאַץ, דעם מאַגישן געזאַמל פון הונדערט יאָר ייִדישע ליטעראַטור. אמת, מיר האָבן אים געזען מיט אַ מאָל שטאַרק פאַרעלטערט, טאַקע יונג אין גייסט, מיט אַ שטימע וואָס דונערט אַראָפּ מיט כוח, אָבער מיט אַ הויך פון אַזאַ פרעמד־קלינגענדיקן פּע־סימיזם, מיט אַ קול דממה דקה פון רעזיגנאַציע, — אַ זקן, וואָס איז געוואָרן פון דעם קעמפערישן און שטורמישן שרייבער־ריז, וואָס האָט מיט זיין וואָרט און מיט זיין פּען איינגענומען מאַסן, האָבן מיר דעמאָלט געקלערט און זיך אָן אויפהער געפרעגט, זוכנדיק אַ תשובה אין זיינע שטענדיק דורכדרינגענ־דיקע בליקן פון זיינע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, אין זיין אייביק פקחותדיקן כאַראַקטעריסטישן שמייכל, אָדער אינעם האַלב־פאַרפירטן דיאַלאָג מיט אים, געשטערט פון זיין אָפּגעשוואַכטן חוש השמיעה. געשפּירט האָבן מיר אין אים אַזאַ מאָדנע אינזיכקייט, אַזאַ נישט־געוויינלעכע דערוויטערטקייט פונעם אַרום, אַ מין שוועבן אין עולם הדמיון, גלייך ווי ער וואָלט אין אַ סך־הכלדיקן חשבון הנפש געציילט די טעג פון זיין רייך־פאַרנעמיקער, מיט לעבנס־לוסט און לעבנס־קאַמף אָנגעלאָדענער געשיכטע, — די געשיכטע פון אַ גרויסן יחיד, וועלכע האַלט זיך ביים אָפּשליסן.

איז עס נישט קיין צופאַל וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן גאַנץ אָפט געשריבן וועגן טויט, אפשר נישט ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַרן „וסופו לעפר״, נייערט ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עס דערנענטערט זיך זיין פיזישע צעשיידונג מיט דער וועלט פון די לע־בעדיקע, וועגן וועלכע ער האָט פאַרגאָסן ימים מיט טינט און וועמענס נויטן און גראַנגלען ער האָט שטענדיק געוווסט צוצוטראָגן אַ רויטן שמייכל, אַ שטאָך פון זיין „שפּיץ־פּען״, צי אַ לאַכן־מאַכנדיקן וויץ אָדער שפּאַס, מיט וועל־כע ער איז בכוח געווען צו צענעמען אַ באַרג מיט פּראָבלעמען און זיי פאַר־וואַנדלען אין אַ שטויביקן חוזק, צי גאָר אַ טיף־ערנסטן בליציקן געדאַנק, אַן אַנאַליטיש חוקר ודורש זיין וועגן מענטשנס צי ייִדנס גורל אויף דעם זינ־דיקן, אָבער דאָך פאַרגעניגנס־ברענגענדיקן כדור־הארץ. ווייל ממה נפשך, וואָס איז דעם מענטשנס לעבן, אויב נישט אַ באַרג מיט דאגות, צרות און פּראָבלע־מען, צוגעפּוצט מיט אַ ביסל עולם־הזהדיקן תענוג און חלומות פון גליק? האָט טאַקע יעקב באָטאָשאַנסקי נישט אָוועקגעשאַרט די האַרבע לעבנס־קשיות, נאָר

זיי אַנאַליזירט, אויסגעטייטשט און אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן פאַרענטפערט, אָבער אויך אַליין גוט אין זינען געהאַט, אַז מען איז, אין זיך און פאַר זיך, אַ מלך בשר ודם און אַז עס מאַכט נישט אויס טועם צו זיין פונעם גשמיותדיקן, וואָס דאָס לעבעדיקע לעבן דערלאַנגט אונדז, טיילט אונדז צו אין דער מאָס, וואָס איז נויטיק, אַז מיר זאָלן נישט פאַלן פונעם לעבנס-עול גופא, ווייל וואָס פאַר אַ זין וואָלט עס אַנדערש בכלל געהאַט פאַרן מענטש, אַז זיין וועג זאָל נישט זיין פון „ובחרת בחיים".

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אויסגעוויילט דאָס לעבן און האָט גענאָסן דערפון לויט זיין מאָס און זיין שטייגער, אָבער נישט סתם עגאָיסטיש, נייערט מיט אַ שטענדיקן קוק אויפן מיטמענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך געוואָסט צו טיילן מיט זיינע דערפאַרונגען, איבערלעבענישן און איינדרוקן, מיט זיינע מחשבות און אָנשויונגען. ווייט פון לאָזן זיך דיקטירן פון זיין לעבנס-גורל, האָט ער גענומען זיין גורל אין זיינע אייגענע צוויי הענט און געטאָן מיט זיין לעבן וואָס זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אַפילו דעמאָלט ווען ער פלעגט זיך לאָזן פאַנגען פון יצר-הרעדיקע, נאַטירלעך מענטשלעכע שוואַכקייטן. ווייל יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער, אַ מענטש מיט פּרינציפּן, פאַר וועלכע ער האָט געוואָסט צו קעמפן מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זיין דינאַמישער געשטאַלט, אוניווערסאַל און הומאַניסטיש אין זיין לעבנס-באַנעם און יידיש-נאַציאָנאַל אין זיין לעבנס-בוי און שאַפן.

וואָס האָט אים לערך מער אויסגעצייכנט פון זיינע בני-דור, דער אויסערגעוויינלעכער זשורנאַליסט מיט אַ שאַרפער פעדער, וועלכער איז בכוח צו שאַפן אַן עפנטלעכע מיינונג לויט זיין איינזען און ווילן, לויט זיין קרעדאָ און איבערצייגונג, צי גאָר דער געניטער קענער און אויסטייטשער, דער קריטיקער און מפרש פון דער יידישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור? אויף ביידע שטחים איז ער געווען אומגעהויער מעכטיק און אומגעוויינלעך פעיִק און באַגאַבט, ממש אַ גאָט-געבענטשטער שרייבער, וועמענס נוסח און דרך האָבן אים שטענדיק געפירט צום פאָלק און טאַקע באַליבט געמאַכט ביים פאָלק. אַ סך יינגערע שרייבער פאַר אים האָבן געזען אין יעקב באָטאָשאַנסקין אַ רבין און אַ מורה-דרך, הגם ער איז נישט להוט געווען זיך אַרומצורינגלען מיט תלמידים-חסידים און הגם ער האָט נישט געזוכט צו שאַפן אַרום זיך קרייזלעך אָנהענגער, נאָכלויפער. מען האָט געשפּירט און אַרויסגעוויזן גרויס דרך-ארץ צו אים פאַר זיין שרייבערישער גרויסקייט און חשיבות, לאו דווקא פאַר דער פּערזענלעכער ידידות, הגם ער פלעגט, אויף זיין נוסח, פראַווען רבישע טישן, ביי וועלכע עס האָט קיין מאָל נישט געפעלט אַ תורה-וואָרט וועגן אונדזער עבר, הווה צי עתיד; וועגן אונדזער יידישן זיין און

אונדזער גערױסן פֿאַרן זיין, פּירושים אויף יידישע שרייבער און פשט אויף יידישער ליטעראַטור, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שימעלע סאָראָקער, יאַנקעלע גיבאַלעס און ער, בכבודו ובעצמו, —די פילצאַליקע געשטאַלטיקונגען פֿון דער פילזייטיקער באַטאַשאַנסקי־פּערזענלעכקייט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן און צונויפגעגאָסן אין איין פעסטער און באַהערשנדיקער פיגור, אין דעם רבין און בעל־דרשה, אין לערער, לעקטאָר און רעדנער, יעקב באַטאָשאַנסקי.

אויסער דעם תורה־חינוך, וואָס ער האָט באַקומען אין זיין פֿאָטער־היים, איז יעקב באַטאָשאַנסקי געווען אַן אויטאָדידאַקט, וואָס האָט אַליין, מיט זיין אָפֿענעם מוח, דערוואָרבן קולטור און וויסן, וואָס האָט געניסטערט אין אַלע מקורות און באַרייכערט זיין אינטעלעקט און וואָס האָט, מיט זיין נאַטירלעכן טאַלאַנט פֿון איבערגעבן און שילדערן דאָס דערוואָרבענע, געלערנטע צי געזעענע, זיך געטיילט מיט אַלעמען, געבנדיק פֿון אַלעם גוטן, אַזוי פּשוט, קלאָר, ממש אויף דער האַנט. אין דעם איז באַשטאַנען זיין געניאַלקייט, אין זיין ביכולת צו פּאָפּולאַריזירן די טיפסטע פילאָסאָפֿיעס, די שווערסטע געדאַנקען און די פֿאַרבאָרגנסטע אידעען, און מיט דעם האָט ער געוונען זיינע לייענער און זיין הערער, פֿאַרוואַנדלענדיק זיך, ווילנדיק נישט ווילנדיק, אינעם רבין, צו וועלכן מען באַציט זיך מיט יראת־הכבוד און וועמען מען זעט אויף אַ פּיעדעסטאַל פֿון גלאָריע און חשיבות.

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט אַלס קריטיקער? זיכער נישט אין דעם וואָס שמואל ניגער ע״ה האָט אים בשעתו געגעבן סמיכות אויף ליטעראַטורקריטיק, נייערט אינעם קריטישן מעטאָד, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט און וועלכער איז געווען צוזאַמען געשטעלט כמו פֿון אַ מיטלוועג צווישן דער קלאַסישער קריטיק־פֿאָרעם און דער פּאָפּולערער, לייכט־שפּילעוודיקער פֿאָרעם, דורך וועלכער מען גרייכט צום פּשוטן, דורכשניטלעכן עולם. יעקב באַטאָשאַנסקי האָט אויף דעם געביט באַוויזן דאָס וואָס אַפֿילו שמואל ניגער, זיין בעל־סמכא האָט עס נישט באַוויזן, דהיינו: אַרויסרופֿן אַ פּיעטעט־געפֿיל, באַגלייט פֿון דרך־ארץ צו דער יידישער ליטעראַטור. אים האָט מער אינטערעסירט דער אָפֿנעמער פֿון זיינע ליטעראַטור־קריטישע מאמרים ווי דער אַנאַליזירטער שרייבער און זיין ווערק און דערפֿאַר האָבן טאַקע זיינע קריטישע אַרבעטן געטראָגן דעם וואָרן חותם פֿון פּירושים, ווי ער אַליין פֿלעגט זיי רופֿן, און האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ מין טייטש־חומש פֿון יידישער ליטעראַטור, דורך וואָס די ליטעראַטור גופא איז דערהויבן געוואָרן אין לשער.

אָבער ליטעראַטור האָט אַ שפּראַך און וואָס רייכער און פֿאַרביקער די שפּראַך איז, אַלץ שענער און פֿאַרנעמיקער איז אויך די ליטעראַטור פֿון פֿאָלק, וואָס רעדט די שפּראַך. פֿאַר באַטאָשאַנסקין איז יידיש־לשון, איז די יידישע

שפּראַך געווען אַן עיקר. נישט בלויז האָט ער געזען אין איר דעם ווונדערלעכן אינסטרומענט, מיט וועלכן עס ווערט געבויט און געשאַפן נאָך מער ווונדער־לעכע ליטעראַרישע ווערק אין פּאָעזיע, אין פּראָזע, צי אין דראַמע, נייערט ער האָט זיין פאַרליבטקייט אין דער שפּראַך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פאַרן קיום פון דער שפּראַך, ממש אין אַ לעבנס־פּרינציפּ און אין אַ לעבנס־אידעאַל. האָט ער געוויטיקט, וואָס ייִדיש ווערט פרעמד דעם יונגן דור און וואָס ייִדיש ווערט אויסגעליידיקט פון שולן און לערן־אַנשטאַלטן און האָט געקלאַפּט אין טיש פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָט אַראָפּגעשריִען פון געזעלשאַפטלעכע בעלעמערס, האָט געקעמפט און איינגעריסן ווענט, אַז די מיט האָרעוואַניע און טרחה, מיט בלוט און שוויס דערוואָרבענע ייִדיש־פּאָזיציע זאָל, חלילה, פון קיינעם נישט אָנגערירט און נישט געמינערט ווערן.

עס איז שווער צו זאָגן, אַז באָטאָשאַנסקי האָט מנצח געווען, הגם ער האָט אַלע נישט־געבעטענע דרבנן־קדיש־אָפּזאָגערס אויף ייִדיש פאַרשריִען און פאַרטריבן. אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט זיך שוין געשפּירט אַ טאָן פון פּעסימיזם, ווי פון איינעם וואָס האָט אַלע זיינע כוחות אַוועקגעגעבן פאַר אַן אומדערגרייכבאַרן אידעאַל. און אפשר דערפאַר האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט צום ייִדישן ישוב פון דרום־אַפריקע, כדי אויך זיך אַליין איבערצייגן, אַז נצח ייִדיש לא ישקר און אַז מאַמע־לשון איז נאָך אַלץ די לעבעדיקע שפּראַך פון פאָלק אין אַלע תפוצות, אין דער ווייטסטער צעשפּרייטקייט אַפילו. יעקב באָטאָשאַנסקי איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פאַרן קיום פון ייִדיש, פאַר אַן אידעאַל, וואָס איז געווען זיין גאַנצער אידעאַל, וואָס איז געווען זיין גאַנצער לעבנס־אינהאַלט, און איז געפאַלן ווי אַ גיבור, ווי אַ העלד.

איז עס שווער, זייער שווער אָפּצושאַצן די פילפאַרמיקע באָטאָשאַנסקי־פּערזענלעכקייט, דעם געפאַלענעם העלד אין שלאַכט פאַר ייִדיש, אָבער פיל שווערער איז צו מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז ער איז שוין מער נישטאָ.

לאָמיר איבערנעמען דעם קאַמף און גיין ווייטער, אָן אָפּרו, מיט ייִדיש, — די פאָן פון יעקב באָטאָשאַנסקי.

שמאי גרינבערג

פאַראַרעמט און עלנט

וואָס אַזוינס זאָלן מיר שרייבן וועגן יעקב באָטאָשאַנסקין אין די ערשטע מאָמענטן, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה וועגן זיין אומגעריכטן טויט?

עס וועט זיין ווייניק צו לאָזן אַ טרער צוליב זיין טויט, ווייל עס ווייטיקט דאָס האַרץ נישט בלויז אַצינד, אין דעם מאָמענט ווען עס איז אָנגעקומען זיין צייטונג „די פּרעסע” מיט דער אויפטרייסלענדיקער ידיעה, נאָר עס וועט זיין טרויעריק און ווייטיקלעך אין אונדזער לעבן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער אין אַלע ווייטערדיקע טעג, ווען עס וועט מער נישט קענען געהערט ווערן זיינע רייד, נישט ווערן געלייענט זיין וואָרט, און נישט טרעפן זיך מער מיט זיינע קלוגע אויגן און גייסטרייכער און אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אַ מאָל דערציילט אַזאַ אַנעקדאָט:

ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין פּוילן, אין דער שטאָט וואַרשע; אין דעם פּוילן פון פאַרן חורבן, ווען דאָרט האָט געשפּרודלט מיט שעפערישן יידישן לעבן.

געווען דאַן צוגאַסט אין פּוילן אויך שמואל ניגער און יוסף אָפּאַטאָשו. צוזאַמען און אין באַגלייטונג פון נאָך אַ יידישן שרייבער, האָבן זיי שפּאַצירט איבער די גאַסן פון וואַרשע. פּאַרויס זענען געגאַנגען ש. ניגער און י. אָפּאַטאָשו. באָטאָשאַנסקי מיט זיין באַגלייטער זענען געגאַנגען הינטער זיי. האָט באָטאָשאַנסקי באַמערקט זיין קאָלעגע, אַז ווען עס זאָל געשען אין דעם מאָמענט אַן אַקצידענט און די צוויי וואָס גייען פּאַרויס זאָלן, חלילה, אומקומען, וואָלט מיט זיי אומגעקומען אַ האַלבע יידישע ליטעראַטור.

מיטן טויט פון יעקב באָטאָשאַנסקי ווערט אָוועקגעריסן אַ האַלבע יידישע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק אין דרום־אַמעריקע. אויך אַ שטיק פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן. עס איז אַוועק אַ לערער, אַ רבי, אַ קעמפערישער שרייבער, אַ דערציִער פון שרייבער און פון לייענער. אַ גייסטיקער דאָקטאָר, ווייל ער פלעגט זוכן צו היילן און געזונט מאַכן דאָס יידישע לעבן, און אַ פּראָפעסאָר פון הויכע קאַטעדרע אין יידישן גייסטיקן שאַפן.

קיינער ווי ער האָט נישט אַזוי פאַרבונדן דאָס יידישע לעבן און שאַפן אין דער וועלט. קיינער, ווי ער, איז נישט אַזוי געווען פאַרבונדן מיט דער וועלט, ווי ער. ער איז געווען כמעט אין אַלע לענדער, צו וועלכע עס איז מעגלעך געווען צוצוקומען.

ער, אַ שרייבער און זשורנאַליסט אין דרום־אַמעריקע, האָט געהאַט די זכיה צו בייזיין די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה אין יאָר 1948 אין תּל־אביב, באַזוכן דאָס לאַנד עטלעכע מאָל, און אין זיינע פּלענער, וואָס ער האָט פאַרטרויט פאַר אונדז בעת אונדזער טרעפונג צוריק מיט איניקע חדשים, איז געווען, זיך צו באַזעצן אין יידישן לאַנד, און בלויז זיין אַרבעט און פליכטן אין די לענדער און אין „די פּרעסע״ האָבן אָפּגעלייגט די רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער שטרעבונג.

ער האָט לעצטנס אַ סך געשריבן וועגן טויט, ווי ער וואָלט געווען פאַר־געפילט אַז עס בלייבט אים ווייניק צייט, אַז היום קצר. אָבער ער איז דאָך פול געווען מיט פּלענער וועגן יידישן גייסטיקן שאַפן, און געאַרבעט אויף בייע וויכטיקע ווערק און געפּלאַנט נאָך אַנדערע.

דער טויט האָט אים פאַרכאַפּט ביים אַרבעטס־טיש, ביי אַן אַרבעטס־ריי־זע, בעת אַ וויזיט אין דרום־אַפריקע. געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן לעבן פון אומעטום, איז ער געפאַלן, ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן, אויפן פראָנט פון יידישן לעבן און שאַפן.

איכה! ווי פאַראָרעמט און עלנט מיר בלייבן איצט אָן דיר, רבי און חבר יעקב באָטאָשאַנסקי.

מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ, פאַראַבלט און מיט אַ טיפן ווייטיק איבער דעם גרויסן און שווערן פאַרלוסט. אַן אבידה פאַרן יידישן לעבן און פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַרן יידישן גייסטיקן לעבן און שאַפן, דעם פאַרלוסט פון יעקב באָטאָשאַנסקי זכרונו לברכה!

דאָוו — יאָהאַנעסבורג

יעקב באָטאָשאַנסקי — פילפאַרביקע פערזענלעכקייט*

יעקב באָטאָשאַנסקי קומט ענדע סעפּטעמבער קיין דרום־אַפריקע ווי דער גאַסט פון דער דרום־אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע, ווי אַ קאָלע־גע פון די היגע יידישע שרייבער, אָבער דער עיקר — ווי דער גאַסט פון אונדזער יידישן ישוב. ווייל יעקב באָטאָשאַנסקי איז אַ מעורב עם הבריות,

* דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן צו באָטאָשאַנסקיס אָנקומען קיין זיד־אַפריקע.

ער געהערט צום כלל ייִדן, זיין פּילפאַרביקע פּערזענלעכקייט און זיין באַגאַבטקייט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן לעבן און ייִדישן וואָרט, מאַכן אים פאַר אַן אייגענעם אין יעדער געזעלשאַפט, אין יעדער גרופּע ייִדן.

אַוודאי איז קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער קומט דאָ, ווי אַ שליח, צו זיינע ייִדיש־ייִדן, מיט וועמען ער איז דורכגעפלאָכטן און דורכגעמישט, וועמען ער האָט ליב און פאַר וועמען ער שרייבט זיינע טעגלעכע קאָלומס, זיינע אַרטיקלען, זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען. ער האָט הינטער זיך אַ גרויסע און לאַנגיאָריקע ליטעראַרישע קאַריערע — איבער אַ יובל איז ער אַן אָנגעזעענער נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין דער קריטיק. ער איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע פּען־מענטשן אויף אַלע געביטן פון שאַפן. זיינע פאַר צענדליק ביכער אויף די פּאָליצעס פון אַ ייִדישער ביבליאָטעק זענען אַן אוצר פון וואָרט אין אַלע זשאַנערס פון ליטעראַרישער שאַפונג: דערציילונגען, נאָוועלן, ראָמאַנען, דראַמעס, מעמואַרן, עסייען, רעפּאָרטאַזשן און — אַפילו לעקציעס. חוץ דעם טראָגט נאָך אונדזער גאַסט אויף זיינע פּלייצעס כמעט אַ צענדליק אַנדערע באַטאַשאַנסקיס — מאַסקירטע און פאַרשטעלטע אונטער אַדאַפּטירטע נעמען. זיי פירן עס אויס די „לייכטערע ראָלן" אין וועלכע ער טרעט אַרויס אויף דער סצענע פון דער טאָג־צייטונג, זשורנאַל א"אַ. אָבער אומעטום, אַפילו אין זיין פּסעוודאָנים־גרים בלייבט ער דער אייגענער און עכטער יעקב באַטאַשאַנסקי — זיין עספּרי, זיין בליציקער איינפאַל, זיין געלונגען בילד, זיין שאַרפע פעדער און זיין זשורנאַליסטיש שרייבערישע אחריות — הקול קול יעקב.

און דאָס איז די ברכה פון אַ שרייבער — זיין קינסטלערישע אייגנקייט, זיין אָריגינעלער איך, זיין שעפערישע באַזונדערקייט. יעקב באַטאַשאַנסקי האָט שוין מכמה יאָרן זיין אייגענעם און באַזונדערן עמוד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זיין פּריוואַט־ווינקל צווישן ייִדישע שעפער, זיין באַקאַנטן קולבגינה, וואָס מאַכט אים באַליבט און פּאָפּולער ביי לייענער און צוהערער. פון יעקבן קען מען אַ סך לערנען: אַ פּרק ייִדישע ליטעראַטור, אַ קאַפּיטל ייִדיש טעאַטער, די חכמה פון ייִדישן הומאָר — און וואָס נישט? מען האָט תמיד הנאה פון זיין וואָרט, יעדע טעמע — אַ קוואַל פון וויסן.

איז דאָך יעקב באַטאַשאַנסקי נישט נאָר אַ שרייבער, נייערט אויך אַ זאָגער — און נאָך וואָס פאַר אַ זאָגער! ער איז דער זאָגער בהא הידיעה און זיין „גערעדטן" וואָרט שלינגט עולם ממש מיט אָפענע מיילער. ער איז אַ גלענצנדיקער לעקטאָר פון מכל הבא לידו, און נישט נאָר וויס ער וואָס צו זאָגן, נאָר ער וויס אויך ווי צו זאָגן. דאָס קענען ריידן צו אַן אוידיטאָריע,

צום פֿאָלקסמענטש כדבר איש על רעהו, אַז צו גלייכער צייט זאָל עס אויך זיין אַ שמועס מיט יעדן באַזונדער — אין דעם שטעקט שוין דער כישוף פֿון באַטאָשאַנסקיס רעדנערישן טאַלאַנט. ער רעדט פשוטע רייד, ווי פשוט און איינפֿאַך פשט קען זיין, און גיט דעם טייטש, דעם אַריינטייטש און אויסטייטש, וואָס מאַכט קלאָר יעדן ליטעראַרישן צי געזעלשאַפֿטלעכן ענין. ער איז איןביידע — אין גערעדטן און געשריבענעם וואָרט — מעין המתגבר. ביי יעקב באַטאָשאַנסקין איז פֿאַרגעקומען אַן עירבוב התחומין פֿון ליטעראַטור־קריטי־קער, ווי אַ שרייבערישע עובֿדה, און ליטעראַטור־לעקטאָר. אין פֿאָרוואָרט צו זיין בוך „פשט" איז ער זיך אין דעם מודה.

באַטאָשאַנסקי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין בעסאַראַביע — אין דאָס פֿאַר זיך איז שוין אַ גענוג יידישער יחוס. פֿון 1926 וווינט ער פּער־מאַנענט אין בוענאָס־איירעס, און איבער אַ יובל יאָרן איז ער שוין אַ תושב אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז פֿון 1951 דער פֿאָרזיצער פֿון שריי־בער־פֿאַראיין א"נ פֿון ה. ד. נאָמבערג אין אַרגענטינע. אַגב, אַרגענטינע איז אַ ווייט לאַנד מיט אַ גוטן יידישן נאָמען און אַ ספּעציפֿיש יידישן קולטור־לעבן, און שוין פֿיל צענדליקער יאָרן שטייט דאָרט אונדזער גאַסט על משמר היידיש.

***

עס איז אַ כבוד און אַ פֿרייד מקבל־פּנים צו זיין אַזאַ חשובֿן און ליבן אורח. עס ווערט יומטובֿדיק און פֿריילעך. אָט וועט ער ריידן צו זיינע יידן, צו וועמען ער איז געקומען נעמען זיי אין וואַלד פֿון דער יידישער ליטעראַטור, כדי זיך אָפּצורוען מיט זיי אין ברייטן, טיפֿן שאָטן פֿון וואָרצלדיקן דעמב פֿון די זיידעס און איי־ניקלעך פֿון יידישן שעפֿערישסטן יאָרהונדערט. מיר וועלן ווידער אַ מאָל דערזען די גרויסע און רייכע ליטעראַטור פֿון אַן אָרעם און קליין פֿאָלק און זיך שפּיגלען אין די ליכטיקע סילועטן פֿון פּרץ, שלום־עלי־כם, מענדעלע א"אַ.

מיט אונדזער גאַסט בראש וועלן מיר אויפֿהייבן אַ כוס פֿאַר הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור און מאַכן די ברכה שהחיינו.

פֿאַר אונדזער גאַסט וועלן מיר אויפֿהייבן אַ צווייטן כוס: ברוך בואך!

„די אידישע צייטונג" וועגן יעקב באטאשאנסקי

יעקב באַטאַשאַנסקי איז געווען אָן שום ספק, איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדן אין אַרגענטינע, נישט נאָר ביי אונדז איז ער דאָס געווען, נאָר אומעטום, אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט איז ער געווען באַקאַנט. ער איז געווען באַרימט ווי אַ זייער טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט און ווי אַ פּרעכטיקער רעדנער. שרייבעריש האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו גרויסע ווערק, און ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער האָט ער געקענט מסביר זיין, אי מעסטן און וועגן. ער האָט ליב געהאַט צו באַצייכענען זיך ווי אַ ליטעראַטור־גענישער, און ער האָט געשריבן וועגן ליטעראַטור מיט וויסן און מיט באַרוף. די ייִדישע ליטעראַטור האָט ער ליב געהאַט ווי זיין אייגן לעבן און ער האָט אַ לעבן־לאַנג צו איר בייגעטראָגן און זיך איינגעשטעלט פאַרן ייִדישן וואָרט. אַ ברויזנדיקע נאַטור, האָט ער פאַרן ייִדישן וואָרט געקעמפט ווי אַן אמתער ריטער. אָנגעלאָדן מיט וויסן און מיט חכמה, האָט ער פאַרמאָגט אַ זעלטענעם זכרון און אַ שאַרפזין, וואָס האָבן זיך האַרמאָניש אויסגעדריקט אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל. און דאָס אַלץ האָט ער געשטעלט אין רשות פון זיין התלהבותדיקער בלב־ונפשדיקער איבערגעגעבנקייט צו דער ייִדישער קולטור, צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו דער ייִדישער שפּראַך. פאַר מאַמע־ייִדיש איז ער גרייט געווען צו שפּרינגען אין פייער אַריין.

נישט אומזיסט האָט אַ פּראָמינענטער ייִדיש־שאַפער אים באַצייכנט ווי „דער אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדישער ליטעראַטור".

איז טאַקע פיינלעך צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז יעקב באַטאַשאַנסקי איז שוין נישטאָ. איבערגעהאַקט געוואָרן דאָס לעבן פון אַ שר וגדול פון דער ייִדישער שפּראַך און זשורנאַליסטיק.

מער ווי פיר צענדליק פון זיינע צוויי און זיבעציק יאָר האָט יעקב באַטאַשאַנסקי געלעבט אין אַרגענטינע. מיט אונדזער ישוב איז ער געווען פאַרבונדן דורך און דורך. און ער האָט בייגעטראָגן זיין חלק — אַ גרויסן, בכבודיקן חלק — אויף פאַרשידענע געביטן פון היגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. בעיקר איז ער געווען שעפעריש אויפן געביט פון ייִדישן וואָרט, ווי אַ זשורנאַליסט, ווי אַ שרייבער און ווי אַ רעדנער. דאָס ייִדישע טעאַטער האָט אים צו פאַרדאַנקען אין אַ היפשער מאָס, זיין סאַנירונג. צו דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער בייגעטראָגן מער ווי אַ צענדליק בענדער — בתוכם דריי בענד מעמואַרן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צו זיין ווערן אַ בן־חמישים — אין די דאָזיקע בענדער האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו שרייבן כמעט אין אַלע

ליטעראַטור־זשאַנערן. וואָס ער האָט אין יעדן איינעם פון די דאָזיקע זשאַנערן דערגרייכט, דאַרף פסקענען די באַרופענע ליטעראַטור־קריטיק. אָבער אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן האָט ער געשפּרודלט מיט אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, ער האָט ממש געגלאַנצט מיט זיין באַגאַבטקייט, מיט זיין שאַרפזיניקייט און שפּיציקייט. און צו די דאָזיקע מעלות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס, איז צוגעקומען זיין בקיאות אין יידישקייט, זיין טיפער יידישער וויסן, מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַפּט אין חדר און אין ישיבה אין זיין היים אין בעסאַראַביע. און זיין ריזיקער קולטור־באַגאַזש, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן ווי אַן עסטערן אין אייראָפּעישע אוניווערסיטעטן, אָבער בעיקר ווי אַן אומדערמידלעכער אייפערדיקער לייענער. געלייענט האָט ער אין פאַרשידענע שפּראַכן און אַ דאַנק זיין זעלטענעם זכרון איז ער געווען ממש אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע. ער האָט זיך אָבער נישט סומך געווען בלויז אויפן זכרון, ער האָט כסדר קאָנסולטירט ווען ער האָט געדאַרפט ברענגען אַ פסוק אָדער אַ ציטאַט. זיינע לעקציעס און רעדעס זענען געווען באַגרינדעטע; דאָס אינטערעסאַנטע אין דער פאָרעם און דאָס באַלערנדיקע אין אינהאַלט איז ביי אים געגאַנגען שטענדיק געפּאָרט. זיינע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס האָבן אים געשאַפן דעם שם פון אַ גלענצנדיקן רעדנער, זענען געווען דער רעזולטאַט אי פון זיין אָראַטאָרישער קראַפט, טאַלאַנט, שאַרפזין און הומאָר, אי פון יאָרנלאַנג סאָלידער צוגרייטונג און כסדרדיקער אַרבעט איבער זיך.

און אויב יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אַ סך דערגרייכט ווי אַ שרייבער און אין ליטעראַטור־קריטיק — זיין בוך „פשט" איז בלי ספק אַ ווערטפולער צושטייער צו פּאָפּולאַריזירן די יידישע ליטעראַטור און איר מאַכן פאַרשטענדלעך אַפילו פאַרן פשוטן פאָלקסמענטש — און אויב ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אַרויסגעהויבן אַלס לעקטאָר און אַלס טריבון, דאָך האָט ער צומערשטן דערגרייכט אויפן געביט פון דער יידישער זשורנאַליסטיק. דער ציטונגס־מאַן און דער פּובליציסט זענען ביי אים געגאַנגען האַנט ביי האַנט און סיי דאָס שיינע און סיי דאָס טיפע האָבן אים געלאָקט. זיין זשורנאַליסטישער טאַלאַנט, וואָס ער האָט צעזייט אין טויזנטער, אויב נישט צענדליקער טויזנטער אַרטיקלען, קאָמענטאַרן, רעצענזיעס וועגן ביכער און טעאַטער, רעפּאָרטאַזשן, רייזע־שילדערונגען, האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע מזרח־וואַנט פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין דער גאָרער וועלט. ביי אונדז אין אַרגענטינע וועט ער, בלי גוזמא, פאַרצייכנט ווערן צווישן די אויסדערוויילטע, סאַמע בעסטע יידישע זשורנאַליסטן. ווינציקע פּען־מענטשן האָבן מיר אין אונדזער ישוב געהאַט פון אַזאַ פאַרנעם, פון אַזאַ מאַסשטאַב, פון אַזאַ קאַליבער. אוממעגלעך געווען אויסצומיידן יעקב באָטאָשאַנסקיס אַרטיקלען, וואָס ער

האָט ממש ביז זיין לעצטן אָטעם פאַרעפנטלעכט אין „די פּרעסע", דאָס טאָג־בלאַט וואָס האָט באַרייכערט מיט זיינע אומגעווינלעכע זשורנאַליסטישע פעי־קייטן. אַ נחת געווען אים צו לייענען, אַפילו דעמאָלט ווען מען איז אַבסאָלוט נישט מסכים געווען נישט מיט זיין שטעלונג, נישט מיט זיינע אויספירן. און זיינע שטעלונגען און אויספירן האָט ער פאַרטיידיקט ווי אַ קעמפערישער פּאָ־לעמיקער, וואָס איז דערגאַנגען ביז קריגערישקייט. אויב די אידעען און פּאָ־זיציעס וואָס ער האָט פאַרטיידיקט, האָט ער געהאַלטן פאַר ווערטיקע און ווי־טאַלע אין יידישן לעבן. אַ סך האָבן מיט אים ביטער פּאָלעמיזירט; קיינער האָט אָבער נישט אָפּגעפרעגט זיין שטורמישן טאַלאַנט. פאַרערער האָט ער געהאַט אין די טויזנטער און ווי אַן אייביקער קעמפער האָט ער געמוזט אויך האָבן קעגנער. קיינער וועט אָבער נישט וואַגן מוותר צו זיין זיין לעבנסלוס־טיקע, שטראָמיקע פּערזענלעכקייט.

הספד שורות פאָדערן צו דערמאָנען דעם מענטש, וואָס איז ערשט אַוועק, זינט זיין סאַמען קומען צום לעבן. לאָמיר זשע געבן אַ קיצור פון דער ביאָ־גראַפיע פון דעם מאַן, וואָס איז געפאַלן ווייט פון זיין היים, ווי אַ רייטער אין מיטן קאַמף פאַרן יידישן וואָרט.

געבוירן געוואָרן איז יעקב באָטאָשאַנסקי אין 1892 אין דאָרף טשיטש־מאַנסקי, לעבן קיליע, איזמאַילער דיסטריקט, אין בעסאַראַביע. זיין פאָטער, וועמען ער האָט אומצאָליקע מאָל דערמאָנט אין זיינע שריפטן, איז געווען אַ שוחט. האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געלערנט אין חדר און דערנאָך אין דער קע־שענעווער ישיבה. שפּעטער איז ער געפאָרן קיין אָדעס, וווּ ער איז געווען עקסטערן אין אוניווערסיטעט. אין דער עלטער פון צוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן רייזע־בילדער און דערציילונגען אין „גוט מאָרגן" אין אָדעס. ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלטמלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין רומעניע, געווען אַרעסטירט פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט, מיטגעאַרבעט אין דער רומעניש־יידישער פרעסע, דערהויפּט אין דער טעגלעכער בוקאַ־רעשטער ציוניסטישער אויסגאַבע „מאַנטואירעא". געשריבן האָט ער אויף סאָ־ציאַל פּאָליטישע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. ער איז געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון די פיר זאַמלביכער „ליכט", וואָס זענען דערשינען אין יאַס אין 1916. מיטגעאַרבעט אין „התקוה" אין גאַלאַץ צוזאַמען מיט יעקב שטערנבערג האָט ער רעדאַקטירט דעם יידישן סאָציאַליסטישן אָרגאַן „דער וועקער" און דעם אָרגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון אין בוקאָווינע („פרייהייט"). ער האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע יידישע אויסגאַבעס אין רומעניע און ער האָט געשריבן דערציילונגען, בעסאַראַבישע, מאָלדאַווישע און בולגאַרי־

שע לעגענדעס און מעשהלעך; בילדער פון יידישן לעבן אין רומעניע און זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן באַוויזן ווי אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט, אַ זשאַנער ווי ער איז געווען מייסטערהאַפט. אין רומעניע האָט ער אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע פאַר יידיש און די דאָזיקע אַגיטאַציע פאַר יידיש האָט ער פאַקטיש פאָרגעזעצט אַ לעבן. ער האָט אויך פאַרפאַסט רעוויו־פּראָגראַמען און זיין ערשטן איינאַקטער „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״, איז אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אין פאַרשידענע לענדער.

1923 איז דאָס יאָר וואָס צייכנט יעקב באָטאָשאַנסקיס פאַרבינדונג מיט אַרגענטינע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי פיר צענדליק יאָר. אין „די פּרעסע״, ווו ער האָט אָנגעהויבן אַלס מיטאַרבעטער, איז ער שפּעטער געווען שותף און דירעקטאָר צוזאַמען מיט — אים צו לענגערע יאָר — ד״ר ל. זשיטניצקי. געשריבן האָט ער אונטער אַ סך פּסעוודאָנימען: שימעלע סאָראָקער און יאַנקעלע גיבאַלעס האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן טויט. זיינע פאַרשידנאַרטיקע קאָלומס: „צווישן יאָ און ניין״, „אויפן שפּיץ פּען״ און „רויטע שמייכלען״, וועלן נישט קענען אויסגעמיטן ווערן אין דער אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק. זיין שעפערישער אומרו האָט אים געפירט איבער לענדער און קאָנטינענטן און ער איז געווען אומדערמידלעך ווי אַ רייזנדער און שטענדיק פריש ווי אַ רייזע־שילדערער. אין ניו־יאָרק איז ער געווען אַן אָפטער באַזוכער; מסתמא אַ צוואַנציק מאָל אַהין געפלויגן. און אין מדינת ישראל, ווו ער איז בייגעווען דעם היסטאָרישן מאָמענט פון דער מלוכה־פּראָקלאַמירונג און דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט — די העלדישע עפּאָפּייע פון דער מלחמת השחרור — איז ער געווען אַ פינף אָדער זעקס מאָל. „בראשית פון מדינת ישראל״ איז איינע פון די סאַמע ערשטע ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה און צו דעם זכות האָט ער משתתף געווען דאָס יידישע אַרגענטינע.

**
*

אפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען זיין געזונט איז געווען היפּש געבראָכן, האָט יעקב באָטאָשאַנסקי נישט אויפגעהערט אַרומצורייזן. ער האָט נישט גערוט. ער האָט נישט געקענט בלייבן זיצן אויף איין אָרט. דער אומרויִקער גייסט זיינער האָט אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געפירט קיין דרום־אַפריקע, ווי אַן אַלגעמיינער קולטור־גאַסט פון אָרטיקן ישוב. פון די ידיעות, וואָס זענען פון דאָרט אָנגעקומען, האָט מען געוווּסט פון זיין פיבערדיקער טעטיקייט: קאָנפערענצן, רייזעס, ביז דאָס האַרץ האָט ביי אים געפּלאַצט.



צוויי מאמענטן פון דער לוויה פון יעקב באַטאַשאַנסקי

פיינלעך צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז שוין מער נישטאָ אַזאַ גייסטרייכע, קאַליר־פולע פערזענלעכקייט. אַ ווולקאַן פון טאַלאַנט און פּקחות איז פאַרלאָשן געוואָרן. עס איז אַן אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור און עס איז אַ גרוי־סער פאַרלוסט פאַר אונדזער ישוב. עס איז אַן אבידה שאינה חוזרת.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז פון אונדז אַוועק

(אַ וואָרט פון צער אויף זיין פרישן קבר)

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געקומען אויף אַ ווײַלע קיין יאָהאַנעסבורג און פון דער שטאָט איז ער אַוועק אויף אייביק. אין לעצטן נומער האָבן מיר גע־שריבן אויפמונטערנדיקע קבלת־פנים־ווערטער, אין גוטן גלויבן פון זיין יידיש־שליחות, און היינט — אַנשטאָט אַ צאתך לשלום — שרייבן מיר הספד־ווער־טער אויף זיין אַזוי פלוצלינגדיקן טויט.

דורך דעם לאַנגן און שווערן גאַנג פון זיין שעפערישן און קולטור־טוע־רישן לעבן איז ער אַלע מאָל געבליבן אויף די שליאַכן פון יידישלאַנד. מער ווי אַ יובל יאָרן האָט יעקב באָטאָשאַנסקי „שפּאַצירט" מיט זיין פעדער אי־בער די וועגן און שטעגן פון דער יידיש־שעפערישער מאַפּע, אָבער נישט וויניקער האָט ער אויסגעפירט די שליחות פון אַ יידיש־גייער, וואָס ברענגט זיין לעבעדיק־גערעדטן וואָרט צו יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט.

מיט דער שמחה פון אַ שליח־מצווה האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געטראָגן זיין וואָרט צו זיין יידישן עולם, ביז זיינע פיס האָבן אים פאַרטראָגן אויף אַ זייטיק סטעזשקעלע פון יידיש־יידן אויפן שוואַרצן קאָנטינענט. עס איז גע־ווען זיין לעצטער וועג, זיין לעצטע פריוויליקע שליחות ביים סוף פון זיינע טעג. און אַלץ וואָס ער האָט דאָ נאָך באַוויזן צו זען איז געווען פאַר אים ניי. ער האָט מיט זשורנאַליסטישער ניכטערקייט אַלץ אָבסערווירט, אָבער ער האָט עס נישט אויפגענומען ווי בלויז שרייבערישן מאַטעריאַל פאַר שנעל־צוגעפּראַוועטע רעפּאָרטאַזשן, נאָר ער האָט אויך באַוואונדערט דעם דור יידן וואָס אָטעמט נאָך דאָ מיט יידיש; ער האָט געפּרוווט דערקענען דאָס עקזאָ־טישע לאַנד פון שוואַרצע מענטשן, גאָלד און לייבן.

און ער איז צוגעפאַלן צו זיינע ניי־אַנטדעקטע יידן, צו דער נייער אומ־געבונג, צו מענטש און שטאָט, צו די ניי־אויפגעעפנטע האָריזאָנטן, מיט דעם גאַנצן אייפער פון זשורנאַליסטישער פאַרכאַפּטקייט. ער האָט געשריבן אַר־

טיקל נאָך אַרטיקל וועגן אַלץ און אַלעמען. אויפגעכאַפּטע, פרישע שטימונגען און איינדרוקן — טייל מאָל נאָך נישט פאַרדייעטע — האָט ער אין געאייל פאַרפיקסירט אויפן פּאַפּיר, ווי ער וואָלט אין זיינע טיפענישן געאַנט, אַז באַלד וועט שוין זיין צו שפּעט.

פון סאַמע ערשטן טאָג פון זיין באַטרעטן יאָהאַנעסבורג, האָט ער אין מער ווי 5 וואָכן נישט אַרויסגעלאָזט די פּען פון זיין האַנט. ער האָט נישט מפסיק געווען פון שרייבן יומם ולילה. ער האָט באַאַרבעט די אייבערשטע פלאַכן, וואָס אַ מענטש דערזעט צו ערשט ביים קומען אין אַ ניי לאַנד, כדי שפּעטער זיך אַ גראָב צו טאָן צו די וואָרצלען פון לעבעדיקן ישוב, אָבער דער שפּעטער איז שוין געווען צו שפּעט.

עס איז אָבער נישט בלויז געווען די עבודה פון שרייבן, וואָס איז אייגנט־לעך אַ רשות היחיד, אָבער דער עיקר איז געווען זיין שליח־ציבור־אויפגאַבע, צוליב וועלכער ער איז דאָ געקומען. ער האָט אַלץ געטאָן מיט פלייס. ער האָט אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע ענערגיע און נישט ווייניק רירעוודיקייט. ער האָט זיך פון קיין אַרבעט נישט אָנטזאָגט, נישט באַקלאָגט זיך אַז ס'איז צו פיל, אַי ס'וועט אים פאַלן שווער. אין קעגנטייל: ער האָט פון אייגענעם ווילן אָנ־געלאָדן אויף די באָטאָשאַנסקישע ברייטע פּלייצעס אַלץ מער משא — אַ גרוי־סע פּראָגראַם, אַ מענגע טעמעס, אַ סך באַזוכן. און ער האָט עס אַלץ גענומען ערנסט. ער האָט זיין שליחות געטאָן באמונה. ער האָט נאָך געהאַט פיל פּלע־נער און אומעטום געוואָלט באַווייזן, אָבער ער האָט שוין נישט באַוויזן — —

***

יעקב באָטאָשאַנסקי, דער גוט־באַקאַנטער זשורנאַליסט און ליטעראַטור־קריטיקער, וועט האַלטן אַ פאָרטראַג מאַנטיק, דעם 26סטן אָקטאָבער אד"ט: „דאָס פינטעלע ה. לייוויק" — מיט די ווערטער האָט די קולטור־פעדעראַציע אַנאָנסירט דעם 4טן אויפטריט פון יעקב באָטאָשאַנסקי אין יאָהאַנעסבורג. אָבער אין דער שעה, ווען זיין עולם יידיש־יידן האָט געשטראָמט צום זאַל, איז דער לעקטאָר שוין געלעגן מיט פאַרפרעסטע ליפּן און מיט אַ געליימטער צונג; ווען ער האָט געזאָלט שטיין פאַר זיין יידיש־אוידיטאָריע און געבן אַ פּירוש אויף די ריטמישע גאולה־שורות פון אונדזער גרויסן לייוויקן, האָט זיין האַרץ אין יסורים־קראַמפּן אויסגעשלאָגן דעם לעצטן אומריטמישן קלאַפּ און שטיל געבליבן.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען דער גרויסער גאַסט פון דרום־אַפריקאַ־נער יידישן קיבוץ, אָבער ער איז אַוועק צוריק צו זיין שטענדיקער היים —

בוענאָס־איירעס — צו וועלכער ער האָט געהערט, און צו דעם ישוב — פאַר וועלכן ער האָט געווידמעט זיין שעפערישע קראַפט אַלע זיינע יאָרן — אַר־גענטינע.

זיין ערדיש ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן צווישן אונדז, אין דרום־אַפריקע, און די פונקען פון זיין יידיש גלויבן וועלן מיר ווייטער אויפהיטן אין זכות פון זיין נאָמען.

(„דרום־אַפריקע״).

י. האָרן

צו קבורה

אויפן בית־עלמין אין טאַבלאַדאַ, ווערט היינט געבראַכט צו קבורה דער היגער יידישער שרייבער, מיטרעדאַקטאָר פון „די פרעסע״, יעקב באָטאָ־שאַנסקי.

ווען ער איז מיט 41 יאָר צוריק געקומען אין לאַנד אריין — אָראָפּגע־בראַכט פון זיין עלטערער שוועסטער — איז ער געווען יונג און נאָך נישט אויספאָרמירט, הגם אַ שרייבער איז ער שוין געווען. אַזאַ זשורנאַליסט ווי יעקב באָטאָשאַנסקי, מיט פלאַם אין האַרצן און מיט בריענדיקע געהירן, ווערט מען נישט, נאָר מ׳ווערט מיט דעם געבוירן.

אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען, מיט טיפע קנייטשן אין פנים און אויפן שטערן, דער בוי פון זיין וואָרט — דאָס געשריבענע ווי דאָס גערעדטע — האָט אים אָבער נישט פאַרלאָזט און די פעטקייט פון זיין יידיש־לשון, וואָס איז געווען ווי די שוואַרצערד פון בעסאַראַביע האָט אים נישט פאַרלאָזט, נאָר זיך אויסגעמישט מיט דער יידיש־אַרגענטינער פאָלקסטימלעכקייט און האָט געשוימט אין אים, ווי גוטער וויין, וואָס האָט זיין שרייבן געמאַכט באַ־טעמט. יעקב באָטאָשאַנסקי דעם ליטעראַט, קומט, אַז ווען מ׳ברענגט אים צו קבורה, זאָל כאָטש אַנגעוואָרפן ווערן אייניקע שטריכן צו זיין פאָרטרעט, ווייל ער האָט זיין גאַנץ שעפעריש לעבן זיך באַמיט צו שרייבן פאָרטרעטן, זאָגן הספד־ווערטער, וואָס האָבן געריירט.

אַז עס שטאַרבט אַ גענעראַל, טראָגט מען אים נאָך ביי זיין לוויה די מע־דאַלן, וואָס ער האָט באַקומען אין שלאַכטן און זיין שווערד. אַ שרייבער וואָלט מען געדאַרפט נאָכטראָגן זיינע ביכער און אַ זשורנאַליסט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דערמאָנען זיינע קאַמפן.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען שעפעריש, אָבער אויך פול מיט קאַמפּס־ברען און ער האָט אין זיין לעבן געפירט אַ סך מלחמות, וואָס האָט שטאַרק ווי געטאָן, אָבער עס האָט אויך אים געקאָסט געזונט.

זיין אַ וואָרטזאָגער פון גרויסע מחנות, אַרויסלייכטן פון אַ ישוב מיט פּאָלעמיק וועגן ליטעראַטור, טעאַטער, געזעלשאַפטלעכע פּראָגן, יידישע פּראָבלעמען און נאָך און נאָך, איז נישט קיין אויסדרוק בלויז פון אייגענעם צאַפּלאַמטן ווילן, נאָר אויסדערוויילטקייט פון יחידים און צו דער מדרגה איז יעקב באָטאָשאַנסקי דערגאַנגען.

דערביי איז נויטיק צו געדענקען, אַז זיינע שטורעם־קאַמפּן און פּאָלעמיקעס האָט ער געפירט, ווען יידיש אַרגענטינע איז געווען אידעיש צאַפּלאַמט און די לייענער־מחנות זענען יינגער געווען מיט צענדליקער יאָרן.

דעמאָלט דורכגיין אויף קאָריענטעס, פון פּועירעדאָן ביז קאַזשאַאָ איז געווען ווי דורכגיין אַ בראַנד; צי ווען מ'האָט זיך געקריגט וועגן ליטעראַטור, טעאַטער, צי גאָר וועגן געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אידעען.

אַ שאַרפער זאָג, אַ פיינעם פאַרגלייך, אַ גוט וואָרט זענען דעמאָלט ווי פייגל געפלויגן איבער די צעטיילטע מחנות.

צו אַזאַ מדרגה דערגייט מען נישט אַפילו ווען מ'וויל. אויך די וואָס זענען מיט אים נישט געווען איינשטימיק, צי גאָר מיט אים געקעמפט, האָבן אים נישט פאַרניינט.

דאָס יידישע אַרגענטינע האָט געהאַט און האָט וויכטיקע, טאַלאַנטפולע שרייבער, גוטע זשורנאַליסטן, אָבער נישט אַזאַ ווי יעקב באָטאָשאַנסקי.

די מערסטע שרייבער אונדזערע אין אַרגענטינע — פון פריערדיקן ווי פון איצטיקן דור — זענען דאָ אויפגעוואַגסן, זיך דאָ פאַרמירט און געוואָרן דאָס, וואָס זיי זענען און אַזוי איז אויך געווען מיט באָטאָשאַנסקין.

אין ישוב אַרגענטינע זענען געווען און עס זענען דאָ שרייבער, וואָס האָבן אַזוי פיל וויסן, ווי ער האָט געהאַט, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט און האָבן נישט אין אַזאַ מאָס שרייבערישן טאַלאַנט. זענען אפשר דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן אַ גרעסערן סכום טאַלאַנט — פעלט זיי דער סכום וויסן, לעבנס־דערפאַרונג און דער עיקר איז, אַז דער טאַלאַנט ווי דאָס וויסן זאָלן נישט גיין באַזונדער, נאָר זיין צוזאַמען, דעמאָלט ווערט אַ שרייבער באַשאָנקען מיט אַ פונק פון גאָט, וואָס באַגלייט אים זיין גאַנץ לעבן, פילט אָן זיין וואָרט מיט חן, זאַפט און קרעפט.

יעקב באָטאָשאַנסקיס יידיש וויסן האָט געהאַט טיפע וואָרצלען: די היים, שפּעטער איז געקומען די ישיבה, שטודיע, הויכשול, קענטשאַפט מיט מענטשן

און פערזענלעכקייטן, רייזעס אין דער וועלט, וואָס ער האָט שוין געמאַכט אַלס אַרגענטינער תושב, אַ פּאָר צענדליק מאָל איז ער געווען אין נאָרד־אַמעריקע, פינף מאָל אין מדינת ישראל און פריער אין פוילן, אין פראַנקרייך, אין זיין אַלטער היים בעסאַראַביע, שוין אָפּגערעדט פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

פונקט ווי ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, טעאַטער, אַזוי האָט ער אויך ליב געהאַט דאָס לעבן. ער האָט, ווייזט מיר אויס, אָבער געהערט צו די מענטשן אויף וועמען מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז זיי לעבן צו־שווער.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געשריבן אַ וועלט און געהאַלטן אַ וועלט רעפעראַטן. אין אַ שפּאַס האָב איך אים אַ מאָל פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַ בוך פון טויזנט רעפעראַטן, לעקציעס און רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין לעבן. זאָל דינען אַלס באַווייז, אַז ער האָט געהערט צו די מענטשן וואָס לעבן שנעל, וואָס צו פופציק יאָר האָט ער אָנגעשריבן דריי בענד זכרונות: „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט". דערמאָנט זיך מיר איצט ווי אין יאָר 1942 האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געהאַלטן אַ רעדע ביי זיין יוביליי־פייערונג אין אַ טעאַטער־זאַל, איז נאָך דער אויפפירונג פון זיין פיעסע „דער קליינער מנחם־מענדל", האָט ער אין שייכות מיט די צוויי לייידיקע רייען אַ זאָג געטאָן:

— צווינגט מיך נישט מיין לוויה צו מאַכן אין דער פרעמד.

אין ערשטן מאָמענט איז אין זאַל דורך אַ קעלט און דערנאָך איז געקומען אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם פעליעטאָניסטישן זאָג.

דעמאָלט האָט ער אַפילו נישט געהאַט דעם מינדסטן פאָרגעפיל, אַז אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום וועט זיין לעבן איבערגעריסן ווערן אין יאָהאַנעסבורג בעת אַ לעקציע־טור און עס וועט נעמען פיל טעג ביז מ׳וועט אים אַהער ברענגען צו קבורה.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז אין זיין שרייבן געווען אי ליריש, אי שטורמיש און דערצו באַהויכט מיט הומאָר. עס וועט דעריבער נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן משה נאַדיר גלאַנצן מיט אַ באַזונדערן חן.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען ליטעראַטור, זיך אַ לעבן־לאַנג געוואָרעמט ביי ליטעראַטור: אין יידיש, העברעיִש, רוסיש, דייטש און געלייענט אויך אין אַנדערע לשונות. דאָס וויכטיקסטע וואָס עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן איז, אַז נישט בלויז האָט ער פיל געלייענט און געלערנט, נאָר ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חוש, אייגנשאַפטן און טאַלאַנט צו באַנעמען ליטעראַטור און פאַרשטיין אַ ווערק און זיין מחבר.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט געהאַט אַלערליי פּאַרמעסטן און ביי ליטעראַטורן פּעלן נישט קיין געביטן, ווו עכטע ליטעראַטור מבינים און אָפּשאַצער קענען אויפגיין און אַריינברענגען זייער איינגוס.

מיר האָבן געהאַט אַזעלכע ליטעראַטור־קריטיקער, ווי: בעל־מחשבות, שמואל ניגער און אַזעלכע ליטעראַטור־אויסטייטשער און פאָרשער, ווי ברוך ריוזקין, נ. ב. מינקאָוו, אַזאַ ליטעראַטור־עסייאיסט, ווי י. י. טרונק. ממילא איז נישט געווען לייכט אַ גלאַנץ צו געבן. דערביי דאַרף מען געדענקען, וואָס פאַר אַ גרויסע שרייבער יידן האָבן געהאַט אין די לעצטע הונדערט יאָר: די קלאַ־סיקערס, די „יונגע" אין נאָרד־אַמעריקע, די „אינזיכיסטן", די וואָס האָבן צו קיין גרופּע נישט געהערט; די שרייבער אין אַמאַליקן פּוילן, אין סאָוועט־רוס־לאַנד, „יונג־ווילנע", בעסאַראַביע, אַרגענטינע, מדינת ישראל און נאָך פיל, פיל לענדער, ווו עס לעבן און שאַפן פיל שרייבער און צווישן זיי, עכטע גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן.

ביי דעם אַלעם האָט יעקב באַטאָשאַנסקי דער זשורנאַליסט און ליטעראַט זיך דערהויבן אין זיין פּאָזיציע אַלס ליטעראַטור בעל־מסביר. כדי צו זיין אַן עכטער קריטיקער, ווי די פריער דערמאָנטע, מוז מען האָבן אייגענע מאָס און וואָג און צו דעם גרייכן יחידים. קענען מסביר זיין אַ ליד, אַ פּאָעמע, אַ ווערק פון פאַרשידענעם אינהאַלט און פאָרעם. מיט דעם האָט זיך יעקב באַטאָ־שאַנסקי ביז גאָר אַרויסגעהויבן. עס איז דעריבער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי־נע לעקציעס און רעפעראַטן, אָפּהאַנדלונגען וועגן משה לייב האַלפּערן, י. ל. פּרץ, מנחם באָריישאָ, מאַני לייב, ה. לייוויק, אליעזר שטיינבאַרג און אַנדערע גרויסע קינסטלער, זענען דורך אים אַזוי געלונגען אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט זיך נישט בלויז געחברט מיט יידישער און העברעישער ליטעראַטור, נאָר מיט ליטעראַטור בכלל און אַז ער פלעגט אַ שרייב טאָן וועגן רוסישע שרייבער, אָדער וועגן היינען, צי גאָר וועגן איב־סענס דראַמעס, שעקספּירס ווערק, האָט ער געלויכטן מיט זיין בקיאות און דער עיקר: ווי ער פאַרשטייט ליטעראַטור און קען פיל אַרויסברענגען. וואָס שייך פּאָפּולער מאַכן יידישע ווערק, אַ ריי שרייבער, האָט ער זיך שטאַרק דערהויבן, זיך ממש געשטעלט אַ מאָנומענט.

מיט וויפל ליבשאַפט און פאַרערונג ער פלעגט שרייבן און ריידן וועגן שרייבער און ציטירן אַ ריי ווערק. אומצאָליקע מאָל האָט ער אין זיינע לעק־ציעס ציטירט די וואונדערבאַרע משלים פון אליעזר שטיינבאַרג און לידער פון ה. לייוויק.

יעקב באַטאָשאַנסקי וועט נישט בלויז פעלן דער ליטעראַטור. אונדזער זשורנאַליזם, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, יידיש, יידיש טעאַטער און נאָך

און נאָך. נאָר מ׳דאַרף זאָגן מיט גרויס צער, אַז ישוב אַרגענטינע איז אָרע־מער געוואָרן.

פאַרגאַנגענעם זומער זענען מיר אַ חודש צייט געווען צוזאַמען אין מאַר דעל פּלאַטאַ. האָב איך באַנייט מיינע טענות צו אים, אַז ער זאָל אין אַ פּאָר בענד אָנשרייבן דעם אינהאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע פופציק יאָר.

ער האָט כמעט אַלץ געהאַט געלייענט און דער עיקר — ער האָט אַזוי געלונגען, ווי אַ שרייבער, געקענט מסביר זיין אַ ווערק, דערציילן דערציילן וועגן מחבר און אַריינבליקן אין אים. שפּעטער האָט ער געלאָזט וויסן אין דער עפנטלעכקייט, אַז ער גרייט אַ ווערק: הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור.

ווי מיר איז באַקאַנט, האָט ער אויף ס׳ניי געהאַט אָנגעהויבן לייענען די צייטיקע ביכער, מאַכן פאַרצייכענונגען און שרייבן. איצט, אַז זיין לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן, איז פון גרויסן פאַרמעסט וואָס וואָלט אים זיכער אָנגעטאָן אַ קרוין, גאָרנישט געוואָרן. פון אַלע פּלענער האָט זיך גאָר אויסגע־לאָזט, אַז יעקב באַטאָשאַנסקי ווערט היינט געבראַכט צו קבורה.

לעאָן האַלפּערן ע״ה

ביי דעם אָפענעם קבר פון יעקב באַטאָשאַנסקי ע״ה

די ידיעה, אַז יעקב באַטאָשאַנסקי איז אין דער הייסער אַפריקע פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט מיך געהאַט אַזוי דערשיטערט, אַז איך האָב אין ערשטן מאָמענט פשוט פאַרלוירן מיינע חושים. וואָס הייסט עפּעס, באַטאָ־שאַנסקי דער דינאַמישסטער און רירעוודיקסטער יידישער זשורנאַליסט אין ביידע אַמעריקאַנער קאָנטינענטן, באַטאָשאַנסקי דער מוטיקסטער יידישער שרייבער, דער דרייסטער קעמפער פאַר דער חשיבות און כבוד פון יידישן וואָרט, באַטאָשאַנסקי דער פקחותדיקער יידישער פּעליעטאָניסט איז שוין מער נישטאָ? שפּעטער, ווען איך בין געקומען צו זיך, איך האָב צוריק גע־קראָגן מיין רויִקייט, מיין דענקונגס־חוש האָט ווידער גענומען אַרבעטן, האָב איך מיר גענומען אָפּגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון פונעם טרויעריק געשעענעם פאַקט, בין איך געקומען צו דער איינציקער מסקנה, אַז יאָ, די יידישע קול־טור־וועלט אין דער גאָרער וועלט האָט אין באַטאָשאַנסקיס פּלוצלינגדיקן אָפּ־

לעבן געליטן זייער אַ שווערן פאַרלוסט. ווער ווייסט אויב זי וועט אַזוי גיך קומען צו זיך פון דעם קלאַפּ.

ס׳גייט נישט אין דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן איי־נעם פון אירע פּעניקסטע שרייבער, אויך נישט אין דעם וואָס די יידישע זשור־נאַליסטיק האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע שטאַרקסטע זיילן, נאָר עס גייט אין דעם, וואָס די יידישע קולטור־וועלט האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע מוטיקסטע קעמפער, איינעם פון אירע באַוווסטזיניקסטע באַשיצער, איינעם וואָס האָט ממש, מיט זיין פערזענלעכן מוט און שרייבערישער ווירדע אויפ־געהאַלטן די באַדראָטע פּאָזיציע פון יידישער קולטור און יידישער ליטעראַ־טור אין אונדזערע קאָנטינענטן. יאָ, באָטאָשאַנסקי איז געווען אפשר דער לעצ־טער מאָהיקאַנער, וואָס האָט מיט זיין אויטאָריטאַטיוו וואָרט, מיט זיין לעבן און געזונט, מיט זיין גרויסן פּרעסטיזש און מיט דער מאַסן־סימפּאַטיע וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, אַלס שרייבער און לעקטאָר, געווידמעט זיין לעבן צו באַשיצן דעם כבוד פון דער יידישער קולטור און האַלטן הויך די חשיבות פון אַ יידישן ליטעראַט.

מען זאָגט: באָטאָשאַנסקיס דראַנג צו וועלט־באַרימטקייט דורך מאַכן ווייטע רייזעס, האָט אים סוף־כל־סוף דערפירט צו דעם, ער זאָל שטאַרבן עלנט און איינזאַם אויף אַ פרעמדער בעטל, ווייט פון פאַמיליע און פריינט. ביין, זיין פּטירה אין דער פרעמד איז געווען זיין שטענדיקע קאַמפּס־גרייטקייט פאַר דער פּאָזיציע פון יידישער קולטור און ליטעראַטור, זיין נאָכאַנאַנדיק זוכן עקספּאַנסיעס פאַרן לעבעדיקן יידישן וואָרט, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון יידיש לעבן און פאַרן כבוד פון יידיש לשון.

שוין אַ יאָר 29 ווי באָטאָשאַנסקי ע״ה האָט מיר געגעבן סמיכה אויף שרייבעריי. איך לייען אים שוין אָבער אַ יאָר 40. קיין מאָל האָט מיך נישט אינטערעסירט זיין לייכטע פּעדער, זיין זאַרפעלטיקע אָפּגעהיטקייט פון דער יידישער שפּראַך, זיין שפּילעוודיקער סטיל, נישט אַפילו זיין אָריגינעלקייט אין באַנוצן בליץ־געדאַנקען. וואָס ס׳האָט יאָ געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען דער אופן פון זיין שרייבן. באָטאָשאַנסקיס שרייבן איז תמיד געווען אַ וועגווייזערישער, ווי אַ גוטער לערער וואָס גיט אַ לעקציע פאַר זיינע תלמי־דים. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט אין זינען צו פאַרווילן זיין לייענער מיט זיין שרייבן אָדער זיין לייענער זאָל הנאה האָבן פון זיינס אַ ווערטל אָדער אַ געדאַנק. ער האָט געהאַט די כוונה, אַז דער לייענער זאָל עפּעס לערנען פון זיין שרייבן, ער זאָל אויסברייטערן זיינע קולטור־ידיעות; דער לייענער זאָל זען, אַז אַ גוטע יידישע ליטעראַטור איז נישט ווינציקער אינטערעסאַנט ווי אַ נישט־יידישע.

דאָס זעלביקע איז אויך געווען מיט זיינס אַ שמועס. וואָס ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט געזאָגט, איז תמיד געווען וועגווייזעריש, באַלערנדיק, איבערציייגנדיק, מיט דער כוונה, אַז דער מיטשמועסער זאָל דערפון עפּעס לערנען און רייכער מאַכן זיינע ידיעות. אַזוי איז עס אויך געווען פאַרקערט, ווען זיין מיטשמועסער האָט אים עפּעס דערציילט אָדער געזאָגט. ער האָט עקספּלואַטירט דעם מיטשמועסער ביזן גרונט, אַרויסגעקוועטשט פון אים אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן, בכדי דאָס אויף זיין אופן צו באַאַרבעטן און איבערגעבן דאָס זיינע לייענער.

באַטאַשאַנסקי דער ליטעראַט האָט פאַרמאָגט גאָר אין אַ גרויסער דאָזע זעלבסבטזיכערקייט, גלויבן אין אייגענעם כוח, צוטרוי צו זיין ליטעראַרישער פּריזמע און מיט דעם כוח האָט ער אויך געשריבן זיינע ליטעראַטור־קריטישע ווערק „פּשט" און „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער", וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

באַטאַשאַנסקי איז אויך געווען אַן ערשטראַנגיקער לעקטאָר. בכדי צו זיין אַ דערפאָלגרייכער לעקטאָר איז נישט אַזוי לייכט. ער דאַרף האָבן אַ גוטע צוגרייטונג, ער דאַרף באַזיצן ידיעות פון וועלט־קולטור, ער דאַרף קענען די אורשפּרינגלעכע קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן מאַטעריאַל פאַר זיינע לעקציעס. ער דאַרף קענען ווי געהעריק באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל. צו דעם אַלעמען דאַרף דער לעקטאָר האָבן אַן אייזערנעם זכרון, — אָט דאָס אַלץ האָט פאַרמאָגט באַטאַשאַנסקי דער לעקטאָר.

באַטאַשאַנסקי איז געווען איינער פון די ווינציקע יידישע אינטעליגענטן, וואָס דער אַוועקגייענדיקער דור האָט אונדז נאָך איבערגעלאָזן. זיין יידישע אינטעליגענץ האָט ער געשעפּט אין ביאַליקס אַלטן בית־המדרש. זיין יידישע גייסטיקייט האָט ער גענומען אין זיין טאַטנס, דעם אַלטן קיליערס שוחטס שטיבל, ווו מען האָט זיך אין יידישער גייסטיקייט ממש געבאָדן. יידישן מאַטעריאַל אויסצובויען זיינע פּרעכטיקע לעקציעס האָט ער גענומען אין די ישיבות, דאָרטן האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט די פּערספּעקטיוון פון אַן אָנקומענדיקן שווערן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק. דאָרטן האָט ער דערזען די מיט פייערדיקע אותיות אין הימל תמיד הענגענדיקע פראַגע: „הלנו אתה אם לצרינו"? און באַטאַשאַנסקי האָט פּעסט און זיכער באַשלאָסן, אונטער דער וואַרעם יידישער אַטמאָספער פון די ישיבות, „הלנו". פון דעם מאָמענט אָן ווערט ער אַ התלהבותדיקער אונדזעריקער, אַ קעמפער פאַרן יידישן פאָלק, פאַר זיין קולטור, פאַר זיין עקסיסטענץ בכלל און בפרט פאַרן יידיש־נאַציאָנאַלן מאָמענט פון פאָלקס לעבן. אָט די אַטמאָספער האָט אים גע־

ליפערט מאַטעריאַל פאַר זיינע פּראַקטישע יידישע קולטור־פּאַרטראַגן. דער־פאַר האָט דער יידישער עולם אַזוי פאַרגאַפט אויסגעהערט זיינע באַלערנדיקע לעקטורן.

באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ יידישער קולטור־מענטש פון העכסטער מד־רגה. ער איז געווען מלא וגדוש מיט יידיש וויסן, מיט יידישער חכמה און מיט אַ סך ידיעות, וואָס ער האָט געשעפט פון סאַמע מקורדיקן קוואַל פון חכמת היהדות. אויסער דעם איז ער געווען אָנגעפּראָפּט מיט יידישער פּקחות. זיינע פּקחותדיקע אָריגינעלע פאָלקס־מעשהלעך פון פאָלקלאָריסטישן כאַראַק־טער, וואָס ער האָט פאַרפּנטלעכט אין זיינע זונטיקדיקע רובריקן אין „די פּרעסע" באַשטעטיקן זיין פּקחותדיקייט.

אין סך־הכל אָבער קומט תמיד דאָס טרויעריקסטע, דאָס אומענדלעכע, דאָס באַטירלעכע פאַרן חכם און פאַרן שוטה, פאַרן שרייבער און פאַרן לייענער, פאַרן לעקטאָר און פאַרן צוהערער. באָטאָשאַנסקיס גוף ווערט היינט פאַרשאָטן מיט עטלעכע לאָפּעטעס ערד און „היה היה באָטאָשאַנסקי ואיננו", געווען אַ באָטאָשאַנסקי, אַ יידישער שרייבער, אַ זשורנאַליסט, אַ ליטעראַטור־קריטי־קער, אַ לעקטאָר, אַ חכם, אַ פּקח, אַן אמתער נאַציאָנאַלער ייד, אַ גרויסער פריינט פון כל ישראל און גאַנץ באַזונדערס פון מדינת ישראל און נישטאָ מער. אין מיטן קאַמף פאַר דער יידישער קולטור, פאַר יידישער ליטעראַטור, פאַרן יידישן געדאַנק איז זיין לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן.

באָטאָשאַנסקי איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן, האַלטנדיק הויך און שטאַרק די פאָן פון יידישער ליטעראַטור. ווער וועט איצט איבערנעמען און טראָגן די פאָן פון יידישער ליטעראַטור; ווער וועט פאָרזעצן דעם קאַמף פאַרן יידישן לשון?

רו אין פרידן, טייערער פריינט באָטאָשאַנסקי — אומדערמידלעכער קעמפער פאַר דער חשיבות פון יידישער ליטעראַטור.

י. וויינשענקער

יתגדל ויתקדש

כ'בין זיך מודה אַז זינט אַ סך יאָרן — אפשר נישט באַלד נאָך 1940, ווען יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געהאַט זיין ערשטע האַרץ־טאַקע — האָט זיך מיר צוגעקלעפּט אַ קרענקלעכער פּחד: יעדעס מאָל, ווען איך פלעג עפּענען

אַן אַרגענטינער ייִדישע צייטונג — פּלעג איך אַ ציטער טאָן נישט צו דער־זען אַ שוואַרץ רעמל און דערין — באַטאַשאַנסקיס נאָמען.

אָבער לעצטנס האָב איך זיך שוין געהאַט באַפרייט דערפון. קען זיין, אַז ערשטנס האָב איך אויפגעהערט דערפאַר צו ציטערן, ווייל באַטאַשאַנסקין אַליין איז געלונגען מיר איינצורײדן (אפשר דאַרף מען זאָגן „איינצושרייבן”), אַז מען ווערט וואָס אַ מאָל ייִנגער, אַז ער אַליין לכל־הפּחות, „הייבט ערשט אָן” און, דעריבער האָב איך עפּעס ווי ביי מיר אַליין געהאַט אַרויסגענומען אַ פאַרזיכערונג אויף באַטאַשאַנסקיס לעבן — אויף לכל־הפּחות נאָך אַ 20 יאָר.

און איצט, ווען עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן די ידיעה וועגן זיין פיזישן אוים — פיל איך, ווי אונדזער מחנה — די מחנה פון די שטאַרביקע — איז נאָך שוואַכער געוואָרן; פיל איך זיך אַליין נענטער אַהין פון וואַנען מען קומט שוין נאָר צו חלום.

עס וועלן נאָך וועגן באַטאַשאַנסקין געשריבן ווערן הונדערטער אַרטיק־לען, אַיין בוך, צום ווינציקסטנס, וועגן אים וועט נאָך באַשטימט דערשיינען. אפשר וועט מיר אַליין אויך אַ מאָל געלינגען עפּעס אָנצושרייבן וועגן אים. אָבער פון זיך אַליין וויים איך איינס: דאָס וואָס באַטאַשאַנסקי האָט מיר ביז איצט געגעבן און דאָס וואָס איך האָב נאָך פון אים דערוואַרט און געהאָפט צו באַקומען — איז שוין פאַרשפּילט אויף אייביק.

כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט זיין נאָמען אין טשערנאָוויץ אין 1931 צי 1932. עס איז געווען אין אַ קרייז פון יונגע שרייבערס — מיינע מדריכים און אויף אַ וועג אַרויספירערס; עס איז געווען אונטערן דאַך און צווישן די פיר ווענט פון באַרימטן לייענזאַל פון טשערנאָוויצער „מאַרגנרויט”, וווּ עס זענען דערצויגן געוואָרן אַ פּאָר דורות יוגנטלעכע פון צפון־רומעניע, אייג־שליסלעך בעסאַראַביע.

שפּעטער, ווען איך האָב זיך געגרייט צו פאָרן קיין דרום־אַמעריקע, האָט אַ חבר מיר געזאָגט: „ווען וועסט אָנקומען אַהין, שטעל זיך אין קאָנטאַקט מיט באַטאַשאַנסקין — וועסטו נישט פאַרפאַלן ווערן; וועסטו נישט אונטערגיין; וועסטו זיך נישט טרינקען”. דאָס אַלץ איז געמיינט געוואָרן קולטורעל, ייִדיש־אינטעלעקטועל.

עס איז מיר קיין מאָל נישט געלונגען דעם דאָזיקן קאָנטאַקט איינצו־שטעלן. אָבער די באַקאַנטשאַפט מיט באַטאַשאַנסקין האָט נישט געמוזט זיין קיין קעגנזייטיקע. יאָרנלאַנג נאָך מיין קומען קיין דרום־אַמעריקע, האָט ער נישט געוווּסט אַז ס'איז דאָ אַזאַ נאָמען ווי מיינער אויף דער וועלט. אָבער איך אים האָב געלייענט פון דער ערשטער וואָך אָן וואָס איך בין אָנגעקומען

קיין באָליוויע, אָנהייב 1939. און פּונקט ווי טויזנטער ייִדן פון מיין דור, צי פון אַ האַלבן דור פריער, האָב איך פון אים זייער אַ סך געלערנט.

איך האָב אין אייניקע ענינים נישט מסכים געווען מיט אים. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט, אַז איך זאָל ביים עפענען „די פּרעסע" קודם־כל אַ זוך טאָן וועגן וואָס שרייבט היינט באָטאָשאַנסקי און, אָדער באַלד עס נעמען „שלינגען", אָדער עס מיר אויסשניידן אויף צו לייענען אין אַ רויקער מינוט, אָדער עס טאָקע בכלל באַהאַלטן ווי לערן־מאַטעריאַל פאַר מיר און פאַר אַנדערע.

איצט, וועט אָט דער לערער פון מאַסן אויספעלן מיר און טויזנטער אַנדערע. איך ווייס אַז אונדזער דרום־אַמעריקאַנער ייִדנטום, לכל־הפּחות, איז איצט זייער, זייער אָרעמער געוואָרן. עס זענען דאָ אין דער ייִדישער און אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און פּובליציסטיק געלערנטערע מענטשן ווי באָטאָשאַנסקי, אָבער זייער ווייניק פון זיי האָבן געהאַט אַזאַ ברייטן ווירקונגס־קרייז; זייער ווייניק פון זיי — אויב עס איז בכלל נאָך דאָ אַפילו איינער אַזאַ — האָבן געקענט אַזוי ווי באָטאָשאַנסקי דערהייבן דעם פּשוטן ייִדן און די ייִדישע פרוי און זיך מיט זיי טיילן מיטן שענסטן און בעסטן אין דער ייִדישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור און קולטור.

איך בין זיכער, אַז אין דעם וואָס די אַרגענטינער און אורוגווייער ייִדישע ישובים זענען דאָס וואָס זיי זענען — פעסטונגען פון באַוויסטער ייִדישקייט — האָט אַ הויפּט־חלק געהאַט באָטאָשאַנסקי. איצט — אויף וועמען וועט פאַלן דער עול, די אויפגאַבע, די משא — אים צו פאַרטרעטן?

ער וועט קיין מאָל נישט פאַרטראַטן ווערן. צענדליקער פון אונדז וועלן זיך נאָך דאַרפן אָנשטרענגען, אַז עס זאָל אויפגעהיט ווערן דאָס וואָס ער און ענלעכע צו אים האָבן אונדז איבערגעלאָזט. אויף וויפל דאָס וועט געלינגען — וועט עס זיין אַן אויפטו פאַר אונדזער אייגן לעבן; פאַר אונדזער אייגן לעבן נישט נאָר אין בוענאָס־איירעס, אין קאָרדאָבאַ צי אין מאָנטעווידעאָ, און נישט אַפילו אין לימאַ אָדער אין לאַ־פּאַז אשר בבאָליוויאַ, נאָר אויך פאַר אונדזער לעבן אין ניו־יאָרק און אין מאָסקווע — ווי מאָדנע דאָס זאָל אייך נישט אויסזען — און אַפילו אין תל־אביב און אין ירושלים, ווי נאָך מאָדנער דאָס זאָל אייך נישט אויסזען; פאַר אָט דעם כלל־ייִדישן לעבן, וואָס שליסט איין תמצית־ייִדישקייט פון אַלע דורות און פון אַלע פּונקטן פון ערד־קיילעך, פאַר וועלכן באָטאָשאַנסקי האָט אָפּגעלעבט אַ קורץ, פיזיש־באַגרענעצט מענטשלעך לעבן.

פאַר אָט דעם ייִדישן לעבן איבערן גאַנצן כדור הארץ, וואָס באָטאָשאַנסקי האָט עס אַרומגענומען נישט נאָר מיט זיין האַרץ און מוח, נאָר זיך מטריח

געוועז עס צו קענען און לערנען מיט זיין גאַנץ לייב־און־לעבן און אַזוי, פּי־זיש, אויסגעמאָסטן אַ וועלט און אומעטום אָנגעקומען און אָנגעשפּאַרט, ווי איצט, אַזש אין יאָהאַנעסבורג, אין דרום־אַפריקע, ווו דער פיזישער סוף האָט אים געטראָפן.

מיר פאַרנייגן זיך פאַר זיין אָנדענק און זאָגן־צו: כל־זמן עס וועט דויערן אונדזער אייגענער אָטעם־צי, וועט דויערן זיין אָנדענק אין אונדזערע הערצער.

און מיר זענען זיכער, אַז כל־זמן עס וועט זיין יידיש לעבן אויף דער וועלט בכלל — וועט מיט דאַנק און פּיעטעט דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון קולטור־פּיאָנער און קולטור־בויער יעקב באָטאָשאַנסקי, זכרונו לברכה.

——— • ———

ד״ר ל. זשיטניצקי

דאָס פּלוצים איבערגעריסענע געזאַנג!

האָט אויסגעפעלט אַ שרייבער אין פמליה של מעלה? נויטיקט מען זיך דאָרט אין אַ פעליעטאָניסט, אין אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אָדער גאָר אין אַ דערציילער?

שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק אַז יעקב באָטאָשאַנסקי איז שוין מער נישט פאַראַן. אַריבער דרייסיק יאָר ביי איין רעדאַקציע־טיש איז נישט אַ קלייניקייט, עס איז נישט קיין האַלבער נאָר אַ גאַנצער לעבן, עס איז אַפילו מער, ווי די באַציונגען אין אַ פאַרהייראַטן לעבן. ווי שרייבער זאָלן נישט זיין פאַרשידנאַרטיק אין זייער דענקען, אין זייער אויפנעמען זאַכן, דערשיינונגען און אידעען איז עפּעס פאַראַן וואָס פאַרבינדט זיי דאָך, טאַקע ווייל זיי באַנוצן זיך מיטן זעלבן וואָפן. יעקב באָטאָשאַנסקי איז נישט איין מאָל געוועזן דער בליץ וואָס האָט אַ שטראַל געטאָן מיט אינטערעסאַנטע געדאַנקען, און אָפט מאָל געוועזן אויך דער דונער, וואָס האָט אַ טרייסל געטאָן און צעטרייסלט גאַנ־צע זיילן. ער האָט בכלל ליב געהאַט דעם שטורעם און דעם־אַ שטורעם האָט ער אַריינגעבראַכט נישט נאָר אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן אויף איין אָרט; דאָס רייזן איז פאַר אים געוועזן אַ מין אויסלאָדונג, אָפט מאָל אַן אַנטלויפן פון זיך אַליין און זיך ווידער אַ מאָל גיין זוכן און געפינען אין נייע מרחקים, ביז די פיס האָבן אים פאַרפירט אַזש אין

וזייטן אַפריקע, ווו זיין געזאַנג צום יידישן וואָרט און יידישן דענקען איז פּלוצים, ממש אַכזריותדיק איבערגעריסן געוואָרן.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען דער אייגנאַרטיקער אין אַלע הינזיכטן. ער האָט אויך נישט געוווסט וואָס הייסט בלייבן אויף איין אָרט, זיך באַנוגענען מיט „קליינקייטן״, ער האָט געשטרעבט און ליב געהאַט דאָס גרויסע, אָפט מאָל דאָס אומדערגרייכבאַרע און טאַקע דערפאַר האָט ער אין זיין שאַפן זיך נישט באַגרענעצט נאָר מיטן בלייבן דער זשורנאַליסט. פעליעטאָן און דראַמע, ליטעראַטור־קריטיק און בעלעטריסטיק, איבעראַל און איבער אַלץ האָט געשוועבט זיין פעדער, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ לייכטע. ער האָט נישט געוווסט וואָס הייסט זיך אָנשטרענגען צו שאַפן, דאָס שאַפנדיקע איז ביי אים געווען אַזאַ אָרגאַנישע און אוממיטלבאַרס, ווי אַ ריכטיקער מעין הנובע.

שווער איז מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז דער „מעין הנובע״ וועט שוין מער נישט זיין און וויפל האָט דער מעין הנובע נאָך געקענט געבן, וויפל פרייד האָט ער נאָך געקענט פאַרשאַפן זיין גרויסער צאָל לייענער, פאַרערער, סימפּאַטיזירער און אַפילו די וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ „קרום אויג״ און דאָך געוואָלט וויסן, הערן און לייענען זיין וואָרט. נישט איין מאָל פלעגן מיר זיך צעווערטלען אויס מיינונגען אָדער אידעען, אָבער אָפט מאָל אין דער שטיל, חבריש, פריינטלעך, כאַפּן אַ שמועס וועגן זאַכן און אָנגעלעגנהייטן און יעקב באָטאָשאַנסקיס הנאה איז געווען ווען מ׳האָט דיסקוטירט זיינס אַ געדאַנק אָדער מיינונג. און ער איז אויך געווען גערעכט: די דיסקוסיע האָט אים געגעבן נייעם שטאָף און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פון דעם אַרויס אַ האַרציקער און געדאַנקפולער פעליעטאָן, אָדער גאָר אַ גאַנצער אַרטיקל און אויב נישט, איז אַ „שפּיץ־פּען״. יעקב באָטאָשאַנסקי האָט זיין וואָרט אויסגעשפּילט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן: פידל, טשעלאָ, פלייט און אַ מאָל גאָר דער טראָמבאָן, מיט אַ הויכן און גרויסן הילך, טאַקע ווייל יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ מענטש פון שטימונגען. ער האָט פאַרמאָגט אין דער הינזיכט די אייגנשאַפט פון אַ שוישפּילער, ערנסט ווי דער שרייבער און שפּילעוודיק ווי דער שוישפּיל. אויס דעם האָט ער געקענט ווערן ליריש אינעם פעליעטאָן און עלעגיש אין איבערגעבן אַ פּאַסירונג פון אַמאָל אָדער אַ דערינערונג. נישט אומזיסט האָט ער אין זיינע גאָר יונגע יאָרן אין זיין אַלטער היים בעסאַראַביע און רומעניע זיך אָפּגעגעבן מיט טעאַטער. ענלעך ווי די ליטעראַטור איז געווען זיין ים אין וועלכן ער איז געשוווּמען, אַזוי איז טעאַטער געווען זיין סטיכיע, וואָס האָט אים מיטגעריסן. און אָפט מאָל האָט ער פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן, — די ליטעראַטור מיט טעאַטער.ביידע זענען ביי אים אַלע מאָל געווען איינס, ענלעך ווי ער האָט פאַראייניקט אין זיך

דאָס גלויבערישע און דאָס אַפּיקורסישע. יעקב באָטאָשאַנסקי איז בטבע געווען אַ רעליגיעזער בעל־מאמין, מסתמא גייט עס אויף דער גירסאָ דינקותא, מחמת אין זיין נשמה, זיין גייסט איז באַשטאַנען פון אַ צווילינג, ער איז געווען דער אַבסאָלוטער חסיד און אין דער זעלבער צייט אויך דער וועלטלעכער מענטש. אין זיין וועלטלעכקייט האָט ער אַריינגעבראַכט דאָס חסידישע און אינעם חסידישן האָט ער אַריינגעבראַכט דאָס וועלטלעכע און דיביידע האָבן זיך אין אים פאַרטראָגן אויף אַזאַ האַרמאָנישן אופן, אַז עס איז געווען שווער פונאַנדערצוטיילן דאָס איינע פונעם צווייטן.

עטלעכע צענדליק יאָר האָט יעקב באָטאָשאַנסקי אָפּגעגעבן דעם יידישן ישוב פון אַרגענטינע, כמעט דאָס גאַנצע לעבן. אַ גרויסן טייל פונעם ישוב האָט ער געלערנט דענקען אין יידיש־נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס. ער האָט פאַר דעם פאַרמאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט, אַ מאָל אַ שאַרפס און אַ מאָל אַ מילדס, אַ פאָטערלעך גלעטנדיקס. און אין עצם איז ער אַליין געווען אַ גרויס קינד, וואָס פלעגט אָפט מאָל קוקן אויף אַלץ מיט נאַיוועע, קינדישע אויגן. נישט איין מאָל האָט ער געוואָלט זיין דער פּראַקטישער מענטש, מאַכן חשבונות, אָבער וואָס פּראַקטישער ער האָט געוואָלט זיין, אַלץ גרעסער פלעגט ווערן זיין נאַיווקייט. נישט איין מאָל פלעגט ער אויס דעם עפּעס גרויס זיינע אויגן און זיך וווּנדערן, ווערן פאַרחידושט און טאַקע אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער שטורעמען און זיך צעברומען ווי אַ לייב. און דער לייענער־עולם האָט ליב געהאַט זיין שטורעם, זיין רירעוודיקייט און אָט דאָס איז מיט אַ מאָל אומברחמנותדיק איבערגעריסן געוואָרן. נישט זיינע נאָענטע און נישט זיינע ווייטע וועלן שוין מער הערן און פילן זיין שטורעם, עס וועט נאָר בלייבן דער זכר וועגן דעם. אָבער מען וועט פילן, אַז פלוצים איז איבערגעריסן געוואָרן אַ טיף מענטשלעכער אייגנאַרטיקער נישט פאַרענדיקטער גאַנג, איבערגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין שפּעטער וואָס טראָגט דעם פּשוט מענטשלעכן נאָמען יעקב באָטאָשאַנסקי.

וועלוול טשערנאָוועצקי

ווען דער טויט האָט ביי אונדז צוגענומען!

שווער פאַר אונדז, פאַר זיינעם אַ פערזענלעכן גוטן און האַרציקן פריינט, שווער צו שרייבן אַ נאָטיץ און דערביי צושטעלן די טרויעריקע און שרעקלעכע ווערטער: ע״ה.

בכלל גלויבט זיך נישט, אַז צו יעקב באַטאָשאַנסקיס נאָמען דאַרף מען שוין צו שטעלן אָט די צווײ ווערטער. אָבער, גלויבן איז אײן זאַך און דער שרעקלעכער אמת איז אַ צווייטע זאַך!

יעקב באַטאָשאַנסקי ע״ה איז שוין נישטאָ, נישט צווישן אונדז, נישט ביים ייִדישן פאָלק פון דער גאָרער וועלט.

נישט אומזיסט האָט „די פּרעסע״, ווו ער איז געווען איינער פון אירע רעדאַקטאָרן, דירעקטאָרן, נשמה און האַרץ פון דער צייטונג, נישט אומזיסט האָט זי באַקומען טרויער־מיטגעפילן, טעלעגראַמעס און בריוו פון דער גאָרער ייִדישער וועלט, ווו מען מעג פריי אויסדריקן אַ מיינונג אָדער שיקן אַ בריוו.

דער טויט, דער שרעקלעכער טויט, האָט אים פאַרשלעפּט, פאַרנאַרט קיין זיד־אַפריקע און פון דאָרט איז ער שוין קיין לעבעדיקער נישט געקומען. פון דאָרט, וווהין ער איז געפאָרן רעפּרעזענטירן די אַלטע רעפּרעזענטאַנטן ליטעראַטור, האָט מען אונדז אומגעקערט אונדזער יאַשען, אונדזער באַטאָשאַנסקין, די קרוין פון אונדזער קאָפּ, אַרייַנגעלייגט אין אַ מעטאַלענעם קאַסטן און דערנאָך אין אַ צווייטן און אַ דריטן קאַסטן.

ער איז געפאָרן אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, אַ מוטיקער און אַ זאַפטי־קער יעקב באַטאָשאַנסקי, און צוריק האָט מען באַקומען אַ פאַרמאַכטן אָרון — און קען מען דען עמיצן באַשולדיקן דערפאַר?

**
*

מיר ווילן נישט אָפּשרעקן דערמיט קיין ייִדישע שרייבער פון אַרגענטינע אָדער אַנדער מקום, אַז זיי זאָלן צווײ מאָל איבערטראַכטן איידער זיי לאָזן זיך אַרויס אין ווייטן וועג פון זיד־אַפריקע, ווו דער קלימאַט איז אַן אַנדערער און די „הויכקייט״ פון ים איז אויך אַ היפּשע; מיר ווילן זיי נישט אָפּשרעקן.

**
*

אַכט טעג, זינט די ידיעה וועגן זיין פּטירה ביז נאָך קבורה, איז דאָס בוענאָס־איירעסער, אַרגענטינער ייִדנטום געווען אויף די פיס. די טעמע פון טאָג איז געווען: „יעקב באַטאָשאַנסקיס טויט״, יעקב באַטאָשאַנסקיס לוויה. פון דער לוויה פון חבל קאַץ, ביז היינט — איז נישט געקומען אַזאַ עולם עמיצן באַגלייטן צו זיין אייביקער רו.

לשבח זיי, און גאָר ספּעציעל — דעם ראש־הקהל פריינט גרעגאָריאָ פיינ־גערש, האָט זיך די חברה־קדישא ביי דער קהילה געשטעלט אויף דער געהע־ריקער הויך און נישט בלויז געגעבן אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ דעם אָנגעזעענסטן

צוויי מאָמענטן פון דער לוויה פון יעקב באָטאָשאַנסקי

יידישן שרייבער וואָס אַרגענטינער האָבן פאַרמאָגט, נאָר האָט אויך אויף אַ שיינעם אופן איינגעאָרדנט די לוויה, וועלכע איז געווען אַן און פאַר זיך אימ־פּאָזאַנט.

זאָלן אויך זיין לשבח די חברים פון „די פּרעסע", וועלכע האָבן אַרויס־געוויזן אויסערגעוויינלעכע באַציִונג צו זייער געוועזענעם רעדאַקטאָר, חבר, שרייבער און גאון יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה.

פאַרשטייט זיך, אַז וועגן יעקב באָטאָשאַנסקין וועלן מיר נאָך שרייבן און שרייבן. אַ ספּעציעל פּלאַץ וועט ער פאַרנעמען אין אונדזער דריי און דרייסיק־יאָריקן יובל־בוך, וועלכן מיר גרייטן צו, און אין וועלכן דער לעבעדיקער באָ־טאָשאַנסקי האָט געזאָלט אַ סך, זייער אַ סך מיטאַרבעטן און מיטהעלפן.

דערווייל באַנוגענען מיר זיך אויסדריקן אונדזער טרייסט־וואָרט זיין פאַראָבלטער און פאַריתומטער פאַמיליע, — אַ טרייסט־וואָרט זיינע חברים, קאָלעגן און שותפים פון „די פּרעסע", וועלכע ער האָט געהאָלפן גרויס ווערן. אַ טרייסט־וואָרט זיינע טויזנטער און טויזנטער באַטריבטע פריינט און לייע־נער, וואָס וועלן בענקען נאָך באָטאָשאַנסקין דעם חבר און באָטאָשאַנסקין דעם שרייבער און אין דעם גרויסן, פאַרהערלעכטן נאָמען וואָס ער האָט געלאָזט, זאָלן זיי און מיר אַלע אַ טרייסט געפינען.

שלום לעפרו.

מענדל טאַבאַטשניק — יאָהאַנעסבורג

יעקב באָטאָשאַנסקי אין זיין מענטשלעכער פּשטות*

1. אַ פיל געשטאַלטיקע פּערזענלעכקייט

יעקב באָטאָשאַנסקי איז אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פון אַ שרייבער, לעק־טאָר און פאָלקסמענטש אין איין פּערזאָן. זיין גדלות איז אויף אַ גאָר נאַטיר־לעכן אופן איינגעוועבט אין זיין פּשטות, אַ זאַך וואָס איז נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג ביי פען־מענטשן בכלל, און צווישן יידישע שרייבער בפרט. זיין נאָמען איז גוט באַקאַנט אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט ווי אַ פיינער

* מיר שליסן איין דאָ דאָס אַרטיקל וואָס איז געשריבן געוואָרן צו זיין אָנקומען אין דרום־אַפריקע.

עסייאיסט און קריטיקער, ווי אַ טיפער שרייבער און אַ לאַנג־יאָריקער רע־דאַקטאָר, אָבער נאָר די וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט אים פנים אל פנים און געהאַט די זכיה צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט קענען אָפּשאַצן די מענטשלעכע מעלות־טובות פון דער דאָזיקער פיל־געשטאַלטיקער פערזענ־לעכקייט. ער איז פון די יחידי־סגולה אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט, וואָס בליצט מיט שאַרפזין און שיינט מיט פשטות.

געווען גוט זיך צו טרעפן מיט יעקב באַטאַשאַנסקין און גלייך, אין די ערשטע געציילטע שעהן, דערזען גאָר אַן אַנדער מענטש ווי דעם פאַרטיפטן עסייאיסט און אינטערפּרעטאַטאָר פון קריטישע ווערק. נאָכן פאַרקניפּן אַ שמועס מיט אים און ווערנדיק אַ קאַפּיטשקע אינטימער, הערפילט מען אין אים דעם אמת אויפריכטיקן פאָלקסמענטש, דעם עמך־ייִד אין זיין שענסטער אַנטפּלעקונג — און עס הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז מיר קענען אים נישט פון היינט, נאָר פון כמה וכמה יאָרן. מיט איין מאָל ווערט ער אונדז נאָענט מיט אַזאַ נאָענטקייט, אַז מיר פאַרגעסן גאָר אַז מיר זיצן מיט אַ בקי וחריף אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור, מיט אַ קריטיקער וואָס טייטשט אַריין זיין אייגענעם פשט אין די ווערק פון אונדזערע שרייבער־גדולים („פּשט" איז דער טיטל פון זיינס אַ באַנד קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון 400 זייטן); מיר פאַרגעסן אַז אַנטקעגן אונדז זיצט דער רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע" (וואָס דערשיינט אין בוע־נאָס־איירעס שוין קרוב צו אַ יובל יאָרן), נאָר עס זיצט אַן אייגענער ייִד וואָס באַצויבערט אונדז מיט זיין פריינטשאַפט און באַריידעוודיקייט. און יעקב באַ־טאַשאַנסקי, חוץ ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט, איז אויך אַן אַלזייטי־קער רעדנער, אַ מטיף, אַ לעקטאָר אויף טעמעס וואָס שעפּן זי ביי אים קיין מאָל נישט אויס — ער קען ריידן ביי יעדער געלעגנהייט און צו יעדער צייט וואָס איינער וויל נאָר הערן און געדענקען.

2. אונדזער ערשטע באַגעגעניש

דערמאָנט זיך מיר: תיכף נאָך אונדזער אָנקום קיין בוענאָס־איירעס (מיט אַ פּאָר יאָר צוריק) האָב איך געפונען פאַר נייטיק צו טעלעפאָנירן דער ייִדי־שער אַקטריסע און דירעקטאָר פון ייִדישן טעאַטער דאָרט, מרים לערער — די פרוי פון יעקב באַטאַשאַנסקי — מיט וועמען מיר האָבן זיך באַפריינדט בעת די גאַסטראָלן פון דער בנציון וויטלער־טרופּע אין יאָהאַנעסבורג מיט עטלעכע יאָר צוריק. גלייך נאָך די ערשטע פאָר זאַצן האָט אָבער שוין דער געשפּרעך איבערגענומען יעקב באַטאַשאַנסקי און אין דער סאַמע ערשטער פראַזע האָב איך דערפילט דעם טעם פון זיין פאָלקסטימלעכן נוסח:

„איז ווען זעט מען זיך?" אָן קיינע צערעמאָניעס.

„ווען?", חזר איך איבער מיט נישט זיכערקייט, „מסתמא מאָרגן. כ'וועל זיך אַריינכאַפּן צו אייך אין רעדאַקציע מאָרגן בייטאָג".

„מאָרגן בייטאָג וועט שוין זיין צו שפּעט", העכער איך פון יענער זייט טרייבל אַ תשובה, „און איר דאַרפט זיך בכלל נישט מטריח זיין צו קומען צו מיר, פאַר מיר וועט אַ סך גרינגער זיין צו קומען צו אייך — און טאַקע באַלד קום איך".

„אַזוי שפּעט", פּרוּוו איך איינוועגדן, „ס'איז דאָך גלייך ניין אַזייגער".

„די בעסטע צייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ פריינד", זאָגט ער דעצידירט. „און איר זאָלט זיך גאָר נישט איינריידן אַז איך קען אייך נישט — געטראָפן אייער נאָמען אין דעם זשורנאַל „דרום־אַפריקע" און איצט וועט זיין מיין פאַר־געניגן אייך פּערזענלעך צו טרעפן".

אַ האַלבע שעה שפּעטער זיצן מיר שוין מיט אונדזערע פרויען אין זאַל פון האָטעל ביי אַ גלעזל טיי. באַטאַשאַנסקי הערציילט וועגן אָן אַ שיעור זאַכן, אָבער דער עיקר — זאָגט ער — וויל ער הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון דרום־אַפריקע, פון יידישן לעבן דאָרט.

און אַזוי, בעתן שמועס, וואַרף איך אַריין האַלב אין שפּאַס:

„איז וואָס אַזוינס האָט דאָ היינט פּאַסירט מיט אייך? אני הקטן, וואָס האָב מסתמא געדאַרפט שטיין ביי דער טיר פון רעדאַקציע, זיך גוט אָפּהוסטלען איידער איך טרעף זיך מיט אַזאַ חשובן רעדאַקטאָר און שרייבער ווי איר — איז עס היינט גאָר פאַרקערט..."

„איילט זיך נישט, ר' מענדל", טוט ער מיר אַ שנייד אָפּ די רייד, „אַז ס'קומט אַ יידישער שרייבער פון אַזאַ ווייטער און אויסטערלישער מדינה, זאָל אַ יידישער רעדאַקטאָר אים נישט קומען זען — און אַפילו אין מיטן דער נאַכט!..."

און מיר האָבן זיך טאַקע אַזוי פאַמעלעך אַריינגעשמועסט עד חצי הלילה, ווייל ער, דער רעדאַקטאָר, וויל וועגן אַלץ וויסן און לאָזט מיר ריידן. און — אויף מאָרגן אין דער פרי האָט שוין אַראָפּגעשיינט פון כמעט אַ גאַנצער זייט פון „די פּרעסע" אונדזער מיטנאַכטיקער געשפּרעך. אויף אַזאַ „קונץ" האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. ווען מען וואָלט עס איינגעפּאַלן, אַז אָן אַ בליייער, אָן אַ נאָטיץ אויף אַ שטיקל פּאַפּיר זאָל ער „אָפּטאָן" דורך נאַכט אַזאַ שטיקל אַרבעט — „אַריינגנבענען" מיר אין דער צייטונג. דאָס איז דער פלינקער זשורנאַליסטישער חוש פון יעקב באַטאַשאַנסקי, וואָס כאַפּט אויף און נעמט אויף געשעענישן און מענטשן מיט דער חריפות פון אַ תלמיד־חכם.

3. הכנסת אורחים ביי די באָטאָשאַנסקים

פרייטיק צו נאַכט. מיר זענען געלאַדן צו וועטשערע צו די באָטאָשאַנס־קיס. לכבוד אונדז, די געסט, זענען אויך געלאַדן אייניקע שרייבער, קינסט־לער, געזעלשאַפטלעכע עסקנים. צוו״אַ איז מיר פאַרבליבן אין זכרון די איי־דעלע געשטאַלט פון שרייבער און קינסטלער אייזיק מירסקי.

און דאָ דערזעען מיר דעם מכניס אורח יעקב באָטאָשאַנסקי אין זיין גאַנ־צער פּערפעקטיקער היימישקייט. ער איז דער וואָס שאַפט די אַטמאָספער: אָנ־גענעם, פריינטלעך, יידיש פאָלקסטימלעך, צוגעפעפערט מיט יידישן וויץ און שפּאַס. ער שיט מיט פאָלקסווערטלעך, מעשיות, אַנעקדאָטן, ער איז ווי די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער שמועס — פון וואַנען נעמט זיך צו איין מענטשן אַזוי פיל חכמה? אָט פּרוווט איינער פון עולם דערציילן אַ שפּאָגל ניי־עם וויץ. יעקב הערט אים אויס געדולדיק ביז צום סוף, אָבער תיכף אויפן אָרט דערציילט ער עס איבער מיט אַזאַ נייקייט, אַז דער וויץ צעשיינט זיך מיט יידישן חן.

אונטער יעקב באָטאָשאַנסקיס גרויסן שטערן פון אַ געלערנטן ליגט צו־זאַמענגעראַלט די גאַנצע ענציקלאָפעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן לעבן א״אַ תורות. אָבער חוץ ליטעראַטור און אינטערעסאַנטע מעשיות איז דאָרט נאָך פאַראַן ממש אַ ים פאָלקלאָר — וויצן, ווערטלעך, מנהגים און וואָס נישט! איז גוט צו פאַרברענגען מיט אים אין איין געזעלשאַפט — עס איז אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג וואָס געדענקט זיך פאַר יאָרן.

4. דער שפּרודלדיקער לעקטאָר

איין זונטיק פרימאָרגן (ווען ס'קומען פאַר די קולטור־אימפּרעזעס אין בוענאָס־איירעס) בין איך בייגעווען אויף אַ לעקציע פון יעקב באָטאָשאַנסקי אד״ט הערצל און ביאַליק. דער זאַל איז געווען איבערפולט און די פאַרשפּע־טיקטע האָבן שוין געמוזט, בלית־ברירה, אויסהערן די לעקציע שטייענדי־קערהייט, וויל אַלע פּלעצער זענען געווען באַזעצט. און דאָ האָב איך זיך אי־בערציינט, אַז אויף באָטאָשאַנסקין איז נישט חל דער זאָג אין נביא בעירו: גראָד אין זיין שטאָט, וווּ ער לעבט שוין אַריבער 4 צענדליק יאָר, האַלט דער רעספּעקט צו זיין פּערזענלעכקייט אין איין וואַקסן.

די דאָזיקע כבוד־באַציונג צו אַ יידישן שרייבער איז מערקווירדיק, אָבער אויסהערנדיק זיין וווּנדערבאַר־געבויטע לעקציע, ווערט עס קלאָר: אין כמוהו אַלס לעקטאָר. אין אַ פאָלקסטימלעך פּאָפּולערער שפּראַך פירט יעקב באָטאָ־שאַנסקי אַריין זיין אודיטאָריע אין אַן אַנדער כישופדיקער וועלט. זיין כוח

הדיבור איז שטאַרק, אָבער אין דער גלייכער צייט איז אים לייכט צו באַגע־מען. דערפאַר טאַקע פיגורירט זיין נאָמען כמעט יעדן זונטיק אויף די לעק־ציעס, וואָס די קהילה פון בוענאָס־איירעס אָרדנט איין.

5. קאַמף פאַר יידיש — אָן קאָמפּראָמיסן

יעקב באָטאָשאַנסקי איז איינער פון די הויפּטזיילן פון יידיש אין אַרגענ־טינע. ער שטייט אויף דער וואַך פון יידיש לשון אָן קאָמפּראָמיסן. איז טאַקע כדאי צו דערמאָנען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן, וואָס איך האָב ביי־געלעבט זייענדיק אין בוענאָס־איירעס.

א. זלמן שזר, דער איצטיקער פּרעזידענט פון ישראל, איז דאַן געקומען אויף אַ לעקציע־טור קיין בוענאָס־איירעס, ווי דער שליח און ראש פון דער דערציִונג־אָפּטיילונג ביי דער סוכנות. אויף זיין לעצטער לעקציע האָט ער מיט ביטול איגנאָרירט יידיש לשון. אויף מאָרגן איז אין „די פּרעסע" באָטאָ־שאַנסקי אַרויס מיט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן שזרן. מיט מוט און אָן זיידענע הענטשקעס האָט ער פאַרטיידיקט מאַמע־לשון.

ב. אויף אַ באַנקעט לכבוד דעם שרייבער פון די שורות, וווּ דעם פּאָרזיץ האָט געפירט דער קהילה־קאַסיר דוד קולאַקאָווסקי, האָט יעקב באָטאָשאַנסקי אויסגענוצט די געלעגנהייט און אין זיינע עטלעכע באַגריס־ווערטער אַריינגע־פלאָכטן אַ פירוואורף צו דער קהילה, פאַר וואָס זי האָט דערלויבט צו לערנען יידישע געשיכטע מיט יידישע סטודענטן אויף — שפּאַניש. ער האָט געפּאָ־דערט, געבייזערט זיך און געקלאַפּט אין טיש.

ער איז די ברייטסטע פּלייצע אויף וועלכער עס ליגט די שווערע משא פון דער יידישער קולטור און שפּראַך אין אַרגענטינע.

6. מענטש און פריינד

אין אַן אינטימען געשפּרעך מיט יעקבן וועגן פאַרשידענע פּערזענלעכע ענינים, האָב איך אים דעליקאַט אַ פרעג געטאָן וועגן זיין פינאַנציעלער לאַגע. האָט ער מיר מיט אַ שמייכל דערקלערט:

„קיין ראָטשילד וואָלט איך קיין מאָל נישט געוואָרן און וואָלט עס אויך נישט געוואָלט זיין. איך וואָלט אָבער געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם לעבן, ווען נישט — דאָס יידישע טעאַטער. איך און מיין פרוי זענען זייער גרויסע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער. און זי איז אויך די דירעקטאָרין".

„איז מה שייך איינס צום אַנדערן?" ווערט מיר קשה.

„שוין איין מאָל אַ שייכות: דער גרעסטער טייל פון מיינע פאַרדינסטן גייט אויף צוצולייגן צו די פאַרלוסטן פון טעאַטער. און ווי זשע דען אַנדערש קען עס זיין? איז דאָך יידיש טעאַטער פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן אויף צו קענען אָנגיין מיטן המשך פון אונדזער לשון — טאָ ווי האָט מען עס אַ האַרץ צו לאָזן עס אונטערגיין?".

עס וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט אויף צו דערציילן כאָטש אַ טייל פון די אינטערעסאַנטע צוזאַמענטרעפן מיט יעקב באָטאָשאַנסקי. אין משך פון 3 וואָכן האָב איך דערקענט די אייגנטימלעכע כאַראַקטער־שטריכן פון יידישן שרייבער און מענטש יעקב באָטאָשאַנסקי. און נישט איין מאָל האָב איך גע־טראַכט און זיך געפרעגט: וואָס וועגט אין אים איבער — דער שרייבער אָדער דער מענטש. אין משך פון די 3 וואָכן, למשל, איז כמעט נישט אַדורך קיין איינציקער טאָג אַז יעקב זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן שפּעט אין אָוונט — 10־11 אַזייגער און אַ מאָל נאָך שפּעטער — אין האָטעל געוויר ווערן וואָס מען מאַכט, ווי האָבן מיר פאַרבראַכט דעם טאָג. און ס׳האָט פּאַסירט, אַז מיין פרוי האָט זיך שטאַרק פאַרקילט, איז ער שפּעט אין דער נאַכט געלאָפן אויפזוכן אַן אַפּטייק און ברענגען אַ רפואה — און דאָס אַלץ אָן אַן אויטאָ, נאָר מיט אַ טראַמוויי אָדער גאָר צופוס.

ווילט זיך ביים סוף פאַראַפראַזירן אַן אַלט יידיש ווערטל: ווער קען דער־גרונטעווען די נשמה פון אַ יידישן שרייבער?

און יעקב באָטאָשאַנסקי פאַרקערפּערט ייד און שרייבער אין דעם בעסטן זין פון די דאָזיקע ווערטער.

יצחק יאַנאָסאָוויטש

יעקב באָטאָשאַנסקי ע״ה

טאָמער איז עס נישט געווען געבוג באַוווסט ביי זיין לעבן, האָט די אויפ־רודערונג נאָך זיין טויט באַוויזן ווי פּאָפּולער און באַליבט ער איז געווען סיי אין דעם אַרגענטינער ישוב, סיי אין דער גאַנצער יידיש־וועלט.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק אין דרום־אַפריקע, וווּ ער האָט זיך געפונען אויף אַ לעקציע־טור, פאַרבעטן דורך דער אָרטיקער יידישער קולטור־פעדעראַציע. ביז מען האָט זיין גוף געבראַכט קיין בוענאָס־איירעס האָט גענומען אַ 7 טעג. במשך די דאָזיקע 7 טעג איז די רעדאַקציע

„די פרעסע", ווו ער האָט כמעט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט, פּאַרפּלייצט געוואָרן פון טרויער־אויסדרוקן וואָס זענען געקומען פון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, פון טויזנטער לייענער און פון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן. דער שטראָם פון די דאָזיקע אויפריכטיקע צער־מאַניפעסטירונגען ציט זיך נאָך בעת די דאָזי־קע ווערטער ווערן געשריבן און ער וועט זיך, זעט אויס, אַזוי גיך נישט אָפּ־שטעלן.

עס זענען אויך אָנגעקומען מיטגעפיל־אויסדרוקן צו זיין משפחה און צו זיינע „פּרעסע"־קאָלעגן פון ייִדישע שרייבער און ייִדישע אַנשי־שם אין דער גאַנצער וועלט, צווישן זיי — פון לוי אשכול, דעם פּרעמיער מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג.

אַ לוויה האָט ער געהאַט, האָט נאָך בוענאָס־איירעס אַזעלכעס נישט געזען. טויזנטער און טויזנטער ייִדן, מענער און פרויען, פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, האָבן פאַרביי דעפּילירט זיין אָרון וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין די זאַלן פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה. טויזנטער, טויזנטער ייִדן האָבן אים אַרויסבאַגלייט ביז צו זיין קבר אויפן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ.

עס האָבן אים מספּיד געווען שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, צווי־שן זיי דער ראש־הקהל פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, צבי פיינגערש. אַלע האָבן באַטאָנט, זיין אַוועקגאַנג איז אַן אומגעהויערער פאַרלוסט פאַר דעם גאַנצן אַרגענטינער ייִדנטום. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

קנאַפּע 40 יאָר אין אַרגענטינע, האָט ער אַלס לעקטאָר נאָך אַלץ געצויגן דעם גרעסטן עולם. אַלס שרייבער האָט זיך קיינער נישט געקענט פאַרמעסטן מיט זיין געלייענטקייט.

דער גורל, ווי מיר ווייסן, איז אָפט אומגערעכט צו מענטשן און מער ווי אָפט איז ער צו שעפערישע מענטשן.

אַ סך, אַ סך מאָל באַלייכט ער זייער שעפעריש לעבן ערשט דעמאָלט ווען זייער בשר־ודמיק לעבן איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן. אַן אַנדער מאָל, אַז ער פאַרגינט זיך שוין צו ברענגען דעם שרייבער די רויזן פון רום, ברענגט ער זיי ערשט דאַן, ווען די זיקנה האָט שוין אַטראָפירט זיין חוש־הריח פאַר די רייצנדיקע דופטן פון מענטשלעכן לויב.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט זיך אין דעם פּרט נישט געהאַט וואָס צו באַ־קלאָגן. דעם טעם פון דערפאָלג, פון פּאָפּולאַריטעט האָט ער טועם געווען אין די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1895 (לויט אַן אַנדער גירסא — אין

יאָר 1892) אין דעם בעסאַראַבישן שטעטל נײַ־קיליע; האָט, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין יענע יאָרן, געלערנט אין אַ חדר און דערנאָך אין אַ ישיבה — צום ערשט אין דער קעשענעווער ישיבה און דערנאָך אין דער מאָדערנער ישיבה, ווו די לערער זענען געווען: ח. נ. ביאַליק, חיים טשערנאָוויץ (הרב צעיר) און ד"ר קלויזנער. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער זײַער יונג. געשריבן צום ערשט אין העברעיש, דערנאָך רוסיש און צום לעצט — און אויף שטענדיק — יידיש. פאַרעפנטלעכט האָט ער זײַנע ערשטע זאַכן אין יאָר 1912.

קונה שם געווען אַלס שרייבער און לעקטאָר האָט ער זיך אין יאָר 1914, ווען ער איז געקומען קיין רומעניע. ער איז גיך געוואָרן אַן ערשטע פיגור אין אָרטיקן שרײַבערישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן קרײַז. גאָר באַזונדערס איז ער געווען פּאָפּולער מיט די רעוויו־ספּעקטאַקלען וועלכע ער האָט געשריבן און אויפגעפירט צוזאַמען מיט זײַן חבר יעקב שטערנבערג, צו לענגערע יאָר. וועגן זײַן פּאָפּולאַריטעט אין יענער צײַט שרײַבט זײַן יוגנט־פרײַנד ד"ר שלמה ביקל, יבדל לחיים ארוכים, אָט וואָס:

„עס איז נישטאָ קיין איינע פון די גרעסערע שטעט אין רומעניע ווו באָטאָשאַנסקי זאָל נישט האָבן אַ שטיקל צײַט געוווינט און נישט האָבן געווען אַ פיגור אין שטאָט... באָטאָשאַנסקי איז געווען פון די מײנסט־געלייענטע שרײַבער און די „מײנסט־געלייענטקייט" האָט פאַר אים געעפנט, שוין דעמאָלט, טיר און טויער פון יעדער צײַטונג וואָס איז דערשינען אין רומעניע". און ווײַטער שרײַבט ביקל: „באָטאָשאַנסקי איז געווען, אויב נישט דער פּאָפּולערסטער רעדנער אין יענער צײַט אין רומעניע, בעיקר וועגן דער יידישער ליטעראַטור. באָטאָשאַנסקי איז געווען אי דער לעקטאָר וועגן ליטעראַטור און אי אַ לעבעדיקע ביבליאָטעק פאַר זײַנע צוהערער".

דאָס ערשטע מאָל קומט ער קיין אַרגענטינע אין יאָר 1923. נאָכן אָפּזײַן אַ שטיקל צײַט פאָרט ער צוריק קיין אייראָפּע, כדי צוריק צוקומען אַהערצו אויף תמיד אין יאָר 1926. זײַן קומען צום צווייטן מאָל קיין בוענאָס־איירעס האָט גורם געווען די אײַנלאַדונג פון „די פּרעסע", ווו ער איז תיכף געוואָרן איינער פון אירע אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער. באָטאָשאַנסקיס מיטאַרבעטערשאַפט האָט „די פּרעסע" שטאַרק אַ הייב געטאָן און געוווּנען פאַר איר אַ סך טויזנטער לייענער. אַלס זשורנאַליסט האָט ער זיך אויסגעצייכנט הן מיט זײַן גרויסער פּראָדוקטיווקייט, געשריבן טאָג־טעגלעך און אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען, והן מיט זײַנע פּאָלעמישע קאַמפן וועלכע ער האָט געפירט מיט אַ סך טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט. גאָר באַרימט געמאַכט האָט ער זיך מיט דעם קאַמף אָפּצורייניקן דאָס יידישע טעאַטער פון די טמאים — אַ קאַמף וואָס

דער ישוב האָט ערשט שפּעטער אָנערקענט זיין וויכטיקייט, אָבער אויפן מאָמענט האָט ער אים פאַרשאַפט אַן אַ שיעור קעגנער און אַפילו שונאים.

38 יאָר איז ער אָפּגעווען אין אַרגענטינע און אין משך פון די דאָזיקע יאָרן זיך אויספּאָרמירט אַלס שרייבער. ער איז אָבער אינעם אַרגענטינער ישוב נישט געווען בלויז שרייבער און לעקטאָר, נאָר אויך קולטור־טוער, שול־בויער און בכלל — קעמפער פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן אינסטיטוציאָנעלן לעבן. ער האָט געהאָלפן דעם ישוב אין זיין פונאַנדערבוי און געשטאַלטיקונג, נישט בלויז מיט זיין וואָרט און שריפט, נאָר אויך מיט טאָגטעגלעכער כלל־טוערישער אַקטיוויטעט. געווען אַ לאַנגע צייט דער סעקרעטאַר פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, געווען פון די זאַמלערס פאַרן ייוואָ, פאַרן קולטור־קאָנגרעס, פאַרזיצער פון שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״ און אַקטיוו אָנטייל גענומען אין אַ ריי אינסטיטוציעס און אויך אין אַקציעס פאַר אינסטיטוציעס פון יידיש־וועלטלעכן קולטור־כאַראַקטער.

הגם ער האָט דעם ישוב ליב געהאַט און געהאַט אין אים דאָס געפיל פון „בתוך עמי אנכי יושב״, האָט ער אָבער צו לאַנג אין אים נישט געקענט איינזיצן און כמעט יעדעס יאָר געמאַכט נסיעות קיין אויסלאַנד. ער איז 14 מאָל געווען אין צפון־אַמעריקע און דערביי באַזוכט כמעט אַלע לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ער איז אויך, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוויי מאָל געווען אין אייראָפּע און אין יאָר 1935 אָנטייל גענומען אין אַ צוזאַמענפאָר פון ייוואָ אין ווילנע. זינט דעם יאָר 1948 איז ער פיר מאָל געווען אין ישראל און דאָס ערשטע מאָל איז ער געפלויגן אַהינצו בעת עס האָט געדאַרפט פּראָקלאַמירט ווערן די גרינדונג פון דער יידישער מדינה. ער איז טאַקע געווען דער איינציקער יידישער זשורנאַליסט פון די תפוצות וואָס איז אַנוועזנדיק געווען אינעם זאַל בעת עס איז געלייענט געוואָרן די היסטאָרישע הכרזה און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן זכות אין זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט.

אַ דאַנק זיינע אָפטע נסיעות קיין אויסלאַנד, איז ער פאַר דער יידישער וועלט געוואָרן דער באַקאַנטסטער יידישער שרייבער פון אַרגענטינע. פון דער צווייטער זייט האָבן זיינע אָפטע רייזעס און די רייזע־שילדערונגען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, אים פאַרשאַפט נייע געטרייע לייענער. אין יענע יאָרן איז מען נאָך פון אַרגענטינע וויניק געפאָרן אין דער וועלט אַריין און באַטאַשאַנסקיס רייזע־איינדרוקן האָבן געהאַט אַ גרויסן, פאַנטאַסטישן אָפּקלאַנג. דער יידישער לייענער האָט לאַנגע יאָרן געדענקט זיינע איינדרוקן פון דער ניו־יאָרקער וועלט־אויסשטעלונג אין יאָר 1939; פון סאַן־פראַנציסקאָ, ווו ער איז

ביגעווען די גרינדונג פון דער יו"ען; די שוין דערמאָנטע פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, און צענדליקער אַנדערע רייזע־באַשרייבונגען אין וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט.

דאָס לעצטע מאָל איז ער געווען אין ניו־יאָרק אין חודש אַפּריל־מאַי פון יאָר 1964, ווו ער איז געקומען „דעקן" די וועלט־אויסשטעלונג. אין יאָר 1962 איז אין אַרגענטינע, אין ניו־יאָרק, ווי אויך אין ישראל, געפייערט געוואָרן דער יובל פון זיין שרייבערישער אַרבעט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1912, אין אָדעס.

הגם ער האָט זייער פיל צייט אַוועקגעגעבן אויף רייזעס און אויף געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער דאָך באַוויזן אָנצושרייבן 15 ביכער, א חוץ טויזנטער און אפשר צענדליקער טויזנטער אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, פעליע־טאָנען אד"גל. זיין ערשט בוך „נאָך דער פאַרשטעלונג" — גראָטעסקן און בילדער פון יידישן טעאַטער־לעבן — איז דערשינען אין יאָר 1926 אין בוע־נאָס־איירעס. דאָס צווייטע בוך „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" — טראַגי־קאָמע־דיע אין דריי אַקטן — איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס אין יאָר 1928. אין יאָר 1929 דערשיינט אין דער זעלביקער שטאָט זיין בוך „פון ביידע זייטן ים", נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער. אין דעם זעלביקן יאָר דערשיינט דאָ אויך זיין בוך „בעסאַראַביע", לעגענדעס און דערציילונגען. אין יאָר 1930 גייט אַרויס זיין עסיי וועגן משה לייב האַלפּערן און אין יאָר 1932 — זיין באַנד „דראַמען", מיט די דראַמעס „ר' בער ליעווער", „צווישן רעוואָלוציאָנערן" און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער". אין דעם דאָזיקן יאָר דערשיינט אין וואַרשע, אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" זיין בוך „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער". שפּעטער דערשיינען אין בוענאָס־איירעס זיינע דריי בענד מעמואַרן א"נ „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט" און אין 1942 קומט אַרויס זיין ראָמאַן „מיר ווילן לעבן". נאָך זיין באַזוך אין מדינת ישראל, צו איר גרינדונג, דערשיינט זיין בוך רעפּאָרטאַזשן „בראשית פון מדינת ישראל", וואָס איז דאָס ערשטע פון דעם מין אויפן יידישן ביכער־מאַרק. אין יאָר 1949 גיט דער פאַרלאַג „דוד לערמאַן" אין בוענאָס־איירעס אַרויס זיין בוך „מאַמע יידיש", וואָס באַשטייט פון עסייען און לעקציעס וועגן דער געשיכטע און דער אַנט־וויקלונג פון דער ליטעראַטור אין לשון יידיש. אין יאָר 1952 דערשיינט זיין בוך „פּשט" מיט לענגערע אָפּהאַנדלונגען וועגן 9 יידישע שרייבער. דאָס בוך „שבת, יום־טוב און וואָך אין מדינת ישראל", וואָס ער גיט אַרויס אין יאָר 1958, איז אַ סך־הכל פון די איינדרוקן פון צוויי באַזוכן אין ישראל. אַ יאָר שפּעטער דערשיינט זיין עסיי וועגן „ד"ר זשיוואַגאָ" פון באָריס פּאַסטערנאַק

און אין יאָר 1962 זיין בוך „די קעניגין פון דרום־אַמעריקע", וואָס אַנטהאַלט אויך אַ צווייטע גרעסערע דערציילונג „זשידאַן יאַאַן".

אין דער יובל־שריפט לכבוד זיין ווערן אַ בן־שישים, וואָס פריינט און פאַרערער זיינע אין בוענאָס־איירעס האָבן אַרויסגעגעבן, שרייבט ד"ר שלמה ביקל: „...דו ביסט היינט איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע לערער און סטי־מולירער פון דער יידיש־עפנטלעכער מיינונג אין אַרגענטינער ישוב און מיר דאָ, אויף דעם יידיש־אינדזל פון צפון, פילן דיין גייסטיקע און שעפערישע דאַיִקייט, נישט נאָר דאָרט, נאָר טאַקע דאָ. אחינו אתה. מיר פילן דיך מיט־טראָגן מיט אונדז אַלע יאָכן, אַלע מוראס און אַלע ספקות און שפירן דיך אין דער פאָדער־ליניע פון אונדזער ווידערשטאַנד, פון אונדזער קעמפערישקייט און פון אונדזער גלויבן".

„אני הגבר", שרייבט ד"ר ביקל ווייטער, „וואָס האָב דיך געקענט מיט פערציק און מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק, בין דער עדות אַז דיין שע־פעריש יידיש וואָרט האָט מיט דער צייטיקייט פון דיינע שישים־לזיקנה נישט אָנגעוווירן גאָרנישט פון דער פרישקייט, פון דער מונטערקייט, פון דער „טשופּרינע"־פאַררייסנקייט און פון דעם גרינגן און וויכן טראָט, וואָס איך האָב דיך דערמיט שוין היטמאָלט עפנטלעך מקנא געווען...".

אין שייכות מיט באָטאָשאַנסקיס פופציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובל האָט יעקב גלאַטשטיין געשריבן: „אַז מען זיצט מיט באָטאָשאַנסקין עטלעכע מינוט, מוז מען אין אים דערקענען דעם גרויסצוגיקן שרייבער. ער האָט אַ קאָלאָ־סאַלן זכרון. ער פאַרמאָגט אַ לשון. ער איז ממש ענציקלאָפּעדיש באַהאַוונט, ווייל ער האָט זיין זשורנאַליזם גענומען ערנסט. ער איז ווי אַ שרייבער — אַ לערער, אַ דערציִער, אַ פעדאַגאָג צו זיינע לייענערס. ער איז באַשאָנקען מיט אַ לעבעדיקן סטיל, און יעדער אַרטיקל זיינער איז אַ לעבעדיקער שמועס מיט זיינע טויזנטער לייענערס, וואָס כאַפּן אויף די וואַרעמקייט פון זיין קול".

„אַ חוץ דעם וואָס באָטאָשאַנסקי האָט אַהבת־נפש ליב יידן, יידיש און יידיש לעבן אויף דער גאַנצער וועלט, — שרייבט יעקב גלאַטשטיין ווייטער אין דעם זעלביקן מאמר, — האָט ער ספּעציעל ליב יידישע שרייבער. ערשט צווישן יידישע שרייבער דערזעט מען אים מיט אַלע זיינע מעלות, מיט זיין וואַרעמקייט, זאָרגעוודיקייט און איבערגעגעבנקייט צו חברים. ער ווייסט יע־דערנס אָרט. און אַלע ערטער זענען ביי אים חשוב. ...באָטאָשאַנסקי האָט מער ווי אַלץ פאַרנעם. ער איז נישט שמאָל, נישט איינגעשרומפּן, אָדער פאַרזיכ־טיק, נאָר ערנסט און אויפריכטיק מיט זיין ברייטן אינטערעס אין דעם יידיש־קינסטלערישן וואָרט. זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען זענען תמיד אַ פאַרזוך

צו באַשיינען און צו באַגריסן דעם יידישן שאַפער. ער איז אַליין ברייט און נישט קאַרג אויף זיך, אויף אייגענער ענערגיע, באַשענקט ער אַלעמען מיט פונקען פון זיין קינסטלערישער פזרנות".

אין דער דערמאָנטער יובל־שריפט צו זיין זעכציק־יאָריקייט, שרייבט ה. לייוויק ע"ה, וועגן יעקב באַטאָשאַנסקי: „אַ היפשער טייל פון די יידישע שרייבער אין אַרגענטינע האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זיין בלויז אַרגענטינער — זיי געהערן דער יידישער ליטעראַטור אין איר וועלט־פאַרנעם. יעקב באַטאָשאַנסקי איז אָן ספק איינער פון זיי. וואָס שייך יידישער ליטעראַטור און יידיש־לעבן אין אַרגענטינע גופא איז באַטאָשאַנסקיס אַקטיוו וואָרט ממש נישט אָפצושאַצן". אויך א. לעיעלעס שרייבט וועגן באַטאָשאַנסקין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אַז „ער איז אין פולן זינען איינער פון דעם גאַנצן שאַפערישן דור וואָס די שטעט און שטעטלעך פון דער אַמאָליקער רוסלענדישער אימפעריע און פון דער אַמאָליק עסטרייך־אונגאַרישער אימפעריע האָבן אַזוי רייך באַשאָנקען אין אַזוי פיל לענדער, אין אַזוי פיל אויסדרוקן און פאָרמען".

ש. ניגער ע"ה האָט יעקב באַטאָשאַנסקין באַצייכנט ווי אַ קריטיקער, וואָס הייבט אַרויס דאָס שעפערישע. ער שרייבט: אַז באַטאָשאַנסקי „איז נישט פון דעם מין קריטיקער, וואָס האָט הנאה פון באַווייזן ווי שלעכט אַ שלעכט בוך איז. ער שרייבט מיט פרייד וועגן ווערק וואָס זענען אַ קוואַל פון פרייד. ער ווערט באַגייסטערט פון די שאַפונגען און די שעפערישע מענטשן וואָס באַגייסטערן אים. ער שרייבט וועגן אמתע שרייבער מיט הארץ, נישט ווייל ער וויל זיי געפעלן, נאָר ווייל זיי געפעלן אים. ער לייענט זייערע ווערק מיט קאָפּ. ער טיילט זיי אויס און דערמאָנט זיי ביי יעדער געלעגנהייט... באַטאָשאַנסקי פלייסט זיך צו זיין אַן אויפדעקער, נישט דווקא אַן אַנטדעקער... דער שעפערישער קריטיקער טוט מער אויף מיט ווערן דעם עכטן שרייבערס מיטאַרבעטער, ווי מיט שרייבן און יאָגן פון ליטעראַרישן גאָרטן די וואָס מען קען זיי סיי־ווי נישט פאַרטרייבן און פאַריאָגן".

שלמה סיימאָן לויבט באַטאָשאַנסקין דערפאַר וואָס ער איז „אַ קריטיקער וואָס זעט נישט בלויז די שפּיצן נאָר אויך דעם הינטערגרונט". און יעקב פאַט זאָגט, אַז „יעקב באַטאָשאַנסקי איז נישט קיין מושלם וואָס קען אַלץ צו ביסלעך. ניין, ער קען אַ סך זאַכן, אָבער ער קען זיי גרינטלעך... עס זענען דאָ — שרייבט יעקב פאַט — ענינים פאַר וועלכע יעקב באַטאָשאַנסקי שטייט שטאָל און אייזן, פאַר וועלכע ער איז אַ קעמפער, און דאָס זענען די ענינים וואָס זענען אויך מיר צום האַרצן — יידישע קולטור, יידיש לשון, יידיש לעבן בכל תפוצות ישראל, בכל אתר ואתר".

„באָטאָשאַנסקי, — שרייבט מלך ראַוויטש, — האָט דערצויגן אַ דור ייִדן אין אַרגענטינע... כאָטש אַליין אַ תלמיד־חכם און אַ גוטער קענער פון העב־רעיִש — איז באָטאָשאַנסקי איינער פון די סאַמע ערשט־פּראַנטיקע ריטערס פון דעם וועלט־אָרדן חובבי שפת ייִדיש”.

***

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געקומען קיין אַרגענטינע מיט אַ שרייבערישן נאָמען, אָבער אויספּאָרמירט אַלס שרייבער האָט ער זיך אין אַרגענטינע. אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס ער איז געווען אַ שרייבערישער „כל בו” האָבן די באַדינגונגען אין דעם דאָזיקן ישוב, ווו אַ שרייבער האָט געמוזט זיין אַ גאַנצער אָרקעסטער, כדי אַריינצושפּילן אין לייענערישן געמיט. באָטאָשאַנסקי אַליין האָט אויף זיך געזאָגט. אַז ער האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ פידל־שפּילער און איז געוואָרן אַ פּויקער. ער האָט, הייסט עס, געוואָלט ווערן אַ בעלעטריסט און איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט. דער אמת איז, אַז אין זיין זשורנאַליסטיק האָט אים שטאַרק צוגעהאָלפן זיין בעלעטריסטישער טאַלאַנט, אָבער ווען ער האָט געוואָלט ווערן בלויז אַ בעלעטריסט, האָט ער געמוזט שווער קעמפן מיט דעם זשורנאַליסט. דאָס איז אים געווען באַזונדערס שווער, ווייל אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען דורכויס ער און פול מיט אים אַליין. מען האָט אים דערקענט אין יעדער שורה און אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן, פון אַן עסיי ביז אַ „שפּיץ פּען”, איז געווען געשטעמפּלט מיט דעם שטעמפּל פון זיין פּער־זענלעכקייט, פון זיין טעמפּעראַמענט. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט זיין אַנדערש ווי דאָס וואָס ער איז און דאָס וואָס ער איז, איז ער געווען סיי אין זיין זשורנאַליסטיק, סיי אין זיין ליטעראַטור־קריטיק, סיי אין זיין בעלעטריס־טיק. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין צוויי געציינגן, פאַר דער בעלעטריסטיק אַן אַנדער געצייג און פאַר דער זשורנאַליסטיק אַן אַנדער געצייג. אַלץ וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פּעדער איז געווען אַ געזעצלעך קינד פון זיין פאַרביג־דונג מיט דער איינציקער מוזע זיינער. און כאָטש די מוזע זיינע האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשידענע געשטאַלטן, איז זי אָבער תמיד און אומעטום גע־ווען די זעלביקע — סיי אין זיין רעפּאָרטאַזש, סיי אין זיין ראָמאַן.

ער האָט פאַרענדיקט זיין אימפּעטיק און שעפעריש לעבן מאָנטיק דעם 26סטן אָקטאָבער אין אַ יאָהאַנעסבורגער שפּיטאָל. מיט זיין טויט איז פאַר־שווונדן אַ פאַרביק געשטאַלט פון אַ דור וואָס נאָך אַזאַ וועט שוין מער נישט זיין. דערפאַר איז ריכטיק צו זאָגן, אַז אויך נאָך אַזאַ ווי ער, יעקב באָטאָ־שאַנסקי, וועט שוין מער נישט זיין. חבל, חבל!

א. וואָלף יאַסני

יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל

מיט שטורעם איז יעקב באָטאָשאַנסקי געגאַנגען איבער דער יידישער וועלט און זיין לעבנס־וועג פאַרענדיקט אין אַן איינזאַמען האָטעל־צימער אין יאָהאַנעסבורג. איינזאַם איז ער געווען נאָר אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, ווייל ביז דעם האָטעל־צימער, האָט דער 72־יאָריקער שרייבער זיך געטראָגן אויף די ברייטע כוואַליעס פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, נישט געקענט איינרוען, גאַנץ אָפט און אומדערוואַרט זיך באַוויזן אין ישראל, ביז זיין אימפּעט האָט אים געבראַכט קיין יאָהאַנעסבורג, פיל טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון זיין היים און זיין סביבה, וווּ ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן. ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט ער געשפּרודלט מיט שעפערישקייט. ער האָט געאַרבעט איבער אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אַט דאָס שפּרודלדיקע לעבן פון יעקב באָטאָשאַנסקי האָט זיך פּלוצים פאַרענדיקט אין דעם איינזאַמען האָטעל־צימער אין יאָהאַנעסבורג.

***

זיין לעבנס־וועג האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ דאָרף אין בעסאַראַביע אין יאָר 1892. יידישע דערציִונג באַקומען אין חדר און אין קעשענעווער ישיבה און פון דאָרט אַרויס אויפן וועג פון וועלטלעכקייט. אַליין געלערנט, שטודירט אין אָדעס, וווּ עס איז געווען אַ גרויסער יידישער ליטעראַטור און קולטור־צענטער — די „רעזידענץ" פון מענדעלע מוכר ספרים, ח. נ. ביאַליק, ראַווניצקי, דובנאָוו א״אַנד. אין דעם דאָזיקן יידישן קולטור־צענטער איז אויפגעגאַנגען די שעפערישקייט פון דעם יונגן יעקב באָטאָשאַנסקי.

אין עלטער פון צוואַנציק יאָר האָט באָטאָשאַנסקי זיך באַוויזן מיט זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן אין דער אָדעסער יידישער צייטונג א״נ „גוט מאָרגן". באַלד ביי זיין ליטעראַרישן אָנהייב האָט ער זיך באַוויזן מיט זיין פילזייטיקייט. אין „גוט מאָרגן" האָט באָטאָשאַנסקי פאַרעפנטלעכט רייזע־בילדער, דערציילונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור. ער האָט געשריבן גלייכצייטיק אין דריי שפּראַכן: יידיש, רוסיש, און רומעניש און זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און צייטשריפטן אין די דערמאָנטע שפּראַכן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַווייזט זיך יעקב באָטאָשאַנסקי אין רו־

מעניע. דאָרט געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג און צו־זאַמען מיט דער דאָרטיקער יידישער שרייבער־גרופּע רעדאַגירט און אַרויס־געגעבן אין יאַס די זאַמלביכער „ליכט", אין בראַילע — די צוויי־וואָכנשריפט „דער האַמער", אין בוקאַרעשט — די יידיש־סאָציאַליסטישע צייטשריפט „דער וועקער".

נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה, באַווייזט זיך באָטאָשאַנסקי אין רומעניע מיט זיין אַלזייטיקער שעפערישקייט, פונקט ווי מיט יאָרן שפּעטער אין אַר־גענטינע. אַזוי אויך דעמאָלט, אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז באָטאָשאַנסקי געווען אין רומעניע די צענטראַלע פיגור אין דאָרטיקן יידישן ליטעראַטור־און קולטור־לעבן. אין די קעשענעווער טאָג־צייטונגען און זאַמלביכער האָט ער פאַרעפנטלעכט: דערציילונגען, בעסאַראַבישע און מאָלדאַווישע לעגענדעס און מעשהלעך, לידער, פעליעטאָנען און אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור.

אין זיין רומענישן פּעריאָד איז יעקב באָטאָשאַנסקי געווען איינער פון די שאַפער פונעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער. פאַר דעם טעאַטער האָט ער גע־שאַפן צוזאַמען מיטן דיכטער יעקב שטערנבערג, אַ ריי „רעוויסס", וועלכע האָבן געשפּרודלט מיט יידישן הומאָר, פאָלקלאָר און פאָלקסלידער, וואָס האָט פיל געגעבן דער יידישער סצענע אין רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע.

אין אַרגענטינע, וווהין יעקב באָטאָשאַנסקי איז אָנגעקומען אין יאָר 1926, האָט ער געפונען דעם פּאַסיקן יידישן באָדן פאַר זיין שפּרודלדיקער ליטעראַ־רישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער ישוב איז געווען יונג און קערנ־דיק, איינגעוואָרצלט אין דער אַרגענטינער ערד, אָבער אויך אַרומגערינגלט מיט ווילדגראָז. דער יונגער יידישער ישוב האָט זיך גענויטיקט אין אויטאָ־ריטעטע פירער און באָטאָשאַנסקי איז געווען איינער פון זיי און איינער, ווי־יעדער אמתער שרייבער, וואָס האָט זיין נוסח, זיין צוגאַנג צו יידישע און אַל־געמיינע פּראָבלעמען און זיין אופן פון לייזן זיי.

אין באָטאָשאַנסקיס ליטעראַרישן שאַפן, פונקט ווי אין זיינע לעקציעס און רעפעראַטן איז געקומען צום אויסדרוק דער פאָלקס־מאָטיוו, וואָס באַמיט זיך דורך אַ מעשהלע, פאָלקס־ווערטל מסביר צו זיין פאַרוויקלטע לעבנס־ענינים און דער שרייבער־קינסטלער, דערציילער און מאָלער פון טיפן און געשטאַלטן. מיר האָבן נישט קיין פולע זאַמלונג פון זיינע ווערק, זיי זענען אין בוכפאָרעם דערשינען אין פאַרשידענע שטעט און לענדער. אַ גרויסער טייל פון זיינע שאַ־פונגען שטעקן אין די קאָמפּלעטן פון דער אַרגענטינער טאָגצייטונג „די פּרע־סע", וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג רעדאַגירט און אָנגעפירט.

איינע פון באָטאָשאַנסקיס ביכער, דערשינען מיט 12 יאָר צוריק, אָפּ־

האַנדלונגען איבער 9 יידישע שרייבער, טראָגט דעם נאָמען „פשט", מיט אַ צושריפט — „פירושים אויף יידישע שרייבער". איז עס נישט בלויז קיין פירושים, נאָר אַן אויפשטעלן פון לעבעדיקע געשטאַלטן פון: ה. ד. נאָמבערג, לאַמעד שפּיראָ, י. מ. ווייסענבערג, משה לייב האַלפּערן, מנחם באָריישאָ, פּרץ הירשביין, דוד בערגעלסאָן, פּ. בימקאָ און ש. מילער.

אָט די שרייבער־געשטאַלטן האָט באָטאָשאַנסקי אַרויסגעבראַכט מיט זייער סביבה, אופן פון טראַכטן און אַרט פון זייער שאַפן אין אונדזער ליטעראַטור.

כבוד זיין אָנדענק.

חיים לאַזדייסקי

וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן

מיר שרייבן די ווערטער ערב די שלושים נאָכן פאַרשטאָרבענעם אַר־גענטינער יידישן שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער, יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה, מיט צער און טיפן ווייטיק, ווי דאָס קען שרייבן אַ תלמיד וואָס האָט פאַרלוירן זיין גרויסן רבין. אין אַ ריי הינזיכטן איז דער פאַרשטאָרבענער ריז פון דער יידישער פּובליציסטיק און מייסטער פון דער ליטעראַרישער עסיי געווען אונדזערע לערער און מורה־דרך. אַ חשבון פון 28 יאָר האָבן מיר בסדר נאָכגעפאָלגט זיין וועג אין דער יידישער ליטעראַטור, זיין אייגנאַרטיקן און ספּעציפישן סטיל, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן, זיין פּשטות און קלאָרקייט אין דער אויסטייטשונג פון ליטעראַרישע דערשיינונגען און אויך זיין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע טעטיקייט אין דעם גרויסן יידישן ישוב אין אַרגענטינע און איבערהויפּט אין דער עיר ואם בישראל, וואָס בוענאָס־איירעס איז היינט צו טאָג.

עס איז זייער שווער צוגעוווינען זיך צו דעם געדאַנק, אַז דער טעמפּע־ראַמענטפולער און לעבנסלוסטיקער יעקב באָטאָשאַנסקי איז שוין זינט אַ חודש צייט מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ווי איז דאָס מעגלעך? יעקב באָטאָשאַנסקי איז טויט? דאָס זענען דאָך שטענדיק געווען די צוויי עקס־טרעמסטע קעגנזאַצן. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן און געגרייט זיך צו לעבן זייער לאַנג. ער פלעגט דערציילן פון צייט צו צייט, אַז צווישן זיין משפחה זע־נען געווען מענטשן וואָס האָבן אַריינגעלעבט ביז די נייניציקער. ער אַליין האָט געטראַכט, אַז מיט אים וועט אויך אַזוי זיין. אין זיינע שאַרפזיניקע און אייגנ־

אַרטיקע „פען־שפּיצן" אונטער דעם פּסעוודאָנים „שימעלע סאַראָקער" פלעגט ער אָפט מאָל זיך אַ וויצל טאָן וועגן דעם, אין פּראָזע און אין גראַמען. אָט נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געזען אין איינעם פון די „שפּיצן" זיין ווונטש צו דער־לעבן זען דעם ערשטן מענטשן, וואָס וועט קומען צוריק אַ גאַנצער פון דער לבנה...

זיין ווונטש איז ליידער נישט מקוים געוואָרן. און געשריבן האָט ער דאָס נאָך עטלעכע וואָכן פאַר זיין פאַטאַלער רייזע קיין דרום־אַפריקע. אַוודאי האָבן די יאָרן געלייגט אַ חותם אויך אויף אים. ווען מיר האָבן אים געזען מיט געניוע צוויי יאָר צוריק אין בוענאָס־איירעס, בעת אונדזער רייזע איבער די דרום־אַמעריקאַנער יידישע ישובים. אין די לעצטע וואָכן פון יאָר 1964, האָט ער שוין געהערט וויניקער ווי אין 1960, ווען מיר האָבן פאַרבראַכט אין זיין גייסט־רייכער געזעלשאַפט אין „באַר קאָמערסיאַל" אויף דער גאַס קאָריענטעס, אָדער אין סאַלאָן פון דער קהילה, אויף פּאַסטעור. זיין צעשויבערטע און אַ מאָל גע־דיכטע שוואַרצע טשופּרינע איז שוין געווען גרוי און שיטער. אָבער ער איז געבליבן ביז צו זיינע לעצטע טעג דער טיטאַן פון דער יידישער זשורנאַליס־טיק, דער מעין המתגבר פון דער צייטונג „די פּרעסע", וואָס איז געווען זיין טריבונע אין אַרגענטינער יידישן לעבן, דער לערער און וועגווייזער פון יונגע זשורנאַליסטן און שרייבער און אַפילו פון שוין אָנערקענטע שרייבער, דער פּאָפּולאַריזאַטאָר און אויסטייטשער פון יידישער ליטעראַטור, דער קריטיקער פון יידישן טעאַטער נישט אַלס אויסערלעכער, נאָר ווי אַן אינערלעכער פריינט און מיטאַרבעטער, דער דראַמאַטורג און שפּרודלדיקער עסייאיסט, דער קנאי־שער קעמפער פאַר דעם יידישן וואָרט און פאַר דער ווירדע פון יידיש אין יידישן לעבן אין אַרגענטינע, דער וואָרטזאָגער פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. עס איז באמת שווער צו אריינפּאַסן יעקב באָטאָשאַנסקין אין די ענגע ראַמען פון אַ געוויסער שרייבערישער ספּעציאַליטעט, אָדער פון אַ געוויסן זשאַנער. ער פלעגט שרייבן ערנסטע ליטעראַטור־קריטיק מיט פּונקט אַזאַ שפּילעוודיקייט און לייכטקייט ווי זיינע גראַמען אויף דער הומאָר־זייט פון די זונטיק־נומערן פון „די פּרעסע". זיינע לייענער פלעגן ביים לייענען לערנען און הנאה האָבן. אים פלעגן קענען פאַרשטיין פּשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס פלעגן לערנען באָטאָשאַנסקיס אויסטייטשונגען וועגן יידישער ליטעראַ־טור און וועגן ניי־דערשינענע ביכער אין דער יידישער וועלט. ווי וועט איצט אויסזען „די פּרעסע" אָן באָטאָשאַנסקיס כמעט טעגלעכע קאָלומס, אָן זיינע „רויטע שמייכלעך", וואָס זענען געווען אַ שם־דבר אין דער יידישער זשורנאַ־ליסטיק, אָן זיינע „שפּיץ־פּענס" פון דער עדיטאָריאַל־זייט, אָן זיינע קנאישע אַרויסטרעטונגען קעגן די וואָס ווילן מינימיזירן די ראָל פון יידיש אין יידיש־

עפנטלעכן לעבן און אָן זיינע גערעאָטענע און הומאָרפולע מיטאַרבעטן אויף דער זייט פון „אַמכאַ" (עמך) אין דער צייטונג? ווי וועט בכלל אויסזען די יידישע גאַס אין בוענאָס־איירעס אָן באָטאָשאַנסקין? ווי וועט אויסזען דאָס שוואַכע יידיש טעאַטער, וואָס שטייט שוין באַלד אויף הינערשע פיסלעך? ווי וועט עקסיסטירן דער ליטעראַטן־פאַראיין, וועמענס לאַנגיאָריקער פאָרזיצער ער איז געווען?

קיין צווייטער באָטאָשאַנסקי איז נישטאָ און וועט מער נישט זיין אין דער יידישער אַרגענטינע. עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל קענען פאַרנעמען זיין פלאַץ. ער איז געווען איינציק און אייגנאַרטיק, סיי מיט אַלע זיינע גרויסע מעלות, מיט זיין בעסאַראַבער טעמפּעראַמענט און היציקייט, מיט זיין שטאַרקע ליבע צו יידיש און יידישן לעבן, סיי מיט זיינע גרויסע חסרונות. באָטאָשאַנס־קי האָט געהאַט אין אַרגענטינע זייער פיל פריינט, לייענער און „חסידים", וואָס פלעגן ממש לעקן די פינגער פון זיינע מאמרים אין „די פּרעסע". ער האָט אָבער אויך געהאַט זייער פיל קעגנער, איבערהויפּט צווישן יידישע שרייבער און כלל־טוער. קיינער וועט אָבער נישט קענען לייקענען דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער קאָנסאָלידירונג און שטאַרקונג פון יידישן לעבן אין דער גרויסער דרום־רעפּובליק ביי די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ טייך. אַלע וועלן מוזן אָנערקענען, אַז ער האָט מיט זיין וואָרט און שריפט געמוטיקט און געמונ־טערט, געוועקט, געמוסרט, געשטראָפט און געשטאַלטיקט דאָס יידישע לעבן אויף אַ סך געביטן. ער האָט אויך געהאַט דעם מוט צו צופּאַסן זיך צו דעם שטראָם פון דער צייט, ענדערן דיאַמעטראַל זיינע אידעען און איבערצייגונגען, ווען דאָס יידישע לעבן איז גאַלוואַניזירט געוואָרן דורך דער אַנטשטייונג פון דער פרייער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. יעקב באָטאָשאַנסקי איז לאַנגע יאָרן געווען אַנטי־ציוניסטיש געשטימט און אין „די פּרעסע" האָט ער פאַר־טראָטן די ריכטונג, וואָס איז אַמאָל געווען סימפּאַטיש גענייגט צום ראַטנ־פאַרבאַנד און צו זיינע אָנהענגער אויף דער יידישער גאַס. אָבער ער האָט ראַ־דיקאַל זיך געביטן, ווען ער האָט געזען ווי אין מאָסקווע האָט מען געטראָטן מיט שמוציקע שטיוול די הייליקסטע יידישע אידעאַלן. קיינער האָט שפּעטער אַזוי שאַרף נישט באַקעמפט די יעווסעקעס אויף דער יידישער גאַס אין אַר־גענטינע, ווי ער האָט דאָס געטאָן; קיינער האָט אַזוי טעמפּעראַמענטפול און שאַרף נישט געפאָדערט זייער באַזייטיקונג פון יידישן לעבן. באָטאָשאַנסקי איז געוואָרן אַ הייסער פריינט און חסיד פון ציוניזם און פון מדינת ישראל. ער איז פינף מאָל געפאָרן קיין ישראל, נישט בלויז אַלס טוריסט אויף אַ ווייל, נאָר אַלס טיפער באַאָבאַכטער און שטודירער פון דער מדינה. ער האָט עט־לעכע ביכער געשריבן וועגן ישראל און הונדערטער אַרטיקלען. און אָט דער־

ווייסן מיר זיך פון פריינט משה ראָן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד אין ישראל, אַז באַטאַשאַנסקי האָט שוין ערנסט געטראַכט וועגן באַזעצן זיך דעפיניטיוו אין דער מדינה. ער איז, אַגב, אויך געווען דער איינציקער יידישער זשורנאַליסט פון חוץ ארץ־ישראל וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער היסטאָרישער זיצונג אין זאַל פון מוזיי אין תל־אביב, בעת וועלכער דוד בן־גוריון האָט פּראָקלאַמירט די נייע יידישע מדינה, יענעם אומפאַרגעסלעכן ערב שבת, דעם 14טן מאַי 1948.

עס דערמאָנט זיך — דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך — עטלעכע פּערזענלעכע מאָמענטן פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג מיט דעם גרויסן נפטר. אין יאָר 1937, אַלס נישט־דרייסטער אָנפאַנגער אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן מיר אים צוגעשיקט אין מאַנוסקריפּט אַ רעפּאָרטאַזש געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ לאַנגער דערציילונג אונטערן נאָמען „עמיגראַנטן”, וואָס האָט בעלעטריסטיש געשילדערט דעם וועג פון יידישע וואַנדערער פון פּוילן, וואָס האָבן געזוכט אַ נייע היים ביי די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ. שטעלט זיך פאָר וואָס פאַר אַ אַנגענעמענע איבערראַשונג עס איז דאַן געווען פאַר אַן 18־יאָריקן בחור אין מאָנטעווידעאָ צו זען ווי דער שוין באַרימטער און פּאָפּולערער יעקב באַטאַשאַנסקי האָט רעציטירט אונדזער צוגעשיקטן רעפּאָרטאַזש אויף די שפּאַלטן פון „די פּרעסע” און אויף זייער אַ פּראָמינענטן פּלאַץ און אופן. דער רייפער און דערפאַרענער ליטעראַטור־קריטיקער האָט טאַקע באַמערקט, אַז ער מאַכט אַן אויסנאָם פאַר אַ יונגן יידישן שרייבער אין אורוגווייַ, הגם ער רעצענזירט גישט קיין זאַכן אין מאַנוסקריפּט. אין דער רעצענזיע איז געווען פאַר אונדז אַן אָנווייזונג, וואָס פאַראַפראַזירט די הגדה של פסח, אָנווייזנדיק, אַז מען דאַרף דערציילן וואָס מער פּרטים, ווען מען שרייבט וועגן יידישן לעבן אין פּוילן. דאָס איז נאָך געווען צוויי יאָר פאַרן חורבן פון יידישע ישובים אויף דער פּוילישער ערד און ווי ער וואָלט פאַרויסגעזען, אַז מען דאַרף זיך צואיילן און פאַרפיקסירן ווי יידן האָבן געלעבט און געליטן...

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע דערפאַרונג מיט יעקב באַטאַשאַנסקין, וועמען מיר האָבן נאָך דאַן פּערזענלעך נישט געקענט. באַקענט האָבן מיר זיך עטלעכע יאָר שפּעטער, בעת אונדזער ערשטע רייזע קיין בוענאָס־איירעס, אין אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים פון דעמאָלטיקן פּויליש־יידישן פאַרבאַנד פון מאָנטעווידעאָ. און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אונדז אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים בעת אונדזערע אָפטע באַזוכן אין דער אַרגענטינער מעטראָפּאָליע.

צולעצט האָבן מיר אים געטראָפן אין זיין רעדאַקציע־צימער אין „די פּרע־

סע״, אין דעצעמבער 1962. באָטאָשאַנסקי האָט אונדז געוויזן די נייע און רחבותדיקע צימערן פון רעדאַקציע און די באַקוועמע שרייבטישן, ווי אַ קאָנטראַסט צו דעם וואָס איז אַמאָל געווען אין דעם פריערדיקן אַלטן בנין פון דער גרויסער טאָג־צייטונג אויף דער גאַס קאַסטעלי, אַ שפּאַן פון קאָכעדיקן יידישן צענטער אויף קאָריענטעס. ער האָט נאָך באַוויזן צו ווידמען אונדז אַ „שפּיץ־פּען״ אין דער צייטונג, ווייל ער איז געשטאַנען שוין מיט איין פוס אויף דער שיף „ד״ר הערצל״, וואָס האָט אים עטלעכע טעג שפּעטער געפירט קיין מדינת ישראל, צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער באַקאַנטער יידישער אַקטריסע מרים לערער, און זיין בן־יחיד. אין „באַר קאָמערסיאַל״ האָבן מיר זיך מיט אים געזעגנט. ער פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף מעקסיקע און אויף היגע יידישע שרייבער, הגם עס איז געווען קענטיק, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט, צוליב דעם וואָס זיין באַזוך דאָ, מיט גענויע 19 יאָר צוריק, איז צוליב געוויסע מאָטיוון אַרויסגעקומען נישט געראָטן.

און איצט איז שוין יעקב באָטאָשאַנסקי מער נישטאָ אויף דער לעבעדיקער וועלט. עס איז אים געווען באַשערט צו שטאַרבן אין דער פרעמד, זייער ווייט פון זיין ישוב און פון זיין שטאָט. עס איז נאָך גוט וואָס עס איז געווען מעגלעך צו ברענגען אים צו קבורה אין בוענאָס־איירעס, צווישן זיינע יידן און זיינע חברים.

די יידישע ליטעראַטור איז אין טרויער צוליב דעם טויט פון איינעם פון אירע חשובסטע פאָרשטייער. חבל על דאבדין. שלום לעפרו.

פאַליק לערנער

אַ געזעגנג וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן

אַז איר לייענט די לעצטע רעפּאָרטאַזשן וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געשריבן פון דרום־אַפריקע, באַקומט איר דעם איינדרוק אַז דאָס זענען די שטאַרקע אַקאָרדן פון אַ געזעגנג וואָס איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן. אין די ערשטע רעפּאָרטאַזשן וואָס באָטאָשאַנסקי האָט געשריבן פון וועג ווען ער איז געפאָרן קיין דרומאַפריקע, האָט זיך געפילט אַ געוויסע מידקייט פון איינעם וואָס לויפט אין דער אָנגעצייכנטער ריכטונג און שטרענגט אָן אַלע כוחות אויף צו דערלויפן צום ציל. דאַקעגן אין די רעפּאָרטאַזשן פון יאָהאַנעסבורג, ספּעציעל די לעצטע, אָטעמט עס מיט באָטאָשאַנסקיס גאַנצער קראַפט

און מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אָפּטימיזם. מיר פילן דאָ דעם באַטאַשאַנסקי פון די אַלטע גוטע צייטן, ווען ער פלעגט צעשפּרייטן זיינע זשורנאַליסטישע אָדלער־פליגלען און אומשוועבן אין די מרחקים מיט יענער שרייבערישער גראַציע וואָס איז געווען פאַר אים אַזוי כאַראַקטעריסטיש. עס וואָלט קיינעם נישט געוווּנדערט ווען פון זיינע לעצטע דרום־אַפריקאַנער רעפּאָרטאַזשן וואָלט זיך געוווּן געפילט אַ מידקייט פון איינעם וואָס איז שוין אָפּגעלאָפן אַ לאַנגן לעבנס־וועג אין אַזאַ שנעלן און שטורעמדיקן ריטם; דער פאַל איז אָבער פונקט אַ פאַרקערטער: דווקא אין די לעצטע רעפּאָרטאַזשן זעען מיר דעם באַטאַשאַנסקי, ווי ער פלעגט זיך פאַר אונדז באַווייזן אין זיינע בעסטע צייטן.

באַטאַשאַנסקי איז די לעצטע יאָרן פיזיש שוין נישט געווען דאָס וואָס אַמאָל. יאָרן פון איבערלעבונגען, פון שווערער אינטענסיווער אַרבעט, פון משפחה־דאגות און פון קראַנקייטן, האָבן געלייגט דעם שטעמפּל אויף זיין וואָס אַ מאָל מער פאַרעלטערטער פיגור. גייסטיק אָבער און עמאָציאָנעל, איז ער געבליבן דער זעלבער. דאָס יוגנטלעכע פייער האָט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזט און ווי נאָר עס פלעגט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, האָט זיך דאָס דאָזיקע פייער אין אים אָנגעצונדן ווי אין די גוטע צייטן פון זיין יוגנטלעכן דראַנג. סיי אין זיין שרייבן און סיי אין זיין ריידן האָט מען שוין געקענט דערקענען די סימנים פון דער פיזישער מידקייט, אָבער דער שאַרם פון זיין גייסטיקער בליציקייט און שאַרפזין, האָט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזט. אָן אויסגעשעפּטער שוין פון אַזוי פיל גייסטיקער אַרבעט, איז ער שטענדיק גע־ווען פול מיט פּלענער פון נייע פאַרמעסטן.

וועגן אַ נפטר איז מען זיך נוהג איבערצוטרייבן, אָבער וועגן באַטאַ־שאַנסקין איז נישט נויטיק צו זוכן די מאָס פון גוזמא, ווייל מען קען אים פולשטענדיק אָפּשאַצן דורך בלויז דעם, וואָס ער איז באמת געווען אַלס שרייבער. אויב ער האָט פאַרנומען אַ גרויס פּלאַץ אין דער גאַלעריע פון אונ־דזערע פעדער־מענטשן, האָט ער דאָס דעראָבערט מיט דעם, וואָס ער איז באמת געווען. און געווען איז ער דער מייסטער פון דעם לייכטן געזאַנג און פונעם קלאָרן געדאַנק. באַטאַשאַנסקי האָט אין דער זשורנאַליסטיק פאַרנומען דאָס פּלאַץ וואָס אַ סך מוזיקער האָבן פאַרנומען אין דער מוזיק דורכן שאַפן זשאַ־נער פון דער לייכטער מוזיק, וואָס האָט באַצויבערט מיליאָנען. די קאָמפּאָ־זיטאָרן פון די ווינער וואַלסן און אונגאַרישע אָפּערעטעס, האָבן נישט פּרע־טענדירט צו זיין בעטהאָווענס, מענדעלסאָנס און וואַגנערס, אָבער זיי האָבן געשאַפן אַ מוזיק־נוסח וואָס איז געוואָרן קלאַסיש אַלס דער אויסדרוק פון פאַרווײַלונג און פרייד. באַטאַשאַנסקי האָט, אַלס זשורנאַליסט, געהאַט אין זיך עפּעס פון די דאָזיקע מייסטערס, וואָס האָבן דעראָבערט די הערצער פון מי־

ליאָנען מענטשן דווקא דורך דער לייכטקייט און צוגענגלעכקייט. ער איז געווען דער מייסטער פונעם לייכטן און קלאָרן וואָרט, נישט נאָר אין זיינע מאמרים, פעליעטאָנען און פּאָלעמישע אַרטיקלען, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור־קריטיק. להיפּוך צו אַנדערע ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס אָפּערירן מיט „שווערער אַרטילעריע" ביים צעגלידערן אַ ווערק, האָט ער באַנוצט דאָס לייכטע געווער פון — הסברה. באָטאָשאַנסקי האָט אין זיינע ליטעראַרישע עסייען מער מסביר געווען און געשריבן קריטיק און אויך אין דעם זין איז ער געווען אייגנאַרטיק.

פאַר זיינע טויזנטער לייענער איז כמעט ווי נישט נויטיק צו זוכן ספּעציעלע דעפיניציעס אויף צו כאַראַקטעריזירן באָטאָשאַנסקין. ער איז פאַר אַ סך פון זיינע לייענער געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ לערער, וועלכער האָט טאָג־טעגלעך געקנעלט מיט זיי; און געלערנט האָט ער זיי אויף אַ לייכטן, שפּילעוודיקן אופן, ווי אַן אמתער פּעדאַגאָג, וואָס פּאַסט זיך צו צו די השגות און צום געשמאַק פון זיינע תלמידים. באָטאָשאַנסקי האָט זיינע לייענער געזאָגט דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט; דאָס, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט און דערפאַר האָט מען אים ליב געהאַט און געוואַרט אויף זיין וואָרט. זיין פּאָפּולאַריטעט האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דער פּאָפּולאַריטעט פון די גרויסע פאָלקס־זינגער, וואָס באַצויבערן זייערע צוהערער פון דער ערשטער מינוט ווען זיי באַווייזן זיך אויף דער בינע. און ער האָט זיין געזאַנג אויסגעזונגען פאַרשידנאַרטיק. אין זיינע „שפּיץ פּענען", האָט מען געקענט געפינען דעם אַנאַליז פון אַ שווערער פילאָסאָפישער סוגיאָ, ביז אַ וויץ וועגן אַ לייכטן, טריוויאַלן ענין. זיינע רייזע־איינדרוקן זענען נישט געווען אַזוי שטאַרק אין דער שילדערונג, ווי אין דער מעדיטאַציע און אין דער אויסטייטשונג פון דעם וואָס ער האָט געזען, גערעדט און געפילט. וואָס פאַר אַן ענין ער זאָל נישט געווען באַהאַנדלען, איז דאָס געווען אַ לייכט געזאַנג, אַ פאַרשטענדלעכס, אַ געזאַנג וואָס האָט זיך געלאָזט הערן.

און דאָס דאָזיקע לייכטע, פריילעכע און אָפט מאָל עלעגישע געזאַנג, איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן. און דער זינגער אַליין, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט אונטערגעגעבן דער מידקייט און דער לאַסט פון די יאָרן, ווי עס איז צו זען דווקא פון זיינע לעצטע רעפּאָרטאַזשן, איז שוין נישטאָ. שוין אַ חודש צייט אַז ער איז נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און דאָך הערט נישט אויף צו קלינגען דער ווידערקול פון זיין געזאַנג. מיר שרייבן די דאָזיקע קלאָג־שורות און מיר גלויבן זיך אַליין נישט אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אמת. לויט דער טעאָריע פון די עקסיסטענציאַליסטן, איז דער מענטש שטענדיק און אומעטום

איינער אַליין. און דאָס איז אָן שום ספק אַ גרויסער אמת, איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע וואָס זענען פאַר מיליאָנען און אַליין זענען זיי די עלנטקייט אַליין. ווען עס קומט צום לעצטן אונטערצי צאָלט יעדער איינער זיין חשבון און — עס ווערט אויס.

און באַטאַשאַנסקי האָט נאָך נישט געדענקט צו מאַכן דעם לעצטן אונ־טערצי פון זיין געזאַנג. דער גורל אָבער האָט ווייזט אויס אַנדערש געוואָלט.

זלמן לעווי — יאָהאַנעסבורג

יעקב באַטאַשאַנסקי, ווי כ'האָב אים דערקענט

יעקב באַטאַשאַנסקין האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפן אויפן יאַן־יסמאַטס לופטפעלד בעת זיין אָנקומען אַהער, מיטוואָך דעם 23סטן סעפּטעמ־בער, 3 אַזייגער אין דער נאַכט. אויפן ערשטן קוק בין איך געווען אַנטוישט, אַפילו צעטומלט. געווען איז עס צוליב דעם, וואָס ער האָט מיר אויסגעוויזן גאָר אַנדערש ווי כ'האָב זיך אים פאָרגעשטעלט אין מיין דמיון. מיר דאַכט, אַז כמעט יעדער מענטש שאַפט זיך אַ געוויסן אימאַזש פון אַ שרייבער, פון אַ דיכ־טער, ווען ער לייענט זיינע ווערק, און די דאָזיקע מיינונג בלייבט שוין פאַר־פיקסירט הגם אַזאַ איינער ווייסט נישט צי ס'איז טאַקע באמת אַזוי. אָבער אין פאַל באַטאַשאַנסקי האָט מיך נישט בלויז זיין פיזישער אויסזען אָפּגענאַרט — ווי כ'האָב שטענדיק געהאַט אין מחשבה וועגן אים — נאָר אַפילו זיין שטי־מע, זיין אַרט ריידן זענען געווען פונקט דאָס פאַרקערטע פון מיין פאָרשטע־לונג וועגן אים. הכלל, ער האָט ווייט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זשורנאַליסט, אַ שרייבער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַ פּעליעטאָניסט, אַ רעדנער־טריבון — אָט די אַלע קוואַליפיקאַציעס, וואָס ער האָט באמת פאַר־מאָגט.

אָבער אין אַ משך פון עטלעכע טעג, זייענדיק גאָר נאָענט צו אים, האָב איך דערזען מיין טעות. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קאַליר־פולע פּער־זענלעכקייט און ער איז מיר געוואָרן אַזוי נאָענט און ליב, פיל מער ווי אַ סך פון אונדזערע אויסלענדישע שליחים וועלכע זענען געקומען אַהער אויף דער איינלאַדונג פון דער קולטור־פעדעראַציע.

ראובן זיגלבוים און איך האָבן פאַרבראַכט מיט אים עטלעכע טעג אין „קרוגער נעשאָנאַל פּאַרק" — דאָס לאַנד פון די חיות — און ערשט דאָרטן,

זייענדיק אין התבודדות, האָב איך דערזען און דערשפירט וואָס אַזוינס באַ־טאָשאַנסקי שטעלט מיט זיך פאָר, הן ווי אַ תלמיד־חכם און הן אַלס מענטש.

זיין שיחות חולין איז געווען פאַרכאַפּנדיק און אינטערעסאַנט. זיין אייגנ־אַרטיקער אופן פון דערציילן, זיין הומאָר, זיינע גלייכווערטלעך, זיין אָפּשאַצן און כאַראַקטעריזירן אַ שרייבער אין שמועסן, זיין מיינונג וועגן דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע, וועגן דאָס „פּינטעלע״, ווי ער האָט עס אָנגערופן, איז געווען קלוג און באַלערנדיק.

ער איז געווען ייִד און מענטש אין העכסטן זין פון וואָרט. ער איז געווען אַ פולשטענדיקער ייִד — אין זיין שרייבן און טראַכטן, אין זיין אופן פון דענ־קען און אַפילו אין אויפהאַלטן דאָס שיינע און ראָמאַנטישע פון דער ייִדישער טראַדיציע, זייענדיק אַליין אַ וועלטלעכער מענטש דורך און דורך.

אין באָטאָשאַנסקין דעם מענטש — און מיר גייען דאָך אַלע אַרויס פון דער הנחה, אַז פריִער פון אַלץ און דער עיקר איז דער מענטש — האָבן מיר ערשט דערזען אין דער קורצער צייט וואָס ער איז געווען מיט אונדז. אַ שאָד וואָס מיר האָבן זיך פיל נישט געקענט אָנפרייען מיט אים, אָבער אין די קאַר־גע 5 וואָכן וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט אונדז, איז ער געוואָרן זייער באַ־ליבט. און איך וואָג צו זאָגן, אַז פון די אויסלענדישע געסט וועלכע זענען אַרויסגעקומען צו אונדז די לעצטע יאָרן, איז באָטאָשאַנסקי געווען פון די פיינסטע, אויב נישט דער פיינסטער.

וויל איך נעמען די געלעגנהייט צו געבן דאָ אַ שטיקל אָפּשאַצונג וועגן באָטאָשאַנסקין דעם פען־מענטש, לויט ווי איך האָב אים דערזען און דער־קענט.

באָטאָשאַנסקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין בעסאַראַביש שטעטל אין אַ רעליגיעזער משפחה, אָבער שוין אַלס ייִנגל האָט ער אַרויסגעוויזן באַהע־מישע נייגונגען, געווען אַ שטיק אומרו. די דאָזיקע אַטריבוטן האָבן אים שפּע־טער אויסגעפורעמט אין אַ טעאַטראַל, רעזשיסאָר, דערציילער פון בולגאַרישע און מאָלדאַוואַנישע לעגענדעס און מעשהלעך; ער האָט זיך אויך פאַראינטע־רעסירט אין לעבן פון דעם וואַנדער־פאָלק — די ציגיינער, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, און געצויגן פאַראַלעלן צווישן די ציגיינער און זיין אייגענעם וואַנדער־פאָלק — דעם ייִדישן.

אין אַן עסיי וואָס הייסט „דודעשט״, אַ גאַס אין בוקאַרעשט, שרייבט באָטאָשאַנסקי: „דודעשט, די גאַס אין וועלכער ס׳איז מיר אויסגעקומען צו לעבן אַ שטיקל צייט, צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי איז באַוווינט פון ייִדן און ציגיינער. עס פלעגט מיך שטענדיק אינטריגירן צו פאַרגלייכן די דאָזיקע

צווי וואַנדער־פעלקער. אין אַ געוויסער מאָס איז ייִדישקייט געווען מיין יצר־טוב און ציגיינערישקייט, מיין יצר־הרע. די ציגיינערישקייט האָט מיך גע־רייצט, און עפּעס פון דער ציגיינערישער אויסערלעכקייט האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט".

לפי עניוות דעתי האָט באָטאָשאַנסקי פאַרמאָגט אין זיך אינערלעכע צי־גיינערישקייט אויך. אָט די ציגיינערישע עקזאָטישקייט וואָס ער האָט מיט־גענומען מיט זיך פון בעסאַראַביע האָט אים נישט פאַרלאָזן, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אין אַרגענטינע, ווו ער האָט אין גאַנצן אַריבערגעפּלאַנצט נוסח וואַרשע און קישענעוו און בוקאַרעשט.

זיין באַהעמישקייט און ציגיינערישקייט האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פּי־רער, פאַר אַ מאַסן־רעדנער, פאַר אַ קעמפער מיט די שקלאַפן־הענדלער, פאַר וואָס ער וועט אריינגיין אין דער געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע ווי איינער וואָס איז געווען אינסטרומענטאַל אין אויסראַמען די „טמאים".

ביז מיט אַ יאָר 10 צוריק איז באָטאָשאַנסקי, שטעל איך מיך פאָר, גע־ווען גאָר אַן אַנדער מענטש ווי מיר האָבן אים דאָ געזען. ער איז געווען קריגעריש, קעמפעריש, אין די פאָדערשטע רייען פון שלאַכט, און נאָך זייענדיק אַן ערשטקלאַסיקער זשורנאַליסט דערצו, האָט ער אויסגענוצט זיין מויל און זיין פּען אין אויסגעשטאַלטיקן דעם ייִדישן קיבוץ אין אַרגענטינע, וואָס ציילט היינט איבער אַ האַלבן מיליאָן, אין אַ מזרח־אייראָפּעיִשן פורעם מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.

איך קאָן מיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן אַז באָטאָשאַנסקי וואָלט גע־קאָנט זיין אַ פירער, אַ טאָן־געבער, אַ וואָרטזאָגער אין אַ מערבדיקן ייִדישן קיבוץ. די ייִדן אין אַרגענטינע, מסתמא אַזוי אין גאַנץ דרום־אַמעריקע, לעבן נאָך היינט לויטן מזרח־אייראָפּעיִשן נוסח. עס איז נאָך דאָ אַ ייִדישער אַר־בעטער, אַ ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, אַפילו דער פּאַרטייען־קאַמף איז נאָך מער־וויניקער לויטן מוסטער פון דער אַלטער היים. דאָס מאָדערנע לעבן האָט נישט געהאַט קיין השפּעה אויף די ייִדישע ישובים אין דרום־אַמעריקע, און אַ גרויסער חלק אין דעם האָט געהאַט די הינטערשטעליקע עקאָנאָמישע לאַגע אין פאַרגלייך מיט אַמעריקע, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע. די ייִדישע מאַסע אין אַרגענטינע דאַרף נישט קיין עסטעט, קיין אויסערלעכע פאָרמען, זי דאַרף האָבן דעם תוך, דעם אינהאַלט.

אינטערעסאַנט איז, אַז באָטאָשאַנסקי אין זיין עסיי „ווי איך זע זיך", זאָגט טאַקע צוו"אַ: „איך געהער צו די סאַמע נאַכלעסיקסטע מענטשן. איך קען זיך אויסערלעך נישט פוצן, אַ נאָענטער צו טעאַטער דורך און דורך, אַן אָרגאַניש

פאַרבונדענער מיט דעם, אָן וועלכן כ׳קען נישט לעבן, בין איך פערזענלעך קיין מאָל נישט געווען טעאַטראַליש. איך האָב, ווי אַ רעדנער, קיין מאָל נישט געשמינקט אויסערלעך מיין וואָרט, און איך האָב בעיקר געהאַלטן ריין און קלאָר דעם תוך פון מיין וואָרט״. יאָ, מיט זיין תוך, מיט זיין אינהאַלט, מיט זיין מוטיק־אויפריכטיקער קעמפערישקייט, מיט זיין נוסח מזרח־איראָפּע האָט באָטאָשאַנסקי געהאָלפן אויספורעמען אַ האַלב־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין אַרגענטינע, וואָס איז היינט צו טאָג איינציק־אַרטיק אין דער יידישער צע־שפּרייטקייט.

באָטאָשאַנסקי מיט זיין „איך״, מיט זיין נשמהדיקייט, מיט זיין גאַנצן מהות איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן פאַר די יידן אין אַרגענטינע, פּונקט ווי זיי זענען געווען צוגעפּאַסט צו אים. דאָס איז געווען אַן אמתער זיווג. הערפאַר איז דער פאַרלוסט מוראדיק פאַר דעם דאָרטיקן ישוב. אָבער פאַר באָטאָ־שאַנסקיס אַנדערע אַטריבוטן וועלן זיין גאָר ווייניק איבערנעמער. און מיט זיין אַוועקגיין בלייבט אַ גרויסער חלל.

איך ווייס נישט צי באָטאָשאַנסקי דער קינסטלער איז אויך באַווירקט און געטריבן געוואָרן פון אַן אומרו, פון אַ שטאַרקן אימפּעט. אין זיין זשורנאַליס־טיק איז ער דאָס אוודאי געווען, אָבער אין זיין ליטעראַטור־קריטיק, אין זיין אָפּשאַצן שרייבער און דיכטער איז ער באַהערשט געווען פון אַ קאָנטראָליר־טער רויקייט, הערפאַר איז עס אַזוי קלאָר און פשוט געשריבן, אָן פּילפּוליס־טיק און פּשטלעך, אָן דעם גראָבן פינגער. צוליב זיין פשטות, צוליב זיין פיל־זאָגעוודיקייט, צוליב זיין פאַרנומענקייט אויף אַזוי פיל געביטן האָט מען נישט געקענט פאָדערן, אַז אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין פעדער זאָל זיין פאַר־מיפּט געגנוג און געשליפן.

ער האָט זיך פאַרנומען מער אין דער ברייט, הגם ס׳איז זייער אָפט גע־לעגן אַזוי פיל טיפקייט אין זיין ברייטקייט, אין זיין אויספירלעכקייט, אין זיין עקספּאַנסיע.

באָטאָשאַנסקי איז געווען אַן אַלזייטיקער טאַלאַנט, און מיט אַלזייטיקייט קען מען קיין שלימות נישט דערגרייכן, אָבער ווו איז עס פאַראַן אין דער היינטיקער יידיש־וועלט אַזאַ איינער וואָס האָט געשאַפן אין אַלע, ממש אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן?

די טראַגעדיע איז, וואָס באָטאָשאַנסקי איז געשטאָרבן אין מיטן אַ שלי־חות, אויסגעהויכט זיין אָטעם אויף פרעמדער ערד, וואָס די יידיש־וועלט האָט אָנגעוווירן איינעם פון די גרעסטע יידיש־קעמפער, אין אַרגענטינע — איר קאַפּיטאַן.

אויף דעם אַלזייטיקן יידיש־שעפער זאָגן מיר דאָס, וואָס זיין לאַנדסמאַן, דער באַקאַנטער דיכטער אפרים אויערבאַך האָט געזאָגט אין אַ ליד געווידמעט וועגן אים:

פּאַר מיר ביסטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמיש פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
און איך הער אין לויערקייט פון דיינע רייד
מיין מאַמעס פשוט, כשר האַרץ וויברירן.

בערל לעווינסקי — יאָהאַנעסבורג

אין אָנזיכט פון טויט

(רעפלעקסן)

דער עראָפּלאַן האָט אים אַרויסגעוואָרפן אין מיטן דער נאַכט אין אַ ווייטער, פרעמדער שטאָט. דער זאַל פון גרויסן לופטפעלד איז געווען כמעט ווי ליידיק, נאָר ערגעץ אין זייטע ווינקלען האָבן געדרימלט און פאַטעלן איינזאַמע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויף פאַרטאָגיקע עראָפּלאַנען זיי צו נעמען צו מרחקים. ביים דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן אין צאָל־אַמט האָט מען אים פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער ווי די אַנדערע פּאַסאַזשירן — איז ער אַרויס כמעט דער לעצטער. מיר האָבן זיך באַגריסט. דריי פון דער דעלעגאַציע וואָס איז אים געקומען מקבל־פּנים זיין האָט ער געקענט פון בוענאָס־איירעס, האָט ער זיך דערפרייט — פאַרט נישט אַריינגעפאַלן אין גאַנצן אין דער פרעמד...

ער האָט אויסגעזען מיד, נישט דערשלאָפן, נישט אויסגערוט, די האָר צעפּודלט בן־גוריוניש, האָבן אויסגעזען ווי פיר שטענגלעך פון אַ חופּה. דאָס האָט אָנגעדייט אַז ער קומט פון אַלע טיילן וועלט צו אַלע טיילן וועלט ווו יידן לעבן און שאַפן. איצט איז ער געקומען מיט אַ מיסיע: פאַראייניקן אין דרום מיטן צווייטן, דעם דרום־אַמעריקאַנער יידישן ישוב מיטן יידישן ישוב פון דרום־אַפריקע. האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן קאָלאָסאַלן זאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן לופטפלאַץ אין יאָהאַנעסבורג, וואָס האָט האַלב געדרימלט אין די פריִע פאַרטאָג־שעהן, און זיך אָפּגערופן:

„הייסט עס — דאָס איז דרום־אַפריקע? לויטן לופטפעלד קוקט עס אויס צו זיין אַ גרויס לאַנד".

מיר זענען אַרויס אין דרויסן צום אויטאָ, צו פאָרן אין שטאָט אַריין. אַ ווינטל האָט זיך צעשפּילט מיט זיינע האָר, זיי געבלאָזן אויף רעכטס און אויף לינקס, אַ קוטשמע האָר האָט פאַרדעקט זיין שטערן, די אויגן אַפילו... סימבאָליש אפשר האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז ביי זיין קומען אַהער איז שוין איינגעפאַלן דער פונדאַמענט אויף וועלכן עס איז געשטאַנען די הויז פון יעקב — וואָס האָט זיך גערופן אין דער גרויסער יידישער וועלט מיטן ליבן נאָמען יעקב באָטאָשאַנסקי.

***

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט צום ערשטן מאָל דערזען גאָטס וועלט אין אַ קליין דאָרף טשיטעמאַנסק, אין זיין היימלאַנד בעסאַראַביע. בעסאַראַביע איז געווען אַ פרוכטבאַר לאַנד, ארץ זבת חלב ודבש. ער האָט דאָרט צום ערשטן מאָל דערזען זיינע האָרעפּאַשנע יידן, פון וועמען עס האָט געשמעקט מיט פרישע קאָרן און ווייץ, מיט פעלדער זאַפּטיקע, וואָס האָבן אייביק געשוואַנגערט מיט בליונג, מיט גאָטס ברכה און גנאָד. עס איז געווען אַ לאַנד וואָס האָט געהאַט ברויט לרוב, און טאָמער האָט אויסגעפעלט אַ מאָל פשוט ראָזעווער ברויט, איז געווען גאָלדענע קוקורוזע...

אין יענעם האָרעפּאַשנעם לאַנד פון זון און זאַטקייט האָט דער קליינער יעקב געשטעלט זיינע ערשטע טריט. עס זענען געווען טריט פון אַ יינגל אַ ווילל־לערנער, וואָס איז געגאַנגען אין חדר און ישיבה — און פון דאָרט האָט עס אים אַ ציִ געטאָן צו דער גרויסער וועלט. די גרויסע יידישע וועלט איז דאַן באַשטאַנען פון עטלעכע צענטערס: וואַרשע, ווילנע און אָדעס. פון בעסאַראַביע האָט זיך דער נאָענטסטער יידישער שליאַך געצויגן צו אָדעס. אָדעס איז געווען דער פונקט פון יידישער חכמה, פון יידישן שאַפן, פון יידישן גייסט. האָבן דאָך אין אָדעס געלעבט און געווירקט די קאָרפן־קעפּ פון דער יידישער מחשבה, פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. און בראש פון דער חבורה איז געשטאַנען דער כוהן־גדול פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור ר׳ מענדעלע בכבודו ובעצמו.

דער יונגער יעקב באָטאָשאַנסקי איז געקומען אין דער סביבה פון דער יידיש שאַפנדיקער וועלט און זי האָט אים באַווירקט. ער האָט אין די אָדעסער קרייזן גענומען אויף זיך די מיסיע צו ווערן אַ שרייבער ביי יידן, נישט נאָר אַ שרייבער גלאַט אַזוי זיך — נאָר טאַקע אַ שרייבער אַ ראש־ישיבה... אין אָדעס האָט באָטאָשאַנסקי געקראָגן סמיכה פון זיידן מענדעלען אַליין און ער איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ גוט־מאָרגן — טאַקע דורך

דער אָדעסער צייטונג וואָס האָט געהייסן „גוט־מאָרגן". נאָך דעם זענען געגאַנגען פּרוכטבאַרע יאָרן פון שאַפן און ווירקן אין זיין היימלאַנד בעסאַראַביע און אין נאָענטן רומעניע, ווו ער האָט געבויט און געפּורעמט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

**
*

דאָס יידישלאַנד האָט זיך געהאַלטן אין יענע יאָרן אין פאַרשפּרייטן, אויסברייטערן אירע האָריזאָנטן און זוכן נייע טעריטאָריעס. פּונקט ווי די אַמאָליקע בריטישע אימפּעריע, ווו ס'איז קיין מאָל נישט אונטערגעגאַנגען אויף איר שטח די זון — אַזוי האָט אויך אין יידישלאַנד די זון געשיינט אייביק. און יעקב באָטאָשאַנסקי האָט באַשלאָסן צו ווערן דער אַמבאַסאַדאָר פון יידיש לשון און יידיש שאַפן אין איינעם פון די ניי זיך אַנטוויקלענדיקע קאָנטינענטן — דרום־אַמעריקע. האָט אים דער גורל פאַרטראָגן אין דער וויטער בוענאָס־איירעס, ווו עס האָט זיך אַנטפּלעקט זיין אמתער טאַלאַנט און זיין אמתע מוזע האָט זיך צעשפּילט. דאָרטן האָט ער פאַרקאַשערט די אַרבל און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט פון קנעטן און אויספורעמען נישט נאָר זיך אַליין, נאָר דעם פּרצוף־פּנים פון גאַנצן יידישן ישוב. יונג איז ער געווען און פול מיט ענערגיע, אין האַרצן האָט ער געטראָגן די געזאַנגען פון די ציגיינער־שבטים פון זיין לאַנד בעסאַראַביע, איז אים ליב געווען דער קאַמף און געראַנגל פאַר יידיש; צו אַרבעטן פיר און צוואַנציק שעה אַ מעת־לעת פאַר דער אידעע פון אויפשטעלן און אויסצעמענטירן אַ געזונטן און פעסטן יידיש־בנין אויפן נייעם קאָנטינענט.

און ער איז געוואָרן דער אַרכיטעקט פון נייעם ישוב — דער שעפער און באַשעפער פון אַ נייעם נוסח. אויב צו זיין קרעדיט וואָלט מען צוגעשריבן בלויז דאָס העלפן אויפבויען די טעגלעכע צייטונג „די פּרעסע" און זי פירן איבער אַלע שטורעמדיקע ימען פון דער צייט — וואָלט מען געקאָנט זאָגן דיינו — איז ער אָבער געווען שפּעריש אין אַלע ווינקלען און אין אַלע עטאַפּן פון וואַקסנדיקן ישוב, הן געזעלשאַפטלעך, הן פּאָליטיש, הן דערציִעריש, און דער עיקר — ליטעראַריש.

זיין אייביקער ליבלינג, זיין בן־זקונים איז אָבער געווען און געבליבן די יידישע ליטעראַטור. ער האָט אַליין געשאַפן אַ צאָל ליטעראַרישע ווערק: קריטיק, עסייען און בעלעטריסטיק. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעפירט אַ ריי נייע שרייבער וואָס האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, געבנדיק מיט דעם זייער צושטייער און קאָלאָריט צו דער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור. זייענדיק אַן אַמבאַסאַדאָר פון יידיש־

לאַנד, האָט ער אָפּט באַזוכט יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, כדי צו האָבן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַלדאָס זיך בוידענדיקע און אַלדאָס זיך שאַפנ־דיקע אין אונדזער צעשפּרייטקייט.

***

אונדזער גרויסער חורבן האָט אָבער אויסגעבויערט אַ לאָך אין זיין נשמה — אַ לאָך וואָס מען האָט נישט געקענט פאַרמייסטרעווען דורך אַ בעל־מלאכה, נישט היילן מעדיציניש. איז די עלטער אויף אים אַרויפגעשפּרונגען גיכער, ווי זי וואָלט געדאַרפט קומען ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען. ער איז געוואָרן איינגעבויגן, מיד, נישט נאָר פיזיש נאָר אויך גייסטיק. און דאָך האָט ער אָנ־געגורט זיינע לענדן צו מאַכן אַ נסיעה צו אַ וויטן לאַנד — ער, דער אַמבאַ־סאַדאָר פון יידישלאַנד האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַגעגנט פנים אל פנים מיט דעם שבט פון יידישע ליטוואַקעס וואָס לעבט און שאַפט אין דרום־אַפ־ריקע. איז ער געקומען, זיך באַגריסט מיט אַלטע פריינד, געגעבן שלום נייע מענטשן, אומבאַקאַנטע יידן, מיט וועמען ער איז גלייך געוואָרן אינטים און אויף דו.

היינטיקס יאָר איז גראָד אַ יובל־יאָר, אין וועלכן די יידישע וועלט פּייערט הונדערט יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור — איז ווער טאַקע איז אַזוי באַרופן צו ריידן וועגן 100 יאָר יידישע ליטעראַטור אויב נישט יעקב באָטאָ־שאַנסקי, וואָס האָט איר געדינט און געווידמעט 53 יאָר פון זיין לעבן? און אָט דער ליטעראַטור האָט ער געגעבן זיין מאַרך, זיין וועזן ביז זיין לעצטן אָטעמ־צוג! האָט ער געהאַלטן אין יאָהאַנעסבורג אַ גייסטרייכן רעפעראַט וועגן יידיש ליטעראַרישן שאַפן און בויען במשך די לעצטע הונדערט יאָר. אין זיין אונ־טערבאַוווסטזיין האָט אים אָבער געטאָטשעט אין מוח די פראַגע: יאָ, מיר האָבן טאַקע אַ סך געשאַפן, אַ סך דערגרייכט, צי האָבן מיר אָבער נישט פאַר־לאָרן דעם קרן, דעם יסוד אויף וועלכן אונדזער יידיש־וועלט שטייט? וואָס טויג יידישע ליטעראַטור אָן אָנוווקס, אָן נאָכוווקס — וואָס טויג אַ שטאַם אָן וואָרצלען. דאָס קראַנקע האַרץ איז געוווען אָנגעגריפן. סטרונעס פון פידלען פּלאַצן אויך — סטרונעס פון האַרצן זענען איידעלער, וויכער, דעליקאַטער — האָבן זיי אַ פּלאַץ געטאָן.

***

ווען יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געקראָגן זיין האַרץ־אַטאַקע אין יאָהאַנעס־בורג — פון וועלכער ער איז שוין צו זיך קיין מאָל נישט געקומען — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום שרייבער פון די שורות טרויעריקע ווערטער: „איך

בלייב ביי אייך — אַן אַפריקאַנער...״ יאָ, זיין לעצטע מיסיע אין אויפהייבן די חשיבות פון יידיש האָט ער טאָקע דערפילט אין אַפריקע — און ער האָט דערפילט אַז זיין לעצטן אָטעם וועט ער אויך אויסהויכן אויף אַפריקאַנער ערד.

און זיין איבערבלייבעכץ, זיין גוף האָט געהערט צו זיינע ברידער פון צווייטן דרום — צום דרום־אַמעריקאַנער יידנטום, וווהין ער איז צוריקגעבראַכט געוואָרן, דאָרט צו געפינען זיין אייביקע רו.

אברהם מאָשקאָוויטש

אויף יעקב באָטאָשאַנסקיס פּטירה

איינגעהילט אין צער, אין טיפער אבילות, אין הייליקער שטילקייט
מיט קריעה־שניט אין האַרצן, מיר רינגלען אַרום דיך אַ שטומע מסיבה;
אונדזערע אויגן — פאַרדעקטע שפּיגלען — אונטער פאַראָבלטע וויעס.
אַנען אַ זעונג:
ווייסע מלאכים מיט געטלעכער שירה, זיצן דאָרט שבעה.

אָבער ניין, ניין, ווער זאָגט דאָרט „איננו״ אַז דו ביסט שוין נישטאָ,
נישט אמת, דו האָסט זיך „פאַרקנסט״ נאָר מיט דער אייביק אייביקייט,
עד סוף כל הדורות
אַ סימן, דיין „מאַמע יידיש״ האָט אַ קרוין פון אותיות יידישע דיר אָנגעטאָן,
און פאַר דיינעטוועגן שטערן אָנגעצונדן אין אַלע הימלשע מנורות.

און זע, ווער ס׳איז אַלץ מיט זייער וווּנדערלעכע, דיך באַגעגענען געקומען,
די גאַנצע פמליא פון שעגסטן, גלאַנציק, גרויסשטאַמיקן יסוד,
דיינע ליבלינג ידידים, פון סאַמע שמן זית, סאַמע שמן זך,
קייטלט איין זיך דאָרט מיט זיי אין דיין פאַרענדיקטער שליחות...

אָ, ס׳איז אָפּאַטאָשו, אָט איז לייוויק, באָריישאָ, ניגער, משה לייב,
און מאַני לייב. דער געזאַנג־מייסטער מיט זיין זינגעוודיקן צאַרטן ניגון;
און וווּנדערלעך — — — ווי זיי ביסטו אַזוי הימלדיק אויך איינגעשלאָפן,
און צוקאָפּנס דיר, דיין „מאַמע יידיש״ טוט איר יאַנקעלען פאַרוויגן...

און שושקעט דיר דאָס שלאָף־לידעלע, דאָס אַלטע, אייביק ייִדישס,
און דעם ציגעלע, אונטערן וויגעלע, פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
און דו, אַ פאַרלאָשן פייערל, אַן אַשיק אויסגעברענטע האָלעוועשקע
וועט שוין רויִק זייִן, וועט שוין איבער וועלטן מער נישט וואַנדערן...

יודל מאַרק

יעקב באָטאָשאַנסקי

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ קאַלירפולע, אַ פילפאַרביקע פּערזענלעכקייט. עס האָט געשפּריצט פון אים ענערגיע אַן גרענעצן און אונטערנעמערישקייט מיט אַ ים אָפּטימיזם. ער איז געווען פול מיט לעבנספרייד און לעבנסלוסט. ווי אַ מילגרוים איז ער געווען פול מיט קערנער פון כלערליי טאַלאַנטן און כלערליי תאוות. ער האָט געהאַט טאַלאַנט און תאווה צום שרייבן, צום ריידן, צום שמועסן, צום וואַנדערן, צום קעמפן, צום פירן, זיך אַליין צום באַגייסטערן און צו באַגייסטערן אַנדערע. אָבער די גרעסטע גבורה זיינע איז געווען אין דעם טאַלאַנט און אין דער תאווה צום שרייבן.

געשריבן האָט ער גרינג און גיך און וועגן אַלץ אין דער וועלט. געשריבן האָט ער מיט אַ פאַרכלינעטקייט און אַ קאָכיקן טעמפּעראַמענט וואָס האָט זיך געיאָגט איבער די שורות אין אַ גאַלאָפּ, און וואָס אַן אַנדערער באַדאַרף אויף דעם אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, האָט ער פאַרטיק געמאַכט אין איינע צוויי שעה. איז ער געווען ממש אַן אידעאַלער ציטונגס־מענטש, ווייל ער איז געווען אַ בריה אויף אַלץ וואָס דאַרף אַריין אין אַ ציטונג־רעפּאָרטאַזש, ערנסטע פּובליציסטיק, עדיטאָריעלע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, קליינע פעליעטאָנען, ליטעראַטור־קריטיק, טעאַטער־רעצענזיעס, קוריאָזן, עפּיזאָדן, מעשהלעך — וואָס נישט? איינער פון זיינע פּסעוודאָנימען איז געווען „יאַנקעלע גיבאַלעס", און ער האָט טאַקע מכל המינים שהוא געגעבן אין זיין ציטונג „די פּרעסע", וואָס ער האָט זי געבויט און אויפגעהאַלטן און דערהאַלטן ווי אַ כוח אין דעם ייִדישן לעבן פון אַרגענטינע.

און אויב דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק, האָט די תאווה צום שרייבן אים געשטויסן צו ראָמאַנען, צו דערציילונגען, צו פּיעסעס, אַזוי ווי עס וואָלטן אים געבליבן איבעריקע לייִדיקע שעהן אין זיינע אַקטיווע מעת־לעתן פון שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער אויפטועריקייט. ביי אַזאַ אימפּעטיקן קאָך

פון שרייבן קען נישט אַלץ אַרויסקומען געגוג באַטעמט, און עס איז גאָר אַ וווּנדער, אַז לכל הפחות אויף צווי געביטן פון זיין שרייבן איז ער געווען באמתדיק גרויס. ווייל אייגנאַרטיק, באַרייכעריש, ווערטפול. ער איז ביי אונדז אַ זעלטענער פאָרשטייער פון בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש און פון אויסטיי־טשערישער און איבערדערציילערישער ליטעראַטור־קריטיק.

רעפּאָרטאַזש איז נאָך מיט איין שטאַפּל העכער ווי קורצע נייס־שרייבונג. אויך דאָ איז בייטיק פלינקייט; אויך דאָ איז פאַראַן די סכנה פון נישט קענען זיך נאָכיאָגן נאָכן לויף פון דער צייט; אויך דאָ איז דער עיקר דער וואָס, נישט דער ווי אַזוי. באַטאַשאַנסקי געהערט צו די געציילטע וואָס האָבן דערהויבן רעפּאָרטאַזש צו אַ מדרגה פון קינסטלערישקייט. זיין בעלעטריסטישער אָדער וויבירט אין זיינע רעפּאָרטאַזש־אַרבעטן, אין רייזע־באַשרייבונגען, אין איבער־געבן באַגעגענישן, אין שילדערן וויכטיקע געשעענישן וואָס ער איז געווען זייער עדות. זיינע בענד וועגן הערצישן אויפקום פון מדינת ישראל זענען נישט בלויז היסטאָרישע דאָקומענטן, נאָר וועלן אויף שטענדיק בלייבן ביז גאָר איינ־טערעסאַנטער לייען־מאַטעריאַל. און חוץ בילדערישקייט, חוץ ביז גאָר געראָ־טענע כאַראַקטעריזירונגען פאַרמאָגט באַטאַשאַנסקיס רעפּאָרטאַזש די וואַרעמ־קייט און צומאָל אַפילו די ברעניקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

אין זיין ליטעראַטור־קריטיק איז באַטאַשאַנסקי דורכגענומען מיט מאַמי־שער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט. עס גייט אים דאָ נישט אין אַרויסהייבן זיך אָדער אַן אייגענע שיטה, נאָר אין באַקאַנט מאַכן, אין אויסטייטשן און פאַרטייטשן דעם שרייבער און זיין ווערק. דאָ איז ער נישט דער קינסטלער מיט זיין איכישקייט, נאָר דער לערער מיט זיין שליחות צו אינפאָרמירן. האַלט באַטאַשאַנסקי זיך נישט אָפּ פון איבערדערציילן וואָס דער שרייבער דער־ציילט. ווייל ער ווייסט דאָך ווויל, אַז דאָס רוב פון זיינע לייענערס האָבן דאָס ווערק אַליין נישט געלייענט. גיט ער צו חשק טאַקע צום לייענען און ביז אין אַ געוויסן זינען פאַרשפּאָרט ער דאָס לייענען. באַטאַשאַנסקי איז געווען אַן איבערדערציילער אַ מייסטער. ער האָט אַפילו געקענט איבערדערציילן אַ ליד. ער באַמיט זיך צו בלייבן געטריי צום שרייבערס כוונות און ער הייבט זיי אַרויס, באַלייכט זיי און גיט זיי זיין לייענער דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. ער איז דערביי נישט בלויז אַ פשטן, הגם ער וויל תמיד לערנען „פשט". זיין גאַנג איז נישט גריבלעריי, אַוודאי נישט חסרונות־זוכעריי, בשום אופן נישט דאָס שטעלן זיך העכער פאַרן שרייבער — נאָר צוטראָגן דעם פשט, געמישט מיט לעפּעלעך דרוש, וואָס זאָל בולטער מאַכן דעם פשט.

אין דער וועלט פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק איז באַטאַשאַנסקי קיין מחדש נישט געווען. דאָ איז ער אַליין געווען אונטערגעוואָרפן דעם גייסט פון

דער צייט און די טענדענצן פון דער סביבה. אָבער דורך זיין גאַנצער שריי־בערישער און טוערישער קאַריערע פון אַ יובל יאָרן גייט דורך דער חוט השני, דער רויטער פאָדעם פון ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר יידיש, פאַר יידי־שער קולטור, פאַר יידישער שול. דאָ איז ער קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן אויף צוריק און זיך נישט אָפּגעשטעלט צו מילדערן זיין וואָרט און זיין קלאַפּ. ער איז דאָ קיין מאָל קיין נושא־פנים נישט געווען, ווי וויכטיק דער בעל־צד־השני זאָל נישט זיין און ווי שווער עס זאָל נישט זיין זיך צו ראַנגלען מיט אים. איז באָטאָשאַנסקי פיר יאָר־צענדליקער געווען דער געטרייער היטער און פאַרטיידיקער פון די יידיש־פּאָזיציעס אין גאַנץ דרום־אַמעריקע און אומ־דירעקט אויך אומעטום איבער דער וועלט. און אַזוי ווי ער איז געווען דער געלייענטסטער שרייבער אין דרום־אַמעריקע, און מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג, און אַזוי ווי מען האָט אויך פשוט מורא געהאַט פאַר זיין שאַרף וואָרט און קעמפערישער באַהאַרצטקייט — איז באָטאָשאַנסקי אין פּרט פון יידיש געווען נישט בלויז אַ היטער, נאָר אויך אַן אויפהיטער. עס איז אַ גרויסער ווייטיק וואָס מיט זיין אַוועקגיין האָבן מיר אַלע אָנגעוואָרן אַזאַ באַ־פאַנצערטן און מוטיקן שומר החומות.

צו זיין אָפט קעמפערישן געשריבענעם וואָרט איז במשך פון פערציק יאָר אין אַרגענטינע און דרום־אַמעריקע בכלל צוגעקומען דאָס אָפט באַגייס־טערנדיקע גערעדטע וואָרט. באָטאָשאַנסקי האָט פאַרמאָגט דעם טעמפעראַ־מענט און דעם טאַלאַנט פון אַ פאָלקס־טריבון, וואָס געוועלטיקט איבער זיינע צוהערערס. ער איז געווען אַ רעדנער פון הויכער מדרגה מיט אַ גרויסן אַרסע־נאַל פאָלקס־ווערטלעך, משלים און מעשהלעך, אין דער טראַדיציע פון דער מגידישער פאָלקס־קונסט. ער איז געווען אין זיין ריידן אי סענטימענטאַל, אי קרעגעריש. פאָלקסמענטשן האָבן געשלונגען זיינע רייד.

באָטאָשאַנסקיס קינעטישע ענערגיע און זיין בעסאַראַבער ברייטהאַרצי־קייט האָבן נישט געקענט אין גאַנצן זיך אויסלאָדן בלויז אין וואָרט, אין גע־שריבענעם און אין געדרוקטן. ער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיט די ברייטסטע און כל־המינימדיקע אינטערעסן. ער האָט מיט געבויט די יידי־שע שול, דעם יידישן טעאַטער, די קאָאָפּעראַטיווע און אַ סך געזונטע געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונגען. אין די יינגערע יאָרן האָט ער געהאָלפן רייניקן די יידישע אַרגענטינע און ער איז אין די אַלע יאָרן געווען אַזוי ווי אַ פּאַרטיי, אַ גאַנצע פּאַרטיי פאַר זיך. דער אָנזעץ איז געווען נישט פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַנדערע אַרום זיך, נאָר פון דער אייגענער גבורה, און ער איז געווען דער, וואָס האָט יאָרנלאַנג פון דעם נאָמבערג שרייבער־פּאַראיין געמאַכט אַ

צענטער פאַר קולטורעלער און אויך סתם געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — ביז עס איז געקומען די קהילה־אָרגאַניזירטקייט.

צו קענען באמת פול אָפּשאַצן די דערשיינונג באָטאָשאַנסקי, האָט מען געדאַרפט זיין אין אַרגענטינע. דאָרט האָט מען געפילט, אַז דער מענטש יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם, זיין שטעמפּל אויף אָט דעם יידיש־צאַפּלענדיקן, וואַרצלדיקן און אַזאַ יידיש־היימישן ישוב. האָט מען כסדר גע־הערט וועגן אים כלערליי רייד, אויך נישט אַלע מאָל קאָמפּלימענטן. יעדער מענטש האָט דאָך זיינע שוואַכקייטן, און וואָס וויכטיקער דער מענטש, אַלץ מער נישט־פאַרגינערס האָט ער דאָך — אָבער מען האָט כסדר געהערט דעם נאָמען באָטאָשאַנסקי, געהערט אויך מיט דרך־ארץ, אויך מיט ליבשאַפט.

באָטאָשאַנסקי און דער אַרגענטינער ישוב זענען געווען צונויפגעוואַקסן אין אַן איינס. באָטאָשאַנסקי האָט געהאָלפן פורעמען דעם כאַראַקטער פון דעם ישוב און אַרגענטינער יידן האָבן אויך געפורעמט באָטאָשאַנסקין. די מעלות פון דעם ישוב, זיין וואַרעמקייט, זיין פריינטשאַפטלעכקייט, זיין גאַסטפריינט־לעכקייט, זיין פונאַנדערגעשפּיליעטקייט, זיין ברייטהאַרציקייט, זיין קולטור־דאַרשטיקייט — וועמענס מעלות זענען עס? אי דעם ישובס אי באָטאָשאַנסקיס.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין זיין כאַראַקטער איז געווען, וואָס נישט גע־קוקט אויף אַזוי פיל ברענשטאָף אין אים, האָט ער גלייכצייטיק פאַרמאָגט וויכן הומאָר און פאַרשטאַנדיקע, מחילה־גרייטע מענטשלעכקייט, האָט ער אויך געהאַט דעם טאַלאַנט צו זיין פריינט, אַ גוטער ברודער, אַ פאַן־בראַט, אַ גאַש־בראַט. איז געווען גרינג און אָנגענעם צו זיין אין זיין סביבה. ער איז געווען אַ פאָלקסמענטש אין דעם שענסטן באַטייט פון דעם וואָרט. און פאָלקס־מענטשן האָבן עס אַרויסגעפילט און האָבן עס אָפּגעשאַצט. די בעסטע און די לעצטע ראיה איז די קאָלאָסאַלע לוויה וואָס דאָס יידישע בוענאָס־איירעס האָט אים געגעבן.

ווי כמעט אַלע מאָל, קומט דאָס לעבן מיט זיין חלק איראָניע. איז אַן אי־ראָניע וואָס אָט דער מענטש מיט אַזוי פיל לעבנס־גלוסט האָט פאַרענדיקט מיט אַ פּלוצימדיקן, אַן אומגעריכטן טויט, און געשטאָרבן איז ער נישט ביי זיך אין דער היים, נאָר אין דער פרעמד, אין דרום־אַפריקע, וווּ ער איז גע־ווען דער קולטור־גאַסט און דער נוסע, ווי ער איז עס געווען כמעט אין אַלע יידישע ישובים. אָבער געהערן האָט ער געהערט ראשית־כל צו זיין אַרגענ־טינע און אין אַ ווייטערן זינען אויך צו אונדז אַלעמען.

———— ● ————

אייזיק מירסקי

חבל על דאבדין...

אויך היינט וועל איך פאָרן צום לופט־פּאָרט אין עסייסאַ אים צו באַגעגע־נען, פּונקט ווי איך פלעג עס טאָן שטענדיק ווען ער פלעגט אָנקומען פון פאַר־שידענע לענדער. אַז איך דערזע איך ביים אַוויאָן ווערט מיר פריילעך אויפן האַרצן, — פלעגט מיר באַטאַשאַנסקי זאָגן, ווען ער פלעגט מיר דערזען אויפן לופט־פּאָרט. אָבער ווי וועט מיר ווערן אויפן האַרצן דאָס מאָל, ווען איך וועל דערזען דעם עראָפּלאַן וואָס וועט ברענגען די רעשטן פון מיין פריינט? פאַר דער קורצער צייט וואָס מיר פלעגן פאָרן פון לופט־פּאָרט ביז זיין וווינונג, פלעגט יעקב באַטאַשאַנסקי זיך וועלן ביי מיר דערוויסן וואָס עס איז פאָרגעקו־מען אין בוענאָס־איירעס אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. אפילו וואָס פאַר אַ וויצן עס זענען געשאַפן געוואָרן, עס מעג אַפילו זיין וועגן אים אַליין. און איך דערלויב מיך צו זאָגן, אַז ער האָט מיך ליב געהאַט און פלעגט זיך רעכענען מיט מיינע רייד. אָבער ווי אַזוי און וועגן וואָס וועלן מיר איצט ריידן? ווייל עס איז דאָך טאַקע, ווי פריינט יאַנאָסאָוויטש, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין פון אים, האָט געשריבן: עס איז בכלל אַ וווּנדער וואָס מיר געפינען נאָך כוח אַרויסצוברענגען פון זיך רייד...

ווי אַזוי וועל איך דאָס מאָל פאָרשטעלן באַטאַשאַנסקין פאַר די באַהערדן פון אימיגראַציע און צאָל־אַמט, ווי איך פלעג דאָס טאָן שטענדיק כדי צו פאַר־מינערן די פאָרמאַליטעטן? וויפל שטייערן וואָלטן זיי געהייסן באַצאָלן, ווען זיי וויסן, אַז אין דעם צינק־בלעכענעם קאַסטן האָט מען אונדז פון אַפריקע אַרויס־געשיקט אַ פאַרמעגן; אַ ריז פון דער יידישער ליטעראַטור, אַן ענציקלאָפּעדיסט ליגט אין קאַסטן; אַ גאַנצער אַרקעסטער, ווי ישראל אַשענדאָרף ע"ה האָט אים אָנגערופן. דער קאַסטן וועט זיין זייער גרויס און שווער, ווייל מיט באַטאַשאַנסקין צוזאַמען קומען אָן יאַנקעלע גיבאַלעס און שימעלע סאַראַקער. זיי זענען אַלע צוזאַמען געשטאָרבן.

אַ פריינטשאַפט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר פאַרבינדט מיך מיט באַטאַ־שאַנסקין. אַט שטייט ער פאַר מיינע אויגן, ווי איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל ביי אהרן זינגערמאַן אין שטוב: יונג און שיין, מיט אַ פּאָר קלוגע ברוינע אויגן און מיט דער שיינער ווילדער טשופּרינע. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז געווען אים צו הערן ריידן! עס איז דאָך נישט געווען קיין איין טעמע אין וועל־כער באַטאַשאַנסקי איז נישט געווען באַהאַוונט.

ווען ער איז געפלויגן צום ערשטן מאָל קיין ישראל צו דער גרינדונג פון

אונדזער מדינה, האָט ער דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, מיך אָפּגעזוכט מיינע ברידער מיט דער שוועסטער, פון וועלכע איך בין געווען צעשיידט 24 יאָר. אין זיין בוך "בראשית" שרייבט ער: „איך האָב אַ באַרג מיט גרוסן און בריוו פון חיפה. זיי ליגן מיר אויף דעם געוויסן נאָך שווערער ווי דער כרמל וואָלט געלעגן אויף מיינע פּלייצעס. און דער גורל פאַלט אויף ביאמא מירסקי, דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון חיפה. איך האָב צו אים אַ גרוס פון זיין ברודער אייזיק מירסקי, אַ פאָטאָגראַף און ווילער יאָט אין בוע־נאָס־איירעס... איך רוף אים אָפּ און איך ווער איבערראַשט פון דער שנעלקייט מיט וועלכער ער קומט צו מיר מיט אַ מיליטערישן אויטאָ".

יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגט אויסקומען זיך אַרויסצולאָזן אויף אַ רייזע, פלעגט מיר באָטאָשאַנסקיס פען באַזינגען אויף די זייטן פון „די פּרעסע". און מיר פאַרשטעלן פאַר די יידן פון מחוץ לארץ און פלעגט מיר צוגעבן מוט, איך זאָל שרייבן פעליעטאָנען. זעלטן ווען ביי מיר אין שטוב איז פאַרגעקומען אַ יומטוב אָדער אַ מסיבה, אַז באָטאָשאַנסקי זאָל נישט זיין דערביי. אָט זיצט ער ביי מיר אין שטוב מיט יעקב פּאָט, מיט גינגאָלדן, מיט קאָטשערגינסקין ע"ה, מיט סוצקעווערן, בעלאַרסקין, מאָריס שוואַרץ, בנעמי, בולאָוו, וויטלער און פיל אַנדערע. און טשיקאַווע איז אָט וואָס, אַז דער טאָנגעבער איז באָטאָשאַנסקי. באָ־טאָשאַנסקי רעדט, באָטאָשאַנסקי דרשנט און באָטאָשאַנסקי זינגט. ווער וועט מיר איצט באַשיינען מיינע יום־טובים?

מיט אייניקע חדשים צוריק זענען מיר אַ גרופּע יידן געזעסן אין אַ רעס־טאָראַן און געקיבעצט מעניני דיומא. באָטאָשאַנסקי קומט אָן פון אַ לוויה, און גיט אונדז פּלוצים אַ פרעג דעם טייטש פון „חבל על דאבדין ולא משתכחין". כמעט אַלע האָבן מיר געגעבן דעם זעלבן ענטפער: „אַ שאָד אויף די וואָס ווערן פאַרלוירן און ווערן נישט פאַרגעסן". מיין רבי האָט דאָס אַנדערש פאַר־טייטשט: „אַ שאָד אויף די וואָס ווערן פאַרלוירן און קיין אַנדערע אויף זייער אָרט ווערן נישט געפונען".

אָבער דאָס מאָל, יעקב באָטאָשאַנסקי, וועלן מיר באַנוצן ביידע טייטשן: מיר וועלן דיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן און קיין אַנדערער אויף דיין אָרט וועט זיך נישט אָפּזוכן.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

דער זשורנאַליסט, ליטעראַטור־קריטיקער און בעלעטריסט

יעקב באָטאָשאַנסקי לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין קיין איין ליטעראַרישן זשאַנער. ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ וואָס טיילט אָפּ איין זשאַנער פון אַנדערן. אין אַרגענטינע זענען די גרענעצן פאַרווישט. אין אַ גרויסן קולטור־צענטער איז נאָך מעגלעך אַ שרייבער זאָל זיך אָפּגעבן מיט דעם זשאַנער צו וועלכן ער איז מער באַרופן. אין אַ קלענערן ישוב אָבער, דאַרף אַ שרייבער זיין אַן אָרקעסטער, וואָס שפּילט אויף אַלע אינסטרומענטן. דער דיריגענט איז נישט שטענדיק דער אינערלעכער דראַנג, נאָר דאָס רוב דער אויסערלעכער צוואַנג. אמת, אין פאַל פון באָטאָשאַנסקין איז זיין פילזייטיקייט אַן אָרגאַנישע, זי קומט פון אַן איבערפלוס אין שעפערישע קרעפטן, פון באַפליגלטן טאַלאַנט, וואָס איז לייכט אויף דער פען און אויפן וואָרט; נעמט ער זיך צו אַלע זשאַנערן, און נישט אין אַלע מיט די זעלבע רעזולטאַטן.

עס איז אויך אַן ענין פון אינדיווידועלן טעמפּעראַמענט. דער שרייבערישער נוסח איז אַן אויסדרוק פון אַ באַשטימטער פּסיכישער סטרוקטור. דער ראַסאָווער רעדנער ווערט אָנגעצונדן אונטערן וואַרעמען בליק פון הונדערטער אויגן און עס צעפלאַקערן זיך אין אים אַלע שעפערישע פּאָטענצן. ער דאַרף „אויסשפּילן" זיין רעדע און ווי אַ גליקלעכער עפּילאָג פון דעם פּראָצעס דאַרף קומען די אידענטיפיקאַציע פון די צוהערער מיטן רעדנער און ווי אַן אויסערלעכע מאַניפעסטאַציע — די אַפּלאָדיסמענטן. אָבער אויף צו דערגרייכן דעם הייס־באַגערטן פינאַל דאַרף דער קינסטלער עפּעס אָפּגעבן פון זיך, דער ערשטער זיך אידענטיפיצירן מיטן פּובליקום, אַריינגעמען אין זיך זיינע אינטימסטע באַגערן... אַ ריין־בלוטיקער זשורנאַליסט איז ווי אַ רעדנער, ער שרייבט אונטערן אָנבליק פון זיין לייענער־עולם, ווערט דערוואַרעמט פון זיין אָטעם אויף זיך און וויל אים באַצווינגען — מיט אים זיך צוזאַמענגיסן. עס איז אַ מאָמענט פון ברויזנדיקער ליידנשאַפט, וואָס לעבט מיט דער עולם־הזה פון אַ חיי־שעה, פון באַלדיקער אויפמערקזאַמקייט און אָנערקענונג... דער וואָס פילט נישט אָט דעם ליידנשאַפטלעכן ברען בעתן שאַפונגס־פּראָצעס האָט נישט קיין זשורנאַליסטיש בלוט אין די אָדערן.

די אַלע אַנדערע זשאַנערן זענען אונטערגעוואָרפן אַנדערע פּסיכישע פּראָצעסן. יעקב באָטאָשאַנסקיס ראָמאַנען זענען באַהערשט דורך אָט דעם ליידנ־

שאַפטלעכן זשורנאַליסטישן ציטער נישט צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיטן לייענער, האַלטן געשפּאַנט זיין אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר אַזוי פיל סיפור־המעשה אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק און אַזוי ווייניק געשטאַלטיקונג פון טיפן, ניואַנסירונג פון כאַראַקטערן, פאַרטיפונג אין לעבנס־אַספּעקט. אָבער זיינע דריי בענד מעמואַרן זענען אַ מענטשלעכער דאָקומענט, וואָס פאַרמאָגט די אויפריכטיקייט פון אַמיעלס „טאָגבוך" און אויך סוגערירנדיקע עפּיזאָדן, וואָס ווערן דערציילט מיט פאַרכאַפּנדיקן אימפּעט.

יעקב באַטאַשאַנסקי דאָמינירט זיין זשורנאַליסטישן יצר־הרע — וואָס וויל שוין, אויפן אָרט, זען דעם שמייכל און הערן אַן אויסרוף פון באַגייסטערטער צושטימונג — ער צוימט דעם יצר־הרע אין קאָנטאַקט מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אין דער ליטעראַטור־קריטיק פאַרלאָזט ער זיך שוין נישט אויף זיין פענאָמענאַלן זכרון, אויפן בליציקן איינפאַל און אויפן שאַרפן וויץ. ער לאָזט אויס פון אויג דעם לייענער און גיט זיך איבער דער מיסטעריע פון קונסט. ער איז נישט קיין קאַלטער ליטעראַטור־פאָרשער, נאָר אַ ליידנשאַפטלעכער ליטעראַטור־געניסער, וואָס טיילט מיט זיינע לייענער אַלע טעמים פון קינסטלערישן גענוס. און אויף דעם באַנוצט ער אַן אויסגעפרוווט מיטל פון דערציילן דעם לייענער־צוהערער אַן „אָטעם פאַרכאַפּנדיקע געשיכטע". קיינער אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק קען נישט דערציילן אַזוי קורץ, שאַרף און אינטערעסאַנט דעם אינהאַלט פון אַ ווערק ווי יעקב באַטאַשאַנסקי. ער פאַרמאָגט דעם כוח פון סינטעז און קען אין קורצע שטריכן איבערגעבן דאָס סאַמע עיקרדיקע און וויטאַלע פון אַ ווערק, און דערציילנדיק אַזוי שוין אויך ווייזן די מיליע, די פּערסאָנאַזשן, די פאָרמעלע און עסטעטישע מעלות און חסרונות.

און אַזוי סינטעטיזירט אויך דאָס עיקרדיקע פון מחבר, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע, וואָס שאַפט אַ פּאָרטרעט פון שרייבער: „פּרץ הירשביין איז געווען אַ פּרינץ סיי אין דעם אויסזען און סיי מיט דעם כאַראַקטער"... און אַזוי הייסט באַטאַשאַנסקיס ערשט בוך אויפן געביט פון ליטעראַטור־קריטיק „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער" און דאָס צווייטע — „מאַמע יידיש" און דאָס לעצטע — „פּשט", וואָס באַהאַנדלט דאָס לעבן און דאָס שאַפן פון ניין גרויסע יידישע וואָרט־מייסטערס. זענען עס ניין „שפּאַנענדיקע ראָמאַנען"... און דאָס איז נישט קיין המצאה פון אַ גוטן רעדנער און זשורנאַליסט, נאָר דאָס איז דער פּערזענלעכער נוסח פון אַ באַגאַבטן ליטעראַטור־קריטיקער און גרויסן קענער פון דער יידישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

דאָס בוך „פּשט" האָט באַטאַשאַנסקי „אָפּגעשפּאָרט" פון זיינע ליטעראַ־

רישע לעקציעס און עס האָט דעריבער אַלע אַטריבוטן פון געדעדטן וואָרט אין דער אַטמאָספער פון אַ לעבעדיקער אוידיטאָריע. מען פילט די פרישקייט פון גייסט און דעם וואַרעמען קאָנטאַקט וועלכן דער מחבר האַלט אַן מיטן לייענער. פסיכאָלאָגיש איז פון שרייבן ביזן ריידן אַן אונטערשייד ווי פון זיך־געבן פאַר זיך און זינגען פאַרן פובליקום. דער וואָס זינגט פאַר־זיך, דריקט אויס מער זיין אייגענעם נשמה־צושטאַנד און אַנטפלעקט די טיפקייט פון זיין אייגענער איבערלעבונג; דער וואָס טרעט אַרויס פאַר אַן עולם, האָט אין זינען דעם איינדרוק פון זיינע צוהערער, און מוז מער אויסנוצן זיין אינטעלעקט און אָנקומען צו דער סיפור־המעשה, צום פירוש — צום פשט — אויף אָנצוהאַלטן דעם צויבער פון דער אַרומיקער אויפמערקזאַמקייט.

און אַזוי האָט זיך אָפּגערופן באָטאָשאַנסקי אויף יעדער ליטעראַרישער דערשיינונג, האָט קאָמענטירט כמעט ווי יעדעס בוך וואָס איז דערשינען אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט געהאַלטן זיינע צאָלרייכע לייענער אין קורס פון יידישן ליטעראַרישן לעבן. ער האָט אויך אומפּאַרמיידלעך נישט פאַרפעלט צו רעגיסטרירן און אויסטייטשן יעדעס ווערק, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן אַרגענטינער באָדן. און דאָס האָט ער געטאָן מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט און אינטערעס. האָט ער באַקאַנט געמאַכט די נעמען פון די אַרגענטינער שרייבער אין דער יידישער וועלט און האָט געשטאַרקט די הענט פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם ליטעראַרישן שאַפן.

באָטאָשאַנסקיס צוויי בענד רייזע־באַשרייבונגען „בראשית פון מדינת ישראל" זענען נישט נאָר אַ בריק צווישן די תפוצות און דער מדינה, נאָר אויך אַן אָפּפרישונג און וויטאַליזירונג פון נאַציאָנאַלע סענטימענטן. פאַראַן אין די באַשרייבונגען היסטאָרישע אַטמאָספער, אַקטועלע יידישע פּראָבלעמאַטיק און פּאַנאָראַמישע שילדערונג. דער מחבר באַהערשט די אַלע עלעמענטן מיט טאַלאַנט און קולטור.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אָנגעהויבן שרייבן די געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם פּעריאָד פון די לעצטע הונדערט יאָר זינט 1864. ער איז געווען באַרופן צו שאַפן דאָס ווערק, וואָס פעלט אויס אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט געזאָלט זיין זיין קרוין־ווערק און דער גרעסטער בייטראָג פון אַרגענטינער ישוב פאַר דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור־קריטיק איז שולדיק דער יידישער קולטור אַ גרויסן חוב: אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. באָטאָשאַנסקי האָט גענומען אויף זיך דעם דאָזיקן חוב צו צאָלן. זיין גרויסער לעבנס־בייטראָג אויף דעם געביט איז אַ געוואונדיקע באַשטעטיקונג, אַז ער

האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן די דאָזיקע אויפגאַבע אויסצופירן מיט גרויס דערפאָלג...

ווער קען עס און ווער וועט עס היינט טאָן אין דער יידישער שרייבערי־שער וועלט? — איז די אבידה נאָך גרעסער און דער ווייטיק נאָך שאַרפער...

שלמה פוסקאָוויטש

די לעבנס־אידעאַלן פון יעקב באַטאָשאַנסקי ז״ל

יעקב באַטאָשאַנסקי ז״ל פלעגט ליב האָבן צו דערמאָנען אַ געדאַנק פון גאָרקיס אַ העלד, אַז אַ מענטש קען נישט לעבן סתם אַזוי אויף הפקר, נאָר ער מוז האָבן אַ „פּאַרטשעפּעניש״, עס הייסט, אַן אָנהאַלט אין לעבן. באַטאָשאַנס־קי האָט געהאַט עטלעכע אַזעלכע „פּאַרטשעפּענישן״. דאָס זענען נישט געווען קיין אַבסטראַקטע אידעען, נאָר לעבנס־אידעאַלן, וועלכע זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעם וואָס ער האָט געדענקט און פון דעם וואָס ער האָט געטאָן.

דער ערשטער לעבנס־אידעאַל, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון אַלץ וואָס באַטאָשאַנסקי האָט געשריבן איז געווען אהבת ישראל, די ליבשאַפט צו יידן. היינט, נאָך אונדזער לעצטן חורבן, באַטראַכט מען עס נישט פאַר אַזאַ גרויסן אויפטו; היינט דאַרף מען האָבן אַ האַרץ פון אַן אַכזר אַז מען זאָל נישט ליב האָבן דעם כלל ישראל. דער בלוטיקער שונא האָט געמיינט בלויז דעם כלל־ישראל. אָבער מיט צענדליקער יאָרן צוריק איז אַזאַ ליבשאַפט צו כלל ישראל באַטראַכט געוואָרן פאַר רעאַקציאָנער און שאָוויניסטיש.

זיכער געדענקען נאָך אַ סך די טעאָריע, אַז אויב נייטיק, דאַרף יידיש בלוט רינען ווי בוימל אויף די רעדער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. באַ־טאָשאַנסקי איז געווען צווישן די ערשטע אין דעם ראַדיקאַלן לאַגער וואָס האָט געזאָגט „ניין״! יידיש בלוט, פון וואָס פאַר אַ שיכט אָדער אידעאָלאָגיע עס זאָל נישט זיין, איז הייליק.

אין זיין אויטאָביאָגראַפישן סקיץ, וואָס איז געדרוקט אין דעם העפט לכבוד זיינע 60 יאָר, דערציילט באַטאָשאַנסקי, אַז ער האָט אין בוקאַרעשט געוווינט אויף איין גאַס מיט ציגיינער. פלעגט אים שטענדיק אינטריגירן צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אָט די צוויי וואַנדער־פעלקער. „יידישע מאַמעס, דערציילט ער, האָבן געלערנט די טעכטער זיך אויפצופירן צניעותדיק, קריגן אַ חתן און חתונה האָבן כדת משה וישראל, ציגיינערישע מאַמעס האָבן גע־

לערנט די טעכטער ווי צו פאַרכישופן מענער און זיי פאַרנאַרן, בכדי אויסצו־באַרן ביי זיי געלט". דאָס האָט פון זיין פריִער יוגנט אָן אַרויסגערופן אַ שטאָלץ מיט זיין אָנגעהעריקייט צו יידן. און באָטאָשאַנסקי גיט צו, אַז יידישקייט איז געוואָרן זיין גוטער מלאך, און ציגיינערישקייט איז געוואָרן זיין שלעכטער מלאך.

אין דעם זעלביקן אויטאָביאָגראַפישן סקיץ שרייבט ער אַז ער איז שטאָלץ אויף דעם וואָס ער קען זיינע לייענער איבערגעבן דעם יידישן גאַנג אין דער וועלט און דעם יידישן שליסל צו די וועלט־פּראָבלעמען. אויך איז ער שטאָלץ אויף דעם, וואָס טראָץ אַלע זיינע אידעיִשע בלאָנדזשענישן, האָט ער אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו זיין אַ נאַציאָנאַלער ייִד. „מיינע לייענער, זאָגט ער, האָב איך כסדר געלערנט איין גרויסן עיקר, צו זיין יידן, דורכויס יידן און שטענדיק יידן".

דעם צווייטן לעבנס־אידעאַל, וועלכן באָטאָשאַנסקי האָט פאַרטיידיקט איז געווען מאַמע־יידיש. אין אַלץ האָט ער געקענט איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן, קוים אָבער האָט זיך געהאַנדלט אין דער חשיבות און קיום פון יידיש, איז ער נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין האָר, גלייך ווי מען וואָלט ביי אים געוואָלט צונעמען דאָס רעכט אויף לעבן.

און ליב געהאַט האָט באָטאָשאַנסקי יידיש נישט בלויז דערפאַר, ווייל עס איז געווען בלוט פון זיין בלוט און ביין פון זיין ביין, נאָר אויך פאַר די וווּנדערלעכע ווערטן וואָס זענען אין מאַמע־יידיש געשאַפן געוואָרן. פאַר אים איז די יידישע ליטעראַטור נישט געווען קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבן, נאָר דאָס גייסטיקע און שעפערישע וואָס איז פאַראַן אין יידישן לעבן.

קעמפן פאַר יידיש האָט פאַר באָטאָשאַנסקין געמיינט קעמפן פאַר דעם יידישן אייביקן שעפערישן גייסט; קעמפן פאַר דער דערהאַלטונג פון אַ טויזנט יאָריקער יידישער ציוויליזאַציע; קעמפן פאַר דער גייסטיקער דערהאַלטונג פון די וועלכע זענען אומגעקומען מיטן יידישן וואָרט אין מויל און אין האַרצן.

דעם דריטן לעבנס־אידעאַל, וועלכן באָטאָשאַנסקי האָט פאַרטיידיקט רופט זיך „דאָ" און „דאָרטן". „דאָ", מיינט דער קאַמף פאַר אַ יידיש לעבן אומעטום ווו יידן וווינען און „דאָרטן", מיינט דער קאַמף פאַרן אויפבוי פון אַ יידיש היימלאַנד פאַר אַלע יידן. מיט צענדליקער יאָרן צוריק, פאַר דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָט דער „דאָ" געהאַט גאָר אַן אַנדער זינען ווי היינט. דעמאָלט איז עס געווען אַ „דאָ" אָן אַ ברירה; היינט איז ער אַ „דאָ" מיט אַ ברירה. באָטאָשאַנסקי האָט געקעמפט פאַרביידע פאָרמען פון יידישן לעבן אומעטום. ער איז געווען צווישן די וויכטיקסטע בויער פון דעם יידישן

קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע, ווען ס׳איז קיין ברירה נישט געווען און אויך איצטער ווען ס׳איז דאָ אַ ברירה.

אַ סך געדענקען זיכער אין וואָס פאַר אַ קלאָגעדיקן מצב אונדזער שול־וועזן האָט זיך געפונען מיט 30 און 40 יאָר צוריק. נישט ס׳איז געווען אויף דעם אָרעמען דירה־געלט און נישט אויף דעם אָרעמען שכר־לימוד. באָטאָשאַנסקי איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם יאָך אויסצוהאַלטן די ייִדישע שול. געטאָן האָט ער עס מיטן פייער פון זיין פען, מיטן פייער פון זיין מויל און מיטן אימפעטיקן גיין איבער די ייִדישע הייזער. מיט רעכט האָט ער אויף זיך געקענט זאָגן, אַז „אין דעם ייִדישן שולוועזן אין אַרגענטינע איז אויך פאַראַן מיין שוויס, בלוט און מאַרך״.

באָטאָשאַנסקי איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט אויף זיך גענומען די אַחריות אַראָפּצוברענגען קולטור־געסט. אַ סך געדענקען נאָך זיכער די טעג ווען דאָ זענען געקומען זלמן רייזען, ש. ניגער, יוסף אָפּאַטאָשו. מער פון אַלעמען האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די ווונדערלעכע סעריע לעקציעס פון לייוויקן, וואָס כאָטש לייוויק איז געקומען אויפן חשבון פון פען־קלוב, האָט דאָך באָטאָשאַנסקי אָרגאַניזירט זיינע לעקציעס. לייוויקס געלייטערט וואָרט און געלייטערטן געדאַנק קען מען גאָר נישט רופן לעקציע, דאָס זענען ממש געווען באַצויבערנדיקע אַנטפּלעקונגען, אַזוי האָט מען אויך אויפגענומען אין ירושלים, די באַרימטע רעדע וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן.

אויפן זעלביקן שטייגער האָט באָטאָשאַנסקי געהאָלפן שאַפן די אילוזיע פון אַן אַרגענטינער ייִדישער ליטעראַטור. אין קיין שום ישוב האָט מען נישט געשריבן מיט אַזוי פיל באַציִונג און ליבשאַפט וועגן אָרטיקע יונגע שרייבערס ווי דאָס האָט געטאָן באָטאָשאַנסקי. יעדער בוך, בראָשור אָדער וועלכע ס׳איז אַנדער אויסגאַבע איז פון אים ברייט קאָמענטירט געוואָרן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע (נישט וועגן דער זשורנאַליסטיק). ער האָט עס געדרוקט אין ווילנער „ביכער־וועלט״, אין וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער״ און אין ניו־יאָרקער „די צוקונפט״. אַזוי האָט ער אין דער ייִדישער וועלט באַקאַנט געמאַכט אונדזער דאָ־זיין.

באָטאָשאַנסקיס באַוווסטזיניקער אָדער אומבאַוווסטזיניקער ציל איז געווען צו באַפעסטיקן גייסטיק אונדזער לעבן „דאָ״ און באַלייכטן אים פאַר דער גאָרער ייִדישער וועלט.

דאָס אַלץ האָט פאַר באָטאָשאַנסקין נישט געמיינט קיין מינדערשאַצונג פון דעם „דאָרטן״. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער: „איך האָב קיין מאָל

נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ייִדן וועלן טאַקע בלייבן אַן עקס־טע־ריטאָריאַל פאָלק. איך האָב קיין מאָל נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן אין גאַנצן פון טעריטאָריאַליזם בכלל און פון ארץ־ישראל בפרט". עס הייסט, אויך אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז קיין ציוניסט נישט געווען. אין 1936 איז ער איבער־געגאַנגען צום ציוניזם, דינענדיק דעם ציון־אידעאַל מיט לייב און לעבן. אָבער שטענדיק האָבנדיק אין זינען אַז די העכערע אינטערעסן פון עם־ישראל און מדינת־ישראל פאָדערן, אַז עס זאָל זיין אַ געזונטער, קרעפטיקער און אייגנ־אַרטיקער ייִדישער ישוב דאָ. ווייל דאָ און דאָרטן איז איין הייליקער בונד, איין הייליקער לעבנס־אידעאַל.

דער פערטער לעבנס־אידעאַל צו וועלכן באָטאָשאַנסקי האָט געשטרעבט, איז געווען דער געניוס פון קונסט. ער האָט געהאַלטן, אַז קונסט איז אמתער פון לעבן. ווען אַ קינסטלער שטעלט פאָר אַ בילד פון אַ געשעעניש וואָס איז אין לעבן געווען אַנדערש, דאַרף מען דאָס קינסטלערישע בילד באַטראַכטן פאַר אמת און דאָסווירקלעכע בילד פאַר פאַלש. דערפון זיין באַגייסטערונג פאַרן בעסערן ייִדישן טעאַטער און זיין באַגייסטערונג פאַר דער ייִדישער לי־טעראַטור, פאַר וועמען ער האָט אָוועקגעגעבן זיינע בעסטע שעפערישע כוחות.

אין טעאַטער האָט באָטאָשאַנסקי געזוכט די האַרמאָניע פונעם ספעקטאַ־קל, ווי די עכטקייט פון דעם וואָרט און די עכטקייט פון דעם אויסדרוק. אין דער ליטעראַטור האָט ער געזוכט אַרויסצוהייבן דעם סיפור־המעשה.

יעקב פּאַלאַטיצקי

אַ פּאָרטרעט געצייכנט מיט קויל

מיטלוווקסיק. געגוג הויך צו זיין העכער פון נידעריקן וווקס און נישט אַזוי הויך צו זיין אַ לאַנגער, און דאָך נישט צו ווערן בטל־בשישים ביי דער זייט פון אַ הויכוווקסיקן.

אַ פעסטע ברייטע פיגור מיט כמעט קאָרפּולענטער עולם־הזהדיקער אוי־סערלעכקייט. אַזוי אויך דאָס פּנים, שטענדיק גרייט אויף אַ שעלמישן שמייכל מיט גוטמוטיקע לאַכנדיקע אויגן, וואָס קענען אי דורכדרינגען מיט אַ זיכערן בליק אי אַ בליץ טאָן מיט ראָמאַנטישן גלי און זייער אָפט אַ פּינקל טאָן מיט לאַכנדיקן חוזק. גאַנץ אָפט, בכלל זיי פאַרמאַכן צוליב מעדיטאַציע און באַלד

זיי ברייט צעעפענען צוזאַמען מיט אַ גיך־צונויפגעשטעלטן געדאַנק אָדער עפּי־זאַד אַרויסגעקריגן פון אַ קעמערל פון זיין אומגעהויערן זכרון־צענטער.

אַ באַהעם פון דער נאַטור, אָבער אַן דער נאַכלאַזיקער זשאַנגלירונג. פּאַרקערט — באַלעבאַטיש אין דער הלבשה, דאָך אַ ביסל צעכראַסטעט. יוגנט־לעכע טראַציקייט האָט אים צוגעגעבן די שטיפערישע שוואַרצע טשופּרינע, וואָס האָט זיך גערעאַנגלט פאַר איר שוואַרצקייט אין איר האַרבסטיקער גרוי־קייט, און איז ביזן סוף נישט ווייס געוואָרן.

אַ זעלטענע האַרמאָניע פון דיסאַנאַנטישער אויסערלעכקייט. דערפאַר — איין מאָל דערשינען, איין מאָל געזען און געבליבן אין געדעכעניש.

אַזוי אין זיין שרייבן, אַזוי אין זיין ריידן. קודם אין זיין שרייבן. דער גרעסטער טייל פון פּערזענלעכקייטן וואָס ווירקן זיך אויס עפּנטלעך באַקומט זיין ווירקקראַפט דורך אַ פּלוצימדיקער אָדער צוגעגרייטער באַקליידונג פון אַן אמת, אַ פּאָזיציע. אַזאַ מענטש ווערט פּלוצלינג העכער און אַנדערש און מען הייבט אים אָן צו באַטראַכטן פאַר אַ העכערן און אַנדערשדיקן. די שכינה און דער אָרעאָל טוט זיך אָבער אָפּ פון אַזאַ מענטש ווי נאָר ער האָט פאַר־לאָרן די פּאָזיציע און דעם אמת. פאַראַן אַפילו קינסטלער און שרייבער, וואָס האָבן מעטעאָריש אַ בליץ געטאָן און מער קיין מאָל נישט געקענט בליצן, נישט פינקלען נאָר קוים טליִען. אין דעם איז בעיקר שולדיק דאָס פעלן פון עכטקייט. יעקב באָטאָשאַנסקיס אומבאַגרענעצטער גייסטיקער כוח איז בלי ספק געווען זיין געבוירענע שליחות צו שרייבן, ווי אַן אָדלער מוז פליִען, ווי אַ בוים מוז גרינען.

אין אָט דער דאָזיקער שרייב־מיסיע איז ער געווען עכט און אומויטלבאַר. פון אַ בליק אין זיינע מעמואַרן:

„...צווישן קיליע און בוענאָס־אײַרעס ציט זיך אַ לעבן פון טרוים און קאַמף, פון ריידן, זינגען, ליבהאָבן, האַסן, שטורעמס, סקאַנדאַלן, פרייד און שרייבן. אָך וויפל שרייבן! דאָס מערסטע וואָס דער העלד אונדזערער האָט געטאָן איז — שרייבן. ער ווייסט נאָך נישט צי ער איז אַ גרויסער שרייבער, צי אַ קליינער, ער ווייסט אָבער, אַז ער איז אַן עכטער, אַז שרייבן איז זיין באַרוף, ווי קריִען ביי אַ האָן און מיאַו־קען ביי אַ קאַץ און אַז ער קען נישט לעבן אַ טאָג אָן שרייבן, פּונקט ווי היינע און שלום־עליכם האָבן עס נישט געקענט...״

פאַרהאַלט זיך דער קויל בליי אין מיטן דער צייכענונג; איז ער געווען נאָר אַ זשורנאַליסט? אַ פעליעטאָניסט? אַ פּובליציסט? אַן עסייאיסט? יאָ! אַ

מאָדנע האַרמאָניע פון די אַלע זשאַנערן אין זיין טאָג־שרייבעריי. אָבער ער איז פאַר אַלעמען געווען אַ טאָג־שרייבער, וואָס האָט אַרומגענומען די אַלע זשאַנערן.

ער האָט אויך געפרוווט שרייבן פאַר טעאַטער, בעלעטריסטיק און מעמו־אַריסטיק. צום בעסטן איז אים געלונגען דאָס לעצטע, ווייל ער איז געווען אַ זעלטענער דערציילער פון געשיכטלעכע פּרטים און געקענט אויסגעצייכנט אַרויסברענגען געדאַנקען, מחשבות און פּאַסירונגען, געבן זיי אַן אַלגעמיינע ראַם און שטעלן זיך אין צענטער. דערביי מיט אַ באַזונדערן חן צייכענען פּאָרטרעטן פון קולטור־היסטאָרישן, ליטעראַריש־דידאַקטישן און אויך פּאָלי־טיש־סאָציאַלן און נאַציאָנאַל־יידישן ווערט.

דאָס באַנוצן סופּערלאַטיוון, אָדער סתם אַדיעקטיוון ביים שילדערן אַ מענטש, באַשרייבן אַ פאַקט, אַ געשעעניש אָדער באַצייכענען אַן אָביעקט פאַר־וואַנדלט דאָס געשילדערטע אָדער באַצייכנטע אין אַ פּראָפּאַגאַנדע אָדער מע־לאָדראַמע. דער באַנוץ פון אַ פּאַסיקן וואָקאַבולאַר אָדער ריכטיקע פּענדזל־שטריכן איז דער סימן־מובהק פון עכטקייט, אויך פון אָריגינעלקייט. דאָס האָט פאַרמאָגט באָטאָשאַנסקי — עכטקייט און אָריגינעלקייט. ער האָט עס דערגרייכט מיט זיין שרייבערישן אימפּולס און דורך אַן אַ שיעור אַרבעט זיך צו באַפרייען פון נאָכמאַכונג. אַ קלאַסאַלער קענער און אויסטייטשער פון שלום־עליכם, האָט ער געהאַרעוועט נישט צו זיין אַ נאָכמאַכער זיינער אין די פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס. ער האָט זיך געשאַפן אַן אייגענעם סטיל — אַ באָטאָשאַנסקי־סטיל. קורצע, נישט פאַרפּלאָנטערטע זאַצן, שטענדיק נאַראַ־טיוו מיט אַ הסברה־קראַפט פון אַ פאָלקס־מלמד, אָבער מיט דער זיכערקייט פון אַ מלומד.

עס טוען אַן עוולה די, וואָס באַצייכענען אים ווי אַ דראַמאַטיקער און בעלעטריסט. צו וואָס? די פלעצער פון יידישער דראַמאַטורגיע און בעלעטריס־טיק זענען זייער בכבודיק באַזעצט. יעדער פּרווו צו שטעלן זיך מיט זיי אין איין ריי וועט האָבן אַ נידערלאַגע. דערביי האָבן ווייניק יידישע שרייבער אַזוי מקורדיק, אַזוי אַריינדרינגלעך געקענט סיי טעאַטער און סיי ליטעראַטור ווען זיי שרייבן. ער איז געווען בבחינת אַן אַפּינירער פון פּיאַנאָ, וואָס קען אָנ־שטעלן די טענער פון די קלאַווישן ביז צום דינסטן ניואַנס, אָבער פאַר דעם ווירטואָז וואָס דאַרף אויספירן אַ בעטהאָווען־סאָנאַטע אָדער פאַר די, וועלכע לעכצן די סאָנאַטע צו הערן. מען קען נישט ריידן וועגן באַזונדערע דערפאָלגן פון באָטאָשאַנסקיס טעאַטער־ווערק אָדער בעלעטריסטישע שאַפונגען, הגם ער האָט אויך דאָרט געהאַט אַן אייגענעם טאָן.

אַן עפּיזאָד: אין דער צייט פון מיין יִיוואָ־אַרבעט, האָט מיר באַטאָשאַנ־סקי אויסדערוויילט ווי אַ פליבקער מאַשינקע־שרייבער וואָס קען „אַ געזונטן יִידיש״, כדי מיר צו דיקטירן זיינעם אַ ראָמאַן. אין זיין היים, מיט די ריזיקע צימערן און האָל, אויף קאַריענטעס אין די 27 הונדערטער (אויף אַן אַנדער שטאָק האָט געוווינט א. ל. שוסהיים ע״ה), האָט ער מיר דיקטירט אַרום 80 זייטן פון אַ ראָמאַן „מיר ווילן לעבן״. דאַכט זיך, ער איז געוואָרן טרויעריק ווען ער האָט דיקטירט זאַצן וועגן אומעטיקע אויגן און אַ טרויעריקן שמייכל און איז מונטער געוואָרן, ווען עס האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פריילעכע נאָטע. ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן: ווי ווירקט עס אויף מיר. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער ווענדט אָן זיין דערציילערישע באַגאַבונג, וואָס איז אַ געמיש פון רייד און שרייב־קונסט, נאָר עס ווערט נישט קיין בעלעטריסטיק. דאָס דיקטירן האָט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעשטעלט און דאָס בוך האָב איך קיין מאָל נישט געזען, הגם עס איז יאָ דערשינען ערגעץ. איך האָב באַטראַכט זיין שרייבן ראָמאַנען ווי דאָס צייכענען אָדער מאָלן פון אַ טאַלאַנטירטן סקולפּטאָר, וואָס קען אויך צייכענען אָדער מאָלן, אָבער דער כוח פון זיין קונסט איז סקולפּטור.

דער כוח פון באַטאָשאַנסקיס קינסטלערישער שאַפונג איז געווען שרייבן מיט אַ סך טאַלאַנט פון אַ רעדנער. אויך זיין ריידן איז געווען אייגנאַרטיק. כמעט אָן זשעסטיקולאַציעס און אויך מיט קורצע זאַצן, מיט ברייטיקע אָטעם־פּויזעס, אָן באַזונדערער וואָרט־עלאָקווענץ, אָבער מיט איבערצייגנדיקן כוח ההסברה.

דער פּאָרטרעט פון באַטאָשאַנסקין, ווער עס וועט אים אויספּענדזלען אין זיין פולער גאַנצקייט, ווי עס האָט געטאָן ביגער און באַטאָשאַנסקי אַליין בנוגע אַנדערע שרייבער, וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון יִידישן שרייבערטום.

מ. צאַנין

יעקב באַטאָשאַנסקי ז״ל

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט געלעבט ווי אַ ווולקאַן און איז פּלוצים אויסגע־לאָשן געוואָרן ווי אַ ווולקאַן. פון די 72 יאָר וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער 60 יאָר כמעט געברויזט אין יִידישן קולטור־לעבן און אין דער יִידישער לי־טעראַטור.

זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1912 מיט רייזע־באַשרייבונגען אין דער אָדעסער צייטונג „גוט מאָרגן". אין 1915 האָט ער אין יאַס מיטרעדאַגירט דאָס זאַמלהעפט „ליכט", וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע. שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר פון אינטענסיווער פּיאָנערישער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער ליטעראַטור און קולטור אין רומעניע.

צוזאַמען מיט יעקב שטערנבערג האָט ער פאַרפאַסט און אויפגעפירט אַ גאַנצע ריי לייכטע פּיעסן, וואָס האָבן מיט זייער גוזעלשאַפטלעך־סאַטירישן אינהאַלט רעוואָלוציאָניזירט דאָס יידישע טעאַטער אין רומעניע.

אין 1923 עמיגרירט באַטאָשאַנסקי קיין אַרגענטינע, ווו ער איז באַלד גע־וואָרן דער מיטאַרבעטער און שפּעטער רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע".

נישט געקוקט אויף זיין פּרוכטבאַרער זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישער אַרבעט, וואָס וואָלט פאַרשלונגען אין גאַנצן יעדן אַנדערן, האָט באַטאָשאַנסקי זיך אָפּגעגעבן מיט אינטענסיווער שריפטשטעלערישער אַרבעט אויף אַלע לי־טעראַרישע געביטן — דראַמע, דערציילונג, ליטעראַטור־קריטיק, עסייאיס־טיק, רייזע־באַשטרייבונגען און נאָך מיט 22 יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן דריי בענד פון זיינע זכרונות. אין די לעצטע יאָרן איז דערשינען זיין בוך „פשט".

צוזאַמען מיט אָט דער פענאָמענאַלער שרייבערישער טעטיקייט איז ער געווען פון די אַקטיווסטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער אין יידישן אַרגענ־טינע און צוזאַמען דערמיט האָט ער אָפט געמאַכט רייזעס אין די יידישע ישו־בים אויף דער וועלט. מערערע מאָל איז ער געווען אין מדינת ישראל, גענו־מען אָנטייל אין קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן, געווען באַהאַוונט אין אַלץ וואָס געשעט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין יידישן לעבן אין אַלע ווינקע־לעך פון דער וועלט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער מיט אַן אומ־פאַרגלייכלעכן זכרון.

אָט דער ווולקאַן, וואָס האָט נישט געוווסט פון רו, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, איז פּלוצים פאַרלאָשן געוואָרן בעת ער האָט זיך געפונען אויף אַ רייזע אין דרום־אַפריקע. ביי זיינע 70 יאָר איז ער געווען פונקט אַזוי אַקטיוו, ווי ער איז געווען צו 30 און 40 און זיין האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם אימפּעט.

די יידישע ליטעראַטור, פּרעסע און קולטור האָט מיטן טויט פון יעקב באָטאָשאַנסקי פאַרלוירן פון אירע אַקטיוויסטע שעפערישע און טרייבנדיקע כוחות.

כבוד זיין אָנדענק!

שמואל צעסלער

אדם יסודו מעפר

(עלעגיע אויף דער פּטירה פון יעקב באָטאָשאַנסקי)

ס'איז דער מענטש פון ערד באַשאַפן —
און מוז צוריק צו איר זיך קערן — — —
פאַר אַ ביסן ברויט, ביים לעבן,
צאָלט ער מיט געפאַר און טרערן — — —

און דער מענטש איז צוגעגליכן
צו אַ ברוכשטיק, צו אַ שאַרבן;
צו די גראָזן אין די פעלדער —
העלע גרינען זיי און — שטאַרבן — — —

צו די בלומען אין אַ גאָרטן
וועלכע בליִען און פאַרבליִען;
צו אַ שאָטן צו אַ שטילן,
ווען ער ציט פאַרביי אין פליִען — — —

צו אַ וואָלקן אינעם הימל,
וועלכער ווערט אין רוים צעלאָזן;
צו די ווינטן וועלכע ווייען
און זיי בלאָזן, און פאַרבלאָזן — — —

צו אַ שטויב וואָס שוועבט אין לופטן
אָן אַ ציל און אָן אַ זינען — — —
צו חלומות וועלכע קומען
און פאַרפליִען, און צערינען — — —

סאַלאָמאָן קאַהאַן, ע״ה.

זיין נישט דערזונגען ליד

— 1 —

אַ וועלט־פיגור אויפן געביט פון יידישן, בעסער געזאָגט, פון יידיש־יידישן זשורנאַליזם, איז אַראָפּ פון דער לעבנס־סצענע, אַ שרייבער, וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע אין דער יידישער וועלט; אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער מיט אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע; אַ דינאַמאָ פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע.

ס׳איז שווער אָנצוהייבן שרייבן וועגן דעם אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם יעקב באָטאָשאַנסקין, ווייל ס׳איז שווער באַזונדערס אונטערצושטרייכן וועלכן ס׳איז פון די פאַרשידענע אַספּעקטן פון זיין אַזוי פאַרבנרייכער פּערזענלעכ־קייט, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען אַזאַ האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, אַן קיים שום „ויתרוצצו״. ער האָט זיך אין זיי אַלע אויסגעלעבט פילזייטיק און פולבלוטיק.

ס׳איז געווען אַ נישטגעשריבענער געזעץ, פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי לאָ־גיט, אַז ווען מען פלעגט ריידן וועגן אַרגענטינער יידישער זשורנאַליסטיק, זאָל אין געדאַנק נישט אויפטויכן די באָטאָשאַנסקי־געשטאַלט, וועלכע איז גע־ווען די פּאַרקערפּערונג פון אירע, דער זשורנאַליסטיקס בעסטע, קעמפּער־רישסטע טראַדיציעס, וואָס האָבן באַצוועקט און באַצוועקן די געזונטקייט פון ישוב אין דעם בעסטן זין פון וואָרט.

אָבער באָטאָשאַנסקיס בליק איז געווען געווענדט נישט בלויז צום אַר־גענטינער ישוב, וואָס אים צו בויען און אָרגאַניזירן האָט ער אַזוי פיל מיט־געהאָלפן; זיין אויסבליק איז שטענדיק געווען אויך צו דער גרויסער יידישער וועלט, וואָס צו איר פולס און צו איר אָטעם איז ער געווען אַזוי פילבאַר. דאָס יידנטום אויף אַלע פינף קאָנטינענטן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג און אַן אָפּשפיגלונג אין זיין דערשטוינלעך פּראָדוקטיווער און פרוכטבאַרער פעדער. איז ער דאָך געווען איינער פון די צום מערסטן אַרומרייזנדיקע יידישע זשור־נאַליסטן, מיט זיינע דרייצן באַזוכן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זעקס ווי־זיטן, פריער אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין מדינת ישראל (ווו ער האָט זיך אַגב געקליבן צו באַזעצן).

— 2 —

זעלטן ביי ווענען פון יידישע זשורנאַליסטן אָדער שרייבער איז געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט געגאַנגען אַזוי האַנט אין האַנט ווי ביי יעקב באָטאָשאַנ־סקין. בלויז וועגן אָט דעם קאַפּיטל וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ מאָנאָ־גראַפיע. ס׳איז גענוג בלויז צו דערמאָנען זיין ברויזנדיקן אָנטייל אין דעם היסטאָרישן קאַמף פון דעם אַרגענטינער ישוב קעגן די טמאים, כדי צו מאַכן זיך אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. אין גאַר אַ גרויסער מאָס איז עס דער גליקלעכער באָטאָשאַנסקי־קאָמבינאַציע פון מוטיקן זשורנאַליסט און אומדערשראָקענעם געזעלשאַפטלעכן עסקן, צו פאַר־דאַנקען דאָס אַנטגילטיקע פאַריאָגן פון „דעם מענטש פון בוענאָס־איירעס״ פון דעם אַרגענטינער יידישן לעבן.

אָבער דאָס איז בלויז איין ביישפּיל. די ליסטע וואָלט געקענט זיך אויס־ציען צו אַ גאַנצן שפּאַלט. זאָל זשע בלויז דערמאָנט ווערן די אַזוי וויכטיקע ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער שאַפונג פון דעם אַרגענטינער „ייוואָ״, און די פירנדיקע פּאָזיציעס, וואָס ער האָט פאַרנומען אין אַזעלכע אינסטיטו־ציעס, ווי די בוענאָס־איירעסער קהילה, וועמענס קולטור־אונטערנעמונגען ער האָט באַלעבט מיט זיינע אויפטריטן, ווי אַ לעקטאָר אָדער רעדנער. פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, אַמאָל, אַמאָל איז אין ניו־יאָרק געווען באַרימט דער „מאַסליאַנסקי ידבר״, אַזוי איז אין בוענאָס־איירעס אין משך פון מער ווי דריי יאָרצענדליק געווען פּאָפּולער דער „באָטאָשאַנסקי וועט אויפטרעטן״. ער איז געווען אויס־געקאָכט, ווי אַ כלל־טוער, לעקטאָר און רעדנער, אין דעם לעבן פון דער גרוי־סער אַרגענטינער קהילה.

— 3 —

און דאַך, ווען מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ פאַר דעם פרישן קבר פון יעקב באָטאָשאַנסקי, ווילט זיך נאָך באַזונדערס אונטערשרייכן דאָס ליטע־ראַרישע און זיין גייסטיקע פּערזענלעכקייט.

געוויס, ס׳וועט אויספעלן, און קיינער וועט דעם בלויז נישט קענען אויס־פילן, דער גלענצנדיקער זשורנאַליסט, דאָס שיינדל פון דער בוענאָס־איירע־סער „די פּרעסע״, וועמענס מיטרעדאַקטאָר ער איז געווען; דער זשורנאַליסט, וועמענס פליסיקע, בריליאַנטענע פעדער האָט, אונטער יתרוס נעמען (וואָס ס׳זענען געווען זיינע פּסעוודאָנימען, ווי „שימעלע סאָראָקער״, „יאַנקעלע גי־באַלעכ״ און אַנדערע) כמעט איינער אַליין געקענט אויספילן די אַרטיקלען־זייטן פון דער צייטונג.

אָבער נאָך מער ווען אויסגעפעלן יעקב באָטאָשאַנסקי, דער אַריינדרינגענ־דיקער טעאַטער־קריטיקער און ביכער־רעצענזענט. אויף ביידע געביטן איז ער געווען מוסטערגילטיק.

דעם גרעסטן פאַרלוסט אָבער האָט געליטן מיט באָטאָשאַנסקיס טויט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק. ער איז געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער אויף אַ יידישן וועלט־מאָסשטאַב. גאָר באַזונדערס, וואָס שייך דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די לעצטע הונדערט יאָר, האָט זיך זעלטן ווער ביי אונדז געקענט מיט אים פאַרגלייכן. זיין לעבנסטרוים איז טאַקע געווען זיך אין דער נאָענטער צוקונפט צוריקציען פון עפנטלעכן לעבן און דאַן, שוין אין ישראל, אָנשרייבן אַ מאָנומענטאַלע „געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור".

דער שיקזאַל האָט עס אָבער אַנדערש געוואָלט, און זיין ליד איז געבליבן נישט דערזונגען.

משה קויפמאַן

דער מענטש, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן זיין סביבה

א.

דעם אמת זאָגנדיק האָט אונדזער ישוב קיין מאָל נישט געהאַט קיין אי־בעריקן מזל צו זיינע היגע יידיש־שרייבער, אָדער אפשר פאַרקערט, די שריי־בער האָבן נישט געהאַט קיין מזל צום ישוב. ווי עס זאָל נישט זיין, הויערט אַ פּאַטום איבער די קעפּ פון דער דאָזיקער קליינער עדה, וואָס האָט דאָ גע־שמידט דאָס יידישע וואָרט, געשאַפן אַ ביסל היימישקייט און סביבה פאַר אַן אימיגראַנטישן דור, פאַרטריבן זייער עלנט, און אַליין זיך נישט געקענט איינ־לעבן. ווער עס איז אַוועק אין די מרחקים, אַן אַ זיי־געזונט, ווי מלאך און גיסער, און וועמען עס איז באַשערט געווען כרת יאָרן, ווי העלפמאַן, בראָדסקי און פריילעך. ווער עס איז אַוועק מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר, ווי בערל גרינ־בערג און ווער עס האָט אויסגעצאַנקט טראַגיש און איינזאַם, ווי מ. גראַניט־שטיין.

דאָס צעטל וואָלט געווען זייער לאַנג, ווען מען זאָל וועלן אויסרעכענען אַלע טראַגישע געשטאַלטן. גראַניעוויטש האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אונטער־

געוואָרפן אונטער אַ צוג, ערגעץ אין בראַזיל, אין זיין נע־ונד. דער טראַגישער פּאַטום האָט נישט אויסגעמיטן אַפילו די שרייבער פון דער שארית־הפליטה, וואָס זענען שוין, לויט די היגע באַגריפן, אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. שמערקע קאַטשערגינסקי איז פאַרשניטן געוואָרן פון בלינדן אומגליק און ישראל אַשענדאָרף איז אַוועק פונקט אינעם מאָמענט, ווען עס איז אים שוין אַ ביסל געקומען צום לעבן, אויב נישט פון שרייבעריי, איז לכל הפחות פון לערעריי.

דער היגער יידישער שרייבער, וואָס האָט געזוכט צו שאַפן סביבה, שמידן גייסטיקייט, איז דאָ געשלאָגן און אָפט מאָל דערשלאָגן געוואָרן ביז אַ טראַגישן סוף, מיט דער איראָניע פון גורל — אַלע שוסטערס גייען באָרוועס. דער יידיש־שרייבער איז נאָך אַלעמען געווען דער עלנטסטער מענטש אין דער היגער סביבה און עס איז שווער צו דערגיין דעם סוד פון דעם דאָזיקן טראַגישן פאַטום. אַ סך מיינען, אַז דאָס איז אַפילו אַ מכת־המדינה; אויך די אַרגענטינער שרייבער און ליטעראַטן האָבן אַרויסגעגעבן אַ סך טראַגישע פּי־גורן. מען וואָלט שיעור נישט געקענט זאָגן — אַזוי ווי עס קריסטאַלט זיך, אַזוי יידלט זיך אין אונדזער געבענטשטן לאַנד, נישט מער, וואָס די דראַמע פון יידישן וואָרט און פון אונדזערע שעפערישע מענטשן, איז חוץ אַ ריין־אַרגענ־טינער סביבההדיקע, געווען דורכגעפלאָכטן מיטן אייביק־יידישן — נאָך עפּעס...

ב.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט זיך אויסגעטיילט פון דער טראַגישער שרייבער־משפחה, ווייל ער איז בטבע געווען אַ שווימער פון ברייטע וואַסערן, און איי־נער פון די מערקווירדיקסטע פּאַראַדאָקסן איז דאָס, וואָס ער האָט זיך איינ־געלעבט אין די היגע אומשטענדן און אַליין אויסגעשמידט זיין גורל, געשאַפן דאָ־הי זיין אויסגעברייטערטן, גייסטיקן אינטערעסן־קרייז און אָנגעשפּאַרט צו דער ברייטער יידישער וועלט. ער האָט עס אויסגעווירקט און געשאַפן נישט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס האָבן עס פאַרדינט. דאָס פאַרשטויסענע ווינקל פון יידישער וואַנדערונג איז אונטער זיין אומרו און שטורעמדיקער שעפערישקייט געוואָרן אָן — אבן מאסו הבו־נים היתה לראש פנה — נישט בלויז פאַר אים אַליין, נאָר אויך פאַר זיינע נאָענטע און ווייטע פּען־ברידער, און ער איז אפשר געווען צווישן אונדז דער איינציקער, וואָס האָט קיינעם נישט מבטל געווען, ווי עס איז ממש די צווייטע נאַטור פון אַ שרייבערישן בן־אָדם.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אַ סך מאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לוויתן,

וואָס דער גורל האָט פאַרמשפּט צו שווימען אין אַן אַזערע, און וואָס קלאַפּט כסדר מיטן מעכטיקן עק און פלוס־פעדערן, מיטן קאָפּ און זייטן פון ברעג צו ברעג, אין די נודנע, זיסלעכע וואַסערן און בענקט נאָכן גרויסן געזאַלצענעם ים. אין דעם ליגט דער סוד פון זיינע כסדרדיקע וואַנדערונגען; תמיד אין דער ברייטער וועלט אַריין און כסדר צוריק אין די ענגע זיסלעכע וואַסערן, וואָס ער האָט אַליין אַזוי מייסטערדיק באַזאַלצן מיט זיין הומאָר. און דער קאָ־לאָסאַלער טאַלאַנט פון דאָזיקן פילגעשטאַלטיקן שרייבער האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעוועבט אין היגן לעבן, דורך מאָנומענטאַלע שנעל־געשריבענע זאַכן, אַ סך מאָל צופעליק אַרויסגעוואָרפענע, וואָס ער פלעגט שרייבן, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, אויפן ברעג טיש, אַז אויף די עלטערע יאָרן, ממש אין די לעצטע צייטן, האָט ער אויף זיך אַליין געזאָגט — דאָרטן ווו מען האָט געגעסן די פלייש, דאַרף מען אויך אָפּגעבן די ביינער.

יעקב באַטאַשאַנסקיס איינוואָרצלען זיך אין היגן ישוב איז געווען אָן שום ספק די איינציקע מזלדיקע דערשיינונג פון יידישן וואָרט אויף דער אַרגענ־טינער ערד. און ווי אַלע מערקווירדיקייטן איז עס געווען אַן איינמאָליקע דער־שיינונג. דער גרעסטער טאַלאַנט וואָלט אין דער הינזיכט נישט געקענט וועררן זיין ממלא־מקום און גייסטיקער יורש, ווייל ער איז פּאַקטיש געווען דער קלאַ־סיקער פון היגן יידישן זשורנאַליזם, וואָס האָט געדאַרפט שאַפן אַ יש מאַין, — שאַפן אַ סביבה און דאָרשט פאַרן יידישן וואָרט, און קענען שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן, ווייל עס האָט דאָ געפעלט דער אָרקעסטער און די פאַרשידנ־אַרטיקע כלי־זמרים. אַהער זענען געקומען יונגע מענטשן, מיט אַ סך גייסטי־קער אָנלאָדונג און סאָציאַלן אויפברויז, מיט שטורעמדיקע טאַלאַנטן, אָבער דער היגער ישוב איז געווען אַן אָרעמע משפּחה, וואָס קען קוים אויסשטיין אַ חתונה אָן כלי־זמר. אין די גרינגע יאָרן איז דאָ דער יידישער שרייבער געווען אַ מין אימיגראַנטישער — „בערל מיטן פידל און שמערל מיטן באַס שפּילן אויס אַ לידל אויפן מיטן גאַס".

און די גאַס איז געווען רוישיק און שטאַרק פאַרפּאָליטיקט. מען האָט גע־פאָדערט פון די יונגע יידישע שרייבער אידעאַליזם און פּאָליטישע אויסגע־האַלטנקייט. מען האָט זיי איינגעשפּאַנט אין אַלע פּאַרטיי־וועגענער, און ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט געפּאַכעט מיט אידעאָלאָגישע בייטשן איבער זייערע רוקנס. דער יידישער שרייבער האָט דאָ מער ווי אין אַלץ דער־מאָנט אין מענדעלעס קליאַטשע. אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט האָבן אויף אים געוואָלט רייטן די „שיינע יידן", בעלי־טאַקסע פון היימישן שניט, וואָס האָבן געעפנט תלמוד־תורהס פאַר די אָרעמע קינדערלעך נעבעך, און אין די וועלטלעך־מאָדערנע קרייזן האָבן געפּראַוועט מלכות די פּאָליטישע לאָפּי־

טוטן און פּאַרטייאישע גיהנום־שמשים, וואָס האָבן זיך אָגב אַליין אויך גע־האַלטן פאַר גרויסע שרייבער. אַזוי האַלט נאָך אָן טיילוויז ביז היינט — ווער עס האָט אַ האַנט און אַ פּוס און אַן אידעאָלאָגישן רעצעפּט, מיינט נאָך אַלץ, אַז ער קען עס „מאַכן בעסער" ווי דער יידישער שרייבער, וואָס האָט אַוועק־געגעבן זיין האַרץ און זיין נשמה, און פאַרברענט דאָס אייגענע לעבן אויפן מזבח פון יידישן וואָרט אין דאָזיקן לאַנד.

ג.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט דורכגעריסן דעם פראָנט און האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער יידישער זשורנאַליס־טיק, דורך זיין טאָג־טעגלעכן גאַנג אין „די פּרעסע". ער האָט אָנגעהויבן פון דעם קאַמף קעגן די טמאים, ביז, להבדיל, זיך איינצושטעלן פאַרן יידישן וואָרט און פאַר דער חשיבות פון זיינע קאָלעגן און פען־ברידער. און ווי אַ קריטיקער און עסייאיסט, האָט ער קודם־כל געפלעגט דעם אייגענעם גאָרטן. ער האָט קיין מאָל נישט פאַרזען דאָס מינדסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דאָ־הי, אָבער אויפן דאָזיקן געביט האָט זיין טאַלאַנט נישט געפונען קיין שטערונגען פון ענגן לאָקאַליזם: — ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקס־טע קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ וווּנדערבאַרער אויסטייטשער פון דער יידישער דיכטונג און פּראָזע. אין זכות פון זיין מעכטיקן טאַלאַנט, האָט מען פון די גרויסע געזאַלצענע וואַסערן אויך דערזען אונדזער אָזערע מיט די זיסלעכע וואַסערן.

דער גרעסטער זכות וואָס מען דאַרף מיטגעבן צו זיין ליכטיקן אָנדענק איז דאָס, וואָס ער איז קיין מאָל נישט געוואָרן דער שרייבערישער לוויתן, וואָס שלינגט איין די קליינע פישעלעך און פּאַשעט זיך אויס אויף זייער חשבון אין געיעג נאָך דער אייביקייט.

יעדע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק איז פול מיט אַזעלכע פּאַסקודנע לוויתנס, וואָס שלינגען איין די קלענערע שרייבערישע פישעלעך. פאַר אַזעל־כע טאַלאַנטן האָט מען אפשר דרך־ארץ, מען האָט פאַר זיי מורא און מען האָט זיי פיינט שטילערהייט און בחדרי־חדרים, — אָבער אין בעסטן פאַל האָט מען זיי נישט ליב...

יעקב באָטאָשאַנסקין האָט מען ליב געהאַט נישט בלויז אין די קרייזן פון די לייענער, וואָס זענען תמיד אָביעקטיוו און אומאייגננוציק, נאָר אויך די שרייבער, וואָס זענען די שטאַרקסטע נוגע בדבר פון דער פּאָפּולאַריטעט און דאָס ביסל בידנע אייביקייט, האָבן אים ליב געהאַט, ווייל ער האָט אויסגע־

פילט אַ שרייבערישע וועלט אַרום זיך און נישט בלויז פאַר זיך אַליין. ער האָט פאַרשטאַנען דעם העכערן זין פון דער שרייבערישער שליחות. דערפאַר בלייבט אַזאַ ליידיקער פלאַץ אַרום. עס פעלט נישט בלויז זיין קאָנקרעטער וואָרט, נאָר אויך זיין גייסטיקע ווירקונג, און קיינער קען נישט ווערן זיין ממלא־מקום, ווייל יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַן איינציקאַרטיקע דערשיינונג אין ייִדי־שן אַרגענטינע.

מלך ראַוויטש

יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל

(אינטימער פּען־פּראָפיל פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן״)

צו די שלושים

באַקומען די בשורה, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי איז געשטאָרבן און די ער־שטע רעאַקציע איז געווען אַן אויסגעשריי, אַז עס איז געשען אַ זאַך, וואָס איז אין גאַנצן נישט מעגלעך — ווייל דאָס לעבן אַליין קען דאָך נישט שטאַרבן, ווייל אויב עמיצער פון די שרייבערס פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור איז געווען דורכויס סתירה פון שטאַרבן, דורכויס לעבן — איז עס געווען יעקב באָטאָשאַנסקי.

— געוועזן? איז דאָס מעגלעך?

כאָטש אין יאָרן איז קיין גרויסער חילוק נישט געווען צווישן באָטאָ־שאַנסקין און מיר — אין געמיט — דער גרעסטער חילוק.

און פאַרט איז געשען דאָס אומלאָגישסטע און דער בעל־יאוש שרייבט אַ הספד איבער אַ בעל־בטחון.

איך געדענק בשום אופן נישט ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, אָדער געלייענט דעם נאָמען יעקב באָהטאָשאַנסקי — נאָר זיכער איז, אַז פון דעמאָלט אָן האָב איך דעם נאָמען שוין באַגעגנט כסדר און אָן אויפהער גע־לייענט, וואָס אונטער, אָדער איבער דעם נאָמען איז געווען געשריבן. און עס איז געווען אַ ניאַגאַראַ פון ווערטער און מחשבות און מעשיות אין אַלע פאָר־מען, וואָס עס קען די ליטעראַרישע קונסט.

איך געדענק אָבער יאָ ווו און ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַ־געגנט פּנים אל פּנים: באַטאַשאַנסקי און איך.

דאָס איז געווען אין יאָר 1938. איך בין דעמאָלט — נאָך אָפּווינען צוויי יאָר אין אויסטראַליע — געקומען דורך דעם פּאַסיפישן אָקעאַן קיין אַרגענ־טינע. אַז מען קומט אָן אין אַרגענטינע אויף דעם געוויינלעכן וועג דורך דעם אַטלאַנטיק — שטעלט מען זיך אָפּ אין אורוגווייַ, אין מאָנטעווידעאָ. און דאָ קומען אָפּט קרובים און פריינט אַנטקעגן דעם ניי־געקומענעם, אָבער אַז מען קומט אָן פון פּאַסיפיק — קומט מען דורך טשילע און מענדאָסאָ און עס איז פּאַלג מיך אַ גאַנג. באַטאַשאַנסקי האָט מיר אַ מאָל אין אַ בריוו געהאָט צוגע־זאָגט צו פאָרן אַנטקעגן חבריש, אויב איך וועל קומען אין זיין מדינה. און אין אַרגענטינע האָט באַטאָשאַנסקי ממש געקעניגט מיט זיין וואָרט און גאַנצן געשטאַלט. נו, קום איך מיט דער באַן פון מענדאָסאָ אין דער ריכטונג פון בוענאָס־איירעס. און אַ פּאָר סטאַנציעס פאַר דער אַרגענטינישער עיר־הבירה זע איך שפּאַנען אַ יונגן מאַן — נישט צו הויך — מיט אַ שוואַרצער שעווע־ליורע און צעשמייכלטע אויגן און ער קוקט די פּאַסאַזשירן אין די פּנימער. ער זוכט משמעות עמיצן, וואָס ער קען אים נישט. איז דער זוכער אַ שפּאַ־ניער, אַן אונגאַר, אַן איטאַליענער — אפשר גאָר אַ ייִד. אָבער איידער וואָס־ווען, צעשרייט זיך לוסטיק דער זוכער: — דאָס זענט איר דאָך — איז וואָס זשע שווייגט איר?! און איין מינוט שפּעטער זענען מיר שוין טיף אַריינגע־וויקלט אין אַ שמועס וועגן אַלע לעצטע נייעסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אונדזער ביידנס לייב־און־לעבן. איך ווייס נישט צי איז דאָ נאָך איין ייִדישער שרייבער, וואָס איז אַזוי באַהאַוונט געווען אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור ווי עס איז געווען יעקב באַטאַשאַנסקי. זיינע אומצאָליקע רעצענזיעס — מסתמא ציילן זיי אין עטלעכע טויזנט — זענען געווען אַ נחת פאַר דעם רעצענזירטן מחבר און אַ לערנונג פאַר דעם לייענער. דאָ האָט באַטאַשאַנסקין צוגעדינט אַ פענאָמענאַלער זכרון, פון געדענקען, עפּעס אַזוי ווי די געדיכטע האָר וואָלטן דאָ געדינט ווי אַ וואַנט, אַז גאָרנישט זאָל אַנטלויפן, וואָס איז אַריין אין דעם דאָזיקן מוח.

אָט אַזוי האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט באַטאָשאַנסקין — און פון דעמאָלט אָן אַ סך מאָל — אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאַל, אין מדינת ישראל.

זייענדיק אין אַרגענטינע האָב איך אַמאָל פאַר וואָכן געוווינט ביי אים. די פרוי — די באַקאַנטע אַרטיסטקע מרים לערער — איז גראָד געהאַט אָפּגע־פאָרן אויף דאַטשע און באַטאָשאַנסקי — דער אייביק גאַסטפריינטלעכער — האָט פאַרבעטן צו וווינען די צייט ביי אים, עס זאָל אונדז ביידן זיין ווייניקער בקוטשנע. און אפשר האָט ער גאָר געוואָלט, אַז זיין חבר זאָל זען פון דער

נאָענט, ווי אַזוי עס אַרבעט די וואָרט און געדאַנק־פאַבריק יעקב באָטאָשאַנסקי. ער איז געווען אַ שטאַרקער פרי־אויפשטייער, אָבער ממש מיט דעם קריי פון אַ האָן. איך בין נישט קיין שפּעט־שלאָפער, אָבער איידער איך האָב מיך אַרומ־געוואַשן האָט שוין באָטאָשאַנסקי דריי מאָל געשיקט די הויז־באַדינערין מיט אַלערליי אַרטיקלען און נאָטיצן אין דער רעדאַקציע. די דאָזיקע באַדינערין האָט געהאַט דריי פונקציעס: קאָכן, רוימען און טראָגן די באַשריבענע פּאַ־פּירן פון איר באַלעבאָס אין דער רעדאַקציע. אַז איך בין אויפגעשטאַנען און צוגעקומען צום חברס שרייבטיש — פלעגט באָטאָשאַנסקי לאַכנדיק זאָגן: „דאָס הייסט געשריבן, דאָס איז נאָך גאָרנישט. דאָס פּרוּוו איך אויס די פּע־דער, ווי דער חזן זיין שטימע איידער ער גייט צו צום עמוד. דאָס זענען ביז איצט געווען נאָטיצן אונטער אַלערליי פּסעוודאָנימען — יאַנקעלע גיבאַלעס, שימעלע סאַראַקער, צינגענטאַנג — דער אַרטיקל אונטערן אמתן נאָמען קומט ערשט איצט". אָט די אונטערגעשריבענע אַרטיקלען פלעגט באָטאָשאַנסקי שרייבן מיט גרויס ערנסט און געפיל פון זיין שליחות — אָבער אָן אַ פּלאַן... ער איז געווען אַן אימפּראָוויזאַטאָר סיי אַלס שרייבער און נאָך מער אַלס אָראַ־טאָר. ער פלעגט זיך אַריינשרייבן אין זיין טעמע — אַזוי ווי אַ באַן, איידער זי צעפאָרט זיך אויף אַ רעכטן אמת. נאָר אַז זי צעפאָרט זיך, גייט אַלץ גלאַט און קלאָר ביז דער סטאַנציע — ביז דעם פינאַל. און דער פינאַל איז אַלע מאָל דער עיקר און דער סוף־הכל.

אַזוי פלעגט אויך באָטאָשאַנסקי זיך שטעלן ריידן, פאַרמאַכן די אויגן, פאַרשטעלן זיי מיט די קליינע, ווייסע, כלי־קודש־הענט, מכלומרשט פאַרשטע־לן זיי פאַר דער שיין פון לאָמפּן. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ מינוט פון התבודדות מיטן אייגענעם געדאַנק, געפיל און אויך זכרון. און באַלד איז געקומען אַן אַנעקדאָט, צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם. און אַבי דער עולם איז געווען שטיל, האָט זיך שוין באָטאָשאַנסקי פּאַוואָליע אַריינגע־רעדט אין זיין טעמע און לאַנגזאַם געצילט צום פינאַל, וואָס איז אים איינ־געפאַלן בשעת דעם ריידן. און זעלטן איז אים די רעדע נישט געלונגען. אַזוי איז אים זעלטן אויך אַן אַרטיקל, אָדער אַ שרייבערישער פּאָרטרעט, אָדער אַ רעצענזיע נישט געראָטן. ער האָט ליב געהאַט זיינע טעמעס, ער האָט נישט געשריבן סתם.

ער האָט אויך ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן, אָפט מאָל אַפילו שאַרף. אַ מאָל זענען אויך זיינע פּאָלעמישע שפּילקעס געווען מיט ווידער־העקעלעך, וואָס דער אַטאַקירטער קען נישט לייכט אַרויסציען צוריק. באָטאָשאַנסקי האָט גע־קענט זיין אין כעס, אָבער קיין מאָל נישט אין שנאה צו אַ חבר. ער האָט גע־קענט זיך ברוגזן, אָבער נאָך מער זיך איבערבעטן.

ווי יעדער דורכויס אַרטיסטישער מענטש, האָט אויך באַטאַשאַנסקי געהאַט זיינע מאָדנע גענג. ער האָט איינגעטיילט זיין מעת־לעת — לשם מער אים אויסצונוצן, מחמת די שטראָמען פון ענערגיע אין זיין גאַנצן מהות — אין צוויי טעג און אין צוויי נעכט... זיינע צוויי נעכט פון מעת־לעת זענען געווען פון איינס ביז פיר פאַרטאָג און פון איינס ביז פיר נאָכמיטיק. פרעגט נישט קיין קשיות, אַזוי האָט ער זיך געפירט. אפשר איז דאָס דער סוד פון זיין געוואַלדיקן שעפערישן כמות.

איין מאָל איז באַטאַשאַנסקי, בעת זיין וויזיט אין מאָנטרעאָל, צו מיר אַרויפגעקומען פונקט איינס בייטאָג און זאָגט מיר: „גיט מיר עפּעס אַן אָרט צוצושפּאַרן זיך". — נו, בכבוד גדול! און ער האָט זיך צוגעשפּאַרט און איינגעשלאָפן ווי אַ שטיין. עס גייט אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי און דער „צוגעשפּאַרטער" איז נישט וואַך. איך הייב אָן שטיל צו רופן דעם שלעפער ביים נאָמען, באַלד העכער, עס העלפט גאָרנישט. איך טראַכט: אפשר רופן אַ דאָקטער. און אַזוי איז געוואָרן זייגער פיר — באַטאַשאַנסקי גיט זיך פּלוצלינג אַ וועק איבער... איך האָב געדאַנקט גאָט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט שרעק.

ער איז געווען פול מיט וואַכזאַמקייט פון זען און הערן און אָבסערווירן. ער האָט פונקט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, ווי דאָס לעבן אים. אָבער דאָס וואָכע הערן איז אים די לעצטע יאָרן פאַרשטערט געוואָרן. ער האָט כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט צו הערן — באַטאַשאַנסקי. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע בעסטע דאָקטוירים, נישט געהאָלפן זיין קוראַזש דורכצומאַכן אַלערליי אָפּעראַציעס. ער האָט מוראדיק געליטן דערפון, מסתמא האָט עס אויך נישט פאַרלענגערט זיין לעבן.

ער האָט איבערגעלאָזן פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס ווייברירן מיט לעבן און מיט אַלעמאַליקער ווערטיקייט פאַר דער פאַרשטענדעניש פון יידישן וועלט־לעבן און דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. אָט זענען אַ פּאָר טיטלען: פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער; די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט — אַן אויטאָביאָגראַפיע אין אַ ברייטער ראַם פון יידישן לעבן אין בעסאַראַביע; אַ גרויסער ראָמאַן מיטן נאָמען „מיר ווילן לעבן"; ממש געשיכטלעכע אויטענטישע רעפּאָרטאַזשן אין צוויי בענד „בראשית פון מדינת ישראל"; אַ קורץ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור „מאַמע יידיש"; אַ ווערק מיטן וווּנדערלעך צוגעפּאַסטן נאָמען „פּשט" — פּירושים אויף יידישע ביכער; און דערצו אַ ניאַגאַראַ מיט טויזנטער אַרטיקלען וואָס וועלן מסתמא אַ מאָל אָפּגעקליבן ווערן און אַריין אין ביכער.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד: באַטאָשאַנסקי איז מיין גאַסט פאַר אַ פּאָר טעג און נעכט אין מאָנטרעאַל. איין מאָל, אַרום דריי ביינאַכט, הער איך ווי אין אַ דערבייאיקן צימער זינגט מען אויף אַ קול אַ יידיש פאָלקסליד און עס ברענט די עלעקטריע. שטיי איך אויף און זע ווי מיין וווּנדערלעכער לעבנס־לוסטיקער חבר זיצט זיך ביים טיש און זינגט זיך צו צו דער שרייב־אַרבעט. באַטאָשאַנסקי האָט אַלע מאָל געהאַט אַ פאָלקסליד, וואָס ער האָט זיך לעצטנס אויסגעלערנט — דאָס פלעגט עס כסדר צווינגען זיך. איך האָב, נאַטירלעך, דעם גוטן חבר נישט איבערגעריסן זיין נאַכט־קאָנצערט און צו מאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ טעמע אויף צו פאַרלאַכן אונדזערע אומעטיקע געמיטער. און אַז איך האַלט שוין ביי אומעט — לאָמיר ציטירן פון באַטאָשאַנסקיס לעצטן בריוו. אין דעם דאָזיקן בריוו, געשריבן פון ניו־יאָרק, פאַרגאַנגענעם מאַי 1964, דערציילט ער מיר אַ טראַגי־קאָמישע באַגעגעניש מיט אַן עלטערן חבר, וואָס ער האָט שטאַרק חבריש איבערגעלעבט. פאַרענדיקט האָט ער די מעשה מיט אַ טיפן זיפץ: „אוי, קאָמישע מאַדאַם טראַגעדיע אונדזערע”...

ער האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויפן דרך המלך פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור אונדזערער — מיט דעם אַרגענטינער צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור איז ער אינטעגרירט און אידענטיפיצירט.

יצחק רימון

גרויסער אויפטרייסל אין ברייטע קרייזן פון מדינת ישראל

אַלע ישראלדיקע צייטונגען פון מיטוואָך דעם 28סטן אָקטאָבער 1964, האָבן געבראַכט די ידיעה פון דער „יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור” פון יאָ־האַנעסבורג, אַז: „יעקב באַטאָשאַנסקי, דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „די פּרעסע” וואָס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס, איז נפטר געוואָרן אין אַ שפּי־טאָל אין יאָהאַנעסבורג, מאָנטיק ביינאַכט, צוליב אַ פּלוצלינגדיקן אַטאַק. יעקב באַטאָשאַנסקי איז אַלט געווען 72 יאָר. ער איז געווען אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער אין אַרגענטינע. זיין באַזוך אין דרום־אַפריקע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ לעקציע־טור”.

ווי אַ דונער אין מיטן טאָג האָט געטראָפן די דאָזיקע קורצע אַזוי אויפ־טרייסלענדיקע איוב־בשורה אין די הערצער פון פיל טויזנטער און טויזנטער

פריינט און פאַרערער פון יעקב באָטאָשאַנסקי אין גאַר ברייטע קרייזן פון מדינת ישראל. ניין! ניין! מען האָט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. ס'איז אַ ביטערער טעות. ס'איז אַ ווילדער חלום — האָט מען זיך געפּרוּווט איינשמוּעסן. געוואַלד געשריגן! ווי איז עס מעגלעך? איז דאָך דער דאָזיקער ריז פון יידישן גייסט „די לעבעדיקע, גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע" מיטן פענאָמענאַלן זכרון געווען ביי זיין פולסטער אַקטיוויטעט, אָט, מיט אייניקע מאָנאַטן צוריק איז ער דאָך געווען אפשר ביי זיין 20סטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיר אַלע האָבן זיך ממש געקוויקט מיט זיינע גייסטרייכע אַזוי אינטערעסאַנטע שילדערונגען און באַשרייבונגען פון דער גרויסער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק, און אָט האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בוענאָס־איירעס קיין יאָהאַנעסבורג... ערשט נעכטן, אייערנעכטן האָבן קאָלעגן זשורנאַליסטן און שרייבער אין תל־אביב באַקומען פון אים בריוו און קאַרטלעך פון דער דאָזיקער שיינער דרום־אַפריקאַנער שטאָט, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט פרייד און אָפּטימיזם פון דעם ווונדערלעכן צוזאַמענטרעף פון „דרום־אַמעריקע מיט דרום־אַפריקע". די בריוו זענען פול מיט פלענער, צווישן אַנדערע אויך וועגן אַ מעגלעכן נאָענטן באַזוך אין מדינת ישראל... און אַך און ווי איז אונדז — יעקב באָטאָשאַנסקי איז נישטאָ.

פינצטער איז אונדז געוואָרן אונדזער וועלט. ס'איז אַזוי אַכזריותדיק פּלוצלינג פאַריתומט געוואָרן, נישט בלויז זיין בן־יחיד אברהמל, נישט בלויז זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין מרים האָט פאַרלוירן די קרוין פון איר קאָפּ — נישט בלויז זיין „מקדש מעט" — די גרויסע פּרעסטיזשפולע טעגלעכע צייטונג „די פּרעסע" איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, פאַרלירנדיק איינעם פון אירע מעכטיקסטע זיילן — ניין, נישט בלויז זיי — אַלע, אַלע, זענען מיר פאַריתומט געוואָרן. דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן אין יעקב באָטאָשאַנסקין איינעם פון זיינע גייסטרייכסטע זין; אונדזער „שפת־הקודשים", דאָס האַרציק־טייער מאַמע־לשון — יידיש, — דעם אומדערמידלעכן, סאַמע מסירת־נפשדיקן קעמפער פאַר איר ווייטערדיקער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג, די יידישע ליטעראַטור — איינעם פון אירע סאַמע שעפערישסטע כוחות, און דער יידישער ישוב פון אַרגענטינע — זיין גייסטיקן פירער, זיין לערער און וועגווייזער. זיינע פאַרבינדונגען מיט מדינת־ישראל האָבן זיך אָנגעהויבן אין דעם גרויסן היסטאָרישן טאָג פון 14טן מאַי 1948, ווען ער איז אין אַ מיליטערישן עראָפּלאַן געבראַכט געוואָרן קיין תל־אביב, און ער האָט געהאַט דעם גרויסן זכות צו זיין דער איינציקער יידישער שרייבער פון דער גאַנצער יידישער וועלט, וועלכער איז בייגעווען אין תל־אביבער מוזיי, ווען דוד בן־גוריון האָט פּראָקלאַמירט די אויפריכטונג פון דער פרייער און זעלבסטשטענדיקער

ייִדישער מדינה ישראל. ער איז אויך געווען דער ערשטער, סיי פון ייִדישע און נישט־ייִדישע שרייבער אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם ערשטן בוך איבער דער נײַ־געגרינדעטער ייִדישער מדינה, „בראשית פון מדינת ישראל" אין צוויי בענדער. ער איז געווען אַ זייער אָפֿטער גאַסט אין מדינת ישראל. ער האָט באַזוכט דאָס לאַנד זעקס־זיבן מאָל, ווײַלנדיק דאָ לאַנגע וואָכן און מאָנאַטן. נאָך איינעם פון די דאָזיקע באַזוכן האָט ער ווידער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויס אומפֿאַסנדיק ווערק איבער „שבת, יום־טוב און וואָך אין מדינת ישראל". בעת זײַנע מערסטע באַזוכן איז ער געווען דער גאַסט פון דער ישראל־רעגירונג און ער האָט זיך דאָ דערוואָרבן זייער פיל פֿרײַנט און פֿאַרערער אין די העכסטע רעגירונגס־קרייזן און ביי די ברייטסטע פֿאָלקס־מאַסן. אין מדינת ישראל איז יעקב באָטאָשאַנסקי געווען, אָן שום ספק, פון די סאַמע פּאָפּולערסטע ייִדישע שרייבער פון דער גאָרער ייִדישער וועלט. זײַנע גייסטרייכע רעפֿעראַטן איבער אַלגעמיין־ייִדישע און ליטעראַרישע טעמעס (ווי צ"ב איבער פֿאַסטערנאַקס „זשיוואַגאָ" א"אַנד.־ האָבן שטענדיק אַרויס־גערופֿן אַ גאָר גרויסן אינטערעס ביים ישראלדיקן ציבור און די זאַלן זענען געווען איבערפֿולט.

מיר האָבן געהאַט דעם כבוד און דעם זכות צו באַגלייטן יעקב באָטאָ־שאַנסקין בעת אַלע זײַנע באַזוכן אין מדינת ישראל און דאָס ווונדערלעכע קאַ־פּיטל „באָטאָשאַנסקי — ישראל" איז ווערט אַ גאַנץ באַזונדערע אָפּשאַצונג. אָבער, אונטערן ערשטן איינדרוק פון שווידערלעכן אומגליק, ווען מיר אַלע זע־נען אַזוי דערדריקט און צעבראָכן, ווען ס'איז נאָך בכלל שווער צו באַנעמען ווי גרויס ס'איז דער פֿאַרלוסט און ווי האַרצרייסנדיק־ווייטיקלעך ס'איז די טראַגעדיע, איז זיך פּשוט שווער צוזאַמענצונעמען — ווועלן מיר טאַקע וועגן באָטאָשאַנסקיס באַזוכן אין ישראל, וועגן זײַנע אינטימע פֿאַרבינדונגען מיטן ייִדישן לאַנד, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט — שרייבן ביי אַן אַנדער גע־לעגנהייט.

די אויפֿטרייסלענדיקע ידיעה וועגן באָטאָשאַנסקיס פּלוצלינגדיקן טויט אין יאָהאַנעסבורג, איז בליץ־שנעל פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, אַרויס־רופֿנדיק אומעטום אַ טיפֿן צער און טרויער. באַזונדערס פֿאַראָבלט זענען גע־ווען די העכער צוויי צענדליק טויזנט עולים פון אַרגענטינע און פון די אַנדע־רע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע האָבן געקענט פון דער נאָענט באָ־טאָשאַנסקיס ברייט־פֿאַרצווייגטע ליטעראַריש־קולטורעלע אַקטיוויטעט — אַלס ערשטקלאַסיקער שרייבער־פּובליציסט, ליטעראַטור־קריטיקער און פֿאָלקס־טריבון. שווער געטראָפֿן האָבן זיך געפֿילט די ייִדישע שרייבער אין ישראל, וועלכע האָבן זיך געגרויסט מיטן פּרעסטיזש און אָנזען און דער געוואַלטיקער

השפעה וואָס ס׳האָט געהאַט זייער גרויסער קאָלעגע, יעקב באָטאָשאַנסקי, אין דער גרויסער ייִדישער וועלט און בפרט אין די ייִדישע ישובים פון דעם לאַטיין־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, זעענדיק אין אים דעם גרויסן קעמפער און פּאַטראָן פון ייִדיש. פיל פון זיי האָבן זיך אין משך פון טאָג, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה פון זיין טויט, געווענדט צום שרייבער פון די שורות, אַלס ספּעציעלן ישראל־קאָרעספּאָנדענט פון „די פּרעסע״ אין בוענאָס־איירעס, וועגן מערערע אינפאָרמאַציעס פונעם אומגליק, בעטנדיק דערביי איבערצושיקן אין זייער נאָמען, זייערע מיטגעפילן פון צער פאַר דער פּאַראַבלטער פרוי און זון, ווי אויך פאַר דער גאַנצער פאַמיליע פון „די פּרעסע״.

ברענגענדיק די אַזוי טרויעריקע ידיעה וועגן באָטאָשאַנסקיס טויט, שרייבט דער רעדאַקטאָר פון „די לעצטע נייעס״, מ. צאַנין, אין זיין הספּד־אַרטיקל:

„יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געלעבט ווי אַ ווולקאַן און איז פּלוצים אויסגעלאָשן געוואָרן ווי אַ ווולקאַן. פון די 70 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער 60 יאָר ממש געברויזט אין ייִדישן קולטור־לעבן און אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1912 מיט רייזע־באַשרייבונגען אין דער אָדעסער צייטונג „גוט מאָרגן״. אין 1915 האָט ער אין יאַס מיטרעדאַגירט דאָס זאַמלהעפט „ליכט״, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער אָנהייב פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע. שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר פון אינטענסיווער פּיאָנערישער אַרבעט אויפן געביט פון ייִדישער ליטעראַטור און קולטור אין רומעניע.

„צוזאַמען מיט יעקב שטערנבערגן האָט ער פאַרפאַסט און אויפגעפירט אַ גאַנצע ריי לייכטע פּיעסן, וואָס האָבן מיט זייער געזעלשאַפטלעך־סאַטירישן אינהאַלט רעוואָלוציאָניזירט דאָס ייִדישע טעאַטער אין רומעניע.

„אין יאָר 1923 עמיגרירט באָטאָשאַנסקי קיין אַרגענטינע, וווּ ער איז באַלד געוואָרן דער מיטאַרבעטער און שפּעטער רעדאַקטאָר פון דער טאָגצייטונג „די פּרעסע״.

„בישט געקוקט אויף זיין פּרוכטבאַרער זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישער אַרבעט, וואָס וואָלט פאַרשלונגען אין גאַנצן יעדן אַנדערן, האָט באָטאָשאַנסקי זיך אָפּגעגעבן מיט אינטענסיווער שריפטשטעלערישער אַרבעט אויף אַלע ליטעראַרישע געביטן — דראַמע, דערציילונג, ליטעראַטור־קריטיק, עסייאיסטיק, רייזע־באַשרייבונגען און נאָך מיט 22 יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן 3 בענדער פון זיינע זכרונות. אין די לעצטע יאָרן איז דערשינען זיין בוך „פּשט״.

„צוזאַמען מיט אַט דער פענאָמענאַלער שרייבערישער טעטיקייט איז ער געווען פון די אַקטיוויסטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער אין יידישן אַרגענ־טינע און צוזאַמען דערמיט האָט ער אָפט געמאַכט רייזעס אין די יידישע ישו־בים אין דער וועלט. מערערע מאָל איז ער געווען אין מדינת ישראל, גענו־מען אָנטייל אין קאָנגרעסן, אין צוזאַמענפאָרן, געווען באַהאַוונט אין אַלץ וואָס ס'געשעט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין יידישן לעבן אין אַלע ווינ־קעלעך פון דער וועלט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן, ממש פענאָמענאַלן זכרון.

„אַט דער וואולקאַן, וואָס האָט נישט געוווסט פון רו, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, איז פלוצים פאַרלאָשן געוואָרן בעת ער האָט זיך געפונען אויף אַ רייזע אין דרום־אַפריקע. ביי זיינע 70 יאָר איז ער געווען פונקט — אַזוי אַקטיוו, ווי ער איז געווען צו 30 און צו 40 און זיין האַרץ האָט נישט אויס־געהאַלטן דעם אימפעט.

„די יידישע ליטעראַטור, פרעסע און קולטור האָט מיטן טויט פון יעקב באַטאָשאַנסקין פאַרלוירן איינעם פון אירע אַקטיוויסטע און שעפערישסטע טרייבנדיקע כוחות.

„כבוד זיין אָנדענק!".

דער פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל האָט אין דער זעלבער צייטונג פאַרעפנטלעכט אַ נעקראָלאָג: „דער פרוי און זון און דער רעדאַקציע „די פרעסע" אין בוענאָס־איירעס דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל צוליבן טויט פון יעקב באַטאָשאַנסקי".

דער פאַראיין פון די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל גרייט זיך דורכצופירן אַ טרויער־אָוונט געווידמעט דעם גרויסן נפטר — אָבער וועגן דעם און וועגן די אַנדערע אָפקלאַנגען אין ישראל וועגן דעם פלוצלינגדיקן טויט פון גרויסן אומפאַרגעסלעכן יעקב באַטאָשאַנסקי — וועלן מיר נאָך שרייבן באַזונדער.

„היה היה איש ואיננו עוד" — געווען איז אַ יעקב באַטאָשאַנסקי און נישטאָ מער, נישטאָ מער...

ווי און ווינד איז אונדז, אַז מיר דאַרפן שרייבן, אַז ס'איז געווען אַ גרוי־סער באַשרייבער...

מאשא שטוקער פּאַיוק

ווײ־ווערטער

עס שאַרן און שפּאַרן זיך ווערטער־אבלים
פון אַלע שפּראַכטיילן — זיי לויפן זיך אָן.
זיי שטעלן זיך אויס מיט אָפענע כלים:
— „נו זאָג אונדז! באַפעל אונדז! וואָס זאָלן מיר טאָן?

איר זעט נישט מיין אויסגוס אויף מייליקע שטחים?
עס שוימט דאָס געוואַסער פון ברעגעס אַרויס,
די פינצטערע כוואַליעס מיין אומקום זיי קאָכן
דערראַטעוועט מיך און מיין טרויער שעפּט אויס!

שוידערן ווערטער און פאַלן אַנידער
און הייבן אָן שעפּן באַנאַנד נאָכאַנאַנד
מיט קענדעלעך שורות און פענדעלעך־לידער
און — פול איז דער אויסגוס ביז איבערן ראַנד. —

סע דאַכט זיך, זיי טרינקען זיך אָן מיט יסורים
אַזוי איבערפולט אַז — אָט פּלאַצן זיי באַלד
פאַרביטערט, דערשיטערט — דער שניידיקער שטורעם
די שטאַרקסטע כלי־ווערטער אויף צווייען צעשפּאַלט.

און ס'לויפן מחנותווייז סטראָפן נאָך סטראָפן
— קרישטאָלענע קרוגן און עכט פאַרצעלאַן;
נאָר, ס'ווערן די ווערטער אין ווײ איינגעלאָפן
— לעפעלעך וואַסער פון אָקעאַן — — —.

אברהם שולמאַן

בלויז אַ פּאָר ווערטער

יעקב באַטאָשאַנסקי איז געווען דער סאַמע פליייסיקסטער און דער סאַמע פּרוכטבאַרסטער יידישער שרייבער, נישט „איינער פון די פּרוכטבאַרסטע", נאָר טאַקע „דער סאַמע". איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען באַטאָשאַנס־

קיין ביי זיין רעדאַקציע־טיש פון „די פּרעסע״ אין בוענאָס־איירעס, און איך קען עדות זאָגן, אַז קיין שום אַנדער שרייבער אין קיין שום אַנדער שפּראַך אין דער וועלט, האָט אים נישט געקענט איבעריאָגן בלויז אין „פיזישן פּראָצעס פון שרייבן״, נאָר אויך מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פּילזייטיקייט.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז נישט געווען קיין איינצלנער שרייבער, נאָר ממש אַ גאַנצער שרייבער־פּאַראַיין. אין דעם קרעפּטיקן און ציגיינער־שיינעם מאַן, האָט געלעבט אַ גאַנצער טוץ שרייבער, וואָס האָבן יעדער באַזונדער געקענט שרייבן ווי ספּעציאַליסטן פון פאַרשידענע געביטן. יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געשריבן אונטער אַ טוץ אויסטערלישע פּסעוודאָנימען און אונטער יעדן פּסעוודאָנים האָט ער געשריבן נישט בלויז אויף אַן אַנדער טעמע, נאָר מיט אַן אַנדערן טאַלאַנט, מיט אַן אַנדער שפּראַך, ממש ווי דאָס וואָלט געשריבן אין גאַנצן אַן אַנדער מענטש. ער האָט געקענט מיט דער זעלבער לייכטקייט (ווייל לייכטקייט איז געווען זיין צום מיינסטן געבענטשטע מעלה), שרייבן אַבסאָלוט ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור; שאַרפע און שניידיקע אַרטיקלען וועגן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, פּאָלקסטימלעכע הומאָרעסקעס און גראַמען־פייערלעכע עסייען; צערעמאָניאַלע פּובליציסטיק און פלינקע זשורנאַליסטיק.

ער איז געווען נישט קיין אינסטרומענט, נאָר אַ גאַנצער אָרקעסטער, אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן פידל ביז צום מענערישן קאָנטראַבאַס.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ פּרעכטיקער רעדנער און דערביי איז ער נישט געווען קיין צוגעגרייטער רעדנער, וועלכער איז איינגעשפּאַנט צו זיינער אַן אויסגעלערנטער רעדע, נאָר ער איז געווען אַן אימפּראָוויזאַטאָר. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און אַ סך מאָל, ווו ער איז געכאַפּט געוואָרן אין „פּלאַגראַנטי״ אויף דער הייסער מינוט, אַ נישט צוגעגרייטער, אָבער עס איז גענוג געווען אַן איינצל אונטער־געוואָרפן וואָרט און באָטאָשאַנסקי האָט פון דעם איינצלנעם קלאַוויש געקענט אויסשפּילן אַ גאַנצע סעריע מיט וואַריאַציעס. און אַזוי, נישט צוגעגרייטער־הייט, איז ער געווען פול מיט בליץ, מיט חן, מיט הומאָר, מיט דעם וואָס די פּראַצויזן רופן „עספּרי״.

באָטאָשאַנסקי איז אויך געווען אַ טאַלאַנטירטער שמועסער. די דאָזיקע מעלה זיינע איז „געשפּייזט״ געוואָרן מיט זיין אומגעהויערן זכרון און ענצי־קלאָפּעדישן וויסן.

באָטאָשאַנסקי איז אויך געווען אַ באַהעם. „באַהעמישקייט״ גייט געוויינ־לעך געפּאָרט מיט דער שרייבערישער פּראָפעסיע, אָבער אין דער יידישער

ליטעראַטור זענען אמתדיקע באַהעמען געווען זעלטענע אויסנאַמען. באַטאַ־שאַנסקי איז געווען אַ „באַהעם". אַפילו אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן, ווען דער אַמאַליקער יונגער באַטאַשאַנסקי מיט די פייערדיקע אויגן און מיט די פייער־שוואַרצע טשופּרינע האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן די ערשטע סימנים פון דער אָנקומענדיקער זיקנה. זיין „באַהעמישקייט" האָט זיך אויס־געדריקט נישט בלויז אין זיין שטענדיקן אומרו פון אַרומפּאָרן, אין זיין איי־ביקן אומרו נאָך אַנדערשקייט, נאָר אויך אין זיין מער ערנסטן שטרייבן, ווו ער איז קיין מאָל נישט אַריינגעפאַלן אין דעם באַלעבאַטישן און מלמדישן נוסח, וואָס איז אַזוי מאָדיש אין דער יידישער פּובליציסטיק.

***

יעקב באַטאַשאַנסקי האָט געשריבן וועגן אַלץ וואָס הייבט זיך אָן (ווי דער יידישער וויץ דערציילט) מיט אַן „אַלף". אָבער מיט דער גרעסטער וואַרעמ־קייט און מיט ליבע האָט ער געשריבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבער, און דער עיקר וועגן יינגערע שרייבער. אין דאָזיקן פּרט איז ער געווען אין גאַנצן אַנדערש פון דער מערהייט יידישע קריטיקער, וועלכע האָבן אַלע מאָל ליב געהאַט צו רייטן אויף שוין „געמאַכטע" און באַרימטע „אויס־געריטענע" פערד.

באַטאַשאַנסקי האָט טאַקע דער עיקר און מיט גרויס אייפער זיך „גע־וואָרפן" אויף שוואַכערע נעמען און ער האָט זיי אויפגערופן צו די סאַמע היל־כיקסטע הקפות.

באַטאַשאַנסקי איז אָבער נישט געווען קיין אַנאַליטישער קריטיקער. ער האָט דעם שרייבערס ווערק נישט צענומען און נישט אויסגעטאַפּט די קוואַלי־טעט פון שרייבערישן גאָלד. ער האָט דאָס רעצענזירטע בוך ליב געהאַט אי־בערצודערציילן, אַרויסצוהייבן די מעלות און פאַרצוטראָגן פאַרן לייענער ווי אַן אָנגעלייגטע סחורה. כ'האָב אַמאָל, אויף אַן אָוונט אין בוענאָס־איירעס אין שרייבער־פאַראיין געזאָגט (אין קיבעץ), אַז מען קען איינטיילן די יידישע קרי־טיקערס אין דריי קאַטעגאָריעס: אין באַקסערס, קראַנקן־שוועסטערס און בוכ־האַלטערס. באַטאַשאַנסקי האָט זיך אַ צעפלאַמטער אויפגעשטעלט, האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ברוסט און געזאָגט:

— נו, גוט. איך שעם זיך נישט דערמיט. איך בין טאַקע דער בוכהאַל־טער פון דער יידישער ליטעראַטור.

***

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט ליב געהאַט דאָס לעבן. ער האָט ליב געהאַט מענטשן און די מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. איך האָב אים געזען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — אין פּאַריז און אין ניו־יאָרק — אָבער, דער עיקר ביי אים אין זיין קעניגרייך, אין דעם יידישן בוענאָס־איירעס. אומעטום האָב איך געזען ווי די ליבע וואָס איז געפלאָסן פון אים צו זיינע שרייבערישע חברים איז צוריקגעפלאָסן מיט דער זעלבער ליבע פון זיינע חברים צו אים.

אַנדערע וועלן אַוודאי אונטערציען דעם סך־הכל איבער יעקב באָטאָשאַנסקין, דעם שרייבער. דאָס זענען געווען אַ פּאָר שורות וועגן באָטאָשאַנסקין, דעם מענטש, וואָס האָט געוווּסט פון דעם קלוגן סוד, (ווייל אַלע חכמות זענען אַ סוד) אַז די באַלויַנונג פאַר חברשאַפט — איז חברשאַפט.

פּנחס שטיינוואַקס

אַ טרער אויף זיין קבר

געשטאָרבן ביי דער אַרבעט, בעתן שטיין אויף אַ קולטור־פּאָסטן אין זיד־אַפריקע, ווו ער איז געפאָרן צום יידישן ישוב אויף אַ ציקל לעקציעס.

אַן אומרו איז אין אים געזעסן, אין דעם קאַלירפולן יידישן שרייבער און זשורנאַליסט. יעקב באָטאָשאַנסקי, אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, ווען ער האָט געוואָלט זען פון דער באַענט, גרייכן צו יעדן ייד בכל אתר ואתר.

38 יאָר האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געלעבט און געווירקט, בפה ובכתב, אין אַרגענטינער יידישן ישוב, ווו ער האָט מיט זיין פּרוכטבאַרער פעדער און עלאָקווענץ אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע טעטיקייט.

יעקב באָטאָשאַנסקיס וואָרט האָט מען געלייענט און געהערט אומאָפּהענגיק צי עמיצער איז יאָ אָדער נישט געווען מיט אים מסכים. איער זיין פיל ענינים, בעיקר כלל־זאַכן, האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון אַרגענטינער יידישן ישוב מיט יעקב באָטאָשאַנסקין נישט מסכים געווען, אָבער האָט זיך באַצויגן צו אים מיט פּיעטעט, געהערט זיין וואָרט און געלייענט זיינע שורות, וואָס זענען געווען געשריבן, אָדער גערעדט אין אַ פיינעם געשליפענעם סטיל, דערצו געבויט אויף אינפאָרמאַציעס פון ערשטן קוואַל.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט זיך נישט געפוילט, — כאָטש ער האָט געלעבט

אין אַ טראָפּישן קלימאַט וואָס מאַכט מענטשן פויל — צו פאַרמוטשן דעם קאָפּ אין אַ שווערן רמב״ם, אין אַ שווערן תוספות, אין וועלן פאַרשטיין אַן ענין לויט די ערשטע קוואַלן. געבוי אַזוי האָט ער זיך געקענט איינשפּאַנען אין אַ קולטור־אונטערנעמונג און מיט זיין דינאַמישקייט איינלייגן וועלטן ממש, ביז ער האָט די אונטערנעמונג דורכגעפירט.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט נישט געהאַלטן פון קיין אוממעגלעכקייטן; טאָמער האָט ער עפּעס אונטערגענומען, האָט ער מיט זיין שטאַרקער עקשנות אַכטונג געגעבן און געזאָרגט, אַז דאָס אוממעגלעכע זאָל ווערן מעגלעך.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער מערקווירדיק און אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז הצלחה האָט באַטאָשאַנסקי געהאַט מער צו פאַרצייכענען אויפן ליטעראַרישן שטח ווי אויפן געזעלשאַפטלעכן. פאַרוואָס עס איז אַזוי געווען איז פשוט שווער צו פאַרשטיין. סוף־סוף, אַ מענטש מיט אַ קאָלאָסאַלער ענערגיע, מיט אומגעהויערן ווילן, מיט שטאַרקער עקשנות, באַווירצט נישט מיט ווייניק אַמביציע און דאָך, — מסתמא דערפאַר וואָס באַטאָשאַנסקי האָט געוואָלט זיין ענערגיע טיילן אויף צווייען אָדער גאָר אויף דרייען — און דאָס איז נישט געגאַנגען.

וועגן הערש דוד נאָמבערג האָט באַטאָשאַנסקי אַמאָל געשריבן, אַז דאָס פאַרקאָכן זיך אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט אים אָוועקגעשלעפּט פון דער ליטעראַטור. און יעקב באַטאָשאַנסקי האָט משמעות שטאַרק מורא געהאַט, אַז צוליב דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זאָל ער נישט אָוועקגעשלעפּט ווערן פון דער ליטעראַטור. פון זיך אַליין האָט ביי יעקב באַטאָשאַנסקין גובר געווען דער רצון צו ליטעראַרישער אַרבעט מער ווי צו געזעלשאַפטלעכער, כאָטש דער חשק צו כלל־טעטיקייט איז פון יעקב באַטאָשאַנסקין קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט אין אַרגענטינע, אין דרום־אַמעריקע בכלל פאַר דער יידישער קולטור. ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט יידיש־לשון, איז אַליין געווען אַ שטאַרקע שוצמויער פאַר יידיש און צוליב יידיש האָט ער זיך נישט געוואַקלט אויף אַ מינוט זיך איינצורייסן מיט זיינע אידעען־חברים פון ציוניסטישן אַרבעטער־לאַגער.

מיט אַ מאָל, ווי אַ שטורעם, האָט זיך יעקב באַטאָשאַנסקי געטראָגן פון פּלאַץ צו פּלאַץ, געהאַלטן רעדעס און געשריבן אַרטיקלען קעגן העברעיזירן דעם גלות. זיין צונג האָט זיך געוויקט אין היציקער פּאָלעמיק, זיין פּעדער האָט ער געטונקען אין ביטערער סאַטירע און מיט אַ מאָל האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט און באַטאָשאַנסקי האָט אָוועקגעלייגט אויף אַ קורצער וויילע די כלי־זיין פון אויפברויז, ביז ער האָט ווידער אויפגעברויזט.

***

מיט יעקב באָטאָשאַנסקין האָב איך זיך באַגעגנט ביי פיל געלעגנהייטן און פיל פלעצער, נעמלעך: אין אַרגענטינע, אין בראַזיל, אין אורוגוויי, אין מדינת ישראל און אין צפון־אַמעריקע.

אין ישראל האָב איך אים געטראָפן נאָך אין צייט פון קריג מיט די אַראַ־בער, אין פרילינג פון יאָר 1949. ער האָט שוין דאַן צום צווייטן מאָל באַ־זוכט די יידישע מדינה; דאָס ערשטע מאָל איז ער געווען ביי דער פּראָקלאַ־מירונג פון שטאַט. זיין פען האָט איינגעזאַפּט אַלע זיינע איינדרוקן און אי־בער לעבונגען. די איינדרוקן האָט ער אָפּגעשפּיגלט אין צוויי ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. צום צווייטן מאָל איז ער געקומען נאָך די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, ווען ישראל האָט שוין געהאַט אַ געוויילטע דורך דער כנסת רעגירונג. יעקב באָטאָשאַנסקי האָט דאַן אינטערוויוירט ישראל־מיניסטאָרן און מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַ קורצע צייט דערביי, ווען ער האָט גע־רעדט מיט ר׳ איטשע־מאיר לעווין, דעמאָלטיקער מיניסטער אין מיניסטאָרן־קאַבינעט פון פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון.

יעקב באָטאָשאַנסקיס געווינלעך דיקלעכע שטימע האָט זיך עפּעס דאַן גע־וועקסלט צו אַ קול דממה דקה; דאָס איז געקומען פון זיין פּיעטעט, פון זיין דרך־ארץ וואָס ער האָט געטראָגן פאַר יידן לומדים בכלל. אין פאַל פון ר׳ איטשע־מאיר לעווין, וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט שטאַרק ליב געהאַט. (ר׳ איטשע־מאיר לעווין שמט פאַר זייער אַ קלוגן יידן). און אין צוגאָב צו לומ־דות און פּקחות פון ר׳ איטשע־מאיר לעווינען איז אויך געשטאַנען דערביי מלכות, — ר׳ איטשע־מאיר לעווין איז אַ מיטגליד פון מיניסטאָרן־קאַבינעט פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה.

אין בראַזיל האָב איך געהאַט דעם כבוד יעקב באָטאָשאַנסקין צו באַגריסן פון דער טריבונע ביי אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג מיט ר׳ זלמן שזר, אַלס גאַסטרעדנער. געווען איז דאָס אין סאַן־פּאַולאָ אין זומער פון 1952; ר׳ זלמן שזר, היינטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, איז דאַן געקומען קיין בראַ־זיל צו דער דערעפענונג פון קרן היסוד־קאַמפּיין. די לייטונג פון קרן־היסוד און די לייטונג פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע האָבן מיר דאַן צו־געטיילט דעם כבוד פאַרצושטעלן פאַרן עולם דעם חשובן גאַסט — ר׳ זלמן שזר. אין מיטן פון מיין ריידן האָב איך באַמערקט, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי איז אַריינגעקומען אין זאַל. כ׳האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָב אים באַגריסט. ער האָט דאָס תמיד געדענקט.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז געווען אַ קאַפּיטשקע שאַרסטקע אין זיין באַציונג צו מענטשן. ביי דעם ערשטן שלום־עליכם האָט מען עס געפילט, אָבער אין

תוך איז ער געווען אַ גוטער מענטש, ער האָט ליב געהאַט סביבה, צו זיין צווישן מענטשן, ער האָט אָבער שטאַרק פיינט געהאַט, ממש בתכלית הנאה, ווען מען האָט אים חלילה פאַרזען.

אין זעלבן יאָר 1952, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין מאָנטעווידעאָ. יוסף אָפּאַטאָשו ע״ה, איז דאַן געווען אויף אַ ציקל לעקציעס אין דרום־אַמעריקע. די רעדאַקציע פון מאָנטעווידעער „פאָלקס־בלאַט״ (עקסיסטירט לײדער מער נישט), האָט לכבוד דעם חשובן גאַסט אָפּאַטאָשו איינגעאָרדנט אַ מיטיק און פאַרבעטן יעקב באַטאַשאַנסקין, מאַרק טורקאָוון און דעם שרייבער פון די שו־רות. אין זכרון איז פאַרבליבן, וויביידע: יוסף אָפּאַטאָשו און יעקב באַטאַ־שאַנסקי האָבן געשפּרודלט מיט חכמה. שפּעטער האָט מיר יוסף אָפּאַטאָשו ז״ל אין ניו־יאָרק, דערמאָנט אין יענעם מיטיק אין מאָנטעווידעאָ.

אין די לעצטע 10 יאָר, ביי יעדן באַזוך זיינעם אין ניו־יאָרק, האָבן מיר זיך באַגעגנט, און ווי ס׳איז שוין געווען אונדזער שטייגער, געשמועסט וועגן ענינים פון געמיינזאַמען אינטערעס.

בעת אונדזערע צוזאַמענטרעפן, אָבער בעת איך האָב אים אָבסערווירט פון דער ווייטנס, האָט זיך מיר תמיד אויסגעוויזן, אַז זיין געמיט־צושטאַנד, אַז זיין מצב־רוח איז נישט געווען ווי צום בעסטן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן תמיד, אַז יעקב באַטאַשאַנסקיס געזיכט איז באַדעקט מיט שקיעה־קנייטשן, עפּעס האָט אים גענאַגט ביים האַרצן, פון עפּעס איז ער געווען נישט צופרידן. ביי עפנטלעכע אויפטריטן און אויך אין קלענערע מסיבות איז באַטאַשאַנסקי געווען דער מאַגער, דער תובע. ער האָט געמאָנט אַקציע פאַר יידיש, ער האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, אָבער צי איז דאָס אַליין געווען די סיבה פון זיין אומצופרידנקייט? מיר פלעגט זיך אויסווייזן, אַז נאָך עפּעס האָט אים געצוקט ביים האַרצן און פאַרלאַנגזאַמט ביי אים די בלוט־צירקולאַציע. דער נאָך עפּעס איז אָבער פאַרבליבן אַ סוד, וואָס ער האָט מיטגענומען אין קבר אַריין.

* * *

וועגן הערש דוד נאָמבערגן האָט יעקב באַטאַשאַנסקי געשריבן אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג, אַז נאָמבערג האָט זיינע העלדן געוויזן ווי אַזעלכע, וואָס קענען נישט אָנפילן דאָס האַרץ און זעטיקן דעם גייסט. ווער ווייסט, ס׳קען גרייליך זיין, אַז יעקב באַטאַשאַנסקי האָט זיך אַליין געזען אַלס איינעם פון די העלדן, וואָס קענען נישט אָנפילן דאָס האַרץ און זעטיקן דעם גייסט און פון דעם זאָל שטאַמען די שטענדיקע אומצופרידנקייט זיינע, וואָס האָט

אים באַגלייט אויף זיין וועג פון איבער 50 יאָר ליטעראַריש־געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט.

יעקב באָטאָשאַנסקיס האַרץ האָט געבענקט נאָך יידן און יידישקייט. דער אַרגענטינער יידישער ישוב, ווי צאַפּלדיק, ווי פּאָלקסטימלעך ער איז, איז ער אָבער אַלץ געווען ווייניק פאַרן דורשטיקן, פאַרן הונגעריקן יעקב באָטאָשאַנ־סקי. פלעגט ער זיך דעריבער אָפּרייסן פון זיין שרייבטיש און זיך אַרויסלאָזן אויף נסיעות און געפאָרן איז ער צו יידן אין דער פרייער וועלט. ער איז גע־ווען אַן אָפטער גאַסט אין צפון־אַמעריקע, דער גרעסטער יידישער ישוב אויף דער וועלט, כן ירבו.

אָבער אויך אין צפון־אַמעריקע, אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע פון יידישן לעבן, האָט יעקב באָטאָשאַנסקי משמעות נישט געקענט זעטיקן זיין גייסט און נישט אָנפילן זיין האַרץ. ער פלעגט אָפט באַזוכן ישראל און אויך דאָרט, אין צוגאָב צום נחת פון דער גרויסער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פון דער יידישער מדינה, וואָס ער האָט נאָטירט פון באַזוך צו באַזוך, האָט אָבער ביי אים זיך געקנייטשט דאָס האַרץ אַרום דעם גורל פון יידיש.

אומעטום, אומעטום, אין צפון און אין דרום־אַמעריקע, איז יעקב באָטאָ־שאַנסקי געפייניקט געוואָרן פון פאַקט וואָס ער האָט געמערקט, אַז דער אָטעם פון יידיש שטיקט זיך און אַז עס לעשן זיך די פונקען פון יידישקייט.

דאָס האָט באַדעקט באָטאָשאַנסקיס פאַרכמורעט געזיכט מיט קנייטשן פון טרויער. אָנשטאָט צו קענען זעטיקן זיין גייסט, איז ביי אים געוואַקסן דער ווייטיק און דאָס האָט אים מקצר שנים געווען.

אַ קאַלירפולער ייד, מענטש, שריפטשטעלער און זשורנאַליסט איז יעקב באָטאָשאַנסקי געווען.

זיין שטול בלייבט ליידיק!

הרב משה דוד שיף — יאָהאַנעסבורג

יעקבס ליטעראַרישער לייטער

דער ליטעראַרישער לייטער פון יעקב באָטאָשאַנסקי ע״ה איז נישט קיין חלום נאָר אַ ממש — אויף אים גייען נישט קיין מלאכים נאָר מענטשן, פשוטע בשר ודמס. און הגם דער לייטער שטייט אויף דער ערד, אויף רעאַליטעט און ווירקלעכקייט, דערגרייכן טייל מאָל זיינע שפּיצן ביזן הימל. אמת, אַז אויף

דעם דאָזיקן לייטער גייט דער המון, עמך און פאַלקסמענטש, צוליב דעם טאָ־קע האָט יעקב באָטאָשאַנסקי דאָס רוב געשריבן און גערעדט על פי פשט. אָבער פון צייט צו צייט פלעגן זיינע געדאַנקען באַפליגלט ווערן מיט מלאכים־פליגל און דערהויבן דעם לייענער און צוהערער ביז הימלשע הייכן. איך גלויב, אַז די יאָהאַנעסבורגער יידן וואָסריידן און לייענען יידיש, האָבן דער־זען אין זייער ריכטיקער גרויס די „שטערן אויפן דאַך" פון איציק מאַנגער — וועלכער איז בלי כל ספק איינער פון די גרעסטע יידישע דיכטער אין אונדזער דור נאָך לייוויקן — נאָך דעם ווי זיי האָבן געהערט יעקב באָטאָ־שאַנסקין, ווי אַזוי ער האָט אויסגעטייטשט בלויז איין באַלאַדע פון דיכטער: דאָרט ווערט געשילדערט, ווי אַ פאַרצווייפלטע הונגעריקע אלמנה שטרעקט אויס אירע הענט צו דער לבנה, מיינענדיק אַז דאָס איז אַ ברויט, און ווען די לבנה זעט דעם צער פון דער אָרעמער פרוי, וויסנדיק אַז זי קען איר נישט העלפן, באַגייט זי זעלבסטמאָרד און וואַרפט זיך אין וואַסער אַריין.

דער ליטעראַרישער לייטער פון יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה האָט אויך גאָלדענע שטאַפּלען, אויף וועלכע עס גייען פּרינצן און פּרינצעסינס פון דער יידישער ליטעראַטור (זיין לעצט ווערק: די פּרינצעסין פון דרום־אַמעריקע). איך בין זיך מודה ומתוודה אַז איך בין נישט געווען צו שטאַרק איבעראַשט לייענענדיק די תהילות ותשבחות, וואָס די גרעסטע יידישע שרייבער און פּאָ־עטן האָבן אים געזונגען צו זיין זעכציק יאָריקן יובילײ, מחמת מיר איז נישט באַקאַנט קיין צו פיל יידישע זשורנאַליסטן אָדער שרייבער, וואָס זענען געווען אַזוי שרייבעריש אַקטיוו און פּילפּאַרביק ווי ער.

קרוב פערציק יאָר האָט ער רעדאַגירט „די פּרעסע" אַלס מיט־רעדאַק־טאָר און הויפּט־רעדאַקטאָר. כמעט יעדן טאָג האָט ער געשריבן אויף אַנדערע טעמעס און אין פאַרשידענע זשאַנערס, ווי פּובליציסטיק, קריטיק, רייזע־איינדרוקן, פעליעטאָנען, הומאָר, סאַטירע און פון צייט צו צייט — אויך בעלעטריסטיק, און ער האָט זיך כמעט קיין מאָל נישט איבערגעחזרט. אַ חוץ דעם איז ער דער מחבר פון פופצן ביכער, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיכער אַ וואָגיקן ליטעראַרישן ווערט. ער איז אויך געווען טעטיק אין פאַרשידענע שרייבערישע אינסטיטוציעס, ווי פּרעזידענט פון ליטעראַטן־פאַראיין א"נ פון ה. ד. נאָמבערג אין אַרגענטינע; דעלעגאַט צום אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון „פּען־קלוב", פאַרזיצער פון מערערע ליטעראַרישע קרייזן א"אַ.

דער ליטעראַרישער לייטער פון יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה האָט זיינע בראשית־מדרגות נאָך פון דער אַלטער היים יידישלאַנד, ווו יידיש איז געווען הייליק און טייער, מחמת דעם האָט באָטאָשאַנסקי געקעמפט ווי אַ לייב פאַר

יידיש־לשון און עס פלעגט פירן צו פריוואַטע און עפנטלעכע דיסקוסיעס מיט געוויסע שליחים, עמיסאַרן און רעפּרעזענטאַנטן פון מדינת ישראל, וואָס זע־נען געקומען קיין אַרגענטינע אַלס אָפיציעלע געסט פון ישוב. זיי האָבן גע־וואָלט באַזייטיקן די לימודים פון יידיש לשון אין די שולעס. אין איינעם פון די בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון באָטאָשאַנסקין איידער ער איז געקומען קיין דרום־אַפריקע, דערמאָנט ער אַ נאָמען פון אַ שליח וואָס האָט אים פאַר־מסרט ביים קאָנסול צוליב אַ סיכסוך וועגן יידיש. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין יאָהאַנעסבורג האָט ער מיר בעל־פה פאַרטרויט, אַז דער דערמאָנטער שליח האָט געפאָדערט אַז אַלע יידישע לימודים אין די שולעס זאָלן זיין רק אין העברעיש. ער האָט עס מאָטיווירט מיט דעם, אַז יידיש גייט אונטער ר״ל. באָטאָשאַנסקי האָט נישט מסכים געווען מיט דער הנחה און האָט פאַרלאַנגט, אַז לכל הפחות פּונקט פּראָצענט לימודים זאָלן געלערנט ווערן אין דעם לשון פון די קדושים — אין יידיש. לסוף האָט באָטאָשאַנסקי אויס־געפירט, מחמת ער האָט געהאַט אַ דעה און איז אויך געווען גערעכט. דער שליח האָט זיך דערפאַר נוקם געווען און אָנגעשריבן אַ „ידידי בריוועלע״ צו אַ גרויסן קאָנסול, אַז מען זאָל באָטאָשאַנסקין נישט געבן קיין וויזע. דאָס איז די סיבה, פאַר וואָס באָטאָשאַנסקי איז נישט געקומען קיין דרום־אַפריקע מיט זעקס יאָר צוריק, ווען די יידישע קולטור־פעדעראַציע האָט אים איינ־געלאַדן צו קומען אויף אַ סעריע לעקציעס.

**
*

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געטראָפן באָטאָשאַנסקין מיט 16 יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט געקומען קיין אַרגענטינע אין אַ ספּעציעלער מיסיע און באָ־טאָשאַנסקי האָט זיך אָקאָרשט געהאַט צוריקגעקערט פון אַ טריומף־רייזע פון ישראל, ווו ער איז געווען איינגעלאַדן ווי דער אָפיציעלער גאַסט פון דער ציטווייליקער רעגירונג ביי דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה. ביי דער באַגעגעניש איז אויך בייגעווען מיין פריינד הרב אהרן מילעווסקי, הויפּט־רב פון אורוגווייַ, וואָס האָט מיך באַקענט מיט באָטאָשאַנסקין. ווען באָטאָ־שאַנסקי האָט זיך באַטייליקט אין אונדזער געשפּרעך האָט ער אָנגעהויבן שפּרודלען מיט חכמה און פיקחות, יעדעס וואָרט — גאָלד, און יעדער זאַץ — אַ שנירל פּערל, און כ'האָב זיך פּשוט פאַרליבט אין אים...

ווען יעקב באָטאָשאַנסקי איז געקומען קיין דרום־אַפריקע, האָט ער גע־זאָגט מיט לשון פון פּסוק: מה נורא המקום הזה — ווי מוראדיק איז דער דאָ־זיקער אָרט! און נישט דערפאַר ווייל ער איז אָקאָרשט געהאַט געקומען פון

די אַפריקאַנער מדבריות צו אַן אָאַזיס, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט דאָ געטראָפן צווישן די יידיש-ריידנדיקע אַ גרעסערע צאָל אינטעלעקטואַלן און קולטור-מענטשן. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פון דאָנען געשיקט צו „די פרעסע" קיין אַרגענטינע, שרייבט ער: „צו האַלטן אַ לעקציע אין יאָהאַנעסבורג מוז מען זיך גוט אונטערגאַרטלען". ער האָט פשוט מורא געהאַט אַז ער וועט אין דרום-אַפריקע נישט מצליח זיין. מער ווי איין מאָל האָב איך געהערט פון זיין מויל: „איך האָב מורא אַז איך בלייב אַן אַפריקאַנער..." מעגלעך, אַז דער פחד און די מורא האָבן צוגעאיילט זיין פטירה, ווער ווייסט?...

יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה איז שוין מער נישטאָ, אָבער זיין ליטעראַרישער לייטער וועט בלייבן לדורות און טויזנטער יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן נאָך אויף אים גיין.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

הערש שישלער — יאָהאַנעסבורג

די לעצטע שעהן מיט יעקב באָטאָשאַנסקי ע"ה

ביי זיין קראַנקן-בעט און ביי זיין ארון

יאָרן-לאַנג האָט יעקב באָטאָשאַנסקי, דער רעדאַקטאָר פון „די פרעסע" אין בוענאָס-איירעס, געהאַט אַ גרויסן באַגער און ווילן צו קומען אין דרום-אַפריקע. ווי אַ יידישער שרייבער, אוהב-יידיש און קולטור-טוער, האָט ער שטאַרק געוואָלט זיך באַקענען מיטן אַפריקאַנער יידישן ישוב, מיט די ליטווישע יידן און מיטן יידישן לעבן ביי אונדז.

מיט אַן ערך 10 יאָר צוריק האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געשריבן מיר, אַז ער קומט צו פליען קיין דרום-אַפריקע און אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן מיר זיך זען. צו יענער צייט האָב איך אָפּגעדרוקט אין דער „אַפריקאַנער יידישע צייטונג" אַ גרעסערן אַרטיקל לכבוד זיין קומען אין לאַנד. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיר י. באָטאָשאַנסקי געשריבן אַ בריוו, אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט די וויזע אַריינצוקומען אין דרום-אַפריקע.

צו יענער צייט האָט דאָ געוויילט בנציון וויטלער מיט זיין טעאַטער-טרופּע, און וועלכער עס איז אויך געווען מרים לערער — באָטאָשאַנסקיס

פּרוי. איך, מרים לערער און ז. ליווי פון דער קולטור־פעדעראַציע, זענען געפאָרן אין דער קאַפּיטאַל־שטאָט פּרעטאָריע, כדי אייסצווירקן אַ דערלויבעניש פאַר באַטאַשאַנסקיס אַריינקומען אין לאַנד. נאָך אַלע באַמיִונגען אונדזערע, איז דאָס אָבער דעמאָלט אונדז נישט געלונגען.

עס האָט אים גענומען העכער 10 יאָר צו קומען אין דרום־אַפריקע, אָבער ער איז זייער צופרידן געווען וואָס ער איז פאָרט געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט פיל שרייבן וועגן דעם אַפריקאַנער לאַנד, פון וועלכן ער איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן. ער וועט שרייבן וועגן די ליבע יידן, וועגן יידישן לעבן, וועגן די יידישע פערזענלעכקייטן מיט וועלכע ער האָט זיך שוין באַגעגנט און וועט נאָך באַגעגענען — ער וועט אָנשרייבן אַ בוך, ווי זיין חזקה איז, ווען ער באַזוכט אַ לאַנד.

און טאַקע באַלד האָט יעקב באַטאַשאַנסקי זיך מיטן גרעסטן אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין זיין שרייבערישער מלאכה. ער האָט פיל געשריבן, געשריבן פאַר היגע צייטונגען, געשריבן פאַר זיין צייטונג „די פּרעסע" אין בוענאָס־איירעס און אויך פאַר פיל אַנדערע צייטונגען אין דער וועלט. ער האָט געזאָגט אַז ווען ער וועט אַהיים קומען, וועט ער האָבן פיל צו דערציילן און אַ סך צו שרייבן וועגן זיין רייזע אין דרום־אַפריקע.

ווען איך האָב געפרעגט באַטאַשאַנסקין, ווי אים געפעלט דאָ און ווי מען באַהאַנדלט אים, האָט ער מיר גוטמוטיק געענטפערט, אַז ער איז זייער צופרידן פון זיין באַזוך, אים געפעלט דאָס לאַנד, די היגע יידן, די שיינע יידישע אינסטיטוציעס און באַזונדערס די פיינע באַציִונג צו אים, וואָס ער שאַצט הויך אָפּ.

אין דער צווישנצייט פון זיינע אויפטריטן, באַגעגענישן מיט קולטור־מענטשן און יידישע שרייבער, מסיבות, צוזאַמענקומען, האָט ער אָבער נישט פאַרפעלט יעדן טאָג צו שרייבן. מיט ענטוזיאַזם האָט ער שוין־לאַנג געשריבן וועגן דרום־אַפריקע, וועגן זיינע באַגעגענישן און שמועסן מיט יידישע פערזענלעכקייטן און מיט די אַלע, מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט. יומם ולילה איז ער געווען פאַרטאָן אין שרייבן. ווען איך פלעג אים אָנקלינגען און פרעגן וואָס ער מאַכט, האָט מיר באַטאַשאַנסקי געענטפערט: — מען שרייבט.

דער פינצטערער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש און האָט צעשטערט אַלע זיינע שיינע געדאַנקען און פּלענער. יעקב באַטאַשאַנסקי איז פּלוצים קראַנק געוואָרן, ער האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע, ער איז גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין יאָהאַנעסבורגער שטאָטישן שפּיטאָל. עס האָט נישט געדויערט

לענגער פון צוויי טעג, ווי עס איז אויסגעגאַנגען די לויטערע נשמה פון דער ברויזנדיקער און פיל־פאַרביקער פערזענלעכקייט — פון איינעם פון די בעס־טע יידישע שרייבער, עסייאיסטן און קריטיקער — יעקב באַטאַשאַנסקי.

**
*

אַט ערשט, האָב איך אים געזען, געזעסן ביי זיין בעט אין שפּיטאָל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פיל צער דערפון, וואָס ער קען נישט האָבן זיין רעפּעראַט אויף דער טעמע: „דאָס פינטעלע ייד — ה. לייוויק", וואָס איז גע־ווען באַשטימט אויף דעם אָוונט, דעם קריטישן אָוונט זיינעם. באַטאַשאַנסקי האָט דערפון זיך מצער געווען. ער האָט געזאָלט מיט אייניקע טעג שפּעטער פאָרן קיין קייפּטאָון, געבן דאָרטן אייניקע רעפעראַטן. ער האָט אויך געזאָלט זיין אין אַנדערע שטעט דאָ, אָבער אַלץ איז פּלוצים גרויזאַם צעשטערט גע־וואָרן.

איך בין געזעסן אין שפּיטאָל לעבן י. באַטאַשאַנסקיס בעט. ס'איז געווען שפּעטער בין־השמשות, און ריידנדיק מיט אים האָב איך אים געפרעגט, צי ער וויל איך זאָל עפּעס פאַר אים טאָן. אפשר אַהיים שרייבן אַ בריוו, אָדער שרייבן צו די קאָלעגן אין „די פּרעסע", אַז ער איז נישט געזונט. האָט באַ־טאַשאַנסקי צו מיר שטיל געזאָגט:

— שישלער, טו דאָס נישט, זיי וועלן זיך איבערשרעקן און איבער־קלערן, ווען זיי וועלן נישט זען מיין האַנטשריפט. איך וועל מאָרגן אַליין שרייבן.

ליידער איז דער מאָרגן שוין נישט געווען באַטאַשאַנסקיס, ס'איז געווען אַ פינצטערער מאָרגן מיט אַ פינצטערן טאָג, וואָס האָט מיט אַ גרויסן טרויער זיך צעלייגט אויף די געמיטער פון די, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אים.

יעקב באַטאַשאַנסקי האָט זיך גענומען פילן שלעכט שבת און שוין מאָנ־טיק אָוונט איז ער אַוועק פון דער וועלט.

ווען איך בין געזעסן ביי זיין בעט, האָט ער פאַר מיר זיך געקלאָגט, אָנ־ווייזנדיק אויפן האַרץ, אַז עס טוט אים שטאַרק וויי. ווען איך האָב אים פאַר־זיכטיק געפרעגט צי ער האָט אַ מאָל געליטן אויפן האַרץ, האָט ער מיר מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אומעטיק געזאָגט: ס'איז שוין צום דריטן מאָל, צוויי מאָל פריער געהאַט האַרץ־אַטאַקעס.

דאָ האָב איך זיך דערפילט שטאַרק דערקלעמט, אָבער איך האָב דאָס

פאַרבאַהאַלטן און באַטאַשאַנסקין געטרייסט, אַז ער וועט בקרוב ווידער גע־זונט ווערן און וועט מהנה זיין אַפריקאַנער יידן און יידן אין דער וועלט מיט זיין גערעדטן און געשריבענעם יידישן וואָרט. באַטאַשאַנסקי האָט ווי רעזיג־נירט שטיל און קורץ געענטפערט: — הלוואי. נאָך אַ שטיקל הפסקה, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער דאָקטער האָט אים פאַראָרדנט ליגן דריי וואָכן אין בעט, „אָבער כ׳האָב מורא, — האָט ער שטיל גערעדט, — אַז איך וועל ליגן לענגער".

ליגנדיק לעבן באַטאַשאַנסקין און האַלטנדיק זיין האַנט אין מיינער, האָב איך געפילט אַ שטאַרקע היץ, ווי איך וואָלט געהאַלטן אַ שטיק פייער. זיין פּנים איז געווען צעפלאַמט, ער האָט געהאַלטן אין איין אָפדעקן זיך און צו מיר געזאָגט: — ס׳איז הייס. ס׳איז גראָד נישט געווען קיין הייסער טאָג, אין דרויסן האָט געפּלוכעט אַ שטאַרקער רעגן באַגלייט מיט דונערן און בליצן. מיך האָט געשוידערט פון קעלט און פון צוגעזעענעם פּיין פון אַ קאָלעגע, פון אַ לאַנג־יאָריקן גוטן פריינט.

דער זאַל אין דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע איז געווען האַלב טונקל באַלויכטן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. פיל פון די קראַנקע האָבן מיט זייערע האַלב אויס־געלאָשענע בליקן געקוקט אין אונדזער זייט. איך בין דעמאָלט געווען דער איינציקער וואָס איז געזעסן לעבן באַטאַשאַנסקיס קראַנקן־בעט און אָן אַ שיעור טרויעריקע געדאַנקען זענען מיר אַדורכגעלאָפן און אין מיר האָט זיך געריסן אַ שטיל געבעט פאַרן געזונט און לעבן פון אַ יידישן שרייבער, וואָס איז געקומען פון אַ ווייט לאַנד, אָפּגעריסן פון זיינע נאָענטע, פון זיין שעפע־רישער היים און משפחה.

**
*

לאַנגע יאָרן האָט ער געבענקט צו קומען אין דרום־אַפריקע, געבענקט צו באַקענען דאָס יידישע לעבן פון דעם לאַנד. זיין טרוים און ווונטש איז אים ביים סוף פון זיין לעבן פאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער ווער האָט זיך עס גע־ריכט, אַז אין מיטן פון זיין הייליקער און וויכטיקער שריפטשטעלערישער אַרבעט, זאָל אומגעריכט און פּלוצלינג קומען דער סוף?

און אָט האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער יידישער עולם אויפן יאָהאַנעס־בירגער בית־עלמין. עס זענען געקומען שרייבער, רעדאַקטאָרן און יידישע קולטור־מענטשן אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ גרויסן יידישן שרייבער, וואָס איז געפאַלן אין מיטן פון זיין קולטורעלער שליחות.

ז כ ר ו נ ו   ל ב ר כ ה

מיט גרויס כבוד האָט מען יעקב באָטאָשאַנסקין אויפגענומען ביי זיין קומען אין לאַנד און מיטן טיפסטן באַדויער, טרויער און צער האָט מען אים באַגלייט צו זיין לעצטן וועג. ער איז געשטאָרבן מאָנטיק דעם 26סטן אָקטאָבער ה״י, אַ פערטל צו ניין אין אָוונט, אין יאָהאַנעסבורגער שפּיטאָל.

יהו זכרו ברוך, כבוד זיין אָנדענק.

ל. מיטעלמאַן

צום סיום פון דער דאָזיקער אויסגאַבע

זאָל דאָס טאַקע אמת זיין אַז ווען איך שרייב אָט די שורות איז שוין יעקב באָטאָשאַנסקי נישטאָ צווישן אונדז? איז עס טאַקע אמת אַז ס'איז שוין אַוועק מער ווי דריי יאָר אָן זיינעם אַ שאַרפזיניקן אַרטיקל וואָס איז געווען באַפּעפערט און באַזאַלצן און שפּעטער קאָמענטירט געוואָרן? איך ווייס נישט צי אַלע האָבן אַזוי געפילט און באַדויערט זיין טויט ווי איך.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט די לעצטע יאָרן שווער געהערט, אָבער זעלטן עפּעס פאַרהערט. ר'האָט געהאַט אַ מין 6טן חוש, וואָס האָט געדעקט זיין דעפיציט אין הערן.

כ'האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זכות און כבוד צו זיין באָטאָשאַנסקיס אַ נאָענטער, און לעבן אים האָב איך זייער אַ סך געלערנט היי אַזוי צו פירן מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. כמעט יעדן טאָג פלעגן מיר זיך זען און אַ קאַוועלע טרינקען. און גאַנץ אָפט פלעגט ער אַריינקומען צו מיר אין שטוב און איך צו אים, מערסטן טייל אויף יום־טובים און אַ סך מאָל סתם זיך אַ ביסל אַראָפּריידן פון האַרצן.

שטענדיק וועט בלייבן אין מיין זכרון ווען ער האָט באַשיינט דעם ברית פון מיין ערשטן געבוירענעם אייניקל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ שטרענג טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער שטוב ביי מיינע חשובע מחותנים, די פאַמיליע גיטער. און מערקווירדיק ווי באָטאָשאַנסקי האָט גלייך געפונען קאָנטאַקט אַזוי גוט מיט די כלי־קודש ווי מיטן יונגן דור. אַלע האָבן זיך צו אים צוגעהערט. עפּעס האָט ער אין זיך פאַרמאָגט וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט, ווער שמועסט נאָך ווען ער האָט באַקומען שטימונג און פאַרמאַכט, ווי זיין שטייגער, די טיף שוואַרצע פינקלדיקע אויגן און פאַרצויגן אַ זמרל? מען פלעגט דאַן מיטגעריסן ווערן פון זיין מנגנישקייט, פון זיין דבקות, איך וואָלט געזאָגט, פון זיין חסידישן טעמפּעראַמענט, פון זיין התלהבות.

ער האָט געוווּסט און געקענט זייער פֿיל פֿון פֿאַרשיידענע געביטן נישט סתם אַ לעק־אַ־שמעק, נאָר אַ סך מערער, און דערפֿאַר האָב איך אים געהאַלטן פֿאַר מײַנעם אַ רבין. שטענדיק האָט מיך געוווּנדערט: ווי נעמט ער צײַט פֿאַר אַזוי פֿיל אַרבעטן. ווײַסט איר אַז באַטאָשאַנסקי האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן כוח צו באַהערשן די צײַט און נישט געלאָזט אַז די צײַט זאָל אים באַהערשן. מיט די אַלע אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפֿטן איז פֿאַר מיר אַ זכות און אַ גרויסער כבוד, אפֿשר פֿון די דערהויבנסטע מאָמענטן פֿון מײַן געזעלשאַפֿטלעכע אַקטואַציע צו אָנרעגן אַלס פּרעזידענט פֿון אַ ייִדישער קאָאָפּעראַטיווע די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַלע קולטורעל ליטעראַרישע איניציאַטיוועס אַרויסצוגעבן אַ בוך באַטאָשאַנסקיס שריפֿטן.

איך זע אין דער דאָזיקער איניציאַטיווע אַ דערגרייכונג אויך פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿאַר די נײַע דורות, באַטאָשאַנסקיס געדאַנקען־גאַנג איז בלי שום ספֿק אַ קוואַל פֿון אינספּיראַציע פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן ווי פֿאַר דער ייִדישער אינטעליגענץ.

באַטאָשאַנסקי, אַלס אָנערקענטער פּען־מענטש און גײַסטיקער ריז פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק, וועט דער דאָזיקער בוך זיכער זײַן אַ ווערדיקער עפּילאָג פֿון זײַן גרויסקייט און שעפֿערישקייט. דער בוך אַנטהאַלט מאַטעריאַלן פֿון גרויסן ווערט און אינהאַלט וואָס וועלן זיכער באַצויבערן און פֿאַרכאַפּן די גרויסע לייענער־מאַסע בכלל און די קריטיק בפֿרט. דערפֿאַר האָט די קאָאָפּעראַטיווע „לאַוואַזשעכאַ" און די חברים פֿונעם דירעקטאָריום דאָס אַלץ אָפּגעשאַצט און טראָגן אונטער די ייִדישע קולטור־וועלט אַזאַ גײַסטיקע מתנה.

אונדזער קרעדיט־אַנשטאַלט, געשאַפֿן מיט איבער 25 יאָר צוריק דורך פֿאָלקסמענטשן און דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע עטאַפּן, איז נישט נאָר בלויז טעטיק אויפֿן פֿינאַנציעלן געביט, נאָר גאַנץ באַזונדערס אויפֿן קולטורעלן, געזעלשאַפֿטלעכן און נאַציאָנאַלן געביט. מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט מוז איך אָבער קאָנסטאַטירן, אַז „לאַוואַזשעכאַ" האָט אַן אייגענעם נוסח אינערהאַלב דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג. די אָנפֿירער פֿון „לאַוואַזשעכאַ", אויסגעפּרוּווטע כּלל־טוערס מיט אַ לאַנג־יאָריקער געזעלשאַפֿטלעכער אַקטואַציע הינטער זיך, האָבן דאָס אַלץ גוט אָפּגעשאַצט מיט אַרויסברענגען דעם

דאָזיקן וויכטיקן בוך. דאָס שאַפן אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט טויזנטער ביכער אין דער אַקטן־זאַל, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען יעקב באָטאָשאַנסקי, און אַזוי אַרום פאַראייביקן דעם גדול־הסופרים, ווי מען האָט אים אַזוי טרעפלעך באַטיטלט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

דער זאַל און ביבליאָטעק „יעקב באָטאָשאַנסקי" וועט זיין דער קולטורעלער אַדרעס פאַרן יידישן בוענאָס־איירעס. אין אונדזער קאָאָפּעראַטיווע, האָבן מיר דורכגעפירט פאַרשיידענע אַקטן און פייערונגען וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטורעלע געשעענישן. אין נעם באָטאָשאַנסקי־זאַל האָבן מיר אויפגענומען צענטראַלע פערזענלעכקייטן און שרייבער־געסט און קינסטלער, וואָס זענען געווען אַ גייסטיקער נחת פאַר אַלעמען. מיר האָפן ווייטער גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, אין דער זיכערקייט, אַז אַלס קאָאָפּעראַטיוויסטן און נאַציאָנאַלע יידן טראָגן מיר אונטער דעם בעסטן ביישטייער פאַרן קיום און המשך פון אונדזער יידיש לעבן.

Se acabó de imprimir
el día 3 de noviembre de 1967 en los
Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L.,
Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires

Hecho el depósito que
marca la Ley Nº 11.723

IMPRESO EN LA ARGENTINA

JACOBO BOTOSCHANSKY

Ensayos e Impresiones de Viaje

Editado por el Directorio de la
COOPERATIVA POPULAR DE
CREDITO LIMITADA "LAVALLEJA"

Buenos Aires 1 9 6 7